STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01347

BLETLEKH FUN A TOG-BUKH

Hayim Greenberg

Permanent preservation of this book was made possible
by Elliot Gould

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים גרינבערג

בלעטלעך פון אַ טאָג־בוך

פאַרלאַג
פועלי ציון־התאחדות

בוענאָס־איירעס 1962 — ה׳תשכ״ב

דאָס דאָזיקע בוך איז דערשינען
מיט דער מיטהילף פון די פריינט

אריה לעאָן פרידמאַן און פרוי שרה
מאָסקיווקער דע פרידמאַן

וועלכע דער פאַרלאַג דריקט אויס
אַ האַרציקן דאַנק.

„גלות־ייִד״

> “Два достоянья дала мне судьба:
> Жажду свободы и долю раба”.
>
> ש. פרוג

אין דעם „זשאַרגאָן״, אויף וועלכן איך האָב זיך געכאָוועט אין מײַנע ייִנגלשע יאָרן, איז „גלות״ געווען אַ מין אומגליקלעכער „אַקצידענט״. אמת, דאָס איז אַן „אַקצידענט״ וואָס דויערט שוין צוויי טויזנט יאָר, אַ פּעריאָד וואָס איז געננוג פֿאַר אַ גרויסער ציוויליזאַציע געבוירן צו ווערן, זיך צו אַנטוויקלען ביז צו איר העכסטער מדרגה און פֿאַרשווינדן פֿון דער וועלט, אָבער דאָך אַן „אַקצידענט״. איז „גלות־ייִד״ געווען אַ זידל־וואָרט. אַז אין אונדזער שנעקישער חברה האָבן מיר געוואָלט אַמאָל איינער דעם אַנדערן באַליידיקן, איז אין אונדזער וואָרט־אוצר נישט געווען קיין ערגערער אויסדרוק ווי „גלות־ייִד״. איך געדענק נאָך ווי הײַנט, ווי איינער פֿון אונדזערע קריסטלעכע חברים האָט אויפֿגעכאַפּט דאָס וואָרט און געבעטן מיר זאָלן אים פֿאַרטײַטשן וואָס דאָס מײַנט. ער האָט געקראָגן פֿון איינעם פֿון אונדז אַ ריין־עטימאָלאָגישע דערקלערונג, וואָס האָט אים, דעם „שייגעץ״, נישט צופֿרידנגעשטעלט: „יעוורעי וו׳איזגנאַניאי״. ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען, מיט וואָס איז דאָס אַ זידל־וואָרט. ביז אַן אַנדער ייִדיש בחורל איז געקומען צו הילף און אים געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז דעם מיין פֿון דעם דאָזיקן אויסדרוק דאַרף מען אויף רוסיש בעסער באַצייכענען מיטן וואָרט „זשידאָק״ אָדער „זשידיאָנאָק״. ווען מיר האָבן אין אונדזער קרייז אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „גלות־ייִד״, האָט דאָס אָפּטמאָל געהייסן אַ נעבעכדיק באַשעפֿעניש — אַן קראַפּט, אָן מאַניערן, אָן מענלעכן גלייכגעוויכט, אָן שטאָלץ; גרייט צו קריכן אויף אַלע פֿיר און זיך „אוניזשאַיען״ פֿאַר אַ שטאַרקערן, פֿול מיט מורא פֿאַר אַ גוי און מיט התבטלות פֿאַר אַ גוי. מיר גופֿא שטאַמען טאַקע פֿון אָט יענער מיזעראַבעלער באַשעפֿעניש; אָבער דערפֿאַר האָבן מיר דאָך דעם ציוניזם, וואָס זײַן עובֿדה איז צו מאַכן אַ סוף צום גלות און פֿאַרוואַנדלען דעם גלות־ייִד אין אַ מענטש מיט מענטשן גלײַך, אָדער אין אַ נאָרמאַלן ייִד.

„נער הייתי וגם זקנתי״, האָב איך זיך היפּש באַפֿרײַט פֿון מײַן אַמאָליקן „זשאַרגאָן״. איך האָב אויך איבערגעשפּאַנט אָקעאַנען, זיך באַקאַנט מיט קאַנ־

טינעגטן — פון וועלכע איך האָב פריִער בלויז געהערט — און איצט, ווען פאַר מיינע אויגן וואַקסט אַ נייער דור, אַ דור אין וועלכן עס איז אינוועסטירט אויך מיין אייגן ביסל פלייש און בלוט, הער איך נאָך אַלץ (כאָטש אויף אַן אַנ־דער לשון און אַן אַנדער נוסח, מיט אַביסל אַ געענדערטער אינטאָנאַציע, מיט ווייניקער פאַראַכטונג אָבער מיט נאָך גענוג גרינצשאַצונג) אויב נישט דעם אויסדרוק גופא, איז דעם באַגריף — „גלות־ייִד". איך דערמאָן זיך דערביי, אַז די מיינסטע ייִדן — צו וועלכע יענער אויסדרוק, באַגריף אָדער פאַרשטע־לונג „פּאַסט זיך" אַממערסטן און אַמנאַטירלעכסטן — האָבן אין די לעצטע יאָרן אויסגעהויכט זייער אָטעם אין טרעבלינקע און אין בוכענוואַלד, אויף פּוסטע פעלדער אין אין ווּיסטע וועלדער, אויף תליות, אויף שייטער־הויפנס און אין גאַז־קאַמערן... אַז מיט יענע מיליאָנען ייִדן זענען אַוועקגעגאַנגען אין דער אייביקייט זייער לשון און זייערע תנועות, זייער חיתוך־הדיבור און חי־תוך־המחשבה, זייערע „שלעכטע מאַניערן" און זייערע גוטע מידות, זייערע לאַנגע עצבותן און זייערע קורצוויילקע פריידן — האָב איך דאָס געפיל ווי מען שענדעט קברים; די קברים פון אייגענע, פון די אייגנסטע וואָס מיר האָבן ווען עס איז פאַרמאָגט...

***

ביאַליק האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט: „אַ פאָלק פאַרמאָגט אַזויפיל הימל איבערן קאָפּ, וויפל עס פאַרמאָגט ערד אונטער די פיס". איך אַליין האָב אַ סך מאָל געגוצט, בשם אומרו, דעם דאָזיקן אַפאָריזם און אויף פרעמדע און זייטיקע האָט דאָס שטענדיק געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק. איך בין נאָך איצטער זיכער — איצטער אפשר נאָך זיכערער ווי אַמאָל — אַז אין אים שטעקט אַ גרויסער אמת. אָבער אַ גרויסער אמת איז נישט דער פולער, נישט דער אַבסאָלוטער אמת; נישט קיין אמת וואָס קען אָנגעווענדעט ווערן אומעטום, אין אַלע היס־טאָרישע פעריאָדן און אין אַלע לעבנס־סיטואַציעס פון אַ פאָלק. און ביאַליק אַליין האָט געוווּסט מער און טיפער ווי די, וואָס קענען זיי האָט ער געצילט מיט זיין אַפאָריזם, אַז אָט האָבן מיר, ייִדן, אַ קיימא־לן פון אַ פאַר יאָר־טויזנטער נישט פאַרמאָגט קיין שפאַן ערד אונטער די פיס, און פון דעסטוועגן האָבן מיר פאַרמאָגט נישט ווייניק הימל איבערן קאָפּ; אַז נישט איין מאָל האָט מען אונדז געהאָסט און געפייניקט און געזוכט אונדז עוקר מן השורש זיין אויך דערפאַר, וואָס אונדזער הימל איז געווען בלויער און ריינער, העכער און טיפער, און אין די פינצטערע נעכט מער באַשטערנט, ווי דער הימל פון אַנדערע, פון אומות־העולם מיט אַ סך „ריעל עסטעיט". אַ הימללאָז פאָלק קען נישט שאַפן נישט קיין גמרא און קיין מדרשים, נישט קיין קבלה און קיין משיחישע באַוועגונגען,

נישט קיין שולחן־ערוך און נישט קיין חסידות... דער היקף „הימל‟ וואָס אַ פֿאָלק פֿאַרמאָגט קען געמאָסטן ווערן מיט איין מאָס: ווי גרויס איז זיין גרייט־קייט אויף קידוש־השם? און אויב דאָס איז די מאָס, דער קריטעריום, דאַרף ערשט געבוירן ווערן יענער האָמער, וואָס זאָל באַזינגען דעם העראָאישן עפּאָס פֿונעם — „גלות־ייִד‟.

***

איך ווייס, אַז איך שרייב באַנאַליטעטן, אָבער פרישע, ריינע לופט אויפן פרייען לאַנד איז אויך „באַנאַל‟ (טערפּקע, אָדער עיפּושדיקע, אָדער פּערוועדז־פֿאַרפּומירטע ריחות זענען „אָריגינעל‟), און נאָכן טרינקען אַ סך טשיקאַווע, אינטריגירנדיקע משקאות — מיט וואָס קען מען זיך דערפרישן, אויב נישט מיט אַביסל „באַנאַל‟ וואַסער פון אַ קוואַל, פון אַ דאָרפישן ברונעם? כ׳האָב דאָ בלויז איין אַמביציע — און נישט קיין גרויסע: רעווידירן אַ פּאָר אויסדרוקן אין אונדזער ווערטערבוך, אָדער ריכטיקער: לאָזן די אויסדרוקן אָדער די ווער־טער ווו און ווי זיי שטייען, אָבער ענדערן די אינטאָנאַציע, מיט וועלכער איי־ניקע פון אונדז ברענגען זיי אַרויס פֿונעם מויל. „גלות־ייִד‟ דאַרף אויפהערן צו זיין אַ זידל־וואָרט, אַ וואָרט פון גרינגשאַצונג, פון קוקן פון אויבן אַראָפּ.

***

עס איז היינט פֿאַראַן געגנוג יסוד (היינט מער ווי נעכטן, מער ווי אייער־נעכטן) צו „פֿאַרנייגן‟ דעם גלות, זוכן וועגן ווי אַזוי אים צו ליקווידירן, נישט אָנערקענען פֿאַר אים קיין עקסיסטענץ־באַרעכטיקונג אין דער צוקונפֿט, רע־וואָלטירן קעגן אים. אָבער וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט דער אָפּשאַצונג פון זיין אינעווייניקסטן ווערט, פון זיין אייגנציקאַרטיקן וועזן אין דער פֿאַרגאַנגענהייט? און, דער עיקר: וואָס האָט דאָס צו טאָן מיטן מאָראַלישן און עסטעטישן פֿאָר־טרעט פֿונעם גלות־ייִד?

גלות איז אַ סומע פון באַדינגונגען — שלעכטע, ביטערע, אונטערדריקנ־דיקע, באַליידיקנדיקע באַדינגונגען — אָבער דער גלות־ייִד איז דער וואָס האָט געלעבט, געהאַנדלט, געווירקט, געקעמפט, געבלוטיקט, זיך געראַנגלט אין יענע באַדינגונגען; און משפטן דאַרף מען אים נישט לויט די באַדינגונגען גופא, נאָר לויט דעם ווי אַזוי ער האָט זיך צו זיי צוגעפּאַסט אָדער גאָר זיי צו זיך צוגעפּאַסט; לויט דעם, צי ער איז געוואָרן דער שקלאַף פון יענע באַדינ־גונגען, אָדער (נאָך אַלע פשרות, מפּלות און מימיקרי־צופּאַסונגען) איז ער דאָך געבליבן, אין לעצטן חשבון, דער מייסטער איבער זיי.

נישט יעדער, וואָס איז פון אַנדערע געפֿאַנגען און פֿאַרקויפֿט געוואָרן פֿאַר

אַ קנעכט, איז טאָקע אַ שקלאַף. פאַרלירט דעם צלם פון אַ פרייען מענטש. אַ שקלאַפישע נאַטור איז נישט דער, וואָס מ׳נעמט ביי אים צו מיט ברוטאַלער מאַכט זיין פרייהייט צו האַנדלען און זיך צו באַוועגן, זיין פרייהייט צו פורעמען דאָס לעבן לויט אייגענעם געשמאַק און ווילן, זיין „זעלבסטבאַשטימונג״; נאָר דער, וואָס מאַכט שלום מיט אַזאַ צושטאַנד, זאָגט זיך אָפּ פון זיין ווילן און פון זיין רעכט אויף אייגענע באַשלוסן און אַנטשלוסן, גיט אויף זיין פערזענלעכ־קייט. נאַפּאָלעאָן אויפן אינדזל פון דער „הייליקער העלענאַ״ איז געווען אַן אַרעסטאַנט, אָבער נישט קיין שקלאַף; רב שניאור זלמן אין דער רוסישער תפיסה איז געווען אַ געפאַנגענער, אָבער נישט קיין קנעכט. טורמע איז אַ פּייניקונג און אַ באַליידיקונג; אָבער אין טורמעס, ווייסן מיר, האָבן געשמאַכט די פריַיסטע גייסטער פון דער וועלט — און דווקא דערפאַר וואָס פרייהייט איז געווען דער פּאַטאָס פון זייער נאַטור — אָבער מיטן שמאַכטן דאָרט זענען זיי קיין שקלאַפן נישט געוואָרן.

דער חילוק צווישן גייסטיקער פרייהייט און אומפרייהייט איז אַ גאַנץ פשוטער: צי איז איינער פעיִק, קעגן דער אויסערלעכער אונטערדריקונג און שקלאַפעריי, זיך צו האַלטן ביי זיינע ווערטן אָדער נישט? צי איז ער מסוגל פאַר יענע ווערטן צו קעמפן אויך אונטער דער בייטש פונעם נוגש, אָדער די ווערטן ווערן פאַר אים ווערטלאָז און ער קען שוין מער נישט ברענגען קיין קרבנות פאַר זיי? אויך דער ענין שטאָלץ און הכנעה דאַרף רעדוצירט ווערן צו דעם פּלאַץ, וואָס קנינים, ווערטן, הייליקטימער פאַרנעמען אין אַ מענטשנס אָדער אין אַ פאָלקס נשמה. אויב הכנעה האָט אירע פעסטע גרענעצן; אויב איינער איז מסוגל זיך צו דערנידעריקן אונטערן דרוק פון ברוטאַלע אומשטענדן און הונדערטער קלייניקייטן (אָדער אין הונדערטער פאַלן, וואָס ער, לויט זיין מאָס פון ווערטן, באַטראַכט פאַר קלייניקייטן, וואָס רירן נישט אָן דעם הויפּט־קרן פון זיין פערזענלעכקייט) אָבער ער איז גרייט אויף קידוש־השם, מסוגל אויסצוקעמפן זיין „שטאָלץ״, זיין פרייהייט און זיין טריהייט צו ווערטן דע־מאָלט ווען, לויט זיין געפיל און איבערצייגונג, עס ווערט אָנגערירט דער „עיקר״ אָדער איינער פון די „עיקרים״ — וואָלט געווען די גרעסטע אומגע־רעכטיקייט אים צו באַטראַכטן פאַר אַ שקלאַפישער נאַטור, פאַר אַ מענטש אָן שטאָלץ. דער פּסעוודאָ־עמאַנציפּירטער ייִד (און דער ציוניזם איז אויך נישט קיין גאַראַנטיע אין אַלע אינדיווידועלע פאַלן קעגן אַ געוויסן מין פּסעוודאָ־איטאָ־עמאַנציפּאַציע) מעג זיך טויזנט מאָל דערלויבן צו ריידן וועגן דעם „מה־יפית״־ייִד אויף דער אַמאָליקער פּוילישער לאַנדשאַפט ווי וועגן אַ מענטש אָן דרך־ארץ צו זיך אַליין. ער קען אָבער נישט אָפּווישן דעם פאַקט, אַז יענער ייִד איז נאָר געווען גרייט — צוליב פּרנסה, צוליב דעם ער זאָל קיין קלעפּ

נישט קריגן, אָדער נישט אַרויסגעטריבן צו ווערן פון זיין וווינאָרט — זיך טויזנט מאָל מבזה צו זיין. דאָס זענען געווען זאַכן וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר אומוויכטיק, פאַר קלייניקייטן וואָס געפינען זיך אין דער פּעריפעריע, נישט אין צענטער פון לעבן. ער האָט אָבער אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן ווילן, האַרט־נעקיקייט און טאַלאַנט פאַר מאַרטירערטום, ווען מ׳האָט פון אים געפאָדערט זיך אָפּצוזאָגן פון דעם, וואָס האָט פאַרנומען דעם אויבן־אָן אויף דעם לייטער פון זיינע ווערטן.

נאָר אונדזער אומפעיִקייט צו באַטראַכטן און משפטן מענטשן אין קאָנ־טעקסט פון זייערע אייגענע באַגריפן און שאַצונגען (אין יסוד: אַ מאַנגל פון קינסטלערישער פאַרשטעלונגס־קראַפט) האָט געקענט אַרויסרופן תּרעומות צוריק מיט אַ פאַר יאָר אויף שלום אַשן פאַר זיין דערציילונג „יתגדל ויתקדש״. אַש, האָט מען געשריגן, האָט אונדז אַלעמען באַליידיקט. ער האָט געשריבן מיט סימפּאַטיע און ליבע וועגן אַ ייִד וואָס האָט אין נאַצישן קאָנצענטראַציע־לאַגער אַרויסגעוויזן קנעכטשאַפט אַנשטאָט פרייהייט, הכנעה אַנשטאָט ייִדישן שטאָלץ. ער האָט אויסגעפאָלגט מיט אַ קריכערישן שמייכל אַלץ וואָס דער געסטאַפּאָ־אויפזעער האָט אים באַפוילן צו טאָן; ער האָט זיך און אונדז מבזה געווען ווען ער האָט, לויטן נאַצישן דיקטאַט, געזאָגט אויף זיך: „איך בין אַ שוויין, איך בין אַ שמוציקער ייִד״ — און אַלץ כדי צו ראַטעווען דאָס בידנע ביסל לעבן. די קריטיקער איז גאָר אויף דער מחשבה נישט געקומען, אַז דאָס דאָזיקע הכנעהדיקע אויספאָלגן אַלע נידערטרעכטיקע באַפעלן איז געווען אַנ־געזאָפּט מיט אַזויפיל פאַראַכטונג צום באַפעלער, אַז נאָר מחמת דער אַבסאָלו־טער געפאַלנקייט און טעמפּקייט פון יענעם נאַצי האָט ער די דאָזיקע פאַראַכ־טונג נישט באַמערקט. ווי שטאָלץ איינער פון אונדז זאָל נישט זיין, וועטער זיך פון קיין חיה־רעה נישט באַליידיקן. אַ בזיון קען אָנטאָן בלויז איינער וואָס געהערט מער אָדער ווייניקער צו אונדזער „גזע״ — און לויט אַש׳ס איטשע־מאיר (פאַרן „מה־יפית״־ייִד, פאַרן גלות־ייִד בכלל) האָט דער גוישער אונ־טערדריקער, דער סאַדיסט און בזיון־אָנטוער געהערט גאָר צו אַן אַנדער „קע־ניגרייך״ פון באַשעפענישן, ווי ער.

אין דער דאָזיקער טיפער פאַראַכטונג פונעם גלות־ייִד צו דער אַרומיקער היה־רעהדיקער וועלט — און אין דעם אינטענסיוון געפיל פון זיין זעלבסט־ווערט — איז אָפּט מאָל געלעגן דער סוד סיי פון זיינע טויזנטער קליינע הכנעות אין זאַכן, וואָס ער האָט באַטראַכט פון זיין sub - specia - alternitatis פאַר אומוויכטיק און סיי פון יענעם שטאָלץ, יענער זעלבסט־באַהויפּטונג, יענעם מסירת־נפשדיקן דינען צו איבערפּערזענלעכע צוועקן, וואָס ער פלעגט אַנט־פּלעקן ווען עס איז געשטאַנען אין קאָן דאָס וואָס ער האָט באַטראַכט פאַר

אומבאַדינגט הייליק. דאָס איז געווען דער סוד — אויב מיר זאָלן נוצן היינעס לשון — סיי פון זיין וואָכעדיקער „הינטישקייט" און סיי פון זיין שבתדיקער „פּריצישקייט".

מען דאַרף זיין אַ היפּש ביסל קאַליר־בלינד — און בלינד פאַרן אמתן זין פון דערשיינונגען — נישט צו דערזען, ווי אָפט דעם גלות־יידס התבטלות איז גאָר געווען אַ מאַסקע פאַר ביטול, פאַר מבטל זיין „כעפרא דארעא", דעם פאַר וועמען ער האָט לכאורהדיק געפּראַוועט התבטלות. ער האָט געחנפעט די פרעמדע און שטאַרקערע פון אים. ער האָט עס אָבער געטאָן מיט אַ געפיל, אַז ער און זיי פאַרמאָגן נישט (דערווייל?) קיין שותפותדיקן סטאַנדאַרד פאַר מידות און מעשים; אַז זיי ריידן אויף פאַרשיידענע לשונות, כדי זיך איינער דעם צווייטן צו פאַרשטיין און באַאיינפלוסן אויף אַ נאָרמאַלן אופן. זיין חניפה איז אָפט מאָל געווען נישט מער דערנידעריקונג, נישט מער „אָפּאָרטוניזם", ווי, להבדיל, זיך איינקויפן אין לאַסקע ביי אַ בייזן הונט דורכן צוואַרפן אים אַ ביין; אָדער דורך רופן אים מיט דעם געצערטלטן נאָמען וואָס זיין בעל־הבית האָט אים געגעבן. דאָס איז אויך געווען דער „אָפּאָרטוניזם" פונעם שתדלן, וועלכער האָט אונדז באַגלייט דור נאָך דור אויפן וועג פון אונדזער גלות־פּיין. שוין אָפּגערעדט פון יענע (נישט ווייניקע) פאַלן, ווען דער שתדלן איז אין תוך געווען אַ מקובל; ווען די שתדלנות איז פאַר אים בלויז געווען אַ מין עקספּעדיציע אין דער שאול־תחתיה פון טומאה, כדי אויסצולייזן פון איר די קדושה־דיקע „ניצוצות" וואָס האָבן זיך דאָרט פאַרבאָרגן...

**
*

דער גלות־ייד האָט נישט ווייניק געלעבט, געפילט און געהאַנדלט לויט הלל הזקנס „פּאַראַדאָקס": „עלה למטה". שטייענדיק אויף דעם נידעריקסטן שטאַפּל פונעם סאָציאַלן לייטער, איז ער געווען פעיק דאָס אויפצונעמען ווי אַן — עליה. „אדום" האָט פאַרנומען אַ פּלאַץ אויף דעם העכסטן שטאַפּל, ווייל ער האָט זיך אָריענטירט אויף דעם אַ סך באַנאַלערן און אויבערפלעכלעכערן פּאַראַדאָקס: „רד למעלה". אין זיינע נכפה־מאָמענטן פון „איבער־מענטשנטום" האָט דאָס ניטשע באַצייכנט מיט קאָנוולסיוועך פאַראַכטונג: „שקלאַפן־מאָראַל" און „שקלאַפן־עסטעטיק". אין זיינע ריינערע און ערלעכערע מאָמענטן האָט ער אויף דעם זעלבן גלות־ייד געקוקט מיט באַוווּנדערונג, מיט שטילער אַנטציקונג...

**
*

דער גלות־ייד איז דער גרעסטער גייסט־אַוואַנטוריסט אין דער מענטש־לעכער געשיכטע, אויך דער גרעסטער אַנטי־פּעטישיסט. ער האָט גענומען אַ

פלאַנץ, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אַ באַשטימט לאַנד (אָדער גאָר, אויף צו להכעיס אַלע נאַטור־געזעצן, אין מדבר, ווו עס „קען" גאָר נישט וואַקסן) און האָט זיך געזאָגט: „אָט די פלאַנץ וועל איך מאַכן לעבן, בליִען און געדייען, אויף אַלע באַדנס און אונטער אַלע הימלען, און אומעטום וועט זיך מיין פלאַנץ פילן «היימיש». אויב די דערנער וועלן זי שטעכן — וועט זי ווערן פאַרוווּנדעט; אָבער לעבן וועט זי קיין מאָל נישט אויפהערן און דורך די וווּנדן וועט איר זאַפט נישט אויסרינען". קלימאַט, האָט ער זיך געוואָלט איינריידן, האָט אויף יענער פלאַנץ קיין שליטה נישט. דער וועטער מוז פאָלגן דעם גערטנער...

**
*

וואָס איז פאַרן גלות־ייִדנטום געווען „שמע ישראל"? אַ מין סיגנאַליזאַציע. איך און דו, און נאָך אַזעלכע ווי מיר ביידע, ווייסן אַ סוד, דעם סוד פון אַלץ. אַן אומגעזעענער טעלעגראַף האָט געטראָגן די פאָרמולע פונעם סוד אין די ווייטסטע מרחקים; פון איין איינזאַמען ייִד צום צווייטן...

**
*

אין די ערשטע טעג פון זיין רעליגיעזן רעוואָלט האָט מען לוטערן געפרעגט: „ווו וועסטו זיין, אויב די קירכע וועט דיך אַרויסטרייבן?" האָט ער לאַנג נישט געטראַכט און געענטפערט: „אונטער גאָטס הימל". דער גלות־ייִד איז דור־איין דור־אויס געווען אַ כראָניש־אַרויסגעטריבענער. ער איז אָבער נישט געשטאַנען אין דרויסן. הימל, האָט ער זיך געזאָגט, איז אויך אַ דאַך אייבערן קאָפּ. ניין: אַ חופּה...

**
*

דער גלות־ייִד האָט געשפּאַנט איבער אַ וועלט פון פינצטערניש (יעדנפאַלס האָט ער אַזוי געזען די וועלט) מיט אַ לאַמטערן אין דער האַנט. דער לאַמטערן איז געבליבן אין די הענט אָבער דער בוימל האָלט ביים אויסברענען. דער ייִד הייבט אָן צו לעבן אין דרויסן מיט אַן אויסגעלאָשענעם לאַמטערן. פון דאַנען — דער קריזיס, די פרעמדקייט צו זיך אַליין, די אויסגעוואָרצלטקייט און דאָס לעכצן נאָך וואָרצלען.

פאַרענדיקן מיר דאָס גרויסע דאַן־קיכאָט־קאַפּיטל פון אונדזער ביאָגראַפיע? וואָרשיינלעך. אָבער ארץ־ישראל טאָר נישט ווערן דאָס לאַנד פון סאַנטשאָ־פּאַנטשאָ. דעם גלות־ייִדס שפּאַנונגען, עפּעס פון זיין טאַלאַנט אַריבערצושפּרייזן תהומות; עלעמענטן פון זיין פרומקייט און זיין שטענדיקן זינדיקייט־געפיל מוזן ווערן אַ טייל פונעם נייעם נוסח.

און לאָמיר געדענקען: גלות איז געווען טראַגיק, נישט בלויז אַ סדרה אומגליקן. און פון טראַגיק מעג מען ווען אַנטלויפן (אויב מ׳קען...) — אָבער שעמען זיך מיט איר? נאָר אַ לומפּ שעמט זיך. און טאָמער זעט איר איינעם מיט העכערן גייסט, וואָס זאָגט אַז ער שעמט זיך, גלויבט אים נישט: ס׳איז מסתמא נישט דער ערשטער בילבול וואָס ער האָט אויף זיך אויסגעטראַכט...

***

אידעאַליזאַציע? ס׳קען זיין. אָבער דאָס איז אַמאָל דער איינציקער ענטפער אויף וואולגאַריזאַציע. דער ענטפער און דער תיקון.

1945

I WANT SPEED

איך ווייס נישט, ווער און וואָס זי איז. איך ווייס בלויז, אַז זי איז אַן אַמעריקאַנער מיידל פון אײַאָווע, אַז זי הייסט גילאַ קראַם־קוק און אַז זי האָט אַ קינד אין שול־עלטער. אַ שטיק צייט האָט זי, ווער ווייסט צוליב וואָס און אפשר גאָר אָן אַ פאַרוואָס, זיך אַרומגעבלאָנקעט אין אינדיע און סוף־כל־סוף איז זי געוואָרן גאַנדיס אַ פאַרברענטע תּלמידה, אַזוי ווייט אַז זי איז אַפילו איבערגעגאַנגען צו זיין גלויבן. זי האָט גענומען אויף זיך נדרים און איסורים, זיך באַזעצט אין אַ פּלאַץ, וועלכער איז אַ מין קבוצה־ישיבה־מאָנאַסטיר און געפינט זיך אונטער גאַנדיס דירעקטער השגחה. ערשט די טעג האָבן אירע אַמעריקאַנער פריינט באַקומען אַ ידיעה, אַז דאָס עקסצענטרישע מיידל פון דער „מידל־וועסט" איז נעלם געוואָרן פונעם מאָנאַסטיר. זי האָט זיך באַוויזן אין ניו־דעלהי, ווו זי האָט דערציילט וועגן אַ גרויסער אַנטוישונג, וואָס זי האָט דורכגעלעבט אין גאַנדיס וועלט פון סיגופים און תעניתים.

מילא, אַנטוישונג איז אַנטוישונג. נישט די ערשטע און נישט די לעצטע. ווער ווייסט, וואָס זי האָט אין אינדיע געזוכט און ווער קען וויסן ווי אַזוי זי האָט אָפּגעשאַצט דאָס, וואָס זי האָט דאָרט געפונען. איך האָב שוין געזען גע־וועזענע מאָנאַכן אין מאָנטע־קאַרלאָ און מי שהיו רבנים — אין בערלינער נאַכט־לאָקאַלן. איך גלויב אויך אַנאַטאָל פראַנסן ווען ער זאָגט, אַז ער האָט שוין געזען דעם היפּוך אויך: טאַ׳יס אין אַ מאָנאַסטיר. ס׳קען זיין, אַז אין דעם פאַל האָבן מיר בכלל נישט צו טאָן מיט קיין זייער ערנסטער דערשיינונג — מילא וואָס אַן אַמעריקאַנער מיידל, אויב זי האָט נאָר אַ פּאָר טשעקן פון „אַמע־ריקען עקספּרעס", קען זיך פאַרגלוסטן? איך וועל נישט זיין שטאַרק אַנטוישט, אויב איך וועל זי באַגעגענען קומענדיקן פרילינג אין האָליוווּד, ווו זי וועט שפּילן אין אַ קינאָ־מאַכערייקע וואָס וועט הייסן „די גרייט פּעשאָן" אָדער „הויר האָזבאַנד׳ס וואַיף". פאַר אַ האָליוווּד־„פּראָדוסיער" קען אַזאַ מיידל ווערן אַן אוצר און זי אַליין קען נאָך אַמאָל אַריינכאַפּן אַ מיליאָן פון אַ גט־פּראָצעס אין רינאָ, אָדער נעוואַדאַ. און — ווער ווייסט? — אפשר זינדיק איך? אפשר רעד איך רכילות אויף אַ גויִשער טאָכטער? בלויז אונדזערע אימיגראַנטישע בעל־גאווהניקעס מיינען, אַז ביי אַן אַמעריקאַנער איז די נשמה פון „לאַלי־פּאַפּ"; אַז ער איז נישט פעיִק אויף קיין גרויסע ליידנשאַפטן, אויף אמתע דראַ־מעס און טיפע קריזיסן, אַזוי אָדער אַנדערש — אָבער שוין עטלעכע טעג פאַר־

פֿאָלגט מיך די עטלעכע ווערטער, מיט וועלכע זי האָט „אַרויסגעפּלאַצט” ווען זי איז אָנגעקומען קיין ניו־דעלהי: —„אַי וואָנט ספּיד, אַי וואָנט טו פֿלאַי, אַי וואָנט טו אַטענד אָרקעסטראַ דאַנסעס” (איך וויל שנעלקייט, איך וויל פֿליִען, איך וויל באַזוכן אָרקעסטער־טענץ). אַז דאָס איז נישט געווען סתם קיין פֿראַזע, קען מען זען פֿון דעם, וואָס זי האָט גענומען אין מוטראַ (אַזוי הייסט דער פּלאַץ פֿון גאַנדיס מאַנאַסטיר) אַן אויטאָמאָביל און אים אַליין געטריבן צו זיי־בעציק מייל אַ שעה ביז זי האָט זיך איבערגעקערט און געקומען קיין ניו־דעלהי אַ צעמזיקטע — „אַי וואָנט ספּיד”.

נילאַ קראַם־קוק וויל „ספּיד” — און גאַנדי האָט איר געגעבן די פּיזישע אומבאַקוועמלעכקייט פֿון מעדיטאַציע. זי וויל פֿליִען און ער האָט זי געלערנט זיצן שעהען־לאַנג אויף דער האַרטער פּאָדלאָגע און קוקן מיט מיסטישער כוונה אין איין פּינטל אַריין. זי וויל אָרקעסטער־טענץ — און לויט זיין שולחן־ערוך דאַרפֿן די פּיס בכלל שווייגן; און די שליחות פֿון די הענט איז אָדער צו שפּי־נען גראָב אינדיש געוואַנט פֿאַר אָרעמעלייטס בגדים אָדער תּפֿילהדיק זיך אויסשפּרייטן צו דעם בלויען ים פֿון אומענדלעכקייט. חדשים־לאַנג האָט זי עס איבערגעטראָגן: געפֿאַסט תּעניתים, געשלאָפֿן אויף שטיינער, דורכגעמאַכט די גאַנצע האַרטקייט פֿון אָריענטאַלישע סיגופֿים. אויף דעם איז זי דאָך געגאַנ־גען! דאָס האָט זי אפֿשר אויפֿריכטיק געוואָלט, ווען זי האָט געגעבן נדרים און אָרויפֿגעלייגט אויף זיך איסורים. און מיט אַמאָל: נידער מיט דעם אַסקעטיזם! אַוועק פֿון „גאַנדי, דעם טיראַן”, לעבן זאָל דער אויטאָמאָביל, ווו קריגט מען דאָ אַן עראָפּלאַן? ווו איז דאָ אַ טאַנץ־לאָקאַל מיט אַן אָרקעסטער, מיט אַ ווינער וואַלס? עס מעג זיין אויך אַן אַרגענטינער טאַנגאָ...

וועט גאַנדי פֿאַרשטיין דעם רעוואָלט קעגן זיך, די מרידה פֿון אַ מיידל־שער, דורך און דורך „יצר־הרעדיקער”, „זינדיקער” נשמה? „ספּיד”? וווהין דאַרף מען זיך עס אַזוי איילן? אַניאַגן אייביקייט קען מען נישט. אַחוץ דעם: די אייביקייט אַנטלויפֿט נישט, זי איז שטענדיק פֿאַראַן. זי בלייבט גאַנץ און אויף אַ האָר נישט געמינערט. פֿליִען? צוליב וואָס? קיין עראָפּלאַן קען נישט דער־גרייכן די ברעגעס פֿון אומענדלעכקייט. אָרקעסטער־טענץ? דאָס אַבסאָלוטע קען קיינער נישט אויסטאַנצן. דעם דופֿק פֿון דער וועלט קען מען נאָר דערפֿילן ווען מען איז שטיל, אומבאַוועגלעך, פֿאַרצוקט, „פֿאַרלוירן” אין דעם „שהכל”. וואָס פֿעלט איר דען אין מאַנאַסטיר, אָט דער אומרויִקער, נערוועזער קינאָמאַ־טאָגראַפֿישער „וועסטערן סאָאַל” (מערב־נשמה)?

וואָס פֿעלט דיר מיס נילאַ קראַם־קוק? אפֿשר זאָל איך פּרוּוון שלום מאַכן צווישן דיר און דיין גרויסן רבין? קענט איר נאָך ריידן איין שפּראַך, אַזוי אַז

איר זאָלט זיך, לכל הפחות, פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן? אָדער זייט איר טאַקע באמת, אין שורש, צוויי ווייטע, פרעמדע וועלטן?

דאָס איז נישט נאָר אַ פראַגע פון מזרח און מערב, פון דעטראָיט און באָמביי. איך ווייס, אַז דאָס איז נישט די פראַגע פון קדושה און טומאה, נישט די סתירה צווישן יראת־שמים און הפקרות. דאָס זענען אפשר גיכער צוויי שיטות אין קדושה אַליין, צוויי דרכים פון — „עבודה". רב בער מעזריטשער האָט געקעמפט קעגן סיגופים. דעם בעל־שמס גרעסטער תלמיד — האָט ער געזוכט און געפונען קדושה נישט אין אַסקעטיזם נאָר אין פרייד פון לעבן. אַליין אַ קראַנקער, האָט ער ליב געהאַט יענעמס אַ ריקוד, אַ לעבן פון באַוועג־לעכקייט, פון „כל עצמותי תאמרנה". וואַקסט ביי אים אויף אַ זון — רופט מען אים אַברהם דער מלאך. אַ מלאך — ווייל אַן אַסקעט, ווייל „נישט פון דער וועלט", ווייל ער האָט נישט קיין הנאה פון... הנאות. קעמפט רב בער מיט זיין אייגענעם זון, ווייל ער איז „מחזיר למוטב" זיין, פאָדערט פון אים ער זאָל תשובה טאָן, ער זאָל ברעכן אין זיך... די תאווה פון תעניתים.

יאָ, די תאווה פון תעניתים. ווער האָט עס אויסגעטראַכט, אַז דער אַסקעט איז — אַ סריס; אַז ער ווייסט נישט פון קיין פאַרגעניגנס, אַז (ריידנדיק אויף דער שפראַך פון נילאַ קראַם־קוק) ער ווייסט נישט וואָס ס'הייסט „טריל"? די אמתע, די גרויסע אַסקעטן זענען געווען גרויסע בעלי־הנאות, ראַפינירטע בעלי־תאוות, נאָר די הנאות זייערע זענען געווען פון אַן אַנדער שניט און די תאוות פון אַן אַנדער מין. דער „ארום", זייער סביבה האָט זיי פשוט נישט פאַרשטאַנען — פונקט ווי רבי עקיבאס תלמידים, וועלכע האָבן אַזוי פיל מאָל געהערט פון זייער לערער, אַז עונג־שבת איז אַ גרויסע מצווה, האָבן נישט פאַרשטאַנען, ווי דערלויבט ער עס זיך צו זעצן אום שבת און — וויינען. „זה היא עונג שבת שלי" (אָט דאָס טאַקע, דאָס וויינען, איז מיין עונג־שבת), האָט זיי געענטפערט דער „פּאַראַדאָקסאַלער" רבי עקיבא. אַברהם דער מלאך האָט געהאַט הנאה פון פאַסטן, געפונען זיין וועלט, די איינציקע און די רעאַלע וועלט פון התפעלות און התלהבות אינעם זיך אָפּזונדערן פון דעם וואָס מיר רופן „וועלט", אין באַיקאָטירן אירע (פאַר אים) נישט־ממשותדיקע, פיקטיווע הנאות. ווער פון זיי איז גערעכט — דער פאָטער רב בער אָדער דער זון רב אַברהם? ביידע זענען גערעכט. יעדער אפשר אויף זיין אופן, יעדער פאַר זיך, יעדער אין כביכולס אויגן. און אפשר איז גאָר גערעכט אַ קלענערער פון זיי ביידן — אַן „עפּיגאָן", אַן אייניקל פון חסידות — ר' ישראל רוזשינער, וועלכער האָט געוואָלט אַז אַ מענטש זאָל זיין „אַ טאָג אַ מלאך און אַ טאָג אַ גלח"? אפשר איז לעבן; אמתדיק, אויפריכטיק, פול לעבן אַ ריטעם פון אַסקעטיזם און אָרגיאַזם, פון קריסטוס און דיאָניס, פון בודאַ און (זאָל מיר דער דאַלאַי־לאַמאַ מוחל זיין

מיין „חילול־השם״)... איזידאָרא דאַנקען? דער מקובל פֿאַרמאָגט תאווה און דער עראָפּלאַן־פּליִער פֿאַרמאָגט קדושה; דער מאָנאַך איז אַ בעל־הנאה און דער עראָפּלאַן־פּילאָט קען לעבן מיסטיש, גיין צום שורש דורך עראָטיק, זיך מזדווג זיין מיט השם יתברך, ווי דער בעל־שם האָט עס אַמאָל געמיינט, דורך אַ פּרוי. דער איינציקער חטא איז אפשר — טראָגן קייטן; די איינציקע מצווה — נוצן אונדזערע פֿליגל. און פֿליגל קענען האָבן זייערע פֿאַרשיידענע דרכים: אַמאָל מעדיטאַציע און אַמאָל אַן עראָפּלאַן; אַמאָל אַ קאַפּיטל תהלים און אַמאָל אַן... אָרקעסטער־טאַנץ; אַמאָל התבודדות און אַמאָל „חברותא״; אַמאָל דער שווונג פֿון מיסטישער פֿאַרגליווערטקייט און אַמאָל דער שווונג פֿון אַ שטורמישן טאַנץ. ווער האָט עס אויסגעטראַכט, אַז בלויז איין וועג פֿירט צו גאָט? אַסקעטיזם און עראָטיזם זענען מיטלען, נישט קיין צוועקן, דרכים נישט קיין ענד־פּונקטן. פֿאַרוואָס פֿאַרוואַנדלען מיר זיי אין עבודה־זרהס, אין פֿעטישן? פֿאַרוואָס נעמען מיר אָן אַ פּראָפֿיל פֿאַרן גאַנצן פּנים?

ניטשע האָט פֿאַרשטאַנען דאָס פּראָבלעם. ער האָט עס משיג געווען גראָד אין יענער מינוט, ווען ער האָט אין איטאַליע „פֿאַרלוירן דעם באַלאַנס״. גראָד אין מאָמענט פֿון משוגעת האָט אין אים אַ בליץ געטאָן דער אייביקער אמת, אין יענעם מאָמענט ווען ער האָט אָנגעשריבן אַ קוויטעלע און זיך געחתמעט: „דער געקרייציקטער דיאָניס״ — אי קריסטוס, אי אַ גריכישער גאָט, ביידע אין איינעם, ביידע איינס, קינסטלער נאָר אָפּגעזונדערט איינער פֿונעם צווייטן, אין תוך פֿון איין שורש. פֿאַרשיידענע צווייגן רייסן זיך צו דער זון — דער בוים איז איינער. נישט קיין סתירות, נאָר אַחדות.

נילאַ קראַם־קוק, עס איז נישטאָ קיין סתירה צווישן דיר און גאַנדין. בלויז אַ מיספֿערשטענדעניש, בלויז איינזייטיקייט סיי ביי דיר און סיי ביי אים. דעם אמתן „אחד״ האָט איר נאָך אפשר ביידע נישט משיג געווען. ווען איר וועט אים משיג זיין, וועט ער זיך איבערבעטן, וועלן מיר זיך אַלע איבערבעטן.

1933

בשכנות פון טויט

1. אויג אויף אויג מיט פעליקס דזשערזשינסקין

אַן „איש נאמן״ האָט מיר דערציילט און איך האָב זיינע ווערטער פאַרצייכנט: דורך האַלב־פינצטערע קאָרידאָרן האָבן מיך בערדיקע און באַוואָפנטע מענטשן אַמאָל אַריינגעפירט אין דעם אַרבעטס־צימער פון דעם שטאַרקן מאַן אין דער אַמאָליקער אַלרוסישער טשעקאָ. די השגחה האָט מיך פערזענלעך אויסגעהיט אין יענע גוג־ומגוג־טעג פון אָנפאַנג בירגערקריג, אַז איך זאָל נישט געבראַכט ווערן אין טשעקאָ אַלס אַ שולדיקער אָדער פאַרדעכטיקער. נאָך לאַנגע מאַטערנישן איז מיר געלונגען צו קריגן אַן אוידיענץ ביי דעם מאַן, וואָס מיליאָנען מענטשן האָבן פאַר אים געציטערט און אים באַטראַכט אַלס דעם הורדוס פון דער רוסישער רעוואָלוציע. איך בין געקומען בעטן ביי אים פאַר אַן אַרעסטירטן פריינט, וועלכער — ווי איך האָב געוווּסט — האָט זיך מיט גאָרנישט פאַרזינדיקט. נאָר צוליב אַ מאָדנעם און לעפּישן טעות האָט זיין אַרעסט געקענט זיך ענדיקן מיטן טויט־שטראָף.

אַ זוניקער סעפּטעמבער פאַרנאַכט. דורך די פענצטער פון דזשערדזשינסקיס קאַבינעט זעט מען די גליִענדיקע, גאָלדענע קופּאָלן פון די מאָסקווער קירכן, אַ ווייכן דינעם נעפּל איבער דעם רויִקן טייך און דאָס מעלאַנכאָלישע רויט פון האַלב־פאַרוויאַנעטע האַרבסט־בלעטער אויף די שלאַנקע ביימער. איך קוק אויף זיין פּנים מחמת העפלעכקייט. איך קוק דירעקט, אָבער מעכאַניש, אָן זעעוודיקייט. איך געדענק שוין נישט פאַרוואָס איך האָב זיך אין דער דאָזיקער „קונסט״ געיִבט אין מיינע קינדער־יאָרן; אָבער מיר געלינגט אויך איצט צו קוקן און נישט צו זען. איך ווייס נישט, צי דזשערדזשינסקי באַמערקט עס; איך פיל נאָך זיין — ווי מיר דאַכט זיך — רויִק, קאַלטבלוטיק און „עקזאַמינירנדיק״ אַריינקוקן אין מיין פּנים. איך בין פולשטענדיק „מפקיר״ מיין פּנים און שווייג. ער שוויַיגט אויך. אַ בלאַנד מיידל מיט דעם אייגנאַרטיקן חן פון אַ האַלב־קורנאַסער רוסישער גאַז, וואַרפט אויף אונדז ביידן בלויע אויגן־בליקן, דורך וועלכע עס שאַטנט זיך אַדורך אַביסל שרעק: וואָס איז דאָס פאַר אַ פּאַנטאָמינע?

דאָס שווייגן ברעכט דזשערדזשינסקי: „גלויבט איר טאַקע אַז אייער קומען צו מיר איז נישט אומזיסט?״

— איך פאַרשטיי נישט אייער פראַגע, „חבר" דזשערדזשינסקי.

— כ'מיין, גלויבט איר טאַקע אַז איך וועט געלינגען אייער פריינט צו באַפרייען?

— יאָ, — זאָג איך, — איך גלויב. — און זעץ פאַר מיין „פאַקוס" פון קוקן און נישט זען.

— זייט איר בכלל אַ מאמין, אָדער איר גלויבט אין זיך און אין אייער קראַפט מיך צו באַאיינפלוסן?

מיין „פאַקוס" פּלאַצט. מיין בלינד קוקן ווערט זעעוודיק.

— דאָס איז, — זאָג איך, — אַ מעטאַפיזישע פראַגע, און איך שטעל מיר נישט פאַר, אַז איר זאָלט איצט האָבן צייט און געדולד פאַר אַזעלכע ענינים.

— יאָ, — זאָגט ער און וואַרפט אַ מעלאַנכאָלישן בליק דורכן האַלב־אָפּע־נעם פענצטער אויף די טובערקולאָז־רויטע האַרבסט־ביימער. — לאָמיר ריידן וועגן דעם ענין: איז אייער אַרעסטירטער פריינט אַ באַווייבטער?

— יאָ.

— האָט ער קינדער?

— ניין.

— האָט ער עלטערן?

— ניין.

— וואָס־זשע זאָרגט איר זיך אַזוי? די פרוי וועט אַ וויין טאָן, אויב זי וועט אים פאַרלירן. און איבעראַיאָר וועט זי געפינען טרייסט מיט אַן אַנדער מאַן. קיין ראַמעאָס און קיין דזשוליעטעס דרייען זיך איצט נישט אַרום אויף די מאָסקווער גאַסן. אַ רחמנות איז בלויז אויף אַלטע לייט און קליינע קינדער, ס'איז נישטאָ קיין צייט רחמנות צו האָבן סתם אויף מענטשן. האַרטע, ברוטאַלע טעג — וואָס פאַר אַ ממשות האָבן נאָך עטלעכע טראָפּנס בלוט אין אַ בלוטיקן אָקעאַן וואָס פאַרפּלייצט אונדז איצטער? טויט איז אַן אומפאַרמיידלעכקייט. זייט איר אַ קעגנער פון טויט?

איך האָב גאָרנישט געענטפערט. נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן: וואָס הייסט עס, אַ „קעגנער פון טויט"?

דזשערדזשינסקי וואַרפט נאָך אַמאָל אַ בליק — דאָס מאָל אַ לאַנגן און מרה־שחורהדיקן — דורכן פענצטער אויף די ביימער.

— יאָ, — דערמאָנט ער זיך, — די פאַרשאָלטענע סענטימענטאַליטעט... זיך פאַרטראַכט וועגן די האַרבסט־ביימער... — איר פאַרשטייט פּויליש? די פּוילישע שפּראַך האָט די שענסטע נעמען פאַר די חדשים פון יאָר. וואָס פאַר אַ פּראַכטפולער נאָמען: ליסטאָפּאַד"! דער חודש פון „בלעטערפאַל"... עס דער־מאָנט אַן גסיסה, אַן שטילער רעזיגנאַציע פון לעבן... איר געדענקט שאָפּען?...

אין דער צוקונפט וועלן מענטשן שטאַרבן ווי עס שטאַרבן אַקאָרדן אויף אַ פּיאַנאָ, ווי עס פאַלן בלעטער אין סעזאָן פון „ליסטאָפּאַד״... יעדער מענטש וועט זיין אַ זון, וואָס וועט שטיל פאַרגיין אין איר מערב, זיך באַהאַלטן הינטער איר אייגענעם באַרגיקן האָריזאָנט... איצטער — מלחמות, רעוואָלוציע, אַ האַק איבערן קאָפּ, אַ קויל אין האַרצן, אַ שטריק איבערן האַלדז... דער שמוציקער, פּייכטער קאָרידאָר פון דעם הויז מיט טעמפּע באַוואָפנטע מוזשיקעס, טשעקאַ, דזשערדזשינסקי... בררר... אָט האָט איר געהערט קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע מחש־בות אין טשעקאַ אַליין... זאָגט נאָר, איר אַליין זייט נישט קיין קאָנטער־רעוואָ־לוציאָנער?

— עס ווענדט זיך אָן דעם, וואָס מען פאַרשטייט אונטער קאָנטער־רעוואָ־לוציע...

— אַ נאַרישע פראַגע... און אַז יאָ, וועט איר מיר זאָגן? אָט טראַכט איר זיך מסתמא: אַזוי האָט אויסגעזען צוריק מיט דורות יאַהאַן דער שרעקלעכער — נו, זייט איר מחויב מיר עס צו זאָגן? זאָגט, האָט נישט מורא, זאָגט מיר אין די אויגן אַלץ וואָס איר טראַכט פון מיר. אויב איר וועט מיר זאָגן אָפן און דרייסט, אַז איך בין אַ רוצח, אַ סאַדיסט, באַפריי איך באַלד אייער פריינט. איר ווילט דאָך אים באַפרייען?

— איר וועט אים סיי־ווי באַפרייען.

— פאַרוואָס?

— ווייל ער איז אומשולדיק.

— אומשולדיק, אומשולדיק... אַלע זענען אומשולדיק... ריינע לעמעלעך, ווייסע טייבעלעך... איך בין דער איינציקער שולדיקער... דער שטן, דער אַנ־טיקריסט... אַיאָ?... נו, גענוג פוסטע דיבורים... זיך פאַרשמועסט... אַ מאָדנער טאָג... „ליסטאָפּאַד״... באַלד וועל איך שוין אָנפאַנגען שרייבן לידער, זינגען כערענאַדעס, זאָגן תהלים... ס׳אַראַ צעלאָזנקייט... וואָס זייט איר געקומען? כ׳האָב קיין צייט נישט פאַר פוילע אינטעליגענטישע שטיק... געקומען בעטן פאַר אַ פריינט... אַ קלייניקייט — פריינטשאַפט... וויל מיך איבערשרעקן מיט צאַרטקייט... כ׳האָב קיין צייט נישט, כ׳האָב קיין צייט נישט... ווער האָט אייך געגעבן די אידייע, איר זאָלט מיר קומען שטערן? כ׳בין אַ פאַרנומענער מענטש. ווי אַזוי האָט מען אייך אַריינגעלאָזן אַהער? אַהאַ, אַ פּראָטעקציע! יענער אי־דיאָט האָט געבעטן פאַר אייך... אין אַזאַ צייט, אין אַזאַ צייט...

דאָס בלאָנדע מיידל האָט זיך אויפגעהויבן פון איר טיש און האָט מיר, נישט זאָגנדיק אַ וואָרט, דערלאַנגט מיין הוט.

— אַנטשולדיקט, — זאָגט מיר דזשערדזשינסקי, דערלאַנגענדיק די האַנט. — אַנטשולדיקט, — זאָגט ער נאָך אַמאָל אין אַ מילדערן און ווייכערן

מאָן, — כ'האָב אייך נישט געמיינט, כ'האָב פּשוט פיינט אָט די פאַרשאָלטענע ווייבערישקייט אין זיך. ווען איר דאַרפט עפּעס האָבן, קומט אַריין, אָדער בע־סער, שרייבט מיר פריִער אָן. כ'בין נישט קיין גזלן. איך טו נאָר מיין חוב, מיין טרויעריקע פליכט... מיליאָנען ווילן עס, מיליאָנען דאַרפן עס... זייט געזונט...

אין אַ פּאָר מינוט אַרום בין איך שוין געווען אין דרויסן. ס'איז טונקעלער, פרישער, קעלטער. דער קילער האַרבסט־אָוונט לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער אַל־טער מאָסקווע, וואָס האָט אַנגעזאַפּט אין זיך אַזוי פיל אומקלאָרע חלומות, מוט־נע באַגערן און העלע רויטקייט פון מענטשלעך בלוט. ווי לאַנג האָט געדויערט אונדזער „שמועס"? אַ יאָר, אַ דור, אַן אייביקייט? מיט וואָס האָט זיך מיין באַ־זוך געענדיקט? איז עס אַ חלום? בין איך משוגע?

שפּעט ביינאַכט בין איך אַהיים געקומען, נאָך אַ לאַנגן עולם־התוהודיקן שפּאַנען איבער די פאַראיינזאַמטע מאָסקווער גאַסן.

אין דער היים האָט געוואַרט אויף מיר אַ סורפּריז — מיין באַפרייטער פריינט.

2. די אמונה פון אַן אַפּיקורס

עס איז מיר די טעג אַריינגעפאַלן קלאַרענס דאַראָו'ס אַ שריפט קעגן טויט־שטראָף. זיין אוממיטלבאַרער געפיל רעוואָלטירט קעגן דעם, וואָס די געזעלשאַפט נעמט אויף זיך די ראָל פון אַ רוצח. איז עס פאַרשטענדלעך. ווער וואָלט מיט אים געקענט פּאָלעמיזירן, ווען ער וואָלט געזאָגט אָן חקירות: „מיך עקלט יעדער מאָרד און נאָך מער דער קאָלטבלוטיקער מאָרד, וואָס ווערט דורכגעפירט פון דער מלוכה"? באַווייזן אָבער, אַז טויט־שטראָף איז אַ פאַר־ב־רעכן, קען ער נישט. דאָס קען קיין שום מאַטעריאַליסט נישט באַווייזן. אויב אַ מענטש איז דאָס, וואָס קלאַרענס דאַראָו וויל זען אין אים — אַ סכום כעמישע שטאָפן, פון וועלכע מען קען מאַכן אַזויפיל און אַזויפיל חלבנע ליכט, טשוועַ־קעס און שטיקלעך צוקער; אויב נשמה איז אַ שטיק מיטאָלאָגיע; גייסט — אַ לעגענדע און פּסיכיש לעבן — אַן אילוזיע, טאָ וואָס הייסט מאָרד? פאַר לכתחילה־טויטע איז נישטאָ קיין טויט.

דאַראָו'ס „פילאָסאָפיע" וועט אַמאָל שטיין אין מוזיי פון אַפּיקורסישן אי־דיאָטיזם. בלייבן וועט יענער דירעקט־מענטשלעכער געפיל, וואָס האָט אים אַזוי פיל מאָל געטריבן צו פאַרטיידיקן אין אַמעריקע מענטשן, וואָס ס'האָט זיי געדראָט טויט־שטראָף. דער מענטש איז גרעסער פון זיינע געדאַנקען, קלוגער

פון זיינע חכמות, טיפער פון זיין פילאָסאָפיע. דאָרט האָט מער אמונה אין דער הייליקייט פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט, איידער זיין „פילאָסאָפיע" דערלויבט עס אים.

3. פּאַראַדאָקס

פאַרן פּאַראַדאָקס עקסיסטירן נישט קיין גרענעצן. אין אַ רוסישער טורמע, דערמאָן איך זיך, איז מיר אַמאָל אויסגעקומען צו פאַרברענגען אַ וואָך אין איין צימער מיט אַ מערדער. זיבן נעכט זענען מיר געשלאָפן צוזאַמען אין דער נאָענטסטער שכנות. איינמאָל, אין אַ קאַלטער, שלאָפלאָזער נאַכט, האָט ער מיר בסוד דערציילט דאָס, וואָס ער האָט אַזוי קונציק אויסבאַהאַלטן פאַרן פּראָקו־ראָר — אַז ער האָט שוין דערמאָרדעט זעקס מענטשן. איך האָב אים שטילער־הייט אַ פרעג געטאָן: „ווי קענסטו נאָך לעבן אויף דער וועלט נאָך אַזעלכע פאַרברעכנס?" ער האָט זיך ברייט צעלאַכט און מיר געענטפערט:

„דאָס איז, פריינט מיינער, אַן אַפּיקורסישער שטאַנדפּונקט. פאַר אייך, אומגלויביקע, עקסיסטירט נישט קיין יענע וועלט און אַלע חשבונות ווערן גע־ענדיקט דאָ, אויף דער וועלט. פאַר אייך איז אַ מאָרד — די פאַרניכטונג פון אַ מענטשן, אויף שטענדיק, אויף אייביק. איך אָבער גלויב אין גאָט, אין עולם־הבא, אין אייביקן לעבן. אַ מענטש קען מען נישט פאַרניכטן. מיינע הרוגים לעבן נאָך, וועלן אייביק לעבן. איך האָב זיי נאָר אַריבערגעפירט פון איין ווױ־נונג אין אַן אַנדערער. דאָס איז מסתמא אויך אַ פאַרברעכן, אָבער איך וועל זיך נאָך באַגעגענען מיט זיי. איך וועל נאָך האָבן אַ מעגלעכקייט צו בעטן ביי זיי מחילה און זיי וועלן זיך נאָך מיט מיר אויסגלייכן. אונדזערע חשבונות זע־נען סיי־ווי־סיי נאָך נישט פאַרענדיקט. אין דער אייביקייט זענען נאָך פאַראַן גענוג סטאַנציעס, וווּ מיר וועלן זיך טרעפן".

איך האָב זיך דעמאָלט דערמאָנט אַן פרידריך דעם גרויסן, וועלכער האָט זיך פונקט אויף אַזאַ אופן איינגעשמועסט, אַז ער האָט אַ היתר אויף זעלבסט־מאָרד: „וואָס פאַר אַ פאַרברעכן איז עס, אויב איך פיל זיך ענג און שלעכט אין ערשטן שטאָק פון מיין הויז און איך פיר זיך אַריבער אין צווייטן שטאָק? זיך פאַרניכטן איז סיי־ווי אוממעגלעך ווייל איך בין — אייביק".

מיין מערדער־פריינט האָט וועגן פרידריך דעם גרויסן קיין מאָל נישט געהערט. זיין פּאַראַדאָקס איז נישט קיין פּלאַגיאַט.

4. שוואַרצבאַרד

כ׳האָב אים איין מאָל באַגעגנט. אַ פיין, אָפן, גוטמוטיק פּנים מיט אוקראַיִניש־ייִדישן חן. מאָדנע, וויפל גוטמוטיקע, צאַרטע מענטשן עס זענען פאַראַן צווישן טעראָריסטן. איך געדענק גוט פּנחס דאַשעווסקין, דעם וואָס האָט געמאַכט דעם אַטענטאַט אויף קרושעוואַנען. עס האָט זיך מיר שטענדיק געדאַכט, אַז ער וואָלט ביי אַ קאַץ געבעטן מחילה, ווען ער טרעט איר צופעליק אָן אויף דעם עק. כ׳האָב מורא, אַז שוואַרצבאַרד קלערט אויך זיבן מאָל איבער, ביז ער באַשליסט זיך אַ פּאַטש טאָן אַ פליג אויף דער וואַנט. און דאָך...

אָבער נאָך וואָס פאָרט ער אַרום אויף דער וועלט? ריכטיקער: ווער און נאָך וואָס פירט מען אים אַרום? נאָך וואָס האַלט ער רעדעס, „קאַסירט איין״ אַפּלאָדיסמענטן, לאָזט זיך טיטולירן ווי אַ נאַציאָנאַלער העלד, דעקלאַמירט וועגן דבורה הנביאה און בר־כוכבאן? ווען ער איז געגאַנגען דערמאָרדן פּעטלוראַן, איז ער קיין שליח־ציבור נישט געווען. קיינער האָט אים נישט געשיקט. דאָס איז געווען זיינס אַן אינדיווידועלער אַקט, דער אויפברויז פון וויטיק, דער טעמפּעראַמענט פון גואל־הדם, זיין פאַרשטענדלעכע באַדערפעניש אין נקמה. אַז דער מאָרד האָט פּאַסירט, האָבן מיר אים קיין יישר־כוח נישט געזאָגט (סיי־ווי האָט ער דאָך פאַרניכטעט דאָס וואָס ייִדן רופן אַ „גברא קטילא״, אַ שוין געהרגעטן מאַן — אַ קראַנקן, אָרעמען, איינזאַמען עמיגראַנט, אָן מאַכט פאַר נייע רשעות, אָן קראַפט פאַר נייע רציחות), אָבער באַשיצן אים האָבן מיר געמוזט. ס׳איז געווען אונדזער חוב. נאָך דעם ווי ער איז באַפרייט געוואָרן וואָלט געווען דאָס נאַטירלעכסטע און שענסטע, ווען ער פאָלגט זיין אייגענעם אינסטינקט און ציט זיך צוריק אין זיין פּריוואַטן לעבן. איך וויל דערמיט, חס ושלום, נישט זאָגן, אַז אויב אַ מענטש איז באַגאַנגען אַ נישט־אויטאָריזירטן פּאָליטישן מאָרד (אין דעם פאַל אַ נקמה־מאָרד), דאַרף ער זיך אַליין פאַרמשפּטן אויף התבודדות און זיך נישט מישן אין עפנטלעכן לעבן. אויב ער האָט די נייטיקע פעיִקייטן, דעם נויטיקן דראַנג און חוש פאַר עפנטלעכן לעבן און טעטיקייט; אויב ער האָט עפּעס צו זאָגן, וווהין צו רופן, אָדער וואָס אויפצוטאָן — זאָל ער עס טאָן און זאָלן זיינע הענט געבענטשט זיין, אויב ער לייגט זיי צו צו גוטע און ריינע זאַכן. אָבער זאָל ער עס טאָן — ווי זאָל איך מיך אויסדריקן? — אָן וועלכער עס איז פאַרבינדונג מיט דעם טעראָריסטישן אַקט. זאָלן, דער עיִקר, די אַרומיקע נישט אַפּישירן דעם דאָזיקן אַקט אַלס אַ פאַרדינסט פאַרן פאָלק, אַלס אַ נאַציאָנאַל־העראָיִשע טאַט, אַלס יענעם מאָמענט וואָס מאַכט דעם מענטש פאַר אַ מאַן.

אַ טעראָריסט פון דעם שוואַרצבאַרד־טיפּ האָט אין עפנטלעכן לעבן נישט ווייניקער רעכט ווי יעדער אַנדערער, אָבער אויך נישט קיין באַזונדערע רעכט. דאָס פּראָוועס באַנקעטן און מאַכן אָוואַציעס אַ טעראָריסט אַלס טעראָריסט, הייסט געבן אַ סאַנקציע, דערהייבן טעראָר צו אַן אידעאַל, שטעלן עס אַלס אַ מוסטער פאַר דער יוגנט. דאָס איז, פאַר אַלעמען, שלעכטע פּעדאַגאָגיק.

מיין כוונה איז נישט אין וועלכער נישט איז מאָס צו וואַרפן כאָטש אַ ברעקל שאָטן אויף שוואַרצבאַרדס פּערזענלעכקייט איך וואָלט מיר פריער „אָפּ־געביסן די צונג" איידער צו זאָגן עפּעס, וואָס קען מוסיף זיין ווייטיק אַ מענטש, וואָס האָט יאָרנלאַנג געטראָגן אין זיך אַזוי פיל צער און צאָרן, וואָס האָט גע־טראָגן אין זיך אויך מיין ווייטיק, די יסורים און באַליידיקונגען פון יעדן פון אונדז. אָבער מיך פאַרדריסט, וואָס ער פאָלגט אַנדערע און נישט זיך אַליין, וואָס ער ווייזט נישט אַרויס גענוג כאַראַקטער נישט צו דערלויבן די אַנדערע אים אַרומצופירן, אים צו אַפּישירן, אים צו דעמאָנסטרירן. באַגיין אַ טעראָר־אַקט הייסט דורכלעבן אַ טיפע טראַגעדיע — און טראַגיק איז נישט קיין „העל־דנטום". ס'איז אפשר עפּעס טיפערס, אינטימערס און... שטילערס.

5. דיאַלאָג

דאָס יינגעלע: פּאַפּאַ, וואָס הייסט אַ פּאַציפיסט?

דער פאָטער: אַ מענטש, וואָס איז קעגן מלחמה.

דאָס יינגעלע: ביזטו אַ פּאַציפיסט?

דער פאָטער: אַוודאי.

דאָס יינגעלע: הייסט עס, דו ביזט קעגן הרגענען מענטשן פון אַ פרעמד לאַנד, אָבער דו ביזט גרייט צו הרגענען מענטשן פון דיין אייגן לאַנד. דאָס איז דאָך אַ רעוואָלוציע. הייסט דאָס אַ פּאַציפיסט?

דער פאָטער: דו ביזט נאָך צו קליין צו פאַרשטיין אַזעלכע זאַכן. ווערסט אויסוואַקסן...

דאָס יינגעלע: נאָך אַמאָל דער זעלבער „טריק". אַלע מאָל, ווען דו ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן, לייגסטו אָפּ אויף ביז איך וועל אויסוואַקסן. איך בין שוין אויסגעוואַקסן.

דער פאָטער: חצוף!

דרום און צפון

גייט דייטשלאַנד צו אַ ליקווידאַציע פון קריסטנטום? ווען די פריש־געבאַקענע נביאים פון די אַלט־גערמאַנישע געטער, פון וואָטאַן און פריאַ, דערגרייכן זייער צוועק? גייט דאָס דריטע רייך צוריק צום מיטלאַלטער, אָדער נאָך ווייטער אויף צוריק, צו די פאַר־קריסטלעכע, „באַרבאַרישע", טויטאָבור־גער צייטן?

איך וועל נישט ספּעקולירן מיט נבואות. עס ווערט מיר אַלץ שווערער צו „שפּענגלערירן" — סתם זיך אַזוי מאַכן ברייטע גענעראַליזאַציעס, אָפּפאָטאָ־גראַפירן מיט אַ מעטאַפיזישן „קאָדאַק" נאַציאָנאַלע קולטורן, ראַסן־גייסטער, קאָנטינענטן און קלימאַטן, און אויף דעם סמך אַרויסטראָגן לעבנס־ און טויט־אורטיילן, אַנטשיידן גורלות. די גאַנצע קולטור פון דער אייראָפּעיִשער אָדער אייראָפּעיִזירטער מענטשהייט איז שוין אפשר איבערגעגאַנגען אין אַ מעבר־יבוק־פּעריאָד. עס קען זיין אַז דייטשן זענען איצט אין אַ געוויסן זין אַן „אויס־דערוויילט פאָלק"; אַ פאָלק וואָס איז אויסדערוויילט פון דער געשיכטע, עס זאָל מיט אַ פאָר יאָר פריִער אַריינפאַלן אין יענער משוגעת, פון וועלכער דער גאַנצער וועלט איז אפשר באַשערט מטורף צו ווערן. ווער עס האָט געהערט ניטשעס היסטערישע אויסברוכן מיט אָפענע אויערן, האָט דעם דייטשן טירוף געקענט פאָרויספילן — פונקט ווי דער, וואָס האָט זיך גוט צוגעקוקט צו דאָס־טאָיעווסקיס קאָנוווּלסיעס, האָט אין זיי געקענט דערשפּירן דעם אָנקומענדיקן דזשינגיס־כאַנישן מאַרקסיזם פון דער באָלשעוויסטישער סטיכיע. אין איינער און דער זעלבער קראַנקייט רעדט יעדער פון היץ אויף זיין שפּראַך: איינער באָלשעוויסטיש און דער אַנדערער פאַשיסטיש, איינער עוואַנגעליש־חולה־נו־פלדיק און דער אַנדערער אַנטיקריסטלעך־ בלאָנדע־בעסטיעדיק. דער טער־מאָמעטער פאַרשטייט אָבערביידע שפּראַכן, און דער וואָס טאַפּט דעם דופק, איז אַלץ איינס, צי האָט ער צו טאָן מיט אַ בלאָנדן אָדער אַ ברונעט. אויב אַ סוף — וועט עס אפשר זיין אַ שותפותדיקער סוף. וואָס ס'וועט זיין מיט כלל־אייראָפּע, וועט זיין אויך מיט „רב"־אייראָפּע, אָדער מיט דעם, וואָס האָט גע־וואָלט זיין דער רבי פון אייראָפּע.

אָט אַזוי וויל איך זיך אויסהיטן פון ספּעקולאַציע, און דאָך — עס ספּע־קולירט זיך אַליין...

***

מיין פריינט קאָראַלניק ספּעקולירט אָבער באַוווסטזיניק, מיט אַ כיוון. אין דעם רעוואָלט קעגן קריסטנטום־ייִדנטום, וועלכער קומט איצט פאַר אין דייטשלאַנד מצד די עקסטרעם־היטלעריסטישע קרייזן, זעט ער „דעם אויפשטאַנד פון דעם צפון, די מרידה פון שניי און אייז קעגן זון און בלויען הימל" („הער דאַוויד פון טויטאָבורג", אין ניו־יאָרקער „טאָג"). די „קאַלטע לענדער", מיינט ד"ר קאָראַלניק, קענען נישט האָבן קיין „שייכות צו דעם גאַנצן ענין קריסטנטום, און זיין פּראָלאָג און אַקאָמפּאַנימענט — ייִדנטום". דער צפון איז אין זיין מהות אַנטי־קריסטלעך און ממילא אַנטי־ייִדיש. אַזוי איז דייטשלאַנד און אַזוי איז רוסלאַנד מיט אירע „אָרעמע, שניי־פאַרשאָטענע, שטורעם־געפּאַטשטע דערפלעך". „וואָס פאַר אַ שייכות", פרעגט ער, „קען זיין צווישן די דאָזיקע (צפון־) מענטשן און צווישן דוד און שאול און די מדבר־גלִיענדיקע נביאים און דער ליידנשאַפט פון אַ פאָלק, וואָס האָט געזוכט גאָט אויף אַלע וועגן?" די פאַרשפּרייטונג פון ייִדנטום אין זיין עוואַנגעלישער פאָרעם אין די צפון־לענדער איז געווען לכתחילה, ווי ד"ר קאָראַלניק מיינט, „אַ שלעכטער שידוך", אַ מין היסטאָרישע מיספאַרשטענדעניש, און דערפאַר „זענען זיי אייגנטלעך גערעכט, די דייטשן: זיי האָבן נישט געפּאַסט איינער צום צווייטן, דער ליידנשאַפטלעכער מגיד פאַולוס, דער פּרושי פון די פּרושים, און דער שווערער הערמאַן פון טויטאָבורג".

הייסט עס, קריסטנטום און ייִדנטום (בײדע צוזאַמען, ווייל סיי פאַר ד"ר קאָראַלניק און סיי פאַר מיר איז קריסטנטום איינע פון די מאַניפעסטאַציעס פון ייִדנטום) זענען, אַזוי צו זאָגן, קלימאַט־דערשיינונגען. ביז אַ געוויסן מערידיאַן קען זייער פאַרשפּרייטונג גיין אויף אַ דרך הטבע, אָבער וואָס ווייטער פון יענעם מערידיאַן — אַלץ קינסטלעכער ווערט דער ענין, קינסטלעכער און נוצלאָזער; אַזוי ווי עס איז, למשל, נוצלאָז צו פלאַנצן אָראַנזשן־ביימער אין אַלאַסקאַ. „אין דעם דרום — אין רוים, אין נעאַפּאָל, אין סאַנטיאַגאָ די קאָמפּאָסטעלאַ אָדער אין דער קאַטעדראַלע פון סעווויליאַ, איז דער צוזאַמענהאַנג (צווישן דעם פאָלק און קריסטנטום) קלאָר"; איטאַליענער, שפּאַניער, אַפילו פראַנצויזן זענען, אַזוי צו זאָגן, פון די חסידי־אומות־העולם — אָבער „נאָרדיקס"? וואָס קענען זיי האָבן צו טאָן מיטן באַרג סיני, מיט דער גאָלגאָטאַ? ד"ר קאָראַלניק באַצאָלט די אָנהענגער פון דער נאָרדיקס־סופּעריאָריטעט־טעאָריע מיט דער זעלבער מאָס, מיט וועלכער זיי באַהאַנדלען אונדז: מיט אַ קוקן פון אויבן אַראָפּ. דאָס אייבערשטע פונעם שטייסל זענען מיר — דרום־מענטשן און דרום־פעלקער. דער צפון, רחמנא־ליצלן, באַשטייט פון לענדער „הדומים לחמור".

אָט אַזוי ווערן מיר אויך ביסלעכוויז אָנגעשטעקט מיט „ראַסיזם", מיט באַגריפן און פאַרשטעלונגען וועגן איין מאָל פאַר אַלע מאָל פיקסירטע „נאַ־

ציאָנאַלע גייסטער״, וואָס קענען פון זייערע גרענעצן נישט אַרויסגיין. ווערן אַזעלכע באַגריפן אַ וואַריאַציע פון אַן אַנדער אידייע — אַז עס זענען פאַראַן אַריסטאָקראַטישע קלימאַטן און פּלעבייִשע קלימאַטן; ראַסן־מיוחסים און ראַסן פון אַ נידעריקן יחוס. ווערט דערפון שטילערהייט אַנטי־גויִיזם, וועלכער איז נישט קיין העכערע מדרגה פון אַנטיסעמיטיזם...

***

מיט וואָס שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, פראַנקרייך און גריכנלאַנד זענען קריסטלעכער און דערמיט נענטער צום יידישן מקור איידער, לאָמיר זאָגן, די סקאַנדינאַווישע פעלקער — ווייס איך נישט. קיין „גאָטס קעניגרייך״ האָט קיינער פון זיי ביי זיך אין לאַנד נישט איינגעפירט. און וואָס ס׳איז שייך „מענטאַליטעט״ — ווער קען עס אַזוי עקזאַקט מעסטן? עס איז פון דעסטוועגן נישט איגנאָנצן קיין צופאַל, וואָס די ביבל איז פּאָפּולערער גראָד ביי די נאָרדישע און פּראָטעסטאַנטישע פעלקער, איידער ביי דרום־קאַטוילישע. עס איז נישט אינגאַנצן קיין עפּיזאָד, וואָס אַ בירגערקריג אין ענגלאַנד איז געווען דורך און דורך אָנגעזאַפּט מיט ביבל־מאָטיוון; וואָס אָליווער קראָמוועל האָט זיינע סאָלדאַטן סטימולירט מיט... תהלים־זאָגן. דזשאָרדזש פאָקס, דער גרינדער פון דער קוויקער־באַוועגונג אין ענגלאַנד, איז נישט אַראָפּגעפאַלן פון הימל. ער איז אַרויסגעוואַקסן פון דעם נאָרדישן באָדן, פון די בריטישע אינדזלען. וויליאַם פּען האָט, נישט ביי זיך אין ענגלאַנד און נישט שפּעטער, אין די דעמאָלטיקע מדבריות פון פּענסילוואַניע, נישט געבאָרגט זיין ביבליש־עוואַנגעלישן פּאַטאָס פון שפּאַניער אָדער פּאָרטוגעזער אָדער פון אַנדערע דרום־מענטשן. אויך אין דייטשלאַנד גופא איז נאָך אַ שטיקל פראַגע, ווער עס איז טיפּישער פאַרן לאַנד און פאַרן פאָלק: אַזעלכע עקזאַלטירטע מקובלים ווי מייסטער עקהאַרט און יעקב בעהמע, צי גראַף רעוווענטלאָוו, היטלער און ראָזענבערג? די פלעמער זענען אויך צפון־מענטשן — און איך קען ביי זיך נישט פועלן, אַז רויסברוק דער וווּנדערבאַרער, וועלכער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אויף דורות־לאַנג אַזאַ אַראָמאַט פון קריסטלעך־מיסטישער שטילער אַנטציקונג, איז געווען נישט מער ווי אַ צופאַל. און כאָטש רוסלאַנד פאַרמאָגט „שניי־פאַרשאָטענע, שטורעם־געפּאַטשטע דערפלעך״ און אין שפּאַניע שמעקן פּאָמעראַנצן און עס בליִען מילגרוימען, איז נאָך אַ פראַגע, צי סערגעיעוו־פּאָסאַד אָדער אָפּטינאַ פּוסטין זענען נישט נענטער קיין ירושלים און קיין בית־לחם איידער מאַדריד און סעווילאַ. עס איז נאָך אַ פראַגע, ווער עס פאַרשטייט מער און לעבט איבער אָרגאַנישער די געשיכטע פון דעם נס אין קנה וואָס אין גליל אָדער די טיפע מיסטעריע פון דער „לעצטער סעודה״ — דער נאָרדישער

פּאָלקסטימלעכער רוס, ביי וועמען דאָסטאָיעווסקי האָט געשעפּט זיין יניקה, אָדער דער געניטער איטאַליענער צי דער קאַרדאָוווער שפּאַניער, וועלכער איז פאַרבלענדט און האַלב־פאַרשיכורט פון דער טעאַטראַלער דעקאָראַציע און זיין פּאָמפּעזער קאַטוילישער קירך...

עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס גראָד די צפונדיקע פעלקער האָבן דורכ־געמאַכט דעם שטורעם פון רעפאָרמאַציע, די ראַנגלענישן מיט אַלטע, שווערע אויטאָריטעטן, דעם קאַמף קעגן דער איקאָנע, דעם רעוואָלט קעגן רוימישער עבודה־זרה. די רעפאָרמאַציע איז נישט געווען קיין באַרבאַרישער אויפשטאַנד קעגן דעם עכטן קריסטנטום, נאָר פונקט פאַרקערט, אַ מין „תשובת המשקל", אַ צוריקקער צו די עכטע מאָטיוון פון ריינערן, „יידישערן" און מער אַלט־טעסטאַמענטלעכן קריסטנטום. דער נאָרדישער באַפּטיסט איז אין שורש, (איי־דער ער איז פאַרגליוועדט און דעגענערירט געוואָרן) מער „ייד", נענטער צו די מקורות פון יענעם יידנטום וואָס האָט באַפרוכפּערט דאָס קריסטנטום, נענ־טער צו יענעם נשמה־צושטאַנד, וואָס האָט געהערשט אין די עוואַנגעלישע געמיינדעס אין ירושלים און אין קליינע שטעטלעך פונעם פאַרחלומטן גליל, איידער דער שטייפער, דאָגמאַטישער, דורך און דורך פון „אויטאָריטעט" גע־פּענטעטער קאַטאָליק פון דרום.

⁂

אין אונדזערע טעג פון אויפגעשרויפטן, ספּאַזמאַטישן נאַציאָנאַליזם, הייבט זיך אָן צו בענקען נאָך דעם אַמאָליקן, נאַיִוון קאָסמאָפּאָליטיזם. איך האָב אים שוין נישט געטראָפן אויף דער וועלט — און איך קען נישט זאָגן אַז איך האָב דערפון גרויס צער. אָבער אין פאַרגלייך מיט די איצטיקע פּרוּוון צו מאַכן דעם נאַציאָנאַליזם פאַרן מלך־מלכי־המלכים פון אונדזער גאַנצן לעבן; אין פאַר־גלייך מיט די מאָדערנע ראַסן־טעאָריעס, וועלכע שטעקן אָן מיט זיך מענטשן וואָס לויט זייער גאַנצן מהות וואָלט זיי געדאַרפט עקלען פון דער „בלוט־עבודה־זרה"; אין פאַרגלייך מיט דער איצטיקער טענדענץ צו „געאָגראַפיזירן" אמתן און גייסטיקע ווערטן, איז יעדער נאַיִווער און סכעמאַטישער קאָסמאָפּאָליט געווען... ווי זאָל איך זאָגן? אַ בן־מלך אין קעניגרייך פון קולטור.

אויב יידנטום איז עפּעס, איז עס סיי אין מזרח און סיי אין מערב; אויב קריסטנטום איז אַ שורשדיקער צוגאַנג צום וועלט־אמת און צו אייביקייטס־ווערטן, מוז עס זיין איינס און דאָס זעלבע (אַחוץ ניואַנסן, אַחוץ „לאָקאַלן קאָ־ליר") סיי אין דרום און סיי אין צפון. דער דרום איז נישט דער איינציקער „וועג" צו גאָט, און דער כביכול האָט נישט באַהאַלטן זיין פּנים פאַר די, וואָס מוזן אַרויפקוקן צו אים פון צפון.

ח ײ ם   ג ר י נ ב ע ר ג

אין אונדזערע כמאַרנע, מוטנע טעג בענקט זיך נאָך אַ רב לוי יצחק בער־דיטשעווער און נאָך זיין פשוטער און חנוודיקער תפילה:

„איה אמצך ואיה לא אמצך?
וווּ קען איך דיך געפינען?...
און וווּ קען איך דיך נישט געפינען?...
מזרח — דו, מערב — דו,
צפון — דו, דרום — דו,
רק דו, אַלץ דו, נאָר דו...״

לאָס־אַנדזשעלעס, 1934

דאָס רעכט אויף אַסימילאַציע

וועגן ר׳ שניאור זלמן מליאַדי ווערט דערציילט, אַז אין דעם נאַ־פּאָלעאָניש־רוסישן קריג איז ער געווען אַ רוסאָפיל, נאַפּאָלעאָנס אַ קעגנער. ער האָט אויף דעם געהאַט זיינע מאָטיוון. פון אונדזער היינטיקן שטאַנדפּונקט זעען זיי אויס צו זיין משונהדיק, אָבער פון זיין אייגענעם שטאַנדפּונקט זענען זיי זייער לאָגיש און קאָנסעקווענט. נאַפּאָלעאָנס חיילות האָבן אין יענע צייטן געטראָגן מיט זיך גייסט־עלעמענטן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע: פּאָליטישע פרייהייט, בירגער־רעכט פאַר אונטערדריקטע און עמאַנסיפּאַציע פון ייִדן. האָט דער גאון און ירא־שמים געמאַכט אַ חשבון, אַז די אַלע זאַכן זענען אפשר אַן און פאַר זיך גוט פאַר דער וועלט בכלל — אָבער נאָר פאַר די אומות־העולם. ייִדן און, דער עיקר, ייִדישקייט, וועלן פון נאַפּאָלעאָנס פרייהייטן קריגן אַ שטאַרקן קלאַפּ. צוזאַמען מיט עמאַנסיפּאַציע הייבט זיך אָן ביי ייִדן, בעוונותינו הרבים, הפקרות און אַפּיקורסות, וועלכע קענען מיט דער צייט פירן צו אַ מאַסן־שמד. איז שוין גלייכער, אַז ייִדן — לכל הפחות, רוסישע ייִדן — זאָלן בלייבן אונטער אַ באַרבאַרישער הערשאַפט פון רוסישע דעספּאָטן, אונטערדריקט און רעכטלאָז, איידער עס זאָל זיגן אַ ליבעראַלער רעזשים, וואָס וועט אָנפלאָדיען אָן אַ שיעור פּושעי־ישראל. איך וואָלט זיך נישט אונטערגענומען צו אַרגומענטירן מיט דעם חסידישן גאון, ווען ער וואָלט איצט, לאָמיר זאָגן, אויפגעשטאַנען תחית־המתים. ער, פון זיין שטאַנדפּונקט — פון יענע לעבנס־און וועלט־ווערטן, וואָס זענען פאַר אים געווען די העכסטע און די הייליקסטע — איז געווען אַבסאָלוט גערעכט און אויסגעהאַלטן. האָב איך דעם גרעסטן דרך־ארץ פאַר דעם מאָראַלישן קוראַזש, וואָס ער האָט אין זיין צייט אַרויסגעוויזן.

אָבער 1937 איז נישט די צייט פון די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות, ניו־יאָרק איז נישט ליאַדי און ד״ר זשיטלאָווסקי (מיט דעם אויפריכטיקסטן רעספּעקט וואָס איך האָב אַלע יאָרן צו זיין אַזוי אימפּאָנירנדיקער פערזענלעכקייט) איז, סוף־כל־סוף, זייער ווייט פון ר׳ שניאור זלמנס פרומקייט. איך בין דערפאַר דערשטוינט געוואָרן לייענענדיק זיין אַרטיקל „אַלערליי גזירות אויף ייִדן״ (אין „טאָג״ פונעם 10טן מאַי). דער איבער־פרומער אַדוואָקאַט פון ייִדישיזם פילט זיך שאָקירט פונעם פאַקט, וואָס „אונדזערע נאַציאָנאַליסטן און ציוניסטן, איך מיין, אָט די נאַציאָנאַל־פרומע ייִדן, פאַר וועמען די אַנטוויקלונג פון אַן אייגע־

נער קולטור און אַן אייגענער שפּראַך איז אַ הייליקייט; פאַר וועמען די אַסימי־לאַציע אין דער לאַנד־שפּראַך און אין דער לאַנד־קולטור איז נאָך אַ סך טריפה־נער איידער פאַר דעם פרומען ייִד חזיר" — אָרגאַניזירן פּראָטעסט־מיטינגען און דעמאָנסטראַציעס קעגן דעם, וואָס „אין אַנטיסעמיטישע, פאַשיסטישע און האַלב־פאַשיסטישע לענדער הייבט זיך אויף אַ באַוועגונג, וואָס וויל אַרויס־שטויסן אַלע ייִדן פון דער נישט־ייִדישער שפּראַך־ און קולטור־ספערע".

ד"ר זשיטלאָווסקי איז זיכער, אַז ווען אַ רעגירונג וואָלט אַרויסגעלאָזט, לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַ גזירה, אַז „עס זאָל מהיום והלאה זיין פאַרווערט יעדן ייִד, אונטער אָט די און די שטראָפן, צו עסן אין נישט־ייִדישע רעסטאָראַנען; צו באַנוצן זיך אין זייערע שפּייזן אוך געטראַנקען מיט געשיר, וואָס זענען פריִער באַנוצט געוואָרן פון נישט־ייִדן; נישט צורירן זיך צו חזיר־פלייש, נישט צו שינקען, נישט צו קאָלבאַס, נישט צו אַנדערע פּראָדוקטן פון דער זעלבער היה" — וואָלטן פרומע ייִדן קעגן דעם נישט פּראָטעסטירט: „נעמען זיך צום האַרצן, וואָס מען פאַרווערט ייִדן עסן טריפות — וועלן זיי נישט. זאָלן זיך וועגן דעם רייסן אויף די גלייכע ווענט די טריפניאַקעס און חזירניקעס, נישט זיי". אומגעפער אַזוי וואָלטן, לויט ד"ר זשיטלאָווסקין אויך געדאַרפט רעאַגירן נאַציאָנאַלע ייִדן אויף די „קולטור־גזירות" אין די פאַשיסטישע און האַלב־פאַשיסטישע לענדער: „זאָלן זיך די קולטור־טריפניאַקעס און די קולטור־חזיר־ניאַקעס, די „אַסימילאַטאָרישע פּושעי־ישראל", רייסן אויף די גלייכע ווענט. אָבער מיר — נאַציאָנאַליסטישע „יראי־שמים" — וואָס געוואָלדעווען מיר? אַנשטאָט צו קעמפן קעגן יענע גזירות, וואָלטן מיר גאָר געדאַרפט רופן דאָס גאַנצע פאָלק, טאָג־איין טאָג־אויס, צו קומען צו זיך, איינגאַנצן זיך אָפּצוטרייס־לען פון דער עבודה־זרה, וואָס רופט זיך שפּראַך־אַסימילאַציע".

וואָס שייך רופן דאָס פאָלק, עס זאָל קומען צו זיך און צו זיינע אייגענע קוואַלן — איז עס שטענדיק אונדזער חוב, אונטער אַלע אומשטענדן. מיר דאַרפן עס טאָן אויך אין אַ צייט ווען עס שיטן זיך נישט קיין גזירות אויף אונדזערע קעפּ און אַפילו ווען אונדזערע שכנים, אָדער די רעגירער פון אונד־זערע שכנים, ווילן אונדז נישט אַרויסשטויסן פון דער נישט־ייִדישער שפּראַך־און קולטור־ספערע. וואָס האָט עס אָבער צו טאָן מיט קאַמף קעגן דיסקרימי־נאַציע, קעגן ווידער אויפלעבן פאַר אונדז די אַמאָליקע געטאָ, קעגן צונעמען ביי אונדז די פרייהייט זיך אויסצולעבן קולטורעל ווי מיר ווילן, ווי יעדער איינער פון אונדז וויל — נאַציאָנאַל צי אַסימילאַטאָריש? ד"ר זשיטלאָווסקיס אַרטיקל איז געשריבן אין טאָן פון אַ געוויסער צופרידנקייט מיט יענע גזירות: כ'איז גוט פאַר ייִדן און, דער עיקר, פאַר „ייִדישקייט"! עס איז גוט פאַר אונד־זער גאַנצקייט, עס קען אָפּשוואַכן אונדזער פאַרשאָלטענע ציגיינערישקייט —

און, דער עיקר קען עס פאַרשטאַרקן די קולטור־פּאָזיציעס פון אונדזער יידישן לשון. אָט אַזאַ „פרומקייט" ווייזט איצט אַרויס ד"ר זשיטלאָווסקי, אַזאַ כמעט־רעליגיעזן ברען פאַר יידישיסטישן נאַציאָנאַליזם.

איך האָב בטבע ליב פרומע מענטשן, און פרומע יידן אַוודאי און אַוודאי; איך האָב ליב אַלערליי „פרומקייטן", אַלץ איינס וואָס פאַר אַן אינהאַלט זיי האָבן און וואָס עס איז דער אָביעקט פון זייער קדושה. אָבער אויך פרומקייט דאַרף זיין מיט אַ שטיקל שטאַלץ — און איין „יראה" איז נישט געגליכן צו דער אַנדערער. זשיטלאָווסקיס משל מיט די פרומע יידן — און מיט דעם אופן, ווי זיי וואָלטן רעאַגירט אויף אַ פאַרבאָט פאַר יידן צו עסן חזיר — איז נישט געגליכן צו דעם נמשל מיט די נאַציאָנאַלע יידן און דעם אופן ווי אַזוי זיי וואָלטן געדאַרפט באַהאַנדלען דעם פאַרבאָט, אָדער די גזירות אויף קולטור־אַסימילאַציע. פאַר דעם פרומען ייד איז חזיר אָסור בהנאה אונטער אַלע אומשטענדן. אַ פרומער ייד זאָגט נישט אַז אויף אַ יידישער סעודה וועט ער עסן נאָר כשר, אָדער אויף אַ סעודה צוזאַמען מיט גויים איז ער גרייט צו עסן אַיסטערס; ער וועט גאָר קיין מאָל נישט גיין אויף אַ גויישער סעודה. אונדזערס אַ ייד, אַ נאַציאָנאַליסט, וועט זיך נישט לאָזן לאַנג בעטן אויף אַ גויישער קולטור־סעודה, אויב עס וועלן דאָרט זיין אָנשטענדיקע גויים (זיך אָפּשליסן פון דער וועלט ווילן מיר נישט און אויך ד"ר זשיטלאָווסקי וויל עס נישט). שוין קומענדיק אויף דער סעודה איז אַלץ איינס, צי איינער פון אונדז איז אַ יידישיסט אָדער אַ העברעיסט, וועט ער דאָרטריידן גויש און אָסור צי ער וועט דערביי פילן אַז ער טוט אַן עבירה. אַ פרומער ייד האָט זיין יסוד צו גלויבן אין אַ צייט ווען גויים וועלן זיך אַלע מגייר זיין און קיינער אין דער גאַנצער וועלט וועט שוין קיין חזיר נישט עסן (ווייל אין תוך, האַלט ער, דאַרפן מענטשן בכלל זיך נישט מטמא זיין מיט חזיר). אָבער אַ פרומער יידישער נאַציאָנאַליסט דאַרף פריער אָראָפּגיין פון זינען, בכדי ער זאָל אָנהייבן גלויבן, אַז יידיש (אָדער העברעיש) וועט אַמאָל ווערן — אין משיחס צייטן — די שפּראַך פון אַלע אומות־העולם, ווייל אַנדערע שפּראַכן אָדער קולטורן זענען אַן און פאַר זיך טריף.

עס זענען נישטאָ קיין טריפהנע שפּראַכן און קולטורן אויף דער וועלט. יעדע שפּראַך איז אַ — לשון־קודש. ווי ערגסט מיר זאָלן נישט נעמען אונדזער קולטור־ און שפּראַך־נאַציאָנאַליזם, באַטראַכט קיינער פון אונדז נישט אַ פרעמדע שפּראַך אַלס „אַ שטיק חזיר". דער רמב"ם, ר' יהודה הלוי, איבן גבירול זענען נישט געווען קיין „קולטור־מיומדים" דערפאַר וואָס אַ גרויסן טייל פון זייערע ווערק האָבן זיי געשריבן אויף גויש. אַפילו אַזעלכע נאַציאָנאַלע „אַפּיקורסים" ווי מאַרקס, לאַסאַל און היינע, וועלכע האָבן געשריבן אויף גויש

(נישט ספּעציעל פֿאַר ייִדן, נאָר אויך פֿאַר גויִים) און שפּינאָזאַ, וואָס האָט זיך איבערגעשמדט אויף לאַטיין, כדי ער זאָל קענען ריידן (ווי ער האָט געגלויבט) צו דער גאַנצער וועלט, זענען אויך פֿאַר אונדז, נאַציאָנאַלע ייִדן, נישט די ערגסטע „הולטאַיעס“.

אָבער נישט וועגן דעם האַנדלט זיך דאָ. עס לוינט נישט, בשייכות דערמיט נאָך אַמאָל אויפֿצומישן דאָס משונהדיקע קאַפּיטל פֿון אונדזערע קולטור־מח־לוקתן און קולטור־מיספֿאַרשטענדענישן. וואָס מיר אינטערעסירט אין דעם איצטיקן זשיטלאָווסקי־פֿאַל איז גאָר עפּעס אַנדערש: דער עצם פּרינציפּ פֿון פֿרייהייט און פֿון גלייכבאַרעכטיקונג.

לאָמיר אָננעמען, אַז אַ ייִד וואָס רעדט גויִיש אוןווירקט אין אַ נישט־ייִדישער קולטור־ און שפּראַך־ספֿערע איז אַ משומד און אַ פֿאַררעטער און אַז אויף יענער וועלט וועט אים דער גאָט פֿון שפּראַך־און־קולטור־נאַציאָנאַליזם שיקן פֿאַר זיינע חטאים אין גיהנום אַריין. אָנגענומען — כאָטש אַ מינימום פֿון קולטור־שמד איז פֿאַר די ייִדישע מינאָריטעטן אין גלות אַן אומפֿאַרמיידלעכ־קייט. מיר מוזן האָבן אַ בשותּפֿותדיקע שפּראַך מיט אונדזערע נישט־ייִדישע שכנים און די דאָזיקע שפּראַך מוז, אין יעדן לאַנד באַזונדער, זיין די לאַנד־שפּראַך. אָנגענומען און אָנגענומען וואָס איר ווילט. אָבער וואָס קער זיך דאָס אָן מיט גזירות? מיט צווינגען אונדז צו זיין ייִדן? מיט יענע חורבנדיק־עקאָ־נאָמישע קאָנסעקווענצן, מיט וועלכע עס איז אומעטום פֿאַרבונדן „דאָס אַרויס־שטויסן ייִדן פֿון דער נישט־ייִדישער שפּראַך־ און קולטור־ספֿערע?“ מיט יענער סאָציאַלער איזאָלאַציע, מיטן חרם אויף ייִדן, וואָס יענע גזירות ווילן דערגרייכן? מיט רעכטלאָזיקייט בכלל?

גבֿריאל ריסער, איינער פֿון די אָנגעזעענסטע קעמפֿער פֿאַר ייִדישער עמאַנסיפּאַציע אין דייטשלאַנד, זאָל אַמאָל האָבן געזאָגט: „איך בין נישט קיין אָרטאָדאָקס און איך האַלט נישט פֿון מצוות־מעשׂיות. אָבער ווי שטאַרק איך זאָל נישט וועלן, אַז ייִדן זאָלן קריגן זייער פֿולשטענדיקע עמאַנסיפּאַציע — בין איך זיך גרייט אָפּצוזאָגן פֿון איר, פֿאַר מיר און מיינע קינדער, אויב עס וועט מיר געשטעלט ווערן אַ תּנאַי, אַז צוליב בירגער־רעכט דאַרף איך מוותּר זיין אויף חרוסת צום סדר — כאָטש איך דאַרף פֿאַר זיך קיין חרוסת נישט האָבן“. צוליב וואָס דערמאָן איך דאָ ריסערן? ווייל די ווערטער, וואָס ווערן אים צוגעשריבן, דריקן אויס אין אַ בולטער און זייער פּשוטער פֿאָרעם זיין באַגריף פֿון פֿרייהייט, פֿון רעכט און גערעכטיקייט. מיר, היינטיקע נאַציאָנאַלע ייִדן ווילן נישט קיין אַסימילאַציע, אויך נישט קיין קולטור־ און שפּראַך־אַסימילאַציע, אָבער סיי אַלס ייִדן און סיי אַלס בירגער ווילן מיר נישט און מיר טאָרן נישט דערלאָזן, אַז מ׳זאָל אונדז צווינגען צו זיין ייִדן, צווינגען צו לעבן נאַציאָנאַל.

אַלס ציוניסט וויל איך (אויב עס זאָל נאָר מעגלעך זיין), אַז אַלע זעכצן מיליאָן ייִדן זאָלן מאָרגן, אין איין טאָג, אויסוואַנדערן פון די לענדער ווו זיי געפינען זיך און זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל. איך פיל אָבער, אַז ס׳איז מיין הייליקסטער חוב צו קעמפן מיט אַלע מיטלען וואָס געפינען זיך אין מיין רשות קעגן אַרויס־טרייבן כאָטש איין ייִד פון איין לאַנד. איך קען נישט קיין פויליש און איך קלייב זיך קיין מאָל נישט צו לעבן אין פוילן. אָבער ווען די פוילישע רעגירונג זאָל היינט אַרויסלאָזן אַ גזירה, אַז ייִדן טאָרן זיך קיין פויליש נישט לערנען — אַנגענומען אַז איך בין גרייט צו נעמען געווער אין דער האַנט און אַז געווער קען אין אַזאַ פאַל העלפן — בין איך גרייט צו נעמען אַ ביקס אין דער האַנט און פאַרטיידיקן דאָס רעכט פון פוילישע ייִדן צו לערנען און ריידן פויליש; צו ווירקן און צו לעבן אין „אַ פרעמדער שפּראַך״ און קולטור־ספערע״, זיך צו אַסימילירן, אויב זיי ווילן עס. איך וועל עס זאָגן נאָך „גרעבער״ און משומדי־קער: איך וויל זיך בשום אופן נישט אָפּזאָגן פון מיין רעכט אויף אַסימילאַציע — און איך האַלט, אַז עס איז אַ מצווה פאַר יעדן נאַציאָנאַלן ייִד, אויך פאַר יעדן ציוניסט, צו קעמפן אומעטום פאַר דעם רעכט צו באַגיין אַט־די האַרבע עבירה, וואָס הייסט אַסימילאַציע. דעם קאַמף קעגן אַסימילאַציע צווישן ייִדן וויל איך פירן מיט מיינע אייגענע מיטלען, מיט מיין אייגענעם גוטן ווילן, נישט מיט דער הילף פון פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע. יעדע גזירה „קעגן ייִדישער אַסימילאַציע״ וואָס קומט פון אויבן און פון דרויסן, איז אין תוך אַ פאַרניכ־טונג פון מיין ברירה — זיך צו אַסימילירן אָדער זיך נישט צו אַסימילירן (כאָטש אין תוך איז אפשר די דאָזיקע ברירה אַ פיקטיווע, לעבט זי אָבער אינעם באַוווסטזיין פון הונדערטער טויזנטער ייִדן). איך וויל נישט זיין קיין מוז־ייִד; איך וויל זיין אַ וויל־ייִד. איך האָב ליב ייִדיש, איך האָב ליב העברעיִש, איך האָב ליב ייִדנטום (אַלץ איינס, וואָס דאָס דאָזיקע וואָרט מיינט), אָבער נאָך מער פון ייִדיש און העברעיִש און ייִדנטום צוזאַמענגענומען האָב איך ליב — פרייהייט און גלייכבאַרעכטיקונג. אויך די פרייהייט נישט ליב צו האָבן ייִדיש, זיין גלייכגילטיק צו העברעיִש און נישט מאַכן קיין וועזן פון ייִדנטום. אויך קולטור־אַסימילאַציע געהערט צו מיינע עלעמענטאַרסטע, מענטשלעכע רעכט — און ווער עס נעמט צו ביי מיר דאָס דאָזיקע רעכט (אַפילו ווען איך וויל זיך מיט איר נישט באַנוצן) הייבט אויף זיין מערדערישע האַנט אויף מיין גאַנצן וועזן.

נישט פּראָטעסטירן קעגן גזירות, נישט באַקעמפן אַ טענדענץ וואָס שטרעבט אויסצושליסן ייִדן פונעם אַלגעמיינעם בירגער־לעבן אין אַ לאַנד, ווייל... ווייל די דאָזיקע גזירות זענען גוט פאַר „ייִדישקייט״ — פאַר דער מאָדערנער, וועלט־לעכער און נוצט נאָך וויפל איר ווילט אַדיעקטיוון צום וואָרט „ייִדישקייט״ —

אויף אַזוי פיל „פרום" ווייל איך נישט זיין. די „פרומקייט" וואָס מאַכט שלום מיט דער באַגרענעצונג פון מיין פרייהייט און פונעם שטח פון מיינע ברירות, איז — דער וועג צו כלערליי טומאות.

1937

ווען וואָס מיר היטן זיך צו רעדן

אויף דעם וועג צווישן באַפּאַלאָ און ווילאַנד קומט אַריין דער קאַנאַ־דישער אימיגראַציע־אינספּעקטאָר. ער איז נאָך אַ יונגער בחור, רעדט ענגליש מיט אַ פראַנצויזישן אַקצענט (מסתמא פון קוויבעק), ווייזט אַרויס מער דער־פאַרונג און מענטשן־קענטעניש ווי מ׳וואָלט געקענט דערוואַרטן לויט דער פרישקייט פון זיינע גערדיכט־שוואַרצע האָר און י׳נגלשע אויגן. ער דערקענט מיך פון מיינע פריערדיקע, אָפטע נסיעות (ער האָט אַמאָל ביי מיר קאָנפיס־קירט אַ פּאָר נומערן „פראַוודאַ") און ווינטשט מיר אַ „גוד־טאַים" אין טאָראָנ־טאָ. ער גייט איבער צו אַ מיידל וואָס זיצט אין פולמאַן־וואַגאָן, בשכנות פון מיר:

אייער נאָמען? נאַציאָנאַליטעט? ווו זייט איר געבוירן געוואָרן? אין רוס־לאַנד? „טו בעד". נאָך וואָס פאָרט איר קיין טאָראָנטאָ? ווי לאַנג וועט איר דאָרט שטיין? אייער באַשעפטיקונג? צי זייט איר פאַראַיאָרן נישט געוועזן פאַר־מישט אין אַ סקאַנדאַלעכל מיטן יאַפּאַנעזישן קאָנסולאַר־אַגענט אין אָטאַוואַ? ביין? איר זייט זיכער? דערמאָנט זיך אָן שאַטאָ לאָריע (אַ באַרימטער האָטעל אין אָטאַוואַ). נו, איר ווילט זיך נישט ווי געהעריק אידענטיפיצירן? אַי עם סאָרי, אין ווילאַנד וועט איר מוזן אַראָפּגיין. מיטן נעכסטן צוג וועט איר מוזן צוריקפאָרן אין די שטאַטן. זייט אַזוי גוט און גייט אַריבער אינעם קלוב־וואַ־גאָן: דאָרט זיצט מיין קאָלעגע. איר וועט אים דערקענען לויט זיין אוניפאָרם. ער וועט פאַר אייך אויסמאַכן די נייטיקע פּאַפּירן.

דאָס מיידל, אַ שלאַנקע ברונעטין מיט אַ מאָדנעם רמז אויף סעקטאַנטישער עקשנות אין אירע טיפע אויגן, ענטפערט גאָר נישט אויף דער גזירה. זי הייבט זיך אויף, מיטן לעצטן נומער „ניישאָן" אין דער האַנט, און לאָזט זיך שטיל אַוועק צום קלוב־וואַגאָן.

— ווער איז זי? טו איך אויס נייגעריקייט אַ פרעג דעם אינספּעקטאָר, נאָך דעם ווי דאָס מיידל איז שוין אַרויס פון מיין וואַגאָן.

— אַ צנועה פון די צנועות. ביז צוריק מיט אַ יאָר איז זי געווען אַן אָפּ־טער גאַסט אין קאַנאַדע. זי טוט זיך אָן ווי אַ נאָנע, פאַרקעמט די האָר ווי אַן אַמאָליקע רוסישע רעוואָלוציאָנערקע, רעדט אַלע לשונות, לייענט אָדער פרע־טענדירט צו לייענען „האַי־בראַו־סטאָף"; אָבער זי איז איינע פון די געפער־לעכסטע פּראָסטיטוטקעס, מיט וועלכע די שטאַטן זענען מזכה אונדזערע צוויי־

דריי גרעסערע שטעט... אונדזערע „רויטע" זאָגן, אַז אין רוסלאַנד האָט מען שוין די פּרנסה אויסגעראָטן מיטן סאַמע שורש... „באַנק"... „סאָו לאָנג"...

***

איך דערמאָן זיך, אַז אין מיין קרייז האָט מען שוין לאַנגע, לאַנגע יאָרן נישט אָנגעריט די דאָזיקע טעמע אין שמועסן, אין דיסקוסיעס. קיין „טאַבו" אויף דער טעמע עקזיסטירט זיכער נישט. מיין סביבה איז נישט קיין „פּורי־טאַנישע"; אָבער וועגן דער דאָזיקער פּרנסה — איינע פון די עלטסטע פּרנסות אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט — האָט מען, ווייזט אויס, פאַרגעסן. אפשר געוואָלט פאַרגעסן...

איז עס דערפאַר וואָס אין אַמעריקע איז עס שוין זינט יאָרן אַ פאַרבאָטענע פּראָפעסיע? אָבער אַז פאַרבאָטן, איז וואָס? איז פּראָסטיטוציע געוואָרן אויס פּראָבלעם אין אַמעריקאַנער לעבן? זענען דען אין די יאָרן פון דעפּרעסיע די גאַסן פון די אַמעריקאַנער גרויס־שטעט נישט געווען פאַרפּלייצט מיט פּראָס־טיטוּירטע יונגע פרויען? עקזיסטירט דען נישט ביי אונדז קיין פאַרצווייגטע זיטן־פּאָליציי, אַלץ איינס ווי מאָראַליש זי פירט איר קאַמף פאַר עפנטלעכער מאָראַל? קומען דען נישט פאַר יעדע וואָך קיין געריכט־פּראָצעסן, וואָס דורך זיי דערוועט מען ערשט ווי מאוימדיק די דאָזיקע פּראָבלעם איז נאָך אומעטום, אויך אין אַמעריקע? צי איז אונדזער שווייגן, אונדזער איגנאָרירן די פּראָבלעם, נישט אַ פּועל־יוצא פון רעזיגנאַציע, פון פאַרצווייפלונג, פון דערוויל נישט זען קיין תרופה פאַר איינער פון די אַמטיפסטן־איינגעוואָרצלטע מכות, מיט וועלכע דער מין מענטש איז באַשווערט כמעט פון זינט ער געדענקט זיך?

***

דער דאָגמאַטישער, פרומער סאָציאַליסט האָט שוין ביי זיך געפּועלט: נישטאָ קיין תרופה און עס וועט נישט זיין קיין תרופה ביז... משיח וועט קומען. דאָס איז איינע פון די אומפאַרמיידלעכע קראַנקייטן, זאָגט ער, וואָס באַגלייטן דעם קאַפּיטאַליזם. ערשט „בעגלא ובזמן קריב", ווען די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט אָנקומען, וועט די קראַנקייט וואָס האָט זיך איינגעפרעסן אין אָרגאַניזם פון דער גאַנצער מענטשהייט נעלם ווערן. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, אַ בייזער חלום וואָס מ'קען פון אים נישט פּטור ווערן אַזוי לאַנג ווי מען שלאָפט; אָבער ווערט מען וואַכעדיק — איז מיטאַמאָל אויס חלום, אויס קאָשמאַר. אָבער פּראָסטיטוציע איז עלטער פון קאַפּיטאַליזם, עלטער פון פעאָדאַליזם, עלטער, האָב איך מורא, פון אַלע אונדז באַקאַנטע עקאָנאָמישע ציוויליזאַציעס. ריין־דיאַלעקטיש איז דערפאַר באַרעכטיקט אַן אַפּיקורסישע פראַגע: צי איז טאַקע

אַזוי קלאָר, אַזוי לחלוטין קלאָר, אַז אַ סאָציאַלע איבערקערעניש מוז פאַר־ניכטן דעם סאַמע יסוד פון סעקסועלער קאָרופּציע, אין אַלע אירע פאָרמען, אין אַלע אירע גראַדן?

***

אַז עקאָנאָמישע אומשטענדן האָבן עפּעס אַ שייכות, אַ גאָר־גאָר גרויסע שייכות, צו סעקסועלער קאָרופּציע, האָט קיינמאָל נישט געדאַרפט באַווייזן ווערן. אַז דער קאַפּיטאַליזם האָט (ביז היינט יעדנפאַלס) געשאַפן אַ באַזונדערס־גיב־סטיקן באָדן פאַר דעם ווערעמדיקן וווקס פון פּראָפעסיאָנעלער פּראָסטיטוציע — ווער ווייסט עס נישט? איך דערמאָן זיך אין בערלין, אין די צוויי־דריי יאָרן פון אינפלאַציע: אַ העלפט טעכטער פונעם רו:נירטן דייטשן „בירגער־טום” זענען פּראָסטיטו:רט געוואָרן, אויב נישט בפועל, איז בכח; געווען, אַזוי צו זאָגן, גרייט פּראָסטיטו:רט צו ווערן. ביישפּילן קענען געגעבן ווערן אין די טויזנטער — פון אַלע קלאַסן און פון אַלע סאָציאַלע שיכטן. עס איז גאָר נישטאָ יענער סאָציאַלער שיכט וואָס פאַרמאָגט אַ מין אימוניטעט קעגן דער קאָרופּציע. לאָמיר זיך דערמאָנען אין די פרויען פון דער רוסישער אַריסטאָקראַטיע און וואָס פאַר אַ תכלית עס איז פון זיי געוואָרן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אָדער אין אַנדערע גרויסע שטעט פון געצוווּנגענער אימיגראַציע. מיר דאַרפן אויך נישט פאַרגעסן אין די פראַנצויזישע פרויען וואָס האָבן חתונה געהאַט מיט אָרעמע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, פּאָליטיקער, פון וועלכע אויגוסט בעבעל האָט אונדז נאָך צוריק מיט יאָרן דערציילט אין זיין בוך „די פרוי און דער סאָציאַליזם”. עס איז שוין לאַנג, לאַנג געוואָרן אַ באַנאַלער אמת: זינדיקע פרויען זענען נישט גאָר זינדיק, נאָר אויך קרבנות פון אונדזער עקאָנאָמישער אָרדענונג. די פראַגע איז נאָר: צי בלויז פון דער עקאָנאָמישער אָרדענונג, אין שטרענגן, בוכשטעב־לעכן זין פון וואָרט?

***

דאָסטאָיעווסקי האָט גענומען דעם פּרצוף־פּנים פון אַ פּעטערבורגער פּראָסטיטוטקע און געמאַכט פון איר אַן איקאָנע. סאָניע מאַרמעלאַדאָוואַ איז אַ הייליקע: אַ טאַטע — אַ שיכור, אַ שטיפמאַמע וואָס איז קראַנק מיט אַן אָנשטע־קנדיקער היסטעריע, אַ שטוב מיט הונגעריקע, נאַקעט־באָרוועסע, חולה־נופל־דיקע קינדער — „ווער עס איז אַליין ריין פון זינד, זאָל וואַרפן אין איר דעם ערשטן שטיין”. אויף יענער וועלט, גלייבט דאָסטאָיעווסקי, וועט מען איר מוחל זיין אַלע אירע עבירות. זי האָט געבראַכט אַלס קרבן איר יונגקייט, די קדושה פ:ן איר צאַפּלדיק־דערשראָקענעם קערפּער, פאַר אירע נאָענטסטע, אויס ליבע

צו אירע מיטמענטשן. איר עבירות זענען גאָר דיקטירט געוואָרן פון אַ פּאַראַדאָקסאַלער, נישט־געשריבענער מצווה: „האָב ליב דיין חבר מער ווי דיך אַליין, מער ווי דיין אייגענע ריינקייט, מער ווי דיין אייגענער נשמה". דאָסטאָיעווסקי האָט נישט גענעראַליזירט. ער האָט גוט געוואוסט, אַז זיין סאָניעטשקע איז נישט קיין טיפּ, נאָר אַן אויסנאַם. אָבער אויך אין דעם פאַל פון דער דאָזיקער הייליקער איז דער הינטערגרונט אַן עקאָנאָמישער, כאָטש נישט קיין עגאָיִסטישער. סאָניאַ מאַרמעלאַדאָוואַ האָט פּראַקטיצירט — רעדנדיק אויף טערמינאָלאָגיש זשאַרגאָן — עקאָנאָמישן אַלטרויִזם צוליב זיך אַליין; צוליב עקאָנאָמישן עגאָיִזם וואָלט זי „אין גאַס נישט אַרויסגעגאַנגען". זי וואָלט זיך זיך גיכער אויפגעהאַנגען אָדער זי וואָלט זיך גאָר אַוועקגעלייגט אין אַ ווינטער־נאַכט ערגעץ־ווו אַרויס פון דער שטאָט, אויף דעם מעלאַנכאָלישן ברעג פון דער נעוואַ; זאָל זיין וואָס ס'וועט זיין — „בידך אפקיד רוחי". די מערסטע פרויען פון דער פּראָפעסיע זינדיקן, לאָמיר אָננעמען, צוליב עקאָנאָמישן עגאָיזם, אויס אייגענער פיינלעכער נויט. אָבער איז דען נישט נויט אַליין רעלאַטיוו? האָט דען נישט די פילבאַרקייט פון נויט אירע טויזנטער גראַדן און וואַריאַציעס? „איינע ווייגט וואָס די יויך איז שיטער, די אַנדערע וויינט וואָס אירע פּערל זענען שיטער". גיריקייט איז נישט קיין קלענערער פאַקטאָר אין סעקסועלער קאָרופּציע ווי אמתע, נאַקעטע נויט.

אָט איז אַ פאַל פון מיינע יוגנט־יאָרן, פון דעם עלטער וואָס איך רוף אָן „יוגנט־יאָרן". באמת זענען עס גאָר געווען קינדער־יאָרן, אָבער סקאַנדאַליעז רייפע, איבער־רייפע. מיר האָבן צו־פרי זיך אָנגעהויבן צו טומלען מיט וועלט־פּראָגן. צו פערצן יאָר — אינטעלעקטועלע קריזיסן, אַנטוישונגען, פאַרצערנדיקע ליידנשאַפט (מיין קרייז האָט אָנגעפאַנגען פרי, דערפאַר האָט ער, אפשר אַזוי האָפענונגסלאָז, פאַרשפּעטיקט אין תכלית, אין אמתע לייסטונגען). פיר חברים זענען מיר געווען. אַלע פיר „עילויים", וואָס האָבן אַרויסגעגעבן וועקסלען, וועגן וועלכע קלוגע מענטשן וואָלטן לכתחילה געדאַרפט וויסן, אַז זיי וועלן קיינמאָל נישט באַצאָלט ווערן. האָבן מיר אַמאָל צווישן זיך אָפּגערעדט צו באַגיין נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַ מאָרד. אַלע פיר זענען מיר געווען פאַרליבט איבער די אויערן אין אַ גריכיש מיידל. אַלע פיר האָבן וועגן דעם געוואוסט, דאָס מיידל אַליין האָט אָבער פון אונדזער זיפץ־קוואַרטעט קיין ברעקל אָנונג נישט געהאַט. זי איז שוין אַלט געווען גאַנצע זעכצן יאָר, מיט צוויי יאָר עלטער פון אונדז; שוין אַ צו־גרויסע — און באַזונדערס גרויס־זיך־האַלטנדיקע — צו נעמען ערנסט אַזעלכע שנעקעס ווי מיר.

דערוויסן מיר זיך פלוצים אַז קסעניאַ (אַזוי האָט זי געהייסן) איז פאַרקנסט געוואָרן — און נישט פאַר איינעם פון אירע חברים, נאָר פאַר אַן אַלטן,

רייכן אַדוואָקאַט, וואָס האָט שוין צוויי ווייבער אויף יענער וועלט און איז צו זיבעציק יאָר גרייט נאָכאַמאָל חתונה צו האָבן. דאָס מיידל, האָט מען אונדז דערציילט, האָט צוויי וואָכן געוויינט און געקלאָגט ביז זי האָט מסכים געווען. די שדכנטע איז געווען די מאַמעס גופא און איר לאָגיק איז געווען זייער „איבער־צייגנדיק": דער אַלטער תרח קען נאָך לעבן מאַקסימום פינף יאָר. קיין קינדער האָט ער נישט (מסתמא, האָט זי מוסיף געווען, איז ער בכלל אימפּאָטענט) — איז צו איין־און־צוואַנציק יאָר וועסטו, טאָכטער־לעבן, ירשענען זיין געלט, זיינע צוויי גיטער און וועסטו קענען אָנהייבן לעבן ווי דו ווילסט. אָבער קסע־ניאַס משפחה אַליין איז אויך קיין אָרעמע נישט געווען: אַ גוט הויז מיט אַ גרויסן גאָרטן, אַ פּאָר הונדערט דעסיאַטינעס ערד אין די בעסאַראַבער בערג, צוויי דינסטן און אַ קוטשער אויף צו טרייבן זייערע דריי פערד — וועגן וועלכע מבינים האָבן געזאָגט, אַז זיי שטאַמען פון אַ גאָר־גאָר געהויבענעם „יחוס". קסעניאַ, הייסט עס, האָט מסכים געווען נישט מחמת הונגער, נישט צוליב נויט, נאָר אויס גיריקייט וואָס די מאַמע האָט אין איר איינגעפלאַנצט. דער מוטער איז עס אויך נאָר געלונגען, ווייל קסעניאַ אַליין האָט הינטער איר מאַדאָנאַ־פּנים געטראָגן אירן אַן אייגענעם פּאָנד פון גיר־אינסטינקטן. דער דאָזיקער פּאַל פון פּראָסטיטוּירן אַ יונג מיידל צוליב „נאָך", צוליב „אַ סך", צוליב מער, האָט אין אונדז, יונגע נשמות, אָנגעצונדן אַ פלאַם פון רעוואָלט. מיר האָבן באַשלאָסן אָפּצוראַמען דעם „אַלטן ציינלאָזן נואף" פון דער וועלט. אין אים און אין זיין געלט־מאַכט האָבן מיר געזען דעם מקור פון דער גאַנצער טומאה. דער איינציקער גוי צווישן אונדז האָט שוין צוליב דעם צוגעגנבעט ביים טאַטן איינעם פון זיינע דריי רעוואָלווערן און מיר האָבן צווישן זיך געדאַרפט וואַרפן גורל, ווער פון אונדז עס זאָל קריגן די זכיה משלח צו זיין אויף יענער וועלט דעם „סטאַריקאשקאַ". עס איז נישט וויכטיק איצטער איבערצודערציילן, ווי אַזוי די השגחה האָט צעשטערט אונדזער מאָרד־פּלאַן, כדי איך זאָל בלייבן ביז היינט, לכל־הפחות, מיט הענט ריין פון בלוט (איך בין עס געווען דער „זוכה־בגורל"; איינער פון אונדז פיר האָט אין שפּעטערדיקע יאָרן געפונען אַ תיקון פאַר זיין רעוואָלווער־מאַראַל אינעם רוסישן בירגער־קריג). איך דערמאָן זיך אין דעם פּאַל צוליב עפּעס אַנדערש. קסעניאַ איז פאַר מיר שטענדיק געבליבן דער סימבאָל פונעם גיריקייטס־מאָטיוו אין סעקסועלער קאָרופּציע, וועלכער איז נישט שוואַכער — אַמאָל פיל שטאַרקער — פון דעם וואָס מיר רופן אָן נויט־מאָטיוו.

איך האָב זיך נאָכדעם אויף מיין לעבנס־וועג מיט דעם דאָזיקן מאָטיוו נישט איינמאָל באַגעגנט. מעג איך אויסזאָגן? איך האָב געקאָנט פּראָסטיטוּירטע פרויען אין מיין אייגענעם קרייז. מיט אַ פּאָר פון זיי בין איך אַפילו געווען באַ־

פריינדעט. איינע פון זיי איז מיינע אַ יוגנט־פריינדין. זי איז אויסגעוואַקסן אין אַן אינטעליגענט, רייך הויז, געקראָגן אַ „גוטע דערציִונג“ אין אויסלענדישע פּאַנסיאָנען, דעקלאַמירט, געשפּילט סקריאַבינען, געטאַנצט אַ לאַ דאַלקראָז, געמאָלן... אַ וועלט מיט טאַלאַנטן. דערוויס איך זיך פּלוצים, אַז זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ בחור, וועלכן איך האָב גוט געקאָנט. אַ בחור — אַן אָפּגעריסענער נאַר, לאַנגווייליק ווי אַ האַרבסט־רעגן אין אַ נאָרדיש, רוסיש דערפל, אָן טעמפּעראַמענט, אָן פאַרשטענדעניש פאַר אַ וויץ, די פאַרקערפּערונג פון אַ זאַטן געניץ; אַביסל שטומפּיק אויף די לאַנגע, פערדישע אויערן. שפּעטער, מיט אַ פּאָר יאָר, האָט זי געהאַט די ציניִשע חוצפּה מיר צו פאַרטייטשן דעם פּירוש פון איר חתונה: ער איז זייער רייך און אַ קינפטיקער יורש פון מיליאָנען. נאָכאַמאָל: פּראָסטיטוציע — נישט אויס נויט, קאָרופּציע — צוליב „אַ סך“, צוליב „מער“, צוליב סאָציאַלער שטעלונג און „מאַכט“; צוליב דעם, אַז איך זאָל נאָכדעם קענען באַגעגענען אויף אירע פּעטערבורגער זשורפיקסן די באַרימטסטע פאַרטרעטער פון ליטעראַטור און קונסט. די איינציקע ערלעכע שעהן אין איר לעבן זענען געווען, ווייס איך, יענע שעהן ווען זי האָט „געזינדיקט“ מיט איר שוועדישן לאַקעי, וועלכער האָט פאַר איר פאַרמאָגט (ווי זי האָט זיך מודה געווען) לכל־הפּחות, אַ רייך־פיזישע צוציִונגס־קראַפט.

בורזשואַזע דעגענעראַציע? אַלטע און פּוסטע רייד! אין שורש זענען פּראָלעטאַריער געמאַכט פון דעמזעלבן שטאָף. אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט קענען מיר אפשר אָפּשאַפן נישט מער ווי דעם נויט־מאָטיוו, די „על־פּת־לחם“־זינד. דעם דראַנג נאָך מער, דאָס דאָרשטן נאָך פיקטיווער מאַכט, די גיריקייט ווייס איך נישט צי מ׳קען באַזייטיקן דורכן איינפירן אוניווערסאַלע זאַטקייט. די גראַדן און פאָרמען פון קאָרופּציע קענען זיך ענדערן אין אַ קאָלעקטיווער געזעלשאַפט. אָבער די קאָרופּציע גופא — ווער ווייסט?

***

איך האָב אין רוסלאַנד געקאָנט אַ באַרימטן טעאַטער־קריטיקער. ער האָט אין זיין צייט אויפגעבויט קאַריערעס און פאַרניכטעט קאַריערעס. חברה אַקטיאָרן און אַקטריסעס אין אַ גרויסער געגנט האָבן פאַר אים געציטערט ווי פאַרן מלאך־המות: אַ קלייניקייט? דער דיקטאַטאָר פון טעאַטער! האָט „כאַליאַסטרע“ געוווסט וואָס פאַר אַן „עקזאַמען“ אַ שיינע אַקטריסע דאַרף דורכגיין ביי אים, בכדי ער זאָל איר העלפן אָדער, לכל־הפּחות, נישט שטערן צו מאַכן איר קאַריערע. פון אַ צוויי־דריי האָט ער טאַקע געקראָגן סימנים אויף זיינע פּאַסקודנע ראָזעווע באַקן, נאָר צענדליקער אַנדערע האָבן „אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען“. צווישן זיינע אינטימע מקורבים פלעגט ער נוצן אַן אויסדרוק

„זשענסקאָיע פּראַדאָוואָלסטוויע" (אומגעפער: פרויען־פּראָוויאַנט); אַן אויסדרוק וועלכן ראַספּוטין האָט שפּעטער איבערגענומען פאַר זיין פרומען וואָרט־שאַץ. מיר איז באַקוועמער צו דערציילן וועגן אַמאָליקן פּעטערבורג אָדער מאָסקווע, איידער פונעם היינטיקן האָליוווד. אָבער וואָס איז דען די נפקא־מינה? אין דעם אָדער אין אַנדערן גראַד — איינס און דאָסזעלבע אומעטום. וואָס איז אַן אַרטיסטישע קאַריערע? וואָס איז דער אָפּטמאַל־פּאַטאָלאָגישער דורשט נאָך אַזאַ קאַריערע? איינע פון די אַנטפּלעקונגען פונעם מאַכט־אינסטינקט; פון זיין, אָדער פון אָנגענומען ווערן ביי אַנדערע אַלס מער, אַלס גרעסער, אַלס וויכטיקער. מיט ברויט־און־פּוטער, מיט ברויט אַפילו גראָב־גראָב באַשמירט מיט פּוטער, קען מען די מלאכי־חבלה פון די ליידנשאַפטן נישט פאַרטרייבן.

***

עס איז נישט וויכטיק צי ער איז אַ גרויסער שרייבער און צי זיין פּיעסע איז אַן אמת שטיק קונסט. מיך אינטערעסירט דאָ נישט ליטעראַטור און נישט ליטעראַטור־קריטיק. אָבער אָלגינס אַמאָליקע פּיעסע „איר פאַרברעכן" (וועלכע האָט געדאַרפט, לויט זיין פּלאַן, ווערן אַ מין קאָמוניסטישע „איבערשאַצונג פון ווערטן") איז אינטערעסאַנט צוליב דעם מאָראַלישן פּאַראַדאָקס, וואָס ער האָט אין איר אויסגעדריקט. אַ קאָמוניסטיש מיידל, אין די צייטן פון בירגערקריג, באַקומט אַ באַפעל צו בלייבן וווּ́ינען אין שטאָט, פון וועלכער די רויטע אַרמיי עוואַקויִרט זיך. זי איז פון אַ רייכער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע. זי וועט מען אין קאָמוניזם נישט חושד זיין. די אָפיצערן פון דער ווייס־גוואַרדייִשער אַרמיי וועלן מסתמא סטאַציאָנירט ווערן אין איר באַקוועמען, גרויסן הויז. איז איר אויפגאַבע צו ווערן מיט די אָפיצערן אַ „גוטע שוועסטער" און אויסגעפינען ביי זיי מיליטערישע סודות. דאָס איז אויף פּראָסט לשון — שפּיאָנאַזש. אָבער ס'איז נישטאָ מיט וואָס צו שעמען זיך. שפּיאָנאַזש פאַר די אינטערעסן פון קאַפּיטאַליזם איז די גרעסטע נידערטרעכטיקייט; שפּיאָנאַזש לטובת סאָציאַליזם איז — לעילא ולעילא. אָבער צוליב שפּיאָנאַזש דאַרף מען אַביסל צופלירטעווען מיט די אָפיצערן און ווו עס איז נייטיק — גיין אַ סך ווייטער ווי פלירט. ווייסט אָלגינס אַריסטאָקראַטישע קאָמוניסטקע דעם גאַנצן שולחן־ערוך וועגן אירע פליכטן, אָבער — זי איז אַ „געשטראָפטע", זי שטאַמט פונעם אַדל. די קאָמוניסטישע תורה קען זי ווי אַ וואַסער, אָבער איר מענטאַליטעט איז נישט קיין קאָמוניסטישע; די פּראָלעטאַרישע יראת־שמים איז איר נאָך פרעמד. עס קומט די שעה פון אמתן עקזאַמען — און זי האַלט אים נישט אויס. איר געליבטער — אַן אָנגעזעענער קאָמוניסט וועלכער איז געבליבן אומלעגאַל אין שטאָט צוליב קאָנספּיראַטיווע צוועקן — איז שוין אין טורמע

ביי די ווייסע. די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע פאָדערן, מ׳זאָל טאָן אַלץ, אַבי ער זאָל באַפרייט ווערן. קען אָבער די העלדין אַלץ נישט טאָן. זי קען זיך נישט דעצידירן צו באַצאָלן מיט איר קערפּער דעם קאָמאַנדיר פון דער ווייסער אַרמיי, וועלכער וויל פאַר דעם פּריַיז באַפרייען איר געליבטן. שיסט זי אין אַ מינוט פון פאַרצווייפלונג דעם קאָמאַנדיר. איז עס אַ בפירושדיקער ברוך פון דיסציפּלין, קעגן אַלע פּלענער פונעם רעוואָלוציאָנערן שטאַב. אַלץ האָט זיך טאַקע געענדיקט מיט אַ „כי טוב״ — גראָד אין יענעם מאָמענט האָט זיך אַלגינען פאַרגלוסט אַריינצופירן אין שטאָט אַריין די רויטע אַרמיי — אָבער איר טאָט האָט זיך דאָך געקאָנט ענדיקן מיט אַ מיליטערישער קאַטאַסטראָפע. דערפאַר קריגט זי איר עונש פונעם פאַרטיי־געריכט. אויך איר פרומער געליבטער זאָגט זיך אָפּ פון אַזאַ עגאָיסטישער, פונעם קאָמוניסטישן שטאַנדפונקט, הפקרותדיקער פרוי — וואָס האָט געשטעלט איר אומבאַרירלעכקייט פון איר קערפּער העכער פון די „אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַריאַט״. דאָס געריכט, איר געליבטער, דער מחבר אַליין האָבן געהאַלטן אַז דאָס איז אַ מין בורזשואַזע „אויסגעלאַסנקייט״; אַז זי האָט זיך בעסער געדאַרפט פּראָסטיטויִרן... אין די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע.

אַ נייע מאָראַל? אפשר אַלט ווי די וועלט. אין געצנדינערישע לענדער, אין לענדער מיט אַ פאַרהעלטניסמעסיק הויכער קולטור, האָבן פּראָסטיטוטקעס אַמאָל געהערט צו די טעמפּלען. זייער פונקציע איז גאָר געווען... אַ רעליגיעזע.

יעדנפאַלס, אַלגין האָט אין יענע יאָרן אַליין נישט געוווסט, וואָס פאַר אַ „מסירה״ אויף סאָציאַליזם ער האָט אָנגעשריבן.

**
*

אַלס אַ פּראָפעסיע, אין אונדזער היינטיקן קאַפּיטאַליסטישן זין פון וואָרט, וועט פּראָסטיטוציע מיט דער צייט פאַרשווינדן. נישט מסתמא אין דעם לאַנגן, פּיינפולן און פּסיכיש־אומסטאַבילן איבערגאַנגס־פּעריאָד צום סאָציאַליזם, נאָר אין אַ רייפער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט (אין אַ געזעלשאַפט וואָס וועט זיין סאָציאַליסטיש רייפער ווי דער איצטיקער ראַטנפאַרבאַנד). אָבער אַלס קאָרופּציע פון סעקסועלע באַציִונגען בכלל איז ביי מיר נאָך אַלץ אַ גרויסער ספק, צי דאָס וואָס איך וויל אָנרופן פּראָסטיטוציע — אַלע באַציִונגען צווישן מאַן און פרוי וואָס זענען נישט „לשמה״, אין וועלכע עס פעלט די דירעקטע פּסיכאָ־פיזישע אורקראַפט פונעם אינסטינקט — וועט אונטערגיין צוזאַמען מיטן קאַפּיטאַליזם, ממילא, פון זיך אַליין. די מאַכט־הונגערן און די עקסהיביציע־דאָרשטן ווערן דורך עקאָנאָמיק נישט געשטילט און ווערן פונעם סאָציאַליזם נישט ליקווידירט. עס איז גאָר אַ סברא, אַז אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט

וועט פאַר זיי זיין מער און פרייערע ענערגיע, אַ גינסטיקערער באָדן פאַר זייער וווקס. אין דער מאָס אין וועלכער יענע מאַכט־און־עקסהיביציע־גלוסטעניש זענען גרייט צו גיין אויפן וועג פון קאָרופּטירן זיך און אַנדערע, וועט פּראָסטי־טוציע אין דעם ברייטערן זין פון וואָרט נישט באַזייטיקט ווערן.

אָבער דאָ שטויסן מיר זיך אָן אין אַ גאָר אַנדער פּראָבלעם; אין דער פּראָבלעם פון אַ נייער ציוויליזאַציע און אַ נייער עסטעטיק. עס האַנדלט זיך וועגן באַפרייען אונדז, זינדיקע מענטשן, פון אַ „טאַלאַנט" וואָס מיר האָבן אין זיך אַנטוויקלט — פונעם טאַלאַנט צו זאָגן ליגן, פון טראָגן מאַסקעס, פון חנפענען, פון חנדלען זיך. אַזוי לאַנג ווי מיר זענען פעיק, אַלץ איינס צוליב וואָס, צו זאָגן ליגן אין אונדזערע רייד, אויסדריקן פאַלשע באַגייסטערונגען און שקר־וכזבדיקע לאָיאַליטעטן צו אונדזערע מיטמענטשן, צו זאָגן ליגן מיט דער פּען, מיט די אויגן, מיט אַ שמייכל, מיט הייבן די הענט ביי אַן אָפּשטימונג, וועלן זיך שטענדיק געפינען צווישן אונדז מענטשן — פרויען און מענער — וואָס וועלן אין געוויסע סיטואַציע זיין גרייט צו זינדיקן מיט זייער גאַנצן קערפּער מיט זייער גאַנצן וועזן; וועט זיין פאַרקויפטע ליבע, כאָטש נישט אין געלט־טערמינען.

אפשר זענען מיר גאָר ליגנעריש אויס מורא, ווייל פון זינט מיר געדענ־קען זיך אויף דעם פּלאַנעט זענען מיר דערשראָקן. שרעקן מיר זיך איינער פאַרן אַנדערן? אָבער כדי אָפּצושאַפן די מורא און כדי די ענערגיע פון אונ־דזערע מאַכט־אינסטינקטן (וואָס זענען אַליין, אין לעצטן חשבון, אויפגעבויט אויף מורא) זאָל קריגן אַ „תיקון", זאָל קריגן אַנדערע קאַנאַלן פאַר אירע שטראָמען, מוז געשאַפן ווערן, ווי דער נביא וואָלט געזאָגט, „אַ נייע ערד און נייע הימלען". די וועלט מוז באַהערשט ווערן פון אַ נייער פרייהייט. סאָציאַ־ליזם אָן און פאַר זיך קען אונדז די דאָזיקע פרייהייט נישט געבן. איך גלייב אָבער, אַז ער איז איר מפנה־דרך. פאַר יענער פרייהייט דאַרף מען האָבן אַ מער־ווי־סאָציאַליזם, אָבער אַ מער־ווי־סאָציאַליזם איז אוממעגלעך אָן — סאָציאַליזם.

1937

משומדים

איך האָב די טעג געפּרוּווט זיך צו דערמאָנען, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערהערט דאָס וואָרט „משומד".

איז פאַר מיין זכרון אויפגעשוווּמען אַ גרויער האַרבסט־פאַרנאַכט אין אַ בעסאַראַביער דאָרף. ביי איינעם פון די ווייניקע יידישע שכנים איז מען געזעסן שבעה און מ'האָט מיך, אַ קוים פיר־יאָריק קינד, אַרומגעשיקט רופן יידן צו אַ מנין. נאָך גרויס מי האָב איך איבערגעציילט אויף די פינגער די צאָל יידן וואָס זענען שוין דאָ אין שטוב: עס זענען געווען בלויז ניין. ווען איך האָב פלוצים דערזען משה־געאָרגין אָנקומען רייטנדיק פון פעלד, האָב איך זיך דערפרייט און אים אָנגעזאָגט אַז מ'וואַרט אויף אים, אויפן צענטן. האָט משה־געאָרגי (מאָדנע: די דאָזיקע ווילדע קאָמבינאַציע פון צוויי נעמען האָט מיר אין יענע יאָרן נישט אויסגעזען אומנאַטירלעך) שטיל און מיט אַ שמייכל מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער טאָר נישט דאַווענען, ווייל ער איז אַ משומד.

שפּעטער אין אָוונט האָב איך זיך נאָכגעפרעגט, וואָס איז דאָס פאַר אַ מין באַשעפעניש אַ משומד, וואָס כאָטש ער איז שוין אַ גרויסער טאָר ער נישט דאַווענען צוזאַמען מיט אַנדערע יידן, האָט מען מיר געענטפערט, אַז ער האָט „אויסגעביטן דאָס רענדל", און ווען איך האָב דאָס אויך נישט פאַרשטאַנען, האָט מען מיר געזאָגט פשוטער: משה־געאָרגי איז געוואָרן אַ גוי. מער האָב איך שוין נישט געפרעגט קיין קשיות, כאָטש מיר איז געווען נישט קלאָר ווי אַזוי נעמט מען און „מען ווערט" אַ גוי. עס האָט מיך אַרומגענומען אַ שווערער אומעט: מיין געפיל איז געווען, אַז נישט משה־געאָרגי האָט עפּעס אָפּגעטאָן, נאָר אַז עפּעס האָט מיט אים פּאַסירט אַן אומגליק. אייגער בלייבט אָן אַ פוס, דער אַנדערער פאַרלירט אַן אויג, משה־געאָרגי האָט פלוצים פאַרלוירן דאָס וואָס ס'מאַכט איינער פאַר אַ ייד. אויף קיינעם האָב איך נאָכדעם אין מיינע נאַריש־קינדישע יאָרן נישט געהאַט אַזאַ רחמנות־געפיל ווי אויף משה־געאָרגין: ווען ער וועט שטאַרבן, וועט ער ליגן אויפן גויישן „צווינטער", צווישן די שטעכיקע גראָזן וואָס הינטער דעם קלויסטער, און אין געוויסע טעג פון יאָר וועלן ווייבער איינגעוויקלט אין קאָלירטע פאַטשיילעס קומען אויף זיין קבר אין עסן פון זיין כבוד וועגן האַרטע אייער, געזאַלצענע פיש און „פלאַטשינ־טעס" באַשמירט מיט חזיר־שמאַלץ. און דער אָרעמער משה־געאָרגי וועט דאָס אַלץ מוזן „אַריבערטראָגן".

***

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, שוין אין שטעטל, האָב איך געוווּסט, אַז אַ משומד ווערט מען מיט דעם אייגענעם ווילן, אַז אַ משומד קושט דעם צלם און דעם גלחס האַנט. אַז ער דאַוונט צום „גוייִשן גאָט" און אַז מ'דאַרף אים פֿײַנט האָבן. ווען יואל דעם בעקערס מיידל, „די משומדת און די חצופה", וואָס האָט זיך באַזעצט אין דאָרף ביי אירע מאָלדאַוואַנישע שווער־און־שוויגער, איז איינמאָל אום שבת דורכגעפאָרן איבערן שטעטל מיט איר „שראַץ", האָבן ייִנגלעך געכאַפּט קאַטשערעס און לאָפּעטעס און נאָכגעלאָפן דעם וואָגן מיט ווילדע געשרייען: „פאַרברענט זאָלסטו ווערן, וויכרעסטקאַ" (משומדת) „שלויכאַ" (אויסגעלאַסענע פּרוי), „פּאָרקו די ני סאָראַט" („אומגעזאַלצענער חזיר"). האָב איך אויך געוואָלט כאַפּן אַ מיין כלי־זין און אָפּלויפן און אָפּשרייען מיין חלק, נאָר אין הויז האָט מען מיך נישט געלאָזט: אויב ס'איז אַ מצוה נאָכצולויפן און וועלן שלאָגן אַ משומדת, זאָל עס טאָן דער רב און נישט אַ „באַנדע באָסיאַקעס". שפּעטער האָב איך צופעליק אויסגעפונען, אַז איינע פון די סיבות פון מיין משפּחהס „טאָלעראַנץ" איז געווען אירער אַן אייגענער פּגם: עפּעס אַ קרובה, צירל, איז ערב איר חתונה אַנטלאָפן מיט אַ שייגעץ אין אַ ווייטער שטאָט, און אין אַ שכנותדיקן אויעזד איז געווען אַ גלח וואָס האָט געטראָגן אונדזער פאַמיליען־נאָמען. קיינער פון די חברים האָט מיר מיין פאַרשמירטן יחוס נישט אויפגעוואָרפן, אָבער יאָרנלאַנג האָב איך געטראָגן אין האַרצן אַ וווּנד: ווי קומען צו אונדז משומדים? איך האָב שוין דענסטמאָל געוווּסט פונעם באַגריף „איזמעניק" (אַ פאַררעטער). מיין געפיל איז געווען, אַז זאָל נאָר אויסברעכן אַ פּאָגראָם, וועט יואל דעם בעקערס טאָכטער, און צירל; דער מיסטעריעזער גלח אינעם שכנותדיקן אויעזד, און דער אַלט־איינגעזעסענער משומד וואָס קיינער פאַרשטייט נישט פון וואַנען קומט צו אים אַזאַ נאָמען ווי לעוו טאָלסטאָי (און וועמען אַלע טאָלערירן אי דערפאַר וואָס ער געדענקט אויף אויסנווייניק גאַנץ תנ"ך, איז אַ בקי אין אבן־עזרא, און אי דערפאַר וואָס ער איז אַ „מקורב למלכות") — וועלן זיי אַלע, אַלע קומען מיט לאַנגע העק, שרייען מיט הייזעריקע קולות „זשידי פּראָקליאַטיע" און שפּאַלטן ייִדישע קעפּ. דער אַמאָליקער רחמנות־געפיל צו משה־געאָרגי איז אויסגעוועפּט געוואָרן און אין מיין ייִנגלשן האַרץ האָט געפלאַקערט אַ פלאַם פון שנאה.

***

אין נאָך שפּעטערע יאָרן, אין אָדעס, האָט די דאָזיקע שנאה אויפגעוועקט אויפסניי אין מיר וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי. אין יענע צייטן האָבן זיך הונדערטער יונגעלייט אין רוסלאַנד געשמדט — הויפּטזעכלעך כדי צו קענען אַריינקומען אין אוניווערסיטעט. אין פּעטערבורג האָט זיך דענסטמאָל קונה־שם

געווען אַ פּראָטעסטאַנטישער גלח, פּיר, ביי וועמען דער קורס צוזאַמען מיט דער צערעמאָניע פלעגן דויערן נישט מער ווי צוויי טעג און קאָסטן פלעגט עס אַ שיבוש; אינגאַנצן פערציק רובל. פון דרום־רוסלאַנד — און ספּעציעל פון אָדעס — פלעגן די שמד־אַספּיראַנטן פאָרן קיין אַקערמאַן, אַ פּראָווינציעלע שטאָט ביים אויסגוס פונעם שוואַרצן ים. ווו אַן אַרמענישער גלח פלעגט פאַר אַ קליינער סומע אַרויסגעבן אַ סערטיפיקאַט פון צוגעהעריקייט צו דער קירכע פון „גריגאָרי דעם ליכט־ברענגער" (אין יענער צייט האָבן מיר געשאַפן דעם אויסדרוק „אַן אָנהענגער פון דער אַקערמאַנאַ־גרעגאָריאַנישער אמונה": דער אָפיציעלער נאָמען פון דער אַרמענישער קירכע איז אַרמיאַנאָ־גרעגאָריאַניש). די מייסטע פון אונדזער דעמאָלטיקן קרייז האָבן אין אוניווערסיטעט נישט גע־קאָנט גיין צוליב זייער ייִדישקייט. זשאַבאָטינסקי גופא, דער עלטערער אין אָרן און אין אינטעלעקטועלער השפעה, האָט זיך די ערשטע צייט אַרומגעטראָגן מיט אַ געדאַנק אַוועקצופאָרן קיין יאַראָסלאַוול און דאָרטן פּרובירן אויסהאַלטן אַן אַדוואָקאַטן־עקזאַמען אַלס עקסטערן, כדי צו קריגן וווּינרעכט אויסער דער „טשערטאַ" (כאָטש צווישן זיינע פּאַפּירן האָט זיך געוואַלגערט, ווי ער האָט עס אָנגערופן, אַ „שמאַרגעליצע", אַ דיפּלאָם, פונעם רוימישן אוניווערסיטעט, וועלכן די רוסישע אויטאָריטעטן האָבן מיט סלאַוואָפילישער גדלות נישט גע־וואָלט אָנערקענען). דאָס לייכטע אַריינקומען פון ייִדישע יונגעלייטלעך אין אוניווערסיטעט דורך לאָזן זיך אָפּשפּריצן מיט עטלעכע טראָפּן „הייליק וואַ־סער" האָט נאַטירלעך ביי אונדז אַרויסגערופן עקל און גרימצאָרן. האָבן מיר, אונטער זשאַבאָטינסקיס השפעה, זיך געגעבן אַ נדר: אויסגעפינען ווער עס זיי־נען אין שטאָט די משומדים און זיי רודפן עד חרמה — איבעררייסן מיט זיי די באַציִונגען, ווירקן אויף אַנדערע מ'זאָל זיי באָיקאָטירן און נישט לאָזן געבן זיי קיין אַרבעט. גוייִשע פריינט האָבן פון צייט צו צייט געהאַט אויף אונדז פאַראיבל, הלמאי מיר רודפן מענטשן צוליב דער ענדערונג אין זייערע „רע־ליגיעזע איבערצייגונגען"; פלעגן מיר פאַר יענע נאַיווע „גוייִשע קעפּ" ציטירן איינעם פון די עלטסטע און דערפאָלגרייכסטע משומדים, פּראָפעסאָר כוואָלסאָן. מיר פלעגן רעקאָנסטרויִרן, ווי איך דערמאָן זיך, אַ קורצן דיאַלאָג:

— פּראָפעסאָר, פאַרוואָס האָט איר זיך געשמדט?

— אויס איבערצייגונג.

— וואָס פאַר אַ נייע איבערצייגונג האָט איר דען געקראָגן?

— איך האָב געקראָגן די איבערצייגונג, אַז ס'איז בעסער צו זיין אַ פּראָ־פעסאָר אין פּעטערבורג איידער אַ מלמד אין שקלאָוו.

אָבער למען־האמת דאַרף מען זאָגן, אַז נישט נאָר די גוייִשע קעפּ האָבן נישט געקענט משיג זיין, פאַרוואָס מיר רודפן משומדים. נאָך אַ בריוו, וואָס איך

האָב איך יענער צייט פאַרעפנטלעכט וועגן דעם ענין שמד אין אַן אָדעסער רו־סישער צייטונג, האָב איך געקראָגן אויסגעזידלט פון מענדעלע מוכר ספרים:

— אַזאַ שנעק און שוין גאָטס סטריאַפּטשע... איר זייט מסתמא געבוירן געוואָרן מיט אַ טאַלאַנט פאַר אַ שפּיאָן... קיין אַנדער עובדה האָט איר שוין נישט ווי נאָר אויסצוגעפינען וואָס ביי יענעם טוט זיך און אים זאָגן מוסר... טפו, חמאים־זוכער...

און דער אַלטער לינעצקי האָט מיך איינמאָל אָפּגעשטעלט אין גאַס און זיך אויסגעשריִען אויף מיר:

— יונגערמאַן, ווען וועט איר אָנהייבן בודק זיין די ציצית ביי ייִדן? אפשר וועט איר זיך נעמען מאַכן אַ רשימה פון ייִדן, וואָס לייגן נישט רבינו תם׳ס תפילין, און זי אָפּדרוקן אין די גאַזעטן?

ביידע, דוכט זיך, האָבן זיי געהאַט „פּראַוואָסלאַוונע" זין. אָבער נישט מענ־דעלע און נישט לינעצקי האָט פאַרמאָגט אין יענע יאָרן דעם נייטיקן טאַקט... צו שווייגן און זיך נישט וויסנדיק צו מאַכן.

***

יאָ, איין משומד אין שטאָט האָבן מיר באַהאַנדלט מיט רעספּעקט. דאָס איז געווען דער באַרימטער אַדוואָקאַט פּערגאַמענט. די פון אונדז, וואָס האָבן אים געקאָנט, פלעגן זיין אָפּטע אַריינגייער צו אים אין הויז. טאַקע אַ משומד, אָבער דאָך: ווען ער איז אויסגעקליבן געוואָרן אין דער גאָסודאַרסטווענאַיאַ דומאַ (פּאַרלאַמענט), האָט ער דאָרט געגעבן אַ פּיקאַנטן ענטפער אויף צוויי אומפאַרמיידלעכע שאלות בשעת דער רעגיסטראַציע:

— רעליגיע? גריכיש־קאַטויליש.

— נאַציאָנאַליטעט? אַ ייִד.

***

צוליב וואָס האָב איך זיך איצט דערמאָנט אָן משומדים? אין אַמעריקע קען איך נישט קיין געשמדטע ייִדן. דער קאַטאַליק פון דער ליטעראַרישער קאַפּע האָט זיך שוין אויך דעם זומער צוריק־מגייר געווען און ער מאַכט דעם איינדרוק פון אַ פאַריינגטן און פאַרליבטן אויף אַ „האַנימון" מיט זיין ייִדיש־קייט. אָבער די ניו־יאָרקער „טיימס" האָט די טעג פאַרעפנטלעכט אַ טעלע־גראַמע פון איר ווינער קאָרעספּאָנדענט, אַז ביים דאָרטיקן אַנגליקאַנישן גלח האָבן זיך אין די לעצטע עטלעכע וואָכן אָפּגעשמדט 500 עסטרייכישע ייִדן.

שמד אין ווין און אין בערלין איז נישט קיין נאָווינע. די אימפּאָזאַנטע „קאַיזער־ווילהעלם־געדעכטניס־קירכע" אין שאַרלאָטענבורג האָבן אין מיינע

יאָרן די גויִים געראָפן נישט אַנדערש ווי „טאָוף־האָוס דעס וועסטענס" (אויף דעם משקל פון דעם גרויסן שאַרלאָטענבורגער דעפּאַרטמענט־סטאָר „קאָוף־האָוז דעס וועסטענס"), צוליב די גרויסע צאָלן ייִדן וואָס האָבן זיך אָפּגעשמדט אין יענער קירכע.

אין ווין איז מסתּמא יעדער פערטער ייִד געוועזן אַ משומד (געגנוג זיך צו דערמאָנען אין דער צאָל משומדים אַפילו צווישן דער פירערשאַפט פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי...), האָט מען אָבער געמעגט דערוואַרטן, אַז איצטער, אויפן זעקסטן יאָר היטלעריזם אין דייטשלאַנד און עטלעכע חדשים נאָך דער „גלייכשאַלטונג" פון עסטרייך, וועט זיך נישט געפינען קיין איין־איינציקער ייִד, וואָס זאָל קריגן דעם קופּערנעם יצר־הרע פאַר שמד. צוליב וואָס? די קירכע איז געראָדפט און באַשפּיגן און דער סטאַטוס פון משומדים איז אין דריטן רייך ערגער, גרויזאַמער און לעפּישער פונעם אַלגע־מיין־ייִדישן סטאַטוס. מ'האָט געמעגט האָפן אַז גראַד אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך האָבן די סאַמע פאַרגויִשסטע, די טעמפּסטע און וווּלגאַרסטע ייִדן עפּעס געלערנט וועגן פאַרלייקענונג און זעלבסטפאַרלייקענונג אַלס שוץ־מע־טאָדע; אַז רדיפות האָבן אויך אין זיי אַרויסגערופן אַ געפיל און זעלבסטווירדע.

די נייע משומדים האָבן אָבער זייער „לאָגיק" און זייער „סטראַטעגיק". זיי קלייבן זיך צו עמיגרירן מעבר־לים, אין ווייטע געגנטן; הויפּטזעכלעך אין ענגלישע דאָמיניאָנס און קאָלאָניעס, ווו זיי וועט אויסקומען צו לעבן צווישן פּראָטעסטאַנטן. און זיי האַלטן אַז ס'איז גלייכער פאַר זיי אַנצוקומען אַהין אַלס נישט־ייִדן; אַז זיי וועט זיין גרינגער זיך סאָציאַל איינצובירגערן און אַקלימאַ־טיזירן, אויב צווישן זיי און זייערע נייע שכנים וועט — לכל הפּחות, פאַרמעל — נישט שטיין קיין רעליגיעזע מחיצה. דאָס איז טאַקע די כּוונה וואָס אין דער קאַטוילישער ווין האָבן זיי זיך געשמדט אויף פּראָטעסטאַנטן: דאָס איז שמד פאַר „עקספּאָרט", נישט פאַר געברויך אויפן אָרט; אַ צופּאַסונג צו אַ ווייטער סביבה, מיט וועלכער מ'דאַרף זיך ערשט פאַרבינדן. פון אונדזער נייער קאַטאַס־טראָפע מאַכט זיך, הייסט עס, יעדער זיין פּועל־יוצא: באַשליסט איינער זיך אומקערן צום מקור, אָננעמען זיין ייִדישן גורל און „סובלימירן" אים, פאַר־וואַנדלען אים אין אַ קוואַל פון נייער לעבנס־ענערגיע און נייער גייסטיקייט; פּועלט ביי זיך אַן אַנדערער, אַז ער דאַרף נאָך מער און נאָך ברוטאַלער אָפּ־ווישן פון זיך די לעצטע שפּורן פון ייִדישן אָפּשטאַם.

***

איך מוז זיך מודה זיין: יענע ידיעה פון ווין האָט אין מיר איצט אַרויס־

געריפן בלויז מעלאַנכאָלישע געפילן, נישט קיין כעס, נישט קיין גרימצאָרן. אויב עס זאָל זיך איצטער געפינען אַ „באַנדע באַסיאַקעס“, ווי מ'האָט יענע יינגלעך גערופן ביי מיר אין דער היים, וואָס זאָלן זיך לאָזן נאָכלויפן נאָך יענע פינף הונדערט ווינער משומדים מיט קאַטשערעס און לאָפּעטעס, ווייל איך איצט נישט האָבן קיין ברעקל חשק מיטצומאַכן מיט זיי די האַס־און פאַראַכטונגס־צערעמאָניע. איך וואָלט מסתמא איצטער נישט נאָכגעגאַנגען אַ זשאַבאָטינסקי אין באַשטראָפן זיי מיט רעטאָרישע „קאַטשערעס און לאָפּעטעס“. עס קען זיין אַז דאָס איז אַ סימן פון אַלטקייט, עס קען זיין אַז דאָס איז אַ פּועל־יוצא פון אָפּגעשוואַכטן דרך־ארץ פאַרן מין מענטש בכלל — אָבער אַ פאַקט איז עס: איך פאָדער הײַנט פון מענטשן אַ סך ווייניקער ווי אַמאָל און איך קען ביי זיך נישט פועלן אַז עמעצער דאַרף באַשטראָפט ווערן פאַר נישט קענען זיין קיין העלד, פאַר נישט־פיינקייט, פאַר אומריטערלעכקייט, פאַר פּחדנות.

און, סוף־כל־סוף, פרעג איך זיך, וואָס איז שמד? שמד איז „מימיקרי“; דאָס בייטן דעם קאָליר צוליב זעלבסטשוץ, אַ פּראָצעס וועלכער איז אַזוי באַקאַנט אין דער זאָאָלאָגישער וועלט. שמד איז דאָס פאַרבייגן פון דעם אייגענעם איך; דאָס זיך אונטערגעבן די אַרומיקע אומשטענדן; דאָס אַנבייגן דעם קאָפּ פאַר אַן אונטערדריקער; דאָס שטעלן ביאָלאָגיש לעבן העכער פון ווירדע און נשמה־פּאַטאָס. האָב איך מורא אַז אַ האַלבע וועלט ווייניקסטנס באַשטייט איצטער פון קינדער און קינדס־קינדער פון משומדים; אַז זינט די וועלט געדענקט זיך איז זי, אין אַ גרויסער שרייענדיקער מאָס, אַ שמד־וועלט. פאַרוואָס זענען די קרוב צו פופצן מיליאָן נעגערס אין אַמעריקע קריסטן, נאָך פּראָטעסטאַנטן דערצו? זייערע עלטערן האָבן זיך געלאָזט שמדן. אַנדערע האָבן פאַר זיי צעשמעטערט די געטער, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט פון אַפריקע. מ'האָט זיי געהייסן גלייבן אין אַ בלאָנדן ייִד פון אַ קליין שטעטל אין די בערג פון אַ ווייט אַזיאַטיש לאַנד, האָבן זיי „מסכים געווען צו גלייבן“. היינט קענען זיי שוין זיין גלייביקע קריסטן, אפשר די גלייביקסטע אין אַמעריקע, אָבער אָנגעהויבן האָט זיך עס פון שמד — פון צביעות, פון ליגן, פון מקריב זיין די אייגענע יראהס.

גרויסע מאַסן רוסן און אוקראַינער זענען אין וולאַדימיר דעם הייליקנס צייטן געוואָרן קריסטן קעגן זייער ווילן און זיי האָבן נאָך שפּעטער יאָרנלאַנג געבענקט נאָך די אַלט־סלאַווישע געטער, וואָס דעם קיסרס מענטשן האָבן דערטרונקען אין דניעפּער. דאָס שפּעטערדיקע הייליקע רוסלאַנד („סוויאַטאַיאַ רוס“) האָט זיך פאַקטיש אָנגעהויבן — ביי די מאַסן יעדנפאַלס — פון שמד, פון פאָלקס־פּחדנות און פאַרלוירנקייט, פון קנעכטישער צופּאַסונג צו דער ניי־ליגיע פונעם „הויף“ מיט זיינע באָיאַרן. און וואָס איז פאַרגעקומען אין די דיי־

טשישע לענדער? האָבן די מאַסן דאָרט אָנגענומען דאָס קריסטנטום „אויס אי־בערצייגונג", ווייל יעדער פון זיי האָט געהאַט זיין אייגענעם „גילוי אליהו"? אויך די דייטשישע קריסטלעכע קולטור (און וואָס פאַר אַ קולטור האָבן זיי דען, מ'שטיינס־געזאָגט, פאַרמאָגט פאַרן קריסטנטום?) האָט זיך אָנגעהויבן פון „שמד" פון צופאַסונג צו הערשער און דעראָבערער.

און ווי קומט דער איסלאַם צו ברוין־שוואַרצע שבטים אין אַפריקע, קיין פערסיע און קיין אַפגאַניסטאַן; און ווי קומען קיין אינדיע גאַנצע זיבעציק מי־ליאָן מוסולמענער? מוכאַמעדס שווערד האָט געהאַקט קעפּ צווישן די „אומגליי־ביקע" און יענע „פאַרשאָלטענע אַפּיקורסים", וואָס האָבן נישט געוואָלט אָוועק־געבן זייער לעבן, האָבן זיך דערקלערט אַלס „גלייביקע". אין דעם פּרט זענען אפשר יידן און אַרמענער די אַמווייניקסטן פּחדנישע, די רעליגיעז־העראָישסטע פעלקער אין דער וועלט, כאָטש... כאָטש מ'דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז נאָך דער גאַנצער מאַרטיראָלאָגיע פונעם אַרמענישן פאָלק זענען דאָך פאַראַן הונדערטער־טויזנטער מוסולמענישע אַרמענער; און וואָס ס'איז שייך יידן — איז פאַראַן אַ יסוד צו גלייבן, אַז אַ סך מער יידן זענען אין פופצנטן יאָרהונדערט געבליבן אין שפּאַניע און זיך געשמדט איידער אויסגעוואַנדערט אין פרעמדע לענדער „על קידוש השם" (און וויהין זענען פאַרשווונדן געוואָרן די גרויסע צאָל יידן, וואָס האָבן אַמאָל געלעבט אין די פאַרשיידענע איטאַליענישע פּראָווינצן?).

איך ווייס, דאָס איז אַן אכזריות אַרויסצוזאָגן. אָבער אין אונדזערע אכזריות־דיקע טעג מוז מען טיילמאָל זיין ברוטאַל מיט זיך אַליין. ווען היטלעריזם וואָלט נישט געווען פאַרבונדן מיט אַנטיסעמיטיזם, ווען דייטשלאַנד וואָלט אין איר נאַציאָנאַליסטישער משוגעת געגאַנגען אויף דעם וועג, אויף וועלכן דער אי־טאַליענישער פאַשיזם איז ביז נישט לאַנג צוריק געגאַנגען, וואָלטן מסתמא דער רוב מנין פון דייטשע יידן געווען (אויסערלעך יעדנפאַלס) היטלעריסטן. מיט וואָס זענען זיי נאָבעלער פון איטאַליענישע יידן, וואָס האָבן זיך אין זייער מערהייט אידענטיפיצירט אַלס פאַשיסטן? וואָלטן מיר דענסטמאָל געהאַט צו טאָן מיט אַ דערשיינונג פון פּאָליטישן מאַסן־שמד. און — מען מעג גיין אַ שריט ווייטער? ווען אַפילו דער איצטיקער זאָאָלאָגיש־אַנטיסעמיטישער היטלעריזם וואָלט אין זיין תוך נישט געווען אַטעיִסטיש און אַנטי־קירכלעך; ווען ער וואָלט זיינע רדיפות געווענדעט בלויז קעגן „יידישע יידן" און נישט קעגן משומדים ווי עס איז געווען אין מיטלאַלטער אין קאַטוילישע לענדער — וואָלט זיך גאָר־גאָר אַ גרויסער פּראָצענט יידן אויסגעשמדט און געזוכט באַלזאַם פאַר זייערע ווונדן אין די צוויי קריסטלעכע קירכן פון גרויס־דייטשלאַנד.

און האַנדלט זיך וועגן פּאָליטישן „שמד" — ווער ווייסט וויפיל מיליאָנען „משומדים" עס זענען היינט פאַראַן צווישן גוים אין דייטשלאַנד און אין עסט־

רייך, אין איטאַליע, אין סאָוועט־רוסלאַנד — מענטשן וואָס שווערן טרײַהייט צו אַ רעזשים וואָס זיי האָסן, וואָס דאַוונען צו געטער וועלכע זיי האַלטן פאַר געטשקעס, וואָס טראָגן דריי הונדערט פינף און זעכציק טעג אין יאָר מאַסקעס אויף זייערע פנימער און זענען גרייט צו קושן די רוט וואָס שמייסט זיי? צוליב וואָס? אָט צוליב דעם בידנע ביסל לעבן און צוליב דעם בידנע שטיקל ברויט, וואָס מ׳מוז האָבן צום לעבן, און צוליב דעם מינימום פון (אַפילו פיקטיווער) פרייהייט, וואָס די „פּריווילעגירטע״ פאַרמאָגן. פּחדנות, פּאַראַט, אומטרייהייט צום אייגענעם איך, קריכעריי, אונטערגעביקייט, צביעות, מיט איין וואָרט: שמד איז אַזאַ אַלטע, פאַרשפּרייטע, כמעט אוניווערסאַלע דערשיינונג, אַז מ׳מוז זי, האָב איך מורא, אָנהייבן צו באַטראַכטן — אַז אָך און ווי צו דער נאַטור! — אַלס „נאַטירלעך״. כדי די וועלט זאָל זיך דערפון באַפרייען, מוז זי, אין אַ גע־וויסן זינען, ווערן „איבערנאַטירלעך״, לאָזן הערשן אין לעבן יענע כוחות וואָס קענען גובר זיין געוויסע עלעמענטן פון דער „נאַטור״.

וואָרפן שטיינער אין משומדים? אין וועלכע? אין יידישע אָדער אין נישט־יידישע? אין רעליגיעזע אָדער אויך אין פּאָליטישע, אין סאָציאַלע, אין אינ־טעלעקטועלע משומדים?

נישטאָ, האָב איך מורא, אַזוי פיל שטיינער אין דער וועלט. און די האַנט וואָלט גיך מיד געוואָרן.

איך געדענק שוין איצטער נישט (אויב איך האָב בכלל אַמאָל געוווּסט), צוליב וואָס דער האַלבער תּם פון מיין קינדהייט־דאָרף האָט זיך געשמדט, אָבער איך ווייס אַז צו די איצטיקע משומדים אין וויין פיל איך מער יענעם רחמנות, וואָס האָט אין מיין האַרץ געצאַפּלט צו משה־געאָרגין, איידער דעם האַס וואָס איך האָב אין שפּעטערע יאָרן געטראָגן אויף אַזאַ משומד ווי פּראָפעסאָר כוואָל־סאָן.

און איך וואָלט אַפילו געוועזן אפשר גרייט אויף „חילול השם״ און ווינטשן די פינף הונדערט ווינער משומדים דערפאָלג הינטער דער בייער מאַסקע, וואָס זיי האָבן אויף זיך אַרויפגעצוואונגען. מילא, וואָלט איך מיר געזאָגט, נישט אויס־געהאַלטן דעם עקזאַמען! זענען זיי נישט שטאַרק געגוג פאַר דעם — און דער עקזאַמען איז אפשר אַ צו שווערער פאַר צערודערטע מוחות, דערשראָקענע הערצער, חרוב־געוואָרענע נשמות, אין טעג פון דער וועלט ליקוי־חמה. אויב דאָס וואָס מיר רופן „נצח ישראל לא ישקר״ האָט אין זיך אמתדיקע רעאַליטעט, איז דער באַגריף מער אַ קוואַליטאַטיווער איידער אַ קוואַנטיטאַטיווער: פינף הונדערט אַרויף, פינף הונדערט אַראָפּ — דער קרן וועט בלייבן.

איך קען זיי אָבער קיין „דערפאָלג״ אין זייער מימיקרי־פאַרברעכן נישט ווינטשן, ווייל אין אונדזערע צייטן ווערט אַלץ שווערער און שווערער צו טראָגן

אַ גויִישע מאַסקע איבערן ייִדישן פּנים; אַפילו ווען איינער איז גרייט גובר צו זײַן אין זיך דעם עקל פֿאַר מאַסקעס בכלל און פֿאַר אַזאַ מאַסקע ספּעציעל. די וועלט האָט איצטער בעסערע דעטעקטיוו־פֿעיִקייטן ווי אַמאָל און דער מאָדערנער ייִד איז צו שטאַרק צעשרויפֿט, דורך און דורך היסטעריש און דע־באַלאַנסירט, אַז ער זאָל לאַנג קענען שפּילן די ראָלע פֿון פֿאַרשטעלן זיך און זיך נישט פֿאַרראַטן. דער שׂכל פֿון שמדן זיך ערבֿ אימיגראַציע באַשטייט דאָך אין דעם, אַז מ׳זאָל קומען אין דעם נײַעם לאַנד אַלס נישט־ייִדן, זיך לעגיטימירן דאָרט אַלס גויִים, סײַ לויט אָפּשטאַם און קולטור און סײַ לויט רעליגיע (קומען ערגעץ־חוץ, אין אַ נײַער סבֿיבֿה, אַלס אָפֿיציעלע משומדים, אַלס „געוועזענע" ייִדן, איז היינטיקע צײַטן נישט קיין סגולה קעגן די צרות, וואָס די נעאָ־פּראָטעסטאַנטן ווילן אויסמײַדן מיט זייער שמד). וועלן זיי זיך מסתמא דאָרט אָנשטרענגען צו שפּילן די ראָלע נישט נאָר פֿון פּראָטעסטאַנטן, נאָר אויך — פֿון „אַריער". ווי לאַנג קען מען אַזאַ ראָלע שפּילן און זיך נישט פֿאַרראַטן, נישט נכשל ווערן און נישט מסרן זיך אַליין?

די פֿינף הונדערט ווינער ייִדן וואָלטן עפּעס געקאָנט לערנען בײַ זייער גרויסן, מוטיקן און קרישטאָל־ערלעכן לאַנדסמאַן, בײַ זיגמונד פֿרויד. אַ פּאַציענט האָט זיך אַמאָל פֿאַר אים געקלאָגט, אַז לעצטנס רעדט ער זאַכן, וואָס ער וויל גאָר נישט אַרויסרעדן, וואָס אים לוינט גאָר נישט אַרויסצורעדן, ווײַל ער קען זיך, ווײַזט אויס, נישט קאָנטראָלירן. איינער פֿון די פֿאַלן, אין וועלכע ער האָט זיך „פֿאַרשפּראָכן" (דער פּסיכאָאַנאַליטישער טערמין פֿאַר „זיך אויסגליטשן" מיט אַ וואָרט), איז זייער אַ כאַראַקטעריסטישער.

אין אַ גויִישער געזעלשאַפֿט, וועלכע האָט נישט געוווּסט אַז ער איז אַ ייִד, האָט ער איינמאָל געוואָלט זאָגן זײַנע צוויי ייִנגלעך: „נו מײַנע יונגען, עס איז צײַט איר זאָלט גיין אויף אַ שפּאַציר", נאָר אַרויסגעקומען פֿון זײַן מויל איז גאָר דער זאַץ: „נו, מײַנע יודען"... דער גאַנצער עולם האָט זיך מיטאַמאָל דערוווּסט דעם סוד, וואָס ער האָט אַזוי „קונציק" געוואָלט באַהאַלטן פֿון זיי.

הלוואַי זאָל איך ליגן זאָגן: די פֿינף הונדערט משומדים וועלן אין די נײַע לענדער איינציקווײַז „נכשל" ווערן און אויספּלאַפּלען, אָדער ווי עס איז אויף אַן אַנדער אופֿן מאַניפֿעסטירן זייער פֿינצטערן סוד.

און דענסטמאָל... אָבער נאָך וואָס זאָל איך זאָגן נבֿיאות?

.1938

מנחם-מענדל ווערט אַן אַפּאָסטאַל

אַרומבלאָנדזשענדיק אין אַ זוניקן לאָנדאָנער נאָכמיטאָג אין דער געגנט פון ראַסעל־סקווער, האָב איך מיך אַנגעשטויסן אָן אַ מאַסיווער מיטל־אַלטערלעכער געביידע פון אַן אַנגליקאַנישער קירכע. די ווענט פון דרויסן פאַרשוואַרצט, ווי האַלב־אָפּגעברענט, גלייך ווי בכיוון פאַרנאַכלעסיקט; אַ ריי שטרענגע קאָלאָנען אויף דער פּלאַטפאָרמע, און אויף אַ סלופּ, ביים אַריינגאַנג, איז געווען אָנגעקלעפּט אַ פּלאַקאַט מיט העברעיִשע אותיות. דער פּלאַקאַט האָט מודיע געווען, אַז יעדן שבת, עלף אַ זייגער אין דער פרי, ווערט דאָ געפּראַוועט אַ ייִדיש־קריסטלעכע ליטורגיע; אָדער, ווי עס שטייט אויף תרגום־לשון „סעודתא דמלכא קדישא״, לויטן נוסח פון „משיחישע חסידים״, און אונטער־געצייכנט אויף דער מודעה איז הרב פּ. פּ. לעווערטאָף.

וואָס איז דאָס פאַר אַ מאָדנע קריסטלעכע ליטורגיע, וואָס ווערט געפּראַ־וועט שבת, אַנשטאָט זונטיק, — און גראָד אויף העברעיִש? און פון ווען אָן עק־זיסטירט עס אין לאָנדאָן אַ נוסח פון „משיחישע חסידים״? עטלעכע מינוט בין איך געשטאַנען דערשטוינט פאַרן פּלאַקאַט — ביז איך האָב זיך דערמאָנט, ווער „הרב״ לעווערטאָף איז.

צוריק מיט יאָרן, ווייס איך, האָט ער געמאַכט אַ רושם אין דער פּראָ־טעסטאַנטישער וועלט פון דייטשלאַנד מיט זיין אָפּהאַנדלונג וועגן דער „רע־ליגיעזער דענקווייזע פון די חסידים״ (אַרויסגעגעבן, אגב, פון דער לייפּציקער אוניווערזיטעט); שפּעטער — מיט זיין העברעיִשער קריסטוס־ביאָגראַפיע, וועלכע קלויזנער דערמאָנט אין זיין מאָנומענטאַלן ווערק אַלס אַ זייער־טענ־דענציעזע אַרבעט. ערשט צוריק מיט עטלעכע יאָר האָט ער אַרויסגעלאָזט אין ענגלאַנד — נאָכאַמאָל אויף העברעיִש — זיין פּוילוס־ביאָגראַפיע, און אויב איך מאַך נישט קיין טעות איז ער עס דער ענגלישער איבערזעצער פון פּראַנץ ווערפעלס „פּוילוס צווישן די ייִדן״ (פאַרעפנטלעכט אין דעם ניו־יאָרקער „מנורה״־זשורנאַל).

„הרב״ לעווערטאָף איז, הייסט עס, נישט קיין רב נאָר אַ גלח; און נישט סתם אַ גלח, נאָר אַ מיסיאָנער — דאָס וואָס פרומע ייִדן באַצייכענען אַלס „מסית ומדיח״. אָבער מערקווירדיק: דער דאָזיקער משונהדיקער גלח באַטראַכט זיך אַלע יאָרן פאַר אַ ייִד, און כאָטש ער איז שוין אַ לאַנגע צייט פאַרבונדן מיט דער אַזוי־גערופענער „עסטאַבלישד טשוירטש״ פון ענגלאַנד, האָט ער אַליין,

דערציילט מען, „פיינט משומדים״ און זוכט אויף פאַרשידענע וועגן צו זיין פאַרבונדן מיטן ייִדישן נאַציאָנאַלן לעבן. ער פאָלגט נאָך די ייִדישע און העברעי־שע פּרעסע און ליטעראַטור; ער פאַרמאָגט אַ שאַרף, קריטיש וואָרט פאַר אַסי־מילאַטאָרן — און ער האַלט זיך, אויב נישט פאַר קיין ציוניסט, איז פאַר אַן איבערגעגעבענעם חובב־ציון. ער האָט געשטעלט, ווייס איך, צוריק מיט אַ פּאָר יאָר דעם פאַרשטאָרבענעם נחום סאָקאָלאָוו אין אַ פאַרלעגנהייט: ער איז געקומען, אין לאָנדאָן, אויף אַ ייִדישן באַנקעט לכבוד דעם דערשיינען פון אַן ענגלישער איבערזעצונג פון שניאורס „נח פּאַנדרע״, און געבעטן מ׳זאָל אים לאָזן האַלטן אַ באַגריסונגס־רעדע. סאָקאָלאָוו איז געווען דער פאַרזיצער און ער האָט נאַטירלעך נישט געקאָנט פועלן ביי זיך משתּף צו זיין אַ „משומד״ צו אַ ייִדיש־ליטעראַרישער מצווה.

דער נישט־לאַנג פאַרשטאָרבענער ד״ר י. מ. זאַלקינד, דער ייִדיש־איבער־זעצער פון תּלמוד־בבלי — אַליין אַ זייער עקזאָטישע, אינטריגירנדיקע פיגור: אַן אַנאַרכיסט און אַן אָרטאָדאָקסיש־רעליגיעזער ייִד, אַ „בלוט־שונא״ די גבי־אים פאַר זייער „ברוטאַליטעט״ און „וווּלגאַרע קללות״ און אַ באַגייסטערטער פאַרערער פון די „גרעסטע הומאַניסטן אין דער וועלט־געשיכטע״, די תּנאים און אמוראים, אַן עקסטרעמער אינטערנאַציאָנאַליסט און אַ ראָמאַנטישער חובב־ציון, דערצו נאָך אַ פרומער ייִדישיסט — איז ער יאָרנלאַנג געווען „הרבֿ״ לעוווערטאָפּס אַן אינטימער פריינט. ווען איך האָב, דערמאָן איך זיך, צוריק מיט עטלעכע יאָר אַ פרעג געטאָן ד״ר זאַלקינדן, ווי קען עס אַן אָרטאָדאָקסישער ייִד, ווי ער, זיין באַפריינדעט מיט אַ משומד, מיט אַ מיסיאָנער — האָט ער מיך געענטפערט, כ׳זאָל נישט נוצן קיין באַליידיקנדיקע ווערטער ווען עס רעדט זיך וועגן לעוווערטאָפּן; ווייל „אויב עס זענען פאַראַן אין אייראָפּע אַ צענדליק הייליקע מענטשן, איז לעוווערטאָף איינער פון זיי״. ד״ר זאַלקינד האָט שטאַרק געגלייבט אין זיין אויפריכטיקייט און קריסטלעכער פרומקייט. אים האָט נאַטירלעך וויי־געטאָן, וואָס זיינער אַ נאָענטער פריינט דינט דער „עבֿודה זרה״, אָבער פרומ־קייט, האָט ער פאַרשטאַנען, דאַרף געמאָסטן ווערן נישט לויט דעם אָביעקט פון גלויבן אָדער אינהאַלט פון דאָגמעס, נאָר לויט דער שפּאַנונג פון דער נשמה...

***

ווען איך האָב זיך ביי אַן אַנדער געלעגנהייט צעשמועסט מיט ד״ר זאַל־קינדן וועגן לעוווערטאָפּן, האָט ער מיר דערציילט פון אַ טשיקאַווען עקספּערי־מענט, וואָס דער ייִדיש־קריסטלעכער מיסיאָנער האָט צוריק מיט אַ יאָר צען געמאַכט אין לאָנדאָן. אין די ראַמען פון דער אָפיציעלער, אַנגליקאַנישער קיר־

כע, האָט ער געוואָלט רעסטאַווירן די אַמאָליקע יידיש־עוואַנגעלישע קהילה — די אורגעמיינדע פון ירושלים. האָט ער, מיט דער דערלויבעניש פונעם לאָנדאָנער בישאָף, גענומען אַ קירכע און אָנגעהויבן פראַוזען אין איר יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס „קבלת־שבת". דאָס האָט ער געמאַכט לויט אַן אייגענעם נוסח, אַ מין „סינטעז", ווי ער האָט געוואָלט גלייבן, פון קריסטלעכער ליטורגיע און טראַדיציאָנעל־יידישן צערעמאָניאַל פון אָנטקעגנגיין דער קעניגין שבת. נאָכן דאַוונען פלעגט ער מאַכן קידוש. דער זינען פון דער דאָזיקער משונהדיקער „עבודה" איז, לויט לעווערטאָפס אויפפאַסונג, געווען דאָס אומקערן זיך צום „מקור" — צום אָריגינעלן יידישן קריסטנטום; איידער זי איז געוואָרן אַ גוייִשע אָדער אַ קאָסמאָפּאָליטישע רעליגיע און איידער זי האָט אַרונטערגענומען אונטער די פליגל גריכן, סיריער, רוימער און אַנדערע געצנדינער. די אידייע איז נישט נייַ. יעדער ערנסטער פּראָטעסטאַנטישער טעאָלאָג ווייסט און אָנערקענט דעם אונטערשייד צווישן דער עוואַנגעלישער אורגעמיינדע פון יעזוסעס צייט, פון דעם ערשטן אַפּאָסטאָלישן דור, און דער שפּעטערער אַנטי־יידישער געמיינדע וואָס פּוילוס, דער „שליח צו די גויִים", האָט געשאַפן. נייַ איז בלויז געווען די פּראַקטישע אָנווענדונג פון דער דאָזיקער ריכטונג און היסטאָרישער אויפפאַסונג. לעווערטאָף האָט זיך פאַרמאָסטן איבערצושפּרינגען די גאַנצע קריסטלעכע אַנטוויקלונג, אָדער, ווי אייניקע מיינען, אויפוויקלונג — איבער דער קאַטוילישער און גריכישער קירכע; ער האָט אויך געוואָלט איבערהיפּן די פּראָטעסטאַנטישע קירכן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשיילט פון קאַטויליציזם און שאַפן אין אונדזערע צייטן אַ יידישע געמיינדע לויט יעזוסעס פערזענלעכן נוסח און שטייגער פון זיינע ערשטע, בלויז יידישע, נאָכפאָלגער. מסתמא דערפאַר האָט ער זיין געמיינדע אָנגערופן „חסידים" — אַ רמז אויף יענע יאָרן ווען יידישע קריסטן זענען נאָך באַטראַכט געוואָרן אין ארץ־ישראל אַלס פולע יידן; ווען מ'האָט געקוקט אויף זיי (ווי רענאַן מיינט ריכטיק) ווי אויף איינער פון די גאַנץ לעגיטימע חסידישע גרופן, וואָס האָבן דענסטמאָל עקזיסטירט אין דער ראַם פון אָפיציעל־יידישן רעליגיעזן לעבן. לעווערטאָף האָט דערמיט מסתמא אויך געוואָלט באַטאָנען, אַז דער חילוק צווישן עוואַנגעליסטן און נישט־עוואַנגעליסטן איז אין ערשטן, אַפּאָסטאָלישן דור באַטראַכט געוואָרן אומגעפער אין די זעלבע טערמינען, אין וועלכע מ'האָט באַצייכנט די חילוקי־דעות און חילוקי־נוסחאות צווישן מתנגדים און חסידים אינעם אַכצנטן יאָרהונדערט. זיין צוועק איז, בכן, געווען, ווי איך האָב פאַרשטאַנען פון ד"ר זאַלקינדס דערציילונג, אַ יידיש־קריסטלעכע רעליגיעזע „רעסטאַוראַציע". פאַר וואָס די אויטאָריטעטן פון דער אַנגליקאַנישער קירכע האָבן דעם יידישן מיסיאָנער מתיר געווען אַזאַ עקס־פּערימענט (די אַנגליקאַנישע קירכע, דאַרף מען נישט פאַרגעסן, איז אין רע־

ליגיעזע ענינים גאָר נישט אַזוי ליבעראַל. אין אייניקע פּרטים איז זי געבליבן
ביזן היינטיקן טאָג „קאַטויליש״, הגם זי האָט זיך אָפּגעריסן פון דער רוימישער
ממשלה) — איז מיר נישט קלאָר. אפשר האָבן זיי געמיינט, אַז דורך אַזאַ „פאַר־
יִדישן״ דאָס קריסטנטום וועט געלינגען צו „דערלייזן״ גרויסע צאָלן יִדן.
אַזוי אָדער אַנדערש, האָבן זיי געגעבן לעווערטאָפן אַ גאַנץ ברייטע אויטאָנאָמיע
פאַר זיין יִדישן קרייצצוג און אין משך פון אַ געוויסער צייט האָט ער אַפילו
געפּראַוועט ביי זיך אין קירכע יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס גאַנץ יִדישלעכע סעו־
דות. עסן צואַמען, ווי מען קען זען פון עוואַנגעליום, איז אַן אורקריסטלעכער
אַקט. די אור־געמיינדע אין ירושלים האָט דעם דאָזיקן אַקט, לויט אַ סך סימ־
נים, סיסטעמאַטיש דורכגעפירט אין משך פון יאָרן (דאָס איז, אגב, געווען איי־
נער פון די וויכטיקסטע אויסדרוקן פון איר קאָמוניזם). האָט טאַקע לעווערטאָף
צוליב דעם פּרובירט אַמאָל דורכפירן אַ פּעריאָדישע, גאַנץ קאָנקרעטע „סעודתא
דמלכא קדישא״ אין דער קירכן־געביידע — מיט יִדישע געפילטע פיש, מיט
זמירות, מיט חב״דסקע ניגונים און אוקראַיִניש־חסידישע ריקודים. סוף־כל־סוף
האָבן די העכערע קירכן־אויטאָריטעטן פאַרבאָטן די שבתדיקע סעודות, נישט
מחמת וועלכע־נישט־איז פּרינציפּיעלע טעמים, נאָר אַ דאַנק אַ סקאַנדאַל, וואָס
האָט איינמאָל בשעת אַזאַ סעודה אויסגעבראָכן און האָט אַרויסגערופן אין דער
לאָנדאָנער פּרעסע אַרטיקלען קעגן „חילול־השם״. „שקצים״ פון דער אַרומי־
קער געגנט האָבן זיך דערוווּסט וועגן אַ „פאָני טשוירטש״, ווו מ׳קען יעדע וואָך
אָפּעסן, קריגן אַ גלעזל בראָנפן און כאַפּן אַ טענצל, האָבן זיי אָנגעהויבן קומען
צוגאַסט אין לעווערטאָפס קירכע מיט זייערע מיידלעך; מיט דער צייט האָבן
זיי אָנגעפאַנגען ברענגען אַהין אויך זייער אייגענעם „וויסקי״ (דעם ביטערן
טראָפּן האָט מען נאַטירלעך דאָרט סערווירט מיט אַ מאָס) — אַזוי לאַנג, אַזוי
ברייט ביז זיי האָבן זיך אַמאָל צעהיצט און צעאַמפּערט און אָנגעהויבן אַן ערנסטן
געשלעג. פּאָליציי האָט זיך געמוזט אַריינמישן און לעווערטאָף האָט זיך צע־
קריגט אויף אַ געוויסער צייט מיט „נאַטשאַלסטוואָ״. די העכערע קירכן־אינס־
טאַנצן האָבן געפאָדערט, ער זאָל אויפגעבן זיין עקספּערימענטירן מיט די פריי־
טיק־צו־נאַכטס־סעודות און ער האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן: אויב מען
איז איינמאָל געשטרויכלט געוואָרן מיט אַ פּאָר בויאַנעס, דאַרף מען צוליב דעם
נישט אָפּשאַפן די מיסטעריע פון עסן בציבור. סוף־סוף האָט ער זיך, ווייזט
אויס, אונטערגעגעבן: די אַמאָליקע סעודות ווערן מער נישט געפּראַוועט. שבת
אין דער פרי ווערט בלויז דורכגעפירט אַ מין סימבאָלישע סעודה.

**
*

איך בין געווען גענוג נייגעריק צו באַזוכן די קומענדיקע „סעודתא דמלכא
קדישא״.

אין אַ ווינקל פון דער אימפּאָזאַנט־גרויסער קירכע איז געזעסן די פּיצינקע קהילה פון די „משיחישע חסידים". די קאָנגרעגאַציע איז נישט געווען קיין סך גרעסער פון אַ מנין. אַן אַלטע, אָפּגעבליאַקעוועטע פרוי מיט אויסגעלאָשענע אויגן, אָנגעטאָן — לויטן לאָנדאָנער סטאַנדאַרט — אין שמאַטעס. עטלעכע גוט־געקליידעטע יונגע מיידלעך מיט אויגן פון סאָמנאַמבולאַס, פון לבנה־פאַר־כישופטע; אַן עלעגאַנטע, מיטליעריקע פרוי מיט איבער־סענסיטיווע ליפּן און מיט אַ מאָדנעם פייערל פון נישט־געשטילטער ליידנשאַפט אין אירע טונקל־גרויע אויגן; אַ פּאָר יונגע מענער מיט מער סלאַווישע ווי ייִדישע פּנימער; צוויי־דריי ייִנגלעך אינעם בר־מצוה־עלטער.

פאַרן אַלטאַר איז געשטאַנען לעוועטאָף, איינגעהילט אין אַ גרויסן טראַדיציאָנעלן טלית, מיט אַ יאַרמעלקע אויפן קאָפּ. נישט ווייט פון אים — אַ טיש, אויף וועלכן ס׳זענען געלעגן צוויי חלות, אַ פלעשל וויין און עטלעכע גלעזלעך (פונעם סידור, וואָס די אַלטע פרוי האָט מיר צוגעטראָגן זע איך, אַז אין די פּסח־טעג וועלן אָנשטאָט חלות ליגן אויפן טיש מצות). דער „כהן", ווי דער סידור באַצייכנט דעם שליח־ציבור, דאַוונט אויף העברעיִש; קהל ענטפערט אויף ענגליש. איבער דער שטרענגער און אימפּאָזאַנטער קירך האָט זיך געטראָגן לעוועטאָפס חסידיש־לירישע שטימע. אַביסל האָט מאָמענטנווייז געשטערט זיין געצערטלטע ספרדישע אויסשפּראַך: זי האָט זיך נישט געפּאָרט מיט דעם „מאָראַלישן" שטייגער פון זיין אוקראַיִניש־ייִדישער אינטאָנאַציע.

באַקאַנטע ווערטער: אב הרחמן... ברכו את ה׳ המבורך... אלהי אברהם, אלהי יצחק ואלהי יעקב... זוכר חסדי אָבות... מגן אברהם... עס פעלט נישט דער אָראַטאָרישער „שמע ישראל, ה׳ אלהינו ה׳ אחד"... און אָט הער איך פון דער קאָנגרעגאַציע דעם אַלטן נאַציאָנאַליסטיש־בן־יחידישן „אהבת עולם":

"Thou hast loved us with an everlasting love, with great and exceeding pity hast Thou pitied us. . . ."

אויך דער אייביקער „ציוניזם" פון די ייִדישע תפילות האָט געפונען זיין לעגאַלן פּלאַץ אין דער אַנגליקאַנישער קירכע: „אור חדש על ציון תאיר, ונזכה כולנו מהרה לאורו". — ווערטער, וואָס רעפאָרם־ייִדן האָבן אַמאָל אויסגעשטראָכן פון זייער סידור... דעם זעלבן ארץ־ישראל־פּאַטריאָטיזם האָב איך נאָכאַמאָל געהערט אין דעם מי־שבירך, וואָס ער האָט געמאַכט דעם ענגלישן קיסר: „בימיו ובימינו תושע יהודה ויבוא לציון גואלנו" (צי ווייסן ענגליש־ייִדישע סופער־פּאַטריאָטן, די וואָס אַרבעטן אַזוי פלייסיק קעגן דער „סכנה" פון אַ ייִדישער מלוכה, אַז דער „פאַרראַט" אָדער די „דאָפּלטע לאָיאַליטעט" פאַרנעמט אַ פּלאַץ אין אַן אַנגליקאַנישער ליטורגיע?)... און אויב דאָס איז נאָך אַלץ ווייניק, האָט זיך דער „כהן" צעגאָסן אין אַ „שאָוויניסטישן" לויב־געזאַנג דעם איי־

בערשטן, אין אַן אתה בחרתנו־דעקלאַראַציע: „הבוחר במשה עבדו ובישראל עמו ובנביאי האמת והצדק”... און עטוואָס שפּעטער — אַ סופער־נאַציאָנאַליסטישע ברכה פאַר די קראַנקע: „ברוך אתה ה׳ רופא חולי עמך” (און וואָס הערט זיך, פרעג איך זיך, מכּח קראַנקע גויים? זאָלן זיי ווייטער קרענקען? אַ רמז פאַר יעזוס׳ דיסקרימינאַטאָרישע בייגונגען, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן היילן נישט־ייִדן?)... און אָט איז געקומען די מיסטעריע, די „קאָמיוניאָן”, דאָס קריסט־לעכע אין דער ייִדישער עבודה. דער „כהן” האָט אויפגעהויבן אַ חלה פון טיש און געווענדט זיך צו קהל אויף אַראַמעיִש (יעזוס׳ מוטער־שפּראַך): „הא לחמא דמשיחא, כל דכפין ייתי וייכול” — אָט דאָס איז משיחס ברויט, ווער עס איז הונגעריק זאָל קומען און עסן; און ווייטער, נאָכן צעברעכן דאָס ברויט אויף שטיקלעך און אויפהייבן דעם כוס, איז שוין געקומען דאָס באַקאַנטע, דאָס קירכלעך־קאַנאָניזירטע, דער סוד פון פיזישער דבקות אין דעם דערלייזער: „דאָס איז דער קערפּער פון אונדזער האַר, יעזוס דער דערלייזער, וואָס ער האָט אַוועקגעגעבן פאַר דיר, און דאָס איז דאָס בלוט פון אונדזער האַר, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן צוליב דיר”...

די ליטורגיע האָט זיך געענדיקט. איך האָב זיך געגרייט אַרויסצוגיין פון קירכע. די אַלטע פרוי מיט די אויסגעלאָשענע אויגן האָט מיך געפרעגט, צי איך וויל נישט בלייבן הערן לעווערטאָפס דרשה (זי האָט מקפּיד געווען אים אָנצורופן „אָור ראַבאַי”, נישט חס־וחלילה, „מיניסטער”). איך וואָלט בפירוש געבליבן — דאָך טשיקאַווע — אָבער עס איז געוואָרן שפּעט און איך האָב זיך „דערמאָנט”, אַז קיין לאָנדאָן בין איך געקומען צוליב ווייניקער הימלישע, אָבער דאָך וויכטיקע ענינים.

***

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָט מיך פאַרפאָלגט לעווערטאָפס ליריש שטי־מע (צי ווייסט ער, וואָס פאַר אַ קאַריערע ער וואָלט געקענט מאַכן אַלס אַ טראַ־דיציאָנעלער ייִדישער בעל־תפילה?). אָבער אַלעמאָל, ווען איך טו אַ קלער, וועגן זיין עצם עקספּערימענט, דערמאָן איך זיך אָן מנחם־מענדלען. מנחם־מענדל, זאָג איך מיר, אין דער ראָלע פון אַן אַפּאָסטאָל.

איך ווייס נישט, צי לעווערטאָוו איז אַ „היילקער”, ווי ד״ר זאַלקינד האָט אים כאַראַקטעריזירט. איך גלייב, אַז ניין. אַ היילקער איז פּראָסטער, ווייניקער „קינסטלער” און ווייניקער „סטיליזאַטאָר”. אַ היילקער, וואָס וואָלט באמת גע־וואָלט רעסטאַווירן די ייִדישע אור־עוואַנגעלישע געמיינדע, וואָלט נישט גע־גאַנגען זוכן הכנסת־אורחים ביי דער אַנגליקאַנישער קירכע, ביי אַ נאָך־אַלע־מען „גויִישער”, דריי פערטל קאַטוילישער אינסטיטוציע, מיילן־ווייט פון דער

אַמאָליקער ירושלימער קהילה. ער וואָלט זיך נישט געקענט צופרידנשטעלן מיט אַ געטאָלע, מיט אַ ווינקל אין אַ נישט־ייִדישער קירכן־מדינה. ער וואָלט אָנגעהויבן זיין מיסיע פון אונטן, נישט פון אויבן, פון ייִדישע מאַסן און נישט פון דער „אויטאָנאָמיע", וואָס דער לאָנדאָנער בישאָף האָט אים געגעבן; ער וואָלט אפשר אָנגעהויבן פון אַ קעלער אין ווייטשעפּעל, אָן מיטלען, אָן סובסידיעס, אָן דעם טשין פון אַן אַנגליקאַנישן „מיניסטער". מיין איינדרוק איז, אַז ער איז אויך נישט קיין שווינדלער, ווי אַ פּאָר לאָנדאָנער פריינט טיטולירן אים. מ'שטיינס געזאָגט, די קאַריערע, וואָס ער האָט געמאַכט מיט זיין פּיצינקער, איצט בלויז טאָלערירטער קאָנגרעגאַציע. מיט זיין לומדות וואָלט ער געקענט לייכט אָנגעשטעלט ווערן אַלס אמתער גלח אין אַ גרויסער גויִש־אַנגליקאַנישער קאָנגרעגאַציע. אויף צו טאָן לעפּישע זאַכן דאַרף מען נישט זיין קיין הייליקער און אַוודאי נישט קיין שווינדלער. ס'איז גענוג צו זיין דאָס, וואָס ניטשע פלעגט אָנרופן מיט אַזוי ווייניק רעספּעקט — „אַ ליטעראַט", אַ פאַנטאַזיאָר אָן פאַרשיכורנדיקן טעמפּעראַמענט, אַ טרוימער אָן עכטן ווילן — אָדער, עס איז גענוג צו זיין אַ מנחם־מענדל. שלום־עליכמס העלד האָט אויך פאַרמאָגט פאַנטאַזיע, טרוימעריי; אים האָט געפעלט בלויז איין „קלייניקייט" — טעמפּעראַמענט, אָרגיאַזם פון אַ פאַנטאַסט. אַ דאָן־קיכאָט בלויז אין זינען פון פאָרשטעלונגס־קראַפט, אָן דאָן קיכאָטיש בלוט אין די אָדערן. צופיל פאַרחלומט פאַרן רעאַלן און קאָנקרעטן, צו ניכטער און פליגללאָז פאַרן אויסגעטרוימטן און פאַנטאַסטישן. דערפאַר איז מנחם מענדל (אויך אַ „ליטעראַט") טאַקע געבליבן אויף שטענדיק מנחם מענדל און דערפאַר, איז מיין איינדרוק, האָט לעווערטאָף געמוזט בלייבן — לעווערטאָף.

אַן אַפּאָסטאָל? ניין, נישט פון אַזאַ שטאָף ווערן „געמאַכט" אַפּאָסטאָלן. שיינע־שיינדלס מאַמע, תחיה, ווייסט בעסער: „אָרעמער דאַך, וואָס קנאַקסטו?"

.1938

זעלבסטמאָרד

קורץ פאַר מיין אָפּפאָר קיין אייראָפּע האָב איך געהאַט אין ניו־יאָרק אַן אומדערוואַרטן און דערשיטערנדיקן באַזוך. אַ יונגע פרוי, וועמען איך קען שוין עטלעכע יאָר, איז געקומען צו מיר זיך געזעגענען און מיר איבערגעגעבן איר צוואה. זי האָט באַשלאָסן, האָט זי מיר דערקלערט מיט אַרויפגעצוווּנגע־נער און אויסשטודירטער רויִקייט, צו באַגיין זעלבסטמאָרד. וואָלט זי וועלן, איך זאָל זיין אַזוי גוט און איבערנעמען די אַפּיטראָפּסות איבער אירע צוויי קליינע קינדער. דער מאָטיוו? אַ ריין מאָראַלישער: שלאָפלאָזע נעכט און אַ האָפנונגסלאָז־היסטערישער צושטאַנד, אַרויסגערופן פון אַן אַנדער זעלבסט־מאָרד, פון וועלכן זי זאָל זיין די דירעקטע סיבה. אירע אַ וויטע קרובה פון היידעלבערג, וועמען די נאַציס האָבן געמאַכט פאַר אַן אלמנה (איר מאַן איז געשטאָרבן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער), האָט ביי איר געבעטן אַן „אַפידיי־וויט״, כדי זי זאָל קענען קומען קיין אַמעריקע און געפינען דאָרט אַ נייע היים און פאָטערלאַנד פאַר איר פערצן־יאָריקן זון. האָט זי דעם אַפידייוויט נישט געשיקט. זי האָט אָנגעשריבן אַ קורצן בריוו און אָפּגעזאָגט איר בקשה. זי האָט יענע קרובה כמעט קיינמאָל נישט געזען — בלויז אַ פאַרנעפּלטע דערמאָנונג פון די ערשטע קינדער־יאָרן. האָט זי נישט געהאַט צו איר קיין אינטימע באַ־ציִונג, און זי האָט נישט געקענט פועלן ביי זיך צו נעמען אַ שווערע מאַטעריע־לע אחריות פאַר אַן אויסגעמוטשעטער און, ווי זי ווייסט, הילפלאָזער פרוי מיט איר קינד. זי האָט אַליין, זאָגט זי, פאַרבראַכט אַ שווערע יוגנט אין אַמעריקע, יאָרן פון הונגער, היימלאָזיקייט און שיך־און־זאָקן־לאָזיקייט, ביז זי האָט זיך דערשלאָגן צו אַ געוויסער פּאָזיציע אין לעבן. זי מוז איצט אויסהאַלטן איר מאַן, אַ לאָ־יצלחדיקן סקולפּטאָר, וואָס האָט זיך גענומען צום ביטערן טראָפּן אַלס נקמה אַן דער רשעותדיקער וועלט, וואָס וויל נישט אָנערקענען זיין גאוו־נות. איז זי טאַקע מחויב, האָט זי זיך געפרעגט, צו נעמען אויף זיך אַזאַ לאַסט ווי כראָניש אויסצוהאַלטן אין אַמעריקע צוויי מענטשן, מיט וועלכע עס פאַר־בינדט זי בלויז אַ בשותפותדיקע באָבע פון אונגאַרן, וועלכע איז געשטאָרבן נאָך איר געבורט? איז אויף איר בריוו געקומען אַן ענטפער, שוין נישט פון דער קרובה, נאָר פון דער היידלבערגער קולטוס־געמיינדע: „פרוי זאָ־אונד־זאָ״ איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד; אפשר האָט איר אַן עצה, וואָס צו טאָן מיט איר זון?״ הייסט עס, אַז זי האָט מיט איר פאַרברעכערישער האַרטקייט דערפירט צו

אַ זעלבסטמאָרד — וואָס פאַר אַ רעכט האָט זי איצט צו לעבן? שוין עטלעכע וואָכן ווי עס פאַרפאָלגט זי טאָג און נאַכט דאָס געשטאַלט פון דער זעלבסט־מערדערין. זי הערט איר שטימע, זי זעט אירע ראַנגלענישן מיטן טויט און דאָס שטום־דערשראָקענע פּנים פון איר זון. זי קען מער נישט לעבן. עס איז געווען אַ מינוט ווען מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אָט־אָט נעמט מיין באַזוכערין, גע־פּייניקט פון חרטה, און שפּרינגט אַרויס דורכן פענצטער פונעם פיר און צוואַנ־ציקסטן שטאָק, ווו מיין ביוראָ געפינט זיך.

פאַרוואָס איך האָב דערצו „זוכה געווען", ווייס איך נישט. אָבער מיין גורל האָט מיר גאָר אַ סך מאָל געבראַכט אין באַרירונג מיט מענטשן, וואָס האָבן מיר אָנגעזאָגט זייער באַשלוס צו וואַרפן דער וועלט דעם גט — אָדער, ווי איוואַן קאַראַמאַזאָוו האָט זיך אויסגעדריקט, „אומקערן די איינטריטס־קאַרטע צו דעם ספּעקטאַקל וואָס רופט זיך מענטשלעך לעבן". צווישן זיי זענען געווען, זאָלן זיי מיר טויזנט מאָל מוחל זיין, „בלאָפערס" פון פאַרשידענע גראַדן: אַזעלכע וואָס זייער כוונה איז געווען מיך און אַנדערע מיטמענטשן אָפּצונאַרן, כדי פון זיי עפּעס אַרויסצוקריגן פאַר זיך, און אַזעלכע, ערלעכערע, וואָס האָבן גענאַרט אי מיך, אי זיך אַליין. עס זענען אָבער געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן נישט גע־טראַשעט, נאָר בלויז „אַנאָנסירט" זייער אַוועקגיין פון לעבן. יענע האָבן גאָר־נישט געפּאָדערט און האָבן זייער וואָרט געהאַלטן. עס זענען געווען אויך „באַ־רימערס", וואָס האָבן נאָכדעם געהאַלטן וואָרט — אויף צו להכעיס מענטשן, וואָס האָבן נישט געגלייבט אין דער ערנסטקייט פון זייער באַשלוס. די גרענעץ צווישן „פּאָזירן" און אמתן גרייטן זיך צו זעלבסטמאָרד איז אָפטמאָל זייער אַ דינע (ווי די גרענעץ צווישן משוגעת און סימולירן משוגעת) און איך וואָלט קיינעם נישט געראָטן צופּיל צו בויען אויף דעם איינדרוק, אַז די באַטרעפנדיקע פּערזאָן „באַרימט זיך" אָדער איז בלויז אויסן צו דראָען. אין לעצטן פאַל האָב איך נישט געהאַט דעם מינדסטן יסוד חושד צו זיין וועלכע נישט איז מדרגה פון „בלאָף" אָדער „סימולאַציע". דער באַשלוס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון פולשטענדיקער ערנסטקייט — און דאָך, גלייב איך, אַז מיר איז געלונגען דעם זעלבסטמאָרד־קאַנדידאַט „אָפּצורעדן". איך האָב נישט פּרובירט צו פאַר־קלענערן איר זינד. סטראַטעגיש, האָב איך געפילט, איז גלייכער צוצוגעבן, אַז זי איז געווען די סיבה פונעם היידלבערגער זעלבסטמאָרד. געהאָלפן האָט בלויז אַ קורצע, איינפאַכע און שטילע באַמערקונג, אַז איר זינד מאַכט זי נאָך מער פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן גורל פונעם יתום, וואָס ווערט צייטווייליק אויסגע־האַלטן פון דער היידלבערגער קהילה. זי איז אַוועקגעגאַנגען פון מיר מיט אַ פייערלעכער הבטחה אַריבערצוברענגען קיין אַמעריקע דאָס פערצן־יאָריקע יינגל. אינעם טאָג פון מיין אַוועקפאָרן האָט זי, ווייס איך, אָנגעהויבן דורכפירן

אַלע פֿאַרמאַליטעטן פֿון אַדאַפּטאַציע. זאָל איר גאָט נאָר געבן יאָרן — וועט זי שוין לעבן און זוכן צו לעבן: איז זי דאָך אויפֿסניי געוואָרן אַ מוטער!...

***

מייגער אַ יוגנט־חבר, דערמאָן איך זיך, האָט זיך לאַנגע חדשים אַרומגעטראָגן מיט זעלבסטמאָרד־מחשבות. זיין פֿאָטער איז געווען אַ וואַסער־טרעגער, מיט אַ האַלבער נאָז, און גערופֿן האָט מען אים „זיידל קאָפּאָנפּע". זיין מאַמעס צונאָמען איז נישט דרוקבאַר. עס האָט געהאַט עפּעס צו טאָן מיט דער אומגעווינלעכער דיספּראָפּאָרציע פֿון אַ געוויסן קערפּער־טייל. ער אַליין, דער בחור, איז געווען ראַכיטיש, מיט אויסגעדרייטע ציינער, מיט האָזן־ליפּן און מיט אַ מין עקזעמאַ־אויסשיט אויפֿן פּנים און האַלדז־און־נאַקן. קינדער פֿלעגן זיך פֿאַר אים שרעקן. פֿויערטעס וואָס פֿלעגן קומען זונטיק אויפֿן מאַרק, האָבן זיך נישט איינמאָל איבערגעצלמט פֿאַר פּחד, ווען ער איז זיי געקומען אויפֿן וועג. מיידלעך פֿלעגן אים אויסמיידן אין גאַס, און אַ רעגירונגס־באַאַמטער האָט אים אַמאָל געזאָגט: „אַזאַ באַשעפֿעניש ווי דו דאַרף קיין פּאַספּאָרט נישט האָבן, דיין פּנים אַליין איז אַ דאָקומענט". עלטערע גימנאַזיסטן פֿון אונדזער שטאָט פֿלעגן אים צאָלן צו צען קאָפּיקעס פֿאַר יעדער קאָמפּאָזיציע, וואָס ער פֿלעגט פֿאַר זיי שרייבן און צו דריי קאָפּיקעס פֿאַר דער לייזונג פֿון אַ מאַטעמאַטישער אויפֿגאַבע. אָבער ער גופֿא, אַ כראָנישער „עקסטערן", האָט קיינמאָל קיין עקזאַמען נישט אויסגעהאַלטן. ער האָט זיך אַזוי פֿיל מאָל עקזאַמינירט אויף צו קריגן זיין „אַטעסטאַט זרעלאָסטי" (מאַטוראַ), ביז מ'האָט אים געשטעלט אַ שטעמפּל אויפֿן געבורטס־שיין, אַז ער האָט שוין מער קיין רעכט נישט אויף עקזאַמענס. אין יענעם טאָג איז ער געקומען צו מיר מיט זיין באַשלוס: זעלבסטמאָרד. דורכגיין דאָס לעבן מיט זיין יחוס און מיט זיין פּנים איז ערגער ווי קאַטאָרגע. די עקזאַמינאַטאָרן ווייסן, אַז ער קען גוט זיין קורס; זיי לאָזן אים נישט דורך נאָר דערפֿאַר וואָס ער איז מוקצה מחמת מיאוס. „איך האָב אין דר'ערד טאַטע־מאַמע, מיין קרעציק פּנים, אַלע שיינע מיידלעך, דיך און זיך! אַ רוח אין דער וועלטס טאַטן אַריין! אויב ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, זאָל ער אייביק זיין אַ שטיוול־פּוצער ביים טייוול... און טאָמער וועסטו וואַגן מיר צו ברענגען בלומען אויף דער לוויה — זאָלסטו אַליין אין יענעם טאָג איינגעמען אַ מיתה־משונה".

ער האָט זיך פֿון דעסטוועגן דאָס לעבן נישט גענומען. ער האָט צוגעגנבעט ביי אַ באַקאַנטן אַ רעוואָלווער און אים אויפֿן צווייטן טאָג צוריקגעגעבן. ער האָט געפּאַקט ערגעץ סם און נאָכדעם פֿאַרגיפֿטעט מיט אים אַלע הינט פֿון זיין גאַס. זיך אַריינוואַרפֿן אין טייך האָט ער נישט געקענט, ווייל ער האָט נישט

געוואַלט, ווי ער האָט אַמאָל דערציילט, זען די לעצטע מינוט פאַרן טויט זיין „פּאַסקודנע מאָרדע״ אָפּגעשפּיגלט אין וואַסער. אַלערליי תירוצים האָט ער פאַרלייגט, ווייל עפּעס האָט נאָך אַלץ אין אים געזוכט אַ תיקון. ביז דער תיקון איז „אַליין געקומען״: ער האָט אַנטדעקט, אַז אין אים רינט גאָר מלכותדיק בלוט. די אלמנה־קייזערין פון רוסלאַנד האָט צוגעזינדיקט מיט אַן ענגלישן בן־מלך און פון דעם געהיימעם זיווג איז ער אַרויסגעקומען. מ׳האָט אים בלויז אונטערגעוואָרפן צו זיידל קאַפּאַנפּע און צו יענטע מ׳טאָר נישט אויסזאָגן — און זיי האָבן אים דערצויגן אַלס זייער אייגן קינד. איי דאָס פּנים אָדער די „פּאַסקודנע מאָרדע״, וואָס זעט אויס אַזוי נישט מאַיעסטעטיש? האָט ער גע־מאַכט אַ צווייטע אַנטדעקונג: די אלמנה־קייזערין האָט אויסגעשריבן פון מצרים אַ כישוף־מאַכערין און מ׳האָט אים נאָך אַלס קינד „אַרויפגעשפּראָכן״ אַ העס־לעך פּנים, כדי ער זאָל קיינמאָל נישט קענען פאָדערן זיינע קעניגלעכע רעכט. האָט ער יאָרנלאַנג געהאָפט, אַז די עגיפּטישע כישוף־מאַכערין וועט זיך אָפּזוכן אין אַראָפּנעמען פון זיין פּנים דעם „שפּרוך״; האָט ער יאָרלאַנג געשריבן בריוו דער אלמנה־קייזערין און זי געמוסרט פאַרן באַהאַנדלען אַזוי נידערטרעכטיק איר פלייש און בלוט. ביי זיך האָט ער אָבער געוווסט אַז ער איז אַ פּרינץ און מיט זיין פּרינצישער גדלות איז ער אַוועק פון דער וועלט אין אַ כאָלערע־יאָר.

ער האָט זיך נישט גענומען דאָס לעבן ווייל ער איז געווען... גענוג „טאַ־לענטירט״ דאָס לעבן איבערצופורעמען, טראַנספיגורירן, איבערפירן פון איין פלאַך אויף דער אַנדערער, אַ העכערער, אַ מער „אַנטשטייענדיקער״. עס קען זיין, אַז אַלע לעבן מיר מער אָדער ווייניקער מיטן כוח פון אַזעלכע „טראַנספּי־גוראַציעס״. דערפאַר טראַכט איך אָפט, אַז בלויז ׳טאַלענטלאָזע״, אָדער די וואָס ס׳האָט זיך אין זיי אויסגעשעפּט דאָס ביסל „פּיגמענט״ אויף צו באַפאַרבן און באַמאָלן דאָס אייגענע און יענעמס לעבן, באַגייען זעלבסטמאָרד. „קינסטלערי־שע נאַטורן״ האָבן נאָך אַ תיקון — אין משוגעת; רעליגיעזע נאַטורן — אין סובלימאַציע פון זייערע ליידן; נאַטורן מיט רעזערוון ליבע — אין לעבן פאַר יענעם.

עס איז גאָר נישטאָ יענער צושטאַנד, אין וועלכן מענטשן מיט אַ באַשטימ־טער קאָנסטיטוציע זאָלן דערפירט ווערן ביז צום אַקט פון זעלבסטמאָרד. איוב האָט אַפילו קיין איין מאָל נישט אַ טראַכט געטאָן וועגן ענדיקן זיין פּיין דורך לייגן אויף זיך די האַנט. בלויז זיין פרוי האָט אים געראָטן צו „לעסטערן גאָט און שטאַרבן״. אַזוי איז אויסגעקומען לויט איר שכל הישר. אָבער ווער לעבט עס און ווער שטאַרבט עס אויפן יסוד פון שכל הישר?

**
*

אַן עלטערע פרוי האָט זיך נישט לאַנג צוריק גענומען דאָס לעבן אין

װאַשינגטאָן אױס שרעק פֿאַר מלחמה. אַזױ יעדנפֿאַלס האָט זי געשריבן אין איר לעצטן בריװ. איך גלײב נישט, אַז דאָס איז געװען די ריכטיקע סיבה. דעם מאָטיװ פֿון איר זעלבסטמאָרד האָט זי מסתמא אַלײן נישט געװוּסט. קען איך דאָך מוטערס װאָס האָבן איבערגעלעבט צװײ מלחמות, פֿאַרלױרן זין אין בײדע, און האָבן כּוח איצט צו װאַרטן — מיט שרעק, מיט מעלאַנכאָליע, אָבער מיט אַ װילן צום לעבן — אױך אױף אַ נײַער מלחמה.

די װאַשינגטאָנער דאַמע האָט, װײַזט אױס, בלױז „ראַציאָנאַליזירט״; זיך צוגעטשעפּעט צו אַ תּירוץ. אין גרונט האָט זי מסתמא פֿאַרװירקלעכט אַן אַלטן טרױם, אַ לעבן־פֿאַרנײנענדיקע גלוסטעניש.

זי איז אין דעם פּרט נישט קײן אױסנאַם־טיפּ. אין אונדזער װעלט גײען אַרום נישט װײניק פּאָטענציעלע זעלבסטמערדער „אָן אַ סיבה״, אָן דעם קלאָרן באַװוּסטזײַן פֿון זײער לעבנס־מידקײט. אַ פּאַראַדאָקסאַלע אינטויִציע זאָגט מיר, אַז דער גרעסטער טײל אױטאָמאָביל־אומגליקן פּאַסירט מיט זײ. אין שפּיטאָלן, װען זײ ליגן דאָרט קראַנק, „קעמפֿן זײ נישט קעגן זײער קראַנקהײט״ (די לעצטע יאָרן אַן אָפּטער אױסדרוק בײַ דאָקטוירים); זײ באַגײען אַן אומדירעקטן זעלבסטמאָרד — דורך פּאַסיװיטעט, בכּיװנדיקע אָפּגעלאָזנקײט, רעזיגנאַציע.

**
*

אַ מאָראַדיקער גורל האָט זיך אױסגעשפּילט אין קורצן לעבן פֿון מײַן פֿרײַנדין ה. װ. אומצײַליקע מאָל האָט זי געמאַכט אַטענטאַטן אױף איר אײגן לעבן. די סיבה? נישט קײן מידקײט, נישט קײן אױסגעשעפּטקײט, נאָר פֿאַרקערט: אַ משונהדיקע מורא פֿאַר דער װינציקײט פֿון אײן אינדיװידועלן לעבן. זי איז געװען געשטראָפֿט מיט אַ לײדנשאַפֿטלעך־משוגענעם חשק צו „זײַן״ טױזנטער פֿערזאָנען און איבערלעבן טױזנטער באַרופֿן און גורלות. אױב מ׳קען נישט זײַן, אין אַ געװיסער כראָנאָלאָגישער אָרדענונג, אַ ייִד און אַן ענגלענדער, אַ בעדויִן און אַ פּאַפּואַס, אַ פֿרױ און אַ מאַן, אַ גענעראַל, אַ טענצערין, אַ קאָנטינענטן־אַנטדעקער און אַ פּריסטערין אין אַן אַסירישן טעמפּל — איז נישט כּדאַי צו לעבן. אײן גורלדיקײט איז אײן־טאָניקײט, לאַנגװײל, באַגרענעצונג. די גרעסטע קאַריערע איז אַ װאָרעם־אין־כרײן־עקזיסטענץ. זי האָט מסתמא אַלײן נישט געװוּסט דעם כאַראַקטער פֿון איר לײדנשאַפֿט, אָבער איר גאַנץ װעזן האָט געפֿאָדערט אַן אַנדער מעשׂה־בראשית — אַ ביליאָן יונגע, טראַנספֿאָרמאַטאָרישע, קאַלײדאָסקאָפּישע יאָרן. אױסגעדריקט האָט זיך עס אין איר שטענדיקן פֿאַרגעפֿיל פֿון אַ קומענדיקער קאַטאַסטראָפֿע: עפּעס מוז, און אין דער זײער נאָענטער צוקונפֿט, פּאַסירן מיט איר — אַן אומגליקס־פֿאַל, װאָס װעט אױף אַ ברוטאַלן אופֿן מאַכן אַ סוף אױך צו דעם באַלײדיקנדיק־נישטיקן שפּלי־

טער לעבן וואָס איז איר געגעבן געוואָרן. איז גלייכער, פּלעגט זי זאָגן, אַליין צו מאַכן דעם סוף, איידער פּאַסיוו וואַרטן אויף אים. זי פּלעגט דערביי ציטירן מאָנטעין: „דער פרייוויליקסטער טויט איז דער שענסטער". אַ באַרימטן דאָק־טאָר איז געלונגען זי טיילוויז אויסצוקורירן. ער האָט אויסגענוצט איר ליבע צו קינסטלערישן טאַנץ און ער האָט איר געהייסן אימפּראָוויזירן און „אויס־טאַנצן" אַלע אירע מוראס און קאַטאַסטראָפע־דערוואַרטונגען. די סעריע פון קינסטלערישע איבערלעבענישן האָט געווירקט אויף איר באַפרייענדיק, צוגע־נומען פון איר באַוווסטזיין די שאַרפקייט פון אונטערגאַנגס־גלוסטעניש. דאָס אָפּטע שפּילן אין קאַטאַסטראָפע האָט אַפילו אָנגעהויבן אַרויסצורופן אין איר אַ פיבערהאַפטן ווילן צום לעבן — און יעדן טאָג, אויף אַן אַנדער אופן, „אונ־טערגיין", „אומקומען". זי האָט אַפילו באַשלאָסן וואָס זעלטענער צו פאָרן אויף שיפן, ווייל איר האָט זיך עטלעכע מאָל געחלומט, אַז זי וועט פאַרניכטעט ווערן אויף אַ ברענענדיקער שיף.

און דאָך! איר לעבנס־„נבואה" איז מקוים געוואָרן. אַ ים־קאַטאַסטראָפע האָט זי אויסגעמיטן, נאָר די קאַטאַסטראָפע האָט זי געטראָפן אויף אַן עראָ־פּלאַן, וועלכער האָט געדאַרפט זיין איר רעטונג. אַז מ'וויל קען מען זאָגן „צו־פאַל", אויב עמיצער ווייסט וואָס דאָס איז; אויב מען וויל קען מען זאָגן „פאַ־טום", אויב דער באַגריף זאָל זיין אַ קלאָרערער. פאַר איר פערזענלעך, האָב איך שוין חדשים־לאַנג דעם געפיל, איז עס געווען פאַרווירקלעכונג; די דערפילונג פון אַן אַלטער נישט־זיין־גלוסטעניש, וועלכע איז געווען דער ענטפער אויף איר משונהדיקן ווונטש פון אין־סוף־עקזיסטענץ. איך גיב זיך אָפּ חשבון ווי אַבסורד דאָס איז, דאָך קען איך זיך נישט באַפרייען פון די ווערטער, וואָס זע־נען אומגעבעטן אויפגעשווומען אין מיין באַוווסטזיין ווען איך האָב זיך דער־ווּסט וועגן איר פאַטאַלן טויט: „דאָס איז געווען אַ זעלבסטמאָרד בידי שמים". ווען איך האָב זיך אַליין געפרעגט, וואָס דאָס הייסט, האָב איך מיר געענטפערט מיט אַ צווייטן אַבסורד: „זי האָט זיך בכיוון אויסגעקליבן אַן עראָפּלאַן, וואָס איז פאַראורטיילט געווען פאַרברענט צו ווערן". נאָכאַמאָל: איך ווייס ווי לע־פּיש עס איז אַזוי צו דענקען, אָבער ווער ווייסט? אפשר איז פאָרט פאַראַן אַ פונקט אָדער אַ שטח פון עקזיסטענץ, ווו פרייהייט און דעטערמינירטער „צו־פאַל" באַגעגענען זיך?

נאָך אין מיינע גאָר־גאָר יונגע יאָרן האָב איך געהאַט דעם געפיל, אַז פוש־קינס און לערמאָנטאָווס דועלן זענען געווען פאַרמאַסקירטע זעלבסטמאָרדן...

***

יידנטום פאַראורטיילט זעלבסטמאָרד אַלס איינעם פון די האַרבסטע פאַר־

ברעכנס. אין איסלאַם ווערט עס באַטראַכט פאַר דעם ערגסטן מין רציחה. די שטעלונג פון קריסטנטום איז אַמשאַפּסטן פאַרמולירט געוואָרן פון טאָמאַס אַק־ווינאַס: „זעלבסטמאָרד איז דער פאַטאַלסטער פון אַלע חטאים, ווייל עס איז דער איינציקער חטא, נאָך וועלכן עס איז שוין אוממעגלעך תשובה צו טאָן״. אָבער נישט אַלע ציוויליזאַציעס און לעבנס־נוסחאות, אויך נישט אַלע רעלי־גיעס, זענען אויסגעשפּראָכן קעגנעריש צו זעלבסטפאַרניכטונג. אין כינע און אין יאַפּאַן איז עס אין אַ געוויסן זינען אַ „מצווה״ זיך „נוקם״ צו זיין פאַר אַ שווערער באַליידיקונג דורך דעם אַקט פון זעלבסטמאָרד; דורך אַנטאָן, הייסט עס, אַ חרפה דעם באַליידיקער. אין יאַפּאַן שעמט זיך נישט אַ פאַמיליע, אויב אירער אַ מיטגליד האָט אויף זיך דורכגעפירט די כאַראַקירי־אָפּעראַציע. אין אינדיע איז אין געוויסע פאַלן, דער אַקט פון זיך־פאַרברענען אַ שטיק רעלי־גיעזע צערעמאָניע. קומען מיר צו נענטער צו „אונדזערע״ קולטורן, זעען מיר, אַז כאָטש מ׳האָט אין אַלעקסאַנדריע עפנטלעך אָנגעקלאָגט דעם פּעסימיסטישן פילאָסאָף העגעזיאַס פאַר אַרויסרופן אַן עפּידעמיע פון זעלבסטמאָרדן, איז אין דער גריכיש־רוימישער וועלט געווען זייער פאָפּולער די אויפפאַסונג, אַז „אַ מאַן דאַרף אָדער לעבן ערנהאַפט אָדער שטאַרבן ערנהאַפט״. סענעקאַ האָט אַפילו געשאַפן זיינס אַן איינפאַכע פאָרמולע: „פונקט ווי איך האָב אַ רעכט זיך אויס־צוקלייבן די באַקוועמסטע שיף פאַר מיין רייזע און דאָס באַקוועמסטע הויז פאַר מיין וווינונג, אַזוי האָב איך אַ רעכט מיר אויסצוקלייבן דעם דערטרעגלעכסטן טויט, ווען איך וועל שטאַרבן. ווילט איר זיין מיזעראַבל? לעבט. ווילט איר עס נישט, האָט איר די מעגלעכקייט זיך אומצוקערן אַהין, פון וואַנען איר זענט געקומען. וווהין איר זאָלט נאָר אַ קוק טאָן, קענט איר זען דעם סוף פון ליידן. איר זעט יענעם אָפּגרונט? דורך איין שפּרונג קענט איר דאָרט דערגרייכן פרייהייט. איר זעט יענעם ים? אויף זיין באָדן זיצט — פרייהייט. דעם וועג צו פרייהייט קענט איר געפינען אין יעדן אָדער פון אייער קערפּער״. איך גע־דענק איצט נישט, אין וועלכע צייטן דאָס איז געווען, נאָר פון געוויסע דאָ־קומענטן קען מען זען, אַז אין מאַרסעי פלעגן אַמאָל די ריכטער האָבן אין זייער רשות אַ געוויסן קוואַנטום גיפט — און אין יענע פאַלן ווען אַ בירגער האָט זיי איבערצייגט, אַז ער האָט אַ וויכטיקן גרונט פאַר זעלבסטמאָרד, האָבן זיי געהאַט דאָס רעכט אים אַרויסצוגעבן די נייטיקע פּאָרציע. אַ ווילדע אינס־טיטוציע? אָבער טאָמאַס מאָר האָט זיך נישט געשעמט, אין זיין סאָציאַליסטי־שער אוטאָפּיע, איינצופירן די זעלבע אינסטיטוציע פון מאַרסעי. דער ענגלי־שער אוטאָפּיסט, הייסט עס, האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז אויך אין דער אידעאַ־לער געזעלשאַפט, ווו מענטשן וועלן זיך „באָדן אין גליק״, וועלן נאָך זיין ערנס־טע מאָטיוון — נאַטירלעך, נישט קיין עקאָנאָמישע — פאַר וועלן פּטור ווערן

פון... אַלע גליקן. אויך דוד יום האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פּאַר געבן אַ הכשר אויף זעלבסטמאָרד. און אפשר זענען זיי אַלע גערעכט — יענע אַמאָליקע גריכן און רוימער, אונדזערע מאַנגאָלישע ברידער אין ווייטן מזרח, און יום, און מאָנטען, און טאָמאַס מאָר און פרידריך דער גרויסער: אַ ראַציאָנאַלן אי־סור אויף זעלבסטמאָרד קען מען טאַקע נישט געפינען, און אַ רעליגיעזער איסור איז נישט שטענדיק עפעקטיוו. עס איז וואַרשיינלעך פאַראַן אַזאַ זאַך ווי אַ „טאַלאַנט צום לעבן״, און ווען עס פעלט יענער „טאַלאַנט״, אָדער אפשר ריכטיקער, ווער עס האָט יענעם „טאַלאַנט״ פאַרלוירן, קען מען אים נישט העלפן מיט קיין אַרגומענטן און אויך אַפילו נישט מיט רעליגיע, וועלכע לעבט אפשר אַליין מיטן כוח פון יענעם „טאַלאַנט״. אין יענע פאַלן, ווען עס שטייט פאַר אונדז אַ מענטש מיט איין פוס ביים שלונג פונעם אָפּגרונט, זענען מיר שטענדיק הילפלאָז, אויב מיר קענען יענעם מענטש נישט אומקערן זיין אויס־געלאָשענעם „טאַלאַנט״, אָדער אויפוועקן אין אים נייע טאַלאַנט־קרעפטן און לעבנס־טראַנספאָרמירנדיקע פעיִקייטן. אַמאָל איז גענוג אַ וואָרט, אַ מוזיקאַ־לישע פראַזע, אַ רייצנדיקער און עפּעס־דערמאָנענדיקער אַראָמאַט, דאָס אַ טאָפּ־טאָן די טיר פון אַן אינסטינקט וואָס איז ערגעץ־ווו איינגעשלאָפן אין זיין קע־מערל. דאָס זענען אַלץ נישט קיין אוניווערסאַלע „מיטלען״. זיי זענען בלויז אינדיווידועלע „שליסלען״ צו לעבנס־ווילן־רעזערוון, וואָס שלומערן נאָך אין פיל זעלבסטמאָרד־קאַנדידאַטן. מיר האָבן זיך בלויז נאָך נישט אויסגעלערנט צוצוטרעפן דעם פּאַסיקן „שליסל״ פאַר יעדן פאַרחתמעטן רעזערוואַר. אָבער דאָרט ווו יענער רעזערוואַר איז שוין פוסט, קענען נאַטירלעך קיין „שליסלען״ נישט העלפן. דאָרט זענען מיר הילפלאָז און ראַטלאָז. דאָרט איז די צוציִאונגס־קראַפט פון אָפּגרונטן — זעלבסטהערשעריש, כמעט אומבאַגרענעצט...

.1938

פון באַכמוט ביז ווין

ווען די צאַרישע פּאָליציי האָט מיך אַרעסטירט צום ערשטן מאָל, האָט מען מיך געהאַלטן גאַנצע דריי וואָכן צוזאַמען מיט קרימינעלע פאַרברע־כער. די טורמעס אין יענע צייטן זענען געווען איבערפולט, האָט מען דערפאַר אָפטמאָל געמוזט צייטווייליק „אַריינקוועטשן" דעם קיסרס שונאים אין יענע אָפּטיילן, ווו מען האָט געהאַלטן גנבים, מערדער און סעקסועלע פאַרברעכער. ווען איך קוק היינט אויף צוריק, בין איך דאַנקבאַר דעם גורל פאַר דער נאָענ־טער באַרירונג, אין וועלכער ער האָט מיך געבראַכט, כאָטש אויף אַ קורצער צייט, מיט מענטשן וואָס האָבן ביי זיך געפּועלט, אַז די עשרת הדיברות, זענען געשריבן געוואָרן נישט פאַר זיי. איך ווייס נישט, צי און וואָס מיינע מיטזיצער אין דער באַכמוטער טורמע האָבן געלערנט פון מיר; איך פון זיי האָב געלערנט זאַכן, וואָס האָבן זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון אויפן גאַנצן לעבן.

דערמאָן איך זיך איצט אין דעם ערשטן אָוונט, ווען מ'האָט מיך אַריינ־געבראַכט אין דער לאַנגער און שמאָלער „קאַמערע". דער „סטאַראָסטאַ" (דער עלטסטער, דער „דעקאַן" פון די אַרעסטאַנטן) האָט מיך באַקוקט פון אויבן ביז אַראָפּ און האָט מיר באַלד אָפּגעזאָגט דעם פּסוק, וואָס איך האָב דענסטמאָל, לויט זיין מיינונג, פאַרדינט: „זאָלסט נישט וויינען ביינאַכט — דאָ איז נישטאָ קיין מאַמע־כלבטע, וואָס זאָל דיר פאַרשטאָפּן דיין הינטיש מיילעכל מיט דער ברוסט" (אַ רמז אויף מיינע גאָר יונגע יאָרן). נאָך דער צערעמאָניע פון עסן וועטשערע, אין וועלכער איך האָב קיין אָנטייל נישט גענומען — זי איז באַ־שטאַנען אין שעפּן מיט הילצערנע לעפל ברודיקע זופּ פון אַ גרויסן קעסל, און די ערשטע פּאָר טעג האָב איך נאָך געהאַט כוח צו זיין אַ „מפונק" — האָט מיר דער „סטאַראָסטאַ" אָנגעזאָגט, כ'זאָל אויפשטיין פרי און זיך מטריח זיין מיט מיין אינטעליגענטישן כבוד אַרויסטראָגן די „פּאַראַשאַ". אין יענע יאָרן האָט מען זיך אין פילע רוסישע טורמעס נוהג געווען, נישט אַרויסצולאָזן ביי־נאַכט די אַרעסטאַנטן, אויב זיי האָבן געדאַרפט אָנקומען צום בית־הכסא. אין איניקע טורמעס האָט זיך די דאָזיקע אינסטיטוציע געפונען אין הויף און די אַדמיניסטראַציע האָט געהאַלטן אַז, נישקשה, ביינאַכט מעג זיי אָנשטיין, די אַרעסטאַנטן, צו נוצן פאַר אַלע פיזיאָלאָגישע צרכים די „פּאַראַשאַ" — אַ גרוי־סער צעבער וואָס מען פלעגט אַריינברענגען באַלד נאָך שקיעת החמה און לאָזן אַרויסטראָגן נאָך זונען־אויפגאַנג. איך האָב זיך לכתחילה געוווּנדערט: פאַר־

וואָס קומט עס מיר די עליה שוין דעם ערשטן טאָג? אָבער מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער בין איך שוין געווען מער אָדער ווייניקער באַהאַוונט אין דער „סאָציאָלאָגיע" פון דער באַכמוטער תּפיסה.

אין דער „קאַמערע" זענען געזעסן צוויי און צוואַנציק קרימינעלע פאַרברעכער און בלויז פיר פּאָליטישע. די קרימינעלע, הייסט עס, זענען געווען די מאַיאָריטעט, מיר — אַ מינאָריטעט. דערצו נאָך זענען די קרימינעלע אָפּגעזעסן „סראָקן" (טערמינען) שוין נאָך זייערע פּראָצעסן, און מיר זענען געווען בלויז טראַנזיט־אַרעסטאַנטן, נאָך אין פּעריאָד פון אויספאָרשונג און יעדן טאָג האָט מען אונדז, ווייניקסטנס טעאָרעטיש, געקאָנט באַפרייען אָדער איבערפירן אין אַן אַנדער תּפיסה. די קרימינעלע האָבן דערפאַר זיך באַטראַכט אַלס „בירגער און אונדז — אַלס פרעמדע, „אויסלענדער"; זיך — אַלס אַלטאיינגעזעסענע תּושבים, אונדז — אַלס אומגעבעטענע געסט. זענען אונדזערע מינאָריטעטן־רעכט געווען געשיצט בלויז אין איין פּרט: ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אכילה (אויף דעם פּונקט איז אַ טורמע כמעט אַ פּערפעקטער קאָמוניסטישער שטאַט). מ'האָט אונדז צוגעלאָזט אַלס גלייכבאַרעכטיקטע בירגער צו דער שיסל און צו די גרויסע לאַבנס קאָרן־ברויט; אָבער אין אַלע אַנדערע פּרטים זענען מיר געווען „אונטערטאַנען". טראָגן די „פּאַראַשאַ", צום ביישפּיל, איז געווען אונדזער פונקציע: די מאַכט פון דער מאַיאָריטעט (אַנדערע חברים האָבן מיר דערציילט וועגן אַ זייער בכבודיקער און אָפּטמאָלרירנדיקער באַציִונג צו זיי מצד די קרימינעלע; אין מיין טורמע האָב איך צו אַזעלכע באַגעגענישן נישט זוכה געווען).

אין יענע טעג האָב איך מיין „פּאַראַשאַ"־פונקציע אויפגענומען איבערטריבן־טראַגיש. מיר האָבן געוווּסט, אַז פאַר נישט אויספאָלגן די באַפעלן קריגט מען קלעפּ.

צווישן היינט און יענעם שנעק־פּעריאָד זענען שוין אָבער אַוועק אַ סך יאָרן און איך דערמאָן זיך איצטער אָן דער צוואַנג־אַרבעט, אויף וועלכער אַנדערע אַרעסטאַנטן האָבן מיך פאַרמשפּט, כמעט אָן ביטערקייט. יענע אומגליקלעכע מענטשן, זאָג איך מיר אָפּט, האָבן זיך דאָך מיט עפּעס געדאַרפט „קאָמפּענסירן" און קיין געלעגנהייטן פאַר אַנדערע קאָמפּענסאַציעס האָבן זיי נישט געהאַט. האָבן זיי דערקוויקט זייערע פאַרחושכטע נשמות כאָטש דערמיט, וואָס זיי האָבן געהאַט מער „פּראַוועס" פון די פּאָליטישע „יאָלדן".

עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס דער „רעזשים" פלעגט געוויינלעך ווערן שטרענגער אין אַ טאָג, ווען אַ מיידל איז צוגעלאָזט געוואָרן אויף עטלעכע

מינוט צו באַזוכן עמעצן פון די פּאָליטישע — און ווען דאָס מיידל איז געווען אַ שיינע...

**
*

ענדע 1917 אָדער אָנהייב 1918 אין לענינגראַד (דעמאָלטדיקער פּעטראָגראַד). אויף ניעווסקי פּראָספּעקט שטייען אַרום 70־80 עלטערע מענער אין „פּול־דרעס", מיט צילינדערס אויף די קעפּ. זיי מוטשען זיך אָפּצורייניקן דעם שניי פון די גאַסן מיט האַלב־צעבראָכענע לאָפּאַטעס. איך פרעג דעם מיליציאָנער, וואָס גיט אויף זיי אַכטונג, ווער זיי זענען. לאָזט זיך אויס, אַז דאָס האָט מען מאָביליזירט געוועזענע בורזשויעס און ביוראָקראַטן אויף צוואַנגס־אַרבעט. דער מיליציאָנער, אַ יונגער, פרישער בחור מיט אַ קאָלאָריטער וואָלגאַ־אינטאָנאַציע, איז אין כעס אויף דער גאַנצער מעשה. דער דיסטריקט־כאַוועט, זאָגט ער, האָט זיי היינט גאַנץ פרי מאָביליזירט פאַר דער אַרבעט און געפאָדערט פון זיי, זיי זאָלן זיך אָנטאָן אין זייערע בעסטע בגדים. ס'איז אפשר גוט, האַלט ער, אַז די פּראָלעטאַריער זאָלן צוזען מיט זייערע אייגענע אויגן, אַז איצט איז זייער ממשלה און די „פּריצים" האָבן שוין מער נישט קיין שליטה איבער רוסלאַנד. אָבער וואָס, פרעגט ער, איז די פּעולה פון אַזאַ מאָביליזאַציע? די דאָזיקע פאַרשאָלטענע עקספּלואַטאַטאָרן זענען נישט בכוח צו טאָן די אַרבעט, וויפל זיי זאָלן זיך נישט אָנשטרענגען (זיי שמעקן שוין אַלע, זאָגט ער, אין קבר אַריין); וועט מען מאָרגן סיי־ווי־סיי מוזן אַרויסרופן „נאָש בראַט"; אמתע, געבוירענע אַרבעטער.

פאַרן מיליציאָנער איז עס דערפאַר געווען נישט מער ווי „באַלאָווסטוואָ", אַ מין משוגענער קאַפּריז, הפקרות (אין יענע צייטן האָט מען זיך נאָך אין באָלשעוויסטישן פּאַטערלאַנד דערלויבט אַ פריי וואָרט אין די גאַסן). איך האָב אָבער אַ גוטע האַלבע שעה אָבסערווירט אַ גרופּע „עמד"־מענטשן — אמת, אויף וויפל מ'קען משפּטן לויט די פּנימער, נישט קיין אַרבעטער, נאָר גיכער חברה פונעם אונטערוועלט־טיפּ — וואָס זענען געשטאַנען מן הצד, געהירזשעט, זיך אײַזדיעקעוועט און געקליבן סאָציאַל־סאַדיסטישן נחת. און פאַר וואָס דען נישט? מענטשלעכע רעכט ווערן צוגענומען פון יעדן, איז גוט, אַז ס'זאָל זיין אַ שיכט מענטשן וואָס האָבן נאָך ווייניקער רעכט פון מיר. מיך טאָר מען נישט נעמען אויף צוואַנגס־אַרבעט, אָט יענעם בלוטזויגער און אַמאָליקן שאַמפּאַניער־טרינקער — מעג מען. יענעמס שקלאַפעריי איז מיין „פרייהייט".

זומער 1920, אין קיעוו. אַ נייער גילגול פון דער „פּאַראַשאַ"־יוסטיץ. אויפן קרעשטשאַטיק (די הויפּט־גאַס) שטייען יונגעלייטלעך מיט גראָבע מאַכאָרקע־ציגאַרעטלעך אין די מיילער און מאָביליזירן דורכגייענדיקע פרויען אויף אַד־

בעט. זיי עקזאַמינירן ביי פרויען די דאָקומענטן און ווען איינע קען נישט באַ־ווייזן מיט אירע פּאַפּירן, אַז זי איז אַ פּראָלעטאַרישע פרוי אָדער אַז זי טוט „סאָציאַל־ניצלעכע“ אַרבעט, שיקט מען זי רייניקן דעם בית־הכסא אין אַ קאַ־זאַרמע. וואָס אינטעליגענטער אָדער עלעגאַנטער די פרוי זעט אויס, אַלץ זי־כערער איז זי געשיקט צו ווערן אויף דער דאָזיקער אַרבעט, וואָס ווערט אַקאָמ־פּאַנירט פון סאָלדאַטישע אַפּלאָדיסמענטן.

אין יענע טעג האָט זיך אין מיין אָנוועזנהייט איין סאָלדאַט באַרימט פאַרן אַנדערן, אַז אין זיין קאַזאַרמע האָט אויסגערייניקט דעם בית־הכסא אַ גובער־נאַטאָרס פרוי. האָט זיך דער אַנדערער געגרויסט דערמיט, אַז דעם בית־הכסא פון זייער רעגימענט האָט אויסגערייניקט אַ באַראָנעסע. ער, הייסט עס, האָט זיך איינגעקויפט אין אַ גרעסערן יחוס, איז מער עולה־לגדולה געוואָרן פון זיין חבר. זיי האָבן זיך נאָכדעם שיער נישט צעממיתט אין זייער דיסקוסיע, ווער עס איז „נאָבעלער“ — אַ גובערנאַטאָרשע צי אַ באַראָנעסע. סוף־כל־סוף האָבן זיי שלום געמאַכט מיטן באַוווסטזיין, אַז ווי די זאַך זאָל נישט זיין, זענען זיי ביידע — אַריסטאָקראַטקעס...

* * *

מערץ 1938, אין ווין.

נאַצישע קאָליגאַנטעס דעמאָנסטרירן זייער סופּעריאָריטעט. דעם יחוס פון זיין אַריער. שלעפּן זיי יידן פון די הייזער און צווינגען זיי צו רייניקן די גאַסן, וואַשן די טראָטואַרן, די אַרבעט פון אַ גאַסן־קערער. ווי זיי נעמען עס אויף, איז אַ מלאכה בזויה. זענען זיי מבזה יידן, קלייבן זיי „אַריאַנישן“ נחת פון דעם ספּעקטאַקל: אויב שמוציקע אַרבעט, זאָל זי טאָן דער ייִד. ווי מיינע מיטזיצער אין דער באַכמוטער טורמע, ווי די פּעטראָגראַדער פּראָלעטאַרישע „דוואָריאַ־נעס“ וואָס האָבן געשיקט געוועזענע מיוחסים אָפּצוראַמען דעם שניי, ווי די קיִעווער יונגעלייטלעך וואָס האָבן געכאַפּט אויפן קרעשטשאַטעק דעם קלאַסן־שונאס פרויען און זיי געשיקט אויף „סאָציאַל־ניצלעכער“ אַרבעט אין די קאַ־זאַרמעס, פילן זיך אויך די ווינער דערהויבן, „אַריסטאָקראַטיזירט“, דורך דער־ניִדעריקן יענעם. אַן אַריער טאָר מען נישט נעמען אויף דער צוואַנגס־אַרבעט; אַ ייִד — מעג מען. מאָרגן, איבערמאָרגן וועט מען אַ ייִד די אַרבעט נישט וועלן געבן. טויזנטער ייִדן אין ווין וועלן מאָרגן זיין גרייט פרייוויליק צו קערן די גאַסן, צוליב פּרנסה, צוליב אַ טרוקן שטיקל ברויט. דענסטמאָל וועט עס זיין פאַרבאָטן: ייִדן האָבן נישט קיין רעכט אויף אַרבעט און אויף פּרנסה. מען וועט זיך אָנזעטיקן מיטן ספּעקטאַקל, וועט אַריינטרעטן אין איר קראַפט די נאַצישע עקאָנאָמיק. קערן די גאַסן וועט דערקלערט ווערן אַלס אַן אָנשטענדיקע אַרבעט,

מיט וועלכער אַ ייִד טאָר זיך נישט באַשעפטיקן. אָבער דערווייל איז הילולא וחינגא. דער ייִדּ, דער פּרעמדער, דער אויסלענדער, דער קאַפּיטאַליסט און קאָמוניסט, דער רעליגיעזער פאַנאַטיקער און אַטעיִסט, דער פאַנאַטישער נאַציאָנאַליסט און אינטערנאַציאָנאַליסטישער פאַרשווערער, דער טרוקענער ראַציאָנאַליסט און מיסטעריעזער כישוף־מאַכער, איז געצווונגען צו טראָגן די נאַצישע „פאַראַשאַ״. עלעמענטאַרע מענטשן־רעכט ווערן ביי יעדן צוגענומען, איז גוט וואָס עס איז פאַראַן אַ שיכט פון דער באַפעלקערונג וואָס האָט נאָך ווייניקער רעכט פון מיר. וואָס מערער יענער ווערט באַשפּיגן, אַלץ אַ גרעסערער מיוחס בין איך.

די אייביקע „קאָמפּענסאַציע״: אין צאַרישן רוסלאַנד — דער שוצלאָזער „זשיד״; אין פּראָלעטאַרישן רוסלאַנד, אין פּעריאָד פון מיליטערישן קאָמוניזם — דער רעכטלאָזער „בורזשוי״; אין נאַצישן עסטרייך — דער „סעמיט״. עס איז גאָר נישטאָ יענע קנעכטשאַפט, וואָס זאָל נישט שאַפן פאַר זיך די איילוזיע פון פרייהייט און הערשאַפט, אויב ס׳איז נאָר פאַראַן ביי דער זייט עמעצער, וואָס איז נאָך מער פאַרקנעכטעט. עס לוינט אַפילו זיך לאָזן אָנצוטאָן קייטן, אויב מלכות זאָגט אַז דאָס איז אַ כבוד און אויב ס׳איז פאַראַן אַ געזעץ, לויט וועלכן אַנדערע טאָרן אַפילו קיין קייטן אויך נישט טראָגן, זענען נישט געגנוג נאָבל אויף צו זיין שקלאַפן און האָבן בכלל נישט קיין רעכט אויף לעבן.

און ס׳איז גאָר נישטאָ יענער פּרייז, וואָס דער מענטש אָן עכטן דרך־ארץ צו זיך זאָל נישט וועלן באַצאָלן פאַרן שטיקל פּיקציע פון יחוס, פאַרן רעכט צו באַהאַנדלען אַ צווייטן אַלס נידעריקער פון זיך.

***

נאָר נידעריקע — דערנידעריקן. נאָר פריידלאָזע — פּייניקן. אַלע, דוכט זיך, ווייסן עס; קיינער ווייסט עס נישט גענוג קלאָר, קיינער ציט דערפון נישט דעם ריכטיקן פועל־יוצא.

***

אונדזער פּרעסע, זע איך, איז שטאַרק נתפעל פון דעם ווינער ייִדישן גענעראַל, פאַן זאָמער. ווען נאַציס זענען געקומען נעמען אים אויף צוואַנגס־אַרבעט, קערן די גאַסן, האָט ער געבעטן דערלויבעניש זיך איבערצוטאָן. איז ער אַריינגעגאַנגען אין אַ צווייטן צימער, זיך אָנגעטאָן אין זיין גענעראַל־מונדיר, זיך דעקאָרירט מיט זיינע מעדאַלן און אָרדנס. האָבן זיך די נאַציס, דערציילט מען, פאַרשעמט. זיי האָבן אים סאַלוטירט און באַלד אַוועק פון זיין וווינונג. ווי נידעריק מיר זענען געפאַלן, אַז מיר ווערן נתפעל פון פאַן זאָמערס

האַנדלונג! וואָלט דער ייִדישער גענעראַל דורכגעלעבט אין דער פּולער מאָס די טראַגיק פון אונדזערע טעג, וואָלט ער אפשר אַזאַ דעמאָנסטראַציע נישט געמאַכט. ער וואָלט זיך נישט באַנוצט מיט זיין גענעראַל־פּריווילעגיע (ווי לאַנג וועט זי אין איצטיקן ווין נאָך בלייבן ביי ייִדן אַ פּריווילעגיע?). ער וואָלט פאַרשטאַנען, אַז אויב מען צווינגט ייִדן צו קערן גאַסן, איז ער אַ ייִד, נישט קיין גענעראַל; דאַרף ער צוזאַמען מיט אַנדערע ייִדן — פּוילישע, גאַליציאַנער, פּאַספּאַרטלאָזע, אָן מיליטערישע זכיות — נעמען אַ בעזעם און זיך לאָזן „דער־נידעריקן". די נאַציסטישע בוויאַנעס האָבן זיך פאַרשעמט (די אייגנגעוואָרצלטע מורא פאַר עפּאָלעטן)! — פאַן זאָמער האָט זיך געדאַרפט פאַרשעמען פאַר זייער פאַרשעמען זיך: אַ ייִד אָן אַ גענעראַל־מונדיר מעג מען, הייסט עס, יאָ דער־נידעריקן.

איך בין נישט גרייט אים צו זאָגן מוסר. ווער פון אונדז איז עס אַזוי אַב־סאָלוט זיכער מיט זיך, אַז ער וואָלט אין אַזעלכע אומשטענדן, אַנדערש גע־האַנדלט? מיך שאָקירט בלויז דער „ענטוזיאַזם" אין דער ייִדישער פּרעסע. וואָס איז דאָ די שמחה? און, דער עיקר, וואָס איז דאָ די גדולה?

⁂

אַ שטימע פון אינדיע: „אַי עם עי סקוועגדזשער", איך בין אַ גאַסן־קערער (גאַנדי). אַ ריזיק לאַנד רופט אים לערער. מיליאָנען רופן אים נביא, נאָר ער איז גרייט צו ווערן אַ גאַסן־קערער, אַראָפּנעמען די פּיקטיווע חרפה פון „שמוץ־קער" אַרבעט.

אַ שטימע, וואָס קלינגט אַריין אין דער צוקונפט — אין יענע דורות ווען מענטשן וועלן קערן די גאַסן מאהבה און נישט מיראה, נישט ווייל עמעצער וועט צווינגען און נישט ווייל עמעצער וועט דערפאַר באַצאָלן מיט ברויט און וואַסער; ווען מען וועט עס טאָן אויס רעספּעקט צו זיך און ליבע צו אַנדערע; ווייל ס'איז נישט געזונט, עקלהאַפט, נידעריקער פון מענטשלעכער ווערדע ווען גאַסן זענען שמוציק.

„אַי עם עי סקוועגדזשער!" — היינט איז עס פאַר איינעם צוואַנג און דער־נידערונג און פאַרן אַנדערן אומווירדיקע מלאכה. מאָרגן, איבערמאָרגן וועט עס זיין —

ע ב ו ד ה.

1938.

„פרייע אַסאָציאַציעס"

מײַנער אַ פריינט איז נישט לאַנג צוריק פאַרשוווּנדן געוואָרן אויף אַ גאַנצער וואָך. ער איז אַרויסגעגאַנגען פון זיין ניו־יאָרקער ביוראָ און נישט צוריקגעקומען — נישט אין געשעפט און נישט אַהיים. טעג און נעכט האָבן נאָענטע מענטשן און מיטגלידער פון זיין פאַמיליע הילפלאָז־לעפּיש אים אַרומגעזוכט. פּאָליציי האָט אַלאַרמירט דאָס גאַנצע לאַנד, ביז אַ באַקאַנטער האָט אים צופעליק געטראָפן, נאַכלעסיק אַרומבלאָנדזשענדיק אין אַ שפּעטער נאַכטשעה איבער די גאַסן פון מאַנהעטן. איך האָב יענעם פריינט נאָך נישט געזען זינט ער האָט זיך אָפּגעזוכט און מיר איז נאָך נישט קלאָר וועלכע פון די אומצייליקע השערות — וואָס מיר האָבן געבויט אין דער וואָך פון זיין נעלם־זיין — האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין די ריכטיקע. איך קען מיר אָבער לייכט פאָרשטעלן, אַז קיין אײנע פון יענע השערות איז נישט באַשטעטיקט געוואָרן: קיינער האָט אים נישט „געקידנעפּט". ער איז נישט אַנטלאָפן פון זיינע געשעפטלעכע שוועריקייטן אָדער פון אַ פלאָנטער אין אַ קהלשן ענין מיט וועלכן ער איז געווען פאַרבונדן; עס איז אים אויך נישט באַפאַלן קיין אַטאַקע פון „אַמנעזיע". איך וועל נישט זיין שטאַרק איבערראַשט אויב עס זאָל זיך אַרויכווייזן, אַז ער איז אַוועק פשוט דערפאַר וואָס ער איז מיד געוואָרן... פון מענטשן: פון רעדן צו זיי און אויסהערן וואָס זיי רעדן, פון בריוו און טעלעגראַמעס, פון טעלעפאָן־שמועסן און — מעג מען נאָך דערצו עפּעס צוגעבן? פון ליבע: פון ליבע מיט וועלכער נאָענטע מענטשן רינגלען אים אַרום און פון זיין אייגענער, עכטער און זאָרגפולער ליבע צו זיי.

אונדז איז לייכט צו פאַרשטייטן, אַז אַ מענטש פאַרשפּילט זיך אויף עטלעכע מעת־לעתן אין קאָרטן; אַז ער פאַרשיכורט זיך מיט דער אָנוועזנהייט פון אַ געליבטער און פאַרגעסט אַ וואָך צייט זיינע נאָענטע מודיע צו זיין, אַז מיט אים האָט גאָרנישט פּאַסירט. אָבער מיר קענען נאָך אַלץ נישט משיג זיין דאָס אַנטלויפן פון אַ מענטש אויף אַן איינזאַמקייט־וואַקאַציע, זיין משונהדיק פאַרבענקען זיך נאָך זיך אַליין, זיין ספּאָנטאַנעם באַשלוס זיך אַרויסצורייסן פון דער רוטין מיט דער איין און איינציקער כוונה: שווייגן און נישט הערן יענעמס רעדן. זיך גוט־גוט אָפּטובלען אין די שטילע און מעלאַנכאָליש־כישופדיקע וואַסערן פונעם אַליין־זיין־אָקעאַן.

יאָ, מיר פאַרשטייען עס (אָדער מיר שעמען זיך צו זאָגן אַז מיר פאַר־

שטייען עס נישט), ווען עס האַנדלט זיך וועגן פּאָעטן און מיסטיקער, אָדער מקובלים און אינדישע „סאַדהו״ס. זיי האָבן אונדז שוין לאַנג געצווונגען צו אָנערקענען זייערע פּריווילעגיעס. אָבער אַ פּשוטער בשר־ודם? ווי קומט עס צו אים און אויף וואָס „באַדאַרף ער עס האָבן״? מיין פאַרשווונדענער פריינט מעג אָבער דערקלערן אַז ער האָט דאָסזעלבע רעכט אויף התבודדות ווי רב מענדל קאָצקער, כאָטש ער איז נישט עוסק אין מעשי־מרכבה — און אַלע טאָג פון אַ גאַנץ יאָר איז ער גאָר פאַרנומען מיט סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּלענער, מיט פינאַנצן, טשינאָווניקעס און בוכהאַלטערישע ציפערן. רעכט אויף התבודדות האָט יעדער וואָס האָט דערצו אַ באַדערפעניש — אַלץ איינס אויב פון זיין התבודדות וועלן מיר אַרויסקריגן עפּעס „סאָציאַל־ניצלעכס״, אָדער נישט. זאָלן מיר אַלע „רביים״ מוחל זיין: אויך זייערע שמשים האָבן דאָס רעכט אויף אַן איינזאַמקייט־וואַקאַציע — פונעם רבין, פון ווייב און קינד, פון תורה און פון תפילה און פון אַלע תרי״ג מצוות. זיי האָבן אויך אַ רעכט צו זיין אַמאָל צו־גאַסט ביי זיך. דאָס רעכט האָט אויך יעדער דריידל־און־גראַגער בעל־מלאכה. אויך איך...

***

מאַקסים גאָרקי האָט אַמאָל דערציילט אַ טשיקאַווע זאַך פון זיינעם אַ באַ־קאַנטן שוישפּילער. אָפטמאָל ווען ער פלעגט בלייבן איינער אַליין ביי זיך אין הויז, פלעגט ער צוגיין צום שפּיגל, זיך לאַנג און עקזאַמינירנדיק אַריינקוקן אין אייגענעם פּנים, נאָכדעם צוזאַמענפּרעסן די רעכטע האַנט אין אַ דראָענדי־קער פויסט און אויסשרייען אויף זיך דריי מאָל דאָס וואָרט „פּאַדליעץ״ (מנוול).

איינמאָל האָט אים אַ נאָענטער פריינט געכאַפּט ביי דעם דאָזיקן, ווי ער האָט עס באַצייכנט, „פּאַטאַלאָגישן ריטואַל״. ער האָט זיך נאָכדעם מודה געווען, אַז ווען ער וואָלט אַ לענגערע צייט נישט געהאַט די געלעגנהייט דאָס צו טאָן, וואָלט ער עס נישט אויסגעהאַלטן: ער וואָלט זיך אַ מעשה אָנגעטאָן.

***

אַ קליינשטעטלדיקער מלמד אין אוקראַינע האָט מיר אַמאָל געזאָגט: אַלע פאַרשטייען, אַז אַ פרומער ייִד דאַרף אויפשטיין ביינאַכט און פּראַווען „חצות״, וויינען אויפן חורבן פון בית־המקדש. אָבער וואָס וואָלט געווען ווען איינער פאַרבייגט אַמאָל דעם דאָזיקן מנהג און שטייט דאָך אויף אין מיטן נאַכט, נאָר כדי צו זאָגן קינות אויף זיך אַליין? מ׳וואָלט אים מסתמא באַלד פאַרשפּאַרט אין אַ משוגעים־הויז. אונדזער שטאָט־משוגענער לויפט אַלע פאַרנאַכט אַוועק אין וועלדל אויף אַ פּאָר שעה. ווייסע חברהניקעס האָבן נישט לאַנג צוריק

אויסגעפונען אַז ער זאָגט דאָרט קדיש נאָך זיך אַליין. האָבן זיי געוואָלט פאַר־פירן מיט אים אַ שפּיל און אים פאַרגעשלאָגן ער זאָל בעסער זאָגן זיין קדיש אין בית־המדרש. האָט דער משוגענער „שכל" צו זיינע זאַכן. אין בית־המדרש, זאָגט ער, דאַרף מען זאָגן קדיש נאָך יענעם; נאָך זיך דאַרף מען זאָגן ביחידות. ווען איך האָב אים אַמאָל אַ פרעג געטאָן, ווי לאַנג ער איז שוין אַן אָבל, האָט ער לאַנג נישט געטראַכט און אָפּגעענטפערט:

— שוין אַ שאָק מיט יאָרן... משׁשׁת ימי בראשית...

⁂

אין די מלחמה־יאָרן, אין אָדעס, האָט צו ביאַליקן אין הויז אָנגעהויבן אַריינצוקומען אַ יונגער ייִדישער בחור, אַ פּליט פון פּוילן. וואָס־וואָס, נאָר קיין „בעזליודניק" איז ביאַליק, כידוע, נישט געווען: קיין גרעסערן נוח לבריות, קיין מער „צוגעלאָזטן" מענטשן האָב איך אין מיין לעבן נישט געקאָנט. יענער יונגערמאַן האָט אָבער איבערגעכאַפּט די מאָס און איז געוואָרן אַ צו־אָפטער אַריינגייער. ביאַליק האָט זיך אָנגעהויבן פילן געשטערט, „טעראָריזירט". האָט ער זיך איינמאָל אַנטשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צו די אומדערוואַרטע וויזיטן. צווישן די „צוויי דיכטער" איז דאַן פאָרגעקומען פאָלגנדיקער דיאַלאָג:

— אפשר וואָלט געווען אַ יושר, איר זאָלט נישט קומען צו מיר אַזוי אָפט?

— וואָס־זשע, איך שטער אייך דען?

— יאָ!

— דהיינו, מיט וואָס? איך בין, ווי איר ווייסט, נישט קיין נודניק און נישט קיין פּלאַפּלער. און ווען איך ווילט זיך אַרבעטן, בין איך גרייט צו זיצן אין אייער קאַבינעט שעהן־לאַנג און נישט אַרויסרעדן אַ וואָרט.

— אָ, ניין! חס וחלילה! צו דער אַרבעט שטערט איר מיר נישט. אָבער... איך מוז אייך איצט פאַרטרויען אַ סוד. אַזוי ווי איר קוקט מיך אָן, זע איך, דוכט זיך, אויס צו זיין אַ נאָרמאַלער מענטש. אָבער, צווישן אונדז גערעדט, בין איך אַ שטיק משוגענער. אַז עס קומט מיר אָן דער שגעון, טו איך מיך אויס נאַקעט, אָבער טאַקע ממש נאַקעט, ווי די מאַמע האָט מיך געהאַט. איך לייג זיך אַוועק אויף מיין שרייב־טיש און — און איר זעט דעם שטעקן? — אָט מיט אים שלאָג איך זיך שעהן־לאַנג איבערן נאַקעטן לייב, ביז איך בלייב לחלוטין אָן כוחות. דער שגעון גייט מיר דעמסטמאָל איבער און איך ווער ווידער־אַמאָל אַ מענטש מיט לייטן גלייך. נו, פאַרשטייט איר דאָך, אַז איר שטערט מיר. איך מוז האָבן מיינע שעהן און טעג פון אַבסאָלוטער יחידות.

ביאַליק האָט מיר עטלעכע מאָל איבערדערציילט די מעשה און זיך פאַר־גאַנגען פון געלעכטער, ווען ער פלעגט זיך דערמאָנען אָן דעם דערשראָקן־

ערנסטן פּנים פונעם יונגנמאַן און אין זיין פייערלעכער הבטחה „מיטצונעמען מיט זיך דעם סוד אין קבר אַריין".

אָבער איינמאָל נאָכן דערציילן די דאָזיקע מעשה, האָט זיך אין ביאַליקס בלויע און ברייט־אויפגעמאַכטע אויגן באַוויזן עפּעס אַ מין אומגעוויינטלעך וואָלקנדל — און ער האָט, ווי צו זיך אַליין, אַ זאָג געטאָן:

— וואָס איך האָב יענעם יונגנמאַן דערציילט, איז געווען עקספּראָמט. מיט אַ מינוט פריער האָב איך נישט געוווסט, וואָס פאַר אַ תירוץ איך וועל פאַר־ אים אויסקלערן. מאָדנע: פאַרוואָס איז מיר גראָד אַזאַ משונהדיק בילד געקומען אין קאָפּ אַריין? עס איז דאָך נישט קיין צופאַל? איך האָב מורא, אַז דאָ האָט זיך אַזוי ווי מאַניפעסטירט עפּעס אינטימס און ערנסט־פאַרזענלעכס. ווער ווייסט? עס קען דאָך זיין, אַז ווען איך זאָל מיר „נאָכגעבן די תאווה", וואָלט איך טאַקע פון צייט צו צייט אַזעלכע מלקות געקראָגן פון זיך אַליין. וואָס, אַ שטייגער, זאָגט וועגן דעם פרויד? כאַטש... איך וואָלט גראָד פרוידן וועגן דעם נישט געפרעגט. ביי אים איז ווי ביי אַ כאַכאָל (אוקראַיִנער). „גיעמאַ פּיסני בעז דיווקי" (נישטאָ קיין ליד אָן אַ מיידל)...

***

אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע פראַגמענטן („ספיח") דערציילט ביאַליק וועגן זיינעם אַ מערקווירדיקן חלום. ער איז נאָך אַ קליין ייִנגל און ער פאָרט צוריק מיט אַן עדה באַקאַנטע ייִדן פונעם יאַריד. אין מיטן וועג שטעלט מען זיך אָפּ: זאָלן די פערד זיך אַביסל אויסרוען. דערזעט ער פאַר זיך אַ שמאָלע סטעזשקע, וואָס פירט אין וואַלד אַריין. לאָזט ער באַלד איבער די עדה ייִדן און ווערט נעלם צווישן די געדיכטע ביימער. די מתיקות פון זיין אַליין פאַר־ כישופט אים: גלייך ווי ער וואָלט געווען גרייט צו בלייבן אויף אייביק אין זיין וואַלד־איינזאַמקייט. אָבער פּלוצים נעמט אים דורך אַ ציטער: ער דערמאָנט זיך, אַז די נאַכט וועט אים איינגיכן באַפאַלן און אַז די ייִדן פון זיין שטעטל קענען אַוועקפאָרן אַהיים אָן אים. לאָזט ער זיך דערשראָקן לויפן צום שליאַך, נאָכ־ יאָגן די בויד. די ייִדן, דעם כלל.

איך ווייס נישט, אין וועלכער מאָס ביאַליק גופא האָט זיך אָפּגעגעבן חשבון וועגן דער טיפער סימבאָלישקייט פון דעם דאָזיקן חלום.

אַ גאַנץ לעבן האָט ער געגאַרט נאָך יחידות און... האָט פאַר איר מורא געהאַט.

נישט נאָר האָט ער ליב געהאַט מענטשן, נאָר ער האָט זיך „געטוליעט" צו זיי. מיט זיי האָט ער פאַרדעקט די תהומות, וואָס התבודדות האָט פאַר אים פאַרגעצויבערט — די תהומות וואָס האָבן אים אי געלאָקט, אי געשראָקן.

ער האָט אינסטינקטיוו מורא געהאַט פאַר מוזיק (ווייטער אַמאָל צוליב אירע תהומות) און געלאָפן פון איר צו שפּראַך, צו וואָרט, צו דעם וואָס ער האָט אַליין אַמאָל באַצייכנט אַלס „פאַרהילונגען״ פון די אָפּגרונטן.

***

אויך טאָלסטאָי האָט אַמאָל דערציילט פון זיינעם אַ סימבאָלישן חלום. ער איז נאָך אַ גאָר קליין קינד, אַ תושב אין זיין וויגעלע. אַרום אים שטייען מענטשן און ער פילט אַז דאָס זענען אייגענע, געליבטע און ליבנדיקע. זיי ווילן אים אָבער אַרעסטירן אין „וויקעלעך״ און ער לאָזט זיך נישט. בחוש ווייסט ער, אַז זיי טוען עס אויס ליבע, אים גוטס צו טאָן; אָבער ער רעוואָלטירט קעגן זיי מיט דער גאַנצער מאַכט פון זיינע הענטלעך און פיסלעך און מיטן גאַנצן רעזערוואַר פון זיינע שריי־און־וויין־מעגלעכקייטן. אין די „וויקעלעך״, פילט ער, וועט אים זיין ענג, אומבאַקוועם, דערדריקנדיק.

אין יענעם חלום האָט ער זיך דערמאָנט אין זיינע גאָר־גאָר אַלטע יאָרן, ווען די בענקשאַפט נאָך אַליין־זיין איז אין אים דערגאַנגען צו דער מדרגה פון אַ קרענקלעכער ליידנשאַפט. ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט ליבע: פרוי און קינדער, פריינט, תלמידים — אָבער יענע ליבע, האָט ער געוווסט, האַלט אים אין די „וויקעלעך״. האָט ער געוואָלט „אַ לעב טאָן״ כאָטש אויף דער עלטער — אַוועקגיין ערגעץ־ווו אין אַ ווייטן און שטילן מאָנאַסטיר און פאַר־ברענגען די טעג וואָס גאָט וועט אים שענקען אין אַן איינזאַמער צעל, אויף לאַנגע, יחידישע שפּאַצירן אין וואַלד.

איז זיין תפילה נישט אָנגענומען געוואָרן. טאָלסטאָיס אַנטלויפן „אין שוויי־געניש און איינזאַמקייט״ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינער פון די גרעסטע וועלט־סענסאַציעס. זענען מיט אים מיטגעפאָרן אַ דאָקטער און אַ סעקרעטאַר, איז נאָכדעם אָנגעקומען סאָפיאַ אַנדרעיעווונאַ (פאַר איר, נעבעך, איז געווען קלאָר, אַז ער איז אַנטלאָפן פון איר, ווייל ער האָט זי אויף דער עלטער פיינט געקראָגן), און געשטאָרבן איז דער דעמב פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ נישט ווי אַ מתבודד, נאָר כמעט פאַר די אויגן פון רעפּאָרטערן מיט פאָטאָגראַפישע אַפּאַ־ראַטן.

ווי ווערט עס דאָרט דערציילט אין דעם יידישן פאָפּולערן שפּאַס? אַז דער קיסר שלאָפט, נעמט מען אָן ספּעציעלע מיטלען, ער זאָל נישט זיין געשטערט. שטייען ביי דער טיר פון זיין שלאָפצימער צוויי ראָטעס סאָלדאַטן און שרייען אַ גאַנצע נאַכט: „שאַ, שאַ, דער קיסר שלאָפט!״.

***

גאַנדי איז שוין אַ גרעסערער בר־מזל פון טאָלסטאָיען. אפשר דערפאַר

וואָס ער פאַרמאָגט מער כאַראַקטער און עכטערן רעליגיעזן געפיל. שוין יאָרנלאַנג אַז ער האָט יעדע וואָך אַ טאָג פאַר זיך — אַ טאָג ווען ער עסט נישט, לייענט נישט, שרייבט נישט, רעדט נישט און הערט אַנדערע נישט רעדן. קיין מיזאַנטראָפּ אָדער קיין „בעזלילודניק" איז ער דערפון נישט געוואָרן. נאָך יענעם טאָג קומט ער צוריק צו זיין פאַמיליע, צו זיינע פריינט. אָן „אויסגעבאָדענער" אין זיך אַליין; אַ פרישער מונטערער און אויפריכטיק גרייט נאָכאַמאָל צו ווערן דאָס, וואָס אַריסטאָטעלעס האָט אָנגערופן „אַ סאָציאַלע חיה".

און אפשר איז עס נישט אינגאַנצן גאַנדיס פערזענלעכער זכות. אין אינדיע פאַרשטייט מען מער, טיפער און סימפּאַטישער אַזעלכע „קאַפּריזן"... אין אַמעריקע זענען די קוועיקערס די איינציקע וואָס האָבן איינגעפירט אין זייערע שולן אַ שעה פון שווייגן.

***

פאַרליבטע זענען מסוגל צו שווייגן לאַנגע שעהן. אין שפּאַנונגס־צושטאַנדן איז שווייגן נישט קיין פּוסטער חלל, און עס איז נישט פאַראַן יענע „דבקות", וואָס קען אויסקומען אָן שווייגן.

אַנומלטן האָט מיינער אַ פריינט אַלס שפּאַס אויפמערקזאַם געמאַכט אַ פאַרפּאָלק אַז זיי רעדן צווישן זיך צופיל. די פרוי האָט עס גענומען זייער ערנסט און האָט אים דערקלערט:

— מיר האָבן שוין לאַנג נישט, ווען וואָס צו שווייגן.

***

מ'האָט מיר אַמאָל דערציילט פון אַ ראש־ישיבה, וועמען מ'האָט געפרעגט, צי ס'איז אמת, אַז אַ געוויסער תלמיד פון זיין ישיבה איז אַ גאון.

— איך ווייס נישט... אָבער איך גלייב נישט אַז ער איז אַזאַ גרויסער קענער. אַז אַ בחור לערנט אַכצן שעה אַ מעת־לעת, דאָס מויל פאַרמאַכט זיך אים נישט אַ גאַנצן טאָג און שטענדיק איז ער אַרומגערינגלט, קיין עין־הרע, מיט אַזויפיל מענטשן — מיט רבא און אַביי, מיט רב הונאַן און מיט רב פּפּאַן, מיט רבי עקיבא און מיט ריש־לקישן — פרעג איך איך ווען האָט ער צייט צו קענען?

„צייט" — דאָס איז נישט־טאָן, נישט־לערנען, נישט־רעדן, נישט־הערן, בלויז געטראַגן ווערן אויף די כוואַליעס פונעם אייגענעם ים.

***

אַמאָל לויפט מיר דורך אַ געדאַנק, אַז שפּעטער מיט עטלעכע יאָרהונדערטער וועלן היסטאָריקער דערציילן וועגן אונדזער עפּאָכע ווי וועגן אַ באַר־

באַרישער און אומהיגיענישער צייט: „אין יענע צייטן”, וועט שטיין אין די טעקסט־ביכער, „זענען יעדן טאָג געשטאָנען מענטשן פאַר אַן עולם און גע־האַלטן רעדעס און עס זענען געווען אַפילו אַזעלכע אָראַטאָרן וואָס האָבן גע־רעדט צו צוויי און צו דריי מאָל אַ טאָג”. אין יענע טעקסטביכער, שטעל איך מיר פאָר, וועט אויך דערציילט ווערן, אַז מערסטנטייל מענטשן זענען אין דער באַרבאַרישער עפּאָכע אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט און האָבן קיינמאָל נישט גענומען קיין שוויג־און־אַליין־זיין־וואַקאַציע. און ווען אַ שילער וועט אַ פרעג טאָן, ווי קען עס געמאָלט זיין, וועט אים דער לערער ענטפערן:

— וואָס וווּנדערסטו זיך? מיט אַ הונדערט יאָר פאַר יענער עפּאָכע זענען געווען מיליאָנען מענטשן, וואָס האָבן זיך קיינמאָל נישט געבאָדן...

בעסאַראַביש

איך לייען יעדן טאָג ידיעות פון רומעניע, און ווי עס זעט מיר אויס פון ווייטן — וועט די גרעסטע פּאַרציע סאַדיזם אויסגעגאָסן ווערן אויף דעם יידישן קיבוץ אין בעסאַראַביע.

דערמאָן איך זיך: עפּעס האָב איך אַ ספּעציפישע שייכות צו יענער געגנט און צו איר יידישער באַפעלקערונג. דאָרט בין איך געבוירן געוואָרן, דאָרט פאַרבראַכט מיינע קינדער־יאָרן און דאָרט אָנגעהויבן פרעגן יענע פראַגן, אויף וועלכע איך וועל שוין קיינמאָל קיין תשובה נישט קריגן.

די פעלדזן־ברעגן פונעם דניעסטער, די זיגזאַגן־לענטעס פון די פּרוט־וואַסערן, דער „אונטערפוס" פון די קאַרפּאַטן־בערג, האַלב־צעבראָכענע פעס־טונגען (שיריים פון אַמאָליקער טערקישער הערשאַפט), רוסישע קאַזאַרמעס אין די שטעט, גריכישע קירכן אין די דערפער — אַ תוהו־ובוהו פון סטילן, שפּראַכן, קאָסטיומען, האַלב־קולטורן.

קיין אידילישע צייטן אין יענער פּראָווינץ געדענק איך נישט. פאַר דער הערשנדיקער באַפעלקערונג, פאַר די רוסן, זענען מאָלדאַוואַנעס געווען „כאַ־מולעס"; יידן — בלוטזויגער; ציגיינער — גנבים; דייטשן — גזלנים און אַר־מענער — שווינדלער. דער מאָלדאַוואַן האָט געקוקט אויפן רוס ווי אויף אַ „שליח פון גיהנום". פאַר דעם ייד האָט ער נישט געהאַט קיין אַנדער נאָמען ווי פּיאַווקע. דעם ציגיינער האָט ער גערופן אין די אויגן קרעציקער הונט. דעם דייטש האָט ער אַרויסגעגעבן אַ דיפּלאָם פון אַ „חיה מיט די צוועלף הענט" (צוליב זיין אַרבעטסזאַמקייט), און יעדן אַרמענער איז ער געווען גרייט צו פרעגן, צי ער איז נישט אַ שד, פאַרשטעלט פאַר אַ מענטש. פאַרן ייד איז סתם אַ רוס געווען אַ המן; אַ מאָלדאַוואַן — אַ „זשלאָב" (אַ גראָבער נפש); אַ דייטש, פלעגט ער זאָגן, האָט פאַרשלאָסן די נשמה אין אַ קעסטעלע און פאַרוואָרפן דאָס שליסעלע אין טייך (די נשמה זאָל זיך נישט קענען מישן אין זיינע געשעפטן); אַ ציגיינער האָט ביי יידן געשטאַמט פון פרעהן; אַן אַרמענער — פון עמלקן (דעם נאָמען אַרמענער פלעגט מען כמעט נישט נוצן! מ'פלעגט זאָגן אויף אַן אַרמענישן מאַן אַ „מחה", אויף אַ פרוי — אַ „מחהטע", געשטיצט אויפן פּסוק „מחה תמחה את זכר עמלק"). ציגיינער זענען געווען מיט אַלעמען העפלעך און פריינטלעך, אָבער ווער ווייסט, וואָס פאַראַ אַטעסטאַטן זיי האָבן אַרויסגעגעבן זייערע שכנים, ווען זיי פלעגן רעדן צווישן זיך שפּעט ביינאַכט, אין סטעפּ,

אויף זייער אומפאַרשטענדלעכן דיאַלעקט. דייטשן האָבן נישט דיסקרימינירט: אַלע איינוווינער, אַ חוץ זיי, זענען שמוציק און האָבן נישט קיין רעספּעקט פאַרן געזעץ; פּאַסן דאַרף מען פון זיי אַלעמען שניידן — דער קיסר איז צו גוט צו זיי. אַרמענער? זיי זענען געווען אַ קליינע, אָרעמע מינאָריטעט. פלעגן זיי שוויי־גנדיק, מעלאַנכאָליש צושמייכלען מיט זייערע טרויעריקע אויגן, און שפּילן אויף דער גיטאַרע, — ווי ייִדן האָבן עס באַצייכנט — „מאַראַלישע" ניגונים... קוקנדיק אויף צוריק, דוכט זיך מיר אויס, אַז איבער די לאַנגע סטעפּעס אין איין טייל בעסאַראַביע און איבער די גראַציעזע בערג און טאָלן אינעם אַנדערן טייל האָבן תמיד געשוועבט דער גייסט פון האַס און קעגנזייטיקער מורא.

דערפאַר אפשר האָט מיך אַזוי טיף גערירט אַ באַגעגעניש בשעת איינעם פון מיינע שפּעטערדיקע באַזוכן אין בעסאַראַביע. מיר איז אויסגעקומען צו פאָרן ביינאַכט פון אַרגעיעוו קיין דובאָסאַר, מיט אַ מאָלדאַוואַנישן בעל־עגלה. נאָך עטלעכע שעה רייזע האָב איך אים אַ פרעג געטאָן, אויב עס איז נאָך ווייט צו אונדזער ציל. עס איז פונקט, ענטפערט ער מיר, אַ האַלבער וועג; מיר געפינען זיך איצטער לעבן „קרושע די לאַ לייבאַ". „קרושע די לאַ לייבאַ"? „לייבס צלם"? איך האָב אויסגעדריקט מיין פאַרוואונדערונג. איך זע פאַר זיך, אין לבנה־שיין, אַ ברונעם — אַ טיפּישן בעסאַראַבער ברונעם, מיט אַ הילצערנער יעזוס־סקולפּטור אויף אַ לייטערל, מיט אַ הילצערנעם צלם אויף דער שפּיץ פונעם לייטער. אַ געוויינלעך, באַקאַנט בילד; אַ טייל פונעם פּייזאַזש. אָבער ווו קומט אַהער אַ ייִד, מ'זאָל נאָך אים אַ נאָמען געבן? דערציילט מיר מיין בעל־עגלה אַ פאַרצייטיקע מעשה. אָט־דאָ נישט ווייט, ווייזט ער מיר אָן, אין דעם דאָרף פון דער רעכטער זייט, האָבן אַמאָל געלעבט אין שכנות אַ ייִד און אַ מאָלדאַוואַן. האָט מען דעם מאָלדאַוואַן באַשולדיקט אין אַ מאָרד, וואָס ער איז נישט באַ־גאַנגען. האָט זיין ייִדישער שכן, רב לייב, אויסגעגעבן כמעט אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט, געפאָרן אין שטאָט אַריין, אָנגעקלאַפּט אַזש ביז פּעטערבורג, געדונ־גען אַדוואָקאַטן, כדי אָראָפּצונעמען דעם בילבול פון זיין מאָלדאַוואַנישן פריינט. דעם מאָלדאַוואַן האָט מען סוף־סוף באַפרייט פון טורמע און דער ייִד איז אַ קורצע צייט אַרום געשטאָרבן. האָט דער מאָלדאַוואַן אויסגעגראָבן ביים וועג אַ ברונעם (אַ טראַדיציאָנעלע מצוה אין יענער געגנט), אַוועקגעשטעלט דאָרט אַלץ וואָס עס געהערט צו אַ ברונעם — אָן אויסגעשניצטע פיגור „פון דעם דערלייזער", אַ לייטערל און אַ צלם — כדי צו פאַראייביקן רב לייבס נאָמען. דאָס האָט פּאַסירט, זאָגט ער, צוריק מיט פּיל, פּיל יאָרן, ווען דעם איצטיקן פּריצס זיידע האָט נאָך געלעבט. אָבער אַלע פּויערים אין דער סביבה רופן פון דענסטמאָל אָן דעם פּלאַץ „קרושע די לאַ לייבאַ".

דער בעל־עגלה האָט זיך אויף אַ פּאָר מינוט פאַרטראַכט, דערנאָך אַ זאָג געטאָן:

„איצט לעבט מען ווי די וועלף, אַמאָל האָט מען געלעבט ווי מענטשן. וועט נאָך קומען אַמאָל אַ צייט, ווען אַלע וועלן ווערן פריינט?".

ער האָט איבערגענומען די לייצעס אין איין האַנט און מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער פרי־ער זיך און נאָכדעם מיך איבערגעצלמט.

ער האָט זיך אָבער באַלד דערשראָקן פאַר זיין אייגענער העזה: איבער־געצלמט אַ ייִד! ער איז אָבער שנעל געפאַלן אויף אַן המצאה און מיך געבעטן, איך זאָל אים איבערצלמען „אויף ייִדיש". איך האָב נישט געוווּסט וואָס ער מיינט, נאָר ער האָט מיך דערמאָנט אָן דעם „ייִדישן צלם", וואָס הענגט איבער דער טיר ביים אַריינגאַנג אין בית־המדרש.

איך האָב געפילט, אַז איך טאָר אים נישט אָפּזאָגן, האָב איך אים (אַ חרפּה צו דערציילן) „איבער־מגן־דודעט".

איך ווייס נישט, צי יענער „שייגעץ" לעבט נאָך. אויב ער לעבט, וואָלט איך אַ בעלן געווען צו וויסן, צי געדענקט ער נאָך יענע נאַכט און צי איז נאָך געבליבן אין אים עפּעס פון דעם געפיל, וואָס האָט אין אים דעמאָלט אויפגע־ציטערט און אַזוי משונהדיק פון אים אַרויסגעשטראַלט.

1938.

נוסח טאָקסידאָ

צוריק מיט אַ וואָך האָב איך צום ערשטן מאָל אין לעבן אָנגעטאָן אַ „טאָקסידאָ". אַמאָליקע יאָרן, אין מאָסקווע אָדער אין בערלין, פלעג איך טראָגן ביי פייערלעכע געלעגנהייטן — ווי מען רופט דאָס איז רוסיש — אַ „סיורטוק". היות ווי אין אַמעריקע איז עס נישט אין דער מאָדע, האָב איך מיר מתיר געווען צו גיין אין יענע הויכע פענצטער, וואָס מ'האַלט נישט צו הויך פאַר מיר, אין איינפאַכע טונקעלע בגדים. בלויז איין מאָל איז מיר אויסגעקומען זיך צו פאַרשטעלן, ווי מיין עלטער־באָבע פלעגט זאָגן, פאַר אַ „ליסטעקראַט", און דאָס — גראָד אין ירושלים. ליגט מיר נאָך ביז היינט גוט אין טעם יענער טאָג, ווען כ'האָב געדאַרפט גיין עסן אָוונטברויט ביים האַי־קאָמישאָנער און דאָס וואָרט „פאָרמעל" אויף דעם איינלאַדונגס־בריוו האָט מיר געהאַלטן אין איין שטעכן אין די אויגן. גוטע ברידער פון אַלע פיר עקן שטאָט האָבן מיר געבראַכט צו טאַסקען זייערע „טעילס" און אַ דאַמע אין תלפיות האָט זיך לאַנג געישובט, ביז זי האָט אַרויסגעזאָגט איר מבינות, וועלכער פרעמדער גאַרניטור איז אַמבעסטן צוגעפּאַסט צו מיין שטיקל אייגענער פיגור. איך וואָלט נישט וועלן אַז דער גוטמוטיקער און גאַסטפריינטלעכער גענעראַל וווקאָפּ זאָל זיך וועגן דעם דערוויסן, אָבער נאָך דריי שעה וואָס כ'האָב פאַרבראַכט אין זיין פּאַלאַץ בין איך, געדענק איך, גלייך אַוועק אין אַן אַנדער פּאַלאַץ — אין בן־צביס רחביה ווּינונג — ווו איך האָב באַלד אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַלע טעקסטיל־פייערלעכקייטן און געמאַכט די ברכה פון „מתיר אסירים". די גזירה פון דער לעצטער וואָך איז געווען נישט אַזאַ שטרענגע, ווי די גזירה אין ירושלים: נישט קיין „טעילס" (וואָס דאָס יינגעלע פון „מאה שערים", וועלכער האָט זיי איפן צווייטן טאָג אָפּגעטראָגן צו זייערע אייגנטימער האָט באַצייכנט אַלס „גוייִשע שבתדיקע קאַפּאָטעס"), נאָר די קורצערע און באַקוועמערע „טאָקסידאָ", אין וועלכער איך האָב געמוזט דערשיינען אויפן סאָציאַליסטישן פון אַלע ייִדישע „דינערס" אין ניו־יאָרק, אויף דער נאַציאָנאַל־פאָנד־סעודה פאַר דער לעאָן בלום־קאָלאָניע.

מילא, מ'זאָגט „טאָקסידאָ" איז „טאָקסידאָ". מ'שטייט אויס אין לעבן גרעסערע אומבאַקוועמלעכקייטן. איך קען אַ פּאָר מענטשן, וואָס האָבן פאַר יענער אונטערנעמונג געבראַכט גרעסערע קרבנות, ווי זיך פילן אַ פּאָר שעה אומבאַקוועם אין אומגעוויינלעכע בגדים. בטבע בין איך גאָרנישט אַזאַ ניהיליסט און

כ׳האָב קיינמאָל נישט געהאַלטן פון פּראַלעטאַרישע מצוות וואָס איז נוגע הל־בשה. אין די שטיפערישע אָדעסער יאָרן האָבן מיר אין מיין קרייז געקרוינט די, מערסטנטייל יִדישע, מיידלעך פון די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס — וואָס האָבן געהאַלטן פאַר זייער פליכט אַרומצוגיין מיט לאַנגע נישט־געצוואָגע־גע און נישט פאַרקעמטע האָר און אין בכיוון־נאַכלעסיקער הלבשה — מיטן נאָ־מען „דריבקע״. די עטימאָלאָגיע פונעם וואָרט איז אונדז נישט געווען קלאָר (פון מיינע קינדער־יאָרן געדענק איך, אַז בעסאַראַביער יידן פלעגן נוצן אויף זייער נישט־פאָלירטן לשון אַן אויסדרוק „פּוילישע דריבקע״, מיט וועלכער זיי האָבן באַצייכנט די אומריינקייט און טואַלעט־אָפּגעלאָזנקייט פון צוגעוואַנדער־טע יידן), אָבער דער טערמין האָט זיך צוגעקלעפּט. זשאַבאָטינסקי, דערמאָן איך מיך, האָט אַפילו איינמאָל אָנגעשריבן אַ גאַנצן טראַקטאַט וועגן דער פּסי־כאָלאָגיע פון דער „ראַדיקאַלער דריבקע״, פאַר וועלכן מ׳האָט אים געוואָלט פאַרשרייען אַלס אַנטיסעמיט און קאָנטררעוואָלוציאָנער. איך בין אַלע מיינע יאָרן אַ דם־שונא דער „דריבקע־קולטור״ און כ׳האָב גראָד הנאה פון זען מענטשן, ווען זיי זענען פאַרקעמט, אָפּגעגאָלט, אָרנטלעך און עלעגאַנט אָנגעטאָן. אין תוך וואָלט איך גאָרנישט געדאַרפט זיין קיין קעגנער פון „טאָקסידאָס״ — און איך בין עס טאַקע נישט. וואָס עס פאַרדריסט מיך, איז גאָר עפּעס אַנדערש: די סטאַנדאַריזאַציע. איך קען נישט פאַרטראָגן קיין יוונים וואָס האָבן אַלע איין פּנים; דעפּאַרטאַמענט־סטאָר־פאַרקויפערינס וואָס האָבן אויפן גאַנצן קאָנ־טינענט איין און דעם זעלבן שמייכל; מענער און פרויען וואָס טראָגן אַלע איין נוסח קליידער. עס קען זיין, אַז ווען מען לאָזט מיך, וואָלט איך גאָר געקומען אויף אַן עפנטלעכן יום־טוב אין אַ רוימישער טאָגע אָדער אין אַן אינדוסטאַנ־שן פיל־קאָלירטן כאַלאַט. פאַרוואָס גראָד אין אַ טאָקסידאָ? אפשר פּאַסט זי מיר גאָרנישט? אפשר איז זי גאָר דער היפּוך פון מיין עסטעטישן שורש־נשמה? פאַרוואָס דאַרף איך טראָגן בגדים פון אַ ריעל־עסטייט־בראָוקער, ווען מיר איז לייכטער און נאַטירלעכער זיך צו „אידענטיפיצירן״ מיט... אַ וואַנדערנדיקן מוזיקאַנט? פאַרוואָס האָבן עס גוטע עטלעכע הונדערט פרויען געדאַרפט דער־שיינען אין איין אָוונט אין דעקאָלטירטע „איווינג־גאַונס״, ווען איך ווייס בפי־רוש אַז ביי אייניקע פון זיי וואָלטן די פּלייצעס און די הענט געווען אַ סך שע־נער ווען זיי וואָלטן געווען צוגעדעקט מיט שטאָף? אַ פּאָר פרויען האָב איך דאָרט געטראָפן, וואָס וואָלטן געקראָגן זייער תיקון, ווען זיי טוען זיך אָן אין שוואַרצע, אַלץ פאַרדעקנדיקע נאָנען־קליידער, כאָטש גראָד זיי זענען געווען שלאַנק, גוט „אויסגעפורעמט״ פון דער נאַטור, פּראָפּאָרציאָנעל (אויגן און אויס־דריק פון פּנים האָבן דאָך אויך עפּעס צו טאָן מיט טואַלעט). „ווען איך בין קיסר״ וואָלט איך דערפאַר אַרויסגעגעבן אַן אַנדער באַפעל: נישט קיין טאָקסי־

דאָס, נישט קיין „איווינינג גאַונס", נאָר — יעדער און יעדע לויט מיטלען, גע־וווינהייטן, באַקוועמלעכקייט און פּערזענלעכן געשמאַק. יום־טוב זאָל זיין יום־טוב — אָבער אָן רעגימענטאַציע, אָן אַ מוז אויסצופּאַלגן וואָס אַ שאַכער־מאַ־כער־קליפּה פון אַ פּאַריזער סאַלאָן האָט געהייסן, אָדער נאָכצוקומען דעם דיק־טאַט פון אַ לאָנדאָנער שניידער, וואָס באַרימט זיך, אַז ער נייט פאַרן פּרינץ־אָוו־וועילס. אָבער ווען איך וואָלט דאָס געקענט אויספירן, וואָלט איך אויסגעפירט נאָך אַ סך זאַכן: אַז לעידי אַסטאָר און מיין איטאַליענישע גראָסערי־פרוי פון מעקדוגאַל־סטריט זאָלן זיך נישט פאַרבן די נעגל און יונגע מיידלעך זאָלן זיך נישט אויסצופן די ברעמען, טראָצדעם וואָס ביי אייניקע פון זיי זענען גראָד די געדיכטע, שפּעדיקע ברעמען אַ סימן פון „שטילער וואַסער וואָס גראָבט טיף", פון עכטן טעמפּעראַמענט און — מעג מען דאָס זאָגן? — פון „גוטער ראַסע".

***

אָבער נישט דאָס בין איך אויסן. איך ווייס, אַז מיר וועט נישט געלינגען צו רעפאָרמירן דעם ענין הלבשה און די צענדליקער אַספּעקטן פון „מאַכן אויס־זען". איך ווייס, אַז יאָרנלאַנג וועט מען זיך נאָך פאַרבן די האָר (פון אַ שענערן קאָליר אויף אַ מיאוסערן); אַז יידישע אַקטריסעס וועלן זיך נאָך אַלץ אָפּע־רירן די נעזער און אם ירצה השם, איבער אַ יאָר זומער, וועל איך ווייטער זוכה זיין צו זען אין „שאָרטס" פרויען וואָס האָבן מער ווי איין סיבה נישט צו דעמאָנסטרירן זייערע נאַקעטע פיס. איך ווייס, אַז דאָס יאָר וועל איך מסתמא ווידער קריגן אַן איינלאַדונג פון אַ ראַבאַי צום ערשטן סדר און — ווי ס'האָט מיט מיר איינמאָל פּאַסירט אין דער מיטל־וועסט — דעם ראַבאַיס פרוי וועט צושרייבן צום בריוו איין וואָרט: „פאָרמעל" (קיין „אורח" פון דער גאַס אָדער פון דער שול וועט מען צו יענעם ראַבאַיס פסחדיקן טיש נישט צולאָזן). אַז מ'וויל, קען איך גאָר צו יענער „ראַבאַיטע" קיין טענות נישט האָבן: שטאָט איז שטאָט! און מי לנו גדול ווי דער פּויפּסט אין רוים? האָט ער אויך נישט אויפ־גענומען גאַנדין, ווייל יענער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דערשיינען אין יענעם „פול־דרעס", וואָס דער וואַטיקאַנישער עטיקעט האַלט פאַר אָנשטענדיק (כאָטש דער ענגלישער קעניג האָט דעם אינדישן פירער יאָ אויפגענומען אין זיינע עקזאָטיש־„בעטלערישע" בגדים...).

וואָס מיך אַרט אין צוזאַמענהאַנג מיטן בלום־אָוונט איז גאָר עפּעס אַנ־דערש: די טאַקסידאָ אַלס סימבאָל, אַלס אַ באַצייכענונג פון אַ ריכטונג אין גע־זעלשאַפטלעכער אַרבעט. איך האָב מורא אַז דער טאַקסידאָ־טרעגער ווערט אונדזער הויפּט־אַדרעסאַט, אַז עס ווערט אָפּגעשוואַכט (אָדער נישט גענוג פאַר־שטאַרקט) דער מאַסנהאַפטער, פאָלקסטימלעכער, „אַרבעטאָרישער" אָדער עמך־

דיקער כאַראַקטער פון אונדזער באַוועגונג. אויף דעם בלום־אָוונט האָב איך געזען צופיל פאַבריקאַנטן, סוחרים, פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ וואָס קלעפּט צום בעל־דעה וואָס שטיצט זיך אויף דער מאה — כמעט ווי אויף אַ באַנקעט וואָס קאָמוניסטן פלוס באַנקירן מאַכן פון צייט צו צייט דעם סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר. איז ווייטער אַמאָל אַ רעזערוואַציע: איך בין קיינמאָל נישט געווען אַזוי פּראָלעטאַריש־פרום, אַז איך זאָל זיך נישט וועלן באַגעגענען מיטן „קלאַסן־שונא״ אָדער איך זאָל נישט מסוגל זיין צו פאַרברענגען מיט אים אַן אָוונט „ווי מיט מיין גלייכן״. עס איז נישטאָ יענער ציוניסטישער פאָנד, פאַר וועלכן איך זאָל נישט זיין גרייט צו נעמען געלט פון „בורזשואַזע עלעמענטן״ און זאָל דערביי נישט האָבן קיין ברעקל חרטה. אויב אַ בורזשוי וויל געבן געלט פאַר קריגן ייִדישן און דערצו נאָך נאַציאָנאַליזירטן באָדן אין ארץ־ישראל — אַ ברכה אויף זיין קאָפּ! מאָרגן, אויב מען וועט דאַרפן און אויף אַן אַנדער שטח, בין איך גרייט אים צו באַקעמפן; אָבער היינט בין איך אים אויפריכטיק דאַנקבאַר און איך באַטראַכט אים אַלס מיינעם אַ גלייכבאַרעכטיקטן שותף אין אַ גרויסער זאַך. אָבער דער בלום־פּראָיעקט איז אַ באַזונדערע פרשה אין אונדזער אַרבעט. דורך דעם פּראָיעקט האָט געזאָלט קומען צום אויסדרוק אַ פאָלקסטימלעכער, אויב איר ווילט, אַ ייִדיש־פּראָלעטאַרישער סענטימענט — אויפבויען אַ קאָלאָניע אויף סאָציאַליזירטן באָדן אין נאָמען פון אַ גרויסן ייִדישן סאָציאַליסט. דאָס האָט געזאָלט זיין דער ביישטייער פון ייִדישן אַרבעטער און פון סאָציאַליסטיש־געשטימטע ייִדן און נישט־ייִדן, וואָס האָבן אַ ספּעציעלע באַציִונג צו דער סאָציאַל־פּאָליטישער דערשיינונג וואָס הייסט לעאָן בלום. די פאָר צענדליק טויזנט פונט וואָס מ׳דאַרף האָבן, כדי דורכצופירן דעם פּראָיעקט, האָבן געדאַרפט אָנגעזאַמלט ווערן פון שווער־פאַרהאָרעוועטע דאַימס און קוואָדערס, נישט פון קיין פינף־און־צוואַנציקערס. אויף נעמען געלט ביים רייכערן עולם פאַר דער אויסברייטערונג פון ייִדישן באָדן־באַזיץ זענען פאַראַן אַנדערע קאַנאַלן. די אַקציע פאַר דער בלום־קאָלאָניע וואָלט געדאַרפט דורכגעפירט ווערן פונעם אָנהייב ביזן סוף אויף אַן אַנדערן, נישט אויף אַ טאָקסידאָ־נוסח.

***

עס קען קלינגען, ווי איך באַשולדיק דאָ עמיצן ספּעציעל. ווייס איך נישט, צי עמיצער איז נאָך אַזוי דאַנקבאַר ווי איך דעם זייער קליינעם קרייז טוער וואָס האָבן אַריינגעלייגט אַזויפיל מי, זאָרג און מסירת־נפש אין דער אונטערנעמונג. זענען מיר דען נישט דאַנקבאַר דעם פראַנצויזישן אַמבאַסאַדאָר? איך ווייס ווי שווער ס׳איז אים געווען צו פאַרברענגען מיט אונדז יענעם אָוונט אין ניו־יאָרק. ער האָט אפשר אין יענעם טאָג געשטעלט זיין לאָיאַליטעט צו אונדז

העכער פון אַמטלעכע לאָיאַליטעטן. און זענען מיר דען נישט דאַנקבאַר פרוי רוזוועלט, הגם, זי האָט נישט באַרירט מיט קיין איין וואָרט דעם ענין יידנטום און ארץ־ישראל? איר עצם אָנוועזנהייט איז געווען אַ גרויסע פּאָליטישע דע־מאָנסטראַציע און אַ דערמוטיקונג. אָבער — דער פאַרטרעטער פון דער פראַנ־צויזישער רעגירונג, די ערשטע לעידי פון אַמעריקע, דער קאָנסערוואַטיווער פּאָליטיקער עמערי, לעידי רעדינג, וועלכע האָט דעם עולם אַזוי גערירט מיט איר רעדע פון לאָנדאָן — זיי אַלע האָבן נישט קיין ספּעציעלע באַציִונג און קיין באַזונדערע דאַנקבאַרקייט־געפילן צו לעאָן בלום דעם סאָציאַליסט. זיי זע־נען מאָראַליש גאָרנישט מחויב געווען אונדז צו העלפן שטעלן אַ מאָנומענט ביים לעבן דעם קעמפער פאַר אַ נייער וועלט. זיי זענען געקומען צו אונדז, ווייל מיר האָבן זיי גערופן און ווייל זיי האָבן אפשר געהאַט דעם געפיל, אַז אָן זיי קענען מיר די זאַך נישט דורכפירן. מיר זענען זיי דערפאַר שולדיק נאָך אַ גרעסערן דאַנק, ווי ווען זיי וואָלטן געקומען צו אַ געוויינלעכער, אַלגעמיינער, ציוניסטישער אונטערנעמונג. מיר זענען פון טיפן האַרץ דאַנקבאַר אַלע יענע נישט־פּראָלעטאַריער, וואָס זענען געקומען צום אָוונט און געמאַכט זייערע ביי־טראָגן.

אָבער — פאַרוואָס האָבן מיר אונדזער אויפגאַבע נישט געקענט דורכ־פירן פון אָנהייב ביזן סוף אַליין? פאַרוואָס האָבן מיר נישט רעזערווירט די מעג־לעכקייט „אויסצונוצן” יענע גרויסע און נישט־סאָציאַליסטישע נעמען פאַר אַנ־דערע געלעגנהייטן פון אַ גרעסערן מאַסשטאַב ווי דער פּראָיעקט פון איין קאָ־לאָניע? פאַרוואָס איז אונדז נישט געלונגען צו אַנטוויקלען אַ סאָציאַליסטישע עמך־אַקציע — טאָקע מיט דער שטיצע פון אַ וויליאַם גרין מיט זיין געזונטער, אַלטפרענקישער דעמאָקראַטישקייט און אויפריכטיקע סימפּאַטיעס פאַר אונ־דזער זאַך — אָבער אָן יענע עלעמענטן וואָס זענען לעאָן בלומען גאָרנישט נישט שולדיק?

.1938

חוש פאַר הומאָר

ווי גרויס איז דער פּראָצענט מענטשן, וואָס פאַרמאָגן אַ חוש פאַר הומאָר? דאָס קען מען נאַטירלעך נישט וויסן. און וואָלט זיך עמיצער אונטערגענומען צו מאַכן אַזאַ סטאַטיסטישע פאָרשונג, וואָלט מען אים אַליין געדאַרפט אַריינשטעלן אין אַלבאָם פון הומאָריסטישע פיגורן. עס איז אָבער קלאָר, אַז אומעטום זענען פאַראַן גרויסע צאָלן שווערע, לאַנגווייליקע, הומאָרלאָזע מענטשן.

דער הומאָרלאָזער טיפּ איז גאָר אַן אָפטע דערשיינונג, ספּעציעל אין אַמעריקע. דאָס האָבן מיר די טעג געהערט אויפן נאַציאָנאַל־ראַט פון די ענגליש־לערער, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין באָפאַלאָ אויף זייער יערלעכער סעסיע. מיס נאַש, אַ באָסטאָנער פּעדאַגאָגין, האָט זיך דאָרט שטאַרק געקלאָגט אויף דער אַמעריקאַנער שולע, וואָס זאָרגט נישט גענוג צו אַנטוויקלען דאָס הומאָריסטישע געפיל. עס וואַקסן דאָרט, זאָגט זי, טויזנטער קינדער, וואָס וועלן אַדורכגיין זייער לעבן אַבסאָלוט טאַלענטלאָז אויף דעם געביט. זיי וועלן בלייבן אָן פאַרשטענדעניש פאַר הומאָריסטישע סיטואַציעס און במילא אָן פעיִקייטן תופס צו זיין כאַראַקטערן. מיס נאַש ווייסט פון דערפאַרונג, אַז „העכערע אינטעליגענץ און אַ לעבהאַפטער חוש פאַר הומאָר גייען געוויינלעך צוזאַמען", אין פאַר סאָציאַלער דערציִונג, מיינט זי, „איז דער געפיל פאַרן לעכערלעכן אַ סך וויכטיקער פון גראַמאַטיק".

עס איז נישטאָ קלאָר פונעם רעפּאָרט, וואָס מיס נאַש פאַרשטייט אונטערן וואָרט „הומאָר". נאָך וויניקער איז קלאָר, וואָס פאַר אַ מעטאָדע זי האָט אָנצוּווענדן ביים לערנען שפּראַך און ליטעראַטור, כדי צו אַנטוויקלען אין קינדער אַ ראַפינירטן חוש פאַר קאָמיזם. אָבער בדרך כלל, גלייב איך, אַז זי איז גערעכט. די וועלט וואָלט אויסגעזען „אַ שיין ביסל שענער", ווען אַ גרעסערע צאָל מענטשן וואָלטן געווען מסוגל פון צייט צו צייט אַ קוק צו טאָן אויפן לעבן, פאַר אַלעמען אויף זייער אייגן לעבן, דורך אַ הומאָריסטישן שפּאַקטיוו.

איך בענק נישט נאָך סתם ווערטל־זאָגער און קאַטאָוועס־טרייבער. זיי זענען אָפטמאָל די לאַנגווייליקסטע, די סאַמע נודנע מענטשן אין דער געזעלשאַפט. דער אַמעריקאַנער „סמאַרט אַלעק" (בעסאַראַבער יִידן פלעגן, געדענק איך, נוצן פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם טיפּ אַן אומגעלומפּערטן וואָרט — „אַ חכמ'אַטש") איז טרוקן ווי אַ ביין, אָפטמאָל רשעותדיק. ער איז אין תוך נישט קיין הומאָריסט, נאָר דאָס, וואָס דייטשן רופן „אַ בעסער־וויסער": זאָג

מיר וואָס דו ווייסט, וועל איך דיר באַווייזן, אַז איך ווייס עס אַ סך בעסער. בענקען בענקט זיך נאָך יענעם „ווערטל־זאָגער”, וואָס זיין הויפּט־מידה איז באַשיידנקייט, וואָס אין אַ געוויסן זין איז ער גאָר אַן „ערגער־ווייסער”, ווייל ער גיט זיך אָפּ גענוג חשבון ווי רעלאַטיוו זיין פאַרשטאַנד איז, ווי רעלאַטיוו עס איז אונדזער אַלעמענס פאַרשטאַנד. נאָר אַזאַ „קאַטאָוועס־טרייבער” קען זיין אַן עכטער הומאָריסט און נאָר ביי אַזעלכן איז הומאָר פאַרבונדן מיט טאָלע־ראַנץ און מיטלייד.

איך האָב בטבע מורא פאַר צו־„ערנסטע” מענטשן, פאַר אַזעלכע וואָס זע־נען שטענדיק „אויסגעהאַלטן” און שטרענג; אַן אינטעלעקטועלן קאַפּריז און אַן קינסטלערישער שפּילעוודיקייט. זיי נעמען זיך צו־ערנסט און אין אַ באַשטימ־טער סיטואַציע קענען זיי ווערן געפערלעך פאַר זייערע מיט־מענטשן. זיי וואַרפן אָפּטמאָל אַן די זעלבע אימה וואָס אַסקעטן. דער אַסקעט נעמט זיך אויך אומגעהויער ערנסט. אַ קליינקייט? ער קעמפט מיטן שטן! דער מקור פון זיינע הנאות איז — מאַזאָכיזם, און ווער ס׳איז היינט אַ מאַזאָכיסט קען מאָרגן ווערן אַ סאַדיסט (אָמאָל אויך פאַרקערט). די וועלט־געשיכטע איז פול מיט ליידן, וואָס אַסקעטן און מאַזאָכיסטן האָבן אויף איר געבראַכט — און אויפן כדור־הארץ וואָלט נישט פאַרגאָסן געוואָרן אַזויפיל טייכן בלוט, ווען עס וואָלט אויף אים נישט באַלעבאַטעוועט אַזויפיל „ערנסטע” און „אויסגעהאַלטענע”; אַזוי־פיל הומאָרלאָזע, אַסקעטיש־„פּרינציפּיעלע” מענטשן.

אָבער, צוריק קומענדיק צום חוש פאַר הומאָר: ווי אַזוי ברענגט מען אים אַרויס? קען ער ווערן אַ טייל פונעם שול־לימוד, ווי מיס נאַש וואָלט עס וועלן האָבן? הומאָר אַלס אַ לימוד, האָב איך מורא, איז אַליין אַ הומאָרעסקע.

כ׳דערמאָן זיך אַן שלום־עליכמען. אַ יונגערמאַן, דערציילט מען, איז אַמאָל געקומען צו אים מיט אַ בקשה, ער זאָל אים „אויסלערנען” ווי צו זיין אַ הומאָ־ריסטישער שרייבער. האָט שלום־עליכם לאַנג נישט געטראַכט און אים געגעבן אַן עצה: דו שרייב ערנסט, אַזוי טיף ערנסט ווי דו קענסט נאָר. זיי זיכער, מ׳וועט שוין לאַכן... איי וועט מען לאַכן... מ׳וועט זיך האַלטן פאַר די זייטן...

1938.

דער אונטערגאַנג פון סעקטן-קאָמוניזם

איך האָב שוין לאַנג נישט געהערט פון די דוכאָבאָרן. זינט מיין לעצ־טער רייזע איבער מערב־קאַנאַדע האָב איך שוין נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו קומען אין דירעקטער באַרירונג מיט די מיטגלידער פון דער דאָזיקער מערק־ווירדיקער פויעריש־עוואַנגעליש־קאָמוניסטישער סעקטע. פאַר־צוויי־יאָרן זע־נען צו מיר דערגאַנגען קלאַנגען וועגן אינעווייניקסטע מחלוקתן; וועגן דער גרייטקייט פון אַ טייל פון דער יוגנט זיך אָפּצוזאָגן מיט זייערע קאָמונעס, ווערן „מיט לייטן גלייך" און זיך אַסימילירן מיט דער זינדיקער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. צוריק מיט עטלעכע חדשים האָב איך זיך דערוווּסט וועגן טויט פון זייער הויפּט־מנהיג און וועגן אַ געפּיל פון פאַרלוירנקייט און הילפלאָזיקייט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די דוכאָבאָרישע דערפער, אין סאַסקאַטשעוואַן און אין בריטיש־קאָלומביע. זיי זענען געבליבן „כצאן בלא רועה", אָן דער שטאַרקער האַנט, וואָס האָט איבער זיי באַלעבאַטעוועט די לעצטע יאָרן. איצט ליגן אויף מיין טיש דירעקטע גרוסן: אַן אַרטיקל פון אַן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט, ערני פּאַיל, וועלכער האָט לעצטנס געמאַכט זיינס אַ פּריוואַטע אויספאָרשונג פון דער לאַגע, און אַ בריוו פון אַן אינטעליגענטערן דוכאָבאָר, מיט וועמען איך האָב זיך צוריק מיט יאָרן באַפריינדעט.

ביידע גרוסן זענען טרויעריקע. אַרום אַכט אָדער ניין טויזנט דוכאָבאָרן זענען שוין, אויב איך מעג זיך אַזוי אויסדריקן געוואָרן „משומדים": זיי האָבן זיך אָפּגעטיילט פון די קאָמונעס, געוואָרן פאַרמערס פאַר זיך, מיט אייגענעם באָדן, אייגענע הייזער, פי און אינסטרומענטן, און — וואָס ס'איז פון דוכאָבאָ־רישן שטאַנדפּונקט נאָך אַ גרעסערע חטא — מיט אייגענע קיכן און אייגענע טעפּלעך. די אַזוי־גערופענע „יעדיליטשניקעס" (אינדיווידועלע פאַרמערס און פּריוואַט־אייגנטימער) זענען שוין היינט קרוב צו אַ העלפט פון זייער באַפעל־קערונג. וואָס וועט זיין מיט דער אַנדערער העלפט? ערני פּאַיל מיינט, אַז ביס־לעכוויין וועלן זיי אויך אָראָפּוואַרפן פון זיך די ברכות און די חומרות פון זייער קאָמוניסטישן רעזשים. נישטאָ מער יענער רעליגיעזער ברען, יענע פאַרעקשנ־טע פרומקייט, מיט וועלכער די „קריסטלעכע געמיינדע פון אַלוועלטלעכער ברודערשאַפט" (דער אָפיציעלער נאָמען, אונטער וועלכן די דוכאָבאָרן האָבן געלעבט אין קאַנאַדע) האָט זיך אַזוי פיל יאָרן אויסגעצייכנט. די וואָס זענען די לעצטע יאָרן איבערגעגאַנגען אויף פּריוואַט־אייגנטום און אינדיווידועלער

ווירטשאַפט האָבן נאָך דערצו באַוויזן, ווי מען רעדט צווישן זיי, דעם מזל־ברכה פֿון עקאָנאָמישן עגאָיזם: זייערע פֿאַרמס און הייזער זענען אין אַ בעסערן צו־שטאַנד, זייער הכנסה איז אַ העכערע איידער אין דער קאָמונע. זענען זיי אַנ־דערע מקנא, הייבן זיי אויך אָן צו טראַכטן וועגן „אָפּטיילונג" און „אויסטיי־לונג". דאָס ווערט טיילוויז באַשטעטיקט פֿון מיין דוכאָבארישן קאָרעספּאָנ־דענט, כאָטש ער זעט די הויפּט־צרה אין עפּעס אַנדערש: „מיר וועלן אפשר אונטערגיין אין קורצע עטלעכע יאָר, בלויז דערפֿאַר וואָס מיר האָבן נישט קיין גייסטיקן מנהיג". „ווי", פֿרעגט ער, „נעמט מען אים? צווישן אונדז איז אַזעל־כער נישט פֿאַראַן". אַ גרויסער סאָציאַלער עקספּערימענט אָדער, ריכטיקער געזאָגט, אַן איינגעפֿונדעוועט און איינטים ווינקל פֿון רעליגיעזן קאָמוניזם גייט צו גרונט, דערנענטערט זיך צו זיין באַנקראָט...

**
*

איינע נאָך דער אַנדערער גייען אונטער אויפֿן אַמעריקאַנער קאָנטינענט די לעבעדיקע פֿאַרקערפּערונגען פֿון עטיש־קאָמוניסטישן אידעאַליזם. דער בית־עולם פֿון געפּלאַצטע עקספּערימענטן איז אַ סך גרעסער, ווי מען שטעלט זיך געוויינלעך פֿאָר. פֿון די פֿוריע־אָוען־פּלענער איז שוין לאַנג נישט געבליבן קיין שפּור; די „ברוק־קאָלאָניע" אין ניי־ענגלאַנד איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטיק לעגענדע. צוריק מיט אַ יאָר זיבן איז מיר אויסגעקומען צו זיין, אַזוי צו זאָגן, אויף דער לויה פֿון אַן אַנדער עקספּערימענט, אויף די ברייטע קאָרנ־פֿעלד־סטעפּעס פֿון אייאָוואַ. נאָך אַן עקזיסטענץ פֿון העכער אַכציק יאָר האָט זיך ליקווידירט די זיבן־דערפֿער־קאָמונע פֿון „אַמאַנאַ" (דער נאָמען איז אייגנט־לעך אַ העברעיִשער — „אמנה" — אַן אָפּמאַך, אַ בונד). אין דער צווייטער העלפֿט פֿונעם פֿריִערדיקן יאָרהונדערט איז אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק פֿון דייטשלאַנד אַ גרופּע פֿאַרפֿאָלגטע סעקטאַנטן, כדי אויפֿצובויען פֿאַר זיך אויף אַ נייעם קאָנטינענט אַ ניי לעבן, לויט זייער אייגענעם נוסח און לויט זייערע רעליגיעזע איבערצייגונגען. משונהדיקע מענטשן זענען זיי געווען, די עם־האַרצישע מיטגלידער פֿון יענער „געמיינדע דער וואַהרען אינספּיראַציאָן". זיי האָבן זיך איינגערעדט, אַז דער קוואַל פֿון רוח־הקודש איז נישט פֿאַרחתמעט געוואָרן נאָך קריסטוסן און די אַפּאָסטאָלן, און אַז אין יעדן דור קען יעדער מענטשן קריגן „אינספּיראַציע פֿון אויבן", אָן דער פֿאַרמיטלונג פֿון די צדיקי הדור, אויף זיין אייגענעם חשבון און דורך קאַנאַלן וואָס ער אַליין קען אַנט־דעקן. און נאָך אַ געפֿערלעכע זאַך האָבן זיי זיך איינגערעדט: אַז פּריוואַט־אייגנטום קומט פֿון טייוול און אַז גאָטס געבאָט איז — חברותאַ, געמיינדע־ווירטשאַפֿט, קאָמונע. האָט מען זיי געשמיסן פֿאַר אַזאַ אַפּיקורסות אין דייטש־

לאַנד, האָבן זיי נאָכדעם געהאַט אויסצושטיין נגישות און רדיפות אויף זייערע מאַרטירערישע וואַנדערונגען פון ניו־יאָרק קיין מיזורי און פון מיזורי קיין איאָווע. סוף־כל־סוף האָבן זיי אין איאָווע געפונען זייער מקום־מנוחה און אויסגעבויט דאָרט זיבן ציכטיקע און זאַטע דערפער, אַ קאָמוניסטישע לאַנדווירטשאַפט און אַ קאָמוניסטישע הויז־אינדוסטריע. כמעט דריי דורות האָבן זיך די דייטשע רוח־הקודשניקעס געהאַלטן ביי זייערן, געלעבט אויף זייער סאָציאַליסטישן אינדזל, אַרומגערינגלט מיטן ריזן־ים פון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם און שטאָלצירט מיט זייער פּיצינקער טעאָקראַטישער מלוכה: רעליגיע און ווירטשאַפט, קירכע און „שטאַט" זענען ביי זיי געווען אַזוי ענג און אָרגאַניש צוזאַמענגעקניפּט און אַריינגעוועבט איינס אינעם אַנדערן, אַז קיינער האָט ביי זיי נישט געוווּסט, ווו עס ענדיקט זיך דאָס ערשטע און ווו עס הייבט זיך אָן דאָס צווייטע. אָבער אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלן אָנצוקומען קיין אַמאַנאַ גראָד אין יענע טעג, ווען אַלע אין דאָרף זענען געווען פאַרטאָן אין אַ פּיבערהאַפטער און אין דערזעלבער צייט פּאַטעטישער אַרבעט: צובויען צו זייערע זיבערע שטיבלעך קיכן, אַ באַזונדער קיך פאַר יעדער פאַמיליע. די קאָמונע האָט זיך געהאַלטן דעמאָלט אין ליקווידירן, מ'האָט אויסגעאַרבעט נייע תקנות וועגן איבערגאַנג (דערוויילן) צו קאָאָפּעראַטיווער ווירטשאַפט. רעדנדיק אויף ארץ־ישראל־לשון: אויפגעגעבן די קבוצה און איבערגעגאַנגען צו דעם מער־אינדיווידואַליסטישן מוסטער פון אַ מושב עובדים. אויס קאָמונאַלע קיך און קאָמונאַלע עס־צימערן! זאָל זיך יעדע פאַמיליע לעבן באַזונדער, ווער אויף אַ גרעסערער און ווער אויף אַ קלענערער הכנסה, ווי זיין דאָליע וועט זיין: איינער זאַטער, דער אַנדערער הונגעריקער.

איך דערמאָן זיך איצט אָן די שעמעוודיקע פּנימער פון די דאָזיקע דייטשע עקס־קאָמונאַרן. זיי איז געווען פיינלעך צוצוזען, ווי אַ זייטיקער און אַ פרעמדער קוקט זיך־צו צו זייער חורבן. אויף זייער הילפלאָזן ענגליש און אויף זייער אָפּגעצערטן און איינגעשרומפּענעם דייטש זענען זיי בכלל נישט געווען בכוח צו געבן קלאָרע תשובות אויף מיינע אַביסל צו קאָמפּליצירטע שאלות און זיי האָבן מיר אָפּגעשיקט צום קאָמונאַלן דאָקטאָר, וועמען זיי האָבן אַלע באַטראַכט אַלס זייער לערער און מנהיג. דער גוטמוטיקער ד"ר נאָאַ, געדענק איך, האָט פאַרענדיקט דעם לאַנגן שמועס, וואָס האָט זיך צווישן אונדז פאַרקניפּט, מיט אַ מעלאַנכאָלישער דערקלערונג:

— וואָס ס'קומט ביי אונדז איצטער פאָר, איז גאַנץ נאַטירלעך. קאָמוניזם איז קעגן דער זינדיקער נאַטור פונעם מענטשן. מיט אייגענע כוחות קען מען דעם אינדיווידואַליסטישן יצר־הרע נישט אויסראָטן. אין אַ קאָמונע קענען מענטשן בלויז אַריינגעצוווּנגען ווערן. און ווער קען עס צווינגען? אָדער דער

רבונו־של־עולם אָדער, אַנטשולדיקט טויזנט מאָל פאַרן פאַרגלייך, אַ סטאַלין. קיין סטאַלין האָבן מיר נישט און הלוואי זאָלן מיר אים קיינמאָל נישט האָבן. נו, און גאָט? גאָט איז „געשטאָרבן". ער לעבט מער נישט אין די הערצער פון יינגן דור. מיטן כוח פונעם איבערשטן האָט זיך אונדזער קאָמונע געהאַלטן כמעט דריי דורות, אָבער די הערצער זענען אויסגעלאָשן, קיין אמתע אמונה איז מער נישטאָ... דער קינעמאַטאָגראַף פון די אַרומיקע שטעטלעך האָט אָפּ־געטעמפּט דעם חוש פאַר אינספּיראַציע; און אָן אינספּיראַציע און גלויבן איז מער נישטאָ יענער צוואַנג, וואָס האָט אונדז געהאַלטן אין דער קאָמונע. די גראַמאָפאָנען שפּילן שוין ביי אונדז דזשעז. זונטיק נעמט מען אַ גלעזל משקה. אין אונדזער קראָם פאַרקויפט מען שוין ביליקע און וואולגאַרע „לוקסיסן". און — איר האָט דאָך מסתמא געהערט? — אונדזער יוגנט וויל שוין קיין דייטש נישט רעדן. דאָס ענגליש־רעדן איז געוועזן ביי אונדז דער ערשטער אָנזאָג, אַז דער סוף איז נאָענט. ווער עס האָט פאַרלוירן דעם גלויבן אין גאָט פון אינספּי־ראַציע, האָט אָנגעהויבן רעדן ענגליש. נאָך אַ צענדליק יאָר — און פון אונדזער טראַדיציע וועט נישט בלייבן קיין שפּור... איך האָב געהערט, אַז ביי אייך, אין ארץ־ישראל בלייען די קאָמונעס און זייער צאָל ווערט גרעסער פון יאָר צו יאָר. פאַר מיר איז עס אַ גרויסער חידוש. וואָס איז דאָרט זייער כוח? קיין לענין און קיין סטאַלין האָט איר נישט, און וואָס ס'איז שייך גאָט — נו, איר ווייסט דאָך אַליין — זענען דען מאָדערנע יידן נישט די גרעסטע אַטעיסטן?... ווען איך וואָלט געווען יינגער, וואָלט איך פאַרלאָזט דעם פּלאַץ און זיך באַזעצט אין קאַנאַדע, מיט די דוכאָבאָרן. דאָרט, זאָגט מען, איז נאָך פאַראַן דער אַמאָליקער גייסט, האָט זיך נאָך נישט אויסגעוועפּט די אמונה. אָבער ס'איז צו־שפּעט. אויך קיין שפּראַך האָב איך נישט פאַר זיי. גיי לערן זיך אויף דער עלטער רוסיש..."

**
*

איאָוואַ איז ווייט פון מערב־קאַנאַדע און דער אַלטער דאָקטער פון אַמאַנאַ האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַן איבערגעטריבענער פאַרשטעלונג וועגן די דו־כאָבאָרן. אָבער מיט אַ פּאָר חדשים פריער איז מיר גראָד אויסגעקומען צו פאַרברענגען מיט זיי עטלעכע טעג אין דעם סאַסקאַטשעוואַנער צענטער פון זייערע קאָלאָניעס, וואָס רינגלען אַרום ווי אַ גרינער גאַרטל די באַן־סטאַנציע און דאָס שטעטעלע ווערגין, און איך האָב שוין דעמאָלט געזען בולטע סימנים פון דראָענדיקן אונטערגאַנג. דער אַלטער קאָזאַקאָוו, זייער געשעפטס־פאַרוואַל־טער, וועלכער האָט זיך צוריק מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט קונה־שם געווען מיט זיין מאַרטירערישן הערויזם אין דער סיבירער קאַטאָרגע, האָט מיך אויפגענו־מען ווי אַן אייגענעם און מיט מיר אַרומגעפאָרן איבערן גאַנצן שטח פון די

דוכאָבאָרישע ישובים. איך האָב באַוווּנדערט זייער קרעפּטיקן און זאַפּטיקן רוסיש, וואָס זיי איז געלונגען אָפּצוהיטן אין די אומגעפער פערציק יאָר וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט אין אַן ענגליש־רעדנדיקער געגנט. קיין נייגונג אַרויסצוגיין פון דער קאָמונע האָב איך ביי זיי דערנסטמאָל נישט באַמערקט (אמת, קאָזאַקאָווס זון גופא האָט שוין אין יענער צייט געלעבט אויף אַ פּריוואַטער פאַרם, אָבער אַלע האָבן זיך צו אים באַצויגן ווי פרומע ייִדן צו אַ משומד, און דער פאָטער האָט זיך געהיט צו דערמאָנען זיין נאָמען). זיי האָבן זיך נאָר געקלאָגט אויף זייער שווערער מאַטעריעלער לאַגע, אויף חובות מיט וועלכע זייער ווירטשאַפט איז באַלאָדן, אויף די צו־הויכע שטייערן וואָס די קאַנאַדער רעגירונג מאָנט פון זיי. זיי האָבן דערביי אויסגעדריקט זייער פאַרוווּנדערונג, וואָס גראָד די פון זיי, וואָס האָבן זיך „אויסגעטיילט" פון דער געמיינדע און געוואָרן באַלעבאַטים פאַר זיך, לעבט זיך בעסער און לייכטער.* ווען איך האָב פּרובירט, געדענק איך, אויסצוגעפינען פאַרוואָס קאָמוניסטישע ווירטשאַפט ברענגט ביי זיי אַריין אַ קלענערע הכנסה פון דער אינדיווידועלער, האָב איך קיין טאָלק נישט געקאָנט דערגיין. קיין חשבון האָבן זיי נישט געוווּסט און אַפילו קאָזאַקאָוו, דער געשעפטס־פאַרוואַלטער פון די עטלעכע טויזנט דוכאָבאָרן וואָס לעבן אין סאַסקאַטשעוואַן, האָט נישט געהאַט קיין קלאָרע פאַרשטעלונג וועגן דעם, וויפל און וועמען זיי זענען שולדיק, און ווי הויך עס זענען די שטייערן וואָס זיי צאָלן דער רעגירונג. אין איין „גייסטיקער פאַמיליע" האָט מיר אַן עלטערע פרוי דערציילט, אַז אַ חוץ די שטייערן וואָס זיי צאָלן אין קאַנאַדע, מוזן זיי נאָך יעדעס יאָר אָוועקשיקן אַ גרויסע סומע אַלס ספּעציעלן „נאַלאָג" פאַרן ענגלישן קיסר. זי האָט מיר בשום אופן נישט געוואָלט גלייבן, אַז דער „ענגלישער קיסר" האָט נישט קיין שום רעכט צו פאָדערן שטייערן אין קאַנאַדע: וואָס הייסט? זי האָט דאָך דאָס איינמאָל געהערט „פון פּיאָטרס מויל"...

אָבער „פּיאָטרס מויל" (און נישט זעלטן „פּיאָטרס האַנט") איז די לעצטע יאָרן, ווי איך האָב נאָכדעם אויסגעפונען, געווען די תוכחה פון דעם דוכאָבאָרישן קיבוץ. יאָרנלאַנג האָבן זיי געלעבט אונטער דער פירערשאַפט פון פּיאָטר ווערעגין — אַ מיליטאַנטער דוכאָבאָר וואָס איז נאָך זעכצן יאָר פאַרשיקונג אין סיביר אָוועקגעפאָרן קיין קאַנאַדע מיט לעוו טאָלסטאָיס ברכה, העלפן זיין גע־

* געוויינטלעך לעבן די דוכאָבאָרן צו עטלעכע משפּחות בשותּפות: פון פיר ביז זיבן. די געוויינטלעכע פאַמיליע ווערט פון זיי באַטראַכט ווי אַ נידעריקע מדרגה („פּלאָטסקאַיאַ סעמיאַ", די בשר־ודם־משפּחה). עטלעכע בשר־ודם־משפּחות, אַז זיי לעבן צוזאַמען און פירן איין ווירטשאַפט ווערן זיי פאַרוואַנדלט אין אַ „גייסטיקער משפּחה" („דוכאָוונאַיאַ סעמיאַ"). דאָס לעבן בלויז אין אַ ביאָלאָגישער משפּחה איז, לויט זייער גלויבן, אַ סימן פון ענגן עגאָיזם און נישט־פרומקייט.

מיינדע זיך איינצואָרדענען אין דער פרעמדער געגנט. דער אַמאָליקער מאַר־טירער פון צאַרישן רוסלאַנד האָט אין דער פרייער קאַנאַדע איינגעפירט אין זיין געמיינדע אַ שווערן, דעספּאָטישן רעזשים. אַן ענגלענדער, ווייס איך, מיט טאָלסטאָיאַנישע נייגונגען האָט נאָך אַ לענגערן באַזוך אין דעם דוכאָבאָרישן קיבוץ אים כאַראַקטעריזירט אַלס דעם „דיקטאַטאָר פון די איסיים". ער האָט זיך וויניק געמישט אין דעם אינטימען לעבן פון דער מיטגלידערשאַפט, אָבער אַלע ווירטשאַפטלעכע ענינים האָט ער קאָנצענטרירט אין זיינע הענט און קיי־נעם נישט געלאָזט זאָגן קיין דעה. ריין־געזעצלעך האָט ער נאַטירלעך נישט געהאַט קיין ברעקל מאַכט, אָבער ער איז געווען גראַמאַטנע, זיך אויסגעלערנט ר'עדן ענגליש, כדי צו רעפּרעזענטירן די געמיינדע פאַר דער רעגירונג, און — דער עיקר! — ער האָט פאַרמאָגט ברייטע פּלייצעס, אַגרעסיווע עלנבויגנס, אַ קאָמאַנדירנדיקע שטימע און... פּאַשיסטיש „פירער־בלוט". ביסלעכווייז האָבן די דוכאָבאָרן, וואָס אַנערקענען נישט, לויט זייער לערע, קיין מאַכט איבערן מענטשן אַ חוץ דער ממשלה פונעם בורא־עולם, זיך אונטערגעגעבן אונטער פּיאָטר ווערי־גינס יאָך. אין זייער הילפלאָזיקייט און שטענדיקן געפיל פון פאַרוואָרפנ־קייט האָבן זיי נישט באַמערקט, אַז פּאַקטיש איז אין זייער קליינער „מלוכהלע" איינגעפירט געוואָרן די זעלבע „סאַמאָדערזשאַוויע", קעגן וועלכער זיי זענען אַמאָל געווען אַזוי פעיִק צו קעמפן דורך פּאַסיווער רעזיסטענץ אין רוסלאַנד. אָבער אַ סך ערגער איז געוואָרן די לאַגע נאָך פּיאָטר ווערי־גינס פּלוצימדיקן טויט פון אַן אייזנבאַן־אומגליק. די געמיינדע האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט פאַר־יתומט. זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס מ'הייבט אָן צו טאָן מיט דער „באַפרייונג" פון זייער דיקטאַטאָר. אַ ווירטשאַפט פון עטלעכע טויזנט נפשות מוז דאָך פון עמעצן פאַרוואַלטעט ווערן; באַציִונגען מיט דער רעגירונג, צי מען וויל, צי מען וויל נישט, מוז מען דאָך אָנהאַלטן. ווער וועט דאָס אַלץ טאָן פאַר זיי? מערק־ווירדיק: פון 14־15 טויזנט נפשות האָט זיך נאָך ווערי־גינס טויט נישט געפונען קיין איינער, וואָס זאָל אַרויסווייזן מוט, ווילן און פעיִקייטן איבערצונעמען דעם מאַנטל פון פירערשאַפט. אויף פרעמדן קאַנאַדער באָדן, אָפּגעריסן פון זייער מוטערלאַנד, איז ביי זיי קיינער נישט אויסגעוואַקסן, ווי איינער פון זיי האָט עס פאַר מיר אַמאָל כאַראַקטעריזירט, כדי „איבערצונעמען דעם שטעקן פונעם פאַסטוך". גלייך ווי זייער גייסטיקע יניקה וואָלטן זיי געצויגן פון דער ערד, פון דער רוסישער און נאָר פון דער רוסישער ערד. זענען זיי אַרומגעגאַנגען אַ שטיק צייט ווי קליינע, דערשראָקענע קינדער אין אַ ווילדן וואַלד, ביז זיי האָבן אָנגענומען דעם משונהדיקסטן, דעם פּאַראַדאָקסאַלסטן באַשלוס, צו וועלכן אַ גרופּע מיט זייער הינטערגרונט האָט זיך געקאָנט דערטראַכטן: אַרויסרופן פון

רוסלאַנד ווערִיגינס זון, אויך אַ פּיאָטר, אָדער „פּיאָטר דעם צווייטן", ווי מען האָט אים שפּעטער אַ נאָמען געגעבן מיט שפּאָט און פאַרדראָס...

די דוכאָבאָרן האָבן אַליין נישט באַמערקט, ווי זיי האָבן פאַקטיש אײַנגעפירט ביי זיך אַ דינאַסטיע. ווייל פּיאָטר ווערִיגינס אײַנציקער פאַרדינסט איז באַשטאַנען בלויז אין דעם, וואָס ער איז געווען אַ ווערִיגין, דער יורש־עצר אָדער דער פּרינץ און וועילס פון דער עוואַנגעלישער געמיינדע. אין מאָסקווע, ווייס איך, איז ער געווען פּאָפּולער נישט נאָר צוליב זיין זכות־אָבות, נאָר אויך אַ דאַנק די ווילדע הוליאַנקעס, וואָס ער פלעגט דאָרט דורכפירן, ווער ווייסט מיט וועמענס געלט. די סאָוועט־רעגירונג איז געווען זייער צופרידן איינמאָל פאַר אַלעמאָל פּטור צו ווערן פון אַ מיוחסדיקן בויאַן, וועלכן מ'האָט נישט פאַרשיקט קיין סיביר נאָר דערפאַר וואָס שטענדיק האָבן זיך געפונען הויך־געשטעלטע מליצי־יושר, וועמען עס איז נישט אָנגעשטאַנען מ'זאָל שווער באַשטראָפן אַ זון פון טאָלסטאָיס אַ פריינט. און אָט פון דעם „פּיאָטרס מויל" האָט עס מיין אַלטע דוכאָבאָרקע געהערט, אַז די געמיינדע מוז צאָלן גרויסע צינזן — „דעם ענגלישן קיסר".

מען וואָלט געקאָנט, גלייב איך, אויסגעפינען ווי אַזוי און אויף וואָס „פּיאָטר דער צווייטער" האָט פאַרטאָכליעוועט צענדליקער, אויב נישט הונדערטער טויזנטער דאָלאַרן פונעם שווער־פאַרהאָרעוועטן דוכאָבאָרישן געלט, אָבער אַזאַ אויספאָרשונג וואָלט מסתמא געפירט אויף צו פּיקאַנטע אָדרעסן... פון קיין חשבון האָט מען ביי אים יעדנפאַלס קיינמאָל נישט געקאָנט וויסן. פון צייט צו צייט האָט מען נאָר געהערט פון אים באַמערקונגען און רמזים וועגן זייער טשיקאַווע הוצאות: אַמאָל פּופּציק טויזנט דאָלאַר „פאַרן ענגלישן קיסר", אַמאָל אַ גרעסערע געלט־שטראָף דער קאַנאַדער רעגירונג פאַר זיך אָפּזאָגן פון מיליטער־דינסט אין דער וועלט־מלחמה, אַמאָל האָט געקאָסט דער מעקסיקאַנער רעגירונג פאַר באַדן וואָס ער זאָל דאָרט האָבן איינגעקויפט פאַר דוכאָבאָרן, וואָס דאַרפן אַהין אַנקומען פון רוסלאַנד... און איינמאָל, געדענק איך, האָט ער, אין אָטאַווע, אין מיין אָנוועזנהייט דערציילט אַ דריי־וואָכן־היִנטער־וואַרשע־מעשה וועגן צוויי הונדערט טויזנט דאָלאַר וואָס די סאָוועטישע רעגירונג האָט אים מיטגעגעבן קיין קאַנאַדע, כדי צו ראַטעווען די דוכאָבאָרישע געמיינדע פון באַנקראָט, און וועלכע ער מוז נעבעך איצטער צוריקצאָלן קיין מאָסקווע (ער איז געווען אַזאַ אומגעלומפּערטער און נאַרישער ליגנער, און דערציילט האָט ער די מעשה אין דער געזעלשאַפט פון מענטשן, וועגן וועלכע ער האָט קלאָר געוווסט, אַז זיי זענען באַקאַנט מיט רוסישע באַדינגונגען און ווייסן גאַנץ גוט, צי עמעצער קען קריגן פון דער סאָוועטישער רעגירונג גמילות־חסדים פאַר אַזעלכע צוועקן).

אַרום צען יאָר האָבן די דוכאָבאָרן געליטן פון „פּיאָטר דעם צווייטנס" ממשלה און... נישט רעוואָלטירט. ער האָט זיי באַגנבעט און באַגזלט, און זיי האָבן געשוויגן. ער האָט געגעסן בפרהסיא פליש און געטרונקען בפרהסיא בראָנפן — אויףביידע זאַכן עקזיסטירט אין דער דוכאָבאָרישער געמיינדע אַ שטרענגער רעליגיעזער פאַרבאָט — האָבן זיי געקרעכצט, אַמאָל געוויינט און ווייטער געטראָגן זיין יאָך. ער האָט געררייכערט טאַבאַק, וואָס ווערט ביי זיי פאַררעכנט פאַר אַ האַרבער עבירה, און זיי האָבן נישט געהאַט קיין כח צו פּראָטעסטירן. אין זיין שפּראַך האָט ער באַנוצט פּאָרנאָגראַפישע זידל־ווערטער. האָבן די פרומערע צווישן זיי געבעטן גאָט, ער זאָל „רייניקן זיין מויל". ער האָט זיי נישט איינמאָל אַריינגעוואָרפן אין אַ מיסטישן פחד, ברענגענדיק אין דאָרף אַריין גרויסשטאָטישע גאַסן־מיידלעך. נאָר , ערנאָך פלעגט ער זיי „קאָמפּענסירן" מיט זיין דאָסטאָיעווסקישער טעאַטראַלישקייט:

„ברידער און שוועסטער, שלאָגט מיך, ווייל איך בין זינדיק; פּאַטשט מיך אין פּנים אַריין, ווייל איך בין אומריין; שפּייט אויף מיר, ווייל דער גיהנום איז ווייניק, מיך צו באַשטראָפן. ווי קען איך זיין אייער פירער, אַז איר זייט אַלע ריינע טויבן, און איך בין אַ שמוציקער חזיר, אַ היענע, אַ רויב־פויגל, אַ שלאַנג, אַ זולל־וסובא און אַ נואף. דאַוונט פאַר מיר און בעט פאַר מיר אויס ריינקייט, ווייל ריינקייט איז מיין איינציקער באַגער. דאַוונט פאַר מיר, ווייל דער שטן האָט זיך באַזעצט אין מיין קערפּער און ער מאָנט, און מאָנט, און מאָנט — נאָך פרעסן, נאָך זויפן, נאָך געלט און נאָך נאַפקעס... באַפרייט מיך פונעם טייוול, טרייבט אים פון מיר אַרויס, שניידט אים אויס פון מיינע געדערים; נעמט העק, זעגן, האַמערס; שלאָגט מיך, זעגט מיך, צעשניידט מיך אויף פּיק־פּיצלעך און וואַרפט אַוועק מיין נבלה פאַר פאַרשיווע הינט... וואָס שטייט איר דאָ ווי ליימענע גולמס? שטייניקט מיך לויטן געזעץ פון משה, דעם נביא פון די ייִדן"...

נאָך אַזאַ ווולקאַנישן אויסברוך פון תשובה און היסטערישער זעלבסט־דערנידעדרונג פלעגט מען אים מוחל זיין אַלע זיינע זינד: אַ קלייניקייט, דער שטן האָט זיך אין אים באַזעצט... נישט פּיאָטר זינדיקט, נאָר דער שטן אין אים... ער מוז מסתמא נאָכגעבן דעם שטנס תאווה, כדי זיך צו באַפרייען פון זיין ממשלה... תשובה רייניקט... פּיאָטר איז שוין ריין.

פאַר אַ טייל פונעם ייִנגערן עולם זענען די דאָזיקע ספּעקטאַקלען נישט געווען איבערצייגנדיק. האָבן זיי סקעפּטיש געשמייכלט, געמורמלט צווישן זיך, און... געוואַרט אַז פון ערגעץ־ווו זאָל עמעצער קומען, אויסרייניקן די ווערי־גינישע טומאה פון דער דוכאָבאָרישער געמיינדע און נאָכאַמאָל אָנצינדן זייער אַלטן נר־תמיד.

אָבער פון דרויסן איז קיינער נישט געקומען.

ווען בירױקאָוו, טאָלסטאָיס תּלמיד און ביאָגראַף, האָט זיך געוואָלט באַזעצן אין זייער געמיינדע און ווידמען זיינע לאַנדסלייט דאָס ביסל יאָרן וואָס זענען אים געווען געשענקט, האָט אים דער יינגער ווערינין געמאַכט אַזוי ענג, אַז יענער איז אַן אַנטוישטער און צעבראָכענער צוריקגעפאָרן אין דער שווייץ. ווען טאָלסטאָיס אַ טאָכטער, וואָס איז געבליבן געטריי איר פאָטערס אידעאַלן, האָט מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן דעם באָלשעוויסטישן רעזשים און האָט פון איר יאַפּאַנישן גלות געוואָלט קומען קיין קאַנאַדע און אַוועקגעבן דאָרט אַלע אירע כוחות דער דוכאָבאָרישער געמיינדע, האָט ווערינין צוגעשטעלט דער רעגירונג „דאָקומענטן", אַז זי איז געפערלעך פאַר דער דאָמיניע, ווייל אין תּוך איז זי גאָר געשיקט געוואָרן פון מאָסקווע פאַר באָלשעוויסטישער פּראָפּאַגאַנדע. פון דרויסן, הייסט עס, האָט קיינער נישט געקאָנט קומען, און פון אינעווייניק איז קיינער נישט אויסגעוואַקסן. „פּיאָטר דער צווייטער" איז געבליבן דער „צאַר" פון די דוכאָבאָרן ביז זיין טויט — בעיקר, מיטן כּוח פון זיין יחוס.

איצטער זענען די דוכאָבאָרן נאָכאַמאָל פירערלאָז. לעצטן פרילינג איז פּיאָטר געשטאָרבן און, ווי מיין קאָרעספּאָנדענט שרייבט מיר, „האָט ער נאָך זיך קיין זין נישט איבערגעלאָזט". ווער וועט איצט אַרויף אויפן דוכאָבאָרישן טראָן? פון ערבי פאַילס אַרטיקל זע איך, אַז, ברוך־השם, ס'האָט זיך אָפּגעזוכט אַ „געזעצלעכער פּרעטענדענט". דער אַכצניאָריקער איוואַן וואַיקין איז דעם אַלטן ווערינינס אַן אייניקל, „פּיאָטר דעם צווייטנס" אַ פּלימעניק, זיין שוועסטערס זון. ער איז אויך, טענהט ער, פון דער „גזע", און ער איז גרייט זיך צו לאָזן „קרוינען". ער האָט שוין באַצייטנס אפילו געביטן זיין פאַמיליע־נאָמען, פון וואַיקין אויף ווערינין: די דינאַסטיע, הייסט עס, וועט נישט איבערגעריסן ווערן, „עוד לא נותקה השלשלת", און צווישן די דוכאָבאָרן זענען, ווי איך הער, פאַראַן געננוג „לעגיטימיסטן", פאַר וועלכע דעם אַכצניאָריקן בחורס יחוס איז אַ גענוגיקע סיבה זיך אונטערצוואַרפן זיין ממשלה: אויב נישט אַ ווערינין איז ווער?

אָט צו וואָס די אַמאָליקע העראָישע געמיינדע האָט זיך דערקייקלט. דעם נאָמען „דוכאָבאָרן" האָט זיי אַמאָל געגעבן די גריכיש־אָרטאָדאָקסישע קירכע: זיי באַקעמפן, האָט עס געהייסן, דעם הייליקן גייסט, זיי זענען אַפּיקורסים און עס איז אַ מצווה זיי צו פאַרפאָלגן. האָבן די געדרודפטע סעקטאַנטן אויפגעכאַפּט דעם סינאָדיש־פּאָליציייִשן נאָמען און אים אַריינגעטראָגן אַן אַנדער אינהאַלט: יאָ, מיר זענען דוכאָ־באָרצן, מיר זענען קעמפער פאַרן גייסט, פאַרן הייליקן גייסט. עטלעכע דורות נאָכאַנאַנד האָבן זיי טאַקע, לויט זייער איינזען און מיט זייערע מעטאָדן געקעמפט קעגן דער ממשלה פון איין בשר־ודם אי־בערן אַנדערן, פאַר דער ממשלה פון גאָט, פון זיין גייסט. סיבירער גלות האָט

זיי נישט אָפּגעשראָקן, פון טורמע און קאַטאָרגע האָבן זיי זיך אויסגעלאַכט, דער אָפּיציעלער קירכע האָבן זיי דערקלערט אַ ביטערן קאַמף, אין דער אַרמיי וועגן זיי נישט געגאַנגען, און ניקאָלאַי דעם צווייטנס באַרבאַרישער באַפעל צוצונע־מען זייערע קינדער און זיי אַפּילו נישט אויסזאָגן וווהין מען שיקט זיי אַוועק, האָט זייער קעמפערישן גייסט נישט געבראָכן. די צאַרישע רעגירונג האָט זיי נאָכדעם דערלויבט אויסצוואַנדערן קיין קאַנאַדע, נישט אַזויפיל דער־פאַר, וואָס טאָלסטאָי האָט מאָביליזירט פאַר דעם אַ געוויסן טייל פון דער אייב־פלוסרייכער אַריסטאָקראַטיע, נאָר כדי פּטור צו ווערן פון „דעם געפערלעכן רעוואָלוציאָנערן עלעמענט", ווי דער אָבער־פּראָקוראָר פונעם סינאָד, פּאָביע־דאָנאָסצעוו, האָט זיי אַמאָל באַצייכנט. זייער רעליגיעזער הערויִזם, האָט ער געפילט, קען נאָך מיט דער צייט אָנשטעקן אין רוסלאַנד מיליאָנען מענטשן, און דאָס וועט זיין, האָט ער געהאַלטן, אַ סך אַ גרעסערע סכנה פאַר דער עק־זיסטירנדיקער אָרדענונג איידער אַלע אַנדערע אידייען, וואָס מ'האָט אַריינגע־בראַכט קיין רוסלאַנד „פון דער פאַרפוילטער מערב־אייראָפּע". האָבן די דוכאָ־באָרן פאַרמאָגט גענוג כוח זיך אַנטקעגן צושטעלן די ראַמאַנאָווס, און האָבן שפּעטער, אויפן פרייען קאַנאַדער באָדן, נישט געפונען אין זיך דאָס ביסעלע קראַפט, כדי זיך צו באַפרייען פון זייער אייגענער דעספּאָטיע, פון אַ „דינאַס־טיע", וואָס באַהאַנדלט זיי ווי האַלבע קנעכט. פוריטאַנער, קוועיקערס, אַנדערע מערב־אייראָפּעיִשע סעקטעס האָבן געפונען זייער סאָציאַלן תיקון גראַד אויף נייעם באָדן; דוכאָבאָרן זענען אין דער פרייער פרעמד, אויף דער פּרעריע פון מערב־קאַנאַדע, פאַרוויאַנעט געוואָרן און זיי וויזן נישט אַרויס קיין סימן פון נייע שפּראָצונגען. איינער פון די טרויעריקסטע פּאַראַדאָקסן אין דער געשיכטע פון סאָציאַלע באַוועגונגען...

***

אַלץ איינס, צי איוואַן וואַיקין וועט איינגיכן באַשטייגן דעם דוכאָבאָרישן טראָן אָדער נישט, די אויפלייזונג ביי דער דאָזיקער קאָמוניסטישער סעקטע האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען. קרוב צו אַ העלפט זענען שוין אַרויס פון דער גע־מיינדע און די אַנדערע העלפט האָט נישט קיין גייסטיקן כח פאַר המשך. פאַר־וואָס, ווייס איך נישט. דער מאַנגל אין אמתער פירערשאַפט איז אַ צו פּשטנישע דערקלערונג. דאָס איז גיכער אַ סימפּטאָם, איידער די קראַנקייט גופא: פאַרוואָס האָבן זיי זיך אַרויסגעוויזן אומפעיִק אויף עכט־דעמאָקראַטישער זעלבסט־פאַרוואַלטונג? פאַרוואָס לעבן זיי אַזוי... „קאַראַ:מיש"־פאַרגליוערט, אָן מיס־יאָנערישן ברען, אָן אַ ווילן פאַר עקספּאַנסיע, פאַר צוקריגן נייע כוחות און ניי בלוט פון דער אַרומיקער קאַנאַדיש־ענגלישער סביבה? ווייל זיי קענען נישט

קיין ענגליש? נאָר דערפאַר? אָבער פאַרוואָס קענען זיי נישט, פאַרוואָס האָבן זיי נישט געהאַט דעם דראַנג, דעם „רוף", זיך אויסצולערנען אָדער צו בעבען און שטאַמלען אויף ענגליש מיט יענער סוגעסטיווער קראַפט, מיט וועלכער עס האָבן געבעבעט און געשטאַמלט אויף גריכיש און לאַטיין די מערסטנטייל עם־הארצישע אַפּאָסטאָלן פון אור־קריסטנטום, אויף זייערע מיסיאָן־וואַנדערונגען אין דער ציוויליזירטער וועלט פון אַלטערטום?

און אפשר דאַרף מען גאָר אַזעלכע פראַגן נישט שטעלן. איך ווייס די מאַרקסיסטישע דערקלערונג פאַר אַזעלכע דערשיינונגען, און אַ חוץ מאַרקסיזם זענען פאַראַן גלאַט שכל־הישרדיקע ענטפערס, וואָס באָטן זיך אָן דעם נאַיוון פרעגער: קאָמוניסטישע אינדזעלעך אין קאַפּיטאַליסטישע אָקעאַנען — האָט דען נישט געדאַרפט זיין קלאָר פונעם אָנפאַנג אָן, אַז זיי וועלן קיין לאַנגן קיום נישט האָבן? אַסקעטיזם, מאַנגל אין מאָדערנער בילדונג און סעקטאַנטיש־דאָגמאַטישע פאַרגליווערטקייט זענען אויך נישט קיין מעלות פאַר דער אַנטוויקלונג און אויסברייטערונג פון קאָמוניסטישע צעלן. מען דאַרף מיר קיין פינגער אין מויל נישט אַריינלייגן און איך בין גענוג „באַוואָפנט", כדי אויפצודעקן די „געזעצמעסיקייט" אינעם אונטערגאַנג פון אַזעלכע סענטימענטאַל־אוטאָפּישע פּרוּוון. אָבער אונטערגאַנג איז אונטערגאַנג און עס כאַפּט אַרום אַן אומעט. ווען דו דערמאָנסט זיך, אַז דוכאָבאָרן און די דייטשע רוח־הקודשניקעס פון אייאָוואַ זענען נישט די אייציקע, וועמענס חלומות עס זענען אויסגערונען; און אַז באַלד־באַלד וועלן אפשר פאַרשווינדן ווערן אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט די לעצטע שפּורן פון פּראַקטיש־קאָמוניסטישן אידעאַליזם.

אַ סך פאַרקערפּערטע גייסטיקע ענערגיע איז, אויפן אָנזעעוודיקן שטח פון דער געשיכטע, געגאַנגען לאיבוד. איז פון איר עפּעס געבליבן אויפן אוממיטלבאַרן שטח, אין „חלל העולם"?

.1939

מיט אַלעקסאַנדער קערענסקין

אין אַ באַשיידענעם ניו־יאָרקער האָטעל־צימער איז מיר די טעג אויסגעקומען צו פאַרברענגען אַ פּאָר שעה מיט אַ קליינער גרופּע אַמאָליקע רוסישע רעוואָלוציאָנערן: דאָגמאַטיש־פאַרעקשנטע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס גלייבן אַז נאָך פלעכאַנאָוון קען שוין קיינער גאָרנישט מחדש זיין; אַ פּאָר סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן וואָס לעבן נאָך אַלץ אין זייער ראָמאַנטישער פאַרגאַנגענהייט און רעדן אין באַקאַנטן נוסח פון „נישטאָ אַמאָליקע יאָרן״; איינער אָדער צוויי פאָלקס־סאָציאַליסטן; אַ טעמפּעראַמענטפולער בולגאַר, וואָס קען שוין לאַנג נישט אַהיימקומען און האָט געפונען זיין גייסטיקע היים אין דער ניו־יאָרקער רוסישער קאָלאָניע. די געלעגנהייט וואָס האָט זיי אין יענעם אָוונט צוזאַמענגעבראַכט איז געווען — אַלעקסאַנדער קערענסקי. דער געוועזענער ראש פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג געפינט זיך איצט אויף אַ לענגערן באַזוך אין אַמעריקע, און די „גרופּע״ (אַ לויזע פאַראייניקונג פון רוסלענדער מיט סאָציאַליסטישע טראַדיציעס) האָט נאַטירלעך געהאַט אַ באַדערפעניש אויסצוהערן, וואָס קערענסקי האָט איצט צו זאָגן.

נאָר קערענסקי האָט שוין לאַנג נישט וואָס צו זאָגן, סיידן — קינות. אָבער אויך אַלע מעגלעכע קינות האָט ער שוין לאַנג אָפּגעזאָגט אין די צוויי און צוואַנציק יאָר וואָס ער געפינט זיך אין די פאַרשידענע גלותן; און אַ חוץ דעם: מקוננים זענען אין דער רוסישער עמיגראַציע פאַראַן אינטערעסאַנטערע פון אים — מיט שענערע און מעלאַנכאָלישערע שטימען, מיט אַ בעסערן חיתוך־הדיבור און אַ שאַרפערן חיתוך־המחשבה. ווער עס פאָלגט אַביסל נאָך די רוסישע עמיגראַנטן־ליטעראַטור האָט זיך שוין לאַנג צוגעוווינט צו איר טיפן היים־ווײ, צו איר לייטנדיקן „איכה״־מאָטיוו. וואָס קען קערענסקי מיט זיין אויבערפלעכלעכער עמאָציאָנאַלישקייט צוגעבן רייך־קינסטלעריש צו אַ בונין, צו אַ סטעפּון, אַפילו צו אַן אָסאָרגין? און וואָס קען ער מחדש זיין פּאָליטיש? ער האָט זיך איינגעחזרט אין 1917 אַ פּזמון — און ווו ער שטייט און ווו ער גייט רעדט פון אים אַרויס יענער פּזמון: די באָלשעוויקעס, ימח שמם וזכרם, האָבן „פאַרקויפט רוסלאַנד״.

וואָס פאַר אַ רוסלאַנד פאַרקויפט? צו וועמען, צוליב וואָס און פאַר וועלכן פּרייז? פרעגט נישט. אַז מ׳זאָגט פאַרקויפט, איז פאַרקויפט. אַ סימן האָט איר דאָך, אַז רוסלאַנד פון לענינען און סטאַלינען איז קלענער ווי דאָס רוסלאַנד

פון ניקאָלאַי דעם צווייטן — און, להבדיל, קערענסקין. ווו זענען די באַלטישע קאַנטן, און ווו איז פוילן, און ווו איז בעסאַראַביע? פאַרקויפט! און אין געבליבענעם רוסלאַנד, האָב איך געהערט קערענסקין זיך קלאָגן, האָט מען די אַלע יאָרן דערמוטיקט אַלערליי נאַציאָנאַליזמען און שאָוויניזמען; אַפילו פון אַזעלכע שבטים ווי זיריאַנער אָדער פּאָמאָרן. נאָר רוסישער נאַציאָנאַליזם איז געבעך אונטער די סאָוועטן פאַרבאָטן — כאָטש נעם אַ פּאַטשיילע און גיי אַרום קלייבן נדבות נאָכאַמאָל אויפצובויען דאָס נאַציאָנאַלע באַוווסטזיין פונעם גרויס־רוסישן פאָלק.

אָט אַזאַ לעפּישן, פּסעוודאָ־ און איבערטריבן־פּאָליטישן פּזמון האָט זיך קערענסקי איינגעחזרט אין 1917 — און באַזונדערס נאָך דעם בריסקער שלום — און אָט מיט דעם פאַרזשאַווערטן שטיקל געווער וויל ער עס ווייטער קעמפן קעגן דעם סאָוועטישן רעזשים. עס איז געוווען פייגלעך צו הערן פון זיין מויל די „טעאָריע" אַז אימפּעריאַליזם איז (נעמט אַראָפּ דאָס היטל!) — אַ „נאַטור־דערשיינונג". און ס'איז היסטאָריש גאַנץ געזעצמעסיק, אַז אַזאַ גרויס פאָלק ווי דאָס רוסישע זאָל זוכן עקספּאַנסיע און זאָל נעמען אויף זיך די מיסיע צו אָרגאַניזירן און האַלטן אונטער זיין „השפּעה" אַנדערע פעלקער און לענדער. דער באָלשעוויזם, הייסט עס, האָט אַראָפּגענומען די קרוין פונעם רוסישן פאָלק, אָפּגעשטעלט זיין אימפּעריאַליסטישע עקספּאַנסיע. פאַר אַ רוסישן פּאַטריאָט איז שוין דערמיט אַליין באָלשעוויזם — שמד.

קערענסקי האָט דערפאַר געמוזט צוגעבן אין זיין שמועס, אַז דאָס וואָס סטאַלין האָט איצט צוגענומען (אַלס פּועל־יוצא פונעם פּאַקט מיט היטלערן) די אוקראַיִנישע און ווייסרוסישע געגנטן פונעם אַמאָליקן פוילן, איז אַן און פאַר זיך אַ פּאָזיטיווער פאַקט. קערענסקי פאַרגינט אָבער נישט סטאַלינען די קרוין פון פעטער דעם גרויסן: ערשטנס, האָט ער עס געטאָן נישט צוליב רוסישן נאַציאָנאַליזם און אימפּעריאַלער עקספּאַנסיע, נאָר צוליב די אינטערנאַציאָנאַליסטישע צוועקן פון דער באָלשעוויסטישער באַוועגונג. און צווייטנס, יאָ, צווייטנס — „עס וועט נישט אויסהאַלטן". אונטערן סאָוועטן־רעזשים קען מען נישט, האַלט ער, פירן קיין „עכטע" און „קאָנסעקווענטע" נאַציאָנאַלע פּאָליטיק. און דערפאַר? נידער מיט סטאַלינען און לעבן זאָל...

וואָס, ווער און ווען האָט קערענסקי נישט דערזאָגט, נישט געהאַט וואָס צו דערזאָגן.

עס איז ביטער און שלעכט, ווען אַ מענטש לעבט־איבער זיך אַליין. די קערענסקי־לעגענדע האָט שוין לאַנג געפּלאַצט. אַלע וויסן עס, דוכט זיך, אַ חוץ אים אַליין. ער קען נאָך אַלץ נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד איז ער געווען נישט קיין עפּאָכע — נישט קיין קראַפט,

וואָס קען לעבן אַ פערטל יאָרהונדערט אין פּאַריאַגטער באַהעלטעניש און נאָכ־דעם נאָכאַמאָל אַרויסקומען אויף דער אויבערפלאַך — נאָר בלויז אַן עפּיזאָד, כמעט אַן אַקצידענט.

ווען מ׳טראַכט אויף צוריק, דוכט זיך אָפּטמאָל אויס, אַז אין 1917 האָט מען ערגעץ־ווו אין רוסלאַנד געצויגן קניפּלעך אין אַ פינצטערן חדר, מיט פאַר־מאַכטע אויגן — און קערענסקי איז אַרויסגעקומען פון יענער לאָטעריע דער זכה־בגורל. איז ער געשטאַנען עטלעכע חדשים אין צענטער פון רוסלאַנד, האָט ער געהאַלטן אַ קורצע צייט כמעט־דיקטאַטאָרישע מאַכט אין זיינע שוואַכע הענט און — נישט געוווּסט וואָס מיט יענער מאַכט צו טאָן. האָט ער זיך גע־לאָזט איינרעדן פון מיליוקאָוון אַז אַן קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז דאָס לעבן פאַרן רוסישן פאָלק ווייניקער ווערט פון אַ פּעטרעשקע און איז צוליב דעם געווען גרייט צו פירן אַ מלחמה מיט מיליאָנען דעזערטירן, וואָס האָבן שוין דענסטמאָל פאַרפּלייצט די שטעט און די אייזנבאַנען. האָט ער זיך געלאָזט איינרעדן פון אַנדערע, אַז אַן אַגראַר־רעפאָרם אָן דער הסכמה פון אַ נייעם פּאַרלאַמענט וואָלט געווען „אומגעזעצלעך". האָט ער געלאָזט אַריינשמועסן אין זיך טויזנט און איין נאַרישקייטן און קורצזיכטיקייטן, וועלכע די באָלשעוויסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט אַזוי אויסגעצייכנט אויסגענוצט פאַר אירע אינטערעסן. קערענסקי איז בטל געוואָרן פאַר אַ שטרענג וואָרט, וואָס ער האָט געהערט פונעם ענגלישן אַמ־באַסאַדאָר אין פּעטערבורג („אויב איר שליסט אַ סעפּאַראַטן שלום מיט דייטש־לאַנד, וועלן מיר זיך מיט אייך אָפּרעכענען נאָך דער מלחמה") און האָט גע־פועלט ביי זיך, אַז מען דאַרף נישט נעמען ערנסט די אַגראַרע אומרוען, די פּסיכאָלאָגישע אומעגלעכקייט ווייטער צו האַלטן די מאַיאָנטקעס אין פּריוואַטע הענט אַפילו נאָך אַ פּאָר חדשים, און דאָס פעלן פון יעדן כח — פיזישן, מאָ־ראַלישן, עקאָנאָמישן — פאַר ווייטערדיקער מלחמה. שפּעטער, שוין נאָך זיין קאַטאַסטראָפאַלן דורכפאַל, האָט ער זיך אַריינגעשמועסט, אַז דער הויפּט־אומ־גליק אין באָלשעוויזם איז זיין פאַראַט פון רוסישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן.

טראָגט ער זיך שוין יאָרנלאַנג אַרום מיט דער דאָזיקער תורה, אין וועל־כער עס איז אַזוי שווער צו גלייבן. ווייל וואָס מ׳זאָל וועגן באָלשעוויזם נישט זאָגן, איז שווער עמעצן איבערצוצייגן, אַז אויף דעם שטח האָבן זיי געזינ־דיקט. זיי ווילן נישט ווייניקער פון אַנדערע, אַז רוסלאַנד — זייער רוסלאַנד — זאָל זיין גרויס און מעכטיק. אויב און ווען זיי האָבן אונטערגעשריבן שלום־באַדינגונגען אויפן חשבון פון טעריטאָריע, איבער וועלכער עס האָט אַמאָל געפלאַטערט די רוסישע פאָן — האָבן זיי עס געטאָן ווייל זיי האָבן געמוזט, נישט ווייל זיי האָבן געוואָלט. קערענסקי וואָלט אין אַזאַ סיטואַציע נישט גע־קאָנט האַנדלען אַנדערש אָדער בעסער. באָלשעוויקעס האָבן (די ערשטע יאָרן)

נישט קולטיווירט דאָס וואָס ס'איז סײַ־ווי־סײַ פאַראַן בשפע; ווײַל קיינער פון די פעלקערשאַפטן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט נישט אָפּגעלייקנט די רעכט פון רוסן אויף זייער באַזונדערער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ; ווײַל אַזאַ עקזיסטענץ איז סײַ־ווי־סײַ — אונטער יעדן רעזשים — פולשטענדיק גאַראַנטירט דורך די גרויסע צאָלן פון זייער באַפעלקערונג און פון דער אָנפירנדיקער ראָלע וואָס זיי שפּילן אָביעקטיוו אינעם גאַנצן מלוכה־לעבן און אין קולטור־לעבן. עס קען גראָד געמאָלט זײַן, אַז אַן באָלשעוויקעס וואָלט רוסלאַנד איצט געווען קלע־נער און ווייניקער אימפּעריע ווי זי איז: אין אַלע געגנטן פון דער ראַמאַנאָוו־אימפּעריע מיט אַ נישט־רוסישער באַפעלקערונג איז קאָמוניזם געוואָרן אַ נייער, אידעאָלאָגישער, צעמענט, וואָס האָט זיי אויפסנײַ צוגעקלעפּט צו מאָסקווע. אוקראַינע, ווײַסרוסלאַנד, אַרמעניע, גרוזיע וואָלטן אפשר אַרויסגעוויזן אַ סך אַ שטאַרקערן ווידערשטאַנד קעגן מאָסקווער צענטראַליזם, ווען נישט די קאָ־מוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע וואָס האָט דאָרט געפונען אַ סך אַקטיווע אָנהענגער צווישן דער היימישער באַפעלקערונג. אין דעם פּרט קען מען זאָגן, אַז קאָמו־ניזם איז גאָר אַ סגולה פאַר רוסלענדישן אימפּעריאַליזם, נישט קיין קללה. דאָס קריגן מיליטערישע באַזעס אין ליטע, עסטלאַנד און לעטלאַנד — אַ ריין אימ־פּעריאַליסטישע דעראָבערונג פון די לעצטע וואָכן — איז פאַר דער באָלשע־וויסטישער מאָסקווע פּסיכאָלאָגיש אַ סך לײַכטער, ווי דאָס וואָלט געווען פאַר אַ נישט־באָלשעוויסטישער: עס וואָלט געפעלט דער תירוץ, אַז מען דאַרף עס האָבן אין די אינטערעסן פון דער „רעוואָלוציע".

קערענסקיס טענות צו דער באָלשעוויסטישער מאַכט זענען, אין דעם פּונקט, אויסגעטראַכטע: רוסלאַנד איז אַ גרויסמאַכט און קערענסקיס דעקלאַ־ראַציעס קענען זי גרויסמעכטיקער נישט מאַכן: פאַר די אינטערעסן פון רוס־לאַנד זאָרגט דער גרוזין סטאַלין מיט מער ברוטאַליטעט, מיט מער ביטערקייט און... מיט מערער „טאַלאַנט". אַן דער הילף פון דער רוסישער עמיגראַציע קע־נען זיך די אַלייִרטע זייער לײַכט באַגיין: מישטיינס־געזאָגט, ווי גרויס עס קען זײַן די הילף פון צעבראָכענע מענטשן, צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע שבעה ימים, אָן השפּעה און אַפילו אָן פאַרבינדונג מיט דער באַפעלקערונג פון רוס־לאַנד!

קערענסקיס לעבנס־קללה איז די פראַזע, די גאַרנישט־זאָגנדיקע פראַזע, הינטער וועלכער ס'שטייט נישט קיין ברעקל רעאַליטעט. זײַן איצטיקע פראַזע איז נאָך דערצו אַן אויפגעבלאָזן־פּאַטריאָטישע, אַ רעאַקציאָנער־נאַציאָנאַליס־טישע, און אין איר פּסיכאָלאָגישן שורש — אַן אַנטי־סאָציאַליסטישע. די מלאכה פון גרויס־רוסישן נאַציאָנאַליזם קענען אין רוסישן עמיגראַציע־גלות די שארית הפּליטה פון די מאָנאַרכיסטן אַ סך בעסער פון קערענסקין. פון זייערע טריפהנע

מיילער קלינגען אַזעלכע רייד יעדנפֿאַלס „איבערצייגנדיקער", ווי פֿון קערענ־סקיס עקס־סאָציאַליסטיש מויל. די ישועה אין רוסלאַנד וועט נישט קומען פֿון קערענסקין און — מעג מען עס שוין זאָגן נאָך אַזוי פֿיל יאָרן? — נישט פֿון דער רוסישער עמיגראַציע בכלל. פֿאַר דער אומפֿאַרמיידלעכער פּאָליטישער ענדע־רונג אין רוסלאַנד מוזן, אונטער די שווידערלעכסטע באַדינגונגען, געבוירן ווערן און אויסרייפֿן זיך נייע כּוחות אויפֿן אָרט; אויף די סטעפּעס באַדעקט מיט קאָל־כאָזן, אין די פֿאַבריקן, צווישן דער יוגנט. די עמיגראַציע האָט פֿאַרלוירן דעם חוש פֿאַר רעאַליטעט און אין אַ גרויסער מאָס אויך פֿאַר ווערטן. ווער ווייסט, צי די פּאָליטישע עמיגראַנטן קענען נאָך האָבן אַ שפּראַך וואָס זאָל זיין פֿאַר־שטענדלעך דעם הייַנטיקן איינוווינער פֿונעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

און קערענסקי פּערזענלעך? איך בין נישט מחויב צו געבן עצות און קערענסקי גופא איז ווייט נישט גרייט זיי צו פֿרעגן ביי מיר. אָבער ווען ער וואָלט מיך וועלן פֿאָלגן, וואָלט איך אים פֿריינטלעך געראָטן, איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל פּועלן ביי זיך, אַז זיין פּאָליטישע „קאַריערע" האָט זיך שוין לאַנג געענדיקט; אַז קיין צווייטער שעת־הכּושר וועט שוין פֿאַר אים נישט קומען.

אָבער — ס'איז לייכט יענעם צו געבן אַזעלכע עצות. און אויב ס'איז אַ קלוגע עצה — איז וואָס? קערענסקי האָט איינמאָל אין לעבן פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון זיך פֿילן ווי דער אָפּגאָט פֿון מיליאָנען, קען ער יענעם טעם נישט פֿאַר־געסן. קוקט ער אויף די שטערן און פֿרעגט זיי: „ווען?"... די שטערן ענטפֿערן נישט, טייטשט ער אַריין אין זייער שווייגן אַ מיסטעריעזן יאָ. וואַרט ער, האָפֿט ער, גרייט ער זיך. ער האָט גענוג שׂכל צו פֿאַרשטיין, אַז ס'איז נישטאָ אויף וואָס צו וואַרטן, אויף וואָס צו האָפֿן, און צו וואָס זיך גרייטן. און דאָך: קינדער אין זייערע „מעיק־בעליוו"־האַנדלונגען האָבן אויך שׂכל און פֿאַרשטענדעניש פֿאַרווירקלעכקייט. דאָס שטערט זיי אָבער נישט אין דעם ערנסט פֿון זייער שפּיל.

קערענסקיס „פּאָליטיק" איז אויך אַ סאָרט פֿון „מעיק־בעליוו"־האַנדלונ־גען. ער איז אַ קינד, אַ קינד לעולם־ועד. פּסיכאָאַנאַליטיקער האָבן וועגן דעם עפּעס צו זאָגן. אָבער וואָס איז דער חילוק? קערענסקי איז אַ „פּאַציענט", וואָס איז גרייט אַראָפּצוואַרפֿן געוויסע דאָקטוירים פֿון אַלע טרעפּ. ס'איז אים ניחא צו זיין אַ נישט־אויסגעהיילטער. נעמט צו ביי אים זיין קראַנקייט — פֿון וואָס וועט ער דענסטמאָל לעבן? „געזונטקייט" איז אַמאָל צו אַ האַרטע נוס, און אַז מען צעבייסט זי שוין יאָ, האָט זי אַמאָל אַזאַ ביטערן טעם, אַז ס'איז שוין „גלייכער" אָנצוטאָן אויפֿן קאָפּ אַ פּאַפּירענע קרוין און וואַרטן אויפֿן טאָג ווען די הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות וועלן סוף־כּל־סוף דערקענען „זייער אחשורוש"...

1939.

מאַרק טוועין — אַן אַנטיסעמיט?

שוין גוטע עטלעכע חדשים אַז מען דערציילט מיר פון פאַרשידענע זייטן וועגן אַ קליינער בראָשור, אָנגעפּיקעוועט מיט ציטאַטן פון מאַרק טוועין, וואָס ווערט פאַרשפּרייט צווישן אַמעריקאַנער עולם דורך אַ געוויסער אַנטיסעמיטישער אָרגאַניזאַציע.

צוריק מיט אַ יאָר דריי אָדער פיר דערמאָן איך זיך, האָבן די שונאי־ישראל־העצער צירקולירט אין אַ סך טויזנטער עקזעמפּלאַרן אַן אַנטיסעמיטישע רעדע, וואָס בענדזשאַמין פרענקלין זאָל האָבן אַמאָל געהאַלטן אין פילאַדעלפיע. דער פרענקלין־פּאַמפלעט האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, און אַ צאָל נידערטרעכטיקע אַנטיסעמיטישע פראַזן, נבואות און וואָרענונגען, וואָס מ׳האָט אים אומפאַרשעמט אַריינגעלייגט אין מויל, האָבן זיך אין אַ קורצער צייט פאַרשפּרייט איבערן לאַנד ווי אַ ווילד פייער. עס קומט אַ דאַנק פּראָפעסאָר בירד, וואָס ער האָט אויפגעדעקט פאַר דער עפנטלעכקייט דעם פרענקלין־שווינדל. איינער פון די גרעסטע ספּעציאַליסטן אין אַמעריקאַנער געשיכטע און אַ בקי אין „פרענקליאַנאַ” — האָט ער מיט זיין אויטאָריטעט דערקלערט, אַז אַזאַ רעדע איז קיינמאָל נישט געהאַלטן געוואָרן. אים איז נישט געווען שווער צו באַווייזן, אַז די אַנאָנימע מחברים פון דער רעדע זענען נישט נאָר ליגנער און פעלשער, נאָר אויך ווילדע עם־הארצים: פרענקלין נוצט ביי זיי ווערטער און אויסדרוקן, וועגן וועלכע קיין איינציקער ענגליש־רעדנדיקער מענטש פון זיין צייט האָט נישט געקענט וויסן. האָבן אונדזערע היגע אַנטיסעמיטן אַראָפּגענומען פרענקלינען פונעם סדר־היום (אין דייטשלאַנד מאַכט מען זיך נאָך אַלץ נישט־וויסנדיק פון בירדס עקספּערטיזע און ביזן היינטיקן טאָג נוצט מען נאָך דאָרט די פרענקלין־פאַבריקאַציע אַלס אַ באַווייז אַז „דער גרעסטער אַמעריקאַנער” איז געווען אַן אַנטיסעמיט) און זיך גענומען איצטער צו מאַרק טוועין.

אַז דער אַמעריקאַנער הומאָריסט האָט אַמאָל אָנגעשריבן אַ לענגערן אַרטיקל וועגן דער ייִדן־פראַגע, האָב איך געוווּסט פון לאַנג; אָבער מיר איז קיינמאָל נישט אויסגעקומען יענע אָפּהאַנדלונג צו זען. אין דער אויסגאַבע פון טוועינס געזאַמלטע שריפטן, וואָס האָט זיך אַמאָל געפונען אין מיין ביבליאָטעק, איז יענער אַרטיקל נישט אַריינגענומען געוואָרן. אָבער דער האַרפּער־פאַרלאַג אין ניו־יאָרק, ווי איך האָב נאָכדעם אויסגעפונען, האָט נאָך צוריק מיט אַ יאָר געהאַלטן פאַר נייטיק און צייטמעסיק אַרויסצוגעבן אין אַ באַזונדער

ביכל וואָס טווען האָט געשריבן וועגן ייִדן צוריק מיט פערציק יאָר.* די פּאָר־לעגער מיינען, ווי זיי זאָגן אין זייער קורצער הקדמה, אַז דער אינהאַלט פונעם אַרטיקל קען אַנגעווענדט ווערן אויף די געשעענישן פון אונדזערע טעג און אַז „אַ חוץ אַזעלכע מאַטעריאַלן ווי סטאַטיסטיק, וואָלט ער גיכער געדאַרפט אָנ־געשריבן ווערן אין 1934 איידער אין 1898”. האָב איך גענומען דאָס האַרפּער־ביכל אין די הענט מיט אַ געפיל פון אומאַנגענעמער דערוואַרטונג: איז אויך מאַרק טווען „געכאַפּט אין דער מעשה?” נישט וואָס איך האָב מורא געהאַט פאַר אַ שווערער פּערזענלעכער אַנטוישונג. אויב איך האָב „איבערגעלעבט” דאָסטאָיעווסקיס אַנטיסעמיטישע נכפה־קאָנוווּלסיעס און טאָלסטאָיס לאַנג־יאָ־ריקן „נישט האָבן קיין צייט” זיך אָפּצורופן אויף דער ייִדישער לאַגע אין רוס־לאַנד — ווי אויך די פּאָר קאָמפּלימענטן וואָס ער האָט אונדז צוגעטיילט דורך פּאָזדנישעוון אין זיין „קרייצער סאָנאַטאַ”, — וואָלט איך שוין קיין קריעה נישט געריסן ווען איך געפין אויס, אַז אויך דער גוטמוטיקער פּראָווינציאַל פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור איז נישט געווען צופיל פאַרליבט אין אונדז. סוף־כל־סוף, האָב איך צו זיך געזאָגט איידער כ׳האָב זיך גענומען לייענען דאָס ביכל, האָב איך אין מיין פּריוואַטן פּאַנטעאָן טווענס סקולפּטור נישט אַריינ־געשטעלט. איך בין לחלוטין פריי פון וועלכע נישט איז אתה־בחרתנו־געפילן צו דער נייער ייִדישער ליטעראַטור, אָבער איך האָב זיך שטענדיק געפילט שאָקירט ווען אנשי־שלומנו האָבן געוואָלט „אַרויפאַרבעטן” שלום־עליכמען און האָבן אים צוגעגעבן דעם גאָרנישט־זאָגנדיקן טיטל פון „אונדזער ייִדישער מאַרק טווען”. ביי מיר פּערזענלעך וועט מען אָסור פועלן, איך זאָל מסכים זיין צו באַטיטלען מאַרק טווענען „דער אַמעריקאַנער שלום־עליכם”. אויב עמעצער פון זיי ביידע איז גייסטיק און קינסטלעריש „פון קאַסרילעווקע”, איז עס גיכער מאַרק טווען איידער שלום־עליכם: שלום־עליכם האָט דורך קאַסרילעווקע גע־זען די וועלט, מאַרק טווען האָט דורך דער וועלט געזען — מיזורי. פון די קינדער־יאָרן איז מיר פאַרבליבן אַ געוויסע דאַנקבאַרקייט צו מאַרק טווען פאַר זיין „פּרינץ און בעטלער”, פון שפּעטערע יאָרן — פאַר זיין טאָם סאָיער, אָבער... כ׳האָב שוין געזען אַנדערע, געבענטשטערע פון אים, מיט ברייטערע האָריזאָנטן, מיט אַ טיפערן הומאַניסטישן שורש־נשמה, וואָס האָבן זיך אויך נישט געקענט באַפרייען פונעם „קראָמיע־יעווריעוו”־הויקער. אָבער רייך־ליטעראַרישע אָפּשאַצונגען אָן אַ זייט: מאַרק טווען איז נאָך ביז היינט איינער פון די אַממערסטן געלייענט אַמעריקאַנער שרייבער פונעם פריִערדיקן דור;

* Concerning the Jews, by Mark Twain. Harper and Brothers, Publishers, N. Y. and London.

אַ שרייבער וועמען מען פאַרשטייט און מ'האָט ליב. ער האָט נאָך — און דאָס איז אפשר דער עיקר, ווען מען טראַכט וועגן השפּעה — אַן אומגעהויער גרויס קינדער־פּובליקום. וואָס עס בלייבט ביי האַי־סקול־יינגלעך און מיידלעך פון מילטאָן און שעקספּיר, ווייס איך נישט; אָבער פון דיקענסן בלייבט נאָך אַלץ זייער פיל, און (ספּעציעל אין אַמעריקע) פון מאַרק טווייגען — נאָך מערער. אַן אַנטיסעמיטישע אָפּהאַנדלונג פון אַ פּאָפּולערן און באַליבטן שרייבער איז, אין אַ באַשטימטער סאָציאַלער טעמפּעראַטור, אַזאַ סכנה, אַז ס'איז דאָ פון וואָס אַלאַרמירט צו ווערן.

אָבער איז מאַרק טווענס אָפּהאַנדלונג אַן אַנטיסעמיטישע?

דער שרייבער אַליין זאָגט אויף זיך, אַז ער איז אינגאַנצן פריי פון וועלכע נישט איז פאַראורטיילן קעגן יידן: „וואָלט איך אַזעלכע פאַראורטיילן געהאָט — וואָלט איך געהאַלטן פאַר מיין חוב איבערצולאָזן דעם דאָזיקן קעגנשטאַנד צו אַ פּערזאָן, וואָס איז אין דעם פּרט נישט פאַרקריפּלט. צוריק מיט עטלעכע יאָר האָט מיר אַ ייד געמאַכט אויפמערקזאַם אויפן פאַקט, אַז אין מיינע ביכער זענען נישט פאַראַן קיין אומפריינטלעכע רעפערענצן צו זיין פאָלק. ער האָט מיך געפרעגט, מיט וואָס דאָס דערקלערט זיך. די סיבה איז אַ פשוטע: עס האָט מיר געפעלט יענע נייגונג („דיספּאָזיציע"). איך בין זיכער, אַז איך האָב נישט קיין ראַסן־פאַראורטיילן אויך קעגן „קאָליר", קעגן קאַסטעס אָדער אמונות".

און ווייל ער איז זיך נישט חושד, אַז ער געפינט זיך אונטער דער השפּעה פון פאַרויס־אָנגענומענע מיינונגען אָדער אורטיילן, האַלט ער זיך פאַר באַרעכטיקט צו רעדן אויך וועגן יידן פראַנק און פריי; אויסרעכענען זייערע מעלות און זייערע חסרונות און אַוועקשטעלן איינע קעגן די אַנדערע.

וואָס זענען אונדזערע מעלות? די יידישע מידות טובות וואָס ער רעכנט אויס, קלינגען אין מיינע אויערן ווי קאָמפּלימענטן פון אַ פּאָליציי־באַאַמטן אָדער אַ פּראָקוראָר:

„דער ייד איז אין ערגעץ נישט קיין רו־שטערער. אַפילו זיינע שונאים מוזן דאָס צוגעבן. ער איז נישט קיין ליידיקגייער, נישט קיין שיכור, נישט קיין טומלער (פון ווען אָן?), נישט קיין יאַבעדניק, נישט קיין סקאַנדאַליסט, נישט קיין קריגערייזוכער. אין דער סטאַטיסטיק פון פאַרברעכנס באַגעגנט מען אים זייער זעלטן — אין אַלע לענדער. מיט מאָרד און אַנדערע פאַרברעכנס, פאַר וועלכע מען נוצט געוואַלט, האָט ער וויניק צו טאָן: דער תליון איז מיט אים נישט באַקאַנט. אין די לאַנגע, טעגלעכע רשימות פון די פּאָליציי־געריכטן, וואָס רעכענען אויס שלעגערס, שיכורים און פרידן־שטערער, זעט מען זעלטן אַ יידישן נאָמען. אַז די יידישע היים איז אַ היים אין דעם העכסטן זין פון וואָרט איז אַ פאַקט, וואָס קיינער קען נישט אָפּלייקענען... דער ייד פאַלט נישט צו־

לאַסט אויף די צדקה־אינסטיטוציעס פון דער מלוכה אָדער פון דער שטאָט; יענע אינסטיטוציעס וואָלטן געקענט אויפהערן צו פונקציאָנירן און ער זאָל עס אַפילו נישט פילן. ווען ער איז געזונט, אַרבעט ער; איז ער קראַנק, זאָרגן זיך פאַר אים זיינע פאָלקס־ברידער. דאָס ווערט געטאָן נישט אויף אַ קמצנישן אופן, נאָר מיט אַן אָפן האַרץ און אַ ברייטע האַנט. זיין ראַסע האָט אַ רעכט אויפן טיטל פון דער סאַמע וווילטעטיקסטער צווישן אַלע מענטשלעכע ראַסן. אַ יידישער בעטלער איז, דוכט זיך מיר, גאָר אַן אוממעגלעכקייט; אַזאַ זאַך עקזיסטירט אפשר — אָבער עס זענען פאַראַן וויניק מענטשן, וואָס קענען זאָגן, אַז זיי האָבן געזען אַזאַ ספעקטאַקל. דער ייד איז רעפּרעזענטירט געוואָרן אויף דער סצענע אין פאַרשיידענע אומאַנגענעמע פאָרמען; אָבער, אויף וויפל איך ווייס, האָט אים קיין איין דראַמאַטורג נישט געטאָן די עוולה פון פאָרשטעלן אים אַלס אַ בעטלער. ווען אַ ייד מוז באמת אָנקומען צו יענעם, ראַטעווען אים זיינע פאָלקס־ברידער פון דער נויטווענדיקייט דאָס צו טאָן. די יידישע צדקה־אַנשטאַלטן ווערן אויס־געהאַלטן פון יידיש געלט בשפע. די יידן מאַכן פון דעם נישט קיין טומל; עס ווערט געטאָן אין דער שטיל; זיי באַלעסטיקן אונדז נישט, באַאומרויִקן אונדז נישט, לייגן זיך אויף אונדז נישט אָן, מיר זאָלן בייטראָגן צו זייער פילאַנטראָ־פּיע. זיי זאָלן צורו אונדז און ווייזן אונדז אַ ביישפּיל, וועלכן מיר האָבן זיך נישט אַרויסגעוויזן פאַר פעיִק נאָכצופאָלגן. ווייל פון דער נאַטור זענען מיר נישט קיין פרייע געבערס, און מען מוז אונדז עקשנותדיק און געדולדיק נאָכלויפן, כדי עפּעס צו קריגן פון אונדז פאַר די אומגליקלעכע".

בקיצור, אין אַ געוויסן זין לוינט זיך צו האָבן יידישע שכנים: זיי טשע־פּען קיינעם נישט און זייער שכנות קאָסט כמעט גאָרנישט. און טאָמער זענען אונדז וויניק די אויסגערעכנטע מעלות, איז טווען גרייט צוצוגעבן נאָך עפּעס: וואָס ס'איז שייך ערלעכקייט זענען מיר נישט ערגער פאַרן נישט־יידישן דורכ־שניט. דער באַווייז פון אונדזער ערלעכקייט ליגט פאַר אים אין דעם פאַקט, וואָס צווישן אונדז זענען פאַראַן אַזוי פיל דערפאָלגרייכע סוחרים. „דער יסוד פון דערפאָלג אין מסחר איז אָרנטלעכקייט; אַ געשעפט קען נישט גיין גוט ווען עס איז נישטאָ צו אים קיין צוטרוי. אין דער ריזיקער באַפעלקערונג פון ניו־יאָרק זענען יידן אַ שוואַכע צאָל; אָבער אַז יידישע אָרנטלעכקייט איז אַן אָנער־קענט פאַקט קען מען זען דערפון וואָס די גרויסע האָלסעיל־געשעפטן אויף בראָדוויי, פון דער בעטערי ביז יוניאָן סקווער, זענען הויפּטזעכלעך אין יידישע הענט".

נאָך אַזוי פיל קאָמפּלימענטן מעג שוין טווען איבערגיין צו יידישע חסרו־נות אָן דער ריזיקע פאַררעכנט צו ווערן, חס וחלילה, פאַר אַן אַנטיסעמיט. דער ייד האָט אַ שלעכטן שם (און טווען זאָגט נישט, אַז דאָס איז אַן אומפאַרדינטע

דעפּוטאַציע) פאַר פאַרשידענע פאָרמען פון קליין־שווינדל, פאַר לייען געלט אויף אַ הויכן פּראָצענט, פאַר מאַכן שריפות, כדי אַרויסצוקריגן געלט פון די פאַרזיכערונג־געזעלשאַפטן; פאַר „אַראַנזשירן כיטרע קאָנטראַקטן אַזוי, אַז פאַר אים זאָל די טיר בלייבן אָפן און דער אַנדערער זאָל ווערן פאַרשפּאַרט", פאַר דורכגעטריבנקייט, וואָס גיט אים די מעגלעכקייט צו בלייבן „באַקוועם און זי־כער" און געשיצט פונעם אות פון געזעץ, בשעת דאָס געריכט און די דזשורי ווייסן גאַנץ גוט אַז ער האָט באַוווּסטזיניק דעם גייסט פונעם געזעץ. דער ייִד איז אַ פּעיִקער און לאָיאַלער באַאַמטער אין „סיוויל סערוויס" (אַ מעלה וואָס טוועין האָט פריִער פאַרגעסן אַריינצורעכענען אין דער רשימה פון קאָמפּלימענטן), אָבער פון דער אַנדערער זייט „ווערט ער באַשולדיקט אין נישט פאַרמאָגן די פּאַטריאָטישע גרייטקייט צו באַשיצן די פאָן אַלס סאָלדאַט" — אַ חסרון, וואָס אין טוועינס אויגן שטעלט עס אים אין איין שורה מיט די קריסטלעכע קוועי־קערס.

וואָס־זשע איז דער פּועל־יוצא? וואָס פאַר אַן אַלגעמיין בילד קריגט מען פון דעם ייִד, ווען מען לייגט אַוועק אויף איין וואָגשאָל זיינע מעלות און אויף דער אַנדערער וואָגשאָל זיינע חסרונות? טוועין מאַכט אַליין דעם חשבון און ער קומט צום אויספיר, אַז „דער קריסט קען זיך נישט באַטראַכטן פאַר העכער פונעם ייִד, אויף וויפל עס האַנדלט זיך וועגן — גוד סיטיזענשיפּ".

וואָלט ער זיך דאָ אָפּגעשטעלט, וואָלט זיין אָפּהאַנדלונג געווען איינע פון די הונדערטער אָדער טויזנטער באַנאַלע שריפטן וועגן דער ייִדן־פראַגע, וואָס קענען קיינעם קיין שאָדן נישט ברענגען און זענען אפשר מסוגל צו באַרויִקן דעם דורכשניטלעכן אַמעריקאַנער, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט ספיקות וועגן דעם ווען פון זיינע ייִדישע שכנים. אַ מעלה אַרויף, אַ מעלה אַראָפּ, וויי־ניקער אַ חסרון צי מערער אַ חסרון — וויכטיק איז דער אַלגעמיינער פּועל־יוצא. עס זענען פאַראַן ביי אים געוויסע שבחים וואָס לאָזן זיך בפירוש אָפּפרעגן. טוועין האָט קיין ייִדישע לייִדיקגייער נישט געזען, איך האָב פון זיי געזען אַ סך. ייִדישע בעטלער זענען גאָר נישט אַזאַ יקר־המציאות, ווי טוועין שטעלט זיך פאָר (מיר ווייסן בעסער). זיין גאַנצע סאָציאָלאָגיע פון ייִדנטום שטיצט זיך בלויז אויף זיינע אייגענע, גאַנץ באַגרענעצטע, באַאָבאַכטונגען, באַגעגענישן אָדער נישט־באַגעגענישן. די גאַנצע באַגייסטערונג זיינע פאַר אַ פאָלק, וואָס האָט נישט קיין מענטשן וועלכע שטרעקן אויס די האַנט מ'זאָל זיי עפּעס געבן, שמעקט בכלל מיט דער פּסיכאָלאָגיע פונעם אַמאָליקן האַרטן און פאַרהאַרטעוועטן אַמע־ריקאַנער פאַרמער וואָס קוקט אויף אַ היימלאָזן אָרעמאַן נישט נאָר ווי אויף אַ לאָ־יוצלח, נאָר אויך ווי אויף אַ פאַרברעכער. אָבער דאָס אַלץ איז פּראַגמאַטיש נישט וויכטיק. מען וואָלט געקענט אויסרעכענען אָדער אונטערשטרייכן אַנ־

דערע ייִדישע מעלות, ווי אויך אַנדערע ייִדישע חסרונות — און דאָך קומען צו דעם זעלבן סך־הכל, וואָס טווען האָט געמאַכט.

האָט זיך אָבער דעם אַמעריקאַנער הומאָריסט פּאַרוואַלט זיין אויך אַ היס־טאָריקער, אַן עקאָנאָמיסט, אַ סטאַטיסטיקער און אַ פעלקער־פּסיכאָלאָג. איז ער דערביי געווען צו נאַיוו און צופיל דער היפוך פון אַ געלערנטן, כדי צו פאַרשטיין אַז ער איז פאַר אַזאַ אַרבעט פּשוט נישט דערוואַקסן. די זעלבע נאַי־וויטעט, נישט צום מוחל זיין, האָט ער דאָך אַרויסגעוויזן אין זיין משונהדיקן, פול מיט קוריאָזן „פילאָסאָפישן" ווערק — „וואָס איז דער מענטש" („וואָט איז מען"). ער האָט ביי זיך געפּועלט, אַז מ'מעג נישט קענען נישט פּלאַטאָנען און נישט ספּינאָזאַן, נישט קאַנטן און נישט אַפילו הערבערט ספּענסערן (לודוויג לוזאָן האָט אויסגעפונען, אַז ער האָט זיך נישט גענומען די טירחה צו באַקענען אַפילו מיט עמערסאָנען) און דאָך „פילאָסאָפירן": אויפן גרונט פון צופעליקע באַאָבאַכטונגען און איינדרוקן, געשפּייזט פון יענעם פאַרדעכטיקן קוואַל וואָס הייסט „קאָמאָן סענס" און אפשר נאָך פון אַ פּאָר דרשות, וואָס ער האָט אַמאָל מיט קעלבערנער התפּעלות געהערט פון אַזאַ פלאַכקאָפּ ווי באָב אינגערסאָל.

לאָזט ער זיך ווייטער ווילגיין מיט ווולגאַר־אַמוזירנדיקע בויך־סברות, נעמט ער זיך אונטער צו באַווייזן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם ציט זיין הויפּט־יניקה נישט פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם (שנאה צו ייִדן האָט דאָך עקזיסטירט נאָך פאַר דער אַנטשטייונג פון קריסטנטום), נאָר פון דער ייִדישער האַלדז־שניידנדיקער קאָנקורענץ אינעם עקאָנאָמישן לעבן; פון ייִדישער געלט־גירי־קייט און פון די אומהיימלעכע ייִדישע „טאַלאַנטן" איבערצוכיטרעווען און צו עקספּלואַטירן די גאַנצע וועלט (ווהין עס איז מיט אַמאָל פאַרשוווּנדן געוואָרן די ייִדישע אָרנטלעכקייט, וועלכע ער האָט פריִער דעמאָנסטרירט דורך די האַלסעיל־געשעפטן, וואָס ציִען זיך פון דער בעטערי ביז צו יוניאָן סקווער, איז שווער צו זאָגן). און בעת טווען וויל אילוסטרירן זיין טעזע, געפינט ער נישט קיין אַנדער וועג ווי נעמען די מכירת־יוסף־לעגענדע און זי פאַרשוועכן. יוסף ווערט ביי אים פאַרוואַנדלט אין אַ פּיפיקן עמיגראַנט, וואָס האָט אין אַ פּרעמד לאַנד זיך אויפגעבויט אַ ריזיק פאַרמעגן דורך אַ גרויסער ספּעקולאַ־ציע. ער האָט אין די זאַטע יאָרן אין מצרים איינגעקויפט תבואה פאַר אַ שיבוש און זי נישט אַרויסגעלאָזט אויפן מאַרק ביז עס זענען אָנגעקומען די זיבן מאַגערע יאָרן, וועלכע ער האָט מיט זיין ספּעקולאַטיוון געניוס פאַראויסגעזען. ווען דער הונגער איז אָנגעקומען, האָט ער בוכשטעבלעך געשונדן די הויט פון די אָרעמע מצרים: „ער האָט אָפּעריִרט מיט הונדערטער מיליאָנען דאָלאַרס. און דער אומגליק איז געווען אַזוי פאַרניכטנדיק, אַז זיין עפעקט איז נאָך נישט אינגאַנצן אָפּגעווישט געוואָרן פון מצרים ביזן היינטיקן טאָג, נאָך העכער פון

דריי טויזנט יאָר". אויב עס איז נאָך היינט פֿאַראַן אָרעמקייט און דחקות אין מצרים, דאַרף מען עס, הייסט עס, אין אַ געוויסער מאָס פֿאַררעכענען אויפֿן חשבון פון יענער קאָלאָסאַלער ספּעקולאַציע, וואָס דער „אויסלענדישער ייִד", יוסף בן יעקב, האָט דורכגעפירט אין דעם לאַנד פון די פּרעהס. מיט קיין איין וואָרט ווערן אין דער אילוסטראַציע נישט דערמאָנט די פיל טויזנטער ייִדישע קנעכט וואָס האָבן אויסגעבויט אין מצרים פּיתום און רעמסס (האָבן זיי עפּעס צוגעטראָגן צום רייכטום פונעם לאַנד?). נאָר דער גאַנצער פּעריאָד פון ייִדישן לעבן אין מצרים, וועגן וועלכן טוועין רעדט מיט אַזוי פיל זיכערקייט — ווי ער וואָלט דערציילט וועגן אַ פֿאַקט וואָס האָט זיך ערשט נעכטן אָפּגעשפּילט פֿאַר זיינע אויגן אין אַ מיסיסיפּי־שטעטל — באַשטייט בלויז פון יוספס גרויסן און ברוטאַלן „שווינדל". אָט פון וואָס, דאַרף עס הייסן, ייִדן האָבן אָנגעהויבן זייער עקאָנאָמישע טעטיקייט צווישן די אומות העולם. פון דענסטמאָל אָן האָט די וועלט מורא פֿאַר ייִדישע פֿעיִקייטן און פון יענער מורא נעמען זיך אַלע אומ־פֿריינטלעכקייטן און אַלע רדיפות קעגן ייִדן. בערך די זעלבע ראָלע, לייענען מיר ביי טוועינען, האָבן ייִדן שפּעטער געשפּילט אין אַ סך לענדער. אין דעם לאַנגווייליקן און עם־האַרצישן ענגלאַנד פון דזשאָנס צייטן איז יעדער געוועזן שולדיק געלט די ייִדן. די חובות זענען שוין געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט שוין נישט געקענט האָפן ווען עס איז זיי אָפּצוצאָלן. דאָס איינציקע מיטל ווי אָפּצווישן די חובות און זיך אומקערן צו אַ מער אָדער ווייניקער נאָרמאַלן עקאָנאָמישן לעבן איז געווען גירוש: האָט מען טאַקע די ייִדן פֿאַרטריבן פון ענגלאַנד. צוליב דער זעלבער סיבה האָט מען די ייִדן אַרויסגעטריבן פון שפּאַניע, און אין רוסלאַנד האָט מען געמוזט באַגרענעצן די רעכט פון ייִדן, ווייל דער פּויער און דער שטעטלדיקער נישט־ייִד האָט דאָרט נישט געקענט „אויס־האַלטן" די סוחרישע פֿעיִקייטן פון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג: „דער ייִד (אין רוסלאַנד) איז שטענדיק געווען גרייט צו לייען געלט אויף דער געררעטעניש און צו פֿאַרקויפֿן וואָדקאַ און אַנדערע לעבנס־מיטלען אויף קרעדיט ביז די געררעטעניש וועט פֿאַרטיק ווערן; אַז דער טערמין פון באַצאָלן איז אָנגעקומען, איז ער געוואָרן דער בעל־הבית אויף דער תבואה; אַ יאָר שפּעטער איז ער שוין געווען דער בעל־הבית פון דער פֿאַרם, ווי יוסף אין מצרים" (מאַרק טוועין האָט זיך נישט גענומען די טירחה אַריינצוקוקן, לכל־הפּחות, אין אַ רעפֿערענץ־בוך, כדי אויסצוגעפינען, וויפל פֿאַרמס עס זענען אין צאַרישן רוסלאַנד איבערגע־גאַנגען אויף אַזאַ אופן אין ייִדישע הענט; דאָס וויסן אַזאַ קליינקייט, אַז לויט צאַרישע געזעצן האָט אַ ייִד בכלל נישט געקענט זיין קיין באָדן־באַזיצער, האָט ער אויך, ווייזט אויס, געהאַלטן נידעריקער פֿאַר זיין כבוד). נאָר אויב אונדז איז ווייניק מצרים, שפּאַניע, ענגלאַנד, רוסלאַנד און דייטשלאַנד (ווו די ייִדן,

ווי טווען דערציילט, האָבן אַ דאַנק זייערע אויסערגעוויינטלעכע פעיִקייטן פאַר־באַפּט אין זייערע הענט כמעט אַלע ליבעראַלע פּראָפעסיעס), גיט ער אונדז אַרויס אויך אַ פיינעם דיפּלאָם פאַר אונדזערע מעשים טובים אין אַמעריקע גופא. „דער ייִד" — נישט אַ געוויסע צאָל ייִדן, נאָר דער ייִד — האָט גע־עפנט קראַמען נאָענט צו די פּלאַנטאַציעס, האָט צוגעשטעלט דעם נעגער אַלע זיינע הצטרכותן אויף קרעדיט, און צום סוף פונעם סעזאָן איז ער געווען דער אייגנטימער פון נעגערס חלק אין דער פּאַרטיקער גערעטעניש און פון אַ טייל פון זיין חלק אין דער קומענדיקער גערעטעניש. מיט דער צייט האָבן די ווייסע אָנגעהויבן פיינט צו האָבן דעם ייִד און עס איז אַ ספק צי דער נעגער האָט אים ליב". קיין איין און איינציק וואָרט וועגן דער ראָלע פונעם נישט־ייִדישן „ווייסן" אין דער דור־דורות־לאַנגער עקספּלואַטאַציע פון דער נעגער־באַפעל־קערונג אין אַמעריקע; דער ווייסער אַמעריקאַנער (באַזונדערס אין דער סאַוט) איז אַזאַ בעל־מידות און, כידוע, אַזאַ בעל־רחמים, אַז ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן ווי „דער ייִד" באַהאַנדלט דעם נעגער, און — אויס דיין אַלטרויִס־טישע מאָטיוון — איז ער „דעם ייִד" געוואָרן אַ שונא.

אָבער גענוג. עס לוינט נישט מער צו ציטירן. עס זענען פאַראַן אין דעם קליינעם ביכל גענוג שטעלן, וואָס וואָלטן זיך הייגט אַריינגעפּאַסט אין פּאָדער קאָגלינס „אַרגומענטאַציע". און פרעגט נישט טוועינען, ווו עס ליגט די ליי־זונג פון דער ייִדן־פראַגע. זיין מורא פאַר ייִדן, וועלכע ער קען, מיט אַלע זיינע באַמיִונגען נישט פאַרמאַסקירן, האָט אים פאַרפירט אַזוי ווייט, אַז ער שרעקט זיך אויך פאַרן ציוניזם. „איך בין נישט", שרייבט ער, „דער סולטאַן און איך פּראָטעסטיר נישט (קעגן דעם פּלאַן צו באַזעצן ייִדן אין ארץ־ישראל אַלס אַ קאָמפּאַקטע מאַסע); אָבער אויב אַזאַ קאָנצענטראַציע פון די געשליפנסטע מוחות אין דער וועלט וואָלט געדאַרפט פאַרקומען אין אַ פרייִ לאַנד, וואָלט מען עס געדאַרפט, דענק איך, אָפּשטעלן. עס וועט זיין נישט גוט צו לאָזן יענע ראַסע אויסצוגעפינען איר אייגענע קראַפט". מורא פאַר ייִדן ווען זיי זענען צעזייט און צעשפּרייט, נאָך אַ גרעסערע מורא פאַר זיי, אויב זיי וועלן האָבן אַן אייגן לאַנד. די לעצטע מורא טיילט מאַרק טווען מיט דעם „קולטור־פילאָסאָף" פון דעם איצטיקן נאַצי־דייטשלאַנד, מיט אַלפרעד ראָזענבערגן...

***

פון די אַלע עם־הארצישע עקסקורסיעס אין פּסיכאָלאָגיע, עקאָנאָמיק און געשיכטע וואָלט דאָך טווען געדאַרפט מאַכן געוויסע פּראַקטישע אויספירן וועגן דעם ווי אַזוי די נישט־ייִדישע וועלט זאָל זיך איצטער שיצן און פאַרטיידיקן קעגן ייִדן. עס איז אָבער מערווירדיק, אַז ווען עס קומט צו פּראַקטישע פּועל־

יוצאס פאַרגעסט ער אַן גוייִשע צרות און האָט אין זינען בלויז די סכנות פון אַנטיסעמיטיזם פאַר ייִדן. גיט ער ייִדן אַן עצה, אַז היות מען האָט זיי היינט נישט ליב און מען וועט זיי מאָרגן אויך נישט ליב האָבן, זאָלן זיי זיך באַזייטנס אָרגאַניזירן און נעמען אַ זעלבסטשטענדיקן, נאַציאָנאַלן אַנטייל אין פּאָליטישן לעבן פון די לענדער, ווו זיי געפינען זיך. אינדיווידועל קענען זיי לייכט צע־ריבן ווערן, אַלס אַ בלאָק קענען זיי זיך ווערן. זאָלן זיי אַרויסשטעלן אייגענע קאַנדידאַטן פאַר פּאָליטישע אַמטן, שטימען פאַר זייערס אַן אייגענער רשימה און דעראָבערן אַ טייל פון דער מאַכט אין דער מלוכה־מאַשין אַלס פאָלק; און טאָמער פאַרמאָגן זיי נישט גענוג פעיִקייטן פאַר אַזאַ פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע (גראָד דאָ ווערפן זיך אויס אַלע ייִדישע טאַלאַנטן), זאָלן זיי — גיט אונדז טוויין אַן עצה טובה — זיך ווענדן צו די אירלענדער. יענע קענען די מלאכה און זיי וועלן זי אויך אויסלערנען צו די ייִדן...

ווילט זיך זאָגן אַ פאַרשפּעטיקטן דאַנק מאַרק טוועינען פאַר זיין זאָרגן־זיך פאַר אונדז און פאַר אונדזער צוקונפט. סוף־כל־סוף האָט ער דאָך געלאָזט די איבעריקע וועלט „אויף הפקר”, און אָנשטאָט צו געבן עצות נישט־ייִדן איז ער געקומען צו אונדז מיט אַ קלוגער עצה. ער האָט זיך אָבער אויך אין דעם פונקט געלאָזט צופיל ווילגיין; ווייל אויב די מורא פאַר ייִדן איז דער מקור פון אַנטיסעמיטיזם — און יענע מורא, ווי מען קען זען פון זיינע אייגענע אי־לוסטראַציעס, איז אַ באַרעכטיקטע — וועט מען דאָך פאָרן אָרגאַניזירטן ייִדישן כלל, וואָס וויל אַלס אַזעלכער קריגן אַ חלק אין דער מלוכה־מאַשין, אַ סך מערער מורא האָבן און אַ סך באַרעכטיקטער ווי פאַר יעדן ייִדן באַזונדער. דער אַנטיסעמיטיזם וועט דאָ צוליב דעם מוזן ווערן נאָך שטאַרקער, ווי ער איז ווען עס איז געווען! ווען טוויין וואָלט זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן דין־וחשבון וועגן דעם וועזן פון זיין אייגענעם, מ׳שטיינס געזאָגט, אַנאַליז — וואָלט ער אַליין געקענט תופס זיין, אַז ער ראָט ייִדן צו גיסן בוימל אויף אַ פייער, וואָס איז שוין אַזוי אויך גענוג העליש.

אָבער פּאָלעמיזירן וועגן דעם ענין מיט טוועינען הייסט: אַליין אַריינ־פאַלן אין אַ צושטאַנד פון מאָדנער תמימות. די גאַנצע שריפט זיינע וועגן דער ייִדנפראַגע איז אַ לויזער, סטיללאָזער אויסגוס פון אַ פּראָווינציעלן, אומגע־בילדעטן און קינדעריש־קליינשטעטלדיק־דענקנדיקן אַמעריקאַנער — אַ קאָמ־בינאַציע פון אויבערפלעכלעכער גוטמוטיקייט מיט אַלע סאָציאַלע און נאַציאָ־נאַלע פאַראורטיילן פון אַ „גוי פון אַ גאַנץ יאָר”. צו טראַגישער וועלט־פּראָבלעם איז מאַרק טוועין צוגעגאַנגען מיט דער „איינשטעלונג” פון אַ ווילי־ונגערישן רעפּאָרטער (ער איז נישט צופעליק געווען אויך אין דער פּראַפּעסיע) — אָן דעם בייטיקן וויסן און אָן דעם עמאָציאָנעלן דרך־ארץ פאַר מענטשלעכע יסו־

רים און מענטשלעכע חטאים. די גאַנצע שריפט מאַכט דעם איינדרוק פון אַ לויזן, אומפאַראַנטוואָרטלעכן שמועס נאָך אַ זאַטן מיטאָג, ביי אַ גלעזל וויין — מיט וועלכן מאַרק טווען פלעגט צוזינדיקן ווען ער האָט זיך נישט געפונען אונטער דער פוריטאַנישער השגחה פון מאַדאַם קלעמענס (זיין פרוי). ווען איך וואָלט אים וועלן „אַפּצאָלן" מיט אַ שטיקל רכילות פאַר די גאַנצע צעבערס לשון־הרע, וואָס ער האָט אויסגעגאָסן אין זיין קליין און נאַריש מסכתאלע, וואָלט איך געקאָנט דערמאָנען, אַז זי איז געשריבן געוואָרן אין ווין, ווו ער איז אַ לענגערע צייט געווען אַליין און זיך געקענט נאָכגעבן אַלע יצר־הרעס, אויף וועלכע מאַדאַם קלעמענס האָט אין דערהיים געהאַט אַ גרויסע שליטה. אָבער נאָך וואָס? מען מוז נישט דווקא זיין שיכור, כדי נאָכצודרשענען די „תורות" פון „טרעווולינג סיילסמען"; כדי איינצוזאַפּן אין זיך אַביסל „סאָציאָלאָגיע" פון ווינער אַנטיסעמיטן, מיט וועלכע ער איז מסתמא געקומען אין באַרירונג, אָדער, כדי בכלל צו זיין לייכטזיניק און איבערפלעכלעך. מען קען זיין פולשטענדיק ניכטער און דאָך אַרויספּלאַפּלען מיט דער צונג אַלץ וואָס „ס'איז אויף דער לינג". און אויף מאַרק טווענס „לונג" איז געווען געגנוג פון דעם שטאָף, וואָס מען געפינט ביז היינט ביי יעדן גייסטיק נישט אָפּגעהובליעוועטן אַמעריקאַנער. אין אַ גרויסער מאָס האָט טווען אין דער דאָזיקער שריפט געשפּילט די ראָלע פון אַ גראַמאָפאָן: עס האָבן פון אים אַרויסגערעדט יענע מיליאָנען פון אונדזערע נישט־ייִדישע שכנים (אָדער „בעל־בתים") אין אַמעריקע, וואָס זענען געוואָרן מענטשנפריינטלעך, אַז זיי זאָלן אונדז נישט וועלן אומברענגען פון דער וועלט — און וואָס טראָגן אויף זיך אין דערזעלבער צייט אַזאַ הויקער פון היסטאָרישע פאָראורטיילן און עם־הארצות, אַז מיטן בעסטן ווילן קענען זיי אונדזערע לאָיאַלע פריינט נישט זיין.

צענזור איז מיר פאַרהאַסט און מיך עקלט פון דעם געדאַנק, אַז וועלכע נישט איז שריפט וואָס אַן ערלעכער מענטש האָט אָנגעשריבן זאָל צוליב די אָדער אַנדערע מאָטיוון „אונטערדריקט" ווערן. דאָך איז ביי מיר אַ ספק, צי דער האַרפּער־פאַרלאַג האָט אויסגעקליבן די געהעריקע צייט אַרויסצוגעבן טווענס בראָשור אין אַ באַזונדער אויסגאַבע. אָנגענומען אַפילו, אַז די בראָשור איז אין איר לעצטן תוך נישט קיין אַנטיסעמיטישע; קען זי אָבער לייכט און מיט דערפאָלג אויסגענוצט ווערן פאַר אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע אין אונדזערע קראַנקע טעג און אין אַן אַטמאָספערע פון צערודערונג און צעשרויפטקייט. פאַר מאַרק טווענען איז די דאָזיקע שריפט נישט קיין גרויסער כבוד, פאַר אונדז און פאַר אַמעריקע בכלל קען זי ווערן אַן אינסטרומענט פון גרויסן שאָדן.

.1939

װעגן דער „לאָגיק" פֿון אַנטיסעמיטיזם

װער עס האָט אױפֿמערקזאַם געהערט נאָרמאַן טאָמאַסעס רעדע אױף דער שרײַבער־ און לײענער־מסיבה פֿונעם „ייִדישן קעמפֿער", האָט זיך מסתּמא נישט געקאָנט באַפֿרײַען פֿון געפֿיל: אָט אַזױ רעדט אַ צעבראָכענער מענטש. זײַן טעמע איז געװען זײער אַ טרױעריקע — אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע. די פֿאַקטן מיט װעלכע ער האָט אילוסטרירט זײַנע באַטראַכטונגען זענען געװען נאָך טרױעריקער: דער װוּקס פֿון אַנטיסעמיטישע נײגונגען און פֿאָראורטײלן אין פֿאַרשידענע געגנטן פֿון לאַנד, אױך אין פֿאַרשידענע קרײַזן פֿון דער אַמע־ריקאַנער באַפֿעלקערונג. ער האָט זיך לכתּחילה מודה געװען, אַז אים זענען װײַט נישט קלאָר די סיבות פֿון ייִדנהאַס. אַלע דערקלערונגען מיט װעלכע ער איז באַקאַנט קענען אים נישט צופֿרידנשטעלן און צו קײן אײגענער פֿולשטענ־דיקער דערקלערונג קען ער זיך נישט דערגרונטעװען. ער נעמט נאָר אָן, אַז פּאָליטישע אױפֿטרײסלונגען און פֿאַרשאַרפֿטע עקאָנאָמישע אומזיכערקײט זע־נען דער באָדן, אױף װעלכן אַנטיסעמיטישע עקסצעסן װאַקסן אױס. און װאָס זענען די מיטלען צו באַקעמפֿן דעם אַנטיסעמיטיזם (אַ חוץ, נאַטירלעך, דער ראַדיקאַלער ענדערונג אין גאַנצן עקאָנאָמישן געבױ פֿון אונדזער געזעלשאַפֿט)? האָט ער אױף דעם אױך קײן ענטפֿער נישט. אפֿשר איז בכלל, אונטער די איצ־טיקע אומשטענדן, קײן סגולה נישט פֿאַראַן.

דאָס איז געװען אײנע פֿון די מרה־שחורהדיקסטע רעדעס װאָס איך האָב אין די לעצטע יאָרן געהערט װעגן דער ייִדישער מערכה אין אַמעריקע. און דאָך, מוז איך זיך מודה זײַן, איז אין זײַן אױפֿטרעטן געװען עפּעס װאָס דער־פֿרישט. אַ מאַן מיט אַ גרױסן נאָמען אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפֿטלעכקײט איז געשטאַנען פֿאַר אונדז און האָט ערלעך, אָפֿנהאַרציק און אָן אַ ברעקל אינ־טעלעקטועלער פּאָזע געזאָגט: „מיט אײַך האַלט דאָ שלעכט און עס קען נאָך ערגער װערן; יעדער אָנשטענדיקער נישט־ייִד פֿילט זיך שולדיק, זינדיק; איך בין אײנער פֿון זײ, אָבער מיר איז נישט קלאָר װאָס מיר, נישט־ייִדן, קענען איצט טאָן און װאָס איר, ייִדן, דאַרפֿט טאָן, כּדי אָפּצװוענדן די סכּנות װאָס לױערן אױף אײַך. איך בין צעטומלט און בין נישט פֿעיִק אַלץ צו באַנעמען װאָס עס קומט איצט פֿאָר אַרום אײַך און אונדז, און איר מוזט מיר מוחל זײַן פֿאַר דעם צושטאַנד פֿון הילפֿלאָזיקײט װאָס איך װײַז איצט אַרױס פֿאַר אײַך".

מיר איז אַ גאַנץ לעבן שװער זיך צו באַגעגענען מיט יענעם טיפּ נישט־

ייִדן, פֿאַר וועלכע „עס עקזיסטירט נישט״ קיין ייִדן־פּראַגע. איך פֿיל שטענדיק אַ שטיקעניש אין זייער קאָנסעקווענטן „ליבעראַליזם״, און איך לעב איבער כמעט אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג, ווען איך פֿיל, אַז זיי מיידן בכיוון אויס „דאָס טעמאַ״ (די אַניִי־הדעת אין דייטשלאַנד פֿלעגן אַזוי אַמאָל אָנרופֿן די ייִדן־פּראַגע). דזשענטלייט אַזעלכע: איך האָב אַ צעפּלעטשטע נאָז, היטן זיי זיך אין מיין אָנוועזנהייט צו רעדן וועגן נעזער; אָדער ווייל מיין זיידע איז געווען אַ פֿערד־גנב — זענען זיי אַזוי גוט און פֿיין, אַז זיי מיידן אויס דאָס וואָרט „האָ־בער״. נישט לייכטער איז מיר מיט נישט־ייִדן, וואָס רעדן יאָ „איבער דאָס טעמאַ״, נאָר זיי זעען נישט קיין שפּרענקעלע אויף אונדזער פּנים. אַן אַרמע־נישע פֿילאָסעמיטקע, מיט וועלכער איך בין אַמאָל געווען באַפֿריינדעט, האָט מיר געוואָלט איינרעדן, אַז אַפֿילו ייִדישע קאָנטראַבאַנדיסטן לערנען אַלע טאָג זוהר און פֿאַסטן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק צוליב „התפּשטות הגשמיות״. אירע שטענדיקע שבחים האָבן מיט דער צייט אונטערגעגראָבן אונדזער פֿריינד־שאַפֿט. טאַמאַס האָט אונדז קיין באַזונדערע קאָמפּלימענטן נישט געזאָגט און אונדז נישט פֿאַרגעשטעלט פֿאַר אַן „עם הדומה למלאך״. די איבערגעטריבענע תהלות ותשבחות, וואָס מיר הערן אָפֿט פֿון נישט־ייִדישע פֿריינט, זענען נישט־זעלטן אַ מין פֿאַרענטפֿערן זיך פֿאַר זיך אַליין; אַ קאָמפּענסאַציע פֿאַרן אחד משישים פֿון יענע אומאַנגענעמע געפֿילן צו ייִדן, וואָס מ׳האָט אַמאָל געירשנט פֿון דער סביבה און וואָס מ׳האָט נישט פֿולשטענדיק גובר געווען אין זיך. טאַמאַס פֿילט אַז ער דאַרף דערצו נישט אָנקומען און ער מוז זיך נישט אַנט־שולדיקן דורך אויסטיילן אונדז דיפּלאָמען פֿון איבערמענטשן. עס איז גוט צו באַגעגענען אַ נישט־ייִד וואָס פֿילט זיך פֿולשטענדיק פֿריי אין אַ ייִדישער גע־זעלשאַפֿט — אויף אַזוי פֿיל פֿריי, אַז ער האָט נישט מורא אָנצווייזן אַפֿילו אויף אונדזערס אַ חיסרון אָדער אויף דעם וואָס ער מיינט, אַז ס׳איז אַ חסרון. דאָס קען טאָן נאָר אַזעלכער, וואָס האָט נישט קיין שמץ אויף זיך אַליין. און אַזאַ זויבערקייט האָט יענעם אָוונט אַרויסגערעדט פֿון נאָרמאַן טאָמאַס.

***

עס איז נאָך אַלץ אומגעהייער־שווער אויסצוואָרצלען פֿונעם גויִישן באַ־וווּסטזיין די פֿאָרשטעלונג אַז ייִדן זענען נישט קיין „קהל״ אין זינען פֿון אַל־געמיין־נאַציאָנאַלער זעלבסט־רעגימענטאַציע; אַז ערגעץ־ווו איז נישט פֿאַראַן עפּעס אַ סנהדרין וואָס פּסקנט אַלע שאלות פֿאַר אַלע ייִדן און אַז אַלע ייִדן וואַרפֿן זיך אונטער זיין פּסק. אין 1918, דערמאָן איך זיך, איז צו מיר אין מאָס־קווע געקומען אַ נישט־ייִדישער גוטער־ברודער (אַן אייניקל פֿון גענעראַל גוריעוו, וואָס מען ווייסט נישט קלאָר וואָס ער האָט אַזוינס אויפֿגעטאָן אין דער

אַרמיי, אָבער ער האָט זיך קונה־שם געווען מיט דער באַרימטער „גוריעוועקע קאַשע״, אַ געשמאַק מאכל וואָס ער האָט „דערפונדן״) מיט אַ פּלאַן צו ראַטע־ווען דאָס רוסישע ייִדנטום. היות דער עולם איז שטאַרק אומצופרידן מיט די אכזריותן פונעם באָלשעוויסטישן רעזשים, און היות אַ גרויסן טייל פון יענע אכזריות פירט דורך טראָצקי, און טראָצקי איז דאָך אַ ייִד; און אין געוויסע שיכטן באַשולדיקט מען שוין אויף דעם יסוד סתם־ייִדן אין האָבן אָוועקגע־שטעלט גאַנץ רוסלאַנד אונטער אַ טשעקאַ־רעזשים — זאָל איך רופן טראָצקין צום רב, און דער רב זאָל אויף אים גוזר זיין, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין אַמט. דאָס עס־ערישע אייניקל פונעם צאַרישן גענעראַל האָט גוט געוווּסט, אַז טראָצקי איז אַן אַטעיִסט און האָט מיט ייִדישן לעבן בכלל קיין שייכות נישט; ער האָט געוווּסט אַז אויך איך אָנערקען פאַר זיך נישט דעם רבס אויטאָריטעט — און דאָך האָט ער קיין סך נישט געטראַכט און האָט מיט אַ גאַנץ ערלעכער און ייִדנפריינטלעכער כוונה מיר פאָרגעשלאָגן אָנצוסטראַשען טראָצקין, אַז מען וועט אים שטעלן אין קונע. ווען איך וואָלט געזאָגט אים אַליין, אַז כ׳וועל אים אָנקלאָגן פאַרן גלח אָדער פאַרן מעטראָפּאָליט, וואָלט ער זיכער געטראַכט, אַז איך בין משוגע געוואָרן. אָבער איך טראָצקין צום רב קען רופן: זענען מיר דאָך אַלע דריי ייִדן! דאַרף מען זיך וווּנדערן, וואָס אויף דער דאָזיקער קאָנ־צעפּציע האָב איך זיך נישט לאַנג צוריק אָנגעשטויסן ביי אַ יאַפּאַנעזער? איך האָב אַ פרעג־געטאָן אַ יאַפּאַנישן דיפּלאָמאַט, מיט וועלכן מיר איז אויסגעקומען צו פאַרברענגען אַ וואָך צייט אויף אַ שיף, וואָס פאַר אַ אַסאָציאַציעס עס ווערן איצט אַרויסגערופן אינעם מוח פון אַ דורכשניטלעכן יאַפּאַנישן אינטעליגענט, ווען ער הערט דאָס וואָרט ייִד. האָט ער לאַנג נישט געטראַכט און מיר געענט־פערט: באַנקירן און באָלשעוויקעס. ער האָט זיך באַלד אַליין צעלאַכט. ער פאַר־שטייט, זאָגט ער, אַז די צוויי אַסאָציאַציעס גראָמען זיך נישט און אַז זיי דריקן מיט זיך נישט אויס קיין איינהייטלעכן טיפּ. איר קענט אָבער, האָט ער מיר ווייטער געגעבן צו פאַרשטיין, לייכט פועלן ביי אונדזערן אַ מענטשן, אַז עס גראָמט זיך יאָ: ייִדן זענען אַ משפּחה מיט אַ זייער ראַפינירטער און פאַרצווייג־טער משפּחה־פּאָליטיק. און אין אַ משפּחה קען מען זיך לכתחילה צוזאַמענרעדן, ווער עס זאָל ווערן אַ באַנקיר און ווער אַ באָלשעוויק, כדי אויף פאַרשידענע וועגן און אומוועגן צו דערגרייכן די צוועקן, אין וועלכע זי פילט זיך פאַר־אינטערעסירט.

עס קען זיין, אַז די דאָזיקע אַזוי־ווייט פאַרשפּרייטע פאַרשטעלונג וועגן ייִדישער סאָלידאַריטעט און סובאָרדינאַציע נעמט זיך טאַקע אין אַ גרויסער מאָס פונעם פאַקט, וואָס ביז צוריק מיט אַ פּאָר דורות זענען מיר, אין אַ געווויסן זינען, געווען מער משפּחה ווי פאָלק. איך האָב אַמאָל דערציילט אַן אַמעריקאַ־

נער גוי, אַז נאָך אין מיינע קינדער־יאָרן, אין קליינעם שטעטל, ווען עמעצער האָט שפּעט ביינאַכט אַנגעקלאַפּט אין טיר און מיר האָבן מורא געהאַט צו עפענען, איז געווען דער מנהג אַז דער אומבאַקאַנטער אורח זאָל אַ זאָג טאָן פון יענער זייט טיר „איך בין אַ ייִדיש קינד" (דאָס „קינד" האָט זיך אָפטמאָל אַרויסגעוויזן צו פאַרמאָגן אַ לאַנגע גראָע באָרד), כדי די מורא זאָל גלייך פאַרשווינדן און מ'זאָל אים אַריינלאָזן. דער אַמעריקאַנער האָט לאַנג און האַרציק געלאַכט. ער האָט זיך געוואָלט פאַרשטעלן, וואָס פאַר אַ קבלת־פּנים ער וואָלט געקראָגן ערגעץ־ווּ אין מאָנטאַנאַ אָדער אין איידאַהאָ, ווען ער קלאַפּט אָן אין אַ ווינטער־נאַכט צו אַ פאַרמער אין טיר און שטעלט זיך פאָר פון דרויסן אַלס „ען אַמעריקען טשאַילד". אונדזער אַמאָליקע משפּחהדיקייט (בעל־מחשבות, עליו השלום, פלעגט אַמאָל אין שמועסן נוצן אַן אויסדרוק „דער מישפּאָכאַלישער כאַראַקטער פון דער ייִדישער ציוויליזאַציע"). וועלכע איז געווען אַ פּועל־יוצא פון רדיפות און פון יאָרהונדערטער זיך אַרומבלאָנקען אין דער פרעמד, האָט זיך מיטגעטיילט דער אַרומיקער וועלט — און מען מעסט אונדז נאָך ביז היינטיקן טאָג מיט דער אַמאָליקער מאָס. איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר בראַנדייסעס „עקסטרעמיזם", פאַר, להבדיל, אַלגינס קאָמוניזם, פאַר קאַפּאָנעס ייִדישן שותף, פאַר די ייִדישע דירעקטאָרן פון דער יו־עס באַנק, פאַר איינשטיינס פאַסיפיזם, פאַר דעם רב, וואָס האָט געהאַנדלט מיטן ביטערן טראָפּן אין די „פּראָהיבישאָן"־יאָרן און פאַר יעדער פּעטער ייִדענע וואָס גייט אַרום אין קוני־איילענד האַלב־נאַקעט. געהערן מיר דאָך אַלע צו איין „משפּחה" און דער פּאַטריאַרך קען דאָך גוזר זיין אויף איינשטיינען, ער זאָל נישט זיין קיין פּאַסיפיסט, און אויף דער קוני־איילענדער ייִדענע, זי זאָל נישט זיין פעט...

***

אויף אייניקע פון אונדז האָט טאָמאַסעס רעדע געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער איז אויך נישט אינגאַנצן פריי פון דער פאַרשטעלונג, אַז יעדער ייִד איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע ייִדן און אַלע פאַר יעדן.

ווייל נאָך דעם וואָס ער האָט אַזוי באַטאָנט אַנגעוויזן אויף זיין הילפלאָזיקייט אין לייזן די פּראָבלעם פון אַנטיסעמיטיזם, האָט ער — זייער אומזיכער מיט זיך אַליין — געפּרוווט אָנצווייזן אויף אייניקע שוואַכע פּאַליאַטיוון, מיט וועלכע ייִדן וואָלטן אפשר געקאָנט אין אַ געוויסער מאָס באַזייטיקן די וואַקסנדיקע אַנטיסעמיטישע סכנה. אין לואיזיאַנאַ, למשל, זענען צוויי ייִדן יוי לאָנגס פּאָליטישע יורשים — רופט עס אַרויס אַנטיסעמיטיזם. וואָלטן ייִדן אפשר געדאַרפט געפינען אָדער אַ מיטל ווי אָפּצושטעלן זייערע מעשים תעתועים, אָדער אַ פאָרם, ווי זיך אָפּצוגרענעצן פון זיי. אין אַ סך קליינע שטעטלעך זענען

די באַלעבאַטים פון „שוויץ״־פאַבריקלעך ייִדן, רופט עס אויך אַרויס אַנטיסע־מיטיזם צווישן די פּראָסטע אַרבעטער. וואָלטן ייִדן געדאַרפט — ווייטער אַמאָל — אָדער גוזר זיין אויף זיי, זיי זאָלן ווערן מענטשן, אָדער זיך פון זיי אָפּגרע־נעצן. ייִדישע פּליטים, דערציילט מען טאָמאַסן, ברענגען מיט זיך מאַנירן, וואָס זענען פון קאָנווענציאָנעלן אַמעריקאַנער שטאַנדפּונקט „שאָקירנדיק״ — דאַרף מען אפשר יענע פּליטים געבן צו פאַרשטיין, אַז זיי מוזן זיך אין אַ ניי לאַנד צופּאַסן צו אַ געוויסן, מער אָדער ווייניקער אַנגענומענעם סטאַנדאַרט פון אויסערלעכן זיך־באַנעמען. מיר פּערזענלעך איז לחלוטין נישט קלאָר, וועגן וואָס פאַר אַ „מאַניערן״ מ׳האָט טאָמאַסן דערציילט. דער דורכשניטלעכער ייִד פון דייטשלאַנד האָט בדרך־כּלל ראַפינירטע מאַנירן און איז מער רעזערווירט פונעם דורכשניטלעכן אַנגלאָזאַקס; אָבער טאָמאַס האָט דאָך נישט געמאַכט זיי־נע אייגענע אויספירן — ער האָט נאָר דערציילט, וואָס ער האָט געהערט פון אַנדערע, וואָס באַקלאָגן זיך אויף ייִדן. זיין אַלגעמיינעם און זייער נישט־זיכערן געדאַנקען־גאַנג וואָלט מען געקאָנט פאָרמולירן אומגעפער אויף אַזאַ אופן: ייִדן מוזן אפשר נעמען ערנסט אין באַטראַכט, אין די איצטיקע טראַגישע און ברוטאַלע טעג, די פּאָפּולערע נייגונג צו זוכן אַ כּפּרה־הינדל און צו מאַכן גע־נעראַליזאַציעס („אויב איר האָט פיינט לאַיד־דזשאָרדזשן, וועט איר אויף דעם גרונט נישט אָנהייבן פיינט צו האָבן אויך נאָרמאַן טאָמאַסן, כאָטש זיי זענען ביידע וועלשמענער; אָבער אויב אַן איינצלנער ייִד רופט אַרויס פאַרביטערונג, זענען ליידער פאַראַן מיליאָנען גוים, וואָס זענען גרייט איבערצוטראָגן זייער פאַרביטערונג אויף אַלע ייִדן, אויך אויף די וואָס האָבן אפשר יענעם איינצל־נעם ייִדן נאָך מער פיינט״).

איז נישטאָ קיין גרונט זיך צו באַליידיקן אויף אַזעלכע עצות, אין וועלכע טאָמאַס גופא איז באמת נישט קיין גרויסער מאמין. הערן מיר דאָך איצט אַזעלכע — און אומגעפער אַזעלכע — עצות אויך פון ייִדן, אויך פון פּראָמינענטע ייִדן, פון גוטע נאַציאָנאַליסטן — אפילו פון גייסטיקע פירער (מאַקס בראָד, סטעפאַן צוויג). אַזעלכע עצות קומען נישט פון נחת און דער בעל־עצה גופא האָט פון זיי זייער ווייניק פאַרגעניגן. יעדנפאַלס, צי דאָס זענען קלוגע עצות אָדער נאַרישע, ווירקזאַמע אָדער „קאַלטע פּריפּאַרקעס״; אויב אַ ייִד מעג זיי געבן, האָט אויף זיי אַ רעכט אויך אַ נישט־ייִדישער פריינט.

***

יעדער קוקט פון זיין ווינקל און דורך זיינע ברילן און יעדער זעט דער־פאַר די סכנה פאַר ייִדן אין עפּעס אַנדערש. פאַר טאָמאַסן האָט מען זיך גע־קלאָגט אויף יוז! לאַנגס צוויי ייִדישע יורשים, וואָס פּראַקטיצירן איצט זיין היי־

מיש־פּאַשיסטישע „טעאָריע״ אין לוּיזיאַנאַ; ער באַגעגנט זעלטן אַזעלכע, וואָס באַקלאָגן זיך אויף דער „אָנפירנדיקער״ ראָלע פון ייִדן אין אַמעריקאַנער קאָמוניזם; אָבער אַזעלכע זענען דאָך פאַראַן גאַנצע לעגיאָנען. פאַר טאָמאַסן האָט מען זיך געקלאָגט אויף די ייִדישע באַלעבאַטים פון די סוועט־שאַפּס; פאַר אַנדערע אָבער קלאָגט מען זיך אויף ייִדן, וואָס קומען אין דער סאַוט און „פאַרגיפטן מיט קלאַסן־שנאה״ די שעיר־קראָפּערס און מיט „ראַסן־שנאה״ די נעגער. ווען אַנטיסעמיטיזם וואָלט גְעהאַט אַ באַשטימטע לאָגיק, איין לאָגיק, וואָלט מען אפשר געקענט אויסאַרבעטן פאַר ייִדן אַ צייטווייליקע סטראַטעגיק: דאָס און דאָס טו נישט, עד יעבור זעם, אָבער אַלדאָס־איבעריקע מעגסטו יאָ טאָן. די „מאָטיוון״ פאַר אַנטיסעמיטיזם זענען אָבער אַזעלכע פאַרשידנאַרטיקע און סתירותדיקע אַז עס קומט אויס, מ׳דאַרף אָננעמען די עצה פון אַן אַנדער נישט־ייִדישן פריינט, וואָס האָט מיר די טעג אַ זאָג געטאָן: „פאָר יור סעיק, דאָנ׳ט בי קאָנספּיקיאָס״ (פון אייער אייגענער טובה וועגן, זייט נישט אויפפאַלנדיק, וואַרפט זיך נישט אין די אויגן). אָבער ווי אַזוי וואַרפט מען זיך נישט אין די אויגן, אַז אַזויפיל אויגן זענען גרייט זיך צו וואַרפן אויף אונדז? דער אַפּ־סטעיט קלערק פון אַ וועסטערן יוניאָן ביוראָ האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז ייִדן וואָס קומען אין זיין געגנט רעדן אָדער ייִדיש, אָדער אַ שלעכטן ענגליש מיט אַ ייִדישן אַקצענט, אָדער אַ סך אַ בעסערן ענגליש ווי עס רעדט דער דורכשניט־לעכער אַמעריקאַנער („זיי דעמאָנסטרירן״, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, „זייער איבער־פיינעם ענגליש״) — און אַז אַלע דריי זאַכן זענען פאַר געוויסע גויִים זייער אומאַנגענעם. וואָס האָב איך אים געקענט ענטפערן? כ׳האָב אים צוגעזאָגט אַריינצוטראָגן דורך אַ באַקאַנטן קאָנגרעסמאַן אַ ביל, אַז פון היינט אָן און ווייטער זאָל מען קיין אַמעריקע אַריינלאָזן בלויז טויב־שטומע אימיגראַנטן. „דאָנ׳ט בי קאָנספּיקיואָס!״ — אָבער ווי אַזוי מאַכט מען עס? אויב מיר זאָלן אַלע באַשליסן קיינמאָל נישט אַרויסצוגיין פון אונדזערע דירות (אָנגענומען אַז מ׳קען דאָס דורכפירן), וועט זיך אין לאַנד אין גיכן אָנהייבן אַן עפּידעמיע פון היסטערישער מורא: ווו זענען די ייִדן? פאַרוואָס זעט מען זיי נישט? פאַרוואָס באַהאַלטן זיי זיך אויס? אפשר מאַכן זיי אין זייערע היימען פאַלש געלט, אָדער גיפט און באָמבעס, אָדער באַקטעריעס מיט וועלכע זיי וועלן אינגיכן פאַרניכטן דאָס גאַנצע לאַנד? אפשר זענען זיי אַלע כישוף־מאַכערס ?

***

די „לאָגיק״ פון אַנטיסעמיטיזם.

ווי האָט עס אַמאָל געזאָגט הערמאַן כהן? „ווען אַן אַנטיסעמיט ווערט אַן

אַפּיקורס, שאַפֿט ער זיך אַ נייע פֿאָרמולע: ס׳איז אַ ליגן, אַז קריסטוס האָט ווען עס איז געלעבט אויף דער וועלט; ס׳איז אָבער אמת, אַז ייִדן האָבן אים געקרייציקט".

.1939

אָן אַן אַרמיי

זאָל איך זיך מודה זיין? ס'ערשטע מאָל אין לעבן ווען אַן עקזעקו־ציע האָט מיר פאַרשאַפט „פרייד", כאָטש דער תּליון איז היטלער און דער קרבן איז, לויט אַלע סימנים — אַ צדיק אין סדום.

לעצטן פרייטיק האָט מען אין בערלין דערשאָסן אַ יינגן דייטש, אויגוסט דיקמאַן, ווייל ער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו גיין אויפן פראָנט. דאָס מיליטערישע געריכט האָט אים דערקלערט פאַר „אַ שונא פון פאָלק" און אַ פאָר שעה נאָכן משפּט האָט מען אים אַוועקגעשטעלט פאַר אַ ראָטע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן אים דורכגעלעכערט מיט זייערע קוילן. דער „שונא פון פאָלק", ווי עס איז אין דייטשלאַנד אָפיציעל אַנאָנסירט געוואָרן, איז געווען אַ פּאַסי־פיסט: זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען האָבן אים נישט דערלויבט צו נעמען געווער אין דער האַנט. ער האָט געהערט, ווי די „יוניטעד פרעס" האָט אויס־געפונען, צו דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַראייניקונג פון ביבל־סטודענטן, וועלכע שטעלן גאָטס געבאָט העכער פון מענטש־געמאַכטע געזעצן, און האַלט נישט פונעם קאָמפּראָמיסלעכן כּלל, אַז „דינא דמלכותא דינא".

עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער צייט, וואָס דער ערשטער רעבעל־פּאַסיפיסט, וואָס דייטשלאַנד האָט אַרויסגעגעבן אין דער נייער מלחמה, שטאַמט נישט פון ליבעראַלן און נישט פון סאָציאַליסטן, איז נישט קיין פּראָ־דוקט פון „וועלטלעכער" קולטור. דער איינציקער פּאַסיפיסט, וואָס האָט, דער־ווייל, אַרויסגעוויזן דעם כּח אַוועקצושטעלן זיין מאָראַלישן ווילן קעגן דעם „אַלמעכטיקן" פּאָליטישן ווילן פונעם „פירער", איז אַ רעליגיעזער סעקטאַנט. פון נישט־רעליגיעזע פּאַסיפיסטן איז אין דייטשלאַנד, ווייזט אויס, קיין שפּור נישט געבליבן. אָדער דער פּאַסיפיזם האָט זיך ביי זיי שוין לאַנג אויסגעוועפט, אָדער ער לעבט נאָך אין זיי ווי אַ טעמפּעראַמענטלאָזע, אַנעמישע „איבערציי־גונג", וואָס האָט נישט קיין קראַפט זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ טאַט, אין מסירת נפש. איז גוט, וואָס דער נר־תּמיד איז נאָך נישט אינגאַנצן אויסגעלאָשן געוואָרן, וואָס אין דער נאַצישער סדום־און עמורה איז נאָך פאַראַן אַ קליינע סעקטאַנ־טישע גרופּע מיט טאַלאַנט פאַר איר אמונה, וואָס יענע גרופּע האָט שוין גע־בראַכט איר ערשטן קרבן; איז „גוט" וואָס אויגוסט דיקמאַן האָט זיך געלאָזט אומברענגען. די מערהייט דייטשן, וואָס האָבן יענע וואָך געהערט דורכן ראַדיאָ די אַנאָנסירונג פונעם פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריום וועגן זיין משפּט, באַטראַכטן

אים מסתמא פאַר אַ חושים, פאַר אַן אָפּגעריסענעם נאַר. עס איז אָבער דאָך אַ טרייסט, וואָס אויך אין אונדזער דור און אין דעם דורך־און־דורך פאַרבעסטיאַ־ליזירטן דייטשן־לאַנד קענען נאָך אַרויסוואַקסן פונעם מגפה־באָדן איינצלנע „נאַראָנים" פון דעם מין.

מיט איין בשר־ודם אין דייטשלאַנד ווייניקער, מיט איין „ניצוץ" אין חלל־העולם מערער...

***

מאָדנע: איך וויל זיך דערמאָנען אין סעקולערע פּאַסיפיסטן אין רוסלאַנד אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און עס שווימען נישט אויף אין מיין זכרון נישט קיין נעמען און נישט קיין פאַקט. זענען אַזעלכע נישט געווען אָדער איך האָב אין זיי פאַרגעסן?

איך געדענק אַ גרויסע צאָל דעזערטירן, וואָס זענען אַנטלאָפן בפועל־ממש פון פראָנט, און אַזעלכע וואָס האָבן איבערגעכיטרעוועט נאַטשאַלסטוואָ און זענען לכתחילה אויפן פראָנט נישט געגאַנגען. מענטשן וואָס האָבן זיך אויס־באַהאַלטן אין קעלערס און אויף בוידעמער, ייִנגעלייטלעך וואָס האָבן זיך „גע־מאַרעט" אָדער זיך „געמאַכט אַן אויער", האָבן נישט פּרעטענדירט אָנגענומען צו ווערן פאַר פּאַסיפיסטן, ווי עס האָבן נישט פּרעטענדירט אויף דעם אויך יענע בריות, וואָס האָבן אָפּגעהיט זייער געזונט און געלעבט פראַנק און פריי, הונדערטער מיילן פונעם פראָנט, אויף פרעמדע און פאַבריצירטע פּאַספּאָרטן. ווייט פון פּאַסיפיזם זענען געווען אויך באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן געגעבן זייער הסכמה אויף די אַנטי־מלחמה־רעזאָלוציעס פון קיענטאַל און צימער־וואַלד. יענע זענען שוין דעסנטמאָל געווען איבערצייגט, אַז עס איז אַן עבירה צו הרגענען דייטשן, נאָר עס וואָלט געווען די גרעסטע מצוה צו „ליקווידירן" דעם בורזשואַזן קלאַס אין דער היים; אָנהייבן אַן אויסראָטונג־מלחמה קעגן אייגן רוסיש בלוט־און־פליש (מ'שטיינס־געזאָגט, ווי פּאַסיפיסטיש עס האָבן שוין געקאָנט זיין פּאָטענציעלע טשעקיסטן). איך געדענק נישט איצט, אַז פון יענעם לאַגער זאָלן האָבן אַרויסגעקומען אויגוסט דיקמאַנס, מענטשן וואָס זאָלן גיין אויף קידוש־השם פאַר זייער אַנטי־מלחמה־פּרינציפּ. געווייינלעך האָבן זיי אָדער אויך געלעבט אויף פאַבריצירטע פּאַספּאָרטן, אָדער פאַרנומען פּאָסטנס צוליב וועלכע מ'פלעגט באַפרייען פון דירעקטן אַרמיי־דינסט (געאַרבעט, ווי עס האָט דענסטמאָל געהייסן, „נאַ אָבאָראָנו"), אָדער, באין־ברירה, טאַקע גע־גאַנגען אויפן פראָנט מיט אַ קללה אין האַרצן און אַ פייג אין קעשענע.

איך געדענק נישט קיין פראַצעסן אין וועלכע מ'זאָל האָבן געמשפּט באָל־שעוויסטישע אָדער לינק־סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַנטי־מילחמהניקעס. עס

לעבט נאָך אָבער פריש אין מיין זכרון דער מאָסקווער פּראָצעס פון אַ גרויסער גרופּע טאָלסטאָיאַנער, וועלכע האָבן זיך נישט באַהאַלטן און נישט געכיטרע־וועט, נישט געוווסט און נישט געוואָלט וויסן פון קיין פּאַספּאָרט־פאַבריקלעך, נאָר אָוועקגעגאַנגען מיט שווערע מוזשיצקע־אַפּאַטישע טריט צו די ממונים אויף דער מאָביליזאַציע און זיי פּראָסט און פשוט, אָן אַ שמץ פון העראָישער פּאָזע, אָנגעזאָגט, אַז מילחמה איז עבודה־זרה און אַז ס׳איז נישטאָ יענער כוח אין דער וועלט, וואָס זאָל זיי קענען צווינגען צו נעמען אַ ביקס אין דער האַנט. לאַנגע טעג און לאַנגע וואָכן האָט זיך געצויגן יענער מערקווירדיקער פּראָצעס — און וואָס שייך „פּראָצעדור", האָבן די ריכטער געהאַט פאַר זיך דאָס שווער־סטע שטיקל אַרבעט אין זייער קאַריערע. ביי קיין איין און איינציקן פון די אָנגעקלאָגטע פּאַלקסטימלעכע טאָלסטאָיאַנער האָט מען נישט געקענט פועלן, אַז ער זאָל אָנגעבן זיין פאָטערס נאָמען (פאַר פולער אָפיציעלער אידענטיפי־קאַציע מוז מען, אויך היינט, אין רוסלאַנד אָנגעבן, אַ חוץ דעם ערשטן און דעם פאַמיליע־נאָמען, אויך דעם נאָמען פונעם פאָטער). קיינער האָט זיך נישט גע־וואָלט באַצייכענען אַלס אַ איוואַנאָוויטש אָדער פּעטראָוויטש, וויל... אין תוך איז גאָר יעדער פון זיי נישט מער און נישט ווייניקער ווי „גאָטס אַ זון". קיין איינער פון זיי האָט נישט געענטפערט אויף דער פראַגע, ווי אַלט ער איז. דאָס איז אַ פראַגע, האָבן זיי אַלע געטענהט, וועלכע איז פאַר זיי אומפאַרשטענדלעך: ווי אַלט אָדער ווי יונג קען זיין איינער, וואָס לעבט אייביק, וואָס איז אין תוך קיינמאָל נישט געבוירן געוואָרן און וועט קיינמאָל נישט שטאַרבן (געבורט איז, לויט זייער לערע, נישט ווייניקער „פיקציע" ווי טויט)?

אויך פון רוסלאַנד געדענק איך אַלס מיליטאַנטע פּאַסיפיסטן כמעט בלויז רעליגיעזע סעקטאַנטן, נישט איבערגעשפּיצטע „שקצים", אָנגעטאָן אין דאָר־פישע סערמיאַגעס, חושימס, „אָפּגעריסענע נאַראָנים". איך געדענק שוין היינט נישט די שטראָף וואָס זיי האָבן געקראָגן, אָבער קיין טויט־אורטייל האָט דאָס געריכט פאַר קיינעם פון זיי נישט אַרויסגעטראָגן. איך שטעל זיך נישט פאָר, אַז ווער עס איז פון די מיליטערישע ריכטער אין מאָסקווע האָט אָנגענומען דעם „לעקיש"־שטאַנדפּונקט פון די אָנגעקלאָגטע, אָבער דער ברענענדיקער „סוביעקטיווער" אמת פון די רעליגיעזע פאַנאַטיקער האָט אויף זיי געמאַכט אַ טיפן, דערשיטערנדיקן איינדרוק; און ניקאָלאַי דער וועטער האָט נאָך נישט געוווסט דעם סטאַלין־היטלער־סוד, אַז מען קען לייכט געפינען אומסענטימענ־טאַלע ריכטער, גרייט אַרויסצוטראָגן אורטיילן לויט אַ באַפעל פון אויבן (ווען דער צאַריזם וואָלט געוווסט פון אַזעלכע באַלשעוויסטיש־נאַצישע מעטאָדן, וואָלט ער זיי אָנגעווענדט, נאָך פאַר דער מלחמה, אין דעם ביילים־פּראָצעס: די

באַפרייונג פונעם יִדישן „ריטואַל־מערדער" איז פאַרן בלוטדורשטיקן אימפּע־ראַטאָר געווען איינע פון די שווערסטע אַנטוישונגען אין זיין לעבן).

*

פריינט פרעגן מיך: וואָס פאַר אַ רעכט האָב איך נאָך נתפּעל צו ווערן פון פּאַציפיסטן און פון זייער מסירת־נפש? זיי פילן, זאָגן זיי, אַז אין מיר גופא האָט זיך אויך דער פּאַציפיזם אויסגעוועפּט און זיי וועלן נישט זיין איבער־ראַשט, אויב איך וועל מאָרגן פאָדערן פון יִנגע מענטשן, אַז זיי זאָלן זיך צוועקלאָזן קיין איראָפּע, „דערפילן זייער פליכט". ווי האָט מיר אַן אָפּנהאַרצי־קער גוטער־ברודער די טעג אַ זאָג־געטאָן?

„דיין איצטיקע באַציִונג צום פּאַציפיזם איז אַ ריין־עסטעטישע, אַן אַר־טיסטישע, אַט, למשל, ווי ניטשעס באַציִונג צו דער פיגור פון יעזוסן. זיין לערע האָט ער געהאַלטן פאַר אַ פאַלשער און אין אים גופא האָט ער געזען הויפּט־זאַכלעך דעגענעראַציע. אָבער ניטשע איז געווען צופיל פּסיכאָלאָג און צופיל אַרטיסט, נישט צו דערזען די אייגנאַרטיקע דערהויבנקייט אויך אין אַ נביא פון דעקאַדענץ. אָדער לאָמיר נעמען אַן אַנדער ביישפּיל: טאָלסטאָי האָט, אַפילו אין זיינע קריסטלעך־פּאַציפיסטישע יאָרן, געקראָגן קינסטלערישע באַגייסטע־רונג פון מיליטערישער העלדישקייט, כאָטש זיינע עטישע אידעאַלן האָבן שוין אַנגעשפּאַרט אויף יענער זייט גרענעץ פון פראָנטן און באַריקאַדן. אַ מאַרטירע־רישער פּאַציפיסט „אינטריגירט" דיך מיט זיין מאָראַלישער קראַפט, פּונקט ווי עס קען דיך „אינטריגירן" אַ רעוואָלוציאָנערער טעראָריסט; דו ביסט שוין היינט אָבער בכלל נישט זיכער, אַז זיין מאָראַלישע קראַפט ווערט פון אים אייסגענוצט אין דער געהעריקער ריכטונג".

עס קען זיין, אַז אין מיין פריינטס אָפּשאַצונג איז פאַראַן אַ סך אמת.

איך בין מקנא יעדן עכטן פּאַציפיסט, וועלכע חקירהט נישט און פּשטלט זיך נישט און האָט געגנוג קראַפט אויך היינט צו נעמען אויף זיך די פולע פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיין פּאַציפיסטישער האַנדלונג. איך בין מקנא יעדן איי־נעם וואָס איז גרייט אַנצוווענרן אויך אויף דער איצטיקער סיטואַציע זיין קאַ־טעגאָרישן אימפּעראַטיוו, זיין יקוב הדין את ההר: עס קען גאָר נישט געמאָלט זיין קיין גערעכטע מלחמה, קיינמאָל נישט, אונטער קיינע אומשטענדן וואָס די געשיכטע קען אַרויסרופן מיט אירע קאַפּריזן; און אַלץ איינס, וואָס עס זאָלן נישט זיין די דירעקטע רעזולטאַטן — מלחמה איז נאָך ערגער. איך בין אים מקנא פאַר זיין אינעווייניקסטער גאַנצקייט, פאַר זיין גייסטיקער אָרגאַניזירט־קייט, פאַר זיין מאָראַלישער זיכערקייט. איך ווייס אָבער, אַז איך האָב נישט קיין כח היינט זיך מיט אים צו אידענטיפיצירן. אפשר איז עס דערפאַר וואָס

איך טראַכט וויניק און בין וויניק באַזאָרגט וועגן מיין אינדיווידועלער „נשמה־רעטונג" און איך האָב זיך אין פּרי־עדיקע יאָרן צוגעוווינט צו טראַכטן וועגן פּאַציפיזם אין ברייטע סאָציאַלע מאַסשטאַבן, נישט אין טערמינען פון יחידישער העלדישקייט און מאַרטירערטום. פאַר פּאַציפיזם אַלס באַוועגונג, אַפילו אַלס אַ באַוועגונג פון וועלכער־נישט־איז מער אָדער ווייניקער באַדייטנדיקער מי־נאָריטעט, זע איך היינט נישט קיין שום באַדן, נישט אין די לענדער וואָס שמאַכטן אונטער די יאָכן פון ביידע מינים דיקטאַטור, נישט אין די דעמאָקראַ־טישע גרויס־מלוכות וואָס האָבן שוין אָנגעפאַנגען זייער פאַרצווייפלטן גע־ראַנגל קעגן די חילות פון מיליטערישן דעספּאָטיזם, און נישט אין די, דער־וויל, נייטראַלע לענדער.

עס איז נישט קיין צופאַל וואָס דערזעלבער ראָמען ראָלאַן, וואָס האָט צו־ריק מיט אַ פערטל יאָרהונדערט געהאַט דעם מוט צו באַצאָלן אַזאַ טייערן פּרייז פאַר זיין פּאַציפיסטישער שטעלונג, האָט די לעצטע יאָרן אַרויסגעגעבן איין היתר נאָכן אַנדערן אויף אַן אַנטי־פאַשיסטישער „מלחמת־מצוה". עס איז אויך נישט קיין צופאַל דער פאַקט, וואָס איינשטיין, וועלכער איז אין זיין שורש־נשמה געבליבן אַ פלאַמיקער פּאַציפיסט ביזן היינטיקן טאָג, האַלט אַז אויף באַצי־דייטשלאַנד קעגן דער פּאַציפיזם נישט חל זיין. עס איז אויך זייער סימפּטאָמאַ־טיש, וואָס גאַנדי — דער מאַן וואָס האָט אין אונדזער דור דערהויבן פּאַציפיזם צו דער מדרגה פון אַזאַ הויכן, פּראַקטיש־סאָציאַלן פּאַטאָס — האָט שוין די טעג געדרעדט וועגן באַדינגונגען פאַר פרייוויליקער קאָאָפּעראַציע צווישן אינדיע און ענגלאַנד אין דער ניי־אויסגעבראָכענער מלחמה. איך דערמאָן די דאָזיקע נעמען נישט ווייל איך וויל זיך אָנהענגען, ווי אונדזערע קדמונים פלעגן זאָגן, אין אַן „אילן גדול", נישט ווייל איך האַלט, אַז ראָמען ראָלאַן, אָדער איינשטיין, אָדער אַפילו גאַנדי קען און מעג ווען עס איז אַרויסגעגעבן „הכשרים" אויף זאַכן וואָס שיינען איינעם צו זיין קרום אָדער טריף. די שטעלונג פון די דאָ־זיקע מענער איז אָבער אַן אויסדרוק פון אַ באַשטימטן איבערברוך, וואָס איז די לעצטע פאַר יאָר פאַרגעקומען אין די נשמות פון אַ סך פּאַציפיסטן. זיי האָבן נישט קיין כוח אָנצוווענדן זייער פּאַציפיסטישן אני־מאמין אויף דער איצטי־קער וועלט־סיטואַציע. אפשר דערפאַר וואָס זיי דענקען נישט אין די טערמינען פון „איך און דער אוניווערסום", פון „איך און די אייביקייט", נאָר אין ענגערע און „היימישערע" טערמינען פון „איך און מיין דור", „איך און מיינע אומ־מיטלבאַרע היסטאָרישע אחריותן". זייער גייסטיקע שפּאַנונג איז אפשר ווי־ניקער פון אַ מעטאַפיזישן כאַראַקטער (ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט די טאָלסטאָיאַנער אין מאַסקווע אָדער מיט דעם מאַרטירער־טויט פון אויגוסט דיק־מאַן) און מער פון אַ סאָציאַלן כאַראַקטער. יעדנפאַלס, דער וואָס זיין פּאַצי־

פ׳זם איז נישט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַבסאָלוטן „טאַבו״־געפיל בנוגע צו אַלץ וואָס שמעקט מיט מלחמה, וואָס האָט נישט אויסגעפורעמט אין זיך אַ מענטאַליטעט פון אַזאַ רעליגיעזער אחריות וואָס גיט דעם כח אַבסאָלוט צו איגנאָרירן אַלע היסטאָרישע אחריותן — זאָל די גאַנצע וועלט חרוב ווערן, אָבער איך וועל זיך נישט צורירן צו דעם וואָס ס׳איז מוקצה — קען, ווייזט אויס, היינט נישט האָבן קיין מאָראַלישן כח אַפּצוהיטן זיין פּערזענלעכע פּאַציפיסטישע „אומשולד״, ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער סכנה פון אַ נאַצישער וועלט־פאַרפלייצונג.

איך ווייס, אַז אויך אין הינטערגרונט פון דער איצטיקער מלחמה שטייט די אַלט־באַקאַנטע מאַכט־פּאָליטיק פון קאָנקורירנדיקע אימפּעריאַליזמען און ענגהאַרציקע נאַציאָנאַליזמען, מער אָדער ווייניקער דיזעלבע אַפּעטיטן און אינסטינקטן, וואָס האָבן ביי ביידע צדדים געווירקט אין 1914. די מלחמה־מאָטיוון פון די רעגירונגען סיי אין פראַנקרייך און סיי אין ענגלאַנד זענען אפשר אויף אַ האָר נישט בעסער ווי די מאָטיוון, וואָס האָבן אַרויסגערופן די וועלט־קאַטאַסטראָפע צוריק מיט אַ פערטל יאָרהונדערט. אָבער היסטאָריש האָט אַזוי פּאַסירט, אַז אויב די דאָזיקע רעגירונגען זאָלן באַזיגט ווערן, ווערן מיט זיי צוזאַמען באַזיגט די פעלקער וואָס האָבן דורות־לאַנג אַקומולירט אוצרות פון סאָציאַלע ווערטן. דאָס זענען זינדיקע פעלקער, וואָס האָבן געלאָזט באַלעבאַטעווען איבער זיך בייזוויליקע און קורצזיכטיקע רעגירונגען, אָבער דאָך — פעלקער וואָס די היסטאָרישע השגחה האָט זיי געשאַנעוועט און נישט אַריינגעוואָרפן אין יענעם מאָראַלישן טירוף, אין וועלכן עס קאָנוווּלסירט איצט דאָס דייטשע פאָלק. מיט זייער מפּלה, ווייס איך, ווערט אויסגעלאָשן אין איירּאָפּע און ווייט איבער די גרענעצן פון איירּאָפּע דאָס ביסל ליכט פון הומאַניסטישער טראַדיציע וואָס צאַנקט נאָך אין דער פאַרחושכטער וועלט — און וואָס קען נאָך דער באַזייטיקונג פון דער טאָטאַליטאַרער טומאה, זיך צעפלאַקערן מיט פאַריינגטן אימפּעט און אַרויספירן פעלקער אויף וועגן פון באַנייונג. ווייל עס האַנדלט זיך היינט שוין נישט בלויז אין דער פראַגע צו וועמען עס זאָל געהערן דער אָדער אַנדערער שטח לאַנד; וואָס פאַר אַ פאָן עס זאָל פלאַטערן אין דער אָדער אַנדערער פּראָווינץ און וועלכעס מלכות זאָל דאָרט איינמאַנען ציינזן, נאָר אין עפּעס וויכטיקערס, מענטשלעכערס, אַלגעמיין־מענטשלעכס: צי מען זאָל נאָך, נאָך דער איצטיקער מלחמה, קענען אָטעמען אויף אונדזער פּלאַנעט אָדער נישט? איך ווייס, איך ווייס, אַז וויפל נצחונות די ממשלת זדון זאָל איצט נישט אָפּהאַלטן, וועט דער הימל נישט פאַרלירן אויף אייביק זיין פעיקייט אויסצושפּרייטן בלויקייט אויף דער ערד; אַז פריער אָדער שפּעטער וועט די זיגרייכע טומאה פון זיך אַליין פּראָדוצירן באַצילן וואָס וועלן זיי אויפפרעסן.

אַ זיג קען אָבער געבן דער טומאה געגנוג צו געוועלטיקן איבער אַ פֿאַרשקלאָפּ־טער וועלט יאָרן און יאָרן, אַ גאַנצן דור און — ווער ווייסט? — אפשר דורות. און אָט פֿאַר יענע דורות אָדער אַפילו פֿאַר איין דור פֿילן זיך פּאַציפֿיסטן — וואָס האָבן אין זיך נישט אַנטוויקלט די גלייכגילטיקייט פֿונעם עמאַציאָנעלן מעטאַפֿיזיקער צום סאָציאַלן און צום היסטאָרישן (איך נעם זיך נישט אונטער צו באַהויפּטן, אויב דאָס איז זייערע אַ מעלה אָדער אַ חסרון) — בלוטיק און פֿאַטאַל פֿאַראַנטוואָרטלעך. אַזוי פֿאַראַנטוואָרטלעך, אַז זיי זענען גרייט זיך צו באַשליסן אויפֿן פֿאַרברעכן פֿון מלחמה.

ווער עס פֿילט זיך באַרופֿן אָדער באַרעכטיקט דערצו, זאָל ער אין זיי וואַרפֿן שטיינער. אָבער אויך די שווערסטע און האַרטסטע שטיינער וועלן פֿאַר אייניקע פֿון זיי נישט זיין קיין גרעסערער עונש, ווי דער עונש וואָס זיי האָבן אַליין געגומען אויף זיך ווען זיי האָבן זיך אַנטשלאָסן צו זאָגן דער ביקס: „באַשיץ די וועלט״!

**
*

ביים אַריינגאַנג אין אַ לאָנדאָנער קירכע האָב איך פֿאַראַיאָרן געזען אַן אויפֿשריפֿט, אונטערגעחתמעט פֿון אַן ענגלישן פּאַציפֿיסטיש־געשטימטן גע־נעראַל: “Your job is to make my job impossible”.

איך געדענק שוין נישט דעם נאָמען פֿון יענעם טשיקאַוון גענעראַל, וואָס, דוכט זיך, נאָר אין דער ענגלישער אַרמיי קען אַ מענטש פֿון זיין טיפּ טאָלע־רירט ווערן. אויב ער האָט ערנסט געמיינט וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט אין זיין איינפֿאַכן און דאָך פּיקאַנטן זאַץ, האָט ער מסתמא געזוכט אין דער וועלט אַ נייע גייסטיק־סאָציאַלע קראַפֿט, וואָס זאָל מאַכן זיין „דזשאָב״ איבעריק, אוממעגלעך. ער האָט אפֿשר געהאָפֿט, אַז דאָס וועט טאָן די קירכע. האָט די קירכע זיינע האָפֿענונגען נישט דערפֿילט און די פּאַציפֿיסטישע ווינקל־באַוועגונגען אין אייראָפּע און אַמעריקע האָבן אויך קיין קראַפֿט און קיין דערצ־יִערישע השפּעה נישט אַרויסגעוויזן. איז ווען איינער רעדט היינט וועגן פּאַציפֿיזם, דערמאָנסטו זיך באַלד, אַז אין תוך איז נישטאָ מיט וועמען „צו גיין צום טיש״. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן מיר געהאַט צוואַנציק יאָר צייט פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון אַ פּאַציפֿיסטישער מאַסן־באַוועגונג — האָט מען יענעם פּעריאָד אין ערגעץ נישט אויסגענוצט. קיינער נישט! נישט די קירכן, נישט דער סאָציאַליזם, נישט די אַרבעטער־באַוועגונגען. מ׳האָט אין ערגעץ נישט ציגעגרייט, אויב מ׳מעג זיך אַזוי אויסדריקן, קיין פּאַציפֿיסטישע אַרמיי, אין ע־רגעץ נישט אויסגעפֿורעמט קיין אַקטיוון פּאַציפֿיסטישן ווילן, קיין געשמאַק און פֿעיִקייט פֿאַר פּאַציפֿיסטישער העלדישקייט און מאַרטירערשאַפֿט. און וואָס

קומט מיר אַרויס פון מיין איבערצייגונג, אַז די אידייע פון מיליטאַנטן פּאַצי־פיזם האָט נישט באַנקראָטירט; אַז אַלס אידייע קען זי גאָר קיינמאָל נישט באַנ־קראָטירן? און וואָס קומט מיר אַרויס פון מיין אמונה, אַז אַפילו היינט, שטייענ־דיק פּנים־אל־פּנים אַנטקעגן מיליאָנען נאַצישע בעסטיעס, וואָלט מאַסן־זעלבסט־אַנטוואָפענונג אין פראַנקרייך און אין ענגלאַנד, אַ כוואַליע פון פּאַציפיסטישער העלדן־סטיכיע, אין קורצע עטלעכע חדשים פאַראַליזירט אַלע היטלערס, מו־סאָליניס און סטאַלינס חיילות צוזאַמענגענומען? איך גלייב אויך היינט באמונה שלימה, אַז יענע הויך־געשפּאַנטע אַקטיוויטעט וואָס מען רופט געוויינלעך אָן מיטן נישט־פּאַסיקן נאָמען „פּאַסיווע רעזיסטאַנץ", וואָלט שנעל „דעמאָראַלי־זירט" די טאָטאַליטאַרע אַרמייען, וואָלט זיי געמאַכט אומפעיִק צו דערפילן זייערע פליכטן — און דאָס עכט־מענטשלעכע, וואָס איז אויך אין זיי טיף פאַר־באָרגן אונטער די שווערע פלאַסטערן פון זייערע עבודה־זרהס, וואָלט ביס־לעכווייז אָנגעהויבן אויפצוואַכן און אַרויסצושטראַלן. יענע אַקטיוויטעט איז אָבער היינט אין וועלכן נישט איז מאָסן מאַסשטאַב אוממעגלעך: צו שפּעט און — צו פרי. נישטאָ פאַר דעם נישט קיין אויער, נישט קיין האַרץ, נישט קיין פאַנטאַזיע. נישטאָ — דערפאַר וואָס יענע ספּעציפישע פעיִקייטן, אָן וועלכע פּאַציפיזם איז אַ וואָרט אָן אינהאַלט, זענען נישט אַנטוויקלט געוואָרן; וואָס אין קיין איינציק לאַנד (אַ חוץ אינדיע) זענען נישט פאַראַן קיין דריי מנינים מענטשן, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אין זייער לעבן פּאַציפיסטישע איבונגען, די „גימנאַסטיק" פון פּאַציפיזם. אויך פּאַציפיזם דאַרף האָבן אַן אַרמיי, אַ שטאַר־קערע, אַ דיסציפּלינירטערע, אַ העלדישערע פון די אַרמייען, מיט וועלכע עס אָפּערירט מיליטאַריזם. אָבער קיין אַרמיי האָט קיינער פאַר אים נישט צוגע־גרייט אין די אַלע יאָרן, ווען מען וואָלט זי געקענט צוגרייטן.

היינט איז שוין קיין ברירה נישטאָ. היינט קען מען נישט אויסקלייבן צווישן מלחמה און פּאַסיוויטעט. איז מלחמה, יעדע מלחמה, אַ פאַרברעכן, אָבער אין אַ געוויסער וועלט־סיטואַציע איז פּאַסיוויטעט אפשר אַ סך אַ גרע־סער פאַרברעכן...

1939

שיר השירים אין מאָסקווע

"With love's light wings did I o'erperch these walls;
For stony limits cannot hold love out:
And what love can do, that dares love attempt;
Therefore thy kinsmen are no let to me."

(*Romeo and Juliet*)

אין די טעג פון בירגער־קריג אין רוסלאַנד איז מיר אַמאָל אויסגעקומען צו זיין אַ צופעליקער עדות, בשעת אַ הויכשטייענדיקער סאָוועטישער סאַטראַפּ האָט געזידלט אַן אַלטן דירעקטאָר פון אַן אוקראַיִנישן טעאַטער: — וואָס מיינט איר? — האָט ער אויף אים גראָב געשריִען און דערצו געטופּעט מיט די פיס, — מיר וועלן איצט לייגן כבוד אויף אייך, ווייל אַמאָליקע יאָרן, אונטערן צאַרישן רעזשים האָט מען אייך פאַרפאָלגט און געזוכט עוקר מן השורש זיין אייער שפּראַך און קולטור? איר מוזט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַרויסוואַרפן אייער רעאַקציאָנערן, אידיאָטיש־סענטימענטאַלן רעפּערטואַר: מיר וועלן לענגער נישט דולדן קיין „כאָכלאַצקע" טעאַטער. איר דאַרפט ווערן אַ סאָוועטישער, רעוואָלוציאָנערער טעאַטער אויף אוקראַיִניש. איך בין לעצטן חודש געווען פיר מאָל ביי אייערע פאָרשטעלונגען, און וואָס האָב איך דאָרט געהערט? נאָכאַמאָל „נעסטשאַסטנאָ קאָכאַניע" און אָבעראַמאָל „נעסטשאַסטנאָ קאָכאַניע" (אומגליקלעכע ליבע). אין זשיטאָמיר שטייט פּעטלוראַ, אין יעקאַטערינאָסלאַוו — דעניקין, אין קרים — ווראַנגעל, אין סיביר — דער שד ווייסט ווער; און איר פאַרטשאַדעט די מוחות מיט אייער נאַטאַלקאַ, וואָס זיצט פאַרנאַכט ביים טייכל אונטער אַ פאַרטראַכטן טאָפּאָל־בוים און צעגייט זיך פון בענקעניש נאָך איר טאַראַסן. ווער איז ער, דער טאַראַס, וואָס אָן אים קען נאַטאַלקאַ נישט אויסקומען? אַ באַנדיט, אַן אויסוואורף און אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנער! ווו איז ער? מסתמא ביי פּעטלוראַן, אָדער ביי מאַכנאָן. ס'איז טאַקע פאַראַן נאָך וועמען צו בענקען און זיך אויסצווויינען די נאַרישע מיידלשע אויגן! זי איז אַליין מסתמא אַ באַנדיטקע, אייער חנעוודיקע נאַטאַלקאַ, מיט דעם רונדבריטן פּילפּאַרביקן קליידל פון מאַזעפּאַס צייטן. עס זאָל ווערן אויס ליבע אין טעאַטער! איר הערט, וואָס איך זאָג אייך? אויס ליבע, אויס ראָמאַנטישע זיפצעניש און קרעכצעניש, אויס קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע שטיק. נאַ דיר גאָר

ליבע אין מיטן דערינען... קראַנק זייט איר צו נעמען און צוגרייטן אַ פּיעסע לכבוד דער אַגראַרער רעוואָלוציע אין אוקראַיִנע, אַוועקשטעלן אַן אוקראַיִנישן יאַט מיט ביינער קעגן די פּוילישע פּריצים און פּעטלוראַס פּאַגראָמשטשיקעס? אָדער נעמען אייער נאַטאַלקאַ און זי אַוועקשטעלן אויף דער סצענע ביי אַ מאַשין־ביקס? ווילט איר דינען די רעוואָלוציע אָדער נישט? ווילט איר יאָ — זאָל ווערן אויס פאַרגלאָצטע אויגן און אויס בליפּעניש אין טעאַטער; ווילט איר נישט — נו, איר זייט נישט קיין קינד און איר פאַרשטייט אַליין...

דער דירעקטאָר האָט „פאַרשטאַנען". ער האָט לכתחילה פּרובירט עפּעס צו מורמלען וועגן ליבע אַלס אַן „אייביקן מאָטיוו" אין לעבן און אין קונסט. נאָר דער באַאַמטער האָט זיך ציניש צעלאַכט — „אַזוי? נעמאַ פּיסני בעז דיווקי?" (אַן אוקראַיִנישער פאָלקס־אויסדרוק: נישטאָ קיין לידל אָן אַ מיידל) — און דערנאָך האָט ער קאַלט און ערנסט צוגעגעבן, אַז ווער עס האַלט פון „אייביקע מאָטיוון" קען אים די טשעקאַ לייכט אַרויסהעלפן און אים איבערטראַנספּאָרטירן אין אַ וועלט וואָס איז „הוילע אייביקייט". האָט דער אַלטער טעאַטער־טוער צוגעזאָגט, אַז ער וועט נאָך דעמזעלביקן טאָג צונויפרופן אַ קאָנפערענץ וועגן „רעפאָרמירן" זיין טעאַטער.

דער דאָזיקער פאַל איז אפשר נישט אינגאַנצן קיין טיפּישער פאַר יענע צייטן. נישט אַלע באַלשעוויסטישע סאַטראַפּן האָבן געהאַט די העזה אַזוי צו רעדן מיט אַרטיסטן און דירעקטאָרן. דער מאָסקווער קונסט־טעאַטער, מיט זיינע סטודיע־פאַרצווייגונגען, האָט יאָרנלאַנג געאַרבעט אונטערן קאָמוניסטישן רעזשים אומגעשטערט און כמעט פריי אין אויסוואַל פון רעפּערטואַר; און אין יענע טיילן פון רוסלאַנד, וווהין עס האָט דערגרייכט לונאַטשאַרסקיס דירעקטע השפעה, איז דער טעאַטער געווען פאַרהעלטניסמעסיק־ווייניק „רעגימענטירט".

די סצענע מיטן אוקראַיִנישן טעאַטער־דירעקטאָר איז אָבער געווען כאַראַקטעריסטיש אין יענע יאָרן פאַר דער מענטאַליטעט פונעם דורכשניטלעכן רעוואָלוציאָנערן טוער. ליבע, דערצו נאָך ראָמאַנטישע ליבע, דאָס פּיקסירט־זיין אויפן געשטאַלט פון איין מענטשן איז אַ צו־אינדיווידואַליסטיש־אינטימע דערלעבעניש, אַז די רעוואָלוציע זאָל זי קענען און וועלן טאָלערירן. די רעוואָלוציע דאַרף האָבן פאַר זיך דעם גאַנצן מענטשן און זי קען נישט דערלויבן אַזאַ לוקסוס, ווי פאַרשווענדן פּסיכישע ענערגיע אַזוי... אומפּראָדוקטיוו. סאָציאַליזאַציע האָט זיך געדאַרפט, לויט דער באָלשעוויסטישער אמונה פון יענע יאָרן, אויסשפּרייטן אויך אויף גייסטיקע און פּסיכישע לעבנס־ספערן. ווי קען זיך פאַרן סאָציאַליזאַציע מיט אַזאַ יחידישקייט, מיט אַזאַ פּינטעלע־איך אָדער פּינטעלעדו־פאַרצויבערטקייט — ווי ליבע? האָט מען שטורמיש אַפּלאָדירט, געדענק איך, אַ יונגן סאָוועטישן פּראָפעסאָר פון ליטעראַטור, וואָס האָט נישט געפונען

פאַר טורגעניעוון קיין אַנדער באַצייכענונג ווי „באַרסקי באַבניק״ (אַ פּריצישער וויבערניק) און ער האָט דאַנטען געקרוינט מיטן טיטל „מאָנאָ־יובאָטשניק״ (איין־קליידלניק״, אָדער אויף „ענגליש״ the one-skirt-chaser) ווייל דער אי־טאַליענישער דיכטער איז אַ גאַנץ לעבן געווען באַנומען פון זיין ליבע צו איין מיידל, צו בעאַטריטשען. אין דער דאָזיקער דע־ראָמאַנטיזירונג פון ליבע האָט מסתמא נאָך געשפּילט אַ געוויסע ראָלע די אָפּאָזיציע צו דער קירכע און צום גאַנצן רומל פון קירכן־קולטור: די גריכיש־אָרטאָדאָקסישע קירכע האַלט זיך במעט אין דעם זעלבן פּרינציפּ וואָס די רוימיש־קאַטוילישע, אַז — אַ זיווג וואָס גאָט האָט איינמאָל פאַרבונדן טאָרן שוין מענטשן קיינמאָל נישט צעשיידן. אויך צוליב קאַמף קעגן רעליגיע האָט מען געדאַרפט אַראָפּרייסן פון ליבע דעם שלייער פון קדושה: גאָרנישט, מאַכט נישט קיין ווענז און פאַלט נישט אַריין אין צופיל התפּעלות!

פאַר דער פּראַנט־פּסיכאָלאָגיע פון יענע יאָרן איז עס געווען כמעט — נאַטירלעך. ווער ווייסט, אפשר איז געווען „נאַטירלעך״ אויך דער אַנעקדאָטי־שער יונגער קאָמוניסט, וואָס איז געקומען לערנען אין אוניווערזיטעט, און ווען חברים האָבן אים געכאַפּט ביי אַ בורזשואַזנער עבירה — געפונען צווישן זיינע זאַכן אַ ציין־בערשטל — האָט ער זיך געפּרוווט ריינצוואַשן אויף פאָלגנדיקן אופן:

„ערשטנס, איז דאָס ציין־בערשטל נישט מיינס, נאָר איך האָב עס צוגע־גנבעט ביי מיין אָנקל; און צווייטנס, איך געברויך עס קיינמאָל נישט פאַר די ציינער, נאָר אַזוי ווי איך האָב נישט קיין לעפעלע, נוץ איך עס אויף צו מישן טיי״.

***

איך בין שוין לאַנג נישט געווען אין רוסלאַנד און איך נעם זיך נישט אונטער צו משפּטן, צי און אין וועלכער מאָס די אַלטע פעאָדאַל־קליינבירגער־לעך־אינטעליגענטישע ליבע, די „ליידנשאַפט פון ראַפינירטע פּוסטעפּאַסני־קעס״ — איז דאָרט רעסטאַווּרירט געוואָרן אין אירע רעכט. די סאָוועטישע פּילם־בילדער וואָס מען ברענגט אַהער אַריבער זענען מערסטנטייל „ליבעלאָז״, פול מיט מוסר און מיט מוסר־השכּל; אָנגעפּיקעוועט מיט דיסקוסיעס און באָלשעוויסטיש־משכּילישער אָראַטאָריע. אין אַ ריי סאָוועטישע ראָמאַנען, וואָס זענען מיר געקומען אין דער האַנט — איך בין צו ווייניק קענער פון דער גאָר־גאָר נייער רוסישער בעלעטריסטיק, כּדי צו פעסטשטעלן, אַז יענע ראָמאַנען זענען טיפּישע — האָב איך געזען אַן אומאויפריכטיקן פּרווו צו „עראָטיזירן״ אָדער „ראָמאַנטיזירן״ די באַציִונג פונעם סאָוועטישן מענטשן צום דיזל־מאָ־

טאָר אָדער צום טראַקטאָר. בלויז אין איין סאָוועטישער דערציילונג (אויב איך מאַך נישט קיין טעות, איז זי פאַרעפנטלעכט געוואָרן אינעם נעפּ־פּעריאָד, ווען מ׳האָט אין רוסלאַנד אויף אַ פּאָר יאָר אַביסל אָפּגעלאָזט די לייצעס) האָב איך מיך אָנגעשטויסן אויף אַן ערלעכער, אָפענער בענקשאַפט נאָך דער „פּאַר־רעָ־וואָלוציאָנערער" ליבע. וואָס קומט מיר אַרויס פון מיין ראָמאַן — קלאָגט זיך דאָרט אַ מיידל — אַז ער האָט נישט קיין אַראָמאַט, „אָן בעז טשעריאָמוכי" ער איז אָן טשעריאָמוכאַ (אַ פּאָפּולערע בלום אין צענטראַל־רוסלאַנד און ביי דער וואָלגאַ). ווייס איך נישט, צי דער גערוך פון „טשעריאָמוכאַ" האָט זיך נאָכ־אַמאָל אָנגעהויבן פילן צווישן די ער׳ס און די זי׳ס אין רוסלאַנד. לויט אַלע װאָרשיינלעכקייטן, איז דאָרט נאָך אַלץ נישטאָ קיין פרייע ענערגיע פאַר דויערנ־דיקע, טיפערע, יחידישע איבערלעבונגען. מען לעבט דאָרט דאָך נאָך אַלץ אין „מזל"־קאַזאַרמע. און מעג די קאַזאַרמע זיין פול מיט מצוות ווי אַ מילגרוים מיט קערנדלעך — און מעג דער צוועק פון איר עקזיסטענץ זיין נישט קיין קלענערער ווי דאָס איינפירן פון מלכות־שמים אויף אונדזער זינדיקער ערד, אָבער אַ קאַזאַרמע איז אַ קאַזאַרמע, און דער „בלויער פויגל" וויל אַהינצו נישט קומען צופליען.

**
*

אפשר דערפאַר האָט טאַקע בראַיאַן גראָוער, דער הויכוווקסיקער און בלאָנדער ענגלישער אינזשיניער, אַרויסגערופן אין מאָסקווע אַזאַ סענסאַציע מיט זיין דורך־און־דורך ריזיקאַלישן אָנקומען אויף אַ קליינעם, ביליקן עראָ־פּלאַן, וואָס ער האָט זיך ספּעציעל איינגעשאַפט פאַר זיין פלי־רייזע. גראָוער האָט קלאָר געוווסט, וואָס עס הייסט אַריינצוקומען אין ראַטן־לאַנד אָן אַ וויזע. אַריבערשמוגלען די גרענעץ הייסט: אַרעסטירט ווערן אויף דער באַשולדיקונג פון שפּיאָנאַזש — און נישט דער טריבונאַל דאַרף דיר באַווייזן, אַז דו ביסט אַ שפּיאָן, נאָר דו דאַרפסט באַווייזן אַז דו ביסט נישט קיין שפּיאָן — און קיינער אין דער וועלט איז דאָך נישט אימשטאַנד צו איבערצייגן מיט דאָקומענטן, אַז ער איז נישט קיין געהיימער שליח פון אַ פרעמדן גענעראַל־שטאַב. עס איז נישטאָ יענע רעגירונג וואָס זאָל פאַרעפנטלעכן די רשימה פון אירע שפּיאָנען אָדער באַשטעטיקן, אַז זי האָט דעם און דעם יאָ געשיקט אויף שפּיאָנאַזש־אַרבעט, כדי מ׳זאָל זיין אַמאָל גענייגט צו גלייבן ווען זי זאָגט עדות אַז זי האָט עמעצן נישט געשיקט. בראַיאַן גראָווער האָט געוווסט אַז ער שפּילט זיך מיטן טויט; אַז אָנקומען פון אויסלאַנד אויף אַ נישט־רעגיסטרירטן און נישט־דער־וואַרטן עראָפּלאַן הייסט באַלד אַריינפאַלן אין די הענט פון פּאָליציי; אַז דער „מינימום" וואָס דער פּראָקוראָר וועט פאָדערן פאַר אים וועט זיין טויט־שטראָף,

אַז זיין רעגירונג וועט זיך אַפילו נישט קענען אַריינמישן און זיך משתדל זיין פֿאַר אַ בירגער, וואָס איז באַגאַנגען אַזאַ משוגעת. ער האָט אָפּגעלעבט עטלעכע יאָר אין רוסלאַנד, ער איז באַקאַנט מיט די דאָרטיקע געזעצן און מיט דער דאָרטיקער געריכטס־פּראָצעדור.

און דאָך האָט ער ריזיקירט. ערגעץ־ווו איז ער מסתמא געווען זיכער ביי זיך, אַז מ׳וועט אים באַהאַנדלען מער מיט מידת־הרחמים ווי מיט מידת־הדין. ער האָט שפּעקולירט אויף דעם „אייביק־מענטשלעכן״ אין סאָוועטישע רעגי־רונגס־לייט און אין סאָוועטישע ריכטער. ער האָט געוואָלט גלייבן, אַז ווען ער וועט זיי דערציילן דעם ריינעם אמת: — „אין אייער לאַנד געפינט זיך אַ פרוי, יעלענאַ פּעטראָוונאַ גאַליוס, וועלכע איך האָב ליב שוין אַ לענגערע צייט, אָן וועלכער איך קען נישט לעבן, און שוין פיר יאָר אַז איך האָב זי נישט געזען; און נישט איר האָט מיך געוואָלט אַריינלאָזן צוריק קיין רוסלאַנד, נישט איר האָט זי געוואָלט אַרויסלאָזן צו מיר קיין ענגלאַנד — בין איך געגאַנגען קעגן אייערע געזעצן און קעגן אייער ווילן, אַריבערגעפלויגן די גרענעץ אויף מיין אייגענעם אַעראָפּלאַן וואָס איך האָב מיר איינגעשאַפט מיט מיין ביסל שווער־פאַרהאָרעוועט געלט, און אָט שטיי איך דאָ פאַר אייך און בעט אייך אָדער איר זאָלט מיר דערלויבן צו בלייבן דאָ אָדער איר דערלויבן מיט מיר אַרויסצופאָרן פון רוסלאַנד״ — וועלן זיי אויס דרך־ארץ פאַר זיין גרויסער ליידנשאַפט אים שענקען דאָס לעבן און אפשר אויך דערפילן זיין בקשה. די שפּעקולאַציע פון אַ ליבע־מאַניאַק, פון אַ לבנה־פאַרכישופטן נאַכט־וואַנדלער, פון אַ — „באַ־זעסענעם״.

און ווי איך זע, האָט זיין שפּעקולאַציע געווירקט. אין דער קאַזאַרמע־לופט האָבן אויף אַ מינוט אַ פלאַטער־געטאָן די פליגלען פונעם בלויען פויגל. סאָווע־טישע מאַכטהאָבער האָבן זיך אָן עפּעס דערמאָנט: אַ פאַרגעסענער מאָטיוו האָט פּלוצים אַ ציטער געטאָן אין חלל־העולם. יאָפּאַן דראָט פון מזרח און דייטש־לאַנד פון מערב און אין לאַנד אַליין — פאַרביסנקייט, פאַרראַטן, פאַרשווערונ־גען און פאַרדעכטיק־שרייענדיקע לאָיאַליטעט. די ריזיקע רוסישע פּרעריע גרייט זיך נאַכאַמאָל פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַ מלחמה־יאַטקע — און דאָ, מיר־נישט, דיר־נישט קומט צו פליִען אַן אַטלעטישע פיגור פון אַ בלויאויגיקן ענגלענדער און ער דערציילט אין פּשוטע, ערלעכע און איבערצייגנדיקע ווער־טער, אַז ער איז שוין יאָרנלאַנג קראַנק אויף ליבע און אַז וואָס אויף דער וועלט זאָל נישט פּאַסירן איז זיין לעבן קיין לעבן נישט אָן יעלינאַ פּעטראָוונאַ גאַליוס: אַ יעקב אָבינו פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט קומט צופליִען אויף פליגלען פון בענקשאַפט צו זיין סלאַווישער, שמאָלנאַזיקער רחל. וואָס איז דאָס? אַ מאָ־טיוו פון דער וויַיט־אָפּגעשטאָרבענער פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז פּלוצים אויפֿ־

געשטאַנען תחית־המתים? אַ פראַגמענט פון אַ ניי־ראָמאַנטישער צוקונפט? אַ ניגון פון דער אייביקייט? און פאַרהאַרטעוועטע, פון חשדים און מוראס אויפ־געפרעסענע סאָוועטישע סאַטראַפּן, האָבן זיך אויף אַ מאָמענט פאַרלוירן, בטל געוואָרן פאַר אַן אויפבליץ פונעם אייביק־מענטשלעכן. גראַוועך איז אָפּגעקר־מען מיט אַ געלט־שטראָף און מיט דער קאָנפיסקאַציע פון זיין ביליקן אָרעמ־פלאַנדל.

***

תחילת יאַנואַר, דערציילן די צייטונגען, איז דאָס גליקלעכע פּאָרל אָוועק־געפאָרן קיין ענגלאַנד. זייער אָפּרייזע איז געווען די גרעסטע סענסאַציע פון דער וואָך. אַמבאַסאַדאָרן האָבן זיך פאַר זיי משתדל געווען, מ'זאָל זיי אַרויס־געבן טראַנזיט־וויזעס; קאָנסולאַטן האָבן זיך מתעסק געווען מיט זייער באַגאַזש און פון רעגירונגס־דעפּאַרטאַמענטן איז מען געלאָפן זיי באַזאָרגן מיט אייזנ־באַן־בילעטן. צום וואָקזאַל זענען זיי געקומען באַגלייטן דיפּלאָמאַטן, רוסישע רעגירונגס־באַאַמטע, סתם מאָסקווער איינוואוינער אין גרויסע צאָלן. מ'איז זיך צוזאַמענגעלאָפן אויפן — „גוט־ווונדער". מ'האָט געוואָלט זען מיט די אייגענע אויגן דאָס שטיק שיר השירים, וואָס האָט זיך פּלוצים אַריינגעריסן צווישן שטרענגע, גרויע מויערן, און האָט אַזוי אומדערוואַרט באַזיגט דעם סאָווע־טישן חומר־הדין און חומר־הפּראַקטיק.

***

באַזיגט?

הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן:

נישטאָ קיין צאָל פאַר די ברכות, וואָס איך בין גרייט צו שיקן קיין לאָנ־דאָן, צום גליקלעכן ענגליש־רוסישן זיווג. אָבער מיין האַרץ זאָגט מיר: עמעצער וועט נאָך אפשר אין רוסלאַנד טייער באַצאָלן פאַר זייער גליק.

מ'קען זיך נאָך דערמאָנען און... זיך פאַרשעמען: וואָס האָט אין יענע טעג פּאַסירט? וואָס זענען מיר פּלוצים אַזוי צעשמאָלצן געוואָרן, בטל געוואָרן פאַר אַ ליבע־באַזוכעניש? ווער איז עס געווען דער, וואָס איז דער ערשטער אַריינ־געפאַלן אין אַזאַ אידיאַטישער סענטימענטאַליטעט און האָט נאָכדעם אָנגע־שטעקט אַנדערע? און אַז מען וועט יענעם „ערשטן" זוכן — וועט מען אים גע־פינען, און וועט מען דאַרפן — וועט ער זיך אַרויסווייזן פאַר אַ טראָצקיסט.

אָדער אפשר בין איך אַליין שוין אַזוי דעמאָראַליזירט פון מיין באָלשע־וויסטישער „מאַנקאָליע", אַז איך קען מיר שוין נישט פאָרשטעלן, אַז דאָס

חיים גרינבערג

אָפּיציעלע מאָסקווע זאָל האָבן דורכגעלעבט אַ טאָג פון ספּאָנטאַנער, אויסער־פּאָליטישער, סתם־און־אייביק, מענטשלעכקייט, און זי זאָל נאָכדעם אויף דעם גישט חרטה האָבן?

1939

דער מענטש וואָס האָט נישט געוואָלט הייסן יאָסל

אויפֿן גריכיש־אָרטאָדאָקסישן בית־עולם פֿון אַן אינדוסטריעלער אַמעריקאַנער שטאָט, וועלכע איך וועל בעסער נישט אָנרופֿן ביים נאָמען, וועט מען די טעג אַוועקשטעלן אַ טשיקאַווע מצבה. נאָך דער געוויינלעכער, רוסישער אויפֿשריפֿט מיט אירע קלויסטער־סלאַווישע בוכשטאַבן, וועלן אויף איר אויס־געקריצט ווערן אויך זעכצן ייִדישע אותיות: „פּה נטמן יוסף בן משה". דער גלח, ווייס איך, האָט שוין געגעבן די דערלויבעניש אויף אַזאַ אויפֿשריפֿט, און מיין „לומדות" איז צונוץ געקומען אויף צוצושטעלן דעם העברעיִשן טעקסט. דער פֿאַרשטאָרבענער, לאָזט זיך אויס, האָט אָנגעזאָגט זיין פֿרוי — אַ פֿרומער רוסישער עמיגראַנטקע — אַז מ'זאָל באַזאָרגן פֿאַר זיין מצבה אויך אַ העברעיִשע אויפֿשריפֿט; און טאָמער וועט מען דאָס נישט קענען אויספֿירן, זאָל מען אים ליבער אינגאַנצן קיין מצבה נישט שטעלן. ערשט נאָכן טויט האָט די קליינע און צוזאַמענגעוואַקסענע רוסישע קאָלאָניע פֿון יענער שטאָט אויסגעפֿונען, אַז איינער פֿון די גבאים פֿון זייער קירכע איז משמעות געווען אַ ייִד און אַז ס'איז גאָר אַ ספֿק, צי ער איז ווען עס איז געווען געטויפֿט לויט זייער פּראַוואָסלאַוו־נעם צערעמאָניאַל. אַ חוץ זיין פֿרוי האָט קיינער אין שטאָט נישט געוווּסט דעם סוד, וואָס ער האָט אין זיך געטראָגן. זיין ברייט, קלייענדיק פּנים מיט די וואַ־סערדיק־גרויע אויגן האָט אויסגעזען מער סלאַוויש ווי ייִדיש, זיין רוסיש איז געווען פֿליסיק און נאַטירלעך, זיין ענגליש — מיט אַ האַרטן, רוסישן אַק־צענט; זיינע מאַניערן, געוווינהייטן, אינטאָנאַציע — דרום־רוסיש־גויִש. זיין נאָמען (דאָס הייסט דער נאָמען אונטער וועלכן ער האָט אָפֿיציעל געלעבט אין אַמעריקע) האָט אויך געשאַפֿן דעם איינדרוק, אַז ער שטאַמט פֿון אַן עכט־רו־סישער אָדער אוקראַיִנישער פֿאַמיליע. קיינעם האָט נישט געקענט קומען אויף דער מחשבה, אַז דער ברייטביינערדיקער „סטאַראָסטאַ" פֿון דער קירכע — און דער הויפּט פֿון זייער חברה קדישא — איז גאָר אַ ייִד; און זיין ווייב האָט אַלע יאָרן, ביז נאָך זיין פּריצייטיקן טויט, הייליק געהיט זיין סוד.

***

די מצבה וועט אויף לאַנגע יאָרן בלייבן אַ רמז אויף אַן אומבאַקאַנט, מיס־טעריעז לעבן פֿון אַ מאָדנעם מענטשן, וואָס איז געווען אי אַ ייִד און אי אַ גוי, איז איז אַוועקגעגאַנגען פֿון דער וועלט מיט איין נאָמען פֿאַר דער קירכע און

פאַר די רעגירונגס־אויטאָריטעטן — און מיט אַ צווייטן נאָמען פאַרן... חלל העולם. אין מיין זכרון וועט ער אָבער אויף שטענדיק בלייבן אונטער גאָר אַן אַנדער נאָמען, אַלס „דער מענטש וואָס האָט נישט געוואָלט הייסן יאָסל".

דוכט זיך, אַ געוויינלעכער נאָמען, אפשר מיט אַביסל אַ טריוויאַלן קלאַנג פאַר אייניקע אויערן; אָבער אין אָט דעם נאָמען איז געלעגן זיין פיין, זיין געפיל פון באַליידיקונג און יענע לעפּישקייט וואָס גייט אַזוי אָפט אַרום אין לעבן געאָרעמט מיט טראַגיק. פון זיינע פר:יע יינגלישע יאָרן אָן האָט ער געזען דעם אומגליק, איך וואָלט געזאָגט דעם פאַטום, פון זיין לעבן אין דעם דאָזיקן מיאוסן, ווי ער האָט זיך איינגערעדט, נאָמען וואָס זיין פאָטער האָט אויף אים אַרויפגעצוווּנגען: יאָסל.

איך געדענק אים ווי היינט. ער איז געווען עלטער פון מיר מיט גוטע עטלעכע יאָר און אַ סך העכער און ברייטער פון מיר. די שקצים אין שטעטל פלעגן ציטערן פאַר אים אימת־מות. אַ האַנט האָט ער געהאַט אַ שטאַרקע און אַ שווערע און פון זיבט ער האָט צעמזיקט דעם גלחסביידע בנים, וואָס זענען נאָכדעם אָפּגעלעגן צוויי וואָכן מיט געשוואָלענע זייטן, איז ער געוואָרן אַזוי פּאָפּולער אַלס שלעגער — אַז קיינער האָט זיך שוין מיט אים נישט געוואָלט „זאַמירן". איך ווייס נישט, פאַר וואָס איך האָב געהאַט די זכיה; אָבער צו מיר פלעגט ער שטענדיק אַרויסווייזן אַן אומבאַגרייפלעך־צאַרטע באַצי:ונג. אָפטמאָל, דערמאָן איך מיך, האָט מיך יענע באַצי:ונג, ווי איך וואָלט זיך היינט מסתמא אויסגעדריקט, „שאָקירט": מיר פלעגט זיך פון צייט צו צייט דוכטן, אַז דאָס איז די צאַרטקייט פון איינעם, וואָס פילט אין מיר אַ שוואַכלינג, וועלכער מוז נעבעך אָנקומען צום שוץ פון „אַ יונג מיט ביינער". איך דערמאָן זיך אָבער, אַז ער איז מיר געווען אויך דאַנקבאַר פאַר די מעשיות, וואָס איך פלעג קענען דערציילן. און פאַר יעדער מעשה פלעגט ער מיר אין די זומער־אויפדערנאַכטן אָפּצאָלן מיט לידלעך — פאַר יעדער מעשה אַ לידל און פאַר יעדן לידל ווידעראַמאָל אַ נייע מעשה. מיר האָט ער אויך אַמאָל אָנפאַרטרויט זיין מוראדיקן סוד: ער האָט פיינט זיין טאַטע תכלית שנאה, און ער וועט מיט דער צייט אַוועקפאָרן ערגעץ־ווו אין דער ווייטער וועלט אַריין — קיין אַפריקע און אפשר קיין אַרגענטינע — און וועט קיין אַדרעס אַהיים נישט שיקן, און וועט פון זיין טאַטנס „זוואַניע" קיינמאָל נישט וועלן וויסן. אַן אומהיימלעכער ציטער, געדענק איך, איז יענעם אָוונט דורכגעלאָפן איבער מיין נאָך קינדעריש און נישט־פאַרהאַרטעוועטן לייב: איך האָב מיינע אויערן נישט געגלייבט און זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אַ מענטשס מויל זאָל גאָר קענען אַזעלכע ווערטער אַרויסרעדן. ער האָט אָבער עטלעכע מאָל מיט אַ פולן, פרעכן מויל איבערגעחזרט די דאָזיקע דערקלערונג פון שנאה: „פאַרוואָס האָט ער מיר אַ נאָ־

מען געגעבן יאָסל? קיין אַנדער נאָמען נישט געקאָנט אויסזוכן? אַפילו ביים קאַזיאָנע ראַבינער האָט ער מיך פאַרשריבן יאָסל! אָבער, נישקשה: איך וועל קיין מעטריקע נישט אַרויסנעמען, און קיין אַפריקע אָדער קיין אַרגענטינע וועל איך אַוועקפאָרן אָן פּאַפּירן — און די וועלט זאָל זיך אַפילו איבערקערן, וועל איך אויפהערן צו הייסן יאָסל".

**
*

דעם רב אין שטעטל האָט מען גערופן רב יוסי (יאָסיע); דער שניט־קרע־מער אויף דער לאַנגער גאַס האָט געהייסן יאָסקע; דעם פּאָסעסאָרס איידעם, אַ קירה"השער יונגערמאַנטשיק, האָט געבראַכט מיט זיך פון דער היים דאָס פּאַרצויגענע יאָסעלע; ביילע דער אלמנהס בן־יחידל מיטן בלאַסן פּנימל און די דינע, אויסגעדאַרטע הענטעלעך (דאָס בעסטע חדר־יינגל אין שטעטל) האָבן אַלע ציטעריק גערופן יאָסעניו; ראָזענבוים דעם אַדוואָקאַט האָבן גוטע־ברידער טיטולירט יאָסיף; און גרינקאָוו דער נאָטאַריוס האָט געהייסן אָסיפּ.

מיין פריינטס „פילאָלאָגישער חוש" האָט אים געזאָגט, אַז דאָס זענען אַלץ אָנשטענדיקע וואַריאַנטן פון איינעם און דעם זעלבן נאָמען. אָבער ער הייסט גאָר יאָסל, טראָגט איין נאָמען מיטן שטאָט־גנב, יאָסל אַרעסטאַנט, וואָס ווען מען באַגעגנט אים אין גאַס, פרעגט מען אים: „ווי גייטס עפּעס דעם קיסר אין געזונט?" — ווייל אַלע ווייסן, אַז ער איז זעכצן חדשים אויסגעזעסן אין חד־גדיא, „ביים קיסר אויף קעסט". פאַרוואָס קומט אים, ער זאָל הייסן יאָסל? ווייל דער ליטווישער מלמד זאָגט, אַז ס'איז לייכטער צו מאַכן פונעם רב אַן אַם איידער אים אויסצולערנען כאָטש אַביסעלע דקדוק? ווייל דער רוסישער הויז־לערער האָט געזאָגט אַז ווען מ'זאָל אים פאָלגן, וואָלט מען אים באַצייטנס געדאַרפט אויס־לערנען זיין אַ „טשאַבאַן" (אַ פּאַסטוך), ווייל פאַר עפּעס אַנדערש וועט ער שוין נישט טויגן? דאַרף מען אים דערפאַר רופן יאָסל?

**
*

ווען ער האָט אויסגעפונען די מעשה פון מכירת־יוסף, האָט ער אָנגעהויבן פאָדערן אין דער היים, מ'זאָל אים רופן „מיט זיין ריכטיקן נאָמען", אָט אַזוי ווי אין חומש שטייט: „יויסעיף". ער האָט פאַרמאָגט אַן אויסגעצייכנט אויער — דאָס האָט מען געקאָנט זען פון זיין פּראַכטפולן זינגען ציגיינערישע, כאַכ־לאַצקע און אַנדערע לידער — און ער האָט געכאַפּט אַז יוסף פונעם חומש רעדט מען אַרויס „יויסעיף", מיטן אַקצענט אויף דער צווייטער זילבע, האָט דער פאָטער אויסגעשטרעקט אויף אים אַ פּאָר בייזע אויגן און זיינע געדיכטע ווייסלעך־בלאָנדע ברעמען האָבן זיך אָנגעבלאָזן מיט רוגז און פאַראַכטונג: אַזוי?

אַנדערש שטייט דיר שוין נישט אָן, ווי נאָר צו הייסן יוסעיף? אַזוי פּאַסט עס דיר טאָקע? אפשר זאָל איך דיר קויפן אויך אַ זיידן העמדל? אפשר ווילסטו אַז דיינע ברידער און שוועסטער, און איך, און די מאַמע זאָלן זיך צו דיר בוקן? אַ קלייניקייט — אַ קינד אַ דימענט? און די נאָז קענסטו דיר אויסשנייצן ווי אַ מענטש? און עברי קענסטו ווי אַ יינגל אין דיינע יאָרן דאַרף קענען? און גיין קענסטו ווי אַ מענטש? טאַפּ־טאַפּ, טאַפּ־טאַפּ, מיט די לאַנגע בעל־עגלהשע רגלים... עשו מיט די ביינער... און אַז דו וועסט זיך איבערקערן מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, וועט דיך דען עמעצער רופן „יוסעיף"? זיי ציפּרידן וואָס אַזאַ „זשלאָב" (אַ גראָבער גוי) ווי דו הייסט כאָטש יאָסל... אויך צופיל פאַר דיר"...

אָבער יאָסל האָט זיך איינגעשפּאַרט, נישט מער צו הייסן יאָסל. אין דער היים, בכל אופן, האָט ער אויפגעהערט זיך אָפּצורופן אָדער זיך אומצוקוקן, ווען מ׳האָט זיך געווענדעט צו אים מיט זיין „העסלעכן" נאָמען: נישטאָ אַזאַ באַשעפעניש אין הויז, וואָס הייסט יאָסל. מיט זיינע צוויי ברידער און איין־און־איינציקער שוועסטער האָט ער כמעט אויפגעהערט צו רעדן: דער עלטערער ברודער, דער סטודענט, מיט וועלכן דער טאַטע צאַצקעט זיך, קומט סיי־ווי אַהיים נאָר אויף וואַקאַציע, און וויל אים כמעט נישט דערקענען; דער יינגערער ברודער שטאָלצירט מיט זיין ווּוילקענערישקייט (ער לערנט שוין אַלגעברע און קען לייענען רש״י־כתב), און די שוועסטער („קרוינע מיינע", ווי דער טאַטע רופט זי), גיט אים כאָבאַר אַ גוט וואָרט נאָר ווען זי בעט זיך ביי אים, ער זאָל נישט דערציילן אין דער היים, אַז ער האָט זי שפּעט אין אָוונט געזען שפּאַצירן מיטן פּריסטאַווס „זינדל". דער טאַטע האָט סיי־ווי שוין אויפגעהערט אויף אים צו קוקן („ס׳איז נישט מיין קינד", האָט ער אים איינמאָל געהערט זאָגן צו דער מוטער אין זייער שלאָף־צימער, „זאָג אויס דעם אמת, פון וועמען איז ער? פון אַ גוי?"), און די מאַמע — ווען זיי בלייבן אַמאָל אַליין, קוקט אויף אים, ווי אים דוכט זיך, מיט שולדיקע אויגן און וויינט.

האָט ער אָנגעהויבן אַוועקצוגיין פון דער היים אויף לאַנגע שעהן, אַמאָל אויף אַ גאַנצן טאָג, צום טייכל אָדער אין דערבייאיקן וועלדל. ווי ער האָט מיר אין שפּעטערדיקע יאָרן דערציילט, פלעגט ער זיך דענסטמאָל אַרומטראָגן אין זיין איינזאַמקייט מיט משונהדיקע מחשבות און חלומות: ער איז אויך אַ יוסף, אַ „יוי־סעיף"... ער איז בעסער פון זיינע ברידער און פון זיין שוועסטער; קלו־גער, גערעכטער, פעיִקער און שענער — און דערפאַר האָט מען אים פיינט... אָבער אים ווערט מען נישט קענען פאַרקויפן פאַר אַ קנעכט, ווייל אַלע ווייסן פון זיין גבורה; ער ווערט זיך נישט לאָזן... אָבער עס וועט קומען אַ טאָג און ער וועט בינדן דעם סטודענט מיט די מעשענע קנעפּ אויפן מונדיר, און דעם רש״י־

קנאַקער, און די „קראַסאַוויצע", דעם טאַטנס „קרוין", וואָס פירט זיך אַרום מיטן פּריסטאַווס „זינדל", און וועט זיי אַלע פאַרקויפן צו די גרוזינען מיט די גראָבע וואָנצעס, וואָס קומען יעדן זומער האַנדלען מיט זייד, טשע־סו־טשאַ און אַלפּאַגאַ פאַר מענערשע זומער־קליידער... און נאָכדעם — אַפריקע, אַרגענטי־נע... ערט ווערן אַ פּרעזידענט... אַ הונגער אין רוסלאַנד... יאָ, עסן וועט ער זיי געבן ווען זיי וועלן אָנקומען אין זיין לאַנד, און אַ דירה, און קליידער, אָבער רעדן מיט זיי — נישט אַ וואָרט... און זאָלן זיי וויסן, וואָס עס הייסט — יאָסל...

***

מיט דער צייט האָט ער זיך איבערגעקליבן צו די „יאַמשטשיקעס" (פערד־אָנטרייבער) אין הויף. איינס פונעם פאָטערס פיל געשעפטן איז געווען די „זעמסקע פּאָטשט",* און די אָנטרייבערס, שמידן און אַנדערע דינער האָבן גע־וווינט אין צוויי גרויסע פליגלען פון זיין הויז מיט זייערע פרויען און קינדער. גאַנצע טעג פלעגט זיך שוין יאָסל נישט באַוויזן צווישן די זייניקע און ער איז געוואָרן אינגאַנצן אַן אייגענער אין דער גרויסער משפּחה רוסן, כאָכאָלן און ציגיינער פון דער „זעמסקע פּאָטשט". דער ליטווישער מלמד האָט אויפגעהערט אַריינצוקומען („אַ גוייִשער קאָפּ!"), דעם רוסישן לערער האָט מען געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עס איז גלייכער ער זאָל אָנשטאָט זיך מוטשען מיט יאָסלען אַיועקגעבן מער צייט איציקלען, וואָס לערנט שוין אַלגעבראַ — און ווען מ'איז אַוועקגעפאָרן אין מיטן זומער אויף אַ וואָך צייט קיין אָדעס, ווו דער פעטער שמחה וואָס האַנדלט מיט סאַמאַרקאַנד און עקספּאָרטירט סחורה אַזש קיין לאָנ־דאָן, האָט אויסגעגעבן זיין ערשטע טאָכטער, האָט מען יאָסלען אַפילו נישט געזאָגט אַז מ'פאָרט אַוועק. די מאַמע, האָט אים דערציילט אַנטאָן דער אָנטריי־בער, וואָס האָט די משפּחה אַוועקגעפירט צום וואָקזאַל, האָט שטאַרק געיאָמערט און געוויינט, און אים געבעטן אַכטונג געבן אויף יאָסלען, אָבער זעגענען זיך מיט אים (שוין נישט רעדן וועגן מיטנעמען קיין אָדעס) האָט אויך זי נישט געפונען פאַר נייטיק.

אַלץ מער און מער איז יאָסל אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער רוסיש־כאָכ־לאַצקע־ציגיינערישער סביבה פונעם „הויף" ווו מ'האָט אים געקרוינט מיטן נאָמען „דרוזשאָק", פריינד. אין שטעטל האָט מען אַפילו אָנגעהויבן רעדן, אַז יאָסל האַלט ביי שמדן זיך, און כאָטש ער איז נאָך אַזוי יונג, כמעט אַ שנעק,

* אַ מין קאָנטראַקט מיט דער רעגירונג צו באַזאָרגן מיט טראַנספּאָרטאַציע די פּאָסט, שטייער־קאָלעקטאָרן, ריכטער, רעגירונגס־דאָקטוירים און אַנדערע באַאַמטע. אין דרום־רוס־לאַנד זענען די דאָזיקע קאָנטראַקטאָרן געווען מערסטנס ייִדן, וועלכע האָבן צוליב דעם געמוזט האַלטן גרויסע צאָלן וואָגנס, פערד און (שטענדיק גוייִשע) אָנטרייבערס.

וועט ער אינגיכן חתונה האָבן מיט דער ציגיינערטע נאַטאַשאַ, מיט דער יונ־גערער טאָכטער פון קאָנסטאַנטין, דער שמיד, וואָס האָט ליב געהאַט צו דער־ציילן, אַז אין אונגאַרן איז ער אַמאָל געווען אַ באַרימטער פידל־שפּילער, נאָר אַ מיידל האָט אים פון איפּערזוכט געגעבן צו טרינקען עפּעס אַ געמיש פון ווײַן מיט אַ כישוף־גראָז און פונדעסטמאָל אָן האָט ער פאַרלוירן דעם „גוסט" צו שפּילן.

דעם פּאָסעסאָרס אײדעם, דער קיר"השער יונגערמאַנטשיק — וואָס האָט יאָרנלאַנג „געסטראַשעט" אַז אָט־אָט לאָזט ער זיך אַוועק קיין לעמבערג און דרוקט דאָרט אָפּ אַ גאַנצן בוך לידער, און די וועלט וועט מיט אַמאָל דערזען, וואָס פאַר אַ פּאָעט אונדזער שטעטל האָט זוכה געווען צו האָבן צווישן אירע אײַנוווינער — האָט אַפילו „פאַרפאַסט" אַ ספּעציעל לידל לכבוד יאָסלס שמד און חתונה. איך געדענק נאָך ביז היינט ד' פיר סטראָפן פון יענעם לעפּישן און כאַדיסטישן פּזמון:

„כ'קען אַ ייִנגל, הייסט ער יאָסל,
עסט ער טריפס און טרינקט ער נסך.
נאָך כל־נדרי פרעסט ער ראָסל,
שטיקער ברויט אין מיטן פּסח.

נישט קיין תורה און נישט קיין מידות,
נישט קיין חומש, נישט קיין רש"י,
פרומע ייִדן רופט ער זשידעס,
און זיין זיווג איז נאַטאַשע.

כ'קען אַ ייִנגל, הייסט ער יאָסל,
זויפט ער בראָנפן ווי אַן ערל;
זאָגט אויף אים זיין מומע סאָסל,
אַז אַ שיקסע איז זיין פּערל.

יאָסל, יאָסל, לויף צום גלח,
נעם אַראָפּ דעם טלית־קטן;
יויזעל נאָר וועט זיין דיין מלאך
און דיין גאָט וועט זיין דער שטן".

איך קען נישט קאָווירן פאַר יאָסלס באַציונגען מיט נאַטאַשאַן — ער איז צו פערצן יאָר געווען אַ מאַן מיט מענער גלייך — אָבער קיין בראָנפן האָט ער נישט „געזויפט", און פרומע ייִדן האָט ער נישט גערופן „זשידעס", און קיין

מומע סאָסל האָט ער אויך נישט געהאַט. דעם פּאָסעסאָרס אײדעם האָבן אויס־געפּעלט גראַמען צו „יאָסל" און צו „מידות", האָט ער זיך געלאָזט װוילגײן מיט אַ מומע סאָסל און מיט די זשידעס.

אָבער דאָס ליד האָט געהאַט אַ גרױסן דערפֿאָלג — מסתּמא דער אײנ־ציקער דערפֿאָלג װאָס דער קירהשער יונגערמאַנטשיק האָט געהאַט אַלס פּאָעט; װי װילד־פֿײער האָט זיך עס פֿאַרשפּרײט איבערן גאַנצן שטעטל. לײזער קלעז־מער האָט צוגעטראַכט די „מוזיק" און ייִנגלעך װײסע־חברהניקעס האָבן עס אָנגעהױבן צו זינגען אין די גאַסן. עס איז געװען אַ גענוג, אַז יאָסל זאָל אַרױס־גײן פֿונעם הויף און זיך באַװײַזן ערגעץ אין גאַס, װי עס פֿלעגן גלײַך אױס־װאַקסן, „װי פֿון אונטער דער ערד", אַ כאַפּטע ייִנגלעך מיט קװיטשעדיקע קול'עכלעך:

„כ'קען אַ ייִנגל, הײסט ער יאָסל..."

דער יצר־הרע אויסצוזינגען דעם ניגון ביז צום סוף איז געװען אַזוי גרויס, אַז זײ האָבן אַפֿילו פֿאַרגעסן, װי יאָסל האָט צעממיתט דעם גלחס צװײ־זין, און האָבן װי אויפֿגעהערט מורא צו האָבן פֿאַר זײַן שטאַרקער און שװערער האַנט. יאָסל אַלײן איז צוליב דעם לידל אַזוי געפֿאַלן בײַ זיך אין די אויגן, אַז ער האָט אויפֿגעהערט צו גלײבן אַז זײַן האַנט קען עפּעס באַװײַזן.

***

אין אַן ערב סוכּות איז יאָסל פֿאַרשװוּנדן געװאָרן. בײַם פֿאָטער אין קעסטל האָבן געפֿעלט צװײ הונדערט און פֿופֿציק רובל און אין הויף, בײַ די „יאַמש־טשיקעס", האָט געפֿעלט יאָסל.

װוּהין ער איז אַװעק, װי אַזוי, צוליב װאָס, האָט קײנער נישט געװוּסט, אויך נישט זײַנע גויִשע פֿרײַנט פֿונעם „הויף".

עס איז נאָך הײַנט פֿרי צו דערצײלן אַלע גילגולים, װאָס ער איז דורכ־געגאַנגען נאָך זײַן אַנטלױפֿן. אין אַ פּאָר לענדער איז ער אין געװיסע צײַטן געװען פֿאַרבונדן מיט װיכטיקע ענינים און אָנגעזענע מענטשן, און איך װאָלט, האָב איך מורא, אַרױסגערופֿן אַ סך צרות, װען איך װאָלט שױן איצט דער־צײלט װאָס ער האָט מיר מוסר־סוד געװען. קײן פּרעזידענט איז ער נישט גע־װאָרן — נישט אין אַפֿריקע און נישט אין אַרגענטינע. פּעיִקײטן אויף אַ גע־װיסן געביט האָט ער אין שפּעטערדיקע יאָרן אַרױסגעװיזן נישט קײן געװײנט־לעכע, און אין דער אַמעריקאַנער שטאָט, װוּ ער האָט יאָרנלאַנג געלעבט פֿאַר־שטעלט פֿאַר אַ גוי, מיט אַ גויִשער פֿרוי (און דווקא נישט נאַטאַשע), איז ער געװען אָנגעזען און געליבט נישט נאָר פֿון דער קלײנער רוסישער קאָלאָניע, נאָר אויך פֿון ברײטערע, רײן־אַמעריקאַנער קרײַזן.

ווען איך האָב אים צופעליק באַגעגנט גלייך נאָך מיין אָנקומען קיין אַמע־ריקע, האָט ער מיך באַשווירן נישט אויסצוגעבן קיינעם ווער ער איז. „סוף־כל־סוף", האָט ער צו מיר אַ זאָג געטאָן, „בין איך געוואָרן אויס יאָסל. פּטור געוואָרן פונעם נאָמען, פּטור געוואָרן פונעם טאַטן. דער אַלטער, ווייס איך, איז שוואַך און אָרעם — שיק איך געלט מיט דער ברייטער האַנט, אָבער ער ווייסט גאָר אַלץ נישט ווו איך בין. דאָס געלט קריגט ער גאָר פון אַן אַנדער לאַנד, נישט פון אַמעריקע, און די פּערזאָן וואָס שיקט עס לויט מיין אָנווייזונג, וועט מיך קיינמאָל נישט אויסגעבן. נאָך וואָס זאָל ער וויסן, נאָך וואָס זאָל די גאַנצע פאַמיליע וויסן, ווו איך בין? פאַר זיי בין איך דאָך יאָסל". ער האָט מיך, געדענק איך, לאַנג אויסגעפרעגט וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע און ער האָט מיר פריינטלעך אויסגערעדט פאַר וואָס איך בין אַנטלאָפן פון רוסלאַנד. „אָבער עס קען זיין", — האָט ער צום סוף אַ זאָג געטאָן, „אַז אַנדערש האָסטו נישט געקאָנט האַנדלען. נישט קיין קלייניקייט: אַזויפיל מיליאָנען „יאָסלס" האָבן צעבונטעוועט... דו ביסט צו צאַרט דאָס צוצוזען און אויסצוהאַלטן"...

***

דער מענטש וואָס האָט נישט געוואָלט הייסן יאָסל איז אַוועקגעגאַנגען, פון דער וועלט, ווי מ'גיט מיר איבער, זאַט מיט יאָרן. ער איז געווען פולקאָם געזונט, אַן אויסגעצייכנטער אַטלעט, געקראָגן ערשט נישט־לאַנג אַ פּרייז פאַר רייטן אויף אַ פערד, געבראַוזט מיט נייע פלענער. אַן אויטאָמאָביל־אומגליק האָט אָפּגעקירצט זיין לעבן, פון וועלכן מיר ווערט נאָך, האָף איך, אַמאָל אויס־קומען צו דערציילן.

עס איז שווער צו טרעפן, וואָס און וווהין זיין גורל וואָלט אים נאָך דער־פירט, ווען ער וואָלט אויסגעלעבט אַלע זיינע יאָרן. איינס האָט ער אָבער אין זיין לעבן דערגרייכט: אַ גוטע פאַר צענדליק יאָר האָט ער נישט געהערט דעם נאָמען יאָסל. נאָכן טויט האָט ער אַפילו דערגרייכט דאָס, וואָס ער האָט אין זיינע אומגליקלעכע יינגלשע יאָרן אַזויליידנשאַפטלעך געוואָלט דערגרייכן — דעם נאָמען יוסף — „יוסעיף„ אָט אַזוי ווי ער האָט אַמאָל געהערט דעם בעל־קורא אַרויסרעדן דעם נאָמען.

אַזוי וועט ער איצט בכל־אופן „זיך רופן" אויף אַ העלפט פון זיין מצבה...

.1939

וואַשינגטאָן סקוועער

אַן אומבאַקאַנטער מענטש האָט מיך די טעג באַליידיקט. האָב איך אים פאַר דער באַליידיקונג אָפּגעצאָלט כפל־כפלים. פון מיין מויל האָט זיך אַרויסגעריסן אַן אכזריותדיקע, וווּלגאַרע קללה. מיט עטלעכע מינוט שפּעטער האָב איך אַליין נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט. מילא, אכזריות — חידוש איך זיך נישט. איך קען זיך דערמאָנען נישט איין פאַל, ווען איך האָב זיך געמוטשעט, כדי עמעצן אַנדערש „אַרויסצונעמען די נשמה". אכזריות האָט זיך אירע וועגן, אומדירעקטע, קרומע, כיטרע און סובלימירטע, ווי אַזוי צו קומען צום אויסדרוק. האָט זי דאָס מאָל זיך געלאָזט ווילגיין, אויף אַ מינוט זיך אויסגעטאָן נאַקעט. אָבער וווּלגאַריטעט? שילטן? זינט מיינע ערשטע קינדער־יאָרן, אויף וויפל כ'קען זיך דערמאָנען, האָב איך קיין קללה קיינמאָל נישט אַרויסגערעדט. אַלס דריי־יעריק קינד האָב איך געוווּסט, אַז ווען גריגאָרי גנב גייט דורך די גאַס דאַרף מען אים נאָכשרייען: „אַ מכה דיר אין די קישקעס". פלעג איך אויך מקיים זיין די מצוה און שרייען פון אונדזער גאַניקל מיט מיין דעמאָלטדיקן חיתוך הדיבור: "דלידאָלי דאַנעוו, אַ מאַטע דיל אין די טיסטעס" — כאָטש איך האָב נישט געוווּסט, וואָס פאַר אַ מין כיבוד איז אַ מכה און פאַרוואָס דווקא די קישקעס דאַרפן קריגן אַזאַ זכיה. אָבער איצטער קען איך נישט האָבן דעם „אַליבי" פון נישט פאַרשטיין דעם פּירוש המילות און מיינע אויערן האָבן געהערט ווי פון מיין מויל האָט זיך אַרויסגעריסן: „דו וועסט פּגרן פון הונגער ווי אַ פאַרשיווע הונט אין מיטן גאַס". אַרויסגעריסן? פונעם מויל? אַ מויל רעדט נישט. עמעצער מוז פון אַ מויל אַרויסרעדן; און וויפל כ'זאָל נישט וועלן פון יענעם „עמעצן" זיך אָפּגרענעצן, ווייס איך דאָך אַז דאָס בין — איך.

דעם אָפּדרוק פון מיין קללה אויפן געשאָלטענעמס פּנים האָב איך נישט געזען. ער האָט זיך בליץ־שנעל אומגעקערט צו מיר מיטן שטומען רוקן און מיט אייליקע טריט פון אַ דערשראָקענעם זיך אַוועקגעטראָגן אין דער פּייכטער גרויקייט פון אַ ניו־יאָרקער פרילינג־פאַרנאַכט. אַ סעקונדע האָט זיך מיר געדוכט, אַז מיין קללה פליט אים נאָך ווי אַ קויל פון אַ פּיסטאָל און אָט־אָט וועט זי „אַריינצילעווען" אין דעם לאָך פון זיין מאַנטל־אָרעם, פון דער לינקער זייט.

אין די אויערן האָט פלוצים אָפּגעקלונגען אַ וואָרענענדיקער זאַץ: „קללה

גורדת קללה״. ווו שטייט אַזאַ מאמר? געליַיענט מסתמא אין אַן אַלטן מוסר־ספר און פֿאַרגעסן דעם נאָמען. און אפשר דוכט זיך מיר בלויז, אַז כ׳האָב אים געלייענט. עס קען זיין אַז אַזאַ זאַץ שטייט נישט אין ערגעץ. אָבער וואָס איז דער אונטערשיד? דער „משקל״ איז אַ באַקאַנטער, זייער אַן אַלטער. דער ריטם פֿון פּרקי אָבות...

אויף אַ באַנק, דערזע איך, זיצט אַ יאַפּאַנער. ער האָט אַ קאָנספּיראַטיוו פּנים. אויף יעדן יאַפּאַנישן פּנים, ווי מיר זעען עס, ליגט אויסגעגאָסן אַ סוד. ער קוקט אויף אַ יונגער טויב מיט אַ מאָדנער זיכערקייט, אַז קיינער וועט זי דאָ נישט טשעפּען. דער יאַפּאַנער האָט אַ וואַרף־געטאָן אויף מיר אַן אַנגע־שטרענגט־פֿאַרדעכטיקן בליק. האָט ער געהערט מיין קללה? האָט ער פֿאַר־שטאַנען די ווערטער? און נאָכאַמאָל „דערמאָן״ איך זיך: „קללה גוררת קללה״.

די עטער־כוואַליעס, קען זיין, האָבן שוין פֿאַרטראָגן מיינע גראָבע ווער־טער קיין יאַפּאַן. קיינער וועט זיי דאָרט נישט דערהערן? אָבער ראַדיאָ האָט אונדז שוין לאַנג באַוויזן אַז דאָס נישט־געהערטע עקזיסטירט אויך, איז „בכח״ געהערט צו ווערן. מיין קללה בלייבט אין חלל־העולם — זי האָט נישט וווהין אַרויסצופֿליען פֿון יענעם חלל. ערגעץ־ווו, ערגעץ־ווען קען זי נאָך עמעצער דער־הערן, אויפֿכאַפּן. אַ משונהדיקער געדאַנק הייבט אָן צו „יאָדען״: פֿאַר דיין קללה וועט ווען עס איז, ווו עס איז עמעצער באַצאָלן. שפּעטער מיט הונדערטער יאָרן וועט מיינס אַן אור־אור־אייניקל אפשר פֿאַרוואָגלט ווערן קיין יאַפּאַן, קיין טאַס־מאַניע, קיין פּאַטאַגאָניע, און ער וועט דאָרט פֿון עמעצן דערהערן דיזעלביקע קללה, געצילט קעגן אים, און ער וועט אויך מיט די זעלביקע דערשראָקענע שריט זיך אָוועקטראָגן אין דער גרויקייט פֿון אַ פֿאַרנעפּלטן פֿאַרנאַכט. אָבער דער „קלוגער״ אין מיר צעלאַכט זיך פֿון אינעווייניק: וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פֿאַנטאַסטישע שטותערייַ? פּרימיטיווער גלויבן אין מאַגיע פֿון ווערטער? שכר ועונש, אויסגעטיילט פֿון אַ קאָסמישן גערעכטיקייט־ראַבאַט?...

***

פּאַסירט האָט עס מיט מיר אויף וואַשינגטאָנער סקווער. די לעצטע יאָרן קומט מיר אויס גאַנץ אָפֿט דורכצוגיין יענעם סקווער וואָס האָט זיך אויסגע־לייגט אַזוי מאַיעסטעטיש צווישן דער אַרכי־בורזשואַזן קוואַרטאַל פֿון אַנהייב פֿיפֿט עוועניו און די אָרעמע איטאַליענישע געסלעך פֿון גריניטש ווילעדזש. איך האָב שוין דאָרט אַפֿילו געשלאָסן אַ צאָל „קאָנטשאַפֿטן״. דאָס בלאָנדע מיידעלע פֿונעם ביילינגנדיקן רעזידענץ־האָטעל לויפֿט מיר אָפֿט אַנטקעגן אויף איר קינדער־וועלאָסיפּעדל מיט אַ פֿריילעכן געלעכטער: שוין עטלעכע חדשים אַז זי נעמט מיך אָן פֿאַר איר אָנקל פֿון קאַליפֿאָרניע וואָס האָט איר אַמאָל גע־

בראַכט אַ געשמאַקע מתּנה — צוקערקעס פון אַריזאָנאַ־קאַקטוס. די גוווער־נאַנטקע לויפט איר נאָך, איבערטריבן־דערשראָקן און שאָקירט מיט איינעם און דעמזעלביקן פּזמון אויף ברוגזן פראַנצויזיש: „דער מאַסיע איז טאַקע אַן אַנקל אָבער נישט דיינער, און מאַמאַ האָט שוין סיי־ווי פאַרבאָטן צו עסן קאַקטוס־צוקערקעס פון וועלכע די פיגור ווערט אַ פעסל".

דער מיוחסדיקער הונט וואָס קומט אַהין יעדן טאָג אַרויס אויף זיין „מאַ־ציאָן" אין דער באַגלייטונג פון אַ רייך־געקליידעטער פרוי מיט אויסגעלאַ־שענע און ווי אונטערגעשלאָגענע אויגן — ער באַנעמט זיך ווי אַן אַריער אין דער כלבים־וועלט — שמעקט שוין צו־אָפּט צו מיינע הויזן ווי צו עפּעס היי־מישעס און אַ פּאָר מאָל האָב איך שוין זוכה געווען, ער זאָל אַ לעק טאָן מיינס אַ שיך־שנורל.

אין אַ זוניקן טאָג ווייס איך אַז צווישן דריי און פיר וועט דאָרט זיצן אויף איר שטאַם־באַנק די אַכציקיעריקע פרוי, וואָס וווינט, דוכט זיך, קעגנאיבער אין דעם אַלט־אַריסטאָקראַטישן נוסח־קאָלאָניע־הויז. אַז זי וועט מיך דערזען וועט זי (צום דרייהונדערסטן מאָל) אַ פרעג טאָן אויף איר סאָדערן־ענגליש, ייִפל עס איז דער זייגער און צי ס'איז אמת, אַז שפּאַניע גרייט זיך שוין נאָכ־אַמאָל צו אַ מלחמה מיט אַמעריקע.

אַ סך פּאָפּולערער בין איך אָבער צווישן עולם, וואָס קומט פון דער אַנ־דערער זייט סקווער — פון די אָרעמע „ווילעדזש"־געסלעך, ווו אַפילו יענקיס בני יענקיס האָבן זיך שוין אויסגעלערנט רעדן ענגליש מיט אַ סיציליאַנער אַקצענט. צווישן יענעם עולם האָב איך אַפילו אַ צאָל „קונדן" — אַפּטע בעלנים אויף מיינע פּאַפּיראָסן. דער הינקעדיקער איטאַליענער פון מעקדוגאַל־סטריט האָט שוין אויף מיר אַ חזקה. ער רופט מיך ביים ערשטן נאָמען און באַצאָלט מיר פאַר יעדן פּאַפּיראָס מיט דריי „סטעיטמענטס", פון וועלכע מיר דאַרף הנאה טאָן: „מוסאָליני נאָ גוד; אַי לאַיק טאָסקאַניני; העברעאָ גוד פּיפּל". אַביסל שעמעוודיקער איז דער אַלטער „דזשים דער משוגענער" (אַזוי שטעלט ער זיך אַליין פאָר פאַר אומבאַקאַנטע), וואָס האַלט זיך אויף ערגעץ אויף אַ ביליקער סטריט ביי אַ ייִדישן קרעמער. זומער־צייט, שפּעט ביינאַכט, ווען דער עולם צעגייט זיך, שטייט ער ביים פאָנטאַן און חזרט איבער פאַר זיך מיט אַ פּאָר־גליווערטן ריטם זיינע אייגענע גראַמען:

> "My days were bad,
> My days were sad,
> And Jim the mad
> Will soon be dead."

איך געדענק שוין נישט וויפל מאָל ער האָט ביי מיר געבעטן דעם לעצטן

פּאַפּיראָס": מער וועל איך שוין ביי אייך נישט נעמען, ווייל מאָרגן וועל איך שטאַרבן".

ער איז דער איינציקער וואָס „טרייסט" מיך מיט דער הבטחה, אַז מאָרגן וועט ער שוין נישט זיין צווישן די לעבעדיקע. עס איז שווער צו וויסן, וואָס אים אַנצוווינטשן, אָבער נישט איין מאָל לויפט מיר דורך אַ געדאַנק, אַז דזשים וועט מיך נאָך איבערלעבן.

און אָט דאָ, אויף וואַשינגטאָנער סקווער, ווו עטלעכע מענטשן פּילן שוין מיין אַפּוועזנהייט ווען איך בין אויסער דער שטאָט, האָט אַן אומבאַקאַנטער מענטש פריִער ביי מיר געבעטן אַ פּאַפּיראָס און נאָכדעם זיך אָפּגעזאָגט אים צו נעמען.

אַ מיטליאָריקער מאַן, אָן אַ היטל, מיט לאַנג נישט־געוואַשענע האָר, וואָס זענען אַמאָל געווען בלאָנד, מיט בלוי־עצבותדיקע אויגן, אין אַ פאַרלאָטעטן בגד מיט אַ קויטיק העמד, האָט מיך אָפּגעשטעלט מיט דער שוין־לאַנג לעגי־טים־געוואָרענער בקשה:

— אפשר האָט איר פאַר מיר אַ פּאַפּיראָס? אַ גאַנצן טאָג האָב איך קיין איין צי נישט געהאַט.

איך האָב אָנגעהויבן טאַפּן די קעשענעס, כדי אַרויסצונעמען מיין שאַכטל ציגאַרעטן און דערווייל האָט דער אומבאַקאַנטער ווייטער גערעדט:

— כ׳בין זייער צופרידן וואָס כ׳האָב אייך באַגעגנט, ווייל ביי יִידן נעם איך נישט קיין פּאַפּיראָסן... ניין, ביי יִידן נעם איך נישט גאָרנישט.

אין אַ פּאָר סעקונדן אַרום האָב איך געהאַלטן דאָס שאַכטל אין דער האַנט און אים דערווייל קיין פּאַפּיראָס נישט אויסגעשטרעקט.

— פון וואָס פאַר אַ געגנט זייט איר? — האָב איך מיט אַ געמאַכטער גלייכ־גילטיקייט אַ פרעג־געטאָן.

— איך בין אַ רוס, פון ריאַזאַנער גובערניע.

— אַ לאַנדסמאַן, הייסט עס. אַן אַלטער „קרוב" — האָב איך אָנגעפאַנגען רעדן צו אים אויף זיין לשון. איך האָב אים שטיל און רויִק געגעבן צו וויסן, אַז ער איז נכשל געוואָרן און זיך גראָד אָנגעשטויסן אין אַ ייִד.

דער אומבאַקאַנטער האָט געקוקט אויף מיר מיט מוטנע געוואָרענע, דער־שראָקענע אויגן. איך האָב אַרויסגענומען פון שאַכטל אַ פּאַפּיראָס און אויס־געשטרעקט צו אים אַ האַנט:

— אפשר וועסטו דאָך רויכערן דאָס מאָל אַ יִידישן פּאַפּיראָס?

ער איז אויף אַ מינוט מבולבל געוואָרן, נאָר מיט אַמאָל האָט זיך אין דער בלוי־עצבותדיקייט פון זיינע סלאַווישע אויגן באַוויזן אַ רציחה־פייערל:

— ניין, פון אַ ייִד וויל איך גאָרנישט נישט נעמען. כ׳וועל בעסער וואַרטן ביז היטלער וועט קומען קיין אַמעריקע.

און דאָ האָט זיך פון מיין מויל „אַרויסגעריסן״ די קללה, פאַר וועלכער, ווי מיר דוכט זיך, איך וואָלט אַזוי שנעל קיין ווערטער נישט געפונען אויף קיין אַנדער שפּראַך, אַ חוץ רוסיש. איך האָב געווונטשן אַ מענטש דעם טויט, און נישט סתם דעם טויט, נאָר פּגירה, און הינטישע פּגירה, און פון הונגער, און אין מיטן גאַס.

נישט אומזיסט איז ער אַנטלאָפן פון מיר ווי אַ פּאַניק־באַנומענע חיה.

***

באַשערט: צוויי מענטשן, וואָס האָבן אַמאָל אפשר געאָטעמט איינע און דיזעלביקע לופט, האָבן געדאַרפטביידע פאַרוואָרפן ווערן אויף אַ וויטן קאָנ־טינענט, גנבענען גרענעצן, גיין צופוס איבער האַלב־געפרוירענע טייכן, איבער־שניידן אַן אָקעאַן, כדי זיך שפּעטער מיט יאָרן צופעליק צו באַגעגענען אויף ווייניקער פון דריי מינוט און זיך צעגיין פאַרווונדעטע און קעגנזייטיק־באַ־שפּיגענע.

און אָט שטיי איך דאָ, אויף וואַשינגטאָן סקווער, מיט אַ „פאַרשעמטן פּאַ־פּיראָס״ אין דער האַנט. ווו איז דער הינקענדיקער איטאַליענער פון מעקדוגאַל־סטריט? ווען ער איז איצטער דאָ, וואָלט דער פּאַפּיראָס באַלד געקראָגן אַ תּיקון. גראָד היינט נישטאָ. איך וויל, ער זאָל מיך נאָכאַמאָל אָנרופן ביים ערשטן נאָ־מען, כ׳זאָל הערן פון זיין ציינלאָזן מויל דעם באַקאַנטן, חניפהדיקן פּזמון, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט „העברעאָ גוד פּיפּל״. איך ווייס, איך ווייס, אַז דער אומ־באַקאַנטער סלאַוו איז ערלעכער און „גאַבעלער״ פונעם איטאַליענער. פאַר אים איז דער ייִד טריף און זיין פּאַפּיראָס איז טריף. מסתמא פאַרוואָגלט געוואָרן קיין אויסלאַנד מיט דער שארית־הפּליטה פון אַ „וויסער״ אַרמיי, בשעתן ביר־גער־קריג — און ווען ער דערמאָנט זיך אין די אַרבעטסלאָזע ניו־יאָרקער טעג און פריידלאָזע נעכט, אָן די ווערבעס וואָס וואַקסן אין זיין ריאַזאַנער דערפל, אויפן ברעג פון דער שלענגלדיקער אָקאַ, און אין זיין אַלטער מוטער וואָס מעלקט מסתמא מיט אלמנהשע הענט קאָלכאָזישע קי, „ווייסט״ ער אַז שולדיק אין דעם אַלעמען זענען זיי — די ייִדן. פּאַליסליים טרייבן אים מסתמא פון די פּאַרקס, קאָנדוקטאָרן פון די אונטערגרונט־וואַגאָנען, און אין אַלץ, „ווייסט ער״, זענען שולדיק ייִדן. דאָס איינציקע שטיקל „ערע״ וואָס ס׳איז אים נאָך געבליבן, איז אפשר זיין נדר קיינמאָל גאָרנישט צו בעטן פון ייִדן. נישט נהנה זיין פון וואָס זייערע טומאה־הענט ווילן דערלאַנגען. ניין, ער וועט זיך נישט מתיר־נדר זיין, נישט צוליב אַ פּאַפּיראָס, נישט צוליב אַ שטיקל ברויט. „בעסער וואַרטן

אויף היטלערן״ און פון זײַן שטיקל יחוס זיך נישט אָפּזאָגן. דער אומבאַקאַנטער סלאַוו איז אַ מענטש מיט „פּרינציפּן״. און דאָך: װוּ איז דער הינקענדיקער, קריכערישער, „פּרינציפּנלאָזער״ איטאַליענער פון מעקדוגאַל־סטריט? „מוסאָ־ליני נאָ גוד״, „אַי לאַיק טאָסקאַניני״ — די קאָמפּענסאַציע וואָס איך באַקום פאַר אַ פּאַפּיראָס?

פּאַפּיראָסן־רױכערער זענען אויף דער גאַנצער וועלט בבחינת אַן אינטער־נאַציאָנאַל — אַן אַ קאָנסטיטוציע, אַן סעקרעטאַרן, אַן פּירער, און דאָך אַן אינ־טערנאַציאָנאַל; אַ חבֿרותא פון לײַכטע געבערס און לײַכטע נעמערס. אַ רמז אויף אַן אחד משׂשים פון אַ קאָמונע. דער סלאַוו האָט מיך הײַנט אויסגעשלאָסן פון יענער חבֿרותא, אָבער עס זענען פאַראַן אַנדערע, וואָס קענען מיך צוריק אַרײַננעמען. איך האָב פּאַפּיראָסן, איך וויל מ׳זאָל בײַ מיר נעמען, פון מײַן ייִדישער האַנט. וווּ איז דזשים דער משוגענער? איז הײַנט שוין יענער „מאָרגן״, ווען ער איז טאַקע אויף אַן אמתן געשטאָרבן?

***

אויף וועג אַהיים, בײַם סוף פונעם סקווער, איז צו מיר צוגעלאָפן דער צעניאָריקער דזשאַני, פון דער קאַטױלישער פּאַראַקיעל סקול, וועמען דער פּאָ־ליסמאַן דערלויבט זונטיק און יום־טובֿ צו פאַרדינען אַ פּאָר ניקעלס פון פּוצן שיך. ער האָט אויך דאָס מאָל געבעטן אַ פּאַפּיראָס „פאַר זײַן עלטערן ברודער״. האָב איך אים משוגענערווײַז אויסגעשטרעקט דאָס גאַנצע שאַכטל:

— נעם, דזשאַני, נעם אַלץ וואָס ס׳איז דאָ. איך האָב נאָך צוויי גאַנצע שאַכטלעך אין קעשענע.

דזשאַני האָט מיט ווילדע הענט אויסגעכאַפּט די אומגעריכטע מתנה און זיך געלאָזט לויפן צוריק צום סקווער. אַ פּאָר מאָל האָט ער, לויפנדיק, זיך אומגעקערט אויף צוריק: אפשר האָב איך חרטה געקראָגן און איך לויף אים נאָך.

האָב נישט מורא, דזשאַני. ס׳איז נישט געווען קיין שפּאַס, איך האָב נישט קיין חרטה און איך בין נישט משוגע געוואָרן. איך וויל, מ׳זאָל נעמען בײַ מיר פּאַפּיראָסן. איך וויל געהערן מיט דיר צו אײן „אינטערנאַציאָנאַל״ — מיט דיר, מיט דזשים דעם משוגענעם, מיטן הינקענדיקן איטאַליענער, מיטן ייִנגן עלע־גאַנטן בחור וואָס איז געבליבן אַן פּאַפּיראָסן און קען נישט אַוועקגיין פון דער באַנק, בײַ וועלכער ער האָט אָפּגערעדט זיך צו באַגעגענען מיט זײַן מיידל, מיט טערקן, מיט יענקיס, מיט פּאַפּואַסן, מיטן אַראַבער פון די עין־כּרם׳ער בערג, וואָס האָט מיר „אָנגעטאָן דעם כּבֿוד״ און גענומען בײַ מיר גאַנצע דרײַ פּאַפּי־ראָסן. דער מיוחסדיקער הונט, וואָס גייט אַרום ווי אַן „אַריער אין דער כּלבים־

וועלט", רויכערט נישט? אויב ער וויל רויכערן, דזשאָני, ברענג אים, רוף אים — זאָל ער אויך געהערן צום „אינטערנאַציאָנאַל"...

***

סיסטער עליזאַבעט, די פאַרוואַלטערן פונעם קאַטוילישן געמיינדע־צענ־טער אין מיין געגנט, איז געשטאַנען, לאָזט זיך אויס, צוויי־דריי שריט פון מיר און האָט צוגעזען די סצענע צווישן מיר און דזשאָנין. זי ווייסט ווער איך בין. זי האָט אַ פּאָר מאָל גענומען ביי מיר האַלבע דאָלאַרס פאַר אַ „קריסטמעס־פּאַרטי", וואָס זי אָרדנט איין יעדעס יאָר פאַר אָרעמע־לייט און גאַסן־קינדער. זי האָט אויף מיר אַ קוק־געטאָן מיט איר איינגעשטודירטן, נאָנישן שמייכל:

— גוד אַפטערנון, דזשענטלמען!

— גוט אַפטערנון, סיסטער!

— עקסקיוז מי, איזנ'ט דעט קרימינעל דזשענעראָסיטי?

***

מאָרגן, האָב איך מורא, וועט די גאַנצע גאַס וויסן, אַז איך דעמאָראַליזיר קינדער. ווער ווייסט, וועלן שכנים טראַכטן, וואָס פאַר אַ בייזע כוונות עס שטעקן הינטער מיין „פריינטלעכקייט"... אָבער אין תוך איז דאָך סיסטער עליזאַבעט גערעכט: וואָס איז דאָס פאַר אַ דרך — שענקען שאַכטלעך ציגאַרן צעניעריקע יינגלעך?

מיין דירה־קאָנטראַקט ענדיקט זיך אין אָקטאָבער. אפשר זאָל איך זיך איינגאָנצן אַרויסציען פון דעם טייל שטאָט? אפשר זיך גאָר באַזעצן אין אַ געגנט מיט גאָלע יידן?...

.1939

„אַ רחמנות אויף ענגלאַנד"

אין אַמעריקע געפינען זיך איצט צו־גאַסט אַ היפּשע צאָל ענגלענדער, וואָס זענען אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן פאַרבונדן מיט דער רעגירונג אָדער מיט באַשטימטע פּאָליטישע גרופּירונגען. צווישן זיי זענען פאַראַן זשורנאַליסטן, שרייבער, פּראָפעסאָרן פון בריטישע אוניווערזיטעטן, געוועזענע באַאַמטע וואָס האָבן נישט איבערגעריסן די באַציונגען מיט זייערע דעפּאַרטאַמענטן, מיטגלידער פונעם פּאַרלאַמענט. כמעט אַלע זאָגן, אַז זיי שטעלן דאָ קיינעם נישט פאָר, אַז זיי האָבן נישט קיין שום שליחותן דורכצופירן; אַז זייער באַזוך איז אַן אַבסאָלוט פּריוואַטער. כמעט אַלע זענען זיי אָבער די גאַנצע צייט פאַרנומען. זיי לייענען לעקציעס, האַלטן רעדעס אין פּאָליטישע, פילאַנטראָפּישע און קירכן־אָרגאַניזאַציעס. זיי באַזוכן אָפט פּאָליטישע סאַלאָנען — אויף וויפל אַזעלכע עקזיסטירן אין אַמעריקע — פאַרטרעטער פון דער רעגירונג, קאָנגרעס־לייט, סענאַטאָרן, רעדאַקטאָרן פון צייטונגען און פירן מיט זיי געמיטלעכע שמועסן. וועגן וואָס? ווען איך זאָל עס פרעגן וואָלטן זיי באַלד פּראָטעסטירט: וואָס הייסט עס? וועגן גאָרנישט, וועגן אַלץ אין דער וועלט, וועגן וואָס עס קומט אין קאָפּ אַריין ביי אַ גלעזל טיי אָדער ביי אַ קאָקטעיל. מען קומט אין אַ לאַנד, טרעפט מען זיך מיט מענטשן, שמועסן מען: גלאַט אַזוי, אָן אַ פּראָגראַם, אָן וועלכע נישט איז באַשטימטע כוונות, „פון וועלט־זאַכן", ווי אַן אַמאָליקער ייִד וואָלט זיך אויסגעדריקט. פירן זיי דאָך מיט קיינעם נישט קיין פאַרהאַנדלונגען; זענען זיי דאָך פון קיינעם נישט אויטאָריזירט צו פירן וועלכע נישט איז פאַרהאַנדלונגען!

אָבער כמעט יעדער פון זיי האָט זיך איין — לאָמיר זאָגן, נישט־פאָרמולירט און מיט קיין התחייבות נישט־פאַרבונדענעם — פּראָגראַם. איז עס „נישט קיין צופאַל", וואָס איינער רעדט גראָד וועגן טאַריפן און אַנדערע מסחר־אָנגעלעגנהייטן, אַן אַנדערער וועגן אַוויאַציע, אַ דריטער וועגן דער יאַפּאַניש־כינעזישער מלחמה, אַ פערטער וועגן דעם ווי ענגלאַנד איז שטאַרק פאַרזאָרגט איבער די סכנות וואָס לויערן איצט אויף פראַנקרייך, און אַ פינפטער וועגן דעם טראַגישן פלאָנטער פון דעם ארץ־ישראל־פּראָבלעם. קיינער פון זיי איז מסתמא נישט קיין „אַגענט" אין דעם גראָבן זינען, אין וועלכן מיר נוצן אָפטמאָל דאָס וואָרט. פּראָפעסיאָנעלע, פאַרקויפטע, אויף אַלע פּראָוואָקאַציעס פעיִקע אַגענטן קומען אַהער פון איטאַליע און אַ סך אָפטער פון דייטשלאַנד, ענגלאַנד

דאַרף נאָך (אַזוי, בכן אופן, גלייבט מען דאָרט) צו אַזעלכע דירעקטע, גראָב־גערדונגענע און וואולגאַר־באַצאָלטע אַגענטן נישט אָנקומען. עס זענען אָבער נאָך פאַראַן אין ענגלאַנד גענוג „וואָלאַנטערן״, אַמאַטאָרן און פּאַטריאָטן־דילעטאַנטן. זיי זענען גרייט אַריבערצופאָרן דעם אָקעאַן, זיך אַביסל באַקענען מיט אַמע־ריקע, באַקענען אַמעריקע מיט בריטישע און אייראָפּעיִש־קאָנטינענטאַלע ענינים און דרך־אגב — אין אַ לעקציע, אין אַ סימפּאָזיום, אין אַ נאָך־מיטאָג־שמועס אויף אַ וויק־ענד־פּאַרטי, אויף אַ דעליקאַטן אופן, נישט שטעלנדיק קיין צו אָקצענטירטן טראָפּ, שאַפן (אָדער, לכל־הפּחות, פּרווון צו שאַפן) אַ גינסטיקע שטימונג פאַר אַן ענגלישן אינטערעס. איך נעם זיך נישט אונטער צו פּסקענען, וועלכע פון די דאָזיקע צוויי מעטאָדן איז אונטער די איצטיקע וועלט־פּאָליטישע אומשטענדן און אין דער איצטיקער גייסטיקער טעמפּעראַטור די צוועקמעסי־קערע: די דייטשע אָדער די ענגלישע? ציוויליזירטער און אָנגענעמער (יעדנ־פאַלס עלעגאַנטער) איז, פאַרשטייט זיך, די ענגלישע, מיט אירע נישט־געשרי־בענע תקנות און „פאַרשוויגענע״ אינסטרוקציעס.

מיט איינעם פון אַזעלכע ציוויליזירטע, פּערזענלעך־אָנגענעמע, עלעגאַנטע ענגלענדער איז מיר די טעג אויסגעקומען זיך צו טרעפן. געקומען קיין אַמעריקע איז ער צוליב אַן אַבסאָלוט־אומפּאָליטישן ענין. ביי זיך אין דער היים פאַרנעמט ער, צווישן אַנדערע, אויך דעם אַמט פון אַ מיטגליד אין אַ רעגירונגס־קאָמיסיע פון אַפּיטראָפּסים איבער די תּפיסות. וויל ער זיך באַקענען מיטן פּריזאָן־רע־זשים פון אַמעריקע, זען ווי אַזוי מען פּרוווט דאָ צו לייזן די פראַגע נישט נאָר פון באַשטראָפן, נאָר אויך קאָרעגירן, „היילן״ אָדער מחזיר־למוטב־זיין קרימי־נעלע פאַרברעכער. אין דערהיים געהערט ער אויך צו אַן אַנדער קאָמיסיע, וואָס אַרבעט איצט אויס אַ נייעם געזעץ־פּראָיעקט וועגן אָפּשאַפן טויט־שטראָף. וויל ער זיך באַקענען מיט דער געזעצגעבונג און מיט די דערפאַרונגען אין יענע זעקס־זיבן אַמעריקאַנער שטאַטן, וווּ טויט־שטראָף ווערט שוין נישט אָנ־געווענדט. אַן אומשולדיקע אויפגאַבע, אַ מין שטודיע־רייזע. אָבער אַלעמאָל „פּאַסירט״ עפּעס אַזוינס וואָס שטערט אים אַדורכפירן זיין אַרבעט. ער קריגט איינלאַדונגען אין מער אָדער ווייניקער איינפלוסרייכע הייזער. האַלט ער, אַז עס וואָלט געווען אומהעפלעך די איינלאַדונגען צוריקצווייזן. טאָמער רופט מען אים אויף אַ לעקציע אָדער אַ סימפּאָזיום אין אַן אָנגעזעענעם קלוב (עמעצער זאָרגט שוין דערפאַר אַז מען זאָל אים רופן, כאָטש עס קען זיין אַז ער אַליין ווייסט טאַקע נישט ווער דער עמעצער איז) — וואָלט ער באַגאַנגען, פילט ער, אַ פעלער, ווען ער זאָגט זיך אָפּ.

מיר האָבן זיך באַגעגנט אין אַ לאָקאַלן צווייג פון דער אַמעריקאַנער „פאָ־רעין פּאָליסי אַסאָסיייישאַן״, אין אַ גרעסערער פּראָווינץ־שטאָט. אויף דער

טאָג־אָרדענונג איז געשטאַנען „דער קריזיס אין ארץ־ישראל״ און די אַנפירער פון דער אָרגאַניזאַציע האָבן געוואָלט האָבן אַן אָלזייטיקע פרעזענטאַציע פונעם ענין. צוליב דעם האָבן זיי איינגעלאַדן דריי געסט פון אַלע דריי פאַראינטערע־סירטע צדדים: אַן ענגלענדער, אַן אַראַבער און אַ ייִד. מיין ווייניקייט איז אויס־געקומען צו פאַרטרעטן דעם יידישן צד.

צי איך האָב אונדזער צד „גוט״ פאַרטראָטן, ווייס איך נישט. איך וויל אָנ־נעמען אַז מיין אויפגאַבע האָב איך דערפילט געוויסנהאַפטיק. ווען מ׳זאָל מיך אָבער פרעגן, ווער פון אונדז דריי עס האָט געמאַכט אַ שטאַרקערן איינדרוק אויף די הונדערטער פאַרזאַמלטע נישט־יידן — וואָס האָבן זיך געוואָלט אָריענ־טירן אין אַזאַ קאָמפּליצירטער, פּאָליטישער פראַגע — וועל איך מוזן צוגעבן: דער ענגלענדער.

מיין שוואַכסטער קאָנקורענט איז געווען דער אַראַבער. אַן אָנגעזעענער שריפטשטעלער — מיט אַ ברייטער, פּאָליטישער בילדונג; רירעוודיק און גע־שיקט, מיט אַ געשליפענער צונג, אַ קאָמבינאַציע פון לעוואַנטינישער און ניו־יאָרקישער דורכגעטריבנקייט, מיט פיפיקע אויגן פון אַן „אויסגערויכערטע ליולקע״ — האָט ער אָבער אויף דעם אַנגלאָ־זאַקסיש־רעזערווירטן און קול־טורעלן מיטלקלאַס־עולם קיין גאָר סימפּאַטישן איינדרוק נישט געמאַכט. ער האָט זיך צופיל געוויצלט, געערעדט טיילמאָל אַ געדיכטן סלענג און צופיל גע־לויבט דעם קעניג איבן־סאַוּד — אַ בעדויִנער סאַטראַפּ — וועמען ער האָט אַזוי אומפאַרזיכטיק פאַרגליכן צו דזשאָרדזש וואַשינגטאָן. וואָס מער ער האָט באַ־טאָנט, אַז ער פאַרטרעט נישט קיין שום רעגירונג און קיין שום אַראַבישע פּאַר־טיי, אַלץ קלאָרער איז געווען פאַר די צוהערער, וועמענס פּובליסיטי־מען ער איז אין אַמעריקע. עס איז כלל נישט געווען קיין צופאַל און קיין מיספאַר־שטענדעניש, וואָס בעת דער סימפּאָזיום האָט זיך געענדיקט, האָט דער פּרע־זידענט פאַרזיכטיק און מיט אַ בכיוונדיקער נאַכלעסיקייט איינגעלאַדן דעם ענגלענדער און מיך צו פאַרברענגען אַ פּאָר שעה מיט אַ גרופּע פריינט אין זיין הויז. דעם „פּאָליטיש אומאָפּהענגיקן״ אַראַבער, האָט ער געלאָזט זיך אָפּ־זעגענען און אַוועקפאָרן פון שטאָט...

גאָר אַן אַנדער אַטמאָספערע האָט געשאַפן דער ענגלענדער. ער איז געווען אַ שוואַכער רעדנער און אַ שיין ביסל אומגעלומפערט אינעם בויען זיינע זאַצן. דאָך האָט ער פון דער ערשטער מינוט אָן אַרויסגערופן דרך־ארץ מיט זיין אַריסטאָקראַטישער איינפאַכקייט און מיט דעם אַלגעמיינעם איינדרוק פון יענער „קולטור״, וואָס מ׳קען קיינמאָל נישט אויסשטודירן, נאָר זי גייט איבער אין געבענטשטע פאַמיליעס ביי געבענטשטע פעלקער פון דור צו דור. זיין אַרגומענטאַציע איז געווען אַ קלאָרע, אַ פּשוטע — און ווי דער גרעסטער טייל

עולם האָט, לויט מיין רושם, געפילט — אַן אַפּנהאַרציקע און אויפריכטיקע.

ער ווייסט, האָט ער דערקלערט, ווי אַזוי אָפּצושאַצן די פּראָ־ציוניסטישע סענטימענטן, וואָס באַהערשן אַזאַ גרויסן טייל פון דער אַמעריקאַנער עפנט־לעכער מיינונג. ער וואָלט געוווען אַנטוישט, ווען ער וואָלט דאָ אַזעלכע סענ־טימענטן נישט געפונען. דער אַמעריקאַנער פּראָ־ציוניזם איז פאַר אים אַ נייע באַשטעטיקונג, אַז דאָ איז פאַראַן אַ געזונטער חוש פאַר גערעכטיקייט, מיט־געפיל מיט גערודפטע, סימפּאַטיע מיטן שוואַכן. אויף וויפל עס האַנדלט זיך וועגן סימפּאַטיעס פאַרן ציוניזם, קען ער זיך בכלל נישט פאָרשטעלן, אַז וועל־כער נישט איז מענטש מיט אַ חוש פאַר היסטאָרישער דראַמאַטישקייט זאָל נישט פילן אין דער דאָזיקער נאַבעלער באַוועגונג אַן עלעמענט פון דערהויבנ־קייט. ער ווייסט, אַז רייך־לעגאַליסטיש האָט זיך זיין רעגירונג אין די מלחמה־יאָרן אַ שיין ביסל פאַרפּלאָנטערט: אין איינער און דערזעלבער צייט האָט זי געמאַכט צוזאָגן אי צו יידן און אי צו אַראַבער. איז איין צוזאָג סותר דעם אַנ־דערן. פונדעסטוועגן איז ער גרייט צו פּראָטעסטירן מיט זיין גאַנצער מאָראַלער קראַפט קעגן דעם סאַרקאַסטישן אויסדרוק, וואָס ווערט די לעצטע פאַר יאָר אַזוי אָפט געניצט: „די טו מאָטש פּראָמיסד לענד”. ער איז אַ קריסט. ער גלייבט אין דער ביבל און ווייסט, אַז ארץ־ישראל איז צוגעזאָגט געוואָרן יידן פון אַ סך אַ גרעסערער „גרויס־מאַכט” ווי די בריטישע אימפּעריע — „מפּי הגבורה”. ער וויל אויך נישט פאַרגעסן, אַז נאָך דער מלחמה האָט ענגלאַנד צוגעזאָגט נישט יידן און נישט אַראַבער, נאָר יענע העכער פּופציק לענדער וואָס זענען דענסטמאָל געווען פאַראייניקט אינעם פעלקער־בונד — מ׳קען זאָגן, דער גאַנ־צער וועלט, אַריינגערעכנט אַמעריקע — אַז יידן וועט געגעבן ווערן די מעג־לעכקייט אויפצובויען זייער היימלאַנד אין ארץ־ישראל. אין תוך, הייסט עס, זענען יידן גערעכט מיט די טענות און תביעות וואָס זיי האָבן איצט צו ענג־לאַנד. אָבער —

„אָבער וואָס קומט דען אַרויס פונעם פאַקט, וואָס יידן זענען גערעכט? ענגלאַנד איז איצט נישט אין דער לאַגע מקיים צו זיין איר צוזאָג. פאַר אַן ער־לעכן ענגלענדער איז עס טראַגיש: דאָס איז די פּראַגע פון ערע, פון זעלבסט־רעספּעקט. די געשיכטע האָט אָבער איר אייגענע לאָגיק און אירע קאַטעגאָ־רישע פאָדערונגען. זי דערלויבט איצט נישט, אַז ענגלאַנד זאָל נאָכקומען אַלע אירע אינטערנאַציאָנאַלע התחייבותן. רופט עס באַנקראָט, רופט עס ווי איר ווילט — אָבער 1939 איז פאָרט אַן אַנדער דאַטום, איידער 1917. אין די העכ־ער צוואַנציק יאָר האָט זיך די וועלט געענדערט. נייע כוחות זענען אויפגע־קומען, מיט זייערע קאָנפליקט־מעגלעכקייטן, אַפּעטיטן, סטראַטעגישע מעטאָדן און געפאַרן. די גאַנצע ענגלישע אימפּעריע שטייט היינט אונטערן סכנה־צייכן

און צוזאַמען מיט איר, דירעקט און אומדירעקט, די גאַנצע וועלט־ציוויליזאַ־ציע. מיר מוזן פאַרמיידן — מיט אַלע מיטלען וואָס געפינען זיך, אָדער קענען געשטעלט ווערן אין אונדזער רשות — אַ נייע וועלט־מלחמה. מיר מוזן זיך באַצייטנס צוגרייטן, מיליטעריש, עקאָנאָמיש און דיפּלאָמאַטיש, צו אַזאַ וועלט־מלחמה וועלכע וועט אפשר אויסברעכן קעגן אַלע אונדזערע באַמיִונגען און קאָנצעסיעס. זי וועט אפשר אויסברעכן אַ סך פריִער, איידער מיר אַלע זיילן אָדער שטעלן זיך פאַר. סיי כדי צו פאַרמיידן מלחמה און סיי כדי צו זיין גענוג צוגעגרייט צו אַ מלחמה, אין יענע כמעט אומבאַגרענעצטע מאַסשטאַבן אין וועלכע אַ נייער צוזאַמענשטויס פון פעלקער וועט איצט מוזן פאַרקומען, מוזן מיר האָבן די לאָיאַליטעט פון מאַכמעדאַנער אין אונדזער קאָלאָניאַלער אימ־פּעריע — און פאַר אַלעמען, די פריינטשאַפט פון די אַראַבישע לענדער. ארץ־ישראל און די אַראַבישע לענדער ליגן אויף די סענסיטיווסטע פונקטן פון אונ־דזערע אימפּעריאַלע קאָמוניקאַציעס. אונטער געוויסע אומשטענדן, קענען אַראַ־בישע אומצופרידנקייטן און אַ מוסולמענישער געפיל פון קריוודע ווערן פאַ־טאַל פאַר די אינטערעסן פון דער אימפּעריע. יידן זענען גערעכט. אָבער ווי גערעכט זיי זאָלן נישט זיין מיט זייערע טענות קעגן אונדז, קענען מיר דאָך נישט מפקיר זיין אונדזערע וויכטיקסטע אימפּעריאַלע אינטערעסן, בכדי צו האַלטן אונדזער צוזאָג פון 1917".

„און לאָמיר באַטראַכטן די זאַך פון אַן אַנדער זייט — און זיך פאָרשטעלן, אַז מיר שטעלן אונדזער הבטחה העכער פון ענגלישע אינטערעסן — וואָס קע־נען דען די יידן האָבן דערפון? אויב אונדזער אימפּעריע זאָל קראַכן, אָדער אויב זי זאָל אַפילו נאָר שווער אָפּגעשוואַכט ווערן, וועט דאָך נישט זיין ווער עס זאָל באַשיצן דעם יידישן סטאַטוס אין ארץ־ישראל. אָנגענומען אַז מיר זענען היינט מסכים אויף אַ יידנשטאַט אין ארץ־ישראל, אַז ער וועט אויף שנעל אויפגעבויט אין עטלעכע חדשים — קען ער דאָך קיין איין טאָג נישט עקזיסטירן אָן אונדזער שוץ. ווי נאָר ענגלאַנד וועט רויִנירט אָדער איר קראַפט ווערט איינטערמינירט — ווער וועט דענסטמאָל פאַרמיידן דעם דריטן יידישן חורבן אין ארץ־ישראל? יידן מוזן פאַרשטיין די שווערע לאַגע, אין וועלכער די נייע וועלט־אַנטוויקלונגען האָבן אונדז אַוועקגעשטעלט. דאַרפן זיי נישט אויסטייטשן ווי רשעות דאָס, וואָס מיר טוען אונטערן צוואַנג פון אומשטענדן, וואָס נישט מיר, יעדנפאַלס נישט מיר אַליין, האָבן געשאַפן".

„באַטירלעך, דאָס געצוואונגענע נישט־מקיים זיין פון אַ פייערלעכן צוזאָג, דערצו נאָך צו אַן אַלט, נאָבל און מאַרטירעריש פאָלק, לייגט אַרויף אויף אונדז גרויסע אחריות. וועלן מיר זוכן צו קאָמפּענסירן יידן אויף אַן אַנדער אופן, אפשר אין אַן אַנדער טעריטאָריע. עס וועט אונדז מיט דער צייט מחייב זיין

מיט אַ סך מער ענערגיע און מיט ברייטהאַרציקייט צו העלפן זייער היים ער־געץ־אַנדערש״.

„קיין פאָלק איז נישט פאַראינטערעסירט אַזוי שטאַרק ווי יידן, אַז ענגלאַנד זאָל אַרויסקומען פון איר איצטיקן קריזיס אַ גאַנצע, אַ געשטאַרקטע, לכל־הפּחות אַ נישט־געשעדיקטע. מיר וועלן זיך נאָך מיטן יידישן פאָלק נישט איינ־מאָל באַגעגענען און מיר וועלן נאָך האָבן די געלעגנהייט, אויב אונדזער מאַכט וועט נישט פאַרניכטעט ווערן, אים אָפּצוצאָלן אונדזער חוב״.

„דאָס דאַרפן פאַרשטיין יידן בכלל, אַמעריקאַנער יידן בפרט, און צוזאַ־מען מיט זיי דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער פאָלק״.

אַזוי אָדער אומגעפער אַזוי, האָט געטענהט מיין ענגלישער אָפּאָנענט, וועלכער האָט פאַרלאָזט צוליב אַ באַזוך אין אַמעריקע, אויף עטלעכע חדשים, זיינע אַמטן, זיינע אַקטיוויטעטן אין דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי, זיינע פליכטן אַלס מיטגליד אין פּאַרלאַמענט. עס איז נישט וויכטיק איבערצודערציילן, וואָס איך האָב אים געענטפערט. איך ווייס דעם רושם, וואָס איז געבליבן ביי אַ גרוי־סער טייל צוהערער: אויב אַזוי איז טאַקע די לאַגע, ווי דער ענגלענדער שיל־דערט זי, וואָס קען מען פון זיי פאָדערן? וואָלטן מיר, אַמעריקאַנער, געווען בעסער? און זענען דען יידן אַליין נישט פאַראינטערעסירט, אַז די גרעסטע וועלט־דעמאָקראַטיע זאָל נישט צעשמעטערט ווערן, זאָל נישט זיין אויסגע־שטעלט אויף אַזוי פיל סכנות?

צי די לאַגע איז ווירקלעך אַזעלכע ווי זי איז פאַר זיי געשילדערט גע־וואָרן, ווייסן זיי נישט. זיי זענען אָבער גיכער געניייגט צו גלייבן, אַז איך האָב אונטערשעצט די סכנות פאַר ענגלאַנד איידער אָנצונעמען, אַז דער ענגלענדער האָט איבערגעטריבן זייער באַדייטונג. דער חולה, האָט מיר נאָכדעם באַמערקט איינער פון דער אַסאָסייישאָן־פאַרוואַלטונג, ווייסט בעסער וווּ און וואָס עס טוט אים וויי. קיינער, האָט ער נאָכדעם צוגעגעבן, האָט נישט ליב בפרהסיא איבער־צוטרייבן זיינס אַ פאַרלעגנהייט.

**
*

דער ענגלענדער, מיט וועמען דער גורל האָט מיך די טעג צוזאַמענגע־פירט, איז אָבער נישט קיין איינצלנער. אַזעלכע אָדער ענלעכע שטימען, אַזאַ אָדער אַן ענלעכע אויסטייטשונג פון דער לאַגע, הערן איצט גוטע, ערלעכע אַמעריקאַנער פון מער ווי איין גאַלאַנטן ענגלענדער. און איך האָב מורא, אַז דער געפיל מיט וועלכן זיי גייען נאָכדעם אַוועק, לאָזט זיך כאַראַקטעריזירן אין אַ משונהדיקן, קורצן זאַץ: „ס'אַ רחמנות אויף ענגלאַנד״.

1939.

איך גיי אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן

אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן פּאָרקומען דער גרויסער אַנטי־נאַצי פּראָטעסט־מיטינג. פּריינט האָבן מיר שוין אָנגעזאָגט די וויט נישט־פריינטלעכע בשורה, אַז אויך מיר וועט אויסקומען צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער. זיי גיבן זיך מן־הסתם נישט אָפּ קיין חשבון, אין וואָס פאַר אַ פֿאַרלעגנהייט זיי האָבן מיך געשטעלט: נאָכאַמאָל רעדן. רעדן, רעדן, רעדן, דערצו נאָך הויך, פאַר אַ סך טויזנטער מענטשן — און אויב דו האָסט אין דעם אמונה, אָדער ניין — לכל־הפּחות, סימולירן אמונה; אַז אויך אין דעם פֿאַל און דעם מאָמענט איז רעדן די ריכטיקע פונקציע און הערן רעדן איז דאָס, וואָס דער עולם דאַרף איצט האָבן.

אָבער וועגן וואָס רעדן און ווי אַזוי, שוין נישט פרעגנדיק: צוליב וואָס? פּריינט האָבן געמיינט, אַז עס איז געוועזן פון מיין זייט אַ שפּאַס, ווען איך האָב זיי געענטפערט, אַז אויב זיי ווילן טאָקע שטאַרק, איך זאָל אויפטרעטן אויפן אַנטי־נאַצי־מיטינג, זאָלן זיי זיך מטריח זיין און אָנשרייבן פאַר מיר אַ רעדע. ווי אַזוי זאָל איך זיי איבערצייגן, אַז ס׳איז נישט אינגאַנצן קיין שפּאַס? אַז אָנ־שרייבן איצטער אַ צען־מינוטיקע רעדע וועגן אונדזער מעמד אין דער וועלט איז העכער פון מיינע כוחות? וואָס קען מען נאָך זאָגן, וואָס מיר האָבן הונדער־טער מאָל אין די לעצטע זיבן יאָר נישט איבערגעזאָגט אויף אַלע שבעים לשונות, מיט וועלכע ייִדן באַנוצן זיך אויף דער גאַנצער וועלט?

אַנדערע ווערטער, אַנדערע רייד און נוסחאות? ווו נעמט מען זיי? וואָס מיר זאָלן היינט נישט זאָגן, איז דאָס אָדער אַן איבערטרייבונג פון אונדזער טעמפּ־געוואָרענעם געמיט, אָדער — אַ שוואַכער רמז אויף דעם, וואָס אייביקע צווישן אונדז לעבן איבער אין זייער הילפלאָזער איינזאַמקייט, בלילות על משכבם.

און צו וועמען רעדן? צו ייִדן גופא? אָבער וואָס ווילן מיר, אַז זיי זאָלן טאָן? און וואָס קענען זיי טאָן — יעדער באַזונדער, אַלע צוזאַמען?

מוסרן היטלערן, נאַציס, דייטשלאַנד? אָבער, דאָרט פאַרשטייט מען היינט בלויז איין שפּראַך: נישט דאָס מוסרן, נאָר דאָס דראָען, ווען די דראָונגען זענען באַזירט אויף אַ רעאַלן כוח. און סטראַשען, ווייסן מיר, האָבן מיר נישט מיט וואָס.

אפשר וועקן דאָס געוויסן פון דער איבעריקער וועלט? אָבער די איבע־

ריקע וועלט ווייסט אַלץ וואָס ס׳קומט מיט אונדז פאָר און זי איז גענוג פּחדניש, נישט צו טאָן גאָרנישט כדי אונדז צו ראַטעווען, אויב זי דאַרף פאַר דעם מיט עפּעס ריזיקירן, שטעלן אין קאָן אירס אַן אינטערעסל.

און ווער ווייסט? אפשר בין איך נישט גערעכט? אפשר קען מען דאָס וועלט־געוויסן יאָ אויפמונטערן און מיר טוען עס נישט. אפשר האָבן מיר די אַלע יאָרן נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי — זאָל מען מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד — צו „דראַמאַטיזירן" אונדזערע ליידן און אונדזער חרפּה, וואָס איז נאָך ערגער ווי די ליידן גופא. עס קען זיין און עס איז אַפילו מעגלעך, אַז איצטער איז דער מאָמענט.

בין איך אָבער כלל נישט זיכער, אַז אויב מען דאַרף און מען קען דאָס טאָן, זיינע רעדעס דאָס מיטל. יעדער דענקנדער נישט־ייִד ווייסט שוין אויף אויסנווייניק, וואָס מיר קענען זאָגן: ער האָט שוין ביי זיך די פולע סטענאָגראַמע פון אַ ייִדישער פּראָטעסט־רעדע נאָך איידער ער האָט זי געהערט.

יעדער פון אונדז, דוכט זיך, ווייסט עס. און דאָך: קיין אַנדער געווער גע־פינען מיר, ווייזט אויס, נישט אין אונדזער אַרסענאַל. אין די ווירטיקסטע, ווי אין די קריטישסטע, מאָמענטן פון אונדזער לעבן ווייסן מיר שוין נישט וואָס צו טאָן, ווי אַזוי אָפּצורעאַגירן דאָס, וואָס ס׳קומט אין אונדז פאָר — סיידן דורך האַלטן אַ רעדע. פון אַ ברית ביז אַ לויה — דער גאַנצער וועג איז, אַזוי צו זאָגן, ביי אונדז אויסגעבעט מיט דרשה־געצייג. עס איז אונדז פאַרלוירן גע־גאַנגען יעדער געפיל פון שווייגנדיקער אָדער „שטומער" סימבאָליק, פון צע־רעמאָניאַל. מיר זענען אַלע צופיל פּקחים, אַז מיר זאָלן זיך קענען באַנוגענען אין אַ פייערלעכער שעה מיט דער „אומפאַרשטענדלעכקייט" פון אַ סאַקראַ־מענטאַלן טאַט. אונדזער אויג פאַרשטייט שוין לאַנג נישט, וואָס עס הייסט אַ „קריעה"־ריס אויף אַ בגד; און אונדזער אויער איז שוין צו ערלדיק כדי אויפ־צוכאַפּן, וואָס עס „זאָגן" אויף זייער שפּראַך אַ פּאָר אויסגעטאָענע שיך אין אַ ווינקל פונעם צימער. פאַררעדן מיר און פאַרשרייען מיר אַ וועלט אפשר בלויז דערפאַר, וואָס מיר האָבן פאַרלוירן דעם טאַלאַנט פאַר אַנדערע אויסדרוק־פאָר־מען — אַט פאַר יענע וואָרטלאָזע פאָרמען, וואָס זענען אי פּרימיטיווער און אי ראַפינירטער פון די ימים מגידות, אין וועלכע מיר באָדן זיך.

עס האָט דערפאַר אויף מיר געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק אַ בריוו פון אַ רב, וואָס כ׳האָב די טעג געלייענט אין אַ ניו־יאָרקער ייִדישער צייטונג. ער לייגט פאָר, אַז רבנים זאָלן אויף אַ באַשטימטן טאָג גוזר־תענית זיין; אַז דער טאָג פון תענית זאָל באַגלייט ווערן אויך פון ביטול־מלאכה; אַז איבער אַלע שולן (און אפשר איבער אַלע הייזער, אין וועלכע עס וווינען ייִדן) זאָלן אין יע־

נעם טאָג פלאַטערן טרויער־פאָנען און הונדערטער רבנים זאָלן נאָכדעם מיט שוואַרצע פאָנען אין די הענט מאַרשירן קיין וואַשינגטאָן, צום ווייסן הויז.

אַזאַ „דעמאָנסטראַציע" (מעג מען נוצן אַזאַ וואָרט אין צוזאַמענהאַנג מיטן פאַרשלאָג פון אַ פרומען רבֿ?) וואָלט זיכער אויף דער גאַנצער אומוועלט געמאַכט אַ סך אַ שטאַרקערן און, דער עיקר, אוממיטלבאַרן איינדרוק, ווי די בעסטע רעדעס, וואָס מיר און צוזאַמען מיט אונדז די „חסידי אומות העולם" זענען פעיִק צו האַלטן.

איך בין בלויז אַ סך „קלעריקאַלער" פון יענעם רבֿ: לויט זיין פאַרשלאָג, דאַרפֿן די רבנים אין וואַשינגטאָן אַדרעסירן דעם פרעזידענט מיט אַ רעדע. ביי מיר וואָלט מען געפועלט, אַז אויך דאָרט זאָל קיין איין און איינציקע רעדע נישט געהאַלטן ווערן. איך וואָלט גיכער אויסגעקליבן פאַר יענער געלעגנהייט אַ געהעריק קאַפּיטל תהלים, אָדער — זאָלן עס אָרטאָדאָקסישע ייִדן נישט אָננעמען פאַר חילול־השם — איך וואָלט דאָרט איינעם פון זיי געלאָזט איבערלייענען ביאַליקס „שמים, בקשו רחמים עלי!" אָדער זיין רוף צו די שלענג, אַז זיי זאָלן אַוועקגעטראָגן אונדזער צאַרן אין די וויטענישן פון דער מדבר.

און אפשר דאָס אויך נישט. אפשר וואָלט נאָך ווירדיקער און איינדרוקפולער געווען, ווען יענע רבנים מיט די שוואַרצע פאָנען גייען אַפילו צום פרעזידענט נישט אַריין; נאָר זיי זעצן זיך אויס מיט זייערע שוואַרצע פאָנען און אַראָפּגעצויגענע שיך אַרום דעם ווייסן הויז און זיצן דאָרט אַ טאָג און אַ נאַכט שווייגנדיק, טאָטאַל־שטום.

טעאַטראַליש? זיכער! אָבער דאָס איז די טעאַטראַלישקייט פון זיצן אויף דער ערד ביי קינות; טעאַטראַלישקייט אין וועלכער אַ פאָלק דריקט אויס די העכסטע עכטקייט פון זיין נשמה.

אָבער צי האָבן מיר נאָך אַ חוש — און אַ חוש הייסט אין דעם פאַל: אַן אויפריכטיקע באַדערפעניש — פאַר אַזאַ צערעמאָניאַל, פאַר אַ „ריטוס" פון אַן אָפּשווייגן זיך פון דעם האַרצן? ווייזט אויס, אַז ניין. יענעם רבֿ'ס פאַרשלאָג איז געבליבן אַ קול קורא במדבר. קיינער האָט זיך אויף אים נישט אָפּגערופן. מיר זענען דערצו אַלע צו־ווייניק מעטאַפיזיש געשטימט, צו ווייניק פאָלקסטימלעך און (וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך האָב פאַר דעם נישט קיין אַנדער וואָרט?)... צו ווייניק אַרטיסטיש. מיר זענען דאָ, אַרעם אין פאַנטאַזיע און סקאַנדאַליעז „באַרעדעוודיק".

איך ווייס, וואָס מען וועט, אָדער וואָס מען קען, מיר אויף דעם ענטפערן: דאָס איז „דעקאַדענץ", פאַרצווייפלונג, יורדישע רעזיגנאַציע — און מיר טאָרן אויף דער וועלט נישט מאַכן קיין איינדרוק פון רעזיגנירטע, פון מרה־שחורהדיק דערשלאָגענע. אפשר זענען זיי טיילווייז גערעכט, כאָטש איך קען מיר קוים

פאַרשטעלן, אַז מען זאָל די וועלט קענען אָפּנאַרן מיט סימולאַציע, מיט קנייפּן זיך אין די באַקן, אַז אַביסל פאַרב זאָל זיך אין זיי באַווייזן; אָדער מיט אונדזער דראָענדיקן פויסט, פאַר וועלכער דער שונא דערשרעקט זיך נישט. עס איז פאַראַן מער ווירדע און מער שטאָלץ אין עפנטלעכער אָנערקענונג פון אונדזער הילפלאָזיקייט איידער אין „מעיק־בעליף"־קראַפט. און קינהדיק שוויגן איז אַ שטאַרקערער און ווירקזאַמערער פּראָטעסט, איידער בלאָזן שופר דורך אַ מיק־ראָפאָן.

אָבער גענוג: עס איז שוין, דוכט זיך, אַ צו לאַנגע רעדע וועגן... דער קונסט פון אויסדרוקפולן שווייגן. און סיי־ווי־סיי: איך שיק צום שניידער אויס־פּרעסן מיין טונקעלן אַנצוג און אויב עס וועט נישט פּאַסירן עפּעס, אויף וואָס איך האָב נישט קיין שליטה, וועל איך מיטוואָך, דעם דרייצנטן דעצעמבער, גיין אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן און דערפילן דעם חוב וואָס חברים האָבן אויף מיר אַרויפגעלייגט.

זיי גליבן נאָך אַלץ, ווייזט אויס, אין וואָרט, אויך אין דעם נישט־ספּאָנ־טאַנעם, טויזנט מאָל איבערגעחזרטן וואָרט, און איך בין מסתמא נישט גענוג שטאַרק, אָדער נישט גענוג איינגעגלויבט אין מיין אייגענעם אמת און געשמאַק, כ'זאָל קענען בלייבן זיצן, ווען אנשי־שלומינו וועגדן זיך צו מיר מיט זייער „יעמודו"...

.1939

הלכות טרעמפ

מיינער אַ פריינט, אַ שטענדיק־עקזאַלטירטער מענטש, האָט אַנומלטן אַריינגעשטורעמט צו מיר אַהיים אין אַ פריִער מאָרגן־שעה. פון צייט צו צייט באַזוכט ער מיך — סתם אַזוי, זיך דורכשמועסן — און מיר איז שטענדיק אינטערעסאַנט צו הערן זיין יאַדערדיק, קרעפטיק לשון און עטוואָס־מעלאָדראַמאַטישע אינטאָנאַציע. אַמאָל גיט ער מיר צו פאַרשטיין, ווי אינטערעסאַנט עס איז צו לעבן אויף דער וועלט און ווי דער טויט, פאַר וועלכן נאָר אַ שוטה בן פּיקהאָלץ שרעקט זיך, דאַרף אין תוך נישט פאַרשטערן די הנאה פונעם ביסל געשאָנקענע יאָרן. סיי־ווי־סיי, זאָגט ער, קענסטו דאָ גאָרנישט ענדערן. אַן אַנדער מאָל זוכט ער מיר צו איבערצייגן, אַז די מצווה פון ארבע־כוסות איז אַ מינימום און נישט קיין מאַקסימום. יציאת מצרים איז אַזאַ גרויס געשעעניש, אַז באמת וואָלט מען גאָר געדאַרפט פּראַווען אַ סדר יעדן אָוונט; אַז אַן קידוש זעט אַפילו אַ וואָכעדיקער טאָג אויס ווי אַ נעבעכטיקער, און אַז אַ מענטש מיט אַלע חושים דאַרף מאַכן הבדלה אַזויפיל מאָל, וויפל נעכט עס זענען דאָ אין יאָר. איינמאָל איז ער צו מיר געקומען מיט אַ פילאָלאָגישער פראַגע, וועלכע האָט אין זיך שוין כולל געווען דעם ענטפער אויך: ווי קומט עס, וואָס אויף ענגליש ווערט אַלקאָהאָל און רוחניות באַצייכנט מיט איין וואָרט („ספּיריט״)? און פון וואַנען נעמט זיך עס, וואָס אויף דייטש, ווי ער האָט לעצטנס אויסגעפונען, הייסן שאַרפע משקאות „גייסטיקע געטרענקע״? צי איז דאָס נישט דערפאַר, וואָס אַ מענטש מיט אַ לעבעדיקן גייסט מוז זיין אַ „לחיים ווינטשער״ — און אַז די אַזוי־גערופענע „טרוקענע״ זענען שטיין־און־ביין בצורת מענטש און עס פילט זיך פון זיי שטענדיק אַ שלעכטער ריח פון ניכטערער נודאָטע? דאָסמאָל, האָט מען געקאָנט זען פון זיין פנים, איז ער געקומען נישט „סתם זיך אַזוי״, נאָר צוליב אַ קאָנקרעטן ענין. ער האָט מיך אָנגעזעצט אויף אַ שטול, אַליין געבליבן שטיין און געגעבן אַן ענערגישן קלאַפּ אויף דער הויזן־קעשענע, צופינטלענדיק דערביי מיטן לינקן אויג:

— „אַט־דאָ־אַ, גוטער ברודער, אין דער קעשענע, ליגט אַ וויכטיקע זאַך. אַזאַ בטלן ווי איר זייט וועט גאָר נישט טרעפן, וואָס דאָרט געפינט זיך. הקיצור, איך וועל אייך נישט מוטשען. דאָ ליגן ממתקים — צען טויזנט דאָלאַר במזומנים. היינט האָב איך זיי, אָבער מאָרגן — ווער ווייסט? מאָרגן, קען זיין, וועט מיר מיין ווייב דאַרפן געבן אויף פּאַפּיראָסן — אָט אַזאַ פאַרשוין בין איך,

און אויב עס געפעלט אייך נישט, וועט איר זיך מיט מיר נישט משדך זיין. בין איך געקומען צו אייך מיט אַ פּראָפּאָזיציע. אָבער זיצט און שוויגט. רירט אייך נישט פונעם אָרט און הערט אויס מיט קאָפּ וואָס כ׳האָב אייך צו זאָגן. אייער פּרוי הערט נישט? בעסער אַזוי. דאָס געלט דאַרפן מיר היינט צעטיילן אין 3 חלקים: דריי טויזנט — מיין פאַמיליע, דריי טויזנט — אייער פאַמיליע, און דאָס איבע־ריקע — פאַר אונדז ביידע. איר פאַרשטייט נאָך אַלץ נישט, וואָס איך מיין? נו, גוט, וועל איך אייך זאָגן אייער סוד. איר זעגט ווי אַ פויגל אין אַ שטייג און דער אומגליק מיט אייך איז, וואָס איר האָט ליב די שטייג. איר האָט זי אפשר גאָר אַליין געמאַכט, מיט די אייגענע הענט. אָבער אַ שטייג איז אַ שטייג, אַפילו ווען מ׳האָט זי טאַקע באמת ליב. שוין יאָרן און יאָרן אַז אייך ווילט זיך פון איר אַרויס — נישט אויף שטענדיק, אפשר, נאָר אויף אַ שטיק צייט. איר גאַרט צו אַנט־לויפן פון ווייב און קינד, פון חברים און פריינט, פון ביכער, גאַזעטן, אַרטיקלען, קאָנפערענצן און טעלעפאָנען, און זיך אַוועקלאָזן אין דער ווייטער, ווילדער וועלט, אָן אַ פּלאַן און אָן אַ טאַלק, אַ הוליע־טאָן אין צעכראַסטעטע בגדים, הנאה האָבן פון אַביסל הפקרות. נישט אַזוי? קוקט מיר נאָר גלייך אין פּנים און זאָגט מיר, אַז כ׳האָב נישט געטראָפן. אירט נישט וואָגן — ווייל איך זאָג דעם אמת, ווייל איך קען אייך אויסגעבונדן. בין איך היינט געקומען אייך אויסלייזן פּדיון־שבוים. געלט טאָר קיין מניעה נישט זיין. לאָמיר זיך נעמען אָט פון דער קעשענע פיר טויזנט — און גוד באַי! די וועלט איז ברייט און דאָס געלט וועט זיין געגוג פאַר אונדז ביידע אָפּצוטרעמפּעווען אַ יאָר צייט. נאָכדעם וועט איך מסתמא ציִען צוריק, צו אייגענע, צו אַרבעט, צו אייערע דזשאָבס. וועט איר ווייטער אָמאָל מאַכן אַן ערנסט פּנים, זיך פאַרקנעפּלען אויף אַלע קנעפּ און האַנדלען ווי אַ רעספּעקטאַבלער מענטש. אָבער אַ יאָר צייט וועט איר געהערן צו זיך אַליין און הערן די גאַנצע וועלט אין טראַק, נישט זיין, ווי איר זייט אַ גאַנץ לעבן געווען, אַ „פּראַדאַזשנאַיאַ שקוראַ״... אַנטשולדיקט, איך קען ווייניק רוסיש, אָבער איך האָב ליב דעם אויסדרוק, כאָטש מ׳האָט מיר שוין צענדליקער מאָל געזאָגט, אַז עס מיינט גאָר עפּעס אַנדערש, אַז ס׳איז גאָר אַ באַליידיקונג. אָבער איר ווייסט, וואָס איך מיין — אַ געפּענטעטער, אַ שטילער און אידל־איינגעקאָוועטער; אַזעלכער וואָס טעלעכע עמעצערס האָבן געלייגט אַן „אַטאַטשמענט״ אויף די שעהן פון זיין מעת־לעת״.

עס איז נישט וויכטיק, וואָס כ׳האָב געענטפערט מיין בוחן־לבבותדיקן פריינט אויף זיין פאַרשלאָג צו ווערן, צוזאַמען מיט אים, אויף אַ יאָר צייט, אַ טרעמפּ־דע־לוקס. ער איז מסתמא אַוועקגעגאַנגען פון מיר אַן אַנטוישטער: „נישט געהאַט דעם מוט צו טאָן וואָס ער וויל, וואָס ער האָט שוין לאַנג גע־דאַרפט טאָן״.

איך האָב זיך היינט בלויז דערמאָנט אין אים און אין זיין פּראָפּאָזיציע, לייענענדיק אין אַ צייטונג וועגן דעם „נאַציאָנאַלן צוזאַמענפאָר" פון די האָבאָס, אינעם גאַסטפריינטלעכסטן פון אַלע אַמעריקאַנער שטעטלעך — בריט, איאָווע.

די צייטונגען זענען היינט פאַרנומען מיט בילכערע זאַכן און די רעפּאָרטן וועגן דעם האָבאָ־קאָנגרעס זענען קורצע און מאָגערע. איך ווייס נישט גענוי, וואָס זיי האָבן דאָרט פאַרהאַנדלט, און ווער פון זיי ס'האָט זוכה געווען גע־קרוינט צו ווערן אַלס „קעניג" פאַרן קומענדיקן יאָר. אָבער אויך פון די קורצע ידיעות, וואָס די פּרעסע האָט געבראַכט פון בריט, זע איך אַז די טרעמפּ־וועלט האַלט אין אונטערגיין. אַמאָל, זאָגט מען, האָט מען אין אַמעריקע געציילט אַרום אַנדערטהאַלבן מיליאָן פּרינציפּיעלע נע־ונדניקעס; היינט, זאָגן זייערע „סטאַ־טיסטיקער", זענען פאַראַן נישט מער ווי אַ פינף־און־צוואַנציק טויזנט. דער נאָמאַדן־אינסטינקט ווערט, ווייזט אויס, אויסגעלאָשן, און די טענדענץ איז אַלץ מער — זיך צו „באַישובן". דער פאַרגעניגן פון מאַכן אַ פייער ערגעץ־ווו אויף אַ לאָנקע פון אַ וויטן וואַלד און אָפּסמאַלען אויף אים אַ הון אָדער אַ קאַטשקע (וואָס ס'וואָלט געווען אומהעפלעך צו פרעגן אַ טרעמפּ, ווי אַזוי זי איז צו אים געקומען), רופט היינט נישט אַרויס קיין גרויסן יצר־הרע. עס פאַרמינערט זיך די צאָל מענטשן, וואָס ס'איז זיי ניחא, אַז דער פּאָסט־טרעגער זאָל נישט וויסן ווו צו פרעגן אויף זיי. מענטשן ווערן אומעטום רעגיסטרירט און רעגי־מענטירט — אַלץ איינס, אונטער וואָס פאַר אַ פּאָליטישן רעזשים. עס ווערט שוין אַלץ אוממעגלעכער „פאַרפאַלן צו ווערן", נישט קענען אָפּגעזוכט ווערן — און באַלד־באַלד, דוכט זיך, וועט שוין דער גאַנצער ערד־קוגל ווערן קאַ־טאַלאָגירט, יעדעס ווינקל אין זיין קעסטעלע אויף דער מאַפּע, מיט זיין נומער און נאָמען. אויך די לעצטע נאָמאַדן־ראַסע אין אייראָפּע, די ראַסע וואָס אַרומ־וואָגלען בציבור איז יאָרהונדערטער־לאַנג געווען איר הויפּט־פּראָפעסיע — די ציגיינער — ווערן אַלץ מער און מער פאַרבאַלעבאַטעוועט. אין סאָוועט־רוסלאַנד צווינגט מען זיי אַרויסצונעמען פּאַספּאָרטן, זיך אויסקלייבן שטענדיקע וווין־ערטער און טאָן „פּראָדוקטיווע אַרבעט". דער ציגיינערישער „טאַבאָר" (די וואַנדערנדיקע קהילה), וועלכע פּושקין האָט אַמאָל פאַראייביקט און ראָ־מאַנטיזירט אַלס דעם גליקלעכן קאָנטראַסט צום לאַנגווייליקן, אָנגעקראָכמאַ־ליעטן לעבן פון דער פּעטערבורגער געזעלשאַפט, לייזט זיך ביסלעכווייז אויף אומעטום — אין רוסלאַנד, אין אונגאַרן, אין סלאָוואַקיע. נאָך צוריק מיט יאָרן אין בעסאַראַביע — אין דערזעלבער געגנט, ווו פּושקין האָט געקראָגן זיין ערשטע התפעלות פון ציגיינערישער פרייהייטס־חדוה — האָב איך שוין באַ־געגנט ציגיינער־פּויערים — געזעצטע און באַזעצטע, אין קליינע ליימענע כאַט־קעס, מיט בילדער אויף די ווענט. אין איינער אַזאַ כאַטקע האָב איך געפונען

הענגען, צוזאַמען די פּאָרטרעטן פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, דעם אונגאַרישן העלד קאָשוט און טעאָדאָר הערצל („שיינע פּנימער״, האָט מיר די באַלעבאָסטע דערקלערט און איז געווען צופרידן וואָס כ׳האָב זי נישט געפרעגט די אומ־באַקוועמע שאלה, ווו זי האָט די דאָזיקע קונסט־חפצים געקראָגן).

און וואָס איז געוואָרן פונעם אַמאָליקן רוסישן באַסיאַק? אין אָנפאַנג פונעם יאָרהונדערט האָט ער געקראָגן גרויסע „פּובליסיטי״, ווייט איבער די גרענעצן פון רוסלאַנד, דורך מאַקסים גאָרקי. דער שפּעטערדיקער באָלשעוויק האָט אין יענעם פּעריאָד פון זיין לעבן פיינט געהאַט מער פון אַלץ אויף דער וועלט דאָס געזעצטע און צוגעבונדענע, דאָס בעל־הביתל („מעשטשאַנין״), דעם פויער וואָס איז געווען מיט קייטן צוגעשמידט צו זיין שטיקל לאַנד, צו זיין קו און חזיר. אויפן באָסיאַק, אויפן שטענדיק־נייגעריקן וואַנדערער פון די אַרכאַנגעלסקער שניי־פעלדער ביז צו די אַסטראַכאַנער סטעפּעס און פון דעם פלאַכן וואָלגאַ־לאַנד צו די קאַווקאַזער „אָדלער־שפּיצן״; אויף דעם דאָזיקן אָפּלאַכער פון אָר־דענונג און אָפּשפּעטער פון רוטין, מיט זיין אַריסטאָקראַטישן שטאָלץ, טראָץ די באָרוועסע פיס און די פּאָרלאַטעטע הויזן, האָט גאָרקי אַמאָל געקוקט ווי אויף אַ מין „איבערמענטש״ — ווי אויף דער איינציקער האָפענונג פון אַ מין קינסטלער־און ריטער־ראַסע, וואָס דאַרף אויפקומען אין דער צוקונפט. אָבער נישט בלויז אין רוסישן לעבן, נאָר אויך אין דער ליטעראַטור, איז דער אַרומ־שלעפּער שוין לאַנג געוואָרן „טאַבו״. דער העלד פון דער עפּאָכע איז געוואָרן דער פלייסיקער, דער איבער־דיסציפּלינירטער און „טעילאָריזירטער״ סטאַכאַ־נאָוועץ מיט דעם כשר־פאַרדינטן לעניך־מעדאַל אויף דער ברוסט — אָדער דער קאָלכאָזניק וואָס האָט אַ גאַנץ יאָר נישט פאַרפעלט קיין איין טאָג אַרבעט און האָט אויסגעכאָוועט די געזונטסטע קעלבלעך אין דאָרף. דער מיוחסדיקער לײדיקגייער פאַרשווינדט. די צאָל מענטשן, וואָס רייסן זיך אַליין אַרויס פון די „שטייגער״־האָלאָבליעס און זענען גרייט פאַר דעם צו באַצאָלן דעם נייטיקן פּרייז, ווערט קלענער פון יאָר צו יאָר. עס קען מסתמא אַנדערש נישט זיין און ס׳איז פאַראַן גענוג יסוד צו פּסקענען, אַז עס דאַרף גאָר אַנדערש נישט זיין. אָבער אָפּטמאָל דוכט זיך, אַז דאָס פאַרשווינדן פונעם אַרחי־פּרחי איז אַ שלעכ־טער סימן פאַר דער „ראַסע״, פאַרן מין מענטש בכלל. עס קאָן זיין, אַז די ירידה אין דער באָסיאַקן־קולטור נעמט זיך נישט אַזויפיל פון דעם, וואָס מענטשן פאַרלירן זייער וואַנדער־חשק און זייערע גלוסטעניש פאַר אַן אָן־אַ־טאַלק־לעבן, ווי פון אָפּגעשוואַכטקייט: נישטאָ מער יענע יאָרן, ווען אַ געוויסער טיפּ מענטש האָט געקאָנט זיך שפּייזן מיט זונען־שיין און מיט צופעליקע סעודות (וואָס יעדע פון זיי האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ „נס״). דער מינימום באַדערפעניש, פון וועלכע אויך אַ האָבאָ קען זיך נישט אָפּזאָגן, איז געוואָרן

העכער ווי אַמאָל — און ווי איך הער, האָט מען אין בריט, אויפֿן קאָנגרעס פֿון די אַדרעסלאָזע גדלנים, שוין אָנגענומען, אין האַלב־ערנסט און האַלב־שפּאָס, אַ רעזאָלוציע, וואָס פֿאַדערט פֿון די אייזנבאַנען־געזעלשאַפֿטן אָוועקצושטעלן אין די „פּרייטקאַרס״, מיט וועלכע די האָבאָס באַנוצן זיך אויף זייערע אומלעגאַלע נסיעות, מאַטראַצן מיט קאָלדרעס. אונדזער דור שיינט צו זיין אַן אָפּגעשוואַכטער. ער מוז האָבן אַ מינימום פֿון קאָמפֿאָרט און צוליב יענעם מינימום איז ער גרייט אָנצוטאָן אויף זיך דעם כאַמוט פֿון אַ שטענדיקן אַדרעס. עס איז סימבאָליש, וואָס דער איינציקער פֿאָרשלאָג — וואָס מ׳האָט מיר ווען עס איז געמאַכט זיך צו נעמען אַ יאָר צייט פֿאַר אַ טרעמפּ־וואַקאַציע — איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ קלאַפּ איבער דער הויזן־קעשענע: „אַט־דאָ ליגן די מזומנים״. מיט פֿיר טויזנט דאָלאַר אַ יאָר פֿאַר אַ טרעמפּ־זיווג איז שוין גאָר נישט אַזוי שווער צו נע־ונדעווען; אַסיגנירט נאָר אַזעלכע, ווי בערטראַנד ראַסעל רופֿט אָן, „טרעמפּ־ווײַדזשעס״, און איר וועט זען ווי פֿיל מיליאָנען בעלנים עס וועלן זיך אָפּזוכן. מיר ווייסן גאָר נישט, ווי גרויס עס איז אַרום אונדז די צאָל סטאַטעטשנע מענטשן, וואָס זענען מיד און קראַנק, און נערוועז, און איבערדריסיק פֿון זייער רוטין און פֿון זייערע צוגעבונדנקייטן. זיי אַליין ווייסן אויך נישט קלאָר, אַז דאָס וואָס עס טוט זיי ווי, האָט צו טאָן מיט ד׳ אמות פֿון זייער טאָג־טעגלעכקייט, מיט צופֿיל „אייגנקייט״, מיט דעם נישט־פֿאַרווירקלעכטן חשק צו ווייטקייט און פֿרעמדקייט, פֿאַר צופֿעליקייט און איינמאָליקייט. ווען איינעם פֿון זיי ווערט שוין צו שווער דאָס איבערצוטראָגן, געפֿינט ער אַמאָל אַ „תּיקון״ אין אַ מאָדנער (אָדער מאָדערנער?) קראַנקייט — אין אַמנעזיע: פֿאַרגעסט ער אויף אַ שטיק צייט זיין נאָמען, זיין אַדרעס, זיין באַשעפֿטיקונג און זיינע קרובֿהשאַפֿטן. ווען איך לייען די אַמעריקאַנער פּאָליציי־רעפּאָרטן וועגן אַמנעזיע־פֿאַלן, דוכט זיך מיר אַז אין 99 פֿאַלן פֿון 100 האָבן מיר צו טאָן מיט מענטשן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין כּוח און קיין מוט באַוווּסטזיניק צו וואַרפֿן דעם גט זייער אייגענעם רוטין.

***

אין אַמאָליקן רוסלאַנד האָבן זיך ציללאָזער וואַנדער־חשק און באַסיאַק־אינסטינקטן אויסגעווירקט אויך אין אַן אַנדער פֿאָרם. איבערן לאַנד זענען אַרומגעגאַנגען צענדליקער טויזנטער מענער און פֿרויען (די סטראַניקעס און די סטראַניצעס), וואָס געהייסן האָט עס אַז זיי זענען עולה־רגל פֿון איין הייליקן פּלאַץ צום אַנדערן. מאָנאַסטירן זענען געווען פֿאַרזייט פֿון די אייז־ברעגעס פֿונעם ווייסן ים ביז דעם כמעט טראָפּישן טורקעסטאַן — און יעדער מאָנאַסטיר האָט געהאַט אָדער זיינעם אַ הייליקן (אַ „סטאַרעץ״) אָדער אַ מאַ־

דאָנאַ־בילד וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט מופתים. האָבן מערסטנטייל יענע, אַזוי צו זאָגן, רעספּעקטאַבלע וואַנדערער, שלעפּער און אַרומשלעפּער אַליין געגלייבט, אַז זיי ריכטן אָפּ גלות און לעבן פון צדקה בלויז צוליב פרומקייט. אין תוך זענען זיי אָבער, אין די מייסטע פאַלן, געווען ציגיינערישע נאַטורן, און האָבן אפשר אַליין נישט געוווּסט, אַז זיי איז בלויז געלוּנגען צו געפינען אַ מין „יראה״־לבוש פאַר זייער ציגיינערישקייט.

און וואָס איז געווען ביי ייִדן? מיך פאַרפאַלגן שוין אַ פּאָר טעג עטלעכע ווערטער פון אַ חב״דסקע לידל:

„וואָס מער קבצן, מער הוליאַקע,
און וואָס הער איך אייך?
וואָס מער עושר מער סאַבאַקע,
און וואָס דאַרף איך אייך?״

מיר איז באַקאַנט די חסידישע וועלט בלויז פון ליטעראַטור. נאָך ווייני־קער האָבן איך געהאַט די געלעגנהייט נאָכצוקוקן חב״ד־חסידים. אָבער ווען איך לייען אָדער הער פון חסידים, וואָס פלעגן אַמאָל איבערלאָזן זייערע היימען און „פאַרפאַלן ווערן״ ביים רבין אויף אַ יאָר צייט און לענגער, קען איך זיך נישט באַפרייען פונעם איינדרוק אַז זיי האָבן דאָס געטאָן נישט נאָר צוליב דעם רבינס תורה אָדער קדושה; אַז אין תוך זענען דאָס געווען טרעמפּ־נשמות, וואָס האָבן געפונען אַ פרומען וועג פאַר אַביסל שטיפעריי, פּרינציפּיעלע זאָרגלאָ־זיקייט און אַוואַנטורע. אין דער היים איז אַמאָל לעכערלעך פאַר אַ באָרד־ייִד צו „פליאַסקערדריגעווען״; אין דער פרעמד — מיט נייע מענטשן, אין גרונט פרעמדע און דאָך היימישע — קען מען זיך לאָזן ווילגיין מיט אַנדערשקייט און לעגאַל באַטראַכטן נישט נאָר יעדן „עושר״, נאָר יעדן מתנגד און סתם סטאַ־טעטשנעם ייִדן פון אויבן אַראָפּ — ווי אַ „סאַבאַקע״. עס לוינט אַמאָל אַ טראַכט צו טאָן וועגן דעם שטיק באַסיאַצקע קולטור וואָס שטעקט אין אַזאַ אויסדרוק ווי „אַ חסידישע מלוה־מלכה״.

אָבער דער חסידישער וואַגאַבונד איז שוין, דוכט זיך, אויך פאַרשוווּנדן, אַלץ אויף דער וועלט ווערט, ווייזט אויס, ביוראָקראַטיזירט, און אויב איך מאַך נישט קיין טעות גיט מען שוין אָן אין די גאַזעטן די אַדרעסן פון די רביימס „אָפיסעס״.

וואָלט איך געווען אַ סאָציאָלאָג, אַ שטאַטסמאַן, וואָלט איך געדאַרפט מאַכן אַ ברכה אויף דער גסיסה פון אַן עקאָנאָמיש (און אַמאָל, לאָמיר זאָגן דעם אמת, אויך פּאָליצייִיש) אומבאַקוועמען טיפּ. אָבער ערגעץ־ווו פיל איך, אַז ס׳איז אַ סימפּטאָם אויך פון אָפּגעשוואַכטער וויטאַליטעט, יעדנפאַלס פון אַ באַשטימטן

מין וויטאַליטעט. עס וועלן אין גיכן נישט בלייבן קיין מענטשן אָן אַ באַדער־
פעניש פאַר זיכערקייט און מינימאַלן קאָמפּאָרט, אָן מורא פאַר דער אומקלאָר־
קייט פונעם מאָרגנדיקן טאָג. נישט נאָר דער ציגיינער, נאָר ציגיינערטום גייט
אונטער. און עס איז נישט קיין צופאַל וואָס אַלע רעוואָלוציעס פונעם לעצטן
פערטל יאָרהונדערט (באָלשעוויזם, פאַשיזם, נאַציזם) טראָגן מיט זיך אַ טויט־
אורטייל פאַר יענעם דעקלאַסירטן מענטש, וועמען עס איז אַמאָל „נישט אָנ־
געשטאַנען" צו זיין אַריינגעאָרדנט אין אַ קלאַס.

.1940

„אַמאָל איז געווען אַ מלך"

מאַרק טווען האָט געמוזט האָבן זייער אַ משונהדיקע פאָרשטעלונג פון פּאַריז. דאָס קען מען זען פונעם נאָמען, מיט וועלכן ער האָט אַמאָל געקרויינט ניו־אָרלעאַנס — „דאָס אַמעריקאַנער פּאַריז". און אפשר בין איך נישט גע־רעכט. דער אַמעריקאַנער הומאָריסט האָט באַזוכט ניו־אָרלעאַנס צוריק מיט פינף און זעכציק יאָר. עס קען זיין, אַז אין יענע צייטן איז נאָך לויזיאַנאַ געווען עפּעס עכט־פראַנצויזיש, עפּעס קולטורעל־פּאַריזעריש, וואָס האָט אויף אים געמאַכט אַן איינדרוק. אַמאָליקע צייטן, שוין אונטער אַמעריקאַנער הערשאַפט, האָט ניו־אָרלעאַנס געהאַט אַ גוטן פראַנצויזישן טעאַטער און אַן עולם, וואָס כאָטש וועגן זיינע פּראָפעסיעס איז גלייכער נישט צו פרעגן קיין קשיות, האָט ער אָבער פאַרמאָגט זיינעם אַ באַזונדערן „גוסט" פאַר אַ טאַלענטירטן שוי־שפּילער און אַ טעמפּעראַמענטפולן זינגער. אין מאַרק טוועינס צייטן האָט נאָך לויזיאַנאַ שטאָלצירט מיט אַן אייגענער פראַנצויזישער ליטעראַטור, און אין ניו־אָרלעאַנס האָבן געלעבט פּאָעטן און נאָוועליסטן, וואָס האָבן געפונען דאַנק־באַרע לעזער אויך אין פראַנקרייך גופא. היינט אָבער מיינען נאָר טוריסטן פון נאָרד־דאַקאָטאַ, אַז ניו־אָרלעאַנס איז אויך פּאַריז, אָבער בלויז אין אַ קלענערן פאָרמאַט. פונעם פראַנצויזישן „אינוועסטמענט" אין לויזיאַנאַ איז שוין זייער ווייניק געבליבן לעבן — און ספּעציעל אין ניו־אָרלעאַנס, נאָך ווייניקער.

כ'מוז מיך מודה זיין, אַז אויך איך בין געפאָרן קיין לויזיאַנאַ מיט געוויסע דערוואַרטונגען: געפינען עפּעס אַ שטיקל המשך פונעם פראַנצויזישן „אַמאָל". לאַנגפעלאָוס וואַרעם־פאַרחלומטע פערזן וועגן דעם אורוואַלד, ווהין פראַנצוי־זישע קאָלאָניסטן זענען צוריק מיט עטלעכע דורות געקומען פון מרחקים אויפ־צובויען פאַר זיך אַ נייע היים, זענען אויפגעשוועמט אין זכרון. אָט גייען זיי, די פראַנצויזישע פּויערים און פּויערטעס, מיט די קלומיקעס אויף די אַקסלען, מיט קליינע קינדער אויף די אויסגעהאָרעוועטע און מיט מאַזאָליעס באַדעקטע הענט. ברוטאַל־פאַרטריבענע פון נאָוואָ סקאָשיאַ, פון דער אַמאָליקער „אַרקאַ־דיאַ" — מיט אַ ביטער געפיל קעגן די ענגלענדער, וואָס האָבן זיי אויסגעריסן מיט די יונגע וואָרצלען פונעם צפון־קאַנאַדער באָדן — גייען זיי אָבער אויך מיט אַ נייער, פרומער לעבנסלוסט; מיט האָפענונגען אויף אַ נייער היים און אויף אַ נייער צוקונפט. וואָס איז פון יענע קאָלאָניסטן געוואָרן? ווו זענען זייערע קינדס־קינדער און וואָס פאַר אַ פּנים האָבן זיי איצט? זיי האָבן געוווּסט, אַז זיי

גייען אין אַ מדבר, אין אַן „ארץ לא זרועה", ווייט פון די גרויסע ישובים וואָס האָבן שוין אין יענער צייט עקזיסטירט אויפן קאָנטינענט. אויפן וועג פון זייערע וואָגלענישן האָבן זיי געהערט וועגן מאַלאַריע, געלן פיבער און צענדליקער אַנדערע קראַנקייטן, וואָס דערוואַרטן זיי אין דער נייער געגנט. אָבער ערגעץ־וווהין דאַרף מען דאָך גיין און אַ גיי מקום־מנוחה מוז מען דאָך קריגן — זענען זיי געגאַנגען קיין לויזיאַנאַ מיט קוראַזש און אַנטשלאָסנקייט. צו זייער לאַטייניש טעמפּעראַמענט האָט אַפּעלירט די וואַרעמע זון פון דער דרום־געגנט און צו זייער פּאַטריאָטיזם — דער פאַקט, וואָס ווי ווילד דאָס לאַנד איז געווען, האָט עס דאָך געהערט צו פראַנקרייך. ווי נאָר מען וועט דאָרט אַרויפּצ:ען אַ פאָן, וועלן אירע קאָלירן זיין היימישע און אירע עמבלעמען וועלן „רעדן מאַמע־לשון". וואָס איז געוואָרן פון יענע פראַנצויזישע גלות־מענטשן און חלוצים, וואָס האָבן אויסגעהאַקט דעם אורוואַלד און האָבן יאָר־איין יאָר־אויס געאַקערט, געזייט, געפלאַנצט, געבויט און געכאַוועט? ס'אַ חרפה צו דערציילן: כ'האָב גע־מיינט, איך וועל דאָרט נאָך באַגעגענען עוואַנדזשעלין, דאָס פּאַרצייטיקע, פאַר־רעוואָלוציאָנערע פאַר־שטאָט־קאָקעטישע און פאַר־שטאָט־קאָקאָטישע פראַנ־צויזישע פּויערים־מיידל, מיט איר נאַ:ווען קאַטוילישן גלויבן און מיט די טויזנ־טער חנען פון יאָדערדיקער און דאָך צאַרטער און כישופדיקער דאָרפישקייט. ביי לאַנגפעלאָו, אויב איך דערמאָן זיך ריכטיק, שטאַרבט עוואַנדזשעלין, אין דעם מאָמענט פון איר טראַגיש־פאַרווירקלעכטער ליבע, מיט אַ פרומען שיר־השירים אויף די דאַנקבאַרע ליפּן, אין פילאַדעלפיע, אין אַ קוועיקער־שפּיטאָל, אַלס אַ באַרמהאַרציקע שוועסטער. אָבער — אַז זי איז געשטאָרבן — איז וואָס? קען זי היינט נישט לעבן? זענען דען קיין גילגולים נישטאָ? האָט זיך דען איר ליבע נישט געקענט אַריבערגיסן אין עמעצן אַנדערש, אין אַן אַנדער פּויערים־מיידל פון דער פראַנצויזישער גזע, ערגעץ־ווו אין די דערפער, וואָס האָבן פאַרטריבן אין לויזיאַנאַ די ווילדקייט פונעם אורוואַלד? איך ווייס, איך ווייס, אַז דאָס זענען יונגלערישע חלומות, נישט־אויסגעלעבטע פאַנטאַסטיק פון איי־נעם וואָס וויל זיך נישט זעגענען מיט קליינשטעטלדיקן לבנה־שיין. דאָס זע־נען סתם אַזוי־זיך דערוואַרטונגען פון אַ מענטש, וואָס ווי־פאַרנומען ער זאָל נישט זיין און מיט וויפל זאַכן ער זאָל נישט האָבן צו טאָן, בלייבט ער דאָך אין שורש־נשמה אַ פּוסטעפּאַסניק און אַ מה־יעשהניק. איך האָב צו זיך אַליין אַ שמייכל־געטאָן: אַלטער, פאַרעקשנטער און פּראָווינציעלער מעשה־ביכל־לייע־נער וואָס דו ביסט! און אין צפת, ווען דו ביסט געווען, האָסט באַגעגנט מקובלים, דעם אר"י הקודש תלמידים? און אין איטאַליע, אויף דיינע באַזוכן, האָסטו זיך אַנגעשטויסן אויף ראָמעאָ און דזשוליעט? און אַמאָל, אין רוסלאַנד, אַז דו האָסט שפּאַצירט אויף די לבנה־באַשיינטע שנייען אין דער דאָרף־פּראָווינץ פון יאַ־

ראַסלאַוול און האָט זיך דערמאָנט אין פּושקינען, אין אָניעגינען — האָסטו ווען עס איז באַגעגנט אַ גילגול פון טאַטיאַנאַ? דער נעכטיקער טאָג איז נעכטיק און דאָס נעכטיקע מיידל איז אפשר גאָר אייערנעכטיק, אָבער דאָך: דער אַלטער נאָר (ניין, דער יונגער, דער יונגלערישער נאָר וואָס וויל נישט באַיאָרט ווערן) טוט זיך זיינס. ער זוכט וואָס מען קען נישט געפינען אָדער אַן אבדה, וואָס אויב ער זאָל זיך גוט אַריינטראַכטן, האָט ער זי גאָר קיינמאָל נישט פאַרלוירן.

האָב איך עוואַנדזשעלינען אין ניו־אָרלעאַנס נישט באַגעגנט. אַ פּאָר שעה רייזע, ווייטער צו, אַרום ניי־איבעריאַ, אין מאַרטינוויל, האָט זיך אַן אַלטער פראַנצויז מיט מיר געוויצלט: „איר זעט? אָט־אָ־דאָ־דאָ איז עוואַנדזשעלינס קבר; דאָס הייסט, ווען זי וואָלט טאַקע געשטאָרבן אין לויזיאַנאַ און נישט אין פּענסילווייניע, וואָלט מען זי דאָ מקבר געווען... אָבער די טוריסטן־אַגענטורן דאַרפן האָבן וואָס צו ווייזן, טאָ לאָמיר זיי נישט שטערן אין זייערע געשעפטן. יעדע פּראָפעסיע האָט אַ רעכט אויף איר שכר, אויב עס זענען נאָך דאָ גענוג שוטים וואָס קריגן פון אים קעלבערנע התפעלות". ניין, קיין גילגול פון דער עוואַנדזשעלין האָב איך נישט געזען און איר קבר איז נאָך מער ספק פון דעם רמב"מס מצבה לעבן טבריה. פון דער גאַנצער אַמאַליקער פראַנצויזישקייט פון אַ גוטע פּאָר דורות פּיאָנערישע פּראַצע און עזות־פּנים קעגן דער נאַטור, איז געבליבן — ווי אַזוי האָט עס אחד־העם אַמאָל אָנגערופן? — אַ פּאָר פראַנצויזישע „נקודות" אין אַ לויזיאַנאַ־ים פון לאַטייניש־צוגעפּאַרבטער (אָדער לאַטייניש־באַפּלעקטער) אַמעריקאַנישקייט. אין די פּאָר דאָרפישע „נקודות" — אַ מין זכר לחורבן? — רעדט מען נאָך פראַנצויזיש. דאָס איז נישט מחמת פּרינציפּ און אַפילו נישט פון אַ באַדערפעניש זיך אַליין אַביסל צו צערטלען, נאָר צוליב אַלטער געוווינהייט, אינערציע, אפשר אויך פון פוילקייט און אומבאַוועגלעכקייט. מחמת אינערציע (און ווייל לויזיאַנאַ איז אַ „פרייע" מדינה און עס אַרט איר נישט שטאַרק דער נעגערשער ביטול־תורה), רעדן נאָך דאָרט פראַנצויזיש אַפילו די קאָלירטע לוין־אַרבעטער. פרעגט זיי נישט פאַרוואָס. „עבדים היינו לפראַנצויז בלויזיאַנאַ" — און דער דאָרטיקער לאַנד־קנעכט האָט איבערגענומען די שפּראַך פון זיין פראַנצויזישן „בועז". פרעגט אים נישט, פאַרוואָס ער איז אין יענעם ווינקל אַ קאַטאָליק. וואָס דען זאָל ער זיין? אין זיבעצנטן יאָרהונדערט האָט מען אים געבראַכט אַהין פון די קאָנגאָ־מדבריות. מ'האָט אים געהייסן גלייבן, אַז איין ווייסער מאַן, וואָס מוז שטענדיק וווינען אין איטאַליע, קען קיינמאָל קיין פעלער און קיין עוולה נישט באַגיין. אין זיינע הענט געפינען זיך עפּעס זייער וויכטיקע שליסלען, וואָס אַ ייִד פון ארץ־ישראל האָט אים איבערגעגעבן. יענע שליסלען האָבן עפּעס אַ שייכות צו אַן אַנדער

ייִד, אַ בלאָנדן און אַ טרויעריקן, וואָס האָט באַוויזן עפּעס אַ משונהדיקע גבורה פון זיך לאָזן פּייניקן און אויפהענגען. נו, גלייבט ער, דאָס שוואַרצע קינד פון מדבר; קריגט ער וויניק שכירות און אַ סך פאַראַכטונג — און גלייבט. זיינע אָבות האָבן עטלעכע נעכט באַווייַנט די „גייסטער" וואָס האָבן זיי באַגלייט פון אַפריקע אין זייער שקלאַפן־גלות און האָבן נאָכדעם, ווייזט אויס, געפּועלט ביי זיך, אַז — פאַרפאַלן: ס'איז אַ נייע ערד און איבער דער נייער ערד איז אויס־געשפּרייט אַ נייער הימל, און אין דעם הימל קענען זיך זייערע „גייסטער" נישט האַלטן...

אָבער ווי לאַנג וועט נאָך דאָס קליינע פראַנצויזישע אַגריקולטור־געטאָלע האָבן אַ קיום? איז דען דאָרט ביי וועמען פאַראַן אַ ווילן עס אָפּצוהיטן, פאַר־לענגערן די יאָרן? אויב מען וועט עפענען נאָך עטלעכע גרויסע פאַבריקן אין ניו־אָרלעאַנס, וועט ס'ביסל יוגנט פון די פראַנצויזישע דערפער נישט באַשטיין דעם נסיון און אַוועק אין שטאָט אַריין. נישט אויס נויט, חלילה, נאָר ווייל אין שטאָט איז דער דאָלאַר גרינגער, און אין אָוונט קען מען שפּאַצירן אויף דער ברייטער, גראַנגערדיק־אילומינירטער קאַנאַל־סטריט און כאַפּן אַ טענצל אין אַ ביליקן באַר, צו דער דזשעז־מוזיק פון אַ „רעזי־דעזי־ספּאַזם־בענד". קיין אי־דעאָלאָגיע, צוליב וועלכן עס זאָל זיך וועלן און לוינען בלייבן אין דאָרף איז נישט פאַראַן. איז עס כלל נישט אויסגעשלאָסן, אַז אין משך פון איין דור זאָל דער פראַנצויז נישט ווערן אויס ישובניק, און דערמיט שוין אַליין — אויס פראַנצויז. אַ סך פאַרמס פון אַמאָליקע יענקיס זענען אין ניו־ענגלאַנד איבער־געגאַנגען אין די הענט פון סלאַוון און איטאַליענער (די יענקיס האָבן געקראָגן לייכטערע פּרנסות אין די אינדוסטריעלע שטעט און שטעטלעך און אין דעם שטאַרק־אויסגעוואַקסענעם מלוכה־אַפּאַראַט), און מ'קען פאַרויסזען אויך אין לויזיאַנאַ אַז אין די פראַנצויזישע דערפער וועלן נאָך אין אונדזערע יאָרן בלייבן בלויז זייערע היינטיקע לוין־אַרבעטער, די נעגער. די פראַנצויזן וועלן, אין שטאָט, ביסלעכווייז פאַרגעסן זייער ביסל לשון, און פראַנצויזישע „קולטור" וועט דאָרט זיין רעפּרעזענטירט בלויז דורך... די נעגער. די געשיכטע האָט זיך אַזעלכע שפּאַסן: די איינציקע זעלבסטשטענדיקע רעפּובליק אין אַמעריקע, ווו פראַנצויזיש איז די אָפיציעלע שפּראַך, איז האַיטי — און איר באַפעלקערונג באַשטייט היינט בלויז פון נעגער, פון אַמאָליקע קנעכט וואָס זייערע מייסטערס האָבן אויף זיי אַרויפגעצוווּנגען זייער שפּראַך. איז פון די מייסטערס קיין שפּור נישט געבליבן, נאָר די אַמאָליקע קנעכט לעבן, קלייבן זיך לאַנג צו לעבן — און קיין אַנדער לשון ווי פראַנצויזיש וועלן זיי שוין נישט האָבן. אָבער ווען עס וועט מיט דער צייט ווערן אין לויזיאַנאַ שטרענגער דער שוץ־געזעץ, וועלן

אויך די פּאַרפראַנצויזעוועטע נעגער אויפגעבן זייערע האַרנס לשון און רעדן, ווי אַלע זייערע אַמעריקאַנער ראַסן־ברידער — „יונייטעד סטעיטס".

אמת, אין ניו־אָרלעאַנס גופא זענען נאָך איצטער פאַראַן מער פראַנצויזן, ווי אין אַלע לויזיאַנאַ־דערפער צוזאַמענגענומען. זיי זענען שוין אָבער אַ סך מער מנין איידער בנין. פון דער גאַנצער אַמאָליקער פּרעסע וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט איז געבליבן איין פראַנצויזישער זשורנאַל — „קוריער דע לאַ נוועל אָרלעאַנס" — וואָס גייט אַרויס צוויי מאָל אַ חודש מיט אַן ענגלישן תרגום; דער יינגערער דור פאַרשטייט שוין אַ סך בעסער דעם „תרגום" איידער דעם פראַנצויזישן „מקרא". פון דער אַמאָליקער פראַנצויזישער קולטור זענען געבליבן הויפּטזעכלעך... די קישקע־עלעמענטן: מאכלים און משקאות אַלאַ פּאַריז. דאָס „מאָנומענטאַלסטע", וואָס ס'איז דאָרט פאַרבליבן פון פראַנצויזישן „גייסט", איז דער באַרימטער אַנטואַן־רעסטאָראַן, די מעקאַ פון טוריסטישע זולל־וסובא־ביקעס, ווו עסן איז אַ קולט און טרינקען אַ מין ליטורגיע. קיין מוזיק שפּילט דאָרט קיינמאָל נישט, ווייל — ווי דער היינטיקער אייגנטימער שטעלט פעסט — „אַ גוטע סעודה איז אַליין אַ סימפאָניע און זייטיקע מוזיק וואָלט געווען אַ „דיסאָנאַנס" (אויב אונדז, ייִדן אין אַמעריקע, איז באַשערט זיך אַזוי אויס־צוקאָכן אין היגן שמעלץ־טאָפּ ווי אייניקע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן — וועלן געפילטע פיש, געהאַקטער הערינג און העלדזלעך איבערלעבן אונדזערע לשו־נות, אונדזערע שבתים און ימים־טובים). אמת, ס'זענען נאָך פאַראַן אין ניו־אָרלעאַנס — אַחוץ פראַנצויזישע רעסטאָראַנען, שענקען, קאַבאַרעטן און כל־ערליי אַנדערע זויף־און־טאַנץ שטיבלעך — אַ גרויסע צאָל פראַנצויזישע קונסט־קראָמען. טוריסטן פון דער ברייטער, פּראָווינציעלער אַמעריקע האַנדלען דאָרט אויך „מציאות", און עס וועלן נאָך אַוועקגיין גענוג יאָרן, ביז יענע קונים וועלן אַנטוויקלען אַ שטיקל געשמאַק און אַ שאַרף אויג פאַר דערקענען סטילן. היינט קען מען זיי נאָך פאַרקויפן אַן אַלט בעט, וואָס אַ מעקסיקאַנער שמוגלער האָט אַמאָל געניצט אויף זיינע מיסיסיפּי־באַזוכן, פאַר אַ טייל פון מאַרי אַנטואַנעטס בודואַר. ס'איז אָבער גענוג צו פאַרברענגען אַ טאָג אין דעם אַזוי־גערופענעם פראַנצויזישן קוואַרטאַל, כדי צו דערפילן, אַז זיין אַ פראַנצויז אין ניו־אָרלעאַנס איז גיכער אַ פּראָפעסיע איידער אַ נאַציאָנאַליטעט. אין יענעם קוואַרטאַל לעבן שוין היינט און האַנדלען נישט ווייניק „קאָלוואַריער פראַנצויזן": שפּאַניער, קובאַנער, מעקסיקאַנער און אויך אַנגלאָ־זאַקסן, וואָס ברעכן זיך די צונג צו רעדן ענגליש מיט גרייזן און מיט אַ פראַנצויזישן אַקצענט. וואָס טוט נישט אַמאָל אַ גוי צוליב פּרנסה? אָבער דער אַמעריקאַנער עולם וועט קליגער ווערן, קליגער און געניטער — און דאָס ביסל פּיקציע פון פראַנצויזישער קולטור וועט מוזן אונטערגיין. קיין השארת הנפש קען דאָרט, אין דער קאָסמאָפּאָליטיש־

לעוואַנטינישער אַטמאָספערע פון דעם ראַסן־און־שטייגער־מיש־מאַש, פאַר די פראַנצויזן נישט זיין; זייער איינציקע האָפענונג, האָב איך מורא, איז השארת ה׳מאָגן. אַנטואַן עקזיסטירט שוין הונדערט יאָר און עס זענען נאָך דאָ אין אַמעריקע געזונט גאַסטראָנאָמען, אַז דער באַרימטער רעסטאָראַן זאָל נאָך קענען פייערן זיין צוויי־הונדערט־יאָריקן יובילעום. דאָס אַלץ? ניין, אַ חוץ דעם וועלן נאָך בלייבן אין לויזיאַנאַ־ענגליש אַביסל פראַנצויזישע ווערטער, וואָס האָבן זיך שוין דאָרט איינגאַנצן איינגעבירגערט. אַ פּרוי וואָס וואַשט וועש וועט נאָך אויך אין דער צוקונפט הייסן „בלאַנשיסעז״. אַן אָוונט־אונטערהאַלט (וואָס ס׳הייסט ביי אונדז אַ „פּאַרטי״) וועט דאָרט נישט אויפהערן באַצייכנט צו ווערן אַלס „סואַרעי״. דער אַלטער סקווער וועט נישט אויפהערן צו שטאָלצירן מיט זיין אַלטן נאָמען „וויעקאַרע״ — און פולבלוטיקע אַנגלאָזאַקסן וועלן דאָרט נישט אַזוי גיך אויפגעבן דעם אויסדרוק „טו מעיק מענאַזש״ אַנשטאָט „טו קלין האַוז״.

טרויעריק? איך ווייס נישט. דאָס באַטראַכטן אַן אונטערגאַנג איז שטענדיק פאַר אַ זייטיקן מענטשן פאַרבונדן מיט אַ געוויסן מעלאַנכאָלישן געפיל; אָבער דער „אונטערגייער״ גופא, דוכט זיך מיר, איז אָפטמאָל ווייניקער מעלאַנכאָליש. איך האָב נישט געקראָגן דעם איינדרוק, אַז אין לויזיאַנאַ נעמען זיך די פראַנצויזן צום האַרצן זייער אונטערגאַנג. זיי וויסן זייער פאַרגאַנגענהייט. זיי געדענקען אַז „אַמאָל איז געווען אַ מלך״; און יענער פראַנצויזישער מלך האָט דעראָבערט לויזיאַנאַ און האָט געטרוימט וועגן הערשאַפט אין דער נייער וועלט. זיי זענען אַפילו שטאָלץ ווען מען דערמאָנט זיי, אַז קאַנאַדער פראַנצויזן — וואָס האָבן געוווּסט פון יענעם מלך און פון זיין טרוים, — זענען געווען די ערשטע אויפצובויען אַ ציוויליזירטן ישוב אין דעם פּרוקטבאַרן אָבער ווילדן לאַנד. פון דעם דאָזיקן „ראַסן־שטאָלץ״ קומט אָבער גאָר נישט אַרויס. מיט פּיאָנערן־שטאָלץ און מיט זכרונות אַליין קען מען נישט לעבן. אויף יעדן פראַנצויז זענען אין דער געגנט פאַראַן צען, צוועלף, אָדער פופצן נישט־פראַנצויזן. אין אויוון ברענט אַ שטענדיק פייער, דער קעסל אויפן אויוון הערט נישט אויף צו זידן און דאָס איבערקאָכן שטעלט זיך נישט אָפּ אויף אַ מינוט.

„אַמאָל איז געווען אַ מלך״ אין פראַנקרייך און עס זענען אַמאָל געווען פראַנצויזן אין נאָוואַ־סקאָשיאַ, וואָס ענגלענדער האָבן זיי פאַרטריבן אין גלות. און לויזיאַנאַ איז אַמאָל געווען דאָס „פאַרשפּראָכענע לאַנד״ פאַר יענע וואָגלער. נאָר קיין ממשות האָט עס שוין היינט נישט: מ׳קען זיך אָן דעם דערמאָנען, אָבער נאָך דער דערמאָנונג קומט אַ פלעשל קאָקאַ־קאָלאַ, דער טרינק־סימבאָל פון אָנקל סעם און — ווי כ׳האָב געלייענט אין ניו־אָרלעאַנס אויף גרויסע פּלאַקאַטן — „דער סימן פון אַמעריקאַניזאַציע״.

1940.

לעוו טראָצקי

א. צו זיין 60סטן געבורטסטאָג

לעוו טראָצקי איז די טעג געוואָרן אַ בן־ששים.

קיין עפנטלעכן יובילעאום וועט מען אים אין ערגעץ נישט פּראַווען אין סאָציאַליסטישן פאַטערלאַנד — וואָס ער האָט געהאָלפן אויפבויען מיט זיין ענערגיע און סטראַטעגיק אפשר מער ווי ווער עס איז פון די באָלשעוויסטישע קלאַסיקער — איז זיין נאָמען שוין לאַנג געוואָרן אַן אָפיציעל זידל־וואָרט. אין זיין מעקסיקאַנער גלות איז ער געצוווּנגען זיך צו האַלטן שטיל און צוריקגע־האַלטן, ווי אַ פּריוואַטע פּערזאָן, וואָס ווערט בלויז טאָלערירט. אַ מחנה סטאַ־ליניסטישע פּראָוואָקאַטאָרן, מיט געהאַלט און אָן געהאַלט, זענען שטענדיק גרייט אים אונטערצושטעלן אַ פיסל און שאַפן אַ פּאַסנדיקע געלעגנהייט פאַר זיין דעפּאָרטאַציע. אין פראַנקרייך — ווו דער פּויפּסט פונעם אַדרעסלאָזן פערטן אינטערנאַציאָנאַל, האָט, דוכט זיך, די גרעסטע צאָל נאָכפאָלגער — האָט די מלחמה פאַראַליזירט די מעגלעכקייט פאַר וועלכע נישט איז מאַניפעסטאַציעס, אַחוץ פּאַטריאָטישע. אין אַנדערע לענדער זענען דאָס ביסל לעגיטימיסטן — וואָס גלייבן באמונה שלימה אַז סטאַלין איז נישט מער ווי אַ „סאַמאָזוואַנעץ“ און אַז נאָך לענינען האָט אויפן טראָן געדאַרפט אַרויפגיין טראָצקי אַלס דער געזעצלעכער „פּרינץ אָוו וועילס“ פון דער רעוואָלוציע — זייער קליין אין צאָל און נאָך קלענער אין השפעה. זיין זעכציקסטן געבורטסטאָג האָט טראָצקי כּסתמא פאַרבראַכט אין איינזאַמקייט, אָדער אין קרייז פון די עטלעכע גע־שווירענע, וואָס רינגלען אים אַרום אין דער מעקסיקאַנער הויפּטשטאָט און פאַרנעמען זיך פּלייסיק מיט מאַרקסיסטישער אַסטראָלאָגיע — וואַרטנדיק אויפן „קץ“. טראָצקיס יובילעום איז, אַזוי אָדער אַנדערש, איינע פון די מעלאַנכאָ־לישסטע דאַטומס וואָס אַ מענטש אין אונדזער דור לעבט איבער. אַ מאַן, וואָס איז אַ צאָל יאָרן געשטאַנען ביים סאַמע רודער פון אַ ריזיקער מלוכה און פון אירע באַוואָפנטע כוחות, זיצט היינט „עק וועלט“, מיט געפּענטעטע הענט און פיס. וואָס קען זיין פּאַטעטישער? ווען עס וואָלטן איצט נישט געווען אויף דער וועלט אַזוי פיל מענטשלעכע באַשעפענישן — אַזעלכע וואָס איך קען און מיל־יאָנען מאָל מערער „נאָמענלאָזע“ — מיט וועלכע עס איז נישטאָ גענוג כוח מיטצולײַדן, וואָלט איך אפשר מסוגל געווען זיך אַריינצולעבן אויף אַ שעה צייט

אין טראָצקיס פּערזענלעכער טראַגעדיע (כאָטש איך ווייס, אַז ער האָט פּיינט דעם דאָזיקן אויסדרוק אַלס אַ „מיטאָלאָגישן" און, דער עיקר, אַ נישט־פּראָ־לעטאַרישן). אָבער אַזאַ ברייט האַרץ פאַרמאָג איך נישט און פאַר טראָצקין אין מעקסיקאָ־סיטי פיל איך איצט נישט מער סימפּאַטיע, ווי פאַר נאַפּאָלעאָנען אויפן אינדזל פון דער „הייליקער העלענאַ".

איך ווייס נישט און ס'איז אפשר נישט מיין עובדה צו וויסן, וואָס דער היסטאָריקער אין צוויי־און־צוואַנציקסטן יאָרהונדערט וועט זאָגן וועגן טראָצ־קין. איך בין אָבער זיינער אַ צייט־חבר און אין אַ געוויסן זינען זיינער אַ קרבן: ווען איך דערמאָן זיך, אַז שוין יאָרן און יאָרן קען איך נישט קומען קיין רוס־לאַנד און זען דאָרט לעבעדיק־געבליבענע נאָענטע מענטשן, און אַז יענע נאָענ־טע קענען נישט געפינען קיין וועג צו מיר — ווייס איך, אַז, לכל הפחות, איינער פון די הויפּט־שולדיקע איז טראָצקי. ווי קען איך פאַרמאָגן אַפילו אַן אחד משִשים פון יענער אָביעקטיוויטעט, וואָס דער קינפטיקער, אויף צוריק־קוקנ־דיקער, פון חשבונות־און ליידנשאַפטן־פרייער היסטאָריקער וועט אפשר אַמאָל אַרויסווייזן?

**
*

זאָל מיר דער נאָך נישט־געבוירענער היסטאָריקער מוחל זיין מיין קליינ־לעכקייט און „וווּלגאַריטעט". אָבער איינע פון די אַסאָציאַציעס, וואָס טראָצקיס נאָמען רופט אין מיר אַרויס איז גאָר... אַ גאַסטראָנאָמישע. אין 1920, געדענק איך, בין איך אַ פּאָר וואָכן געווען פאַרנומען מיט אַ שווערער אויפגאַבע. איך האָב געדאַרפט צוליב אַ פּערזענלעכן ענין צופאָרן אויף אַ פּאָר וואָכן פון קיִעוו קיין מאָסקווע. קריגן אַ דערלויבעניש אויף אַ פּריוואַטער רייזע איז דענסטמאָל געווען כמעט אַן אוממעגלעכקייט. אַחוץ דעם, ווען איך וואָלט די נייטיקע פּאַ־פּירן פון זיבן אָדער אַכט קאַנצעלאַריעס שוין יאָ געקראָגן, ווי קריגט מען אַ פּלאַץ (אַ פּשוטן, האַרטן זיצפּלאַץ אויף עטלעכע מעת־לעת) אין אַ וואַגאָן? האָבן זיך אויף מיר קאָמוניסטישע צער־בעלי־חיים'ניקעס מרחם געווען און מיך צוזאַמענגעפירט מיט טראָצקיס אַ סעקרעטאַר, וועלכער איז דענסטמאָל אַנגע־קומען אויף אַ באַזוך קיין קיִעוו אין זיין „אייגענעם וואַגאָן". יענער סעקרעטאַר האָט מסכים געווען מיך אַריינצונעמען אין „זיין" וואַגאָן — ווען ער וועט צו־ריקפאָרן קיין מאָסקווע — און מיר אַרויסגעגעבן אַ מין פּאַפּירל, וואָס האָט שוין אין זיך אויך כולל געווען אַ דערלויבעניש צו פאָרן. אין יענעם דאָקו־מענט, געדענק איך, איז געווען אַ שורה אין וועלכער עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַזאַ פּאַר יענע צייטן, אידעלע מאַטעריע, ווי אכילה: איך האָב אַ רעכט, האָב איך דאָרט איבערגעלייענט צו קריגן פון אַ געוויסער רעגירונגס־קראָם

פּראָדוקטן פאַר דריי טעג, וואָס איך וועל זיך געפינען אין וועג. ווען איך בין אָנגעקומען אין ביוראָ פון יענער קראָם, אין וועלכער פּשוטע סאָוועטישע בשר־ודמס האָבן גאָרנישט געקאָנט קריגן — ווייל אירע פּראָדוקטן זענען געווען „רעזערווירט״ פאַר יחידי סגולה — האָט מען מיר באַלד אַרויסגעגעבן אַן אַר־דער, פון וועלכן עס האָט מיר אָנגעהויבן שווינדלען אין קאָפּ: ווייס ברויט און פּוטער, און ביסקוויט, פונטן קעז און פונטן שינקע, טיי און צוקער וואָס וואָלטן געקאָנט קלעקן אויף גאַנצע וואָכן פאַר אַ פאַמיליע, ווורשט און גרייכערטע אַסטראַכאַנער וואָבלע־פיש — און דאָס אַלץ אין אַ צייט, ווען ניין־צענטל פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד האָט געהונגערט אין בוכשטעב־לעכן זינען פון וואָרט. איך האָב נאָכדעם אויסגעפונען, אַז נישט יעדער פּריווי־לעגירטער קען אַזוינס באַקומען; אַז צווישן די מיוחסים איז פאַראַן נאָך אַן ענגערער קרייז פון אַריסטאָקראַטן שבאַריסטאָקראַטן און אַז מיין ווייניקייט איז אין דעם פאַל בייגעשטאַנען טראָצקיס זכות. ווער עס פאָרט אין איינעם פון „טראָצקיס וואַגאָנען״ איז אַן אמתער קרוב למלכות — און פאַר אים האָט אויך דאָס דעמאָלטדיקע פון הונגער־געשוואָלענע, לייזיקע און קרוע־בלוטדיקע רוס־לאַנד געדאַרפט זיין אַן ארץ זבת חלב ודבש.

אין ליכט פון „פּלאַנעטאַרישע״ געשעענישן איז דאָס נאַטירלעך אַ קלייני־קייט, אַז אין אַן אָנשטענדיקער געזעלשאַפט וואָלט מען זיך גאָר געדאַרפט שעמען אַזעלכעס צו דערציילן (איז דאָס אַלץ, קען מען מיך פרעגן, וואָס דו האָסט צו דערציילן פון די יאָרן אין רוסישן בירגער־קריג?). אָבער יענע קליי־ניקייט זיצט פעסט אין מיין זכרון, ווייל אין יענע טעג האָט מיך אַ דאָקטער געוואָרנט, אַז אויב איך וועל נישט אַרויספירן קיין אויסלאַנד דעם נאָענטסטן מענטשן וואָס איך האָב ווען געהאַט — דאַרף איך זיך אין גיכן ריכטן אויף אַ לויה; איך קען נישט היילן, האָט ער געטענהט, קיין לונגען אָן קאַשע און אָן פּוטער. מיר איז שווער צו פאַרגעסן אַזאַ קלייניקייט, ווייל אין יענעם פעריאָד האָב איך געצווונגען אַ דאָקטער פון אַ מיליטערישן שפּיטאָל אַרויסצוגנבענען יעדע עטלעכע טעג אַ פּאָר טעלער זופּ, כדי צו דערהאַלטן ביים לעבן דאָס צען־חדשימדיקע מיידעלע פון מיינעם אַ פריינט — און אין די ווינטער־נעכט פלעגט מיר אויסקומען צו וואַרעמען די פון־קעלט־געשוואָלענע הענטעלעך פון יענעם קינד מיט דער פאַרע פון מיין הונגעריק מויל. עגאָצענטריש? זיכער! איך זוך קלייניקע פלעקן אויף דער זונס תפארת שבגבורה? אפשר. איך וואָלט זיך מסתמא אויך היינט נישט געוועזן דערמאָנט אָן אַזאַ פּיצינקן און אומוויכטיקן פּרט פון נוסח־טראָצקי, ווען עס קומט מיר גראָד נישט אונטער די הענט טראָצקיס מסכתא וועגן פּראָלעטאַרישער עטיק („זייער מאָראַל און אונדזערע״). אין יע־נעם דאָקומענט פון שאַרפזיניק־ציניש̇ן פּילפּול וואָרפט טראָצקי פאַר דעם באַ־

שיידענעם, האַלב־אַסקעטישן נאַרמאַן טאָמאַס, אַז הגם ער רעדט און שרייבט סאָציאַליסטיש, לעבט ער נאָך „אַלץ" ווי אַ מיטגליד פון זיין קלאַס, פון דער בורזשואַזיע.

כאָטש פון דער אַנדערער זייט: וואָס איז דאָ פאַראַן נתפעל צו ווערן? טראָצקי האָט זיך מיט רעכט קונה־שם געווען אַלס אַן ערשטקלאַסיקער פּאָלע־מיסט — און זאָלן מיר אַ פּאָר פּערזענלעכע גוטע פריינט מוחל זיין: אין יעדן פּעזיקן פּאָלעמיסט שטעקט באַהאַלטן אַ סאַדיסט. וועגן שוחטים, דוכט זיך, זאָגט מען ביי יידן, אַז פאַר זייער געבורט האָט מען גאָר אין די הימלען מכריז גע־ווען, אַז זיי זאָלן ווערן פעלד־גזלנים. נאָר דער זכות פון זייערע פרומע אָבות איז זיי בייגעשטאַנען און זייער גזלנות איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַזאַ פרו־מער פּרנסה, ווי שחיטה. אַפּטמאָל דוכט זיך מיר אַז שאַרפע, דערפינדערישע און בייסנדיקע פּאָלעמיק איז איינגעבוירענער סאַדיזם, וואָס האָט פאַר זיך גע־פונען אַ תיקון. טראָצקיס פּאָלעמיק־לאַבאָראַטאָריע איז יעדנפאַלס שוין לאַנג אַ מין סובלימירטע טשעקאַ. זאָל נאָר עמעצער באַגיין דעם קאָנטער־רעוואָלוציאָ־נערן חטא פון נישט מסכים זיין מיט אים — וועט טראָצקי לאַנג נישט וואַרטן מיט זיין אורטייל און מיט דער „הינריכטונג" פון זייער פּערזענלעכער רעפּו־טאַציע.

**
*

וואָס עס פאַרדריסט אַממערסטן איז דער פאַקט, וואָס אין געוויסע ליבע־ראַלע קרייזן האַלט זיך נאָך אַלץ אַ באַציִונג צו טראָצקין ווי צו אַן אומשולדיק־ליידנדיקן און — דער עיקר — ווי צו אַ דערוויל־באַזיגטן קעמפער פון אַלע יענע גרויסע ווערטן, וואָס סטאַלין טרעט אַזוי מנוולדיק מיט זיינע דעספּאָטישע פיס. אָבער אין לעצטן חשבון איז טראָצקי אַ גוטער סטאַליניסט און סטאַלין — גאָר נישט אַזאַ שלעכטער טראָצקיסט. די „אידעאָלאָגישע" דיפערענצן צווישן זיי זענען גאָרנישט אַזוי געוואַלדיק, ווי יעדער פון זיי האָט געזוכט איינצושמועסן דער וועלט. סטאַלין איז נישט פּילאַטוס און טראָצקי איז נישט קריסטוס. דער קאָנפליקט וואָס קומט פאָר צווישן זיי איז נישט קיין צוזאַמענ־שטויס צווישן אַ קין־נשמה און אַ הבל־נשמה, נאָר צווישן צוויי קינס, פאַר וועלכע די וועלט איז צו קליין, אַז זיי זאָלן זיך קענען מיט איר צעטיילן. טראָצקי האָט געהאַט גענוג יאָרן און געלעגנהייטן צו באַווייזן בפועל־ממש, ווי טייער עס זענען אים יענע ווערטן און פּרינציפּן, וואָס סטאַלין האָט באַשפּיגן. ער האָט באַוויזן, אַז ווען די מאַכט איבער רוסלאַנד איז אין אַזאַ גרויסער מאָס גע־לעגן אין זיינע הענט, האָט ער געהאַנדלט און געלאָזט אַנדערע האַנדלען... סטאַליניסטיש. אונטער דער לענין־טראָצקי־הערשאַפט (די גאָלדענע און די

צידקות־עפּאָכע אין דער געשיכטע פון באָלשעוויזם) האָט מען אויסגעשאָסן נישט ווייניקער מענטשן ווי אין אַלע סטאַלין־עקזעקוציעס, און נישט שטענדיק איז געווען קלאָר פאַרוואָס און צוליב וואָס. אויב עס זאָל זיין אמת, אַז, לכל הפחות, איינע פון די סיבות פאַר סטאַלינס קליניש־געוואָרענעם האַס קעגן טראָצקין איז — ווי אונדזערע קדמונים פלעגן זאָגן — די גרייטקייט פונעם עם־האָרץ צו צערייסן דעם תלמיד־חכם „ווי אַ פיש", געהערט טראָצקי צו יענעם טיפּ תלמידי־חכמים וואָס זענען נוקם ונוטר ערגער פון שלענג. די לעצטע יאָרן האָט זיך טראָצקי געפּרוּווט פאַרענטפערן, אַז כאָטש אין די יאָרן פון זיין הערשאַפט האָט ער אַרויסגעוויזן נישט ווייניק אכזריות (נישט סתם זינלאָזע און צוועקלאָזע רציחה, חס ושלום, נאָר צוועקמעסיקע און לויט זיין מיינונג, כשרע אכזריות פון אַ רעאַליסט און קאָנסעקווענט־דענקנדיקן רעוואָלוציאָנער), האָט ער אָבער קיינמאָל קיין בילבולים אויף זיינע קרבנות נישט אויסגעטראַכט. אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס סטאַלין האָט געטאָן און טוט מיט זיינע קרבנות, וואָלט דאָס נאַטירלעך אויך געווען אַ מדרגה — ווען דאָס וואָלט געווען אמת. אָבער טראָצקי האָט זיך זיינע אייגענע באַגריפן אי וועגן יושר און אי וועגן אמת, אויך וועגן היסטאָרישן אמת. די ליגנס מיט וועלכע לענין האָט זיך נישט איינמאָל באַנוצט אין זיין פּאָליטישער קאַריערע (און טראָצקי, אַזוי ווי סטאַלין, האַלט נאָך אַלץ פאַר סטראַטעגיש־נייטיק אָנצוצינדן אַ ליכטל אונטער לעבינס איקאָנע און מאַכן דערביי אַ פּרום פּנים), האָט ער אַ פּאָר מאָל אָנגערופן מיטן מילדן וואָרט „לייכטע איבערטרייבונגען". אַזעלכע „לייכטע איבערטרייבונגען" דערלויבט זיך אויך טראָצקי ווען עס האַנדלט זיך וועגן היסטאָרישע פאַקטן צו וועלכע ער האָט געהאַט אַ שייכות. די טויזנטער קראָנשטאַטער מאַטראָסן זענען אויסגעשאָסן געוואָרן אין 1921 מיט טראָצקיס וויסן און הסכמה — ער פּרובירט עס שוין אַפילו נישט אָפּצולייקענען — אָבער קיין בילבול, זאָגט ער, האָט מען אויף זיי נישט אויסגעטראַכט. קיין „פּרעים־אָפּ"־געריכט האָט מען איבער זיי נישט געמאַכט. ער טענהט נאָך ביז היינט, אַז דער בונט פון די קראָנשטאַטער איז געווען קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, בשעת עס איז נאָר געגאַנגען איבערצולייענען די אַזוי־גערופענע פּעטראָפּאַוולאָווסקער רעזאָלוציע, וואָס איז פון זיי אָנגענומען געוואָרן, כדי צו זען ווי דורך־און־דורך ליגנעריש און „פּרעים־אָפּ'יש" עס איז טראָצקיס באַהויפּטונג. אין די פופצן פונקטן, מיט וועלכע די ערלעכע קאָמוניסטן פון קראָנשטאַט זענען אַרויסגעקומען, געפינען מיר פאָדערונגען — וואָס די לענין־טראָצקי רעגירונג האָט דורכגעפירט אין לעבן עטלעכע וואָכן נאָכדעם ווי די „פאַרברעכער" זענען עקזעקוטירט געוואָרן — אָדער אַזעלכע פּראָטעסטן און אויסזעצונגען (קעגן דער ביוראָקראַטיזאַציע פונעם רעזשים, קעגן אָפּטויטן דעם דעמאָקראַטישן גייסט אין די סאָוועטן, אין

דער פּאַרטיי און אין דער אַרמיי), פון וועלכע טראָצקי גופא ציט שוין יאָרנלאַנג זיין פּאָליטישע חיונה. און דער ענין קראַנשטאַט איז דאָך נישט קיין איינצלנער: זאָל זיך טראָצקי דערמאָנען אין די פּראָצעסן פון סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן און טעכנישע עקספּערטן אין די צייטן, ווען ער האָט נאָך אויסגעאיבט אַ געוויסן קאָנטראָל איבער די אָנגעלעגנהייטן פון סאָוועט־רוסלאַנד.

טראָצקי איז דער לעצטער, וואָס האָט אַ רעכט אַרויסצוקומען מיט טענות קעגן סטאַלינס יוסטיץ. סטאַלין פּראַקטיצירט טראָצקיס יוסטיץ. טראָצקי האָט געהאַנדלט לויט לענינס רעצעפּטן פון יושר — און לענין איז געווען אַ געטרייער תלמיד פונעם אבי־אבות הטומאה פון דער רוסישער ניהיליסטישער רעוואָלוציאָנערישקייט, פון ניעטשאַיעוו, וועלכער האָט זיך אומשטערבלעך געמאַכט מיט זיין פאָרמולע: „עטיש פאַר אַ רעוואָלוציאָנער איז אַלץ וואָס העלפט דעם טריומף פון דער רעוואָלוציע; אומעטיש און פאַרברעכעריש איז אַלץ וואָס שטערט איר". און ווער איז עס דער פּוסק־אחרון וועגן דעם, וואָס עס העלפט אין וואָס עס שטערט דעם טריומף פון דער רעוואָלוציע? דער, וועמען עס איז געלונגען אַריינצוכאַפּן אין די הענט דעם רעוואָלוציאָנערן קאַנטשיק. היינט איז ער ביי סטאַלינען. ער איז אַמאָל טיילווייז געווען אין טראָצקיס הענט און מיליאָנען מענטשן דאַרפן געדענקען די מלקות וואָס זיי האָבן פון אים געקראָגן און די מלקות, פון וועלכע זייערע מיטמענטשן זענען אומגעקומען.

אין תוך זענען זיי ביידע „יאַגאָדעס פון איין פעלד". היינט באַטראַכט סטאַלין טראָצקין פאַר זיין בעל־חוב: ער איז אים שולדיק אַזאַ קלייניקייט ווי דעם קאָפּ. באַצאָלט אים טראָצקי מיט זיין ווונטש־טרוים: טאָמער וועט איינער פון אונדז בלייבן אָן אַ קאָפּ אָדער סתם אָפּגעראַמט ווערן פונעם וועג, פאַר איך צוריק קיין מאָסקווע... עס האָט געקאָנט זיין דער היפוך, אָדער, אין תוך, דאָס זעלבע: סטאַלין ערגעץ־ווו אין אַ לאָך — און טראָצקי אין קרעמל. די גורלות פון רוסלאַנד און פון דער וועלט בכלל וואָלטן דערפון ווייניק געענדערט געוואָרן. אַן עקספּאַנסיע פון באָלשעוויסטישן אימפּעריאַליזם איבער נייע לענדער אין נייע פעלקער? ביז אַהער איז עס אויך פאַר טראָצקין סיי־ווי־סיי געווען אַבּיעקטיוו אוממעגלעך. אויב עס זאָל איצט ווערן מעגלעך, צוליב דער נייער מלחמה, וועט זיך סטאַלין אויך נישט פוילן און נישט „פאַרגעניצן" קיין געלעגנהייטן. סטאַלין האָט שוין נישט איינמאָל באַוויזן, אַז ער קען אויך זיין „אַ טראָצקיסט"...

***

די ליידן פון די לעצטע יאָרן האָבן טראָצקין נישט געלייטערט, אַפילו נישט אַרויסגערופן אין אים קיין הרהורי־תשובה. ער איז נאָך אַלץ, ווי פריער,

פאַרגלייבט אין זיך און פאַרליבט אין זיך. יעדנפאַלס וויל ער אונדז איינרעדן, אַז ער האָט אין דער פאַרגאַנגענהייט נישט געמאַכט קיין טעותן (אפשר בלויז אַ פּאָר סטראַטעגיש־טעותדיקע שריט) און נישט באַגאַנגען קיין זינד. ווען איי־נער ווייזט אים אָן אויף זיינע הענט, אַז זיי זענען איינגעטונקען אין בלוט, וועט ער זיך חוצפּהדיק אויסלאַכן פון יענעמס בורזשואַזער צביעות־מאָראַל. ער וועט אייך דיאַלעקטיש אויספּילפּולן אַז די הענט זענען גאָר הייליק געטובלט אין בלוט, און אַז טשעקאַ, פאַר וועלכער ער איז אינטעלעקטועל און פּאָליטיש פאַר־אַנטוואָרטלעך, איז גאָר אַ רעוואָלוציאָנערער בית־דין־צדק, אויב זי געפינט זיך נאָר אין די רעכטע הענט — נישט אין די טומאה־הענט פון אַ סטאַלין, זיין לעצטע אָפּהאַנדלונג וועגן רעוואָלוציאָנערער מאָראַל, וואָס איז אַ מוסטער פון וואולגאַריטעט און הפקרות, האָט ער געווידמעט דעם אָנדענקען פון זיין זון, וועלכער האָט אויך פיינט געהאַט פּרושים". מילא, וואָס טראָצקי ווייסט וועגן פּרושים! ער האָט זיך קיינמאָל נישט גענומען די טירחה אויסצוגעפינען אויף אַן אמתן, ווער זיי זענען געווען. אָבער וואָס אים פעלט איז גראָד עטוואָס פונעם פּרושים־גייסט, עטוואָס פון זייער געפיל פאַר טומאה און טהרה, פאַר זאַכן וואָס זענען אָסור אונטער אַלע אומשטענדן, פאַר מוקצה אַפילו אין האַנדלונגען לשם שמים.

אָבער אויב ער האָט אַזאַ געפיל נישט געקראָגן אין די זעכציק יאָר פון זיין לעבן — און באַזונדערס אין די לעצטע יאָרן וואָס זענען פאַר אים געווען אָנגעזאַפּט מיט אַזוי פיל עינויים און פאַרפאָלגונגען — וועט ער שוין קיין רע־וויזיע פון זיינע „אמתן" נישט מאַכן. ביז זיין לעצטן טאָג וועט ער נישט אויפ־געבן זיין פּאָזע פונעם רעוואָלוציאָנערן מורה־הוראה. פּונקט ווי ער איז, ווייזט אויס, נישט פּעיִק אויף קיין פּערזענלעכער פריינטשאַפט (אַזאַ אַטעסטאַט האָט אים לעצטן זומער אַרויסגעגעבן דיעגאָ דע ריוועראַ, אַ מענטש וואָס ס'איז גאָר־נישט אָפּצושאַצן וואָס ער האָט פאַר אים געטאָן), אַזוי איז ער נישט פּעיִק אויף דער טרייסטנדיקער מעלאַנכאָליע פון איינזאַמקייט; אויף דין־וחשבון מיט זיך אַליין. די וועלט איז אַ גאַליאָרקע און זי דערפילט איצט נישט איר אויפגאַבע. זי פּאַטשט נישט בראַוואָ און שרייט נישט היסטעריש „הוראַ, טראָצקי". וואָרט ער נאָך אַלץ אויף זיינע מיליאָנען חסידים, קוקט ער זיך אויס די אויגן אין אַלע עקן פון דער וועלט: וועלן זיי אַמאָל קומען, נאָכאַמאָל קומען? און איז דער נייער פּיעדעסטאַל שוין פאַרטיק?

**
*

צו אַ געבורטסטאָג איז אָנגענומען צוצווינטשן דעם געפייערטן, אַז עס זאָל מקוים ווערן אַלץ וואָס ער ווינטשט זיך אַליין.

אַזאַ ברכה קען איך טראָצקין נישט שיקן. אַזאַ ברכה וואָלט געווען אַ קללה פאַר אַ סך, פאַר צופיל מענטשן.

דאָס איינציקע, וואָס איך קען אים יאָ ווינטשן, איז — אַ פּאַסיווע הנאה. זאָל ער לאַנג לעבן (און אפשר שרייבן אינטערעסאַנטע מעמואַרן, אַפילו מיט „לייכטע איבערטרייבונגען"). זאָל ער זיין געזונט, נישט שטיין יעדן טאָג פאַר דער געפאַר פון דעפּאָרטאַציע; זאָל ער זיין, אויב ער וויל, אַפילו רייך, און וווינען אין אַ פיינער ווילע, קענען זיצן דאָרט פון אינדערפרי ביזן אָוונט אויפן גאַניק און זיך לאָזן וווילגיין וויפל זיין האַרץ גלוסט: קוקן אויפן זון־באַלויכטע־נעם, בלויען הימל און פיינט האָבן סטאַלינען.

.1939

ב. טראָצקים טויט

איז שוין טראָצקי אויך „ליקווידירט" געוואָרן. אָן אַן אָפיציעלן גע־ריכט, אָן דעם פּראָקוראָרס אַ סאַדיסטישער רעדע, אָן דעם שוין־קלאַסיש־גע־וואָרענעם „ווידוי" פונעם אָנגעקלאָגטן. „ליקווידירט" געוואָרן אין דער פרעמד, טויזנטער מיילן ווייט פונעם קרעמל, דורך אַ באַשעפעניש וואָס האָט אויסגע־בירט סטאַלינס באַפעל אונטער דער מאַסקע פון טראָצקיס אַ פריינט, תלמיד און ליבהאָבער. ווער איז נאָך געבליבן לעבעדיק פון דער אָריגינעלער באָלשע־וויסטן־גרופּע, וואָס האָט אָרגאַניזירט און אָנגעפירט מיטן אָקטאָבער־אויפ־שטאַנד? דוכט זיך, קיינער נישט, אַ חוץ סטאַלינען. ווער פון זיי עס האָט זיך באַצייטנס נישט צוגעאיילט צו שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, איז דערמאָר־דעט געוואָרן פון סטאַלינען — נוצנדיק פּראָקוראָר ווישינסקיס אויסדרוק — ווי אַ „משוגענער הונט".

עס איז נאָיוו צו פרעגן, צוליב וואָס האָט סטאַלין אין איצטיקן מאָמענט געדאַרפט האָבן טראָצקיס טויט. שוין יאָרן און יאָרן איז נישט געווען קיין איין און איינציקער מאָמענט, ווען סטאַלין האָט זיין טויט נישט געדאַרפט האָבן. עס איז נאַריש צו דענקען, אַז ווען איין מענטש וויל באַזייטיקן פון דער ערדס אויבערפלאַך אַ צווייטן מענטשן, מוז הינטער דעם שטיין דווקא אַ קלאָרער, פּראַקטישער מאָטיוו. דער ערשטער מענטשן־מאָרד אין אונדזער מיטאָס איז ראַציאָנאַל נישט באַגרינדעט. קין און הבל זענען, אין „מאַטעריעלן" זינען, קיין קאָנקורענטן נישט געווען. די וועלט איז געווען גענוג גרויס פאַר זיי ביידע און יעדער פון זיי האָט געקראָגן זיין ממשלה אין אַן אַנדער ספערע. טראָצקי איז נישט געווען קיין הבל און פאַר סטאַלינען איז אפשר דער קין־נאָמען צופיל קאָמפּלימענט (מען זעט ביי אים נישט יענע סימנים פון שולד־געפיל, וועלכער

האָט קינען געמאַטערט, אויב מיר זאָלן גלייבן דער לעגענדע). אָבער לעבן צו־זאַמען אויף איין פּלאַנעט איז שוין לאַנג געוואָרן פאַר זיי אַן אומעגלעכקייט; פאַר צוויי אַזעלכע עקסטרעמע עגאָצענטריקער וואָלט אַפילו אַ גרעסערער פּלאַ־נעט געווען צו קליין, אַז זיי זאָלן זיך קענען צעטיילן מיט... נישט בלויז מיט כתם־ממשלה, נאָר מיט אַני־ואפסי־עוד־דינאַמיק, וועלכע האָט זיי ביידע אַזוי שטאַרק באַגייסטיקט.

אַנגענומען, אַז פּאָליטיש איז שוין טראָצקי געווען אין אַלע פּרטים אַ „לע־בעדיקער בר־מינן" און קאָנקרעט האָט ער שוין סטאַלינס שטעלונג און אַמ־ביציעס נישט געקאָנט שעדיקן. פאַר סטאַלינען איז אָבער די אַלע יאָרן געווען וויכטיק נישט נאָר דער שאָדן וואָס טראָצקי וואָלט אים און זיינע פּלענער גע־קאָנט ברענגען, נאָר די עצם־עקזיסטענץ פון אַ מענטש, וועמענס טייוולאָנישער האָס צו אים איז געווען אַזוי גוט באַקאַנט — ווייל יענער האָס איז געווען אַזאַ טרייע קאָפּיע פון דעם, וואָס סטאַלין האָט געפילט צו אים. ביידע, סיי סטאַ־לין און סיי טראָצקי, זענען לויט זייער שורש־נשמה תוכחה־מענטשן — און זייער קעגנזייטיקע שנאה־קנאה וועט אַמאָל דינען פאַר אַ געניאַלן קינסטלער אַלס שטאָף אפשר פאַר דעם גיהנומדיקסטן רשעות־ראָמאַן פון דער וועלט־ליטעראַטור.

דער אומגליק פאַר די דאָזיקע צוויי געניאַלע האַסער איז געווען דאָס, וואָס זיי זענען ביידע נישט קיין קאָנטעמפּלאַטיווע, נאָר באַוועגונג־און־אַקט־נאַטורן. זיי זענען נישט געגליכן צו יענעם אַנעקדאָטישן פּאַסיוון האַסער, וואָס האָט געהאָט נאָר איין בקשה צום רבונו־של־עולם — ער זאָל אים מאַכן פאַר אַ מיליאָנער, כדי ער זאָל זיך קענען קויפן אַ ווילע אין אַ רויִקן פּלאַץ, אין אַן אידילישער לאַנדשאַפט, און זיצן דאָרט טאָג איין, טאָג אויס אויף דער אין בלומען־איינגעטונקענער וועראַנדע און פיינט האָבן זיין שונא. פאַר אַזאַ שנאה זענען זיי ביידע נישט גענוג אינטראָווערטן, נישט גענוג כלפּי־פּנים־מענטשן, כדי זיך צו זעטיקן, האָבן זיי ביידע געדאַרפט האָבן, ווי צוריק מיט טויזנט יאָר אין דעם פעטשענעגע־סטעפּ, איינער דעם צווייטנס אָפּגעהאַקטן קאָפּ, אים טראָגן מיט ווילדע יובל־געשרייען אין דער הייך בפני כל עם ועדה, אפשר נאָכדעם נאָך מאַכן פונעם שיידל אַ בעכער — און טרינקען פון אים לחיים מיט די „איבער־געגעבענע און געטרייע". אַ פּאָליטיש־אומעכטיקער אָדער הילפלאָזער טראָצקי איז פאַר סטאַלינען אויך געווען אַ געפאַר: זיין עצם עקזיסטירן, אָטעמען, דענ־קען, געדענקען, האַסן, דערמאָנען; זיין צופיל וויסן און „סימפּאַטעטיש" פאַר־שטיין וועד און וואָס סטאַלין איז; דער פאַקט אַז ערגעץ־ווו אויף דער וועלט איז פאַראַן אַזאַ אומפעלבאַרער, שאַרף־אַנאַליזירנדיקער און שניידנדיקער בוחן־לבבות — וועמען עס איז קלאָר יעדעס רציחה־און־שקר־וכזב־ווינקעלע אין

זיין נשמה — איז פאַר סטאַלינען געווען די גרעסטע פּיין פון זיין לעבן, דער שטענדיקער רו־שטערער, דער פּערמאַנענטער שלאָף־רויבער.

דערצו האָט נאָך סטאַלין די אַלע יאָרן גוט געוווּסט מיט דער זיכערקייט פון אַ חיהשן אינסטינקט, וואָס טראָצקי וואָלט מיט אים געטאָן, ווען ער וואָלט געווען אויף זיין פּלאַץ דער זכה־בגורל; ווען ער וואָלט אַריינגעקראָגן אין זיינע הענט לעניגס ירושה און דעם מעכטיקן, פּאַרצווייגטן, דעם אַל־קעגנוועררטיקן אַפּאַראַט. בזה האופן קען סטאַלין מיט אַ גאַר־גאַר גרויסער מאָס פון אינעווייניקסטער איבערצייגונג „רעכטפערטיקן" זיין האַנדלונג: „איך האָב מיט טראָצקין געטאָן דאָס, וואָס ער וואָלט מיט מיר געטאָן, ווען ער זיצט אויפן פערד; דאָס וואָס ער האָט אין זיינע נקמה־טרוימען געזוכט מיט מיר צו טאָן; דאָס וואָס ער האָט טאַקע אַ פּאָר מאָל בפּועל־ממש אונטערגענומען צו טאָן, ווען ער האָט געשיקט מענטשן פון זיין קאָנסטאַנטינאָפּאָלער גלות קיין מאָסקווע מיט דער שליחות מיך אָפּצוראַמען פון וועג".

אָבער אַלץ איינס: פאַר זיך אַליין, פאַר זיין אייגענעם געוויסן — אין דער מאָס, אין וועלכער ער פאַרמאָגט אפשר אַ פּיצעלקע כזיתל פון דעם דאָזיקן אָפּטמאָל אַזוי „אומבאַקוועמען שטאָף" דאַרף סטאַלין קיין רעכטפערטיקונג נישט זוכן. ווי האָט ער עס אַליין אַמאָל געזאָגט „כטוב לב הדיקטאַטאָר ביין", ווען זיצנדיק צו־גאַסט ביי גאָרקין, האָט זיין צונג פראַנק־און־פריי אַרויסגעבראַכט עפּעס פון זיין לונג? „מיין גרעסטער פאַרגעניגן איז צו האָבן אַ שונא, אַ שטאַרקן, אַ כיטרען, אַ געפערלעכן, קאַלטבלוטיק־האַסנדיקן — און וואַרטן אויף מיין שעת־הכושר; לאַנגזאַם און פּאַרזיכטיק צוגרייטן זיין אומקום און נאָכדעם — ווען ער איז שוין אָפּגעראַמט פון וועג — אויסטרינקען אַ פלעשל וויין, זיך אַריינלייגן אין בעט און זיך גוט־גוט אויסשלאָפן". קיינמאָל, דאַרף מען דענקען, איז דאָס פלעשל וויין נישט געווען אַזוי געשמאַק און קיינמאָל איז זיין אויסשלאָפן זיך נישט געווען אַזוי אַפּעטיטלעך, ווי יענע נאַכט ווען ס'איז אָנגעקומען קיין מאָסקווע די מחיה־נפשותדיקע טעלעגראַמע פון מעקסיקאָ־סיטי. נישטאָ אויף דער וועלט, טראַכט זיך איצטער סטאַלין, יענע מרחקים, ווו מ'קען זיך אויסבאַהאַלטן פון זיין גרימצאָרן. אומעטום קען ער האָבן זיינע תליגים און די גילאָטינע קען געבראַכט ווערן, ווען מען דאַרף, אין דעם שונאס שלאָפצימער.

אָבער פון דער אַנדערער זייט, ווער קען עס פעסטשטעלן, אַז סטאַלין האָט שוין לעצטנס לחלוטין נישט געהאַט קיין ראַציאָנאַלן יסוד מורא צו האָבן פאַר טראָצקין? עס איז נישט אמת, ווי אייניקע ווילן עס איצט שילדערן, אַז טראָצקי איז שוין לעצטנס געווען אַ מידער, אַנטוישטער צעבראָכענער און איינזאַמער אָרעמאַן; אַ מאַן אָן נאָכפאָלגער, וואָס האָט שוין סיי־ווי־סיי סטאַ־

לינען און דער איצט־הערשנדיקער סאָוועטישער קליקע קיין שאָדן נישט גע־קאָנט ברענגען.

טראָצקי איז, אמת, געווען פּיזיש קראַנק, ערנסט קראַנק (נישט פון נעכטן אָן) — און מ׳האָט נישט געדאַרפט זיין קיין גרויסער בעל־חשבון, כדי איבער־צוציילן די צאָל פון זיינע חסידים. זיין וויטאַליטעט איז אָבער געווען אַן אויסערגעוויינטלעכע. זייענדיק קראַנק ווי ער איז געווען, האָט ער נישט אויפגעגעבן אויף קיין איין־און־איינציקער מינוט זיינע אַנטי־סטאַלין־פּלענער, זיינע מאַכט־גלוסטעכישן און אַמביציעס. נישט איינמאָל האָט ער זיך געקוויקט אין דער אָפּגעשלאָסנקייט פון זיין מעקסיקאַנער ווילע מיט דער וויזיע פון אַ מאָרגנדיקן טאָג, ווען אַ נייע וועלט־אויפטרייסלונג וועט אים אויפהייבן אויף צעבושעוועטע כוואַליעס צו דער מדרגה, וואָס עס „קומט אים". נישט שטענדיק האָט טראָצקין פּאַר זיינע פּלענער געפעלט אויך געלט (זיינע אָנהענגער זענען איצט נישט מחויב צו דערציילן פון וועלכע מקורות דאָס געלט איז געקומען).

זאָל קיינער אַפילו נישט זוכן אַרויסצורופן סימפּאַטיע פאַר זיין עמיגראַנ־טישער דאָליע: נאָך אַלע זיינע עינויים, וואָגלענישן און היימלאָזיקייטן, איז טראָצקי נאָך אַלץ געווען אַ פּריווילעגירטער „גלות־אַפּריכטער" אין פאַרגלייך מיט יענע הונדערטער טויזנטער רוסישע פּאָליטישע עמיגראַנטן, וועמען זייך ר׳עוואָלוציאָנערער גרימצאָרן האָט צעזייט, נאָקעטע, באָרוועסע, קראַנקע, אָן אַ גראָשן „למזון סעודה אחת", איבער אַלע שבעה ימים.

סטאַלין האָט געוווסט, אַז טראָצקי באַטראַכט זיך נאָך אַלץ ווי אַן ערשט־קלאַסיקער, אומאיבערטראָפענער פּאָלעמיסט און קינסטלער פון סאַרקאַזם; אַז צענדליקער גרויסער צייטונגען אין פאַרשיידענע לענדער זענען נאָך אַלץ גרייט פון צייט צו צייט צו צירקולירן טראָצקיס אַרטיקלען, אינטערוויוס, מיינונגען, „נבואות".

אַלץ איינס צי מען גלייבט אים אָדער נישט — אַז טראָצקי האָט געוואָלט ערשט צוריק מיט אַ פּאָר וואָכן אַרויסקומען מיט אַ סענסאַציאָנעלער „אויפ־דעקונג", אַז לעניין איז נישט געשטאָרבן קיין מיתה בידי שמים, נאָר סטאַלין האָט אים פאַרסמט — האָט דאָס שטיקל נייעס באַלד דערגרייכט צענדליקער מיליאָנען מענטשן.*

---

* אגב, טראָצקי האָט נישט געהאַלטן פאַר נייטיק צו דערקלערן דער עפנטלעכקייט, פאַר־וואָס ער האָט וועגן אַזאַ פאַרברעכן, פון וועלכן ער זאָל האָבן געוווסט אַלע יאָרן, די גאַנצע צייט געשוויגן. פאַרוואָס ער האָט אַזאַ פּיקאַנט צוקער־לעקעכל געהאַלטן בסוד אין קעשענע פון 1924 ביז 1940? איצטער האָט אים סטאַלין אָפּגעטאָן אויף סטאַליניש: זאָל ער נאָר וועלן — און דאָס קען זיך אים נאָך פאַרגלוסטן — וועלן זיך אין רוסלאַנד געפינען הונדערטער עדות וואָס וועלן באַווייזן מיט „דאָקומענטן" אין דער האַנט, אַז ס׳איז טאַקע אמת, אַז לעניין

עס איז כלל נישט אויסגעשלאָסן, אַז טראָצקי האָט נאָך אָנגעהאַלטן ביזן סוף פון זיין לעבן יענעם ספּעציעלן „קוריערן־דיגנסט״ מיט רוסלאַנד, וועלכער האָט אָפּערירט מיט אַזוי־ווייניק דערפאָלג אין די יאָרן פון זיין טערקיי־גלות. סטאַלין האָט נאָך אַלץ געהאַט זיין גוטן יסוד צו באַטראַכטן טראָצקין אַלס זיינעם אַן אַקטיוון, רירעוודיקן, שטענדיק אימיגרירנדיקן און שטענדיק קאָנספּירירנ־דיקן שונא. ער האָט זיך זיכער געטראַכט: „עס איז נישט וויכטיק, וואָס דער פּערטער אינטערנאַציאָנאַל האָט נישט קיין אָפיציעלן און פּערמאַנענטן אַדרעס; עס איז נישט וויכטיק, וואָס אַרום טראָצקין גרופּירט זיך איצטער בלויז אַ הייי־פּעלע מענטשן. די אָריגינעלע באָלשעוויסטישע גרופּע, פאַר 1917, איז געווען נאָך קלענער. אָבער יענע גרופּע האָט געוווסט וואָס צו טאָן מיט אַ גינסטיקער סיטואַציע. די איצטיקע, מיט געפאַרן און סיורפּריזן אָנגעלאָדענע וועלט־סי־טואַציע, איז אַזעלכע, אַז — ווער ווייסט? — אויך דאָס טראָצקי־הייפּעלע, אויב מ׳זאָל עס באַצייטנס נישט קעפּן, קען נאָך קומען צום וואָרט און צו טאַט, ווי די באָלשעוויסטישע „מתי מעט״ זענען עס געקומען אין זומער און אין האַרבסט פון 1917״. די פּראַצעסן און די סדרה עקזעקוציעס פון די לעצטע יאָרן האָבן אָנגעוואָרפן אַ מיסטישע אימה אויף מיליאָנען פון דער סאָוועטישער באַפעלקע־רונג; זיי האָבן אָבער אין דערזעלבער צייט געמאַכט טראָצקין אומגעהייער פּאָ־פּולער אין לאַנד — פּאָפּולער, רייצנדיק, אינטריגירנדיק. טראָצקי איז גע־וואָרן אין רוסלאַנד אַ לעגענדאַרע פיגור, די פאַרקערפּערונג פון שנאה צו די רעגירער, ווען מ׳מוז אַרויסווייזן לאָיאַליטעט און ליבע, דער סימבאָל פון פאַרשווערונג און פון נקמה. אַזאַ לעגענדע אָדער סימבאָל מוז באַזייטיקט ווערן! זי איז געפערלעך, ווייל דיזעלבע מאַסן — וואָס מ׳קען אַזוי לייכט אַרויספירן אין די גאַסן, מאַכן מאַרשירן אין פּראָצעסיעס און אויסשרייען קעגן טראָצקין מיתה־משונה־לאָזונגען — קענען, אין אַן אַנדער סיטואַציע, אין שעהן פון רע־וואָלוציאָנערער געטשקע־בין־השמשות, זיך אָנכאַפּן מיט הענט און פיס גראָד אין דעם ערשט־נעכטן־געהאַסטן און טעמפּעראַמענטפול־געשאָלטענעם טראָצ־קין — און אים פירן איבער די גאַסן מיט עגל־הזהב־התלהבות: „אלה אלהיך, כאָוועטן־לאַנד״. מען דאַרף דערצו נישט פאַרגעסן, אַז אינדיווידועלער טעראָר

איז פאַרסמט געוואָרן, נאָר דעם גיפט־בעכער האָט אים צוגעטראָגן טראָצקי, וועלכער האָט שפּעטער געזוכט אַרויסצוואַרפן די שולד פאַר זיין פאַרברעכן אויף סטאַלינען, ווען ער האָט זיך דערוווסט, אַז מ׳האָט אויסגעפונען „דעם אמת״. אין מוזעום פון קאָנטררעוואָלוציע קען נאָך אַמאָל אַוועקגעשטעלט ווערן די כלי, פון וועלכער טראָצקי האָט איינגעגעבן לעניגען דעם סם־המות, און קיינער אין רוסלאַנד וועט נישט וואַגן צו פרעגן, צי יענע כלי איז מער „אויי־טענטיש״, ווי דער חפץ וואָס אַ לץ האָט אַמאָל אַרויסגעשטעלט אין אַ פּראָווינציזשן מוזעום אַלס „דער שטעקן, מיט וועלכן בלעם האָט באַשטראָפט זיין אייזל״.

איז לעצטנס ביי טראָצקין שוין נישט געווען אַזאַ אָפּגעפרעגטע זאַך ווי אַמאָל; אַז זיין וויכטיקע דערוואַרטונג אויף דער צוקונפט איז געווען אַ באַוואָפנטער אויפשטאַנד קעגן „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט” פון דער סטאַלין־ממשלה. ערשט פאַראַיאָרן אין דער צייט איז ער אָפן אַרויסגעקומען מיט דער לאָזונג, אַז אוקראַינע זאָל זיך מיט געוואַלט אָפּרייסן פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, כדי זי זאָל ווערן דער זאַמל־פונקט פון אַלע „לעניניסטישע” כוחות פאַר זייער אָפּענסיווע קעגן „סטאַלינס דעספּאָטיזם”.

אונדזערע ווערטער, האָבן מיר מורא, קענען שוין באַלד אויסגעטייטשט ווערן ווי אַן אַדוואָקאַטן־רעדע פאַר דער פאַרטיידיקונג פון סטאַלינען; ווי אַ מין באַרעכטיקונג פון דעם גרויל־האַפטיקן מאָרד, וואָס דער באָלשעוויסטישער יהודה איש קריות האָט דורכגעפירט אין מעקסיקע. מיר גלייבן אָבער, אַז פון אונדזער זייט וואָלט געווען לחלוטין איבעריק, נאָכאַמאָל צו דערמאָנען, וואָס פאַר אַן עקל אַזעלכע אַקטן רופן אין אונדז אַרויס; באַזונדערס, ווען די קאַלטע אכזריות מיט וועלכער דער אַקט איז דורכגעפירט געוואָרן, גייט געאָרעמט מיטן אַריינגנבענען זיך צו יענעם אין הויז און אין יענעמס צוטרוי אונטער דער מאַסקע פון פריינטשאַפט און פאַרערונג. מיר האָבן בלויז געזוכט אַ קוק צו טאָן אויף דער געשעעניש אין סטאַלינס טערמינען, וועלכע זענען אין ווען, כאָטש אפשר נישט אין פאָרעם, אומגעפער דיזעלבע טערמינען, וואָס טראָצקיס. ווען טראָצקין וואָלט צוריק מיט צוועלף־דרייצן יאָר געלונגען איבערסטאַלינעווען סטאַלינען, וואָלטן, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, בלויז די ראָלן געווען אַנדערע (טראָצקי דער מערדער און סטאַלין דער קרבן), אָבער די כאַראַקטערן פון די אַקטיאָרן וואָלטן געווען אייגע און די זעלבע. קערענסקי רעדט אפשר נישט אינגאַנצן פון וועג, ווען ער שטעלט איצטער פעסט, אַז פון אַלע באָלשעוויסטישע גדולים איז טראָצקי געווען דער אכזריותדיקסטער. צופיל מענטשן זענען איצטער, אונטערן איינדרוק פון דער מעקסיקאַנער סאָלאָ־לינטשינג־פאַרטי, גענייגט צו פאַרגעסן, וואָס טראָצקי איז געווען איידער זיין שטערן איז אונטערגעגאַנגען אין רוסלאַנד: זיין סאַדיסטישע רעוואָלוציאָנערישקייט, די איניציאַטאָרן־ראָלע וואָס ער האָט געשפילט אין דער גרינדונג פון דער טשעקאַ און אין דעם איינפירן פון אינקוויזיטאָרישע מעטאָדן, זיינע הכשרים אויף מאַסן־טעראָר, זיין טעאָריע פון רעוואָלוציאָנערער מאָראַל — לויט וועלכער מען מעג באַשטראָפן פאַר זיגד קעגן דער סאָוועטישער מלוכה נישט נאָר דעם דירעקט שולדיקן, נאָר אויך זיין אומשולדיקע פרוי, זון, זיין טאָכטער, פריינט אָדער שכן (די באַרימטע „זאַלאָזשניקעס”) — זיין פרינציפּ און פּראַקטיק פון שטראָף־עקספּעדיציעס קעגן דערפער און גאַנצע געגנטן, זיינע עקזעקוציעס אין דער אַרמיי און די קראָנשטאַטער מאַסן־שחיטה אויף אייגענע, אויף באָלשעוויקעס, וואָס האָבן זיך שוין דעמאָל

צעבונטעוועט קעגן יענער סאָוועטישער, ביוראָקראַטיע, וואָס טראָצקי האָט ענערגיש און מיט אַלע זיינע טאַלאַנטן געהאָלפן שאַפן, און וואָס ער האָט אין שפּעטערדיקע יאָרן געוואָלט אָפּשאַפן, ווייל איר אַפּאַראַט האָט זיך געשטעלט אין דינסט פון זיין שונא. די אונטערשיידן צווישן סטאַלינען און טראָצקין זע־נען געווען הויפּטזעכלעך אינטעלעקטועלע (טראָצקי — אַ תלמיד־חכם, סטאַלין — אַן עם־הארץ; טראָצקי — דער בקי און חריף, סטאַלין — דער איבער׳פּשטן און דער רוף־מיך־קנאַקניסל אין סאָציאַליסטישע דברי־תורה; טראָצקי — דער מענטש מיט די פיל חכמות, סטאַלין — דער מענטש מיט דער איין־און־איינ־ציקער חכמה פון פּרימיטיווע אינסטינקטן); אין מאָראַלישן זינען איז נישטאָ קיין גרונט פאַר קיין להבדיל, ווען זייערע נעמען ווערן אָנגערופן. מיר האָבן אויך יאָרנלאַנג צופיל איבערגעטריבן דעם היקף און דעם ווערט פון זייערע פּרינציפּיעלע חילוקי־דעות. עס וועט נישט זיין קיין צו גרויסער פּאַראַדאָקס צו זאָגן, אַז אין תוך איז טראָצקי אַלע יאָרן געווען אַ סטאַליניסט און סטאַלין — אַ טראָצקיסט. טראָצקי האָט געפאָדערט וועלט־רעוואָלוציע און נישט „איזאָ־לירטן סאָציאַליזם" אין איין לאַנד הויפּטזעכלעך דערפאַר וואָס ער איז געווען די אָפּאָזיציע — און נאָטשאַלסטוואָ דאַרף שטענדיק זיין אומגערעכט. ווען ער וואָלט געהאַט אין זיינע הענט די מאַכט, וואָלט ער מסתמא אויך געשיקט ליט־ווינאָוון קיין איראָפּע פאַרהאַנדלען וועגן שלום און קאָאָפּעראַציע מיט בור־זשואַזע רעגירונגען — נאָך דעם באַנקראָט פון רעוואָלוציאָנערער פּאָליטיק אין די מערב־לענדער, נאָך די אַנטוישונגען אין טערקיי, פּערסיע און אינדיע, נאָך די דורכפאַלן אין כינע. ווען קראַסין איז אַרומגעפאָרן איבער די גרויסקאַפּי־טאַליסטישע הויפּטשטעט זוכן אויסלענדישע קאָנצעסיאָנערן פאַר רוסלאַנדס אינדוסטריע און נאַטירלעכע רייכטימער — איז דאָס אויך געווען אַ מין דעקלאַ־ראַציע אַז, דערווייל, פּלאַנעוועט מאָסקווע נישט קיין רעוואָלוציעס אין חוץ־לארץ; אַז באָלשעוויזם איז אַ מין מצוה התלויה בארץ, און קראַסין האָט דאָס געטאָן נישט נאָר לויט לעניגס באַפעל, נאָר אויך מיט טראָצקיס הסכמה. סטאַ־לין, פון דער אַנדערער זייט, האָט זיך אויך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט פון דער אידייע פון אַ וועלט־רעוואָלוציע. ער איז נישט ווייניקער בעלן פון טראָצקין צו קענען קאָמאַנדעווען פון מאָסקווע איבערן ערד־קוגל, געוועלטיקן ווי אַ באָל־שעוויסטישער אחשורוש איבער שבע ועשרים ומאה מדינות און ווערן זיין איי־גענער המן־מיניסטער. ער האָט נאָר יאָרנלאַנג געהאַלטן — ווי טראָצקי וואָלט מסתמא געהאַלטן, ווען ער וואָלט געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער סאָוועטן־פּאָליטיק — אַז יעדע זאַך דאַרף האָבן איר צייט און אַז דורך אַ צו־היציקער תפסת־מרובה־פּאָליטיק קען מען לייכט פאַרלירן די ממשלה איבער דעם, אויף וואָס מ׳איז שוין אַן „אוחז ביד". אין אַ מער אָדער ווייניקער „גינסטיקער"

אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע איז סטאַלין שטענדיק גרייט „אָפּצוראַטעווען" און צו „באַפרייען" איין מדינה נאָך דער אַנדערער — און טראָצקי אַליין האָט אים געמוזט געבן אַ מין קאָמפּלימענט, ווען סטאַלין האָט געשיקט די רויטע אַרמיי קיין פינלאַנד, אָדער ווען ער האָט זיך פאַרמאָסטן אויף די באַלטישע מלוכות.

אומזיסט זוכן איצטער טראָצקיס תלמידים און פאַרערער צו פאַרוואַנדלען אים אין אַ „קדוש". אַ טויטער טראָצקי קען נאַטירלעך, אונטער געוויסע אומשטענדן אויסאיבן אויף יונגע מענטשן פון אַ באַשטימטער מענטאַליטעט אַ גרעסערע השפּעה ווי אַ לעבעדיקער. דער קרימינעלער מאָרד אין מעקסיקע קען פאַר געוויסע אויגן אַרומרינגלען טראָצקיס געשטאַלט מיטן שיין פון הייליקן מאַרטירערטום. זי קען אַפילו מיט דער צייט סטימולירן נקמה־געפילן, וואָס וועלן זיך אפשר אויסגיסן אין אַנטי־סטאַלין אָדער אַנטי־סטאַליניסטישן אינדיווידועלן טעראָר. אָבער פאַר דער ברייטער, נישט־סעקטאַנטישער וועלט, איז טראָצקיס טויט אין אַ געוויסן זינען אַ „נאַטירלעכער". ער איז „נאַטירלעך", טראָץ דער אַטמאָספערע פון פאַרשווערונגען, כיטרעווען און איבערכיטרעווען פון פּראָוואָקאַציעס, אין וועלכער זיין לעבן האָט זיך געענדיקט. אין לעצטן חשבון איז טראָצקי דערמאָרדעט געוואָרן נישט פון אַן אַלפּן־שטאָק אין אַ געדונגענער אָדער פאַנאַטיזירטער האַנט פון סטאַלינס אַ מענטש, נאָר פון אַ סיסטעם — פון דעם זעלבן סיסטעם, וואָס ער האָט מיט זיינע אויסעראָרדנטלעכע בעקייטן געהאָלפן שאַפן און פאַר וועלכער די געשיכטע וועט קיינמאָל נישט אַראָפּנעמען פון אים די פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

אין אינטעלעקטועל־געזונטע און סענסיטיווע מענטשן מוז דער טראָצקי־מאָרד אַרויסרופן אַן ערנסטן חשבון־הנפש: אויב טראָצקי און סטאַלין זענען טיפּיש פאַר רעוואָלוציאָנערע מענטשן־ליבהאָבער און וועלט־דערלייזער; אויב די, וואָס נעמען זיך אונטער אויפצוריכטן די מענטשהייט, טראָגן אין זיך אַזעלכע ווולקאַנען פון האַס, ברוטאַליטעט און קרימינאַליטעט — און פון אַנדערע הענט קענען מיר די גאולה אחרונה נישט באַקומען — איז די גאולה אַ תוכחה. טאָ לאָמיר אויפהערן לאַכן פון יענעם ישובניקס ווייב, וועלכע האָט געטרייסט איר מאַן, ווען ער האָט איר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז משיח דאַרף די טעג קומען: אפשר וועט זיך דער איבערשטער, וואָס האָט אונדז געראַטעוועט פון פרעהן און המנען, דערבאַרעמען און אונדז אויך אויסלייזן פון משיחס הענט"...

פּ. ס. דאָסטאָיעווסקי איז אין פּאָליטישע פראַגן געווען אַ מאָנאַרכיסט און אַ שוואַרץ־מאהניק. ער האָט אָבער פאַרמאָגט אַ געניאַלע וויזיע־קראַפט אַלס קינסטלער און פּסיכאָלאָג. איז אַ שאָד, וואָס מען לייענט אים דאָ איצט אַזוי ווייניק. אונטערן איינדרוק פון טראָצקי־מאָרד וואָלט איך יעדן איינעם גע־

עצהט נאָכאַמאָל איבערצולייענען זיינע „שדים”. נאָך די זיבעציק יאָר, זינט ער האָט אָנגעשריבן דאָס בוך, איז דאָס דער מאָדערנסטער ראָמאַן אין דער רוסי־שער ליטעראַטור. אַ ריי געשעענישן פון די גאָר־גאָר לעצטע יאָרן ווערן פאַרן לעזער פון דעם דאָזיקן בוך אַ סך פאַרשטענדלעכער ווי זיי זענען פאַר אים פריִער געווען. געוויסע זאַכן אָבער ווערן דורך אים — און דאָס איז אַ גרויסער שבח פאַר דאָסטאָיעווסקין — נאָך ווייניקער פאַרשטענדלעך, ווייל זיי זענען מאויםדיקער, ווייל זיי שטעלן שרעקלעכע פראַגעצייכנס איבער די פינצטערע קעלערן פון דער מענטשלעכער נשמה. דאָס איז אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערער ראָמאַן, אָבער קיינער האָט שוין אין אונדזער צייט קיין רעכט נישט צו זיין אַ רעוואָלוציאָנער, אויב ער האָט אים נישט דורכגעלייענט.

.1940

ג. טראָצקיאַנאַ

1. דער נאָמען

עדמונד ווילסאָן (אין זיין נייעם בוך עסייען, וואָס ער האָט אַרויסגע־געבן אונטערן נאָמען „טו דהי פינלאַנד סטיישאַן”), דערמאָנט אונדז אין אַ פּרט פון טראָצקיס ביאָגראַפיע: ווען און ווי אַזוי לעוו דאַווידאָוויטש בראָנשטיין האָט אָנגענומען אַ נייעם נאָמען. טראָצקי איז נישט סתם אַ פּסעוודאָנים און נישט קיין אויסגעטראַכטער נאָמען — און מיטן שטעטל טראָק אין ווילנער געגנט, פון וואַנען עס זענען אַרויסגעקומען אַ צאָל טראָצקיס, האָט ער גאָר נישט צו טאָן. ווען ער איז אַנטלאָפן פון זיין סיבירער פאַרשיקונג אין 1902 האָבן אים גוטע־ברידער אויף אַ קליינער אייזנבאַן־סטאַנציע איבערגעגעבן אַ קופערט מיט קליידער און אַ ליידיקן בלאַנק פון אַ פּאַספּאָרט. אויפן וועג קיין סאַמאַראַ האָט ער אַליין געדאַרפט אויספילן דעם פּאַספּאָרט. ווען ס'איז געקומען צום נאָמען, האָט ער קיין סך נישט געטראַכט און אַריינגעשטעלט דעם נאָמען פונעם הויפּט־אויפזעער פון דער אָדעסער טורמע, וווּ ער איז אַמאָל געזעסן עטלעכע חדשים.

פאַרוואָס־זשע האָט זיך טראָצקי גענומען גראָד אַ נאָמען פון אַן אויפזעער אויף אַ תפיסה? ווילסאָן שטעלט זיך אויף דער זאַך נישט אָפּ. צוריק מיט דריי־ציק־פערציק יאָר וואָלטן מיר זיך פון אַזאַ פראַגע אויסגעלאַכט: וואָס איז שייך, פאַרוואָס? סתם אַזוי זיך, צופעליק; דאָס איז אפשר געווען דער ערשטער נאָמען,

וואָס איז אין יענעם מאָמענט אויפגעשווומען אין זיין זכרון, און אויפגעשווומען איז ער „אָן אַ סיבה״. היינט אָבער מעג מען אַפילו נישט האַלטן פון איניקע פּסיכאָאַנאַליטישע הנחות און זיך אויסלאַכן פון אַ סך פּסיכאָאַנאַליטישע עקסטראַוואַגאַנצן, אָבער מיר גלייבן שוין נישט מער אַז אין פּסיכישן לעבן קומען פאָר צופאַלן. פּסעוודאָנימען און סתם אַדאָפּטירטע נעמען זענען זיכער נישט קיין צופאַלן: אָפטמאָל זענען זיי גאָר פאַרבונדן מיט די אינטימסטע נשמה־צושטאַנדן.

איך וועל זיך נישט אונטערנעמען צו געבן אַ דערקלערונג פון דעם פאַל. מיר פעלט דערצו פאַך־וויסן און, דער עיקר, די טעכניק פון אַנאַליז. איך ווייס נאָר, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ גאָר־פּיקאַנטער דערשיינונג: אַן עקסטרעמער עוואָלוציאָנער נעמט זיך דעם נאָמען פון אַ טורמע־באַאַמטן און לעבט מיט אים אָפּ אַ לעבן. מיטן נאָמען פון אַ צאַרישן משגיח אויף אַרעסטאַנטן גרינדעט ער די רויטע אַרמיי, פירט ער אָן מיטן בירגער־קריג, שרייבט ער ביכער, האַלט ער רעדעס, גייט ער אַוועק אין גלות, וואַנדערט ער פון לאַנד צו לאַנד, לאָזט ער אויס די נשמה אונטער דער האַק פון אַ פאַררעטער. אין די קרוב צו דריי צענדליק יאָר האָט ער געהאַט גענוג געלעגנהייטן זיך צו נעמען אַן אַנדערן נאָמען (אָדער זיך אומקערן צו זיין אייגענעם) און האָט עס נישט געטאָן. האָט ער פאַרגעסן דעם, נאָך וועמען ער האָט זיך אַ נאָמען געגעבן? זענען קיינמאָל אין פאַרבינדונג מיטן נאָמען נישט אויפגעשווומען אין אים קיין שום אַסאָציאַציעס? אָבער אויך אַזאַ פאַרגעסן איז ווייט נישט קיין צופאַל...

2. פאַרגעסן

לייענענדיק טראָצקיס אויטאָביאָגראַפיע, קריגסטו דעם איינדרוק אַז ער איז געווען אַ געניאַלער געדענקער (ער האָט גוט געדענקט יעדן מענטשן, וואָס האָט ווען עס איז זיך אַפילו בלויז פאַרמאָסטן אים אָנצוטרעטן אויף אַ מאָזאָליע), אָבער אויך אַ זעלטן־פעיִקער פאַרגעסער.

שרייבנדיק זיין אויטאָביאָגראַפיע, האָט ער גוט געדענקט, ווער זיין טאַטע איז געווען. אויף באָלשעוויסטיש לשון דאַרף ער קלאַסיפיצירט ווערן אַלס „קוּלאַק״ (בעל־גוף). אים איז געלונגען אַריינצוכאַפּן אין זיינע הענט 650 אַקער לאַנד פון פּאָלקאָווניק יאַנאָווסקיס מאַיאָנטעק און ער האָט געפירט זיין ווירטשאַפט ביד רמה. אַ פאַרמעגלעכער ייִד, האָט ער געקאָנט לאָזן אַ פּויערטע צווייִ מאָל גיין צו אים צופוס זיבן וויאָרסט, כדי צו קריגן אַ רובל, וואָס ער איז איר שולדיק געווען פאַר אַרבעט. די פּויערים וואָס זענען ביי אים געווען באַשעפטיקט אַלס לוין־אַרבעטער פלעגן קריגן צו עסן בלויז זופּ מיט קאַשע, כדי צו

באַקומען אמאָל אויך אַ שטיקל פלייש, פלעגן זיי פון צייט צו צייט דורכפירן אַמאָל אויך שוויגנדיקע דעמאָנסטראַציעס דורכן זיך אַוועקלייגן אויף דער ערד מיטן פנים אַראָפּ. טראָצקי געדענקט אויך גוט די טרערן פון פּויערשע פרויען, ווען זיין פאָטער פלעגט פאַרשפאַרן זייערע קי פאַר דער עבירה פון אָפּצופּן אַביסל גראָז אויף זיינע פאַשע־פעלדער. דער איינציקער „זכות", וואָס ער וואָלט געקאָנט נאָכזאָגן זיין פאָטער, איז דאָס, וואָס ער איז געווען, משטיינס געזאָגט, אַן „אַטעיִסט": ער פלעגט נישט אָפּהיטן קיין שבת, קיין יום־טוב און האָט אַ סך מאָל אָפן געזאָגט אַז ער גלייבט נישט אין חרוסת און נישט אין דער עקזיסטענץ פון גאָט. זיין „בילדונג" איז, דוכט זיך, באַשטאַנען אין נישט רעדן קיין יִדיש אין דער היים, ווייל פון דעם וואָס טראָצקי דערציילט קריגט מען דעם קלאָרן איינדרוק, אַז קיין עברי האָט ער נישט געקענט — נישט קיין יִדישע און נישט קיין גויִשע. וואָס פאַר אַ בעל־מידות און בעל־מאַנירן דאָס איז געווען, קען מען זען פון טראָצקיס שבחים פאַר זיין אָדעסער פעטער, ביי וועמען ער האָט אַ שטיק צייט געלעבט, ווען ער איז געגאַנגען אין גימנאַזיע; יענער פעטער האָט אים „אויסגעלערנט" רוסישע גראַמאַטיק, ווי זיך צו וואַשן און ווי צו האַלטן אַ גלאָז".

די אַלע זאַכן האָט טראָצקי נישט פאַרגעסן און, צו זיין שבח דאַרף מען זאָגן, נישט פאַרגעסן אויך צו דערציילן (ווער עס וויל. האָט אַ רעכט צו גלייבן, אַז די גראָבע קלאַסן־קאָנטראַסטן, מיט וועלכע ער האָט זיך צוזאַמענגעשטויסן אין זיינע קינדער־יאָרן, האָבן געהאָלפן פרי אָנצוצינדן אין אים דעם רעוואָלוציאָנערן ברען). ער האָט אָבער אין שפּעטערדיקע יאָרן לחלוטין פאַרגעסן איין פּרט פון זיין קינדער־סביבה, וואָס ער האָט אונדז באַשריבן — אַז פון יענער סביבה איז דאָך אַרויסגעוואַקסן... טראָצקי; אַז סתם מענטש מוז נישט, אין זיינע האַנדלונגען, קאַריערע, פסיכאָלאָגיע און לעבנס־גורל דעטערמינירט ווערן צוליבן קלאַס, פון וועלכע ער איז אַרויסגעקומען. ווען טראָצקי איז געווען אין רוסלאַנד דער אוחז־ביד, איז ער געוואָרן דער ערגסטער קטיגור פון די קוּלאַקן — און אַ קולאַק האָט ביי אים געהייסן אַ פּויער וואָס האָט נישט פאַרמאָגט אַפילו קיין צוואַנציקסטל פון דעם, וואָס זיין פאָטער האָט פאַרמאָגט. האָט ער (לשיטתו!) געהאַט אַ פולשטענדיק רעכט צו וועלן עוקר־מן־השורש זיין יעדן פּויער וואָס האָט פאַרמאָגט אַן אייגענע ציג און יעדן קרעמער, וואָס אויף זיינע פּאָליצעס איז געלעגן סחורה פאַר ח"י קערבלעך. אָבער וואָס האָט ער געהאַט צו זייערע קינדער? פון וואַנען האָט ער געוווּסט, וויפל פּאָטענציעלע טראָצקיס עס וואַקסן אין די הייזער און די כאַטקעס פון יענע קלאַסן־שונאים? גראָד אונטער טראָצקין האָט מען דאָך איינגעפירט דעם באַגריף פון „לישענצעס" (פון איינוווינער וואָס צוליב זייער בורזשואַזן אָפּשטאַם ווערן זיי נישט

באַטראַכט פאַר גלייכבאַרעכטיקטע סאָוועטישע בירגער) מיט אַלע להרוג־ול־אבד־קאָנסעקווענצן פון דעם דאָזיקן באַגריף).*

אַז פון קולאַצקע הייזער קענען אַרויסקומען „וועלט־דערלייזער", האָט טראָצקי געניאַל פאַרגעסן. און פאַרגעסנדיק דאָס, האָט ער מיט זיין פּאָליטיק אויסגעמאָרדעוועט אַזוי פיל „קולאַקישע" קינדער, אַז ער אַליין האָט זייער צאָל נישט געקענט וויסן...

3. טאָלעראַנץ

וויפל טאָלעראַנץ טראָצקי האָט פאַרמאָגט אין זיך נאָך אין זיינע שנעקישע יאָרן, קען מען זען פון זיינעם אַ בריוו צו דער ניקאָלאַיעווער שטאָט־ביבליאָטעק. אין זיינע גימנאַזיע־יאָרן איז דער שפּעטערדיקער שאַרפער דיאַלעקטיקער פון מאַרקסיסטישער קבלה געווען אַ נאַראָדניק — און אַלץ וואָס ס׳האָט געשמעקט מיט היסטאָרישן מאַטעריאַליזם איז פאַר אים געווען טריפה. האָט אַזוי פּאַסירט, אַז אַ זשורנאַל וואָס נאַראָדניקעס האָבן אַרויסגעגעבן האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זייערע הענט און איבערגעגאַנגען אין רשות פון אַ גרופּע סאָציאַל־דעמאָקראַטן (דאָס איז, אגב, געווען דער ערשטער לעגאַלער זשורנאַל, וואָס האָט אין רוסלאַנד פּראָפּאַגאַנדירט מאַרקסיזם). האָט טראָצקי קיין סך נישט געחקירהט און זיך געווענדט צו דער שטאָטישער ביבליאָטעק מיט אַ פּעטיציע, אַז זי זאָל אויפהערן אויסשרייבן יענע אַפּיקורסישע פּובליקאַציע. אַזוי פרי האָט שוין טראָצקי אַרויסגעוויזן צענזאָר־התלהבות. ווען ער האָט, אין 1918, צוזאַמען מיט לעגינען פאַרבאָטן אַרויסצוגעבן די פּרעסע פון די עס־ערן (די גייסטיקע יורשים פון די נאַראָדניקעס), זענען שוין פּעטיציעס אין רוסלאַנד „נישט געווען אין דער מאָדע".

4. ערעס און מאַרקסיזם

„אַ פּלאָג אויף אַלע מאַרקסיסטן און אויף אַלע די וואָס ווילן אַריינברענגען האַרטקייט און טרוקנקייט אין אַלע לעבנס־באַציִונגען" — ס׳איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז די דאָזיקע ווערטער געהערן צו טראָצקין. אָבער דאָס איז דער ניי־יאָר־לחיים וואָס דער גאָר יונגער אָבער פרי־רייפער טראָצקי האָט געטרונקען אַמאָל אין ניקאָלאַיעוו.

די הויפּט־טרעגערין פון דער מאַרקסיסטישער לערע איז אין זיין דעמאָל־

* גלייכע רעכט, אויב עמעצער איז גרייט אָנצוּווענדן דעם דאָזיקן אויסדרוק אויף סאָוועט־רוסלאַנד, האָבן די לישענצעס געקראָגן אַ גוטע פאָר יאָר נאָך טראָצקיס פאַרשיקונג קיין אויסלאַנד.

מיקער סביבה געווען אַ יונגע פרוי, אַלעקסאַנדראַ לוואָוונאַ סאָקאָלאָווסקאַיאַ (דער סלאַווישער נאָמען וועט קיינעם נישט פאַרפירן: דער אַפּאָסטאָל פון היס־טאָרישן מאַטעריאַליזם אין דער פּראָווינציעלער שטאָט פון כערסאָנשטשינאַ איז געווען אַ ייִדיש קינד). טראָצקי האָט אין יענעם פעריאָד געזען אין מאַרק־סיזם אַ סכנה פאַר אינדיווידועלער פרייהייט און אויטאָנאָמיע. צווישן אים און אַלעקסאַנדראַ לוואָוונאַ, צו וועמען ער איז געווען ווייט נישט גלייכגילטיק, פלעגן שטענדיק פאָרקומען שאַרפע צו־להכעיס וויכוחים. ביי זייערע אָפטע באַ־גגעגענישן פלעגט טראָצקי געוויינלעך זיך רייצן מיט איר: „איך קען מיר נישט פאָרשטעלן, ווי אַזוי אַ יונג מיידל וואָס איז אַזוי פול מיט לעבן קען פאַרטראָגן אַזאַ ענגן, טרוקענעם, אומפּראַקטישן שטאָף״. די מאַרקסיסטקע פלעגט קאָקע־טיש ענטפערן: „און איך קען מיר נישט פאָרשטעלן, ווי אַזוי אַ מענטש וואָס דענקט, אַז ער איז אַזוי לאָגיש, קען זיך צופרידנשטעלן מיט אַזעלכע פאַר־נעפּלט־אידעאַליסטישע עמאָציעס״. זייערע צוזאַמענשטויסן האָבן אַ צייט גע־טראָגן דעם כאַראַקטער פון האַלב־פלירט און האַלב־טעאָרעטישע דיסקוסיעס. סוף־כל־סוף האָט די מאַרקסיסטקע געזיגט — סיי טעאָרעטיש און סיי עראָ־טיש. טראָצקי האָט געקראָגן מאַרקסיסטישע התגלות און האָט זיך אונטערגע־געבן.

טראָצקי איז נאָכדעם אַ גאַנץ לעבן געבליבן געטריי דער טעאָרעטישער אָסאָציאַציע פון זיין ערשטן ראָמאַן. דער אומטאָלעראַנטער אַנטי־מאַרקסיסט האָט נאָכדעם אַ סך יאָרן פאַנאַטיש געפאָכטע מיט דער מאַרקסיסטישער שווערד קעגן אַלע אומגלייביקע און סקעפּטיקער. ער האָט שוין וויקטאָר אַדלערן — אַ לענגערע צייט פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע — געהאַלטן פאַר אַ פּושע־סאָציאַליסט, ווייל יענער האָט זיך דערלויבט צו זאָגן אים, אַז ער איז גיכער גרייט פאָראויסצוזאָגן פּאָליטישע אַנטוויקלונגען אויפן יסוד פון די אַפּאָקאַ־ליפּטישע שריפטן איידער אויפן יסוד פון דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם. מאַקס איסטמאַן דערציילט עטוואָס ענלעכס אין זיין לעצטער אַרבעט („טראָצקי ווערט אַ סכאָלאַסטיקער״, פאַרעפנטלעכט אין האַרבסט־העפט פון „סאָוטהערן רעוויו״). ווען ער האָט באַזוכט טראָצקין אין זיין גלות־טערקיי, אויפן פּרינקיפּאָ־אינדזל, האָט ער געוואָלט זיך דורכשמועסן מיט אים וועגן זיין (איסטמאַנס) בוך „מאַרקס און לענין״. טראָצקי האָט דעם בוך נישט באַוויזן צו לייענען. ער האָט אים, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, בלויז אַביסל געבלעטערט; אָבער ער האָט שוין פון פריער געוווּסט, אַז ער וועט אים דאַרפן באַקעמפן: „איך ווייס נישט פון קיין איין פאַל אין דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון די לעצטע דרייסיק יאָר, ווען אַ פאַרלייקענונג פון מאַרקסיזם האָט נישט רוי־נירט דעם רעוואָלוציאָנער אויך פּאָליטיש. נאָך מער, איך ווייס פון צענדלי־

קער באַדייטנדיקע פּאַלן, ווען מענטשן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם, און האָבן פאַרענדיקט דערמיט וואָס זיי האָבן שלום געמאַכט מיט דער בורזשואַזער געזעלשאַפט". אין די לעצטע וואָכן פון זיין לעבן האָט טראָצקי אַריינגעלייגט אין חרם אַ גאַנצע גרופּע פון זיינע ניו־יאָרקער חברים. וואָס זענען אַראָפּ פון גלייכן וועג. זיי האָבן דערקלערט, אָדער אַז זיי נעמען נישט אָן דעם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם, אָדער אַז זיי ווייסן נאָך אַליין נישט וואָס דאָס איז אַזוינס. טראָצקי האָט מיט זיי איבערגעריסן די באַציִונגען ווי אַ פּויפּסט וואָס שליסט אויס אַפּיקורסים פון זיין „קירכע".

עפּעס איז פאַראַן „פאַרדעכטיקס" אין טראָצקיס אינטעלעקטועלער עקשנות און כמעט אינקוויזיטאָרישן דאָגמאַטיזם. ער האָט פאַרמאָגט אַ שאַרפן, באַוועג־לעכן מוח, אַ סך סאַרקאַזם און אַ פאַרשטענדעניש פאַר הומאָר און סקעפּטי־ציזם. ער האָט זיך אָבער געקלאַמערט מיט אַלע כוחות און געקעמפט מיט ביי־דע גראָבע פינגער, כדי זיך צו באַפעסטיקן (ווען מ'דאַרף: דורך מדרש, דורך פּילפּול, מיט זיין אַקראָבאַטישן כוח פון קאַזוּיִסטיק) אין די ד' אמות פון זיין מאַרקסיסטישער הלכה.

איך וויל נישט ציִען קיין מסקנות, אָבער אויך דאָ לוינט זיך פאַר אַ גע־איבטן פּסיכאָאַנאַליטיקער צו פּרוּוון אויפדעקן די ערשטע מאָמענטן און די אינפאַנטיליזמען אין טראָצקיס „קאָנסעקווענטן" מאַרקסיזם: וואָס פאַר אַ ראָלע האָט געשפּילט דאָס געשטאַלט פון אַלעקסאַנדראַ לוואָווגאַ, אין דער אויסביל־דונג פון זיין טעאָרעטיזירנדיקער פּערזענלעכקייט?

5. פון לאָקהאַרטס טאָגבוך

דער מאָסקווער רב מזא"ה האָט מיר אַמאָל געזאָגט אין שפּאַס וועגן אַ מאַן, וואָס איך וועל זיין נאָמען נישט אָנרופן (ער לעבט נאָך און איך ווינטש אים אריכת ימים):

„זאָגט אים אָן, למען השם, ער זאָל ראש־השנה נישט גיין צו תשליך. ער קען נאָך דערזען אין וואַסער די אָפּשפּיגלונג פון זיין פּנים, און ער וועט דאָס בפירוש נישט אויסהאַלטן: אויף אַ מינוט וועט ער מיינען, אַז אויף דער וועלט איז פאַראַן נאָך איינער אַזאַ ווי ער, אַז ער איז אפשר נישט קיין איין־און־איינ־ציקער ביים אוניווערסום".

איך האָב זיך איצט דערמאָנט אין יענעם בייזן שפּאַס צוליבן רוס לאָק־האַרטן. אין זיין טאָגבוך פון פעברואַר 1918, נאָך אַ באַגעגעניש מיט טראָצקין, האָט ער פאַרצייכנט:

„ער מאַכט אויף מיר דעם איינדרוק פון אַ מענטשן, וואָס וואָלט גערן

אַוועקגעגעבן זיין לעבן אין קאַמף פאַר רוסלאַנד — אונטער איין באַדינג: עס זאָל דערביי שטיין אַ גרויסער עולם, וואָס זאָל צוקוקן ווי אַזוי ער טוט עס".

מען דאַרף אפשר צוגעבן: „און ער זאָל עס טאָן איינער אַליין, אַלס אַ מין אוניקום־קרבן".

6. די ביבל האָט אים „אַרויסגעהאָלפן"

טראָצקי האָט אַמאָל עטלעכע חדשים נאָכאַנאַנד געלייענט יעדן טאָג בלויז איין בוך — די ביבל. אין דער אָדעסער טורמע האָט מען אים שטרענג באַהאַנדלט און מ'האָט צו אים קיין סתם ביכער נישט צוגעלאָזט. די הייליקע שריפטן אָבער האָבן אויך די צאַרישע אויפזעער נישט געקענט פאַרבאָטן און זיין שוועסטער האָט אים צוגעשטעלט די ביבל אויף פיר שפּראַכן: רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש און איטאַליעניש.

מערקווירדיק ווי ווייניק איינדרוק דער ספר הספרים האָט אויף אים געמאַכט. אין זיין סטיל, אין זיינע אַסאָציאַציעס, אין ריטם פון זיין רעדן און שרייבן פילט מען נישט קיין שפּור פון אַ ביבלישער ליטעראַטור־השפעה. ער האָט דעם תנ"ך בלויז אוטיליזירט — זיך אויסצולערנען פרעמדע שפּראַכן. די נביאים, די ביכער פון איוב און שיר השירים זענען פאַר אים געווען לינגוויסטישע באַהעלפערס.

טראָצקי האָט וועגן דעם אַמאָל דערציילט דעם פּאַליעטאָניסט אָ. ל. ד'אָרן. האָט יענער אים געענטפערט מיט אַ פּויעריש ווערטל, וואָס לענין פלעגט אָפט געברויכן:

„אין אַ גוטער באַלעבאַטישקייט קומט יעדע חזיריי צונוץ".

7. „באָנאַפּאַרטיסטישע נאַטורן"

טראָצקי האָט נאַטירלעך נישט געגלייבט אין אומשטערבלעכקייט, אָבער זעלטן ווען אַ מענטש איז געווען אַזוי פיקסירט אויף זיין „היסטאָרישער עולם־הבא" ווי ער. זיין הויפּט־אַמביציע איז געווען — אַריינגיין אין דער וועלט־געשיכטע אַלס דער גרעסטער זכה־בגורל (אין אונדזער דור קענען קאָנקורירן מיט אים אין פּרט פון „איך־איפלאַנציע" בלויז היטלער מיט זיין אָפענער מעגאַלאָמאַניע און דער שוויַיגנדער סטאַלין מיט זיין טעמפּעראַמענט, צו וועלכער ער לאָזט נישט צו קיין טערמאָמעטער). אַ מאָנומענט צו זיין אָנדענק ערגעץ־ווו אין טיבעט און אין ניין־און־צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט זיך לייכט געקענט אַריינפּאַסן אין זיין עולם־הבא־„ווירטשאַפט". זיינס אַ רעדע אויפן ערשטן קאָנגרעס פון די סאָוועטן, באַלד נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, איז אין דעם

זין זייער כאַראַקטעריסטיש. זיך ווענדנדיק צום מענשעוויק מאַרטאָוון און זיינע נאָכפאָלגער — זיי זענען נאָך אין יענע טעג געווען לעגאַל און זייער מיטגלידערשאַפט אין די סאָוועטן איז נאָך געווען אַנערקענט — האָט ער אויסגעשריגן: „איר זענט מיזעראַבלע, איזאָלירטע יחידים; איר זענט באַנקראָט; אייער ראָלע איז אָפּגעשפּילט. גייט וווהין איר געהערט פון היינט אָן און ווייטער — אין מיסטקאַסטן פון דער געשיכטע". פאַר באָלשעוויקעס האָט ער שוין דענסטמאָל געזען אָנגעגרייט די מזרח־וואַנט פון דער געשיכטע, פאַר זיך אַליין — דעם עמוד.

אָבער צוליב אַזאַ עולם־הבא מוז מען זיך פריִער פאַרזיכערן מיט אַ גרויס שטיק עולם־הזה, מיט אַ קאָמאַנדירנדיקער פּאָזיציע אין זיין אייגענעם דור. די דאָזיקע ליידנשאַפט פאַר מאַכט האָט אין אים געברענט פון די יונגלשע יאָרן אָן. עס איז אינטערעסאַנט, אין שייכות דערמיט, זיך צוצוהערן צו דעם, וואָס ער אַליין דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע וועגן זיינע גימנאַזיע־דערפאַרונגען. זיינע חברים, זאָגט ער, האָט ער פאַרנאַנדערגעטיילט אויף דריי קאַטעגאָריעס: אויף אַזעלכע וואָס האָבן אים „פאַרראַטן", אויף אַזעלכע וואָס האָבן אים „פאַרטיידיקט" און אויף „נייטראַלע" (דער צענטער אינעם גימנאַזיע־אוניווערסום איז, הייסט עס, געווען טראָצקי). מיט די ערשטע, דערציילט ער אונדז ווייטער, האָט ער אויף אַ שאַרפן אופן איבערגעריסן די באַציִונגען, די צווייטע האָט ער „קולטיווירט", די דריטע — איגנאָרירט: אַ בחורל וואָס איז נישט פאַר און נישט קעגן טראָצקין איז בכלל אַ גאָרנישט שב׳גאָרנישט.

די זעלבע סאָציאָלאָגיע פון מיין קעלנער אין אַ ניו־יאָרקער רעסטאָראַן. די מענטשהייט באַשטייט פאַר אים פון דריי קלאַסן: פון אַזעלכע וואָס עסן אָפּ און לאָזן נישט איבער קיין טרינק־געלט (אַ מגפה זאָל זיי אַלע אויסכאַפּן), פון אַזעלכע וואָס לאָזן איבער בלויז דאַימס (מילא, פאַרפאַלן זאָלן זיי זיך אַרומדרייען אויף גאָטס וועלט) און פון „קאָסטימערס", וואָס לייגן אַוועק אויפן טיש מער ווי אַ דאַים (אריכות ימים זיי אויף דער וועלט און אַ ליכטיקער גן־עדן אויף יענער וועלט). זאָל מיין קעלנער אויף מיר פאַראיבל נישט האָבן — אין אַנדערע דימענסיעס איז דאָס כמעט־כמעט... נאַפּאָלעאָניש. דער ראָסל־פּליישסאָרוועער און דער פערמאַנענץ־רעוואָלוציאָנער זענען ביידע, יעדער אויף זיין אופן און אויף זיין מאַסשטאַב, „באַנאָפּאַרטיסטישע נאַטורן" — אויף וויפל ס׳האַנדלט זיך וועגן קלאַסיפיצירן מיט־מענטשן.

1940.

טאָוואַרישטש לייזערסאָן חי וקיים

איך בין שוין אַ סך יאָרן נישט געווען אין רוסלאַנד. ווייס איך גאַנץ גוט, אַז ס׳האָט נישט קיין זין צו מעסטן די איצטיקע סאָוועטישע לעבנס־באַדינגונגען מיט דעם וואָס איך געדענק פון אַמאָל. אין די קאַרגע צוואַנציק יאָר, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אויסער די גרענעצן פון רוסלאַנד, איז דאָרט גענוג וואַסער דורכגעלאָפן אונטער דער בריק — און אויך גענוג פון יענער אַנדערער פּליסיקייט, וואָס איז טייערער פון וואַסער. איך ווייס, אַז די פּאָליטישע שקלאַפעריי — אויף וועלכער די באָלשעוויסטישע באַפרייונג האָט פאַרמשפּט די באַפעלקערונג פון דער „ערשטער סאָציאַליסטישער מלוכה״ — איז היינט אַ סך ערגער און טיפער איינגעפרעסן אין די ביינער, ווי אין מיינע סאָוועטישע יאָרן. איך האָב מיר אָבער איינגערעדט ד׳י לעצטע יאָרן אַז אין איין געביט איז די לאַגע דאָרט געוואָרן באַדייטנדיק בעסער: אין דורכשניט איז דער סאָוועטישער באַאַמטער געוואָרן טיכטיקער, געבילדעטער, מער קוואַליפיצירט פאַר די אויפגאַבן וואָס מען גיט אים איבער. דאָס בילד וואָס איך האָב געזען אין מיין צייט, נאָך דריי יאָר רעוואָלוציע און בירגער־קריג, איז געווען אַ ממשלה פון עם־הארצים. כמעט אין אַלע דעפּאַרטאַמענטן פון דער רעגירונג, צענטראַל און לאָקאַל (אַ חוץ דעם קריגס־מיניסטעריום, וווּ דער אויסערגעוויינלעך־טאַלאַנטירטער טראָצקי האָט געוווּסט ווי אַזוי אויסצונוצן דאָס פאַכוויסן פון צאַרישע ספּעציאַליסטן און פון אימפּאָרטירטע דייטשע אָפיצירן) זענען געזעסן לאַ־יוצלחס, וויסטע קאַליקעס, כלערליי גראַפּאָמאַנען; מענטשן מיט אומבאַגרענעצטער חוצפה און מיט דער קאָמערציעלער אויסרעכענונג, אַז אין דער רעוואָלוציע האָבן זיי לחלוטין נישט וואָס צו פאַרלירן און זיי קענען פון איר נאָר פאַרדינען. נאַיווע און ענטוזיאַסטישע פאָלקס־מענטשן האָבן אין יענע יאָרן גערן אָוועקגעלייגט זייערע קעפּ אויף די פאַרשידענע פראָנטן — און אין דער זעלבער צייט האָט דער צינישער קאַריעריסט פון דער רעוואָלוציע פאַרכאַפּט „מיט הוילע צען פינגער״ וויכטיקע אַדמיניסטראַטיווע פּאָזיציעס און אָנגעהויבן „קאָמאַנדעווען״. זענען שוין אָבער פון יענע צייטן אָוועק גאַנצע ניינצן יאָר. יאָרן פון שווערע נסיונות, פון אַן אַ סוף עקספּערימענטן, דורכפאַלן און איך דערפאַלגן. האָט דאָס לאַנד אין די יאָרן באַצאָלט אַזוי פיל רבי־געלט און רבי־בלוט, אַז מען וועט עס, דוכט זיך, קיינמאָל נישט קענען צוזיפרעכענען. דערפאַר האָט מען געמעגט דערוואַרטן, אַז איצטער, 23 יאָר נאָך דעם אָקטאָבער־זיג, ווייסט מען שוין אין רוסלאַנד ווער איז ווער און פאַרוואָס ער פאַר־

בעמט דעם פּאָסטן און נישט קיין אַנדערן. קומט אָבער די טעג צוגיין גערדיע, דער געוועזענער פּאַרטרעטער פון דער ניו יאָרק טאַימס אין מאָסקווע, און דערציילט אונדז, אַז אויך אויף דעם פּונקט, האָבן זיך זאַכן זייער וויניק גע־ענדערט. אין רוסלאַנד זיצט נאָך ביזן היינטיקן טאָג דער עם־הארץ פעסט אין זאַטל. דער שלימזל האָט נאָך היינט אויך, ווייזט אויס, אַ סך געלעגנהייטן עולה לגדולה צו זיין — אויב ער ווייסט ווי אַזוי נושא־חן צו זיין אין די אויגן פון דער קלייניקער קליקע, וואָס גרופּירט זיך אַרום דעם כל־יכולדיקן „פּאַר־טיי־סעקרעטאַר”. ווייל דאָס וואָס גערדיע דערציילט וועגן דעם הויפּט־צענזאָר אין מאָסקווע, דער ממונה אויף אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן, קען נישט זיין קיין איזאָלירטער פאַקט: טאָוואַרישטש לייזערסאָן איז, ווייזט אויס, אַ סימבאָל פון סאָוועטישן באַאַמטנטום. ווי אַזוי טאָוואַרישטש לייזערסאָן איז צוגעפּאַסט צו זיין אַמט (לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַן אַמט וואָס האָט צו טאָן מיט כלפּי חוץ; וואָס ברענגט אים אין טאָג־טעגלעכן קאָנטאַקט מיט דער אויסלענדישער עפנט־לעכער מיינונג), קען מען זען פון אַ פּאָר טשיקאַווע פאַקטן, וואָס גערדיע גיט אונדז איבער. אין איינער פון זיינע טעלעגראַמעס האָט ער געשריבן, אַז צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד אַנטוויקלט זיך איצטער אַ ברייטער אויסטויש פון סחורות: רוסלאַנד שיקט קיין דייטשלאַנד שפּייז און מאָסקווע אימפּאָרטירט פון דייטשלאַנד פאַרב־שטאָפן. האָט דער צענזאָר די טעלעגראַמע נישט דורכ־געלאָזט, פּשוט דערפאַר וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם טעקסט. די ענגלי־שע ווערטער dying stuff האָט ער אָנגענומען פאַר dyeing stuff און האָט ־עם שרייבער מיט ביטערקייט דערקלערט: „איך וועל אייך נישט לאָזן שרייבן אַזעלכע העצעס אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד; ווער האָט עס אייך דערציילט, אַז מיר אימפּאָרטירן פון דייטשלאַנד טויט־שטאָף, גיפטיקע גאַזן קעגן אונדזער באַפעלקערונג?” ווען גערדיע האָט שפּעטער, אין אַן אַנדער טעלעגראַמע, גע־שריבן וועגן סעקרעטאַריאַט פונעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און האָט געניצט דאָס וואָרט “secretaryship”, האָט עס טאָוואַרישטש לייזערסאָן ווידער אַמאָל נישט דורכגעלאָזט. ער ווייסט, האָט ער געזאָגט, דעם פּירוש־המילות. ער קען גענוג ענגליש צו וויסן, אַז “ship” איז אַ שיף, אָבער די גאַנצע מעשה איז אַ ליגן — דער קאָמינטערן האָט נישט קיין שיפן.

אָט מיט אַזאַ ידיעה אין ענגליש פאַרנעמט טאָוואַרישטש לייזערסאָן אַ הויכן פּאָסטן אין מיניסטעריום פון אויסלענדישע ענינים. פון זיין פאַרשטיין דעם פּירוש־המילות הענגט אָפּ די אינפאָרמאַציע, וואָס גייט פון רוסלאַנד צו צעלעכע הונדערט מיליאָן מענטשן אין דער ענגליש־רעדנדיקער און אין דער ענגליש־דאָמינירטער וועלט.

איך געדענק גוט דעם צאַרישן טשינאָווניק פון אַמאָל. אַ פּריסטאַוו אין

מאַריופאָל האָט מיך אַמאָל געוואָלט אַרעסטירן, ווייל כ׳האָב אויף אַ פּאַרזאַמ־לונג עטלעכע מאָל גענוצט דאָס וואָרט „טערריטאָריאַליזם״. אַזאַ וואָרט, האָט ער געטענהט, איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ, און איך האָב עס מסתמא גענוצט, כדי אים אָפּצונאַרן, אַנשטאָט דעם וואָרט „טעראָריזם״. אָבער אין צאַרישן רוסלאַנד האָט אַזאַ למדן און בעל־לשון געקענט פירן די גרענדע אין אַ וויי־טער פּראָווינציעלער שטאָט נישט אין פּעטערבורג אָדער אין מאָסקווע. געפין איך איצטער אויס, אַז דער גילגול פונעם מאַריאופּאָלער פּריסטאַוו הייסט הײנט לייזערסאָן, און איזן איז ער נישט אַבי־ווער, נאָר דער הויפּטמאַכער אין דער סטאַליצע־צענזור.

**
*

דערמאָנט מיר געדיעס אַמוזאַנטער סיפּור־המעשה אין אַנדערע סאָוועט־טישע למדנים און ספּעציאַליסטן פון די בירגער־קריג יאָרן. אויף אַ באַזוך אין די פּעטשערסקע לאַוורעס, לעבן קיִעוו (דער פּלאַץ, ווו עס געפינען זיך די קברים פון הייליקע, אויף וועלכע די ווערים האָבן נישט קיין שליטה), פון וואַ־נען מ׳האָט אַרויסגעטריבן די מאָנאַכן וואָס האָבן דאָרט דורות־לאַנג געהאַנדלט מיט קדושה און מיט מופתים, האָב איך זיך צערעדט מיטן קאָמענדאַנט. ווען איך האָב אים אַ פרעג געטאָן, ווער עס וווינט איצטער אין די הייזער וואָס די רעגירונג האָט קאָנפיסקירט — האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף אַ צאָל בנינים, ווו מ׳האָט איינגעקוואַרטירט רויטאַרמייער, און אויף אַנדערע, אין וועלכע עס האָט זיך צייטווייליק איינגעאָרדנט „ציוויליזאַציע״. אָבער אין אַ פּאָר חדשים אַרום, האָט ער צוגעגעבן, ווען מען וועט אין שטאָט פאַרריכטן אַ צאָל געשע־דיקטע הייזער, וועט מען די „ציוויליזאַציע״ פון דאַנען אַרויסטרייבן: מיר דאַרפן האָבן דאָס פּלאַץ פאַר דער אַרמיי, ציוויליזאַציע מעג זיך זוכן אַנדערע וווינונ־גען״. עס איז נישט שווער געווען זיך אָנצושטויסן, וואָס דער רויטער אָפיציר האָט געוואָלט זאָגן: להיפּוך צו אַרמיי־מענטשן, וועט מען דאָרט נישט לאָזן וווינען קיין ציווילע מענטשן; ער האָט דערמיט נישט געוואָלט, חס וחלילה, באַטאָנען אַז די אַרמיי איז נישט ציוויליזירט.

אָבער, מילא, נישט שרעקלעך, קען מען זאָגן, האָט ער נישט געטאַנצט מיטן לינגוויסטישן בער! דאָס האָט אים אפשר נישט געשטערט צו זיין אַ גוּ־טער קאָמענדאַנט. אָבער אָט שטייט פאַר מיינע אויגן דער לעקטאָר, געשיקט אַזש פונעם „צענטער״, אין אַן אַרבעטער־קלוב אין טולאַ. טולאַ האָט זיך גע־רעכנט פאַר אַ שלעכטער, קלעריקאַלער שטאָט. דער קאָמאַנדירטער ליכט־ברענגער האָט דעריבער באַשלאָסן, אַז פאַר אַלעמען דאַרף מען אויסוואָרצלען פונעם עולם די רעליגיעזע אַבערגלויבנס. האָט ער די פאַרזאַמלטע, געדענק

איך, דערציילט אין יענעם אָוונט וועגן דאַרווינס גרויסן אויפטו. „טאָוואַרישטש" דאַרווין האָט פון אים געקראָגן גאָר גרויסע קאָמפּלימענטן: האָט ער דאָך באַוויזן, אַז ס׳איז אַ ליגן וואָס מ׳זאָגט אַז גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן — דער מענטש שטאַמט גאָר פון אַ מאַלפּע! דער גראָער עולם האָט אויפגענומען דעם ענין מיט גרויסער באַגייסטערונג: אויס סוד! די זאַך איז אַ גאַנץ פּשוטע; איצט ווייסן מיר שוין, ווער אונדזער אַלעמענס זיידע איז. אַפילו די יעניקע וואָס האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין באַגייסטערונג פאַר דער אַנטדעקונג פון זייער יחוס, זענען פון דעסטוועגן געווען צופרידן: די זאַך לייגט זיך אויפן שכל. די מאַלפּעס וואָס ציגיינער האָבן אַ פּאָר מאָל געבראַכט קיין טולא, זענען טאַקע זייער ענלעך צו אונדז. אָבער אָט שטייט אויף איין בחור, ווייזט אויס, אַ סקעפּטיקער און אַ גריבלער — און פרעגט אַ קשיא: אָנגענומען, אַז דער מענטש שטאַמט פון אַ מאַלפּע. אָבער פון וואַנען און פון וועמען שטאַמט די מאַלפּע גופא? דאָ האָט זיך דעם לעקטאָרס דאַרוויניסטישע בילדונג געענדיקט. נישט ווייסנדיק וואָס צו ענטפערן, האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש און אָנגעשריגן אויף זיין „העקלער": „ווילסטו מיר איינרעדן, דו אַזוינער און אַזוינער, אַז דו ביסט אַזוי תמימותדיק און דו ווייסט טאַקע נישט, פון וואַנען אַ מאַלפּע שטאַמט? איך בין זיכער, אַז דו גייסט אַרום מיט מיידלעך אין וואַלד און דו ווייסט צוליב וואָס דו נעמסט זיי אַוועק אין טונקעלע ווינקלען פונעם וואַלד — ווייסטו טאַקע נישט פון וואָס עס ווערן געבוירן קינדער? יעדע מאַלפּע שטאַמט פון אַ טאַטן מיט אַ מאַמען, און הער אויף צו דולן אַ קאָפּ".

דאָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ מין פּיעכאָטנער מגיד פון סאָוועטישער השכלה. אָבער אָט שטייט פאַר מיר אַן אַנדער פיגור — דער ממונה אויף די אַקאַדעמישע אַנשטאַלטן אין אַזאַ שטאָט ווי קיִעוו. די רעגירונג האָט באַשלאָסן צו רעאָרגאַניזירן צוזאַמען מיט דער אוניווערסיטעט אויך דעם אַרכעאָלאָגישן אינסטיטוט (ביז היינט איז מיר נישט קלאָר, צוליב וואָס באָלשעוויקעס האָבן אין בירגער־קריג־צייטן זיך נישט געקענט באַגיין אָן אַרכעאָלאָגיע; אפשר איז דאָס געווען לונאַטשאַרסקיס אַ קאַפּריז — צו באַווייזן, אַז די רעוואָלוציע שטייט אויף דער וואַך און היט אָפּ אַלץ וואָס האָט אַ קולטור־ווערט). דער קורס פון די ערשטע צוויי יאָר האָט אויך לויט דעם נייעם פּראָגראַם געדאַרפט זיין אַן אַלגעמיינער — געשיכטע, ליטעראַטור, סאָציאַלע וויסנשאַפטן — ביז מען וועט איבערגיין צו די ספּעציעלע קעגנשטאַנדן. ווייס איך נישט, וואָס פאַר אַ זכות אָבות מיר איז בייגעשטאַנען, נאָר אין אַ שיינעם פרימאָרגן בין איך באַשטימט געוואָרן „פון אויבן" אַלס איינער אין אַ קאָמיסיע פון אַכט, וואָס האָט געדאַרפט אויסאַרבעטן די פּרטים פון דעם נייעם פּראָגראַם.

האָט זיך אין אונדזער קאָמיסיע אָנגעהויבן אַ סדרה באַראַטונגען מיטן

הויפט־קאָמיסאַר — פּערזענלעך אַ זייער סימפּאַטישער און צוגעלאָזטער בחור פון אַן אוקראַיִניש־פּויערישן אָפּשטאַם, אָבער, לא עליכם, שטומפּיק אויף עט־לעכע עבֿרים. ער האָט קאַטעגאָריש געפאָדערט אין נאָמען פון דער רעגירונג אַז ביים אַריינגעמען סטודענטן זאָל מען זיי נישט פרעגן אויף קיין אַטעסטאַט זריעלאָסטי (מאַטורע). פּראָלעטאַרישע קינדער, האָט ער געטענהט, האָבן נישט געהאַט קיין געלעגנהייט זיך צו לערנען אין גימנאַזיעס; אָבער די איצטיקע מלוכה איז זייערע, און ס'איז אַן אומזין נישט צו האַלטן אָפן פאַר זיי די טירן פון אַקאַדעמישע אינסטיטוציעס. אומזיסט האָט מען מיט אים געטענהט, אַז זיין פאָדערונג איז אַן אוממעגלעכע; אַז אפשר דאַרף מען גאָר אין אַזאַ צייט בכלל נישט האָבן קיין אַרכעאָלאָגישע אינסטיטוטן. אָבער וויבאַלד מען האָט זיי יאָ, מוז מען אָהין אַריינגעמען בלויז אַזעלכע סטודענטן וואָס האָבן די נייטיקע צוגרייטונג. מען האָט אים אויך נישט געקענט איבערצייגן אַז בכדי צו טאָן וועלכע נישט איז אַרכעאָלאָגישע אַרבעט אין רוסלאַנד אָדער אין אוקראַיִנע מוז מען קענען לייענען טעקסטן, לכל הפּחות, אויף אַלט־סלאַוויש, גריכיש און לאַ־טיין. סוף־כּל־סוף האָבן מיר זיך נאָכגעלאָזט אונטערגעגעבן: נישט קיין אַטעס־טאַטן און נישט קיין עקזאַמענס, נאָר בלויז אַ „קאָלאָקוויאום" — אַ שמועס מיט יעדן אַספּיראַנט באַזונדער, כּדי פעסטצושטעלן זיין אַלגעמיינע אינטעליגענץ און אַנטוויקלונגס־מדרגה.

שטייט נאָך ביז היינט פאַר מיינע אויגן אַ יונגער אַרבעטער, מיט וועמען מיר האָבן געדאַרפט דורכפירן דעם ריטואַל פון אַ „קאָלאָקוויאום". איין גאָט ווייסט, וואָס ס'האָט אים — און אַזעלכע ווי ער — געבראַכט גראָד אין אַרכעאָ־לאָגישן אינסטיטוט: פּראָלעטאַרישע קינדער פון אַ באַשטימטן מין האָבן זיך געשפּאַרט אָהין מיט אַ באַזונדער אַמביציע — אפשר דערפאַר, וואָס אַמאָליקע צייטן האָבן אין איר שטודירט זין פון לייטיקגייערישער אַריסטאָקראַטיע. פאַר אייניקע פון זיי איז דאָס געווען אַ מין איינקויפן זיך אין „יחוס" (קיין פּרנסה האָט דאָך אַזאַ שטודיום קיינעם נישט געקענט צוזאָגן). אַן עלטערער פּראָפע־סאָר האָט דעם יונגנמאַן אַ פרעג געטאָן, ווי ווייט זענען דערגאַנגען די דעראָ־בערונגען פון אַלעקסאַנדער דעם גרויסן. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אַס־פּיראַנט האָט אַפילו נישט געוווסט וועגן וועמען עס האַנדלט זיך — און דער „קאָלאָקוויאום" איז באַלד אָפּגעבראָכן געוואָרן. איז דער קאָמיסאַר אויף אונדז אַלעמען ברוגז געוואָרן: „אַלעקסאַנדער דער גרויסער איז געווען אַ נידערטרעכ־טיקער אימפּעריאַליסט און ממילא שוין אַ שונא פון די אַרבעטנדיקע מאַסן. איז אַ פּראָלעטאַריש קינד אין סאָוועטן־לאַנד נישט מחויב צו וויסן זיין נאָמען"...

מיט מיר פּערזענלעך האָט זיך נאָכדעם דער קאָמיסאַר איבערגעבעטן. ער האָט מיר אַפילו נאָכדעם געבראַכט אַ מתּנה: דעם מאַנוסקריפּט פון אַן אַרבעט

וואָס אַ ייִדישער געלערנטער האָט אים צוגעשטעלט. דאָרט באַווייזט יענער, לויט זיינער אַן אייגענער ביאָלאָגישער טעאָריע, אַז אויב אַ פּראָלעטאַריער האָט חתונה מיט אַ בורזשואַזן מיידל, איז דאָס אַ „ווידערנאַטירלעכער" זיווג. דערפון מוזן אַרויסקומען דעגענערירטע קינדער (מיין קאָמיסאַר האָט זיך דער־שראָקן, ווען כ'האָב אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג, אַז די גאַנצע אַרבעט איז אַ פּלאַגיאַט. איך האָב אים דערציילט — און געבעטן איבערגעבן אויך דעם ייִדיש־באָלשעוויסטישן „געלערנטן" — אַז אין דעם ווילנער גאונס חרם אויף די חסידים איז געשטאַנען, אַז מתנגדים זאָלן זיך, למען השם, נישט משדך זיין מיט חסידים ווייל אויף חסידישע טעכטער זאָגט דער פּסוק: „אָרור שוכב אם בהמה").

איך וואָלט געקענט צוזאַמענשטעלן אַ פיינע קאָלעקציע פון הונדערטער און הונדערטער אַנעקדאָטישע פאַלן, וואָס כאַראַקטעריזירן יענעם פּעריאָד פון כאָוועטישער געשיכטע און דעם טיפּ פון די נייע שררות, מיט וועלכע דער באָלשעוויזם האָט מזכה געווען דאָס לאַנד. אייניקע פאַלן זענען אַ סך מער טרויעריק ווי אַמוזירנדיק. נאָך דער קורצלעביקער דעניקין־אָקופּאַציע פון אוקראַינע, געדענק איך, האָט מען פלוצים, פון דער הוילער הויט, מאָביליזירט אַלע קיִעווער שוסטער. אַ פּאָר וואָכן בין איך אַרומגעגאַנגען מיט די פינגער פון די פיס מער אין דרויסן ווי אינעווייניק (איך בין דעמאָלט אין דער היני־זיכט, ברוך השם, נישט געווען קיין בן־יחיד) און עס איז אין דער גאַנצער שטאָט נישט געווען קיין שוסטער, וואָס זאָל קענען לייגן אַ לאַטע. געהייסן האָט עס. אַז די אַרמיי נייטיקט זיך אין שטיוול און די שוסטערס דאַרפן איצט נישט אַרבעטן — איך נוץ שוין מיין קאָמענדאַנטס לשון — פאַר „ציוויליזאַציע". אָבער קיין שטיק לעדער איז אין דער אַרמיי נישט געווען פאַר אַ רפואה און מ'האָט וואָכן־לאַנג נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט די מאָביליזירטע בעלי־מלאכהס. האָט מען זיי דערווייל געגעבן אַנדערע אַרבעט. זיי האָבן עס ווידער אויפגעבויט די בריק איבערן דניעפּער, וואָס דעניקינס אַרמיי האָט אויפגעריסן בשעת איר אַנטלויפן צוריק אויפן לינקן ברעג. אָבער אונטער דער לאַסט פון די ערשטע צוויי וואָגנס אָנגעלאָדן מיט תבואה האָט די מאָנומענטאַלע בריק געקראַכט — און אויב מיין זכרון דינט מיר, זענען מיט דעם קראַכן געווען פאַרבונדן אויך מענטשלעכע קרבנות. האָט דענסטמאָל קיינער פון אונדז נישט געהאַט נאַטירלעך קיין טענות צו די שוסטער. זיי זענען געווען גאָט די נשמה שולדיק און האָבן געטאָן וואָס מ'האָט זיי געהייסן. אָבער עס וואָלט איצט גע־ווען אינטערעסאַנט אויסצוגעפינען ווער איז געווען יענער סאָוועטישער איני־זשיניער וואָס האָט געבויט אַ גרויסע בריק מיט שוסטערישע הענט און מיט זיין טעכנישן וויסן און שכל. צי האָט ער אויך נישט געהייסן לייזערסאָן? און

צי איז ער געווען אַזאַ מושלם אין בריקן־בויען, ווי דער איצטיקער לייזערסאָן איז אין ענגלישער לינגוויסטיק?

***

ווער עס וויל מיינען, אַז איך רעד סתם אין דער וועלט אַריין לשון־הרע אויפֿן סאָציאַליסטישן פֿאָטערלאַנד, אין הסכם מיט מיין נישט־צום־היילן קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער טבע, זאָל זיך מטריח זיין און איבערלייענען לעונינס רעדעס און אַרטיקלען פֿונעם נעפּ־פּעריאָד. לענין האָט, פֿאַרשטייט זיך, געוווסט אַ שיין ביסל מערער איידער אַ פּשוטער סאָוועטישער בשר־ודם האָט געקענט וויסן וועגן דער לומדות און מעשים טובים פֿון דער באָלשעוויסטישער באַאַמטנשאַפֿט. קיינער אין רוסלאַנד האָט אין יענע יאָרן נישט גערעדט און נישט געשריבן (נישט געוואַגט צו רעדן אָדער שרייבן) מיט אַזויפֿיל ביטערקייט און סאַרקאַזם וועגן דעם פּאַראַזיטישן עם־הארצישן טשינאָווניק, וואָס האָט זיך איינגעגעסן אין סאָוועטישן אָרגאַניזם, ווי דאָס האָט געטאָן לענין. אין יענער צייט, ווען ער האָט מיט אַ באַזונדער צו־להכעיס געקלאַפּט אין טיש און געשריגן: „לערנט איך ביי דער בורזשואַזיע, גייט אין חדר אַריין צום קלאַסן־שונא, טרייבט אַרויס פֿון אַלע דעפּאַרטמענטן דעם עם־הארץ, דעם לא־יוצלח און דעם שווינדלער", האָט ער אויך געשאַפֿן זיין באַרימט וואָרט „קאָמטשוואַנסטוואָ": דאָס חוצפּהדיק־גראָביונגישע גרויסן זיך מיט דעם וואָס מ'איז אַ קאָמוניסט; דאָס פֿאָדערן פֿאַר זיך פּריווילעגיעס, אויך די פּריווילעגיע פֿון מעגן נישט וויסן און נישט פֿאַר־שטיין, אויפֿן יסוד פֿונעם פּאַרטיי־בילעט. אָבער לענינס קריטיק פֿון יענע יאָרן האָט, ווייזט אויס, ווייניק געהאָלפֿן. אין עצם רעזשים איז עפּעס פֿאַראַן אַזעל־כעס, וואָס גיט צופֿיל געלעגנהייטן דעם נישט־שעמעוודיקן הדיוט מיט די וולגאַר־אַגרעסיווע עלנבויגנס צו זיין אַ קופּץ בראש און טאַקע ווערן אַ ראש. לענין האָט געוואָלט היילן די קראַנקייט דורך בייזערן זיך אויף די סימפּטאָמען. וועגן דער סיבה פֿון דער עצם־קראַנקייט האָט ער אויך, ווייזט אויס, מורא גע־האַט צו טראַכטן. און דער סוף? דער סוף איז — טאָוואַרישטש לייזערסאָן חי וקיים. אָט יענער לייזערסאָן, וואָס איז במשך 23 יאָר פֿון סאָוועטישער מלוכה־שאַפֿט אַמאָל געזעסן אין דער פּראָווינץ און אַמאָל אין צענטער, אַמאָל געווען אַ רוס, אַמאָל אַ ייִד, אַמאָל אַן אוקראַיִנער, אָדער אַ לעט, וואָס הייסט אַמאָל פּעטראָוו, אַמאָל איוואַנאָוו און אַמאָל כאַטרובאַיטיס וואָס איז אָבער אין גרונט שטענדיק... לייזערסאָן, דער אייביקער לייזערסאָן פֿון דער רעוואָלוציע, דער צימבאָל פֿונעם ביטערן, ציניש, אומפֿאַרשעמטן עם־הארץ, פֿאַר וועלכן ס'איז גאָר נישטאָ יענע זאַך, וואָס ער קען זיך נישט אונטערנעמען צו טאָן

***

איך געדענק, אַז מ׳טאָר ניט צופיל גענעראַליזירן. ניט יעדער סאָוועטישער באַאַמטער איז אומפאַרמיידלעך אַ לייזערסאָן. אין די 23 סאָוועטישע יאָרן האָבן אין רוסלאַנד גענוג מענטשן פון פאָלק, אָן בילדונג, אָן דערציִונג, אָן פאַך־וויסן, אויסגעאַרבעט פון זיך, דורך אייגענער, נאַטירלעכער אינטעליגענץ, גוטע און פעיִקע אַדמיניסטראַטאָרן, דעם דניעפּראָסטראָי און דעם מאַגניטאָגאָרסק האָט מען מיט לייזערסאָנישע טאַלאַנטן ניט געקאָנט אויפבויען. דער אומגליק איז אָבער, וואָס אויף וויכטיקע פּאָסטנס וואָס טראָגן אויך אַ פּאָליטישן כאַראַקטער — און אַזעלכע פּאָסטנס זענען, אַ דאַנק דער סאָוועטישער סטרוקטור, פאַראַן צופיל — ווערן נאָך אַלץ, און אפשר אין די לעצטע יאָרן אָפטער ווי אַמאָל, באַשטימט מענטשן ניט לויט זייערע פעיִקייטן, וויסן, צוגרייטונג און צוגעפּאַסטקייט, נאָר לויט די סטאַליניסטישע סימנים פון לאָיאַליטעט. אָט די באַדינגונגען, די באַדינגונגען פון אַ קליקן־דיקטאַטור, זענען אַ גן־עדן פאַר די לייזערסאָנס פון די צענדליקער נאַציאָנאַליטעטן אין רוסלאַנד. אין וועגן געדיע דערציילט איצטער, אַז אַ פּאָר שיך איז אין רוסלאַנד נאָך אַלץ אַ שטיק לוקסוס; און מיט וואָס צוצונייען אַ קנעפּל צו אַ העמד איז נאָך אַלץ אַ פּראָבלעם; און קיין דירות אין די שטעט קען מען אויך איצטער ניט קריגן; און אַז אויך אין 1940 שטייען מענטשן לאַנגע שעהן אין דער ריי כדי איינצוקויפן שפּייז אָדער אַפילו אַ צייטונג — און אָפּטמאָל גייט מען אַהיים מיט גאָרניט — טראַכסטו זיך, אַז אין אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט, אין טראַנספּאָרט, אין דער אינדוסטריע און אין די קאָלכאָז־פאַרוואַלטונגען זיצן נאָך ביז היינטיקן טאָג צופיל לייזערסאָנס, צופיל מענטשן וואָס „לאָיאַליטעט” איז זייער פּראָפעסיע, זייער איינציקער „טאַלאַנט”.

.1940

נעגער

די נעגער־אויסשטעלונג איז שיקאַגאָ מוז זיין אַ שטאָלץ און אַ שטאַרקע דערמוטיקונג פאַר די 14 מיליאָן נעגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן. איר צוועק איז צו ווייזן, וואָס די שוואַרצע ראַסע האָט אויפגעטאָן אין אַמע־ריקע אין די פינף־און־זיבעציק יאָר פון איר עמאַנציפּאַציע. און ווי איך זע פון די ציטונגען, איז פאַראַן וואָס צו ווייזן.

די נעגער־פראַגע אין אַמעריקע איז נאָך זייער ווייט פון אַן ענדגילטיקער און צופרידנשטעלנדיקער לייזונג. לינטש־אַקטן האָבן זיך כמעט אָפּגעשטעלט, אָבער אַ שיין ביסל רעכטלאָזיקייט דאַרף ערשט באַזייטיקט אָדער אָפּגעשאַפט ווערן. אין דער געבענטשטער סאַוט פאַסירט נאָך איצטער נישט זעלטן, אַז אַ נעגער וואָס האָט גראַדויִרט פון האַרוואַרד אָדער יעיל קען זיך אין אַ דאָר־פיקן שטאָט נישט באַטייליקן אין וואַלן, ווייל ער האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם „טעסט״, וואָס אַ ווייסער האַלב־גראַמאַטנער עקזאַמינאַטאָר האָט אים געגעבן. אויך אין ליבעראַלערן צפון־חלק פון לאַנד ווערט נאָך אויף יעדן שריט און טריט דיסקרימינירט קעגן די „קאָלירטע״ — עקאָנאָמיש, סאָציאַל, פּאָליטיש, אָפטמאָל אפילו אין רעליגיעזן לעבן. אָבער ווער קען פאַרגלייכן זייער היינטיקע לאַגע מיט דעם, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט און וואָס זייער סטאַטוס איז געווען ביז 1865?

מיר איז ערשט נישט לאַנג צופעליק אויסגעקומען צו לייענען אַ דאָקו־מענטירטע באַשרייבונג פון אַ שטראָף, וואָס אַ נעגער האָט באַקומען פון זיין אַנגלאָ־זאַקסישן באַלעבאָס אין ווירדזשיניע אַ פּאָר יאָר פאַרן בירגער־קריג. ווען דער האַר איז מיד געוואָרן פון שלאָגן אים, האָט ער געצוווּנגען צוויי אַנ־דערע נעגער, אַ מאַן און אַ פרוי, צו טאָן זיין אַרבעט אויפן שוין צעקאַראַוואַ־שעטן נאַקעטן קערפּער פון דעם באַשטראָפטן. נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָפּגע־רוט, האָט ער אָנגעהויבן בראָטן מיט פייער איינצלנע טיילן פון זיין גוף — דעם רוקן, דעם בויך, נאָכדעם (אַ שפּאַס אַזעלכער איז דאָס געווען!)... זיין אבר־המין. נאָך דער עקזעקוציע האָט ער אים ערשט געהייסן אָפּוואַשן מיט וואַסער „צוגעווירצט״ מיט רויטן פעפער. עטלעכע שעה נאָך זיין באַד איז דער נעגער אויסגעגאַנגען. אַזעלכע שטראָפן זענען געווען נישט קיין פאַראיינצלטע פאַקטן ערשט צוריק מיט פינף־און־זיבעציק יאָר — נישט נאָר אין די פאַראייניקטע שטאַטן, נאָר אויך אין איניקע בריטישע קאָלאָניעס: עס איז גענוג זיך צו דער־מאָנען אין די שטראָף־עקספּעדיציעס, וואָס דער גאָווערנאָר פון דזשאַמײקאַ

פלעגט דורכפירן אויף זיינע נעגער — און אַז נישט מער און נישט וויניקער ווי קאַרלייל האָט דעם ענגלישן המון געגומען אונטער זיין „מאָראַלישן" שוץ.

עס איז שוין היינט נישט אינגאַנצן לייכט תופס צו זיין די מענטאַליטעט און די „לאָגיק" פון דעם אַמאָליקן שקלאַפן־האַר צו זיין „אייגנטום". אָפטמאָל קריגסטו דעם איינדרוק, אַז ער האָט די נעגער נישט באַטראַכט פאַר קיין מענטשלעכע באַשעפענישן, אַז זיי זענען פאַר אים געווען אַפילו נישט קיין אינפעריאָרע ראַסע, נאָר אַ מין בהמה בצורת מענטש. האָבן דאָך אין אונדזער מדינה עקזיסטירט, אַזוי צו זאָגן, נעגער־פאַרמס (אין דעם זעלבן זינען וואָס „טשיקען־פאַרמס" אָדער „רעביט־פאַרמס") — צו אַנטוויקלען צווישן די נעגער וואָס מער פריה־ורביה און אויסכאַווען שקלאַפן „פאַרן מאַרק", און ווי מ׳קען זען פון אַלטע אַמעריקאַנער פאַמיליען־כראָניקס, פלעגן זיך אַריסטאָקראַטישע און צניעותדיקע דאַמען נישט שעמען אויסצוטאָן נאַקעט אין דער אַנוועזנהייט פון שוואַרצע מענער: פאַראַוועט מען דאָך נישט קיין צניעות, פלעגן זיי זאָגן, פאַר אַ הונט אָדער פאַר אַן אָקס. פון דער אַנדערער זייט, פלעגט אָבער דער ווייסער פלאַנטאַטאָר אָנווענדן אויף זיינע נעגער דעם „פרינציפּ" פון שכר ועונש — שטרענג, ברוטאַל, סאַדיסטיש באַשטראָפן זיי פאַר זייערע „עבירות". אויף זיינע בהמות האָט ער נאַטירלעך קיינמאָל נישט געקוקט ווי אויף פאַראַנטוואָרט־לעכע, שטראָפבאַרע ברואים, און ער האָט אויף זיי קיין סאַדיסטישע עקזעקו־ציעס נישט געפּראַוועט. אָט גראָד, דוכט זיך מיר, דאָס באַהאַנדלען שוואַרצע קנעכט ברוטאַלער און רציחהדיקער פון חיות און בהמות, איז ערשט אַ באַ־ווייז, אַז ערגעץ־ווו אין זיין אונטערבאַוווּסטזיין האָט דער אַנגלאָ־זאַקסישער שקלאַפן־טרייבער זיך געפילט זינדיק פאַר דער באַליידיקונג פונעם צלם אלהים אויפן נעגער־פּנים, און האָט די דאָזיקע זינדיקייט־געפילן... דערשטיקט אין זיך מיט נאָך מער אכזריות.

ווען דער אַמעריקאַנער נעגער קומט היינט אויף דער שיקאַגאָ אויסשטעל־לונג מיט זיין „עבדים היינו" אין זיכרון, קען ער פון איר בשום אופן נישט אַוועקגיין קיין אַנטוישטער אָדער אַנטמוטיקטער. אויף דער אויסשטעלונג מוז ער זיך איבערצייגן, דערזען באַשיינפערלעך, אַז די 75 יאָר וואָס טיילן אים היינט אָפּ פון דעם עמאַנציפּאַציע־אַקט זענען נישט אַוועק אויף גאָרנישט. אין דעם פעריאָד איז אויסגעוואַקסן אין לאַנד אַ באַדייטנדיקער, נעגערשער מיטל־קלאַס, און מ׳קען שוין היינט נישט זאָגן, אַז די שוואַרצע ראַסע איז אינגאַנצן אַ פּראָלעטאַרישע. עס איז ביי זיי אויסגעוואַקסן אויך אַ גרויסע פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ, וועלכע הייבט אָן צו פאַרנעמען — לכל־הפּחות, אין זייער איי־גענעם לעבן — אַן אַלץ גרעסערן פּלאַץ. אויף דער אויסשטעלונג קען ער דער־זען אַזאַ וויכטיקן פאַקט ווי די עקזיסטענץ פון אַ גרויסער אייגענער פּרעסע

(גאַנצע 230 פּעריאָדישע פּובליקאַציעס) און ער האָט יעדן יסוד שטאָלץ צו זיין אויף זיינע צענדליקער נעגער־קאָלעדזשעס און אוניווערזיטעטן, ווו כמעט אַלע פּראָפעסאָרן און לערער זענען פון זיין אייגן פלייש און בלוט. ווי איך זע פון דער פּרעסע, קען ער אויף דער אויסשטעלונג קוקן אויף די וואַנט־מאַלערייען (געמאַכט געוואָרן פון וויליאַם סקאָט, אַ נעגער־קינסטלער מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלן נאָמען) מיט נישט ווייניקער שטאָלץ. זעט ער דאָך פאַר זיך די פּנימער פון זיינע גייסטיקע „פּני״: בוקער ט. וואַשינגטאָן, וועלכער האָט אַזויפיל בייגעטראָגן צו דער פאַרשפּרייטונג פון אינדוסטריעלער בילדונג צווישן זיין פאָלק; און דזשאָרדזש קאַרווער, וועלכער פאַרנעמט אַזאַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער בעמישער וויסנשאַפט פון אַמעריקע; און ר. ר. מאָטאָן, וועלכער האָט זיך קונה שם געמאַכט אַלס פירער פונעם טאַסקעגי אינסטיטוט; און דעם דיכטער פּאָול לאָרענס דאַנבאַר, און דעם שוישפּילער ריטשאַרד העריסאָן, און מעטיו הענסאָן, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין פּיעריס אַרקטישע פאָרשונגען ביים נאָרד־פּאָל; און דעם קאָנצערט־זינגער פּאָול ראָבסאָן און מעריאַן ענדערסאָן, וועלכע באַשיינט מיט איר זינגען שמחות אין ווייסן הויז. דער נעגער־באַזוכער פון דער שיקאַגאָער אויסשטעלונג מוז פילן, אַז ער האָט קיין סיבה נישט צו זיין געפאַלן אין זיינע אייגענע אויגן, און אַז ווי ביטער זיין לאַגע זאָל היינט נישט זיין, האָבן די יאָרן פון 1865 ביז 1940 באַוויזן, אַז ער האָט אַ האָפענונג אין אַ מאָרגן „און דאָך באַוועגט זי זיך״. פאַר דער שוואַרצער ראַסע שטייט די וועלט נישט אויף איין אָרט...

***

ווער קען זיך אונטערנעמען נביאות צו זאָגן, צי די נעגער אין אַמעריקע וועלן ווען עס איז באַטראַכט ווערן פון די ווייסע נישט נאָר פאַר יורידיש גלייכבאַרעכטיקט? מיין איינדרוק איז, אַז דאָס איז בלויז אַ פראַגע פון צייט, פון גובר זיין אין זיך „איינערדעדנישן״. מיין איינדרוק איז, אַז די ביאָלאָגישע מחיצה צווישן ווייס און שוואַרץ איז אין אַ זייער גרויסער מאָס אַן אויסגעטראַכטע. דיזעלבע פּראָנצוויזישע דאַמען, וואָס האָבן אַמאָל אויפן האַיטי־אינדזל געקוקט אויף נעגער (נוצנדיק היטלערס היינטיקן אויסדרוק) ווי אויף האַלב־מאַלפּעס, האָבן אָנגעהויבן האַנדלען גאָר אַנדערש נאָך דעם דערפאָלג פון דעם נעגער־אויפשטאַנד: דער שוואַרצער דיקטאַטאָר האָט אָנגעהויבן יעדן טאָג קריגן פון זיי אַזעלכע עראָטישע צערטלעכקייטן ווי לאָקן האָר און אַ מענגע ליבע־בריוו. וווּהין איז פאַרשוווּנדן געוואָרן דער באַרימטער „פיזישער עקל״, מיט וועלכן זיי האָבן זיך אָקאָרשט געפּעשטשעט? און וואָס איז געוואָרן פונעם קאָלאָניאַלפּראָנצוויזישן „געפיל פון חשיבות״, ווען זייערע מענער האָבן אָנגעהויבן גיין

צו די שוואַרצע גענעראַלן צו־גאַסט — פאַרברענגען מיט זיי, עסן און טרינקען בײַ זייער טיש? אָבער נאָך וואָס גייִן אַזוי ווײַט ווי קיין סאַנטאָ־דאָמינגאָ? איך גלייב היינט נישט אויך די ווײַסע אַני־ואַפסי־עוד׳ניקעס אין די פּאָראייניקטע שטאַטן אָדער אַפילו ספּעציעל אין דער סאַוט, אַז אַ נעגער־פּנים רופט בײַ זיי אַרויס „אומבאַקוועמע״ געפילן. אַ סך מער ווי אין דער נאָרט, ווערן אין דער סאַוט ווײַסע קינדער געהיטן און אויסגעקאָוועט פון נעגער־פרויען; די ווײַסע פרוי אין דער סאַוט לאָזט זיך באַדינען און אַרומגיין אַרום איר, ווען זי ווערט קראַנק (און ווען די סענסיטיוויטעטן זענען בײַ מענטשן אַ סך שאַרפער), פון אַ נעגער־נוירס; אין די „בעסטע פאַמיליעס״ געפינט זיך דאָרט די קיך אין נעגער־הענט, און איך האָב נאָך נישט געהערט, זיי זאָלן זיך מיאוסן צו עסן אין זייערע אייגענע היימען; פאַרן רייטנדיק לערנט זיך די פרוי פון דער סאַוט אויס פון שוואַרצע „גרומס״; איר שאָפער איז אַ נעגער; דער קעלנער אין רעסטאָראַן, וווּהין זי גייט פאַרברענגען, איז מערסטנטיילס אַ נעגער; דער פּולמאַן־פּאָרטער וואָס מאַכט פאַר איר דאָס בעט איז שטענדיק אַ נעגער — ווער מען וויל זי איינרעדן, אַז זי קען נישט איבערטראָגן דעם ריח פון אַ נעגעריש לייב, און ס׳הייבט איר אָן צו איבלען ווען אַ נעגער שטייט נאָענט לעבן איר?

מיליאָנען ווײַסע אַמעריקאַנער האָבן זיך היסטאָריש אַליין אַרײַנגעהיפּנאָטיזירט אין אַ מין מוקצה־באַציִונג צו דער שוואַרצער ראַסע, אָבער דער היפּנאָז פּלאַצט פון זיך אַליין, און די נאַטור צווינגט אָפט דורכצוברעכן דעם קינסטלעכן תחום פון באַציִונגען. אַפילו פון די בינו־לבינה־באַציִונגען. אַז „די קאָליר־גרענעץ עקזיסטירט נאָר אין טאָג־ליכט״, איז אַן אויסדרוק וואָס קלוגע און ערלעכע ווײַסע נוצן איצטער אומעטום — אין אַפריקע אַזוי גוט ווי אין אַמעריקע. ווען שוואַרצע וואָלטן טאַקע געווען סעקסועל אַזוי אָפּשטויסנדיק פאַר ווײַסע, ווי אייניקע ווילן אונדז נאָך איינרעדן, וואָלטן אין צענטראַל און זיד־אַמעריקע זיך נישט געשאַפן קיין נײַע ראַסן, וואָס זענען אַ געמיש, אין פאַרשיידענע פּראָפּאָרציעס, פון ווײַס און שוואַרץ (אָפטמאָל נאָך מיט אַביסל ברוין). ווער עס האָט זיך צוגעקוקט אויך אין צפון־אַמעריקע צו די טויזנטער און טויזנטער מולאַטאָס, וואָס זענען שוין דאָ פאַראַן און וואָס זענען, כּידוע, נישט געבוירן געוואָרן בלויז פון רוח־הקודש, מוז אָנערקענען אַז זיי זעען נישט אויס ווי „ביאָלאָגישע אויסוואורפן״, ווי זיי וואָלטן לויט אַ געוויסער שיטה אפשר געדאַרפט אויסזען, ווען צווישן ווײַס און שוואַרץ וואָלט טאַקע עקזיסטירט אַ נאַטירלעכע פיזישע אָפּשטויסונג. פון וואַנען נעמט זיך, אגב, בײַ מולאַטאָס, בײַ די אַזוי־גערופענע „באַסטאַרדן״, אַזאַ רייצנדע, באַצויבערנדיקע שיינקייט? אָסור, דוכט זיך מיר, צי אַזעלכע אויגן, נעזער, מײַלער, פּראָפילן און פיגורן,

ווי די וואָס מיר זעען אַזוי אָפט ביי מולאַטאָס, קענען שטאַמען פון אַ סעקסועלן לעבן, וואָס זאָל זיין אין דער בחינה פון... כאילו כפאו שד.

איך דערמאָן זיך איצטער אין די חנעוודיקע מולאַטאָ־קינדער, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זען אַ פּאָר יאָר נאָך דער וועלט־מלחמה אין דייטשלאַנד, אין די קלענערע שטעטלעך צווישן פראַנקפורט־אַם־מאַין און וויסבאַדן. די קינדער זענען געווען אַ פּראָדוקט פון צופעליקע זיווגים צווישן בלאָנדע דייטשע מיידלעך און שוואַרצע קאָלאָניאַלע סאָלדאַטן פון דער פראַנצויזישער אָקופּאַציע־אַרמיי. נאַציִשע ראַסן־עבודה־זרהניקעס, וואָס האָבן שוין דענסטמאָל אָנגעהויבן בושעווען אין דער דייטשער פּראָווינץ, האָבן געשריגן גוואַלט און גע־פּאָדערט, מ׳זאָל יענע קינדער „צוריקשיקן" קיין אַפריקע; היטלער קען ביז היינטיקן טאָג נישט מוחל זיין די פאַרפּעסטונג פון זיין ראַסע מיט נעגער־בלוט וועלכע די פראַנצויזן האָבן גורם געווען. אָבער די אַרישע מוטערס האָבן זייערע דריי־פערטל־שוואַרצע זינדלעך און טעכטערלעך געצערטלט נישט ווייניקער פון אַנדערע מוטערס, און קינדער (וועלכע זענען אין די זאַכן אַ סך בעסערע „פאַרשטייערס" פון זייערע דערוואַקסענע דערציִערס) האָבן זיך מיט זיי אַרומגשפּילט אַ סך גערנער, ווי מיט ווייסע קינדער.

אויך אַ נישט־מאַרקסיסט מעג דענקען, אַז די מחיצה צווישן ווייס און שוואַרץ איז הויפּטזעכלעך אַ סאָציאַלע, נישט קיין ביאָלאָגישע. מיט דער עקאָנאָמיש־קולטורעלן אויפשטייג פון דער נעגער־ראַסע, מעג מען האָפן, וועלן פאַרשווינדן די היסטאָריש־אויפגעשרויפטע „ריר־מיך־נישט־אָן"־געפילן, פון וועלכע עס ליידן נאָך ביז היינט מיליאָנען ווייסע.

***

די באַרימטע אומפעיִקייט פונעם נעגער גובר צו זיין אין זיך דעם סעקסועלן יצר־הרע, באַזונדערס ווען עס האַנדלט זיך אין ווייסע פרויען (זיין קרימינעלע גרייטקייט מאַנס צו זיין) איז מסתמא אַ שיין ביסל איבערטריבן. איך האָב די טעג אַריינגעקוקט אין ל. ר. דזשעימס׳ מאָנאָגראַפיע „היסטאָרי אָוו ניגראָ רעוואָלט" און האָב דאָרט געפונען אַ ריי אינטערעסאַנטע פאַקטן, וואָס הלוואי זאָלן זיך געוויסע ווייסע און נאָרדישע אַרמייען אָראָפּנעמען פון זיי אַ מוסר. אין אַפריקאַנער קאָלאָניעס זענען נישט איינמאָל געשאַפן געוואָרן סיטואַציעס, ווען די ווייסע מענער זיינען געווען פאַרנומען אין שלאַכטן קעגן נעגער־אויפשטאַנדן, און ווייסע פרויען — ענגלישע, האָלענדישע, דייטשע — זענען געבליבן אין געוויסע געגנטן אַליין מיט שוואַרצע רעבעלן, וואָס האָבן ציטווייליק פאַרכאַפּט שטעט און פּלאַנטאַציע־דערפער. די ווייסע זענען נאָכדעם געווען דערשטוינט אויסצוגעפינען, אַז די „שוואַרצע בעסטיעס" האָבן

זייערע פרויען און טעכטער, אין די מייסטע פאַלן נישט אַנגערירט. נישט איינ־מאָל האָבן אין יענע געגנטן נעגער־רעבעלן אוועקגעפירט מיט זיך ווייסע פרויען אַלס „משכנות״, אָבער ווען די שלאַכטן האָבן זיך געענדיקט מיט אַן אויסגלייך, זענען די געפאַנגענע פרויען צוריקגעבראַכט געוואָרן אַ היים און זעלטן ווען איינע פון זיי האָט געהאַט אַ יסוד זיך צו באַקלאָגן אויף זייער באַהאַנדלונג. די אַמעריקאַנער „רעיפּ־קעיס״־סטאַטיסטיק פאָרדינט מ׳זאָל זי שטרענג בודק זיין.

***

אַ פריינט, וועלכער האָט מער געלעגנהייט פון מיר צו באַאָבאַכטן דאָס אַמעריקאַנער נעגער־לעבן, האָט מיר נישט לאַנג דערציילט: נעגער פון אַ באַ־שטימטן טיפּ באַרימען זיך אָפט מיטן כח־גברא פון זייערע ראַסן־גענאָסן. זיי רופן אָן נעמען פון אַריסטאָקראַטישע ווייסע פרויען, פון ווייסע שוישפּילערינס און אַנדערע בכבודיקע פּאַרטרעטערינס פונעם שיינעם געשלעכט, וואָס האָבן אינטימע באַציִונגען מיט נעגער־מענער און קענען זיך נישט אָפּלויבן פונעם צויבער פון זייער סעקסועלער ענערגיע. איך ווייס נישט, צי און אין וועלכער מאָס דאָס איז אמת, אָבער מיין אינפאָרמאַטאָר האָט עס מיר דערציילט מיט אַ פּוין־אויבן־אַראָפּ־שמייכל: זעט נאָר, מיט וואָס מענטשן פון אַן אונטערדריקטער און באַליידיקטער ראַסע באַרימען זיך! איך מיין, אַז ער איז אומגערעכט. פאַר וואָס, לאָמיר זיין ערלעך מיט זיך אַליין, זאָל מען זיך דערמיט נישט באַרימען? כעקסועלע אימפּאָטענץ איז אַ חרפּה און אָפטמאָל אַ סימן פון דעגענעראַציע, און אויב מ׳דאַרף זיך שעמען מיטן מאַנגל פון כח־גברא, לייגט זיך אויפן שכל, אַז ס׳איז פאַראַן יסוד פאַר אַ ראַסע זיך צו באַרימען מיט סעקסועלער קראַפט און ענערגיע. דאָס איז פאַר אַ ראַסע עקזיסטענץ־גאַראַנטיע, האָפענונג, אין די לעצטע אַנאַליזן און „חשבונות״ אפשר דער מקור פון שעפערישע פּאָטענצן. דאָס האַרלעמער באַרימען־זיך האָט מסתמא נאָך אַ מאָטיוו: דער נעגער דעקט דערמיט אויף דעם שקר פון געוויסע טעאָריעס, אַז זיין ראַסע איז פיזיש אָפּ־שטויסנדיק. אָפּשטויסנדיק? — איז ער גרייט מיט אייך צו אַרגומענטירן — די פיינסטע און געשמאַקפולסטע ווייסע פרויען האָבן נעגער־געליבטע...

עס זענען געווען ציטן ווען ווערנער זאָמבאַרטן האָט זיך אפילו נישט גע־חלומט, אַז ער וועט אַמאָל ווערן היטלערס אַן אינטעלעקטועלער טעלער־לעקער. דאַן האָט ער געהאַט אַ שם פון אַ גרויסן אוהב־ישראל און פלעגט אויפטרעטן אויף ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען. איך דערמאָן זיך איצטער מיינס אַ באַגעגעניש מיט אים. ער האָט מיך ביי יענעם באַזוך אויטאָריזירט איבערצוזעצן אויף רו־סיש זיינס אַ ווערק. בשעת אונדזער לאַנגן און זייער סטימולירנדיקן שמועס

האָט ער מיר, צווישן אַנדערע זאַכן, אַ זאָג געטאָן: „פֿון וואַנען נעמען זיך ביי איך אַזעלכע אָנצייענדיקע פּרויען, ביי קיין שום אַנדער אומה ולשון באַצויבערן מיך נישט אַזוי די פרויען ,ווי ביי ייִדן. איך פאַרליב זיך אָפּט, און מערסטנטייל אין אברהם אָבינוס אור־אייניקלעך״.

איך מוז זיך מודה זיין: מיר איז עס דענסטמאָל געווען זייער אָנגענעם צו הערן. איז דאָס געווען דערפֿאַר, וואָס איך בין אויך אַ זון פון אַן אונטערדריקער ראַסע, אַ האַרלעמער בנוסח ייִד?

.1940

אַן ווידוי

ווען דעם אַז אַנרי בערגסאָן איז געוואָרן אַ קאַטאָליק, זענען אַהער דערגאַנגען קלאַנגען נאָך צוריק מיט עטלעכע יאָר. פּערזענלעך האָב איך עס די גאַנצע צייט נישט געוואָלט גלייבן. אויף ווײפל איך בין תופס זיין פילאָסאָפישן געדאַנקענגאַנג האָב איך אויך נישט געהאַט קיין יסוד דערצו. אָבער די טעג האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ באַשטעטיקונג פון יענע קלאַנגען. נאָך דעם אַרטיקל וואָס מאַדאַם ראַיסאַ מאַריטען (די פרוי פונעם באַקאַנטן פראַנצויזישן פילאָסאָף און טעאָלאָג, זשאַק מאַריטען) האָט פאַרעפנטלעכט אין דער ליבעראַל־קאַטוילישער „קאָמאָנוויל״, קען שוין, דוכט זיך, קיין ספק נישט זיין, אַז בערגסאָן איז אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט אַלס מיטגליד פון דער „אוניווערסאַלער״ קירכע. מאַדאַם מאַריטען איז בערגסאָנס אַן אַמאָליקע תלמידה. זי איז מיט אים יאָרנלאַנג געווען באַפריינדעט, און איצטער, נאָך זיין טויט, געפינט זי פאַר מעגלעך אויסצוזאָגן דעם סוד. פאַר בערגסאָנס אינטימען קרייז פון פריינט איז דער פאַקט פון זיין „שמד״, ווי מ׳קען זען פון איר אַרטיקל, די גאַנצע צייט נישט געווען קיין סוד. ער האָט זיי נאָר געבעטן, נישט צו פאַרעפנטלעכן דעם פאַקט, ווייל אַלס ייִד האָט ער נישט געוואָלט אָנטאָן קיין יסורים זיינע שטאָם־בירגער אין צייטן פון רדיפות און דערנידערונגען. ייִדן, האָט ער גע־פילט, וואָלט שטאַרק געקרענקט, ווען זיי דערוויסן זיך אַז איינער פון זייערע גייסטער, מיט וועמען זיי האָבן יאָרנלאַנג שטאָלצירט, האָט זיי אין אַן עת־צרה „פאַראַטן״.

אַלזאָ, וועגן פאַקט גופא איז שוין, דוכט זיך, קיין פלאַץ פאַר צווייפל נישטאָ. אָבער פאַרוואָס האָט עס בערגסאָן געטאָן? וואָס האָט אים, גראָד אויף די על־טערע יאָרן, אַזוי שטאַרק באַווירקט און וועלכע אידייע אָדער עלעמענט אין קאַטאָליציזם האָט אים צו זיך געצויגן מיט אַזאַ קראַפט, אַז ער האָט זי נישט געקאָנט ביישטיין? אייגנטלעך, דאַרף דאָס אונדז בלויז אינטערעסירן ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ מאַן פון בערגסאָנס גייסטיקן וווקס. פונעם עצם „שמדן״־זיך ווער איך נישט נתפעל. מיט איין קאַטאָליק מערער און מיט איין ייִד ווייניקער (כאָטש פרעגט מיך בחרם, אין וואָס פאַר אַ זין איז בערגסאָן זיין גאַנץ לעבן געווען אַ ייִד, אַחוץ זיין אָפּשטאַם פון אַ יחוסדיקער משפחה אין פוילן). אַפילו אַ ייִד וואָס איז מער און טיפער פאַרבונדן מיט ייִדן און ייִדיש לעבן האָט, אין תוך, אַ רעכט, ביי קיינעם זיך נישט צו פרעגן און ווערן אַ קאַטאָליק, אַ מאַכמעדאַנער, אַ מאָרמאָן און וואָס אין דער (רעליגיעזער) קאָרט, אויב ער

זוערט פּלוצים רעליגיעז באַצויבערט. ווי מאַדאַם מאַריטען דערציילט, זאָל בערגסאָן זיך האָבן אויסגעדריקט, אַז אין קאַטאָליציזם געפינט ער די דער־פילונג; די לעצטע, הייסט עס, און ענדגילטיקע השלמה פון ייִדישן גייסט. מילא, זאָל זיין אַזוי — לויט מיין פּערזענלעכן חשבון וואָלט איך אים מוחל געווען זיין קאַטאָליציזם, אַפילו ווען ער וואָלט נישט געווען די „העכערע מאַניפעס־טאַציע" פון ייִדישן גייסט — אויב די נייע אמונה האָט אים געגעבן אַ נייע און שטאַרקערע אחיזה אין לעבן. דער פאַרשטאַרבענער פּויפּסט האָט געהאַלטן אַז „גייסטיק זענען אַלע קאַטאָליקן און קריסטן בכלל — סעמיטן". איז דאָס געווען זייער פיין און נאָבל פון זיין זייט וואָס ער איז אַרויסגעקומען מיט אַזאַ מאמר גראָד אין די צייטן פון היטלערס אַנטיסעמיטישע גזרות און רציחות. אָבער צו אונדזער ענין קער זיך עס נישט אָן. אַ גרויסער העברעיִשער שריי־בער (מיכה־יוסף בערדיטשעווסקי) האָט יאָרנלאַנג געפירט אַ טעמפּעראַמענט־פולן, מאַמענטנווייז אַ היסטערישן קאַמף, קעגן „ייִדישן גייסט" בכלל און קעגן זיין סעמיטישן יסוד. ער האָט אים געזוכט „עוקר מן השורש" צו זיין. קיינעם פון אונדז איז נישט געקומען אויף דער מחשבה אים דערפאַר אויסצושליסן פון כלל־ישראל אָדער אים אַרויסצוגעבן אַן אַטעסטאַט פון אַן עוכר ישראל. ווען בערגסאָן וואָלט איצט געלעבט און וואָלט געהערט צום כלל־ישראל, בליי־בנדיק אַ קאַטאָליק, וואָלט איך אים פון „מיין קאָנגרעגאַציע" נישט אויסגע־שלאָסן. דעם פּאַרדרוס וואָס איך טראָג אויף אים האָט צו טאָן גאָר מיט עפּעס אַנדערש: פאַרוואָס האָט ער עס געהאַלטן פון אונדז בסוד? און פאַרוואָס האָט ער אונדז, בלינדע, פאַרבלאָנדזשעטע, רעליגיעז־צוריקגעשטאַנענע, נישט גע־געבן צו פאַרשטיין; פּראָסט און פּשוט נישט דערציילט, ווי אַזוי האָט דאָס מיט אים „פּאַסירט"? ווען און ווי אַזוי איז אין זיין לעבן פאַרגעקומען יענע „גילוי אליהו" אָדער גילוי פּאַולוס, וועלכער האָט אים פּלוצים געעפנט די אויגן, פאַר־פּלייצט זיין גייסט מיט אַ נייעם ליכט?

ווער עס וויל, קען גלייך געפינען אַ באַקוועמע פאָרמולע, כדי מלמד־זכות צו זיין אויף בערגסאָנען: רעליגיע איז אַ פּריוואַט־זאַך און קיינער איז נישט מחויב זיינע מיטמענטשן אָפּצוגעבן דין־וחשבון וועגן זיינע רעליגיעזע אַנ־שווינגען אָדער וועגן די ענדערונגען וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט. איך נעם אָן די דאָזיקע פאָרמולע און איך בין גאָרנישט אַזוי גרייט זיך אַריינצורייסן אין ביין שכנס אינטים לעבן. אָבער דאָך: עס איז פאַראַן אַ חילוק צווישן אַ ריעל־עסטעיט־בראָקער, וואָס נעמט פּלוצים אָן אַ נייעם גלויבן, און אַ פילאָסאָף. דער ערשטער איז מיר גאָרנישט שולדיק, ער איז נישט מחויב צו זיין בכח זיך אַליין אויסצוטייטשן די מאָטיוון פון זיין האַנדלונג. איך וואָלט אַפילו העיווּד ברון נישט אָנגעקוועטשט אויף אַ באַנק, אים אויסצופרעגן, פאַרוואָס און ווי אַזוי ער,

אַ געבוירענער פּראָטעסטאַנט און נאָכדעם, יאָרנלאַנג אַ משמש פון מאַרקסיס־פּיש־אַטעיִסטישע תלמידי־חכמים און אַן אַרויסהעלפער פון קאָמוניסטישע גבאים און גבאיטעס, איז פלוצים געוואָרן אַ קאַטאָליק. עס קען זיין, אַז זיין קאַטאָליציזם איז געווען נישט ווייניקער שטיפעריי, פלירט און פעליעטאָניס־טישע קונדסעריי ווי, פריִער, זיין פּראָ־קאָמוניזם. אָבער פאַר אַ פילאָסאָף, ווי בערגסאָן איז געווען; פאַר אַ מאַן מיט אַן אייגענער שיטה אין מעטאַפיזישן דענקען; פאַר איינעם פון די ראשי־המדברים אין דער אייראָפּעיִשער פילאָסאָפיע פון די לעצטע צוויי דורות — איז רעליגיע נישט קיין „פּריוואַט־זאַך". ווען בערגסאָן — נאָך אַ האַלבן יאָרהונדערט פון זיין קאַריערע אַלס פילאָסאָפישער שריפטשטעלער און לערער — פאַרשווייגט די מאָטיוון פון אַ האַנדלונג וואָס דאַרף באַטראַכט ווערן אַלס דער עפּילאָג פון זיין גייסטיקער לעבנס־דראַמע הייסט עס, אַז ער איז געווען מיט אונדז זייער באַרעדעוודיק וועגן אַלץ אין דער וועלט אַחוץ דעם עיקר, דעם עיקר פון אַלע עיקרים. וואָס קען דען זיין אַנטשיידנדיקער אינעם נשמה־גורל פון אַ מענטש מיט אַן אינטענסיוו־גייסטיקן לעבן, ווי דאָס אָננעמען אַ גלויבן אין די פאַרקלערט־מעלאַנכאָלישע יאָרן פון געזעגענען זיך מיט דער וועלט?

איך געדענק נאַטירלעך, אַז אויך צוריק מיט יאָרן איז אַרומגעגאַנגען אַ מימרא, אַז בערגסאָנס פילאָסאָפיש דענקען איז בכלל פון קאַטוילישן „שניט". אַזאַ רעקלאַמע האָבן אים געמאַכט סאַלאָן־קאַטאָליקן אין פראַנקרייך. זיי האָבן געזוכט אויסצופּלפּולן, אַז היות בערגסאָן איז אַזאַ שונא פון אינטעלעקטואַליזם; ווייל ער האַלט נישט אַז דער „שכל התחתון" קען שפּילן די ראָלע פון אַ וועלט־באַנעמער און עקזיסטענץ־דערגרונטעוועער און ווייל ער זוכט אויפצודעקן אין מענטשלעכן גייסט פעיִקייטן, וואָס צילן אַ סך נענטער צום שורש פון דער הויה איידער אונדזער „געאָמעטריש־אָרגאַניזירטער מאַרך" — מיינט ער אונטער יענע „חוצפּהדיקע שכלדיקייט", וואָס איז דער אַלטער שונא פון קאַטוילישן גלויבן. אָבער אויב קריטיק פונעם שכל־התחתון; אויב אָנצייכענען די גרענעצן ביז וועלכע יענער מעג זיך פאַרמעסטן צו גיין, פירט צו קאַטאָליציזם — אָדער איז אין תוך קאַטויליש — קענען מיר מיט דעמזעלבן רעכט פאַרשרייבן צווישן „קאַטאָליקן" אי שאָפּענהאַוערן (פאַר וועמען ווילן איז געווען אַ סך אַ גרעסערער „יש" ווי וויסן), אי ניטשען וועלכער האָט געמאַכט פונעם אינטעלעקט „אויסצודרייען", אי קאַנטן מיט זיין „פּראַקטישער", נישט־ראַציאָנאַלער פאַרנונפט, אי אַפילו יהודה הלוי און... שמואל דוד לוצאַטאָ. דאָס אַנטשיידנדיקע דאָ איז נישט, וואָס איינער האָט דעם קוראַזש צו זאָגן דעם אינטעלעקט „אָרעמער דאַך, וואָס קנאַקסטו?" וויכטיק איז, וואָס ער שטעלט אַוועק, אָדער אויף וואָס ער ווייזט אָן אָנשטאָט דעם אינטעלעקט. דער טיפּישער קאָ־

טאָליק אין אַזעלכע פֿאַלן גיט אונדז דעם אַדרעס צו דער קירכן־טראַדיציע, צו באַשטימטע דאָגמעס וואָס דאַרפֿן אָנגענומען ווערן אָן חקירות, צו אַ געוויסן פּלאַץ אין ארץ־ישראל ווו עס האָט זיך אין אַ באַשטימטן טאָג אָפּגעשפּיגלט אַ געטלעכע מיסטעריע. אָבער בערגסאָנס וועג פֿון אינטעלעקטואַליזם האָט אים געפֿירט נישט צו טראַדיציע, נישט צו וועלכער נישט איז אויטאָריטעטן־ירושה, און נישט צו אַ דאָגמע וואָס מוז זיין אמת „אַפֿילו ווען זי זעט אויס אַבסורד" — נאָר צו דעם קוואַל פֿון אינטויִציע און יחידישער וויזיאָנערישקייט. וואָס האָט זיין „אַנטי־אינטעלעקטואַליזם" צו טאָן מיט אַ ריטואַל, אין וועלכן ברויט ווערט פֿאַרוואַנדלט אין מענטשן־קערפּער און וויין אין מענטשן־בלוט־ מיט אַ גלויבן, אַז אַ באַשטימטער מאַן אין יעדן דור איז אָן חסרונות און אין זיינע (בלויז און נאָר אין זיינע) הענט געפֿינט זיך די שליסלען צו די שערי שמים? מיט אַן „איבערצייגונג" אַז ווער עס גייט אַוועק פֿון דער וועלט אָן דעם חסד פֿון דער קאַטוילישער קירכע וועט ווער־ווייסט וויפֿל יאָרן געבראָטן און גע־בראָטן ווערן אין גיהנום? אינדיווידועלע אינטויִציע האָט בערגסאָן געקאָנט זען אַ סך מער ביי פּראָטעסטאַנטישע מיסטיקער, ביי ייִדישע מקובלים, ביי אינ־דישע עקסטאַטיקער, ביי בעטהאָווענען און באַכן, איידער אין די סטאַטוטן פֿון אַזאַ מאָנאַרכיע אָדער טאָטאַליטאַרער מלוכה, ווי די קאַטוילישע קירכע. קאַטאָ־ליציזם, דאַרף מען, פֿון דער אַנדערער זייט, נישט פֿאַרגעסן, האָט אין משך פֿון יאָרהונדערטער אויסגעאַרבעט — ווי משונהדיק די זאַך זאָל נישט אויסזען — אַן אייגענעם „ראַציאָנאַליזם": אַ סיסטעם פֿון געקינסטלטער, „אַקראָבאַטיש־פֿילאָ־סאָפֿישער" און פּרוכטלאָזער חקירה — וואָס אין פֿאַרגלייך מיט איר, איז די אויבערפֿלעכלעכסטע מעטאָדע פֿון וויסנשאַפֿטלעכן דענקען ווי אַן אָאַזיס אין אַ מדבר.

עס איז גענוג אַריינצוקוקן אין בערגסאָנס לעצטן ווערק („די צוויי מקו־רות פֿון מאָראַל און רעליגיע"), וואָס דאַרף באַטראַכט ווערן אַלס זיין רעלי־גיעז־פֿילאָסאָפֿישער אני־מאמין, כדי צו זען, אַז אַלס פֿילאָסאָף האָט ער זיך אויף דער עלטער אויך נישט געענדערט. אויך אין דעם ווערק שטיצט ער זיך אויף די הויפּט־געדאַנקען פֿון זיין „שעפֿערישער אַנטוויקלונג", וואָס דאַרף פֿון יעדן קאַטאָליק באַטראַכט ווערן אַלס טריף־פּסול. אויך דאָרט איז ער זיך סומך אויף די דערפֿאַרונגען פֿונעם דאָגמאַטיש־נישט־געבונדענעם מיסטיקער און וויזיאָ־נער; אויף „קריסטנטום" וואָס קען לעבן אויסער דער קירכע און אָפֿטמאָל, להכעיס דער קירכע. אין דעם דאָזיקן ווערק, דאָס איינציקע פֿון זיינע שריפֿטן אין וועלכן ער דיסקוטירט דירעקט רעליגיע, האַלט ער אַפֿילו פֿאַר נייטיק פֿעסטצושטעלן, אַז „פֿון אונדזער שטאַנדפּונקט, וועלכער אָנערקענט די געט־לעכקייט פֿון „אַלע מענטשן", איז נישט וויכטיק צי יעזוס איז אויך געווען קריס־

טוס (דער דערלייזער) און עס איז אַפילו נישט וויכטיק, צי האָט ער טאַקע ווען עס איז עקזיסטירט. וואָס האָט אַזאַ באַציִונג צום קריסטנטום צו טאָן מיטן גלויבן, אַז ווען דעקאָראַטיוו־באַמאַנטלטע קאַרדינאַלן, נאָך לאַנגע טעג פון געהיימע פּאָליטישע פאַרהאַנדלונגען (און אַמאָל אויך אינטריגעס), אייניקן זיך אָנצורופן איינעם פון זייער קרייז „פּויפּסט" ווערט יענער דורכדעם אַליין (דורך וואָלן פון בשר־ודמס!) דער שטעלפאַרטרעטער פון דעם, וואָס איז אַמאָל געווען דער שטעלפאַרטרעטער פונעם רבונו־של־עולם אַליין? און אויב נישט־גלויבן אין דעם, וואָס־זשע הייסט עס דען ווערן אַ מיטגליד אין יענער „געשלאָסענער געזעלשאַפט" מיט אירע שטרענגע תקנות און רעגימענטירטן דענקען, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאַר די קאַטוילישע קירכע?

ניין, אין בערגסאָנס ווערק, פונעם ערשטן ביזן לעצטן, איז נישטאָ דער קלענסטער ממשותדיקער רמז אויף וועלכער־נישט־איז נטיה פון זיין זייט צו קירכן־קאַטאָליציזם. זיין שמדן־זיך איז געווען אַ פּלוצימדיקער שפּרונג, אַ קאַטאַסטראָפישער אויסברוך — נישט קיין נאַטירלעכער סוף פון אַ לעבנסלאַנגער אַנטוויקלונג.

***

בערגסאָן איז אונדז דערפאַר געבליבן שולדיק אַ דערקלערונג. פאַרוואָס־זשע איז ער אַוועקגעגאַנגען פון אונדז אַ בעל־חוב? און פאַרוואָס, ווי מען מעג משפּטן פון מאַדאַם מאַריטענס דערמאָנטן אַרטיקל, האָט ער אויך זיינע נאָענטע פריינט נישט דערציילט — לאָמיר שוין רעדן עוואַנגעליש — וועגן זיין „דמשק"? און פאַרוואָס האָט ער דעם עצם־פאַקט פון זיין שפּרונג געהאַלטן אַ סוד פאַר יידן, פאַר דער ברייטער עפנטלעכקייט בכלל? נישט געוואָלט מצער זיין זיינע שטאַם־ברידער אין מאַרטירערישע צייטן? אָבער איז דען דאָס באַהאַלטן און דאָס פאַרשוייגן פונעם וויכטיקסטן פאַקט אין זיין לעבן נישט קיין טיפע באַליידיקונג פאַר די זעלבע שטאַם־ברידער? אויב ער האָט מיטאַמאָל „דערזען ליכט", דאָס אמתע און אייביקע ליכט, פאַרוואָס עס נישט פּרובירן ווייזן פאַר די הולכי־חושך פון זיין „ראַסע"; אויך פאַר אַזוי פיל מיליאָנען און מיליאָנען נישט־יידן, צעטומלטע, גייסטיק־צעבראָכענע, דעזאָריענטי־טע און אַנטוישטע, גאַריקע און דורשטיקע — אַפילו ווען זיי ווייסן נישט נאָך וואָס זיי זענען גאַריק און אויף וואָס זיי זענען דורשטיק? „נישט געוואָלט", דערציילט אונדז מאַדאַם מאַריטען, „אָנטאָן יסורים יידן". אָבער אויב בערגסאָן איז טאַקע געוואָרן אַ קאַטוילישער מאמין, איז פאַרוואָס האָט ער נישט געהאַלטן אַז גראָד אין אַזאַ שווערער צייט, גראָד אין טעג פון מאַרטירערטום, איז ער מחויב אָנצו־

וויזן זיינע ברידער אויף אַן אויסוועג, אויף אייביקער טרייסט. אויף דעם ניי־געפונענעם לעבנס־קוואַל, וואָס קען קיינמאָל נישט אויסגעטריקנט ווערן?

עס איז נישט לייכט צו ענטפערן אויף די דאָזיקע פראַגן. מיר וויסן צו ווייניק וועגן בערגסאָנס פּריוואַטן און אינטימען לעבן, באַזונדערס פון זיינע לעצטע יאָרן. אָבער דאָס, וואָס ער האָט געמאַכט פון זיין קאַטאָליציזם אַ סוד, דער פאַקט וואָס ער איז געשטאָרבן אָן אַ פילאָסאָפישער ווידוי, צווינגט צו דענקען, אַז דער „שפּרונג" איז קיין ליידנשאַפטלעכע, סטימולירנדיקע דערפאַרונג אין זיין לעבן נישט געווען. ער איז שוין וואַרשיינלעך אויך גייסטיק געווען צו אַלט. זיין עצם וויטאַליטעט איז שוין משמעות געווען צופיל אויסגעשעפּט, כדי דורכצולעבן אַן עכטן, רעליגיעזן אויפציטער. בערגסאָן „דעם פּויפּסטס אַן אונטערטאַן" און דער קירכעס אַ קינד? נאָר אין אַ צושטאַנד פון גייסטיקער אונטערטעניקייט, אין קינדערשער פאַרלוירנקייט און דערשראָקנקייט, ווען דער קאָפּ איז ווייליק זיך צו בייגן פאַר יעדן וואָס זאָגט צו „שוץ" און לאָזט זיך טוליען צו זיך — האָט דאָס געקענט מיט אים געשען. אפשר טאַקע דערפאַר (און נישט ווייל ער האָט נישט געוואָלט פאַרשאַפן יידן קיין עגמת־נפש) האָט ער זיך ערגעץ־ווו אין האַרצן געשעמט מיט זיין באַקערונג — געשעמט זיך אויך פאַר נישט־יידן, אויך פאַר זיך אַליין. מיט אַ טייל פון זיין באַוווסטזיין האָט ער נאָך געקאָנט וויסן, אַז זיין „טויף־סאַקראַמענט" איז פאָרגעקומען נישט אין אַ מאָמענט ווען עפּעס האָט אין אים אויפגעבליצט אָדער אויפגעפלאַקערט, נאָר אין אַ בין־השמשות־שעה, ווען עפּעס איז אין אים אויסגעלאָשן געוואָרן. איך נעם אָן, אַז פסיכיש איז ער שוין געשטאַנען אויף יענער זייט פון „בגבורות". זיין קאַטאָליציזם איז געווען אַ פועל־יוצא נישט פון נייער, פּלוצים אויפגעוואַכטער (און, לאָמיר זאָגן, פאַרפירנדיקער) קראַפט, נאָר פון מיחוש.

**
*

כ'האָב שוין לאַנג נישט געזען קיין קאַטוילישן סידור, און איך געדענק נישט צי אין אים איז פאַראַן אַ תפילה אינעם גייסט פון יידישע תחנונים: „אל תשליכנו לעת זקנה"...

.1941

„נצח ישראל"

אפשר וואַלטן מיר אויפגעהערט צו נוצן ווערטער, אין וועלכע מיר לייגן נישט אַריין קיין שום אינהאַלט; ווערטער וואָס מיינען אַ סך פאַר עמעצן אַנדערש און קענען נישט מיינען דאָסזעלבע פאַר אונדז? אָט איז, למשל, אַן אַלט־אַלטער אויסדרוק — „נצח ישראל לא ישקר". די דאָזיקע פיר ווערטער זענען אומגעהייער־רייך אין אינהאַלט. זיי דריקן אויס טיפע אמונה, אפשר אַ גאַנצן וועלט־באַנעם, ווען זיי קומען פונעם מויל פון אַן אמת־גלייביקן טראַדיציאָנעלן ייִד. אַזאַ ייִד, ווען ער זאָל זיך אַ פרעג־טאָן, אין וואָס באַשטייט זיין ניכערקייט — אַז וואָס מיט ייִדן זאָל נישט פאָרקומען, וועלן זיי דאָך בלייבן ייִדן ביזן סוף פון אַלע דורות — ווייסט ער וואָס צו ענטפערן. די אייביקייט פון ישראל איז פאַר אים דאָס, וואָס ס'איז פאַר אַ וויסנשאַפטלעך־דענקנדיקן מענטש אַ פיזישער געזעץ. פרובירט איינרעדן אַ נאַטור־וויסנשאַפטלער, אַז שפּעטער מיט כך וכך יאָרן וועט דער געזעץ פון גראַוויטאַציע בטל ווערן — פשוט, מיר וועלן זיך אויפכאַפּן אין אַ שיינעם פרימאָרגן און אַ קוק טאָן אויף דער וועלט און פלוצים דערזען אַז אויס, זי גראַוויטירט שוין מער נישט — וועט ער מיט פולשטענדיקן רעכט אייך אָנזאָגן, אַז אָדער איר זענט משוגע געוואָרן אָדער איר האָט קיינמאָל אין תוך נישט פאַרשטאַנען וואָס גראַוויטאַציע איז. וואָס הייסט עפּעס, ייִדן וועלן אויפהערן צו עקזיסטירן? דאָס איז פונקט אַזוי מעגלעך, ווי אַ צווייטער מבול, נאָך דעם וואָס גאָט האָט חרטה געהאַט אויפן ערשטן און זיך געגעבן אַן ערד־וואָרט קיינמאָל מער אַזאַ עונש אויף דער וועלט נישט אָנצושיקן. וואָס הייסט עס, אַז ייִדן וועלן ווען־עס־איז אויפהערן צו זיין ייִדן? און ווו איז דער שומר ישראל, וואָס שלאָפט נישט און דרימלט נישט? און ווו איז דער שר האומה, וועמענס עובדה עס איז שטענדיק צו שטיין אויף דער וואַך? צווישן גאָט און ישראל געשלאָסן געוואָרן אַ „ברית", און דער רבונו של עולם איז נישט קיין „מפיר ברית", נישט קיין קאָנטראַקט־ברעכער. די וועלט זאָל בלייבן וועלט, נאָר קיין ייִדן זאָלן אין איר נישט זיין? גייט שוין, גייט! באַלד וועט איר זיך דערטראַכטן דערצו, אַז די וועלט קען בלייבן וועלט, נאָר די זון און די לבנה און די שטערן וועלן אויסגעלאָשן ווערן און פאַרוואַנדלט ווערן אין טויטע, קאַלטע שערבלעך. אַזוי טראַכט און אַזוי האָט אַ יסוד צו טראַכטן אַ ייִדישער מאמין. „נצח ישראל לא ישקר" איז דערפאַר פאַר אים נישט מליצה, נאָר אַ וועלט־אויפפאַסונג.

אָבער וואָס איז דער אינהאַלט פון די דאָזיקע ווערטער, ווען מיר הערן זיי פון „אנשי שלומנו", פון ייִדן וואָס האָבן שוין צו דער גאַנצער טראַדיציאָ־נעלער ייִדישקייט בלויז אַ ליטעראַרישע, אַן עסטעטישע, אָדער אַ קולטור־היס־טאָרישע באַציִונג? ווייסן זיי דאָך, אַז אין דער געשיכטע זענען געווען „פֿאָלקס־אייביקייטן", וואָס האָבן זיך געענדיקט. פֿאַרוואָס זשע זאָל זיך, אונטער גע־וויסע באַדינגונגען, נישט קענען ענדיקן אויך די ייִדישע פֿאָלקס־אייביקייט? גלייבן זיי אויך אין אַ שר האומה? שטעלן זיי זיך אויך פֿאָר, אַז אַן ייִדן וואָלט דער רבונו של עולם חרטה געהאַט אויפֿן גאַנצן עסק, אויף דער טירחה פון מעשה־בראשית? אַט דערמאָן איך זיך, ווי צוריק מיט אַ צוועלף אָדער פערצן יאָר — ווען ביאַליק, עליו השלום, האָט געדאַרפט אָנקומען אויף זיין באַזוך קיין אַמעריקע — האָט ער פון דער שיף געשיקט די היגע ייִדן אַ ראַדיאָ־גרוס. און פֿאַרענדיקט האָט ער אים מיט אַ פסוק „ואלהי ציון וירושלים יהי בעזרכם" (און דער גאָט פון ציון און ירושלים זאָל אייך באַהילפיק זיין). וואָס האָבן די דאָזיקע עטלעכע ווערטער פון ביאַליקן געמיינט, אויב זיי האָבן טאַ־קע געהאַט פֿאַר אים וועלכן־נישט־איז אינהאַלט? אָסור, צי כ'האָב עס דענסט־מאָל געוווּסט און אָסור, צי איך ווייס עס היינט. אויב ביאַליק האָט בכלל גע־גלייבט אין דעם „עיקר", לאָז איך איבער פֿאַר זיינע ביאָגראַפֿן און ספּעציעלע פֿאָרשער. פון לאַנגע שמועסן, וואָס כ'האָב מיט אים אַמאָל געהאַט אין בערלין און אין לייפּציג, האָב איך נישט געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער האָט די איב־טעלעקטועלע העזה צו גלייבן אין גאָט. אָבער ער האָט זיכער נישט געקענט גלייבן אין אַ גאָט, וואָס האָט אַ ספּעציעלע באַציִונג צו אַ פֿאָלק אַ ליבלינג און צו אַ לאַנד, ווו ער פילט זיך „היימישער" ווי אין אַנדערע טיילן פונעם אוני־ווערסום. קיינער, דוכט זיך מיר, איז אין אונדזער דור נישט געווען אַזאַ שונא פון מליצה ווי ביאַליק. דאָך איז ער אין דעם פֿאַל, ווי אין עטלעכע אַנדערע פֿאַלן, אַליין נכשל געוואָרן מיט נוצן אַ פסוק סתם זיך אַזוי — אפשר צוליב פֿאָלקסטימלעכקייט, צוליב „סטיליזאַציע".

מיר האָבן די טעג געהאַט אין ניו־יאָרק אַ קערמעשל, לכבוד לעשצינסקים נייעם בוך וועגן די סאָוועטישע ייִדן. איז דאָס קערמעשל אויך געווען נישט באַזונדערס בגילופינדיק. די מחשבות וואָס לעשצינסקיס געוויסנהאַפֿטע אַר־בעט רופֿט אַרויס זענען גאַנץ מרה־שחורהדיקע, „אונטערגענגערישע". אָבער אויך דאָרט האָב איך געהערט — און נישט פון קיין פּוסטע מיילער, נאָר פון מיילער וואָס בדרך כלל האָבן זיי עפּעס צו זאָגן — די אַלטע מימרא וועגן נצח ישראל. בישקשה אויך אין סאָוועטן־רוסלאַנד וועלן ייִדן בלייבן ייִדן. עפּעס וועט אויפֿפלאַקערן, עפּעס וועט אויפֿציטערן, נישט היינט איז מאָרגן, אויב נישט אונטער דיקטאַטור, איז אין אַ פרייהייטלעך־סאָציאַליסטישער געזעל־

שאַפט, וואָס וועט דאָך אַמאָל פאַרבייטן די דיקטאַטור. קיין באַדינגונגען האָט קיינער נישט געגעבן, קיין באַוויזן אָדער קיין לאָגישע השערות האָט קיינער נישט געבראַכט, אָבער דעם פסוק האָט מען געגוצט און דער פסוק האָט עס גע־דאַרפט ווירקן אָנשטאָט איבערצייגונג אויפן געמיט: „נצח ישראל לא ישקר".

מיט אַ פּאָר טעג פריִער, האָב איך זיך דאָרט דערמאָנט, איז מיר אויסגעקומען צו לייענען סעסיל ראָטהס אָפּהאַנדלונג וועגן דעם זעלבן ענין (אין די „דזשויִש סאָשעל סטאַדיס"). דער ענגליש־יִדישער היסטאָריקער, זע איך, האָט זיך אָנגענומען מיט קוראַזש. ער איז אַרויסגעקומען מיט ברוטאַל־קלאָרע ווער־טער וועגן דער איינרעדעניש, אַז די געשיכטע האָט אונדז אַרויסגעגעבן אַ מין פאַרזיכערונג־פּאָליסי אַז מיר וועלן קיינמאָל נישט אויפהערן צו עקסיסטירן. לויט ראָטהן קומט אויס, אַז דער נצח ישראל האָט שוין נישט איינמאָל — מעג מען רעדן אַזוי ווולגאַר? — „געשקרט". ער מאַכט פאַר אַלעמען אַ סטאַ־טיסטישן חשבון. אין דער צייט וואָס דאָס קריסטנטום איז אַנטשטאַנען האָבן אין ארץ־ישראל געלעבט קרוב צו דריטהאַלבן מיליאָן יִדן (אַנדערע היסטאָ־ריקער גיבן, אַגב, אָן אַ גרעסערע ציפער), אָבער אַחוץ דעם האָבן זיך שוין דענסטמאָל געפונען באַדייטנדיקע צאָלן יִדן אין אַנדערע לענדער, אין גלות. אָן אַלטער באַריכט ווייזט אָן, אַז אין די יאָרן פון אימפּעראַטאָר גלאַודיוס, אין ערשטן יאָרהונדערט פון דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג, האָבן זיך אויפן שטח פון דער דעמאָלטיקער רוימישער אימפּעריע געפונען אַרום זיבן מיליאָן יִדן. מען דאַרף נאָך צורעכענען צו דער ציפער מינימום אַ מיליאָן יִדן, וואָס האָבן אין דער זעלבער צייט געלעבט אין מעסאָפּאָטאַמיע, אין פּערסיע און אין אייניקע אַנדערע געגנטן. מיר וועלן וואַרשיינלעך זיין נאָענט צום אמת, אויב מיר וועלן אָננעמען, אַז אין אָנפאַנג פון דער קריסטלעכער עפּאָכע האָבן יִדן געציילט אַכט מיליאָן נפשות. אין די אַזוי גערופענע „פינצטערע דורות" און אין מיטלאַלטער זענען, לויט געוויסע מער אָדער ווייניקער באַגרינדעטע השערות, אין דער וועלט געווען נישט מער ווי צווישן אַ מיליאָן און אַנדערט־האַלבן מיליאָן יִדן. ווּהין זענען די איבעריקע יִדן פאַרשוווּנדן געוואָרן? אין די דאָזיקע יאָרהונדערטער, וויסן מיר, איז די אַלגעמיינע באַפעלקערונג פון דער אונדז באַקאַנטער וועלט פאַרקלענערט געוואָרן. גרויסע סכומים יִדן זע־נען אויך ספּעציעל אומגעבראַכט געוואָרן דורך רדיפות און דירעקטע שחיטות; אָבער דאָס דערקלערט נאָך נישט ווי אַזוי פון אַכט מיליאָן איז געוואָרן איינער אָדער אַ מיליאָן מיט אַ האַלבן. דער גרעסטער טייל יִדן, איז ראָטה גענייגט צו גלייבן, האָט זיך אין משך פון דורות פשוט אַסימילירט. אויף דערשיינונגען פון מאַסן־אַסימילאַציע קען מען זיך אָנשטויסן אויך אין אַנדערע פּעריאָדן. ראָטה דערמאָנט אונדז, למשל, אַז אין פּאָרטוגאַל האָט זיך דער רוב מנין פון

פּאָרטוגעזישע ייִדן אויסגעשמדט אין סוף פונעם פופצנטן יאָרהונדערט. אי־בערגייענדיק צו נייערע צייטן, שטעלט זיך ראָטה אַפּ אויף ענגלאַנד, וווּהין ייִדן האָבן זיך אומגעקערט צוריק מיט לערך דריי יאָרהונדערטער: וויפל ענג־לישע ייִדן, פרעגט ער, קענען היינט אָנווייזן אויף אַ יחוס־בריוו, וועלכער זאָל זיי פאַרבינדן מיט „אבות" וואָס האָבן זיך דאָרט באַזעצט נאָך דער רעוואָלוציע? זייער ווייניק. די מערהייט פון די איצטיקע ענגלישע ייִדן שטאַמען פון מזרח־אייראָפּעיִשע עמיגראַנטן, ספּעציעל פון רוסלאַנד, וואָס זענען אַהין אָנגעקומען סוף נייַנצנטן און אָנפאַנג צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. די „אמתע" ענגלישע ייִדן האָבן זיך אין זייער מערהייט אַסימילירט — דורך שמד, דורך געמישטע חתונות, דורך אומבאַמערקטע פאַרשווינדונגס־פּראָצעסן. ווען ייִדן וואָלטן זיך אין געוויסע פעריאָדן מאַסנווייז נישט אַסימילירט, וואָלטן איצטער, לויט ראָטהס קאַלקולאַציעס, געדאַרפט זיין אויף דער וועלט אַרום צוויי הונדערט מיליאָן ייִדן.

אויף קיין גלייכער פּראָגרעסיע־ליניע פון ייִדישער אַסימילאַציע קען ראָטה נאַטירלעך נישט אָנווייזן. עס איז דאָ גענוג וואָס אויסצוזעצן קעגן זיין גענעראַליזאַציע אַז „פאַרשווינדונג" איז, אַזוי צו זאָגן, דער געזעץ פון אונדזער עקסיסטענץ. ווען דער געזעץ וואָלט שטענדיק און אומעטום געווירקט, וואָלטן אָנשטאָט די מאַקסימום אַנדערטהאַלבן מיליאָן ייִדן וואָס האָבן געלעבט אין זיבעצנטן יאָרהונדערט, געדאַרפט איצטער זיין נישט מער ווי אַ פּאָר הונדערט טויזנט. פון וואַנען האָבן זיך, נאָך אַלע סטאַטיסטישע ירידות, מיט אַמאָל גע־נומען אין נייַנצנטן יאָרהונדערט אַכט מיליאָן ייִדן און אין אונדזערע יאָרן — גאַנצע זעכצן מיליאָן (און אפשר נאָך מער)? ראָטה טיילט נישט אַפּ גענוג צווישן אַסימילאַטאָרן און אַנוסים. ווען מען שטעלט גרויסע צאָלן ייִדן פאַר דער ברירה: אָדער שמד אָדער פיזישע פאַרניכטונג, אָדער שמד אָדער גירוש — און זיי גיבן זיך אונטער, שמדן זיך, און ווערן נאָכדעם פאַרלוירן אָדער ביאָלאָגיש איבערגעקאָכט אין אָרגאַניזמען פון אַנדערע פעלקער — איז דאָס נאָך נישט קיין באַווייז אַז מיר ווילן זיך אַסימילירן, אָדער אַז מיר קענען נישט ביישטיין קיין השפּעות פון פרעמדן לעבן און פרעמדע קולטורן. דאָס, וואָס מיר האָבן זיך אַזוי שטאַרק פאַרמערט אין נייַנצנטן יאָרהונדערט איז אַ סימן, אַז ווען מען רודפט אונדז נישט אָדער מען רודפט אונדז ווייניקער, זענען מיר אונטער געוויסע באַדינגונגען נישט אַזוי להוט נאָך אַסימילאַציע. די מעשה־פּאָרטוגאַל איז דערפאַר קיין באַווייז נישט, ווי עס איז נישט קיין באַווייז דער פאַקט, וואָס גרויסע צאָלן ייִדן זענען סוף פונעם פופצנטן יאָרהונדערט געבליבן אין שפּאַ־ניע, געוואָרן (דערווייל לפּנים) קאַטאָליקן און זיך געראַטעוועט פון גירוש. אַ סך איבערצייגנדיקער איז זיין אָנווייז אויף ענגלאַנד, ווו ייִדן האָבן זיך אַסי־

מילירט, אַזוי צו זאָגן, מאהבה, נישט מיראה. אַן ענלעכער פּראָצעס איז פאָר־געקומען אין איטאַליע. אין דייטשלאַנד וואָלט אויך היטלער געפונען בלויז אַ הייפעלע ייִדן, ווען עס וואָלט דאָרט נישט געקומען, אין די לעצטע עטלעכע דורות, קיין שטענדיקער צושטראָם פון מזרח־אייראָפּעיִשע אייִנוואַנדערער: ווען נישט די אָסט־ייִדן, וואָס זענען מיט דער צייט „גערמאַניזירט״ געוואָרן, וואָלטן איצטער אין דייטשלאַנד געווען אַ סך מער פּערטל, פינפטל און זעקסטל ייִדן איידער אַזוי גערופענע „ראַסן־ריינע״ ייִדן.

אָבער וואָס באַווייזט דאָס? האָט דאָס סתם צו טאָן מיט געאָגראַפיע? מעג מען זאָגן, אַז מזרח־ייִדן אַסימילירן זיך נישט און מערב־ייִדן יאָ? אָבער מזרח און מערב זענען נישט בלויז געאָגראַפישע באַגריפן, נאָר אויך היסטאָרישע. אין אַ געוויסן זין מעג מען זאָגן, אַז וואָס מערב איז היינט וועט מזרח זיין מאָרגן — אַז קאַפּיטאַליסטישע־ליבעראַלע ציוויליזאַציע, די אָפּשוואַכונג פון קירכן־אויטאָריטעט ביי קריסטן און פון רעליגיעזער טראַדיציע און „אינהי־ביציעס״ ביי ייִדן, מאַכן פון „מזרח״ — „מערב״. לעשצינסקי האָט אין זיין נייעסטער אַרבעט דעמאָנסטרירט אויך אַן אַנדער מאָמענט: אַז אויך אין אַ סאָ־ציאַליסטישער אָדער אַפילו פּסעוודאָ־סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט (סאָוועט־רוסלאַנד) קענען, אָדער מוזן, ווירקן אויפן ייִדישן לעבן די זעלבע אַסימילירנ־דיקע געזעצן, וואָס אין אַ ליבעראַל־קאַפּיטאַליסטישער. וואָס קענען דאָ העלפן פּסוקים, נצח־ישראל־איינרעדענישן, קינסטלעך־אַרויסגערופענע אתה־בחרתנו־ספּאַזמעס, דובנאָוויסטישע ועד־ארבע־ארצות־רעצעפּטן, כלערליי וועלטלעכע נאַציאָנאַליזמען, קולטורעלע אויטאָנאָמיעס, ייִדיש־ראָמאַנטיזמען, העברעיִש־סענטימענטאַליזמען און כל מיני טעאָ־לאָזע טעאָלאָגיעס, ווען דער עיקר פעלט? ווען עס פעלט יענע באַזונדערע מענטאַליטעט — וואָס נאָר זי קען פאַרוואַנד־לען אַ מינאָריטעט אין אַ מין אַריסטאָקראַטיש־עקסקלוזיוון קלוב, וואָס זיינע מיטגלידער מישן זיך נישט אויס מיט „סתם עולם״? אַזאַ מענטאַליטעט מאַכט מען נישט מיט די הענט, אויב זי איז שוין נישטאָ. מען שאַפט זי נישט דורך אַ טעאָריע אָדער אַ פאָרמולע. „אחד הרבנים המרגישים״, געדענק איך, האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט (אין זיין „כנסת ישראל ומלחמות הגויים״), אַז אַ גלויביקן ייִד מיטן תפילין־זעקל אין דער האַנט און מיטן תנ״ך אין קעשענע האָט ער נישט קיין מורא אָנועקצושיקן אַפילו איינעם אַליין אין די ווילדסטע מדבריות אָדער אין די גרעסטע כרכים מעבר־לים: אויב מען וועט אים פּי־זיש נישט פאַרניכטן, וועט ער דאָרט אַלס ייִד קיינמאָל נישט אונטערגיין. אָבער ווו נעמט מען אַ תפילין־זעקל און ווו נעמט מען אַפילו אַ תנ״ך וואָס זאָלן צו היינטיקע ייִדן רעדן מיטן זעלבן לשון, וואָס זיי האָבן גערעדט צו אַנדערע ייִדן, אין אַמאָליקע דורות (ווען דער אחד הרבנים המרגישים זאָל איצט לעבן, וואָלט

איך געהאַט די חוצפה אים צו עצהן, אַז אַנשטאָט תנ״ך זאָל ער זיין אימאַגינערן און אייזאַמען ייִד בעסער אַריינלייגן אין קעשענע דעם שולחן־ערוך: פאַרן באַזונדערן ייִדישן קיום איז ער אַ סך וויכטיקער ווי דער אוניווערסאַל־געוואָרענער תנ״ך)? איך געדענק נישט, ווער עס האָט געזאָגט (גערשענזאָן?), אַז דער אמתער חורבן אין דער ייִדישער געשיכטע איז נישט דער חורבן בית־המקדש, נאָר דער רעליגיעזער באַנקראָט פון די לעצטע פּאָר דורות; דאָס אָפּשטאַרבן פון דער רעליגיעזער טראַדיציע און גלויבן אַלס אַ טאָג־טעגלעכער, ווירקנדיקער כּוח. אָן זיין זאַפטיקער, אַלץ־אַרומנעמענדיקער, טאָטאַליטאַרער סעפּאַראַט־רעליגיעזער קולטור ווערט דער ייִד אַלץ מער און מער אַ מיטגליד פון אַ מינאָריטעט־גרופּע. און אַ מינאָריטעט־גרופּע — אויב זי האָט נישט קיין אחיזה אין אַן אירעדענטאַ־באַוועגונג, אָדער אויב זי לעבט נישט אין אַ סביבה מיט אַ צו נחות־דרגאַדיקער קולטור — האָט שוין אַזאַ טבע, אַז פריִער אָדער שפּעטער מישט זי זיך אויס מיט דער מאַיאָריטעט, אָדער רייבט זיך אַרום איר אַזוי לאַנג, ביז איר אייגענער קלסתר־פּנים ווערט אָפּגעריבן. אָפּטמאָל דוכט זיך מיר, אַז ערשט מיר, מאָדערנע ייִדן (אָדער ייִדן וואָס זענען געווען „מאָדערן״ איז אַמאָליקע עפּאָכעס), זענען איבערגעגאַנגען אין אַ צושטאַנד פון מינאָריטעט. וועגן דעם זאַפטיק־פרומען, אויף ייִדישקייט פיקסירטן געטאָ־ייִד איז גאָרנישט שייך צו זאָגן, אַז ער האָט געהערט צו אַ מינאָריטעט פון דער באַפעלקערונג. אַמבאַסאַדאָרן און קאָנסולן אין אַ פרעמד לאַנד זענען נישט קיין מינאָריטעט־גרופּע און זיי אַסימילירן זיך נישט. דער קלאַסישער גלות־ייִד, האָט זיך גאָר געפילט מעשה אַמבאַסאַדאָר אָדער קאָנסול פון זיינע אַ רעליגיעזן קעניגרייך; זיין הויז און משפחה זענען דערפאַר געווען אין אַ גרויסער מאָס „עקסטעריטאָריאַל״. אָט די עקסטעריטאָריאַליטעט האָבן מיר פאַרלוירן און איך גלייב נישט אַז ס'איז עפּעס פאַראַן וואָס זאָל קענען פאַרנעמען איר פּלאַץ, סיידן טאָקע — דאַרף איך בעטן אַנטשולדיקונג פאַרן פאַרטייאישן זשאַרגאָן? — „אַ טעריטאָריע״.

„נצח ישראל לא ישקר״? יאָ, אויב איר נעמט עס אין קאָנטעקסט פאַר אַ גאַנצער קולטור, פאַר וועלכער דער מאָדערנער ייִד טויג שוין נישט, פון וועלכער ער האָט זיך שוין האַפנונגסלאָז אויסגעלייזט. אָן דעם איז דאָס סתם אַ מליצה; אַ מליצה ווען עס רעדט זיך וועגן ליבעראַלן קאַפּיטאַליזם, אָדער סאָוועטיזם אָדער אַפילו וועגן אַ העכערן סאָרט סאָציאַליזם אַלס אַ ראַם פון ייִדישער עקסיסטענץ. ישראל אָן אלהי ישראל קען — אין לעצטן חשבון, אויב עמיצער וויל פאַרשטיין וואָס דאָס הייסט — האָבן אַ קיום נאָר אין ארץ־ישראל (אין דעם ארץ־ישראל וואָס ס'איז אונדז באַקאַנט אָדער אין „אַ״ ארץ־ישראל). אָן דעם איז ער סתם „ישראל״, אָן דעם עלעמענט פון „נצח״, ווי אַלע אַנדערע,

גוייִשע ישראלס, ווי אַלע צעשפּליטערטע מינדערהייטן. און וואָס טוען יענע מינדערהייטן? זיי לייגן זיך נישט אַוועק אויף דער גסיסה־באַנק און שיקן נישט דעם שמש נאָכן מלאך־המות, אָבער זיי ווייסן מער אָדער ווייניקער קלאָר דעם סוף און... נעמען אים נישט טראַגיש.

דאַרף זיך דערפאַר אַ ייִדישער מענטש אין אונדזער צייט אויסלערנען איינע פון די צוויי זאַכן: אָדער נישט נעמען טראַגיש דעם גאַנצן ענין פון יאָ קיום און נישט קיום, יאָ אונטערגאַנג און נישט אונטערגאַנג — אָדער זיך אויסלערנען נעמען זיין לאַגע רעאַליסטיש און ערנסט: קען מען נישט לעבן עקסטעריטאָריאַל, מוז מען אָנהייבן לעבן ייִדיש־טעריטאָריאַל.

***

כ׳האָב איבערגעלייענט מיינע לעצטע שורות און זיך פאַרקרימט: באַנאַל. די פּאַרמולע האָט שוין אַ באָרד, אַ לאַנגע און גראָע באָרד. איך אַליין האָב זי גענוצט ווען כ׳בין נאָך געווען אַ שנעק. אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז כ׳קען אייך היינט אַ סך ייִדן, ייִדן־פּקחים, ייִדן אַפילו איבערגעשפּיצטע און אַ וועלט־אויסגעוועזענע, וואָס האָבן אַזוי פיל מאָל די פּאָרמולע געהערט און זיך נאָך אַלץ אין איר נישט אַריינגעהערט?

***

יאָ, איין ייִד האָט מיך די טעג געטרייסט: וואָס? איר גלייבט נישט אין נצח ישראל? זענט איר גאָר אַ פאַנטאַזיאָר, אַן אוטאָפּיסט און וואָס אין דער אילוזיאָניסטישער קאָרט. נישט גלייבן אין נצח ישראל קען נאָר אַזעלכער, וואָס גלייבט אין דער וועלט, אין מענטשן און אין מענטשלעכקייט. אָבער די וועלט גייט צו רשעות און אין דער צוקונפט וועט מען אונדז, ייִדן, פיינט האָבן נאָך מער ווי איצטער. שנאה צו אונדז וועט זיין די מחיצה, און מ׳קען זיך נישט אַסי־מילירן מיט דעם, וואָס וויל דיך אומברענגען. ביי אייך קומט אויס אַז באַלד־באַלד הייבט זיך אָן אַ פּעריאָד פון קוצעניו־מוצעניו צווישן ייִד און גוי, זאָגט איר אונדז פאָראויס אַ מין מיתת־נשיקה. אָבער האָט נישט קיין מורא, די וועלט באַשטייט גאָרנישט פון האַלדזערס און קושערס, און „יצר לב הגוי אַנטיסעמי־טיש מנעוריו״. זיי וועלן שוין זען, אַז ייִדן זאָלן נישט אונטערגיין.

כ׳האָב אים גאָרנישט נישט געענטפערט, אָבער אַזאַ „נצח ישראל״ בין איך דער געשיכטע מוחל: פאַר מיר, פאַר מיין קינד און קינדס־קינד און — אָן אַ פולמאַכט — פאַר כלל ישראל.

.1941

„ביבל — איז דינאַמיט״

צוריק מיט דריי יאָר, אויפן וועג פון ענגלאַנד קיין אַמעריקע, האָב איך אויף דער „נאָרמאַנדי״ באַגעגנט אַן עלטערן פּראָפעסאָר פון דער טאָקיאָ־אוניווערסיטעט. מיר האָבן זיך צופעליק דעם ערשטן טאָג צערעדט, הערנדיק די פּאָליטישע ראַדיאָ־נייעס וואָס אַ שיף־באַאַמטער האָט אַנאָנסירט, און נאָכ־דעם פלעגן מיר שוין פאַרברענגען לאַנגע שעהן ביז די שיף האָט אונדז גע־בראַכט קיין ניו־יאָרק.

אַלע מאָנגאָלישע פּנימער זענען פאַר מיר מיסטעריעז און קיין סך האָב איך אויפן יאַפּאַנישן פּראָפעסאָרס פּנים נישט געקאָנט איבערלייענען. אויף זיין באַזוך אין אייראָפּע, אין ענגלאַנד און אין דייטשלאַנד, איז ער נאַטירלעך געווען אַלס „פּריוואַטע פּערזאָן״; ער איז, פאַרשטייט זיך, בלויז אַ געלערנטער און נישט, חס וחלילה, קיין רעגירונגס־באַאַמטער אָדער דיפּלאָמאַט. אָבער צו־פעליק האָט ער אין אָקספאָרד און אין קעמברידזש געהאַלטן פאָרטראַגן וועגן יאַפּאַנס מיסיע אין וויטן מזרח; צופעליק האָט ער געהאַט לאַנגע שמועסן מיט ענגלישע מלוכה־לייט און מיליטער־עקספּערטן; צופעליק איז ער אויפגענומען געוואָרן אין בערלין פון די נאַציישע „פּני״; צופעליק רעדט ער רוסיש און האָט דריי מאָל דורכגעמאַכט דעם וועג פון וולאַדיוואָסטאָק קיין מאָסקווע. זופנדיק טונקעלן ביר און דערציילנדיק מיר וועגן זיך — עפּעס וואָס מיר דערוואַרטן נישט, בדרך כלל, פון אַ יאַפּאַנער — האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק, אַז זיין גאַנצע קאַריערע איז צונויפגעשטופּעוועט פון צופאַלן. על־פּי צופאַל האָט ער, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, רעפּרעזענטירט עטלעכע מאָל אויף די יאַפּאַ־נישע רעגירונג אויף אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן (אין די אַלע פאַלן איז דער באַטרעפנדיקער פּראָפעסיאָנעלער דיפּלאָמאַט געווען קראַנק און מ׳האָט געמוזט אָנקומען צו אַ „סאָבסטיטוט״), און אויף איינער פון אַזעלכע קאָנפע־רענצן האָט ער זיך באַפריינדעט מיט מעלקאָלם מעקדאָנאַלד. ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק, לאָזט זיך אויס, האָט ער ביי אים געגעסן מיטאָג און זיי האָבן צו־זאַמען דיסקוטירט „אַזיאַטישע פּראָבלעמען״.

איך האָב דעם יאַפּאַנער געלאָזט וויסן, אַז צו „אַזיאַטישע פּראָבלעמען״ האָב איך אויך עפּעס אַ גורלדיקן שייכות. ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז ער רעדט מיט אַ ייִד — און מיט אַזעלכן וואָס האָט אַן אינטערעס אין ארץ־ישראל — האָט ער מיך אָנגעהויבן צו באַשיטן מיט שאלות. ער האַלט שטאַרק, האָט

ער מיר דערקלערט, פון ציוניזם, אָבער די ציוניסטן טויגן נישט: אַ לאָקאַל מלוכהלע אין ארץ־ישראל איז, לויט זיין מיינונג, אַ צו קליין היטל אויפן גרויסן יידישן קאָפּ. אויב יידן איז שוין באַשערט נאָכאַמאָל צו ווערן „אַ נאַציע״, דאַרף עס זיין מיט אַ קנאַק — דאַרפן זיי ווערן, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, „די יאַפּאַנער פון נאָענטן מזרח״, שאַפן אַ העברעיִשע אימפעריע, „אָרגאַניזירן״ אַרום ארץ־ישראל און אונטער איר השגחה אַלע אַראַבישע לענדער, אַריינברענגען אין זיי אָרדענונג און אָנווייזן יעדן פון די לענדער דעם פּלאַץ וואָס עס דאַרף פאַרנעמען אין אַ גרעסערן אינדוסטריעלן אָרגאַניזם. אויב נישט קיין סעמיטישע אימפעריע מיט יידן אַלס דער הערשנדער עלעמענט, לוינט זיך פאַר אונדז דער גאַנצער עסק נישט. אָבער ציוניסטן, אויף וויפל ער איז מיט זיי פון וויטן באַקאַנט, לעבן נאָך אין אַ וועלט פון בלוטלאָזע, ליבעראַלע און פּאַסיפיסטיש־דעמאָקראַטישע אילוזיעס.

אין די טעג וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין ענגלאַנד האָט זיך שוין דאָרט געפילט אין דער לופט דער „ריח״ פון נייע אַנטיציוניסטישע גזירות אין ארץ־ישראל. בין איך געווען נייגעריק צו וויסן, צי האָט דער יאַפּאַנער, ווען ער האָט זיך געטראָפן מיטן דעמאָלטדיקן קאָלאָניאַל־מיניסטער, נישט באַרירט אויך אונדזער „אַזיאַטיש פּראָבלעם״. דער ענטפער וואָס ער האָט מיר אויף דעם געגעבן איז פאַר יענע טעג געווען אַביסעלע פּיקאַנט. מיין פּראָפעסאָר האָט בפירוש יאָ געוואָלט שמועסן מיט מעקדאָנאַלדן וועגן ארץ־ישראל, אָבער יענער האָט זיך אויסגעדרייט מיט אַ קורצער, כאָטש זייער כאַראַקטעריסטישער באַמערקונג: “This is not a problem, it's just a chronic headache.”

— און ווייסט איר — האָט מיר דער יאַפּאַנער געזוכט צו פאַרטייטשן — פאַרוואָס ער באַטראַכט עס פאַר אַ כראָנישן קאָפּווייטיק? ווייל אָדער ער ווייסט, אָדער ער פילט עס אינסטינקטיוו, אַז אַ יידיש ארץ־ישראל איז מער ווי ארץ־ישראל; אַז מיטן עסן וועט קומען דער אַפּעטיט, און אַלץ איינס ווי וויניק עקספּאַנסיע־טעמפּעראַמענט די מאָדערנע ציוניסטן זאָלן נישט אַרויסווייזן — זאָלן זיך נאָר באַזעצן אין ארץ־ישראל צוויי־דריי מיליאָן יידן, וועט זייער ממשלה אין איין דור צייט אָנשפּאַרן אין באַגדאַד, אין מעקאַ און מעדינאַ, און, ווער ווייסט, אפשר אויך אין קאַיראָ און אין סודאַן. דער ציוניזם האָט נאָך נישט באַוויזן צו אַנטוויקלען אין מאָדערנעם ייד דעם אימפּעריאַליסטישן אַפּעטיט, אָבער דאָס איז אַ פראַגע פון צייט. איך שטעל מיר נישט פאָר, אַז אַזאַ באַגאַבטע און טעמפּעראַמענטפולע ראַסע ווי יידן זענען זאָל זיך, נאָך צוויי טויזנט יאָר יסורים און נישט פאַרווירקלעכטע טרוימען, איצטער וועלן באַנוגענען מיט אַ מין אַזיאַטישער נאָרוועגיע אָדער דענעמאַרק. וואָס יאַפּאַנער איז באַשערט צו ווערן אין וויטן מזרח, אין כינע און אין אינדיע, אין בורמאַ און אין סיאַם,

דאָס איז ייִדן באַשערט צו ווערן מיט דער צייט — און דורכן ציוניזם — אין נאָענטן מזרח. אַזאַ בחור ווי מעקדאָנאַלד זעט עס, פּילט עס בחוש — קוקט ער טאַקע אויף ייִדן, ווי אַבסורד דאָס זאָל היינט נישט קלינגען, ווי אויף פּאָטענציעלע קאָנקורענטן, אַלס אַ שטאַרקע אימפּעריאַלע קראַפט.

איך האָב דעם יאַפּאַנער אָפּגעדאַנקט פאַר זיינע קאָמפּלימענטן און אויסגעדריקט מיין ספק אויב דאָס איז טאַקע די ריכטונג, אין וועלכע די געשיכטע פירט ייִדן, און צי עס איז בכלל פאַראַן אין דער צוקונפט פּלאַץ פאַר אימפּעריאַליזם, פון וועלכן די וועלט מוז פריִער־שפּעטער פּטור ווערן. מיר איז אָבער געווען אינטערעסאַנט אויסצוגעפינען, פון וואַנען מיין יאַפּאַנער האָט עס געקראָגן זיין „וויסן" אָדער זיינע איינדרוקן פון ייִדן. ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט אַ ריי יאָרן שטודירט אין דייטשלאַנד, אַ שטיק צייט אַפילו געזעסן אין מאַרבורג און גענומען אַ קורס ביי הערמאַן כהן. ער האָט אַפילו ערשט צוריק מיט עטלעכע וואָכן איינגעאָרדנט, אַז זיינער אַ ייִדישער פּראָפעסאָר פון רעכט, וואָס האָט זינט 1933 שוין געלעבט פון קצבה, זאָל איינגעלאַדן ווערן קיין יאַפּאַן אַלס לערער אין אַ דאָרטיקער אוניווערזיטעט.

דעם לעצטן אָוונט וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אויף דער שיף האָבן מיר דיסקוטירט, דערמאָן איך זיך, רעליגיעזע ענינים. דענסטמאָל האָב איך געהערט פון אים אַ זאַץ, וועלכער האָט די טעג פיגורירט אין אַ טעלעגראַמע פון טאָקיאָ:

— די ביבל איז דינאַמיט. און ווען איך זאָג די ביבל, מיין איך בלויז דעם אַלטן טעסטאַמענט. דער נייער טעסטאַמענט איז האַרמלאָז — קליינשטעטלדיק, קינדיש, פּרוויִש, סענטימענטאַל. איך וואָלט נישט וועלן, איר זאָלט מיך מיספאַרשטיין. מיר זענען ביידע דערוואַקסענע מענער און אייך וועט מסתמא נישט שאָקירן, אויב איך וועל אייך זאָגן, אַז די מאָדערנע מלוכה, ריכטיקער, די מאָדערנע אימפּעריע, דאַרף זיך באַציִען צו רעליגיעזע ענינים און רעליגיעזער ליטעראַטור פּראַגמאַטיש. איז עס גוט פאַר די אינטערעסן פון דער אימפּעריע, דאַרף מען עס דערמוטיקן; איז עס שלעכט אָדער קען ווערן שעדלעך, דאַרף מען עס אויסוואָרצלען. לויט דער פּראַגמאַטישער מעטאָדע וואָלט איך דערפאַר אין יאַפּאַן גופא דערמוטיקט דאָס לייענען פונעם אַלטן טעסטאַמענט, אָנשטאָט בודיסטישע ספרים וואָס זענען נאָך ביי אונדז צופיל פאַרשפּרייט און טראָגן מיט זיך דעם גיפט פון פּאַסיוויטעט, פּאַציפיזם און כלערליי גייסטיקע מיחושים. די מעשה מיט די מרגלים און דאָס בוך יהושע, למשל, וועלן אַ מאָדערנעם יאַפּאַנער שטאַרק סטימולירן; די דעראָבערונג פון כנען איז בכלל איינע פון די פּראַכטפולסטע געשיכטעס אין דער וועלט־ליטעראַטור — אַ געשיכטע פון מענער מיט מענעריש בלוט. אמת, עס זענען פאַראַן אויך אין אַלטן טעסטאַמענט טיילן

וואָס רופן אַרויס „געפּערלעכע מחשבות״ (אַן אויסדרוק, וואָס איז איצט זייער פּאָפּולער אין יאַפּאַן און איז אַפילו געוואָרן אַ פּאָליציי־טערמין). אָט איז, למשל, פון מיין שטאַנדפּונקט, אַ דעמאָראַליזירנדיקער סיפור־המעשה, אין שמואל א׳ — וועגן דעם נביא וואָס וויל איינרעדן דעם פאָלק, אַז עס דאַרף קיין קעניג נישט האָבן און אַז ווו קעניגטום דאָרט איז אוניווערסאַלע שקלאַפערײַ. פאַר יאַפּאַן טויג דאָס נישט. אין יאַפּאַן דאַרף יעדער וויסן, אַז דער מיקאַדאָ איז פון געטלעכן אָפּשטאַם; אַז אויב ער האָט די געטער באַליידיקט קען ער נאָך תפילה טאָן און זיי זאָלן אים מוחל זיין — אָבער אויב דער מיקאַדאָ פילט זיך פון אים באַליידיקט, דאַרף ער באַגיין כאַרי־קירי. אַן דעם קעניג איז נישטאָ קיין נאַציאָנאַלע איינהייט, ווערן מיר פולווערייזירט און צוויי כינעזישע גענע־ראַלן מיט אַ פּאָר טוץ געדונגענע באַנדיטן קענען אונדז נעמען מיט די הויל־העגט. אָבער אויך דער סיפור־המעשה איז, סוף־כל־סוף, נישט אַזוי געפערלעך, ווי כ׳האָב אַמאָל געמיינט. ווייל דער זעלבער שמואל (אויך אַ פּראַגמאַטיקער, ווייזט אויס, און נישט קיין פּרינציפּן־משרת), גיט אויף זיין רעפּובליקאַניזם אָדער זיינע טעאָקראַטישע פאַנטאַזיעס און זאַלבט שאולן פאַר אַ קעניג איבער ישראל. איז דאָס דען נישט דער גרעסטער פּאַראַדאָקס אין דער געשיכטע? אָט פון דעם רעפּובליקאַנער, אָדער אַנאַרכיסט, אָדער איך ווייס אַליין נישט ווי אים אָנצורופן, שטאַמט דער ריטואַל פון קרוינען אַ מלך, ביי וועלכן מ׳האַלט זיך אין איראָפּע ביז היינטיקן טאָג; קענט איר זיך פאָרשטעלן אַ קאָראָנאַציע אין ענגלאַנד אָן זאַלבונג, אָן די עטלעכע טראָפּן בוימל, מיט וועלכע דער הויפּט פון דער קירכע (שמואל הנביאס שטעלפאַרטרעטער) באַנעצט דעם נייעם קע־ניגס קאָפּ? דער אַלטער טעסטאַמענט קען, לויט מיין מיינונג, ווערן „רעקוואַירד רידינג״ אין יאַפּאַן. אָבער נישט דער נייער. אַ קעניג וואָס הענגט אויפן קרייץ און וואָס אין דעם באַשטייט זיין „מאַיעסטעט״ — דאָס איז פרעמד דער יאַפּאַ־נישער סאַמוראַיען־נאַטור. און הייבט אַזאַ בילד אָן צו זיין פאָרשטענדלעך, און פאַנגט עס אָן צו רעדן צו דער פאַנטאַזיע — איז אויס מיט אונדז; ווערן מיר פאַרוואַנדלט אין אַ שבט פון דעגענעראַטן. אָבער דאָס אַלץ איז גערעדט וועגן יאַפּאַן גופא, נישט וועגן אירע קאָלאָניעס. אין אונדזערע קאָלאָניעס וואָלט איך, פאַרקערט, דערמוטיקט דאָס לייענען פונעם נייעם טעסטאַמענט — זאָלן זיך די „אָרעמע טייוואַלים״ דערקוויקן זייערע נשמות מיט פרומער הכנעה און מיט יענע־וועלט־טרוימען. ניטשע איז אפשר גאָר נישט געווען אַזוי אומגערעכט. אָט דער גיפט פון עוואַנגעליום איז אפשר אַ גוטע מעדיצין פאַר שקלאַפן־פעלקער, פאַר באַזיגטע און באַהערשטע. איך האָב גאָרנישט דאַקעגן, אַז דער נייער טעסטאַמענט זאָל ווערן אַ טיש־בוך אין קאָרעאָ, אין פאָרמאָסאָ און — שאַקירט איך מיין ציניזם? — איך וואָלט אַפילו געגעבן אַ רעגירונגס־סוב־

סידיע די איראָפּעיִשע מיסיאָנערן וואָס קומען אַהין מיט זייער בלאָסן און גע־קרייציקטן „פּרינץ פון שלום" און... פון געדולדיקער הכנעה. דערפאַר אָבער וואָלט איך פאַר די קאָלאָניעס פאַרבאָטן דעם אַלטן טעסטאַמענט. די „געטיטיווס" קענען נאָך דאָרט פּיקסירט ווערן אויף אַזאַ געשטאַלט ווי משה, אויף אַ נאַ־ציאָנאַלן העלד און פאָלקס־באַפרייער. דערמאָנט איך, וואָס פאַר אַ ראָלע אייער ספר־הספרים האָט געשפּילט אין דער ענגלישער רעוואָלוציע: דער חומש און קאַפּיטלעך תהילים זענען געווען דאָס וויכטיקסטע געווער אין די הענט פון אָליווער קראָמוועל"...

***

מיין יאַפּאַנישער פּראָפעסאָר, וועלכער איז געווען אַזוי אומיאַפּאַניש באַ־רעדעוודיק און אָפנמויליק, איז ביי מיר די טעג אויפגעשווומען אין זכרון, ווען כ'האָב אין אַ טעלעגראַמע פון טאָקיאָ איבערגעלייענט אַ זאַץ וואָס כ'האָב גע־הערט פון אים: „ביבל איז דינאַמיט".

אין דער טעלעגראַמע האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ נייער גזירה. די יאַפּאַ־נישע רעגירונג האָט פאַרבאָטן אין קאָרעאַ דאָס פאַרשפּרייטן און לייענען פון דער ביבל און אַ „ספּאָוקסמען" האָט דאָרט דערקלערט צו אַ גרופּע אויסלענ־דישע קאָרעספּאָנדענטן, אַז „פאַר די קאָרעאַנער איז ביבל דינאַמיט".

האָב איך אַ שטיקל חשד, אַז דער פּראָפעסאָר, מיט וועלכן כ'האָב עטלעכע מאָל געטרונקען ביר און אַרומשפּאַצירט איבערן לאַנגן דעק פון דער „נאָר־מאַנדי" האָט אַ חלק אין דעם נייעם דעקרעט. ס'איז זיין געדאַנקען־גאַנג און זיין „דיקציע". אויף יאַפּאַן גופא איז דער פאַרבאָט נישט חל — דאָס הערן־פאָלק מעג וויסן פון משה־רבינו און פון יציאת־מצרים; אָבער זאָלן פון דעם וואָס וויניקער אָנגעהויבט ווערן די „נעיטיווס" אין גושן. הגם עס שטייט נישט אויסדריקלעך אין דער טעלעגראַמע, ווילט זיך מיר מיינען, אַז אויב מיסיאָנערן זאָלן איצטער אָפּדרוקן דעם נייעם טעסטאַמענט באַזונדער, נישט צוזאַמען מיטן תנ"ך, ווי זיי טוען עס געוויינלעך, וועט מען זיי אין קאָרעאַ נישט שטערן אים צו פאַרשפּרייטן: אַ „געקרייציקטער פירער", ווי מיין פּראָפעסאָר האָט מיר צי־ניש געזאָגט אויף יענער באַגעגעניש, „אַ מלך אויף דער תליה, איז פאַר אונדז, פאַר דעם מייסטער־פאָלק, נישט געפערלעך... געפערלעך פאַר אונדז וואָלט געווען, ווען מיליאָנען קאָרעאַנער פאַרקוקן זיך צופיל אויף דער געשטאַלט פון אַ פירער וואָס פאַרשטייט די שפּראַך פון דער „יד חזקה" און פון דער „זרוע נטויה".

***

אין קאָרעאַ מיט אירע צוואַנציק מיליאָן נפשות פירט איצט יאַפּאַן אַן

אויסראָטונג־פּאָליטיק. דאָס ביסל אינטעליגענץ, וואָס די קאָרעאַנער האָבן פאַר־מאָגט, פוילט אין טורמעס. זייערע קריסטלעכע גייסטלעכע (אין קאָרעאַ איז פאַראַן צווישן אַ מערהייט פון בודיסטן און קאָנפוציאַנער אַ רעלאַטיוו גרויסע צאָל קריסטן) ווערן געצוווּנגען צו פירן זייערע נאָכפאָלגער אין די שינטאָ־טעמפּלען און זיך בייגן פאַר די מיליאָנען גייסטער פון דער יאַפּאַנישער, פּאַט־ריאָטישער עבודה־זרה; און טוען זיי דאָס נישט — ווערן זייערע קהילות אויפ־געלייזט. אויב דאָס אַלץ איז נאָך ווייניק, האָט מען די לעצטע פאַר יאָר פאַר־באָטן די קאָרעאַנער צו נוצן זייער אייגן לשון בפרהסיא: אין די שולן מוז מען לערנען און אין די געבעט־הייזער מוז מען דאַוונען אויף יאַפּאַניש, נישט אויף קאָרעאַניש. יאַפּאַנישע פּאָליציי־אָפיצערן שעמען זיך נישט צו פאַרזיכערן אין זייערע שמועסן מיט אויסלענדער אַז אין משך פון איין דור וועט זיי געליגגען דערפירן די קאָרעאַנער צו אַ צושטאַנד פון „אָפּאַזיע" — זייער אייגענע שפּראַך וועט אויסגעראָטן ווערן פונעם זכרון און עס וועט פון איר קיין שפּור נישט בלייבן. איצט קומט דער ביבל־פאַרבאָט, דער איסור אויף גייסטיקן „דינאַמיט". ווו מען וועט געפינען אַ תנ"ך־עקזעמפּליאַר, וועט אים די פּאָליציי פאַרברענען.

אַ רחמנות אויף די קאָרעאַנער? אַוודאי! אָבער — דאָס איז אויך דער גרעסטער קאָמפּלימענט, וואָס די יאַפּאַנישע אימפּעריאַליסטן האָבן געקענט געבן אונדז, יידן...

.1941

איוואַן און יונה

זאָלן מיר בעטן מחילה ביי איוואַן גראָזניס שאָטן? האָט די וועלט גאָר קעגן אים געזינדיקט, נישט ער קעגן דער וועלט? האָט מען טאַקע הונדערטער יאָרן געהאַלטן אין איין פאַרפירן די רוסישע מאַסן מיט פאַלשע אָפּשאַצונגען פון זיין פּערזענלעכקייט?

אַזוי גלייבט מסתמא דער סאָוועטישער שריפטשטעלער קאַסטילאָוו אין זיין נאָר־וואָס פאַרענדיקטן היסטאָרישן ראָמאַן, אין וועלכן איוואַן דער גרויזאַמער שפּילט די ראָלע פון הויפּט־העלד. אויך אין אַן אַרטיקל, וואָס דערזעלבער קאַסטילאָוו האָט פאַרעפנטלעכט אין דער מאָסקווער „איזוועסטיאַ", נעמט ער זיך אָן פאַרן כבוד פונעם ערשטן מאָסקווער צאַר (ביז איוואַנען האָבן זיך די מאָסקווער הערשער טיטולירט, כידוע, מיטן באַשיידענערן נאָמען „גרויספירשט", „וועליקי קניאַז"). אין תוך איז איוואַן גאָר געווען אַ גרויסער פּאַטריאָט, אַ פאַרברייטערער און באַפעסטיקער פון די רוסישע גרענעצן, אַן אַנטוויקלער פונעם האַנדל, אַ רעפאָרמער פונעם יוסטיץ־סיסטעם, אַ ווייטזיכטיקער שטאַטסמאַן; אין תוך איז ער דאָס געווען וואָס האָט רוסלאַנד „גרויס" און שטאַרק געמאַכט. כאָטש קאַסטילאָוו זאָגט עס נישט בפירוש, איז קלאָר פון זיין ענטוזיאַסטישן „הלל", אַז אויב די סאָוועטן־מאַכט איז עמיצן שולדיק אַ מאָנומענט, וואָס דאַרף שטיין אויף דעם סאַמע אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער הויפּטשטאָט פונעם סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד, דאַרף עס זיין אַ מאָנומענט — אַלע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן אויף צעפּיקעניש — פאַר איוואַן דעם גרויזאַמען. אי, ער איז דאָך געווען אַ מערדער, האָט דערטרונקען גאַנצע פּראָווינצן אין טייכן בלוט, האָט אומגעברענגט אַלע זיינע פּאָליטישע שונאים, כמו־שונאים און ספק־שונאים — און נאָכדעם (עפנטלעך, אויפן באַרימטן „לאָבנאָיע מיעסטאָ", ביי די טויערן פון קרעמל!) געוואָרפן זייערע קערפּערס פאַר יאַגד־הינט, אַז זיי זאָלן זיי צערייסן און צעפּיצלען? דאָס זענען אַלץ קלייניקייטן אין פאַרגלייך מיט דער „גרויסקייט", מיט וועלכער ער האָט מזכה געווען רוסלאַנד! אי, ער האָט דערמאָרדעט אַפילו זיין אייגענעם זון? איז דאָס, ערשטנס, אויך אַ קלייניקייט — אַ זון מערער, אַ זון ווייניקער, אַבי די „מאַמע", רוסלאַנד תחיה, לעבט. אַ חוץ דעם האָט קאַסטיליאָוו „אויסגעפונען", אַז דימיטרי, איוואַנס עלטערער זון, „איז געווען אַ פאַררעטער און האָט פאַרדינט זיין מיתה משונה"; דימיטרי, דאַרף מען טייטשן, איז געווען אַ טראָצקיסט נאָך אין זעכצנטן יאָרהונדערט...

אַלזאָ, עטלעכע הונדערט יאָר האָט רוסלאַנד און די וועלט בכלל געלעבט אין טעות. עמעצער האָט אַמאָל אָנגערעדט רכילות אויף איוואַן הצדיק און אַלע האָבן זיך געלאָזט פאַרפירן. אַלע — אַפילו רוסישע צאַרן. אַפילו זיי האָבן אין משך פון אַזוי פיל דורות, היטנדיק דעם פרעסטיזש און די קדושה פון דער פראַוואָסלאַוונער קרוין, קיינמאָל נישט געהאַט קיין מוט צו פאַרבאָטן די אוניווערסאַלע פאָלקס־קללה, מיט וועלכער איוואַנס נאָמען פלעגט דערמאָנט ווערן. זכות־אָבות איז דיר בייגעשטאַנען, מיין לאַנדסמאַן אילאָוואַיסקי, דו כראָנאָלאָגיע־פייניקער פון מיינע קינדער־יאָרן, דו אָנערקענטער, מיט ראָמאַנאָוו־מעדאַלן־באַצירטער, פונעם סאַמע־טראָן־רעקאָמענדירטער מחבר פון געשיכטע־טעקסטביכער, וואָס דו ביסט אַוועק פון דער וועלט איידער קאָסטילאָוו האָט געקראָגן סטאַלינס ברכה אויפצודעקן די אמתע פיזיאָנאָמיע פון איוואַן וואַסיליעוויטש. ווען דו לעבסט נאָך היינט, וואָלט מען דיך פאַרשיקט ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט: נישט דערפאַר וואָס דו ביסט געווען אַ טשינאָווניק־היסטאָריקער, נישט דערפאַר וואָס דו האָסט מיט לאַקייִשער געטריישאַפט געדינט די געזאַלבטע מאָנאַרכישע קעפ פון דער ראָמאַנאָוו־גזע און געזוכט צו פאַרסמען קינדער אין די שולן מיט שוואַרץ־מאהדיקן פאַטריאָטיזם און פאָגראָמנאַציאָנאַליזם, נאָר ווייל דו האָסט אויך פוגע כבוד געווען איוואַנען, דעם „בויער און פאַרפעסטיקער“, דעם גרעסער־און־ברייטער־מאַכער פונעם גרויסן און ברייטן רוסלאַנד. אָרעמער פושקין, אָרעמער לערמאָנטאָוו און אָרעמע, אַנאָנימע פאָלקס־דיכטער! איר האָט זיך אויך געלאָזט פאַרפירן פון געשיכטע־פעלשער און אויך איר האָט געהאָלפן פאַרפעסטיקן אין רוסלאַנדס זכרון אַ פאַרקריפלט געשטאַלט פון צאַר איוואַן. קאָסטילאָוו ווייסט בעסער — און סטאַלין ווייסט, אַז קאָסטילאָווס אָפשאַצונג איז די ריכטיקע און אָביעקטיווע. די שוואַרצע פינטלען אויף איוואַנס קלסתר־פנים דאַרפן פון איצט אָן און ווייטער קיינעם נישט פאַרפירן: איוואַן גראָזני איז אַ גרויסע און קאָנסטרוקטיווע פיגור אין דער רוסישער געשיכטע! פאַרשטומט זאָל ווערן אויף אייביק די קללה, וואָס האָט זיך עטלעכע הונדערט יאָר געריסן פונעם פאָלקס מויל, פונעם פאָלקס נשמה, ווען זיין נאָמען פלעגט נאָר דערמאָנט ווערן.

***

קיינער האָט קיינמאָל נישט געלייקנט, אַז איוואַן איז געווען אַן אַקטיווער, רירעוודיקער, פאָליטיש־טעמפעראַמענטפולער מושל. ער איז אפשר געווען דער געבילדעטסטער רוס פון זיין צייט און האָט, יאָרן און יאָרן פאַר פעטער דעם גרויסן, געזוכט צו „עפענען אַ פענצטער קיין אייראָפע“. ער איז געווען דער ערשטער צאַר, וואָס האָט געוואָלט אימפאָרטירן קיין רוסלאַנד דייטשע מעכאַ־

ניקער און אַנדערע „ספּעצן״ פֿאַר דער היימישערווירטשאַפֿט. אין זיינע יאָרן איז די וואָלגאַ געוואָרן אַ רוסישער טייך. מיט זיין ענערגיע האָט ער ליקווי־דירט די טאָטערישע ממשלות אין קאַזאַן און אַסטראַכאַן. ער איז געווען דער ערשטער צו אָטאַקירן דאָס מאָנגאָלן־קעניגרייך פֿון קרים. די ראָמאַנאָווס האָבן זיך פֿאַרפֿעסטיקט ביים באַלטישן ים — דאָס פֿענצטער און די טיר קיין מערב־אייראָפּע. אויב אַפֿילו יענע פּאָזיציע האָט זיך נאָך דער וועלט־מלחמה אַרויס־געגליטשט פֿון רוסישע הענט, האָט זי סטאַלין לעצטן זומער צוריק געוווּנען; אָבער דער ערשטער וואָס האָט אין רוסלאַנד פֿאַרשטאַנען די וויכטיקייט פֿונעם באַלטיקום פֿאַר דער אימפּעריע איז געווען צאַר איוואַן. יאָ, דאָס זענען אַלץ באַקאַנטע פֿאַקטן און קיינער האָט זיי קיינמאָל נישט געלייקנט. וואָס עס איז שייך סיביר, איז דאָס אויך אַ דבר ידוע: יערמאַק האָט זי טאַקע דעראָבערט, אָבער געמאַכט יענע ריזיקע געגנט פֿאַר אַן אינטעגראַלן טייל פֿון רוסלאַנד האָט טאַקע צאַר איוואַן און נישט קיין אַנדערער. וואָס זיינס איז זיינס און קיינער קלייבט זיך נישט צונעמען ביי אים זיינע היסטאָרישע „פֿאַרדינסטן״. אָבער דאָס פֿאָלק (דאָס אומדאַנקבאַרע, פֿאַררעטערישע פֿאָלק) האָט די אַלע פֿאַרדינסטן נישט אָפּגעשאַצט. כאָטש איוואַן האָט רוסלאַנד „גרויס״ געמאַכט, האָט עס צו זיין נאָמען דעם טיטל „גרויס״ נישט געוואָלט צוגעבן. דער גרויזאַמער, דער שרעקלעכער, דער בלוטפֿאַרגיסער, דער קאַלטער מערדער, „דער רוס מיטן האַרץ פֿון אַ טאָטער״ — אַלס אַזעלכער און בלויז אַלס אַזעלכער איז ער גע־בליבן לעבן אין פֿאָלקס זכרון. אַזוי איז עס געווען דור נאָך דור און יאָרהונ־דערט נאָך יאָרהונדערט, ביז סטאַליניסטישע היסטאָריקער האָבן אָנגעהויבן רעווידירן, איבערשרייבן און איבערשאַצן; ביז דער צענטראַלער אָרגאַן פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט געהייסן פֿאַרקוקן „די קלייניקע חסרונות״ פֿון זיין „פּסיכישן מעכאַניזם״ און זיך קאָנצענטרירן אויף זיינע מעלות, אויף זיין „גרויסקייט״, אויף זיינע ראוי־לשבחדיקע מעשים. מאָרגן וועט שוין מסתמא שטיין אין סאָוועטישע טעקסט־ביכער, אַז עס קומט אַ גרויסער דאַנק צאַר אי־וואַנען, וויל ער האָט צוגעגרייט אַ ברייטע ראָם פֿאַר סטאַלינען; ברייטער און ווייטער געמאַכט די גרענעצן פֿון יענעם לאַנד, וואָס די השגחה אַליין האָט באַ־שטימט צו ווערן אַן „אור לגויים״ — דאָס ערשטע לאַנד פֿון סאָציאַליזם. אָן אַ גרויס רוסלאַנד וואָלט נישט געקאָנט זיין קיין אָקטאָבער, און אָן אָקטאָבער קיין סטאַלין, און אָן סטאַלינען וואָלט די וועלט געבליבן נישט־דערלייזט. איז נישט אמת, אַז צאַר איוואַן איז געווען אַ פֿאָרלויפֿער פֿון דער וועלטס גאולה?

**
*

מען מאַכט אָפֿט פֿאַרגלייכן צווישן איוואַנען און סטאַלינען (סטאַלין ווייסט

עס, נישט פון נעכטן). צוויי מענטשן, שושקעט מען זיך אין רוסלאַנד, מיט איין שורש־נשמה. האָט סטאַלין יענע פאַרגלייכן־מאַכער און פּאַראַלעל־ציִער איצט אָפּגעטאָן דורך קאָסטיליאָוון אַ „שפּיצל": איך וועל זיך פאַר אייך, כּלבים שבּ־כּלבים, נישט פאַרענטפערן. איך וועל נישט זוכן צו באַווייזן, אַז איך בין בע־סער און ריינער און מענטשלעכער פון איוואַנען. פאַרקערט. איך בין טאַקע אויך אַ איוואַן, אויך אַ „גראָזני", אָבער איר וועט מוזן איצטער זינגען לויב־געזאַנגען אונדז ביידע. אַי, איוואַן איז נישט געווען קיין באָלשעוויק? האָט איר נישט די ריכטיקע היסטאָרישע פּערספּעקטיוו: איוואַן בדורו כּסטאַלין בדורו. און טאָמער איז ער געווען אַ קאַפּעטשקע גרויזאַמער פון מיר, איז וואָס? די צייטן זענען געווען אַזעלכע! אַ חוץ דעם פאַרגעסט נישט, אַז איוואַן איז אויס־געוואַקסן אַ יתום: דער טאַטע איז געשטאָרבן ווען ער איז אַלט געווען דריי יאָר און די מאַמע — ווען ער איז געווען נישט מער ווי זיבן יאָר אַלט; האָבן אים דערצויגן „באָיאַרן" אַריסטאָקראַטן, שונאים פון דעם פאָלק; איז ער אפשר אויסגעוואַקסן נישט אינגאַנצן קיין בעל־מידות; דאַרף מען זיך נישט וווּנדערן, וואָס צו דרייצן יאָר האָט ער זיך געלאָזט ווילגיין, מיטן שיקן אַנגערייצטע הינט אויפצופרעסן דעם קערפּער פון פירשט שויסקי. צו ברוטאַל? צופיל שאַ־קירנדיקע בפרהסיא? אפשר. אָבער וואָס נעמט איר זיך אַזוי אָן פאַרן פירשט שויסקי? ווער איז ער אייך — אַ ברודער, אַ פריינט, אַ פּאַרטיי־גענאָסע? קומט אַרויס מיט לשון!...

סטאַלין פילט זיך אַלץ מער און מער אומבאַקוועם מיט די „אָבות" וואָס מען האָט אים אָנגעהאַנגען אָדער מיט וועלכע ער האָט אַליין יאָרנלאַנג געמוזט פּאַראַדירן: מאַרקס? ענגעלס? לענין? זיי זענען אַלע פאַר אים צו ווייניק „בלאַט". מיין טאַטע, אַ רוח אין אייער אַלעמענס טאַטנס טאַטן אַריין, איז איוואַן גראָזני, און איך שטאָלציר מיט אים, און איך וועל אייך אַלע צווינגען מיט אים צו שטאָלצירן. אַ מעדאַל דיר, קאָסטיליאָוו, צוויי מעדאַלן און נאָך אַן אויטאָמאָ־ביל דערצו, וואָס דו האָסט געהאָלפן פעסטשטעלן מיין אמתן יחוס־בוים.

***

אויב מען וועט טאַקע איצטער מאַכן אין רוסלאַנד פון איוואַן גראָזני אַ נייע פּאָליטישע איקאָנע — וועט מען מוזן איבערשרייבן אין די סאָוועטישע טעקסט־ביכער אַ וויכטיק קאַפּיטל רוסישע געשיכטע; אַ קאַפּיטל וואָס איז לייי־דער דעם ברייטן עולם אויסער רוסלאַנד נישט גענוג באַקאַנט. צו איוואַנס היסטאָרישע „פאַרדינסטן" געהערט אויך די פאַרניכטונג פון פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט אין נאָווגאָראָד. עס איז כּדאי, אַז די וואָס אינטערעסירן זיך מיט די גורלות פון רוסלאַנד און מיט דער וועלט־געשיכטע פון דעמאָ־

קרַאַטיע, זאָלן אַביסל מערער וויסן פון דער אָרדענונג וואָס האָט אַמאָל, אין מיטן מיטלאַלטער, דורות און דורות פאַר איוואַן גראָזני, עקזיסטירט אין דעם דאָזיקן סלאַווישן צפון־ווינקל: אין „גאָספּאָדין וועליקי נאָווגאָראָד״. נאָווגאָראָד איז געווען אַן אָאַזיס פון רעלאַטיווער פרייהייט און אָנשטענדיקייט אין אַ מדבר פון ברוטאַליטעט און דעספּאָטיזם. דאָס איז געווען אַ צענטער פון פאַרהעלטניסמעסיק־הויכער קולטור. איך האָב געזען, דערמאָן איך זיך, די חורבות און די שיריים פון יענער קולטור. די קאַטעדראַלע פון דער הייליקער סאָפיע, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן נאָך אין עלפטן יאָרהונדערט מיט דער הילף פון קאָנסטאַנטינאָפּאָלער אַרכיטעקטן, יאַראָסלאַווס טורעם, דער זנאַמענסקי סאָבאָר און די ניקאָלאַוס־קירכע, וואָס אייגענע, רוסישע אַרכיטעקטן האָבן אויפגעבויט אין צוועלפטן יאָרהונדערט, זענען געווען גרויסע קונסט־דערגרייכונגען. אין תוך איז נאָווגאָראָד געווען מער אַ רעפּובליק ווי אַ מאָנאַרכיע. יאַראָסלאַווס „גראַמאָטאַ״ (טשאַרטער) איז געווען עטלעכע הונדערט יאָר נאָווגאָראָדס „דעקלאַרעישאָן אָוו אינדעפּענדענס״. אמת, אין דער שפּיץ פון דער מלוכה איז געשטאַנען אַ פירשט. אָבער, ערשטנס האָט ער זיך וויניק געקענט מישן אין ציווילע אָנגעלעגנהייטן פונעם לאַנד. ער איז בעיקר דער ראש פון מיליטער.

צווייטנס, האָט ער געמוזט אָנקומען צום חסד פון פאָלק: ער פלעגט קריגן זיין פּאָסטן דורך וואַלן. נאָווגאָראָד האָט פאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיקן פּאַרלאַמענט — די באַרימטע „וויעטשע״ — און דער פּאַרלאַמענט האָט גענוצט זיין געזעצלעכע מאַכט אַראָפּצוואַרפן פונעם טראָן אַ פירשט, אויב ער האָט אַרויסגערופן גרויסע אומצופרידנקייט אין פאָלק. עס זענען געווען ציַיטן, ווען נאָווגאָראָד האָט קיין פירשט נישט געהאַט און דער געוויינלעכער מעיאָר פון שטאָט איז געווען דער פּאַרוואַלטער פון די מלוכה־ענינים. איז עס נישט געווען קיין צופאַל, וואָס, אונטער אַזאַ רעזשים, האָט אויך דאָס עקאָנאָמישע לעבן געטראָגן אַן אַנדער כאַראַקטער ווי אין אַנדערע רוסישע פּראָווינצן. נאָווגאָראָד האָט געהאַט גאַנץ לעבעדיקע האַנדלס־באַציִונגען מיט די האַנזאַ־פריישטעט, מיט סקאַנדינאַוויע; מיט קאָנסטאַנטינאָפּאָל, פון איין זייט, און מיט סיביר, פון דער אַנדערער זייט.

נאָווגאָראָדער פּאָרשער און סוחרים האָבן אָנגעשפּאַרט ביים ווייסן ים און זייערע יעגער און פעלצן־מאַכער זענען געווען באַקאַנט מיט נאָוואַיאַ זעמליאַ. פּאָליטיש, קולטורעל און עקאָנאָמיש איז דאָס געווען אַ מין צפון־ווענעציע. אויף די איינוווינער האָט מען געקאָנט דערקענען, אַז זיי זענען קיינמאָל נישט געווען אונטערן „טאָטערישן יאָך״, וועלכער האָט אין גרעסטן טייל רוסלאַנד אויף פיל דורות איינגעפלאַנצט אַ גייסט פון הכנעה און פאַטאַליסטישן שקלאַפנטום. באָלשעוויקעס וועלן איצט האָבן אַ נײַ שטיקל אַרבעט: באַרעכטיקן איוואַן גראָזניס פאַרניכטונג פונעם נאָווגאָראָדער פּאַרלאַמענט, פון דער פּאָליטישער

זעלבסטשטענדיקייט און פרייהייט אין יענער דינאַמישער, סלאַווישער דעמאָ־קראַטיע. זיי וועלן דאַרפן געבן אַ נייע אויסטייטשונג פונעם זעקסוואָכיקן פּאָ־גראָם, וואָס צאַר איוואַן האָט דאָרט דורכגעפירט; פון יענער שטראָף־עקספּע־דיציע, וואָס האָט נישט געשאָנעוועט נישט דעם סוחר און נישט דעם גלח, נישט דעם פּויער און נישט דעם בעל־מלאכה, נישט פרויען און נישט קינדער, און אין וועלכער עס זענען אומגעקומען זעכציק טויזנט נפשות. זיי וועלן מוזן געפינען אַ זכות פאַר איוואַנס היטלעריסטישער באַפעלקערונג־פּאָליטיק, פאַר זיין אַרויסטרייבן פון נאָווגאָראָד טויזנטער אַלט־איינגעזעסענע פאַמיליעס און פאַר זיין „קאָלאָניזירן" די געגנט מיט אייגענע, לאָיאַלע מענטשן וואָס זענען געווען גרייט אים העלפן צו פאַרניכטן דאָרט די לעצטע רעשטלעך פון דעם פרייהייטלעכן רעזשים. איך ווייס נישט, ווי אַזוי סטאַליניסטישע היסטאָריקער וועלן איצט מטהר זיין דעם שרץ. אָבער, אָן אַ באַרעכטיקונג פאַר יענער עק־זעקוציע איבערן ערשטן דעמאָקראַטישן רעזשים אין דער רוסישער וועלט קען מען די געשיכטע נישט איבערשרייבן; קען מען פון איוואַן גראָזני קיין פּאָליטישע איקאָנע נישט מאַכן.

אָפּטמאָל טראַכסטו זיך: ווען נאָווגאָראָד וואָלט אין זעכצנטן יאָרהונדערט נישט פאַרניכטעט געוואָרן, ווען יענע אייגנאַרטיקע דעמאָקראַטיע וואָלט נישט צעטראָטן געוואָרן מיט די פיס פון איוואַנס סאָלדאַטן־האָרדעס — ווער ווייסט וווהין רוסלאַנדס אַנטוויקלונג־וועג וואָלט געפירט? אפשר וואָלט נאָווגאָראָד מיט דער צייט אָנגעהויבן אויסצוּיבן אַן השפעה אויף די איבעריקע טיילן פון רוסלאַנד און געוואָרן אַ זאַמלפּונקט פאַר די, וואָס האָבן אויך דענסטמאָל גע־לעכצט נאָך פרייהייט און מענטשלעכן כבוד? אפשר וואָלט נאָווגאָראָד מיט דער צייט געוואָרן דער צענטער פון אַ פאַראייניקט רוסלאַנד (נישט מאָסקווע!), מיט זיין פאַרלאַמענט, מיט זיין רירעווודיק־עקאָנאָמיש לעבן, מיט זיין דינאַמיק און ענערגיע? עס וואָלט דענסטמאָל נישט געווען אין רוסלאַנד קיין פּלאַץ פאַר די ראַמאַנאַווס — ממילא שווין אויך נישט פאַר אָקטאָבער און פאַר יענע היסטאָ־רישע כוואַליעס וועלכע האָבן סטאַלינען אַוועקגעזעצט אויף איוואַן גראָזניס פּלאַץ אין מאָסקווער קרעמל...

***

איוואַן אַליין זאָל זיך אַמאָל האָבן אויסגעדריקט, אַז זיין אכזריות נעמט זיך פון פאַרביטערונג קעגן ריבונו־של־עולם: הלמאי האָט דער טויט ביי אים צוגענומען זיין געליבטע פרוי אַנאַסטאַסיאַ (פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון יע־נער עפּאָכע און אפשר נאָך מער פון איוואַנען פערזענלעך איז אינטערעסאַנט זיך צו דערמאָנען, אַז אַנאַסטאַסיאַ איז דורך אים אויסגעקליבן געוואָרן פון אַ

מענגע יונגע מיידלעך, וועלכע מ׳האָט אויף זיין באַפעל צונויפגעטריבן פון גאַנצן לאַנד קיין מאָסקווע, „אויף אינספעקציע״, ווי אין די גוטע צייטן פון אחשורוש מלך פרס). אָבער דאָס האָט אים פונדעסטוועגן נאָכדעם נישט גע־שטערט צו נעמען אַ צווייטע פרוי, נאָכדעם אַ דריטע און פערטע... און בשעת ער האָט געגאָסן פרייד און טרייסט פון אַ פינפטער פרוי, האָט ער שטאַרק חשק געהאַט נאָך צוגאָבלעך חתונה צו האָבן מיט מערי העסטינג, אַ שיינע ענגלענ־דערין פון דער קעניגן עליזאַבעטס סוויטע. וואָס הייסט בכלל פאַרביטערט זיין קעגן ריבונו־של־עולם? אַ גאַנץ לעבן האָט זיך איוואַן געהאַלטן פאַר אַ פרום־גלייביקן און איינער פון זיינע טיפסטע ווונטשן איז געווען צו קריגן אַ ברכה פונעם מעטראָפּאָליט פיליפּ. ער האָט די ברכה נישט געקראָגן. דער מעטראָ־פּאָליט איז געווען דער איינציקער מענטש אין רוסלאַנד, וואָס האָט אַרויסגעוויזן מוט אָפּצוזאָגן דעם צאַרס אַ „געזעצלעכע״ בקשה און צו דערקלערן זיין הער־שאַפט, זיין „אָפּריטשינאַ״ (די גע־פּע־או אָדער די געסטאַפּאָ פונעם זעכצנטן יאָרהונדערט) פאַר „אַנטיקריסטלעך״. האָט ער טאַקע באַצאָלט מיטן לעבן. איוואַן האָט אים דערוואָרגן: אָדער דו בענטשסט מיך, אָדער איך „ליקווידיר״ דיך.

דער „קאָנטער־רעוואָלוציאָנער״ אין מיר זאָגט מיר אונטער די פאָרמולע: איוואַן האָט געהאַנדלט סטאַליניסטיש. אָבער איך וועל די פאָרמולע נישט באַ־נוצן. איוואַן איז, סוף־כל־סוף, נישט געווען קיין סטאַלין. אים האָט געפעלט סטאַלינס... שלימות, סטאַלינס אַבסאָלוטע אומפעיִקייט חרטה צו האָבן, תשובה צו טאָן; סטאַלינס „טאַלאַנט״ קיינמאָל צו זיך קיין טענות נישט צו האָבן, זיך נישט צו פּייניקן, זיך אַליין קיין מלקות נישט געבן. איוואַן האָט אין זיין לעבן געהאַט אַ סך „אַטאַקעס פון געוויסן״, אויסברוכן פון פאַראַכטונג צו זיך אַליין, אַנפאַלן פון אַ באַדערפעניש זיך מודה צו זיין פאַר מענטשן אַז ער האָט געזינ־דיקט. ווען ער האָט צונויפגערופן דעם „זעמסקי סאָבאָר״ (אַ מין פאַראָדיע אויף אַ פּאַרלאַמענט), האָט ער ביי דער דערעפענונג זיך געשלאָגן על־חטא פאַר זיינע אַמאָליקע ברוטאַלע מעשים און צוגעזאָגט צו זיין אין דער צוקונפט גוט און פרום (ווער דערוואַרט אַזאַ האַנדלונג פון סטאַלינען?). ער איז נאָכדעם באַגאַנגען נאָך גרעסערע, נאָך נידערטרעכטיקערע חטאים. אָבער גאַנץ מיט זיך איז ער נישט געווען און ער האָט אַ גאַנץ לעבן געפילט אַז ער קען יעדע מינוט צוזאַמענברעכן. נאָך דעם וואָס ער האָט מיט די אייגענע הענט דער־מאָרדעט זיין עלטערן זון, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַזאַ מרה שחורה, אַז ער האָט עפנטלעך דערקלערט וועגן זיין ווילן אָפּצודאַנקען: „נאָך אַזאַ האַנדלונג בין איך נישט פעיִק ווייטער צו רעגירן״. (איוואַן אַליין האָט וויזט אויס, נישט געהאַלטן פון דער סטאַלין־קאַסטיליאָוו־טעאָריע, אַז זיין זון איז געווען אַ פאַר־

רעטער און האָט כשר פאַרדינט זיין מיתה משונה). ער האָט זיך נאָכדעם גע־לאָזט איינבעטן. זיינע תשובה־ספּאַזמעס האָבן, ווייזט אויס, קיינמאָל קיין לאַנגע צייט נישט געדויערט, אָבער ספּאַזמעס זענען אין זיין לעבן געווען און קאָנ־װולסיעס פון תשובה און זעלבסט־האַס זענען אים ווייט נישט געווען אומבאַ־קאַנט. ניין, איוואַן איז נישט געווען קיין סטאַלין. ער איז געווען אַ מעלאַנכאָ־ליש־ענערגישער, צעשפּאָלטענער מענטש, און אפשר טיפער פון אַלע האָט אים תופס געווען דער יידישער סקולפּטאָר מאַרק אַנטאָקאָלסקי, וועלכער האָט זיך קונה־שם געווען מיט זיין איוואַן־גראָזני־סטאַטוע: אַ חיה בצורת מענטש, אָבער דורך אירע אכזריותדיק־מרה־שחורהדיקע אויגן שטראַלן אַרויס אומאויפהער־לעכע יסורים פון געוויסן, דער עונש פון אינעווייניק, מלקות פון אַ „צווייטן איך". אַנטאָקאָלסקיס אַ גרויסער חסיד, דער קריטיקער סטאַסאָוו, האָט יענע סטאַטוע, געדענק איך, געגעבן זיינעם אַ נאָמען: „דער געפּייניקטער פּייניקער". ניין, זאָגט איך וואָס איר ווילט, נאָך אַלע פּאַרגלייכן און פּאַראַלעלן איז דאָס נישט געווען קיין סטאַלין־נאַטור. סטאַלין איז גאַנצער, „געזונטער", נישט צע־ריסן פון נשמה־קאָנפליקטן, ווייל... געוויסנלאָזער.

***

אָבער נאָך וואָס די אַלע חקירות? פרעגט נישט דעם דאָקטער, פרעגט דעם חולה. וואָס איוואַן גראָזני, איז געווען האָט ער אונדז אַליין „דערציילט" — בעסער, אויפריכטיקער, אמתער ווי וועלכער ס'איז נישט היסטאָריקער, ראָ־מאַניסט אָדער פּסיכאָלאָג. „דערציילט" האָט ער עס, אויף זיין אופן, אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן. ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביי גוססן, האָט ער גערופן צו זיך אַ פּאָרשטייער פון אַ באַרימטן און זייער שטרענגן מאָנאַכן־אָרדן און האָט געבעטן, מ'זאָל אים איצט, פאַרן טויט, אַריינגעמען אין יענעם אָרדן. מ'האָט אים געטאָן די טובה און — געשטאָרבן אין צאַרישן פּאַלאַץ איז שוין נישט קיין קעניג, נאָר אַן „אָרעמער מאָנאַך", און נישט אַ מענטש מיטן נאָ־מען איוואַן, נאָר... יונה. ווען איינער ווערט אַ מאָנאַך בייט ער דעם נאָמען, ווייל ער ווערט „נאָכאַמאָל געבוירן". יונה איז געוואָרן איוואַן גראָזניס נייער נאָמען, זיין נאָמען... פאַר יענער וועלט.

אָבערגלויבן? זיכער. אָבער איז דען דאָס וויכטיק? וויכטיק איז וואָס איוואַן גראָזני האָט מורא געהאַט צו קומען אויף יענער וועלט מיט זיין אייגענעם נאָ־מען. ווען דער מלאך הדומה וועט אים פרעגן: „מה שמך" — וועט ער נישט זאָגן, אַז ער איז אויף דער וועלט געווען אַ קיסר, אַ „בויער און שאַפער" פון אַן אימפּעריע, וועט ער נישט זאָגן אַז ער הייסט איוואַן. ער וועט אָנבייגן דעם קאָפּ און ענטפערן: מיין נאָמען איז יונה, גאָטס אַ קנעכט און אַ דינער פון

בענטשן, אַן אָרעמער מאָנאַך. אין די לעצטע, אויפריכטיקסטע מינוטן פון זיין קיז־לעבן האָט איוואַן גראָזני אַליין אויף זיך געזאָגט:

„ימח שמי וזכרי".

און דאָס פאָלק האָט געענטפערט:

„אָמן".

.1941

דער פּאַל קריוויצקי

גענעראַל קריוויצקיס פריינט, פּערזענלעכע און פּאָליטישע, ווילן גאָר אַלץ נישט גלייבן, אַז ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. זיין טויט, טענהן זיי, איז טאַקע געווען אַ מיתה־משונה, אָבער נישט אַזאַ מיתה־משונה, ווי די וואַשינגטאָנער פּאָליציי וויל אונדז מאַכן גלייבן: אָדער סטאַליניסטן האָבן אים דערמאָרדעט מיט זייערע אייגענע הענט, אָדער זיי זענען געשטאַנען איבער אים און האָבן אים געצוווּנגען, דורך פאַרשיידענע דראָאונגען, זיך צו נעמען דאָס לעבן. עס איז געווען, שטעלן זיי פעסט, „אין בעסטן פאַל״, אַ מאָרד אויס־געפירט דורך אַ זעלבסטמאָרד.

ווייס איך נישט, צי מען קען זיך, אין אַזעלכע פאַלן, פאַרלאָזן אויף די ספּע־ציאַליסטן פון דער וואַשינגטאָנער פּאָליציי אָדער נישט. מען זאָגט מיר, אַז אויך אמתע מומחים אין קרימינאַל־מעדיצין קענען אַמאָל מאַכן אַ טעות. גאַנץ מעג־לעך. אָבער וואָס גייט עס אַזוי קריוויצקיס פריינט אין לעבן צו באַווייזן, אַז ער האָט זיך מיט זיין אייגענעם ווילן נישט גענומען דאָס לעבן? פאַרוואָס זוכן זיי אויף אַלערליי דרכים אַרויסצודרינגען, אַז גע־פּע־או־אַגענטן אין אַמעריקע האָבן דורכגעפירט אין אַ קליינעם וואַשינגטאָנער האָטעל־צימער אַ נייעם מאָרד?

אַז קאָמוניסטן זענען פעיִק אויף אַזעלכע פאַרברעכנס, ווייסט מען שוין נישט פון נעכטן. אַז לויט זייער שולחן־ערוך זענען דאָס גאָר נישט קיין פאַר־ברעכנס, נאָר וויכטיקע מצוות־עשהס, ווייסט יעדער וואָס האָט זיך אַביסל אינ־טערעסירט מיט דער לעניניסטיש־טראָצקיסטיש־סטאַליניסטישער מאָראַל. ווער עס איז נישט שווה־בשווה מיט דער הערשנדיקער קליקע אין רוסלאַנד — באַ־זונדערס ווען ער אַליין איז, אָדער איז געווען, אַ קאָמוניסט — דאַרף זיך גוט היטן די ביינער. די לאַנגע האַנט פון מאָסקווע קען אים דערגרייכן אין די ווייטסטע מרחקים, קידנעפּן אים און נאָכדעם „ליקווידירן״. ווער ווייסט דען נישט? דאָס זענען אָבער אַלץ נישט קיין באַווייזן, אַז אין יעדן פאַל, ווען אַ געוועזענער באָלשעוויק ווערט געפונען טויט, מוז מען עס טאַקע אויסטייטשן אַלס אַ מאָרד, דורכגעפירט פון דער גע־פּע־או. אויך ביי אַ קאָמוניסט, באַזונ־דערס ביי אַ געוועזענעם, קען זיך מיטאַמאָל איבעררייסן יענער דינער „פּסי־כישער פאָדעם״, וואָס פאַרבינדט יעדן פון אונדז מיטן לעבן. אויך אַזעלכער קען זיך אַמאָל באַשליסן אויף אַ מיתה־משונה צוליב זעלבסטהאַס, פון פאַראַכ־

טונג צו זיך אַליין, מחמת באַנקראָט־געפיל — אָדער ווייל ער קען מער נישט איבערטראָגן די שווערע לאַסט פון זינד, וואָס דריקט יעדן טאָג אויף זיין געמיט. קריוויצקיס פריינט, וואָס ווילן בשום־אופן נישט אָננעמען דעם פּאָליציי־פּראָטאָקאָל, אַז ער האָט זיך אַליין דערמאָרדעט, כאַראַקטעריזירן אים, אומדירעקט, אַלס אַ מענטשן מיט אַ האַרטער, גראָבער הויט; מיט אַ געוויסן וואָס האָט אויף אייביק אויפגעהערט צו פונקציאָנירן. פּאַרוואָס קענען זיי זיך נישט פאָרשטעלן אַז ער האָט שוין מער נישט געקאָנט איבערטראָגן... זיך אַליין, זיין פאַרגאַנגענהייט, זיינע האַנדלונגען, די פאַרברעכנס פון סטאַלין־רעזשים פאַר וועלכע ער איז יאָרנלאַנג געווען אַ לאָיאַלער שליח און אינסטרומענט, די סעריע מאָרדן פאַר וועלכע ער גופא איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך? קריוויצקיס גוטע ברידער האַלטן אין איין דערציילן, ווי נערוועז ער איז די לעצטע צייט געווען, ווי ער האָט אויף יעדן טריט און שריט „געזען" גע־פּע־אור־אַגענטן, וואָס זענען ספּעציעל געקומען קיין אַמעריקע מיט אַ פּלאַן אים אומצוברענגען. דאָס אַליין קען אויך אַמאָל זיין גענוג, כדי צו טרייבן אַ מענטש צו זעלבסטמאָרד. נישט איין מענטש האָט זיך אומגעבראַכט, ווען עס האָט זיך אין אים אַנטוויקלט אַ פאַרפאָלגונגס־מאַניע: בעסער דער טויט, גלייך און מיטאַמאָל, איידער אַרומגיין טאָג־איין טאָג־אויס מיט אַ געפיל, אַז עס לויערן אויף דיר הונדערטער מלאכי־חבלה. טוים אַליין איז אַמאָל אַ קלייניקייט אין פאַרגלייך מיט דער טויט־שרעק, וואָס לאָזט נישט אָפּ אויף אַ מינוט. איך קען מיר אָבער אויך פאָרשטעלן, אַז קריוויצקי האָט זיך דעצידירט צו זאָגן אַן ענדגילטיקן זייגעזונט דעם לעבן — נישט ווייל ס'האָבן אים פאַרפאָלגט לעבעדיקע גע־פּע־אור־משחיתים; נאָר ווייל ער האָט שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן די פאַרפאָלגונגען פון טויטע גע־פּע־אור־קרבנות, פון זיינע אייגענע קרבנות, פון אַ גאַנצער מתים. מתים זענען אָפטמאָל אַ סך מער לעבעדיקע זינד־דערמאָנערס און מוכיחים ווי די לעבעדיקסטע צווישן די לעבעדיקע. מ'זאָגט אַז מתים זענען נישטיק און קענען דערפאַר קיינעם גאָר נישט טאָן. אפשר — כאָטש קיינער, פון די וואָס זאָגן עס, איז נאָך קיינמאָל אַליין קיין מת נישט געווען און קען זיך נישט שטיצן אויף זיין אייגענער „דערפאַרונג". אָבער אויב זיי זענען נישטן, גאָרנישט־שבגאָרנישטן, זענען זיי דאָס בלויז פאַר זיך אַליין, אָבער נישט פאַר די לעבעדיקע; פאַר די מיט וועמען זיי זענען אַמאָל געקומען אין אַ באַרירונג, אין אַ רייבונג, אין אַ קאָנפליקט, אין אַ געראַנגל. מיר ווייסן נישט וויפל מתים קריוויצקי האָט געטראָגן אויף זיין געוויסן. קיינער האָט אים נישט געקענט צווינגען צו דערציילן אַלץ וועגן זיך אַליין. עס קען זיין, אַז יענע מתים, זיינע און סטאַלינס שותפותדיקע קרבנות, האָבן אים נישט געלאָזט רוען און אים גערופן צו זיך. וואָס? ער האָט קיינמאָל, ווי זיינע פריינט דערציילן,

נישט געדעדט פון זעלבסטמאָרד? ער האָט אַ סך מאָל געוואָרנט, אַז אויב מען וועט אים געפינען אַ טויטן, זאָל מען נישט גלייבן, אַז ער האָט זיך אַליין גע־נומען דאָס לעבן? ס'איז לעכערלעך זיך צו שטיצן אויף דעם וואָס ער האָט פאַר־שוויגן (אפשר פאַר זיך אַליין) און אַפילו אויף זיינע וואָרנונגען. ווען אַ מענטש שטייט שוין נאָענט צו דער „גרענעץ", קען מען אים נישט מעסטן מיט דעם זעלבן לאָגיק־אַרשין, מיט וועלכן מיר מעסטן „איינגעפונדעוועטע" מענטשן...

פּאָול וואָהל, זיינער אַ דייטשער פריינט, דערציילט איצטער אין קאַטוי־לישן „קאָמאָנוויל" וועגן אַ ווינטער־נאַכט, וואָס זיי האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט אין 1939 אויף ריווערסאַיד־דראַיוו. זיי האָבן לאַנג און מעלאַנכאָליש גערעדט צווישן זיך וועגן דעם, וואָס וואָהל באַצייכנט אַלס „פעלערן פון דער פאַרגאַנ־גענהייט". אינמיטן שמועס האָט קריוויצקי פּלוצים אים אָנגעוויזן אויף אַ טונקל ליכט, וואָס האָט אַרויסגעשיינט דורך די פענצטער פון אַ קליינינקער קירכע אין דער געגנט — און אַ זאָג געטאָן: „אַך, ווען מיר וואָלטן געקענט זיין דאָרט, אין יענער רויִקייט". „לאָמיר אַריינגיין", האָט וואָהל פאַרגעשלאָגן. די קירכע, ווי ס'האָט זיך נאָכדעם אַרויסגעוויזן, איז געווען פאַרשלאָסן. איך ווייס נישט צי „יענע רויִקייט" וואָלט מסוגל געווען צו באַרויִקן קריוויצקיס געמיט. קיין גלויביקער איז ער נישט געווען, אויסגעכאָוועט איז ער געוואָרן אין אַ סביבה, פאַר וועלכער קירכע איז געווען מוקצה מחמת רעאַקציע. דערצו איז ער נאָך געווען אַ ייִד, אין וועמענס קינדער־יאָרן אַ ליכט וואָס שיינט אַרויס פון אַ „תּיפלה" איז מסתמא פאַרבונדן מיט אומהיימלעכע געפילן. אויף אַ מינוט האָט אפשר אין אים אַ בליץ געטאָן אַ פּרוטעלאָזע בענקשאַפט צו דער נאַיִווער אמונה פון זיין גויִישן ווייבס פּויערים־קרובים. אָבער נישט נאָר די קירכע אויף ריווערסאַיד דראַיוו אָדער אַ בית־המדרש אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סאַיד איז שוין פאַר אים מסתמא געווען פאַרחתמעט. די פּאָר צענדליק טויזנט דאָלאַר, וואָס ער האָט באַקומען אַלס ליטעראַרישן האָנאָראַר פאַר זיינע אויפ־דעקונגען פון סטאַלינס טומאה, האָבן אים נאַטירלעך נישט געקענט קאָמפּענ־סירן פאַרן געפיל פון אייגענער טומאה. ווהין קען זיך אָוועקלאָזן אַ מענטש מיט אַ קין־געפיל? אין נאָטיץ־ביכל פון זיין לעבן זענען געווען פאַרשריבן בלויז פּאָליטישע אַדרעסן. קיין אַנדערע אַדרעסן — און דער עיקר, קיין אַדרעס צו זיך אַליין — האָט ער שוין נישט פאַרמאָגט. קיין „טאַלאַנט" פון אַ דאָסטאָ־יעווסקי־מענטש — זיך אַוועקצושטעלן אויף טאַימס־סקווער און זיך שלאָגן על־חטא פאַר פאַרבייגייער און ביי־וונדער־אָנקוקער; זיך קלאַפּן מיטן קאָפּ אין דער ערד און בעטן ביי דער ערד וואָס טראָגט אים מחילה און סליחה — קיין מאָראַלישע חולי־נופלדיקייט האָט ער נישט פאַרמאָגט. וווהין האָט ער געקענט גיין? אַנדערע פון זיין חדר האָבן זיך „געראַטעוועט" אין טראָצקיזם, זיך אָפּ־

געריייניקט פון דער סטאַליניסטישער טומאה אין אַ מקוה פון אַ צווייטער סטרא־אחרא. אייניקע האָבן ווידעראַמאָל געפונען זייער „תיקון" אין סאָציאַל־דעמאָקראַטישער לעבלעכקייט. אָבער פאַר קריוויצקין האָט שוין אפשר נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס צווייטע געקענט זיין אַ סגולה קעגן מתים פון וועלכע ער האָט זיך געפילט פאַרפאָלגט; נישט טראָצקיזם און נישט סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָבן אים געקענט געבן אַ קמיע, מיט וועלכערס כוח עס זאָל אים געלינגען צוריקצושיקן די מתים „אין זייער רו אַריין". פאַרוואָס זשע זאָל איך נישט גלייבן, אַז ער האָט זיך פאַרשאַפט אַ רעוואָלווער, אָפּגעזאָגט זיין פאַר־פלאַנטערטע ווידוי אין אַ פאַר פערזענלעכע בריוו און — אַוועק צו די מתים, כדי זיך צו באַפרייען פון זייער „טעראָר"?

**
*

עס איז אומגעהויער ברוטאַל, אָבער איך טראַכט עס גאַנץ אָפט. מיך חי־דושט נישט, ווען אַ באָלשעוויק פון אַ הויכן ראַנג באַגייט זעלבסטמאָרד. איך חידוש זיך אַ סך מער, פאַרוואָס עס קומען צווישן זיי פאַר אַזוי ווייניק זעלבסט־מאָרדן. אויפן סאָוועטישן בית־הקברות ליגן אַ סך אומגעבראַכטע באָלשעווי־קעס; אָבער ווייניק, חרפהדיק־ווייניק זעלבסטמערדער. ווער האָט זיי פאַרפּאַנ־צערט אין אַזאַ דיקער הויט? ווער האָט עס אַזוי כלאָראָפאָרמירט זייער געוויסן, אַז עס זאָל אַזוי זעלטן דערפילן וויטיק? ווו ליגט דער סוד פון דער פסיכישער אַנעסטעזיע, מיט וועלכער באָלשעוויקעס קענען זיך מיט אַזוי פיל רעכט „באַ־רימען"? פאַרוואָס זענען זיי מערסטנטיילס אַזוי שאָקירנדיק, אַזוי עקלהאַפט „געזונט"? כ'האָב שוין לאַנג נישט אַריינגעקוקט אין דער געשיכטע פון דער אינקוויזיציע. ס'קען זיין, אַז יענע געשיכטע, ווען מען לייענט זי אויפמערק־זאַם, גיט אַ שליסל צו דער אויסטייטשונג פון אַ סך „געזונטקייטן" און קראַנ־קייטן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

**
*

די קריוויצקיס, וועט מען מיר געבן צו פאַרשטיין, זענען געמאַכט פון אַן אַנדער שטאָף און זעלבסטמאָרד גייט נישט אַריין אין זייער קאָדעקס. ווייל איך זיך נישט שפּאַרן, ווייל דאָס וואָלט געהייסן דערמאָנען זיך אַ זאַך וואָס יענע אָפּלעגנטן ווילן נישט פאַרשטיין — אַז יאָ קאָדעקס, נישט קאָדעקס, ווען אַ מענטש דערגייט „אָט צו יענער גרענעץ", קוקט ער נישט אַריין אין שולחן־ערוך און טוט וואָס ער מוז אָדער וואָס ער מיינט אַז ער מוז טאָן, אָן אַ היתר. צווישן פרומע יידן זעט מען אַמאָל אויך אַ זעלבסטמערדער, כאָטש אין זייער „קאָדעקס" געפינען זיי זיכער פאַר דעם קיין היתר נישט. אָבער אַלציינס, קרי־

וויצקי איז דאָך נישט שטענדיק געווען קריוויצקי, און איך גלייב נישט אַז פער־ציק טעג פאַר זיין געבורט און אַכט און פערציק טעג פאַר זיין „ברית" האָט מען אין די הימלען אויסגעשריגן, אַז „לכך נוצר", אַז מען שיקט אים אויף דער וועלט, כדי ער זאָל ווערן קריוויצקי. איידער ער איז נתגלגל געוואָרן אין קריוויצקין איז ער דאָך אַמאָל געווען (ווי די „ניו מעסעס" האָט אונדז אַמאָל דערציילט מיט אַ משומדיש־אַנטיסעמיטישן כי־כי־כאַ)... שמעלקע גינצבורג. און שמעלקע גינצבורג האָט דאָך געהאַט אַ טאַטע־מאַמע — און נישט קיין פאַרטיי־חברים און ידידים; און שמעלקע גינצבורג האָט דאָך נאָך געגלייבט אַז די עשרת הדיברות האָבן עפּעס צו טאָן אויך מיט אים. אפשר איז גאָר גע־נעראַל קריוויצקי אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן צוריק נתגלגל געוואָרן אין שמעלקע גינצבורג, אין אַ פּאָדוואָלאָטשיסקער יידיש יינגל מיט אַלע זיינע „שוואַכקייטן", מיט זיין גאַנצער אומפעיקייט צו טראָגן אויף זיך אַ שווערע משא פון זינד און פאַרברעכנס, פאַר וועלכע מען קריגט פון דער „רעוואָלו־ציע" מעדאַלן און דעקאָראַציעס? אַזעלכע צוריק־גילגולים האָבן שוין נישט איין מאָל געטראָפן. און אַז זיי טרעפן — ווער ווייסט ווהין זיי קענען פירן און פאַרפירן. איך האָב דערפאַר גאָרנישט קעגן דעם, אַז די וואַשינגטאָנער פּאָ־ליציי זאָל ענדערן איר פּראָטאָקאָל: זעלבסטמאָרד איז באַגאַנגען נישט גענעראַל קריוויצקי, נאָר שמעלקע גינצבורג — און אַזוי זאָל עס טאַקע זיין פאַרצייכנט אויף זיין מצבה.

**
*

אויב אַפילו איך בין אומגערעכט מיט מיין אויסטייטשונג און עס וועלן אויפגעדעקט ווערן פאַקטן, וואָס וועלן זי אינגאַנצן אָפּלייקענען, בלייב איך נאָך אַלץ גערעכט:

„מיין מעשה איז אַ שענערע".

וואָס? טאַקע, געהרגעט געוואָרן פון דער גע־פּע־או? אויך מיר אַ סענ־סאַציע! ס'אַראַ באַנאַלע געשיכטע.

.1941

די באַזאָרגטע מאַמע — און „יענע מיידלעך"

מיר האָבן זיך די טעג געזעגנט מיט אַ זייער חנעוודיקן בחור: אַ זון פון גוטע פריינט, וואָס איז אַוועק אין דער אַרמיי. קרובים, גוטע־ברידער, חברים האָבן אָנגעבראַכט אין זייער הויז אַ שלל מתנות, מיט וועלכע דער יונגער סאָלדאַט וועט זיך מסתמא נישט קענען באַנוצן אין זיין קאַזאַרמע. איך בין אים אַפילו חושד אַז ער וועט זיי מערסטנטייל לאָזן אין דער היים. אַ יונגע דאַמע האָט געשפילט מעלאַנכאָלישע מעלאָדיעס אויף דער פיאַנאָ; אַ מיטליאָריקער גאַסט האָט דערציילט הומאָריסטישע זכרונות וועגן די חדשים וואָס ער האָט פאַרבראַכט, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, אויפן פראַנצויזישן פראָנט; אַן עלטערער דאָקטאָר האָט דערציילט ווייט נישט קיין צניעותדיקע הוזאַרן־אַנעקדאָטן פון דער אַמאָליקער עסטרייכישער אַרמיי, אין וועלכער ער האָט געדינט — און די באָבע האָט מקיים געווען איר באַבישן חוב מיט כליפּען אַלע עטלעכע מינוט, וואָס מ'נעמט צו די קרוין פון איר קאָפּ, ווער ווייסט וווהין און צוליב וואָס.

קיינער האָט אָבער נישט געצויגן אויף זיך אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט — אויך נישט דער בעל־דבר גופא — ווי די מאַמע. זי האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות דורכן גאַנצן אָוונט „צו זיין ווי אַלעמאָל". זי האָט אַכטונג געגעבן אויף די געסט זיי זאָלן געניסן פון אַלץ וואָס ס'איז געווען אויסגעשטעלט אויף די טישן, אָבער יעדע עטלעכע מינוט האָט זיך זיך דערמאָנט עפּעס אַן אַנדער קלייניקייט, וואָס נאָר אַ מאַמע איז מסוגל זיי צו געדענקען און וואָס דער זון וועט (וויטער אַמאָל!) נישט קענען, אָדער נישט וועלן נוצן אין דער סאָלדאַטסקער פרעמד. באַזונדערס האָט מיך פאַראינטערעסירט איר באַמיִען זיך אַרויסצופּרעסן פון זון אַ הבטחה, אַז ער וועט העלענאַן, — זיין יונגער חברטע און משמעות קינפטיקער לעבנס־באַגלייטערין — שרייבן יעדן טאָג אַ בריוו, כאָטש עטלעכע שורות. עס אַרט זי נישט, האָט זי געטענהט, אויב ער וועט שרייבן אַהיים בלויז איין מאָל אַ וואָך און אַפילו נאָך זעלטענער; אָבער וואָס שייך העלענאַן וויל זי אַפילו נישט הערן, אַז זי וועט נישט קריגן יעדן טאָג צוגעשיקט אַ בריוול. דער זון האָט אַזאַ הבטחה נישט געוואָלט געבן. אויף צו שרייבן אַ בריוו, נישט קיין געשעפטס־בריוו, דאַרף מען זיין אין דער געהעריקער שטימונג — און ווי קען זיך עס אַ מענטש אונטערנעמען צו האָבן שטימונג יעדן טאָג? אויך העלענאַ האָט געוואָלט איבערצייגן איר פריינטס מוטער, אַז

דאָס איז כלל נישט נייטיק; אַז זאָל ער איר בעסער שרייבן נאָר דענסטמאָל ווען אים ווילט זיך — און אַז פון סתם מעכאַנישער פליכט־דערפילונג וועט זי ביי־זוי־סיי קיין הנאה נישט האָבן. די מוטער האָט זיך אָבער מיט פאַרדעכטיק־טער עקשנות געהאַלטן ביי אירן: יעדן טאָג! קיינמאָל נישט פאַרפעלן! און אויב נישט קיין גאַנצן בריוו — איז, לכל הפחות, צוויי שורות.

ווען דער „אָפּגעגעבענער״ איז נאָך מיטגנאַכט אַוועק אָפּצופירן העלענאַן אַהיים און אין הויז זענען נאָר געבליבן די גאָר־היימישע, האָב איך זיך נישט געקענט איינהאַלטן און אַ פרעג געטאָן די מוטער: ׳וואָס גייט אייך אייגנטלעך אַזוי אין לעבן, אַז ער זאָל יעדן טאָג שרייבן העלענאַן די פאָר שורות?״

איך האָב זי קענטיק געשטעלט אין אַ שווערער פאַרלעגנהייט. זי האָט אַ פאָר מינוט געשוויגן, אַראָפּגעלאָזט די אויגן, און נאָכדעם שטיל אָבער מיט אומגעהייערער אָנשטרענגונג אַ זאָג געטאָן:

„נו, איר ווייסט דאָך... אַרום די קעמפּס איז זייער נישט זויבער... אָט יע־נע מיידלעך האָבן זיך מחנותוויז אַראָפּגעלאָזט אויף די יונגע סאָלדאַטן ווי אַ היישעריק... סאַלונס, טרעילערס, ביליקע האָטעלן אין דער אומגעגנט... אַדאָלף איז יונג, ריין, אומדערפאַרן... אַלץ קען פּאַסירן... ווי אַזוי זאָל איך עס אייך זאָגן?... איך האָב געטראַכט פון אַ מין דיסציפּלין פאַר אים... פון אַ מין «שמירה»... לאַכט מיך נישט אויס״...

***

ניין, פאַרוואָס זיך אויסלאַכן פון איר? צי אַזאַ „שמירה״ ווי שרייבן יעדן טאָג אַ בריוו — אָדער ווי די מעדאַליאָנען מיט העלענאַס מיניאַטור־פּאָרטרעט, וואָס זי האָט איינגענייט ווו זי האָט נאָר געקענט אין דעם זונס זאַכן — קען טאָקע אין אַלע פאַלן העלפן, ווייס איך נישט. אָבער די דאָזיקע זאָרג פון אַ מוטער איז נאַטירלעך, פאַרשטענדלעך. עס איז אויך פאַרשטענדלעך איר זוכן אַ שטיק „אינהיביציע״ פאַר אים: קיין טלית־קטן טראָגט ער דאָך נישט און קיין תפילין וועט ער דאָך אויך נישט לייגן. נישט־ווילנדיק האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם פעטן, גוטמוטיקן ענגלישן אָפיציר אין גיבראַלטאַר, וועלכער האָט מיך אַמאָל געפירט מיט זיין אויטאָמאָביל קיין אַלזשעסיראַס, אין דער נאָענטסטער שפּאַנישער שטאָט. איבערפאָרנדיק די גרענעץ, האָט מיך געוווּנדערט, הלמאַי די מיליטערישע וועכטער האָבן ביי מיר קיין פּאַפּירן נישט געפרעגט, בשעת דער אָפיציר האָט געמוזט ווייזן זיינע דאָקומענטן. האָט ער מיר נאָכדעם דער־קלערט, אַז דאָס איז נישט קיין צופאַל: עס איז אַן אַלטע אַרמיי־רעגולאַציע, אַז פון גיבראַלטאַר קיין שפּאַניע מעגן אַריבערפאָרן בלויז יענע ענגלישע אָפיצירן און סאָלדאַטן וואָס קענען באַווייזן אַז זיי זענען באַווייבטע. מען וויל פאַרהיטן

דעם גאַרניזאָן פון ווענערישע קראַנקייטן, מיט וועלכע מ׳קען זיך לייכט אָנשמעקן אין שפּאַניע. די הנחה איז, אַז נאָר אַ בחור איז אין געפאַר — אַ באַווייבטער מענטש וועט דאָך נישט אַריינפאַלן אין דער פּאַסטקע פון פּראָפעסיאָנעלע פרויען. מיין אָפיציר איז געווען אין כּעס אויף אַזאַ משוגהדיקער רעגולאַציע. ווען דאָס וואָלט נאָר געווען באַזוויטעט, וואָלט עס אים נישט געאַרט: יעדע אמתע באַזוויטעט האָט חן. אָבער דאָ שטעקט, האָט ער מיט מיר געטענהט, צביעות, „פּרעטענזיע": זיי ווייסן גאַנץ גוט, אַז אויב אַ סאָלדאַט פון גיבראַלטאַר האָט אַ ווייב ערגעץ־ווו אין לידז אָדער בריסטאָל, איז דאָס נאָך נישט קיין גאַראַנטיע אַז ער וועט נישט אַ הוליע טאָן מיט געקויפטער „ליבע", ווען ער וועט זיך אַריבערכאַפּן קיין שפּאַניע. אָבער אַזוי דאַרף עס הייסן: מען מאַכט אַ פּרום, צניעותדיק פּנים נישט פאַר זיך אַליין, נאָר אויך פאַר אַנדערע. מ׳דאַרף זיך איינרעדן, אַז אין גיבראַלטאַר גופא, אונטער די אויגן פון מיליטער־פּאָליציי, איז פּראָסטיטוציע נישט בנמצא — כאָטש יעדער ווייסט ווער עס זענען די פאַר הונדערט טענצערינס, זינגערינס און אַנדערע לעגאַליזירטע „ענטערטעינערס" אין די דאָרטיקע שענקען, קאַפעס און קאַבאַרעטן...

כ׳האָב אַדאָלפס מוטער וועגן מיין גיבראַלטאַר־שמועס נישט דערציילט: צוליב וואָס איר נאָך שווערער מאַכן אויפן האַרצן? קיין טרייסט־וואָרט האָב איך אָבער אין זיך נישט געפונען און טאַקע אַוועקגעגאַנגען פון הויז, נישט זאָגנדיק גאָרנישט. וואָס קען מען איר זאָגן? אַז אַדאָלף איז ריין און ציכטיק? אַז פון זיינע בלויע אויגן שטראַלט אַרויס יוגנטלעכע זויבערקייט און שמוץ קען זיך צו אים נישט צוקלעפּן? אויף וויפל דאָס איז אמת, ווייסט זי עס אַליין. אָבער איז עס טאַקע אמת, אַז שמוץ קען אויף אים קיין שליטה נישט האָבן? אַבסאָלוטע אימוניטעט (אויב ס׳איז פאַראַן אַזאַ זאַך) פאַרמאָגן בלויז די וואָס פילן אַ פיזישן עקל, אַן איבל פון וועלכן זיי קענען זיך שוין נישט באַפרייען ווען זייער אויג פאַלט אויף אַ „פּראָפעסיאָנעלער". אָבער וויפל זענען דען אַזעלכע פאַראַן? איך דערמאָן זיך איצט ווי צעמישט איך בין געווען אין מיין פריער יוגנט, ווען כ׳האָב צום ערשטן מאָל אין אַ רוסישער טורמע זיך באַגעגנט מיט רעוואָלוציאָנערן, וואָס אַ קאַזיאָנער דאָקטאָר האָט זיי געמוזט היילן פון דעם וואָס אונדזער טיר־וועכטער האָט אָנגערופן „פראַנצוסקאַיאַ באָליעזן" (די פראַנצויזישע קראַנקייט). יעדער איינער פון זיי איז געווען גרייט צו גיין אויף דער גרעסטער מסירת־נפש און ס׳איז דאַכט זיך נישט געווען יענער קרבן, אויף וועלכן זיי זענען נישט געווען פעיק. און דאָך — דעם „קרבן", דעם קרבן פון פרישות, פון נישט קויפן אַ פרויען־לייב וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער עקלהאַפטסטער סחורה וואָס מענטשן האָבן ווען עס איז אויסגעטראַכט (יאָ, בפירוש אויסגעטראַכט, אַזוי ווידערנאַטירלעך איז עס, אַזוי סתירהדיק צו אונ־

דזערע זאָאָלאָגישע אינסטינקטן!) האָבן זיי נישט געקענט ברענגען. אין שפּע־טערדיקע יאָרן האָט מיר דער אַלטער מינאָר, עליו השלום, איינע פון די שענס־טע פיגורן וואָס די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט אַרויסגעגעבן — אַליין אַן אַסקעטישע נאַטור, דערציילט: ער און זיינע חברים האָבן אין אַ ריי פאַלן, אין זייער פאַריזער עמיגראַציע, געמוזט מוחל זיין פונקציאָנערן פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָבן פאַרטכלעוועט נישט־זייער געלט אויף, ווי אַדאָלפס מוטער זאָגט, „יענע מיידלעך". וואָס האָבן מיר געקענט טאָן? — האָט מיר מי־נאָר געזאָגט — ס׳איז אַ וויטיק און אַ חרפּה; אָבער עס ווייזט אויס, אַז אַ פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער גייט שטענדיק אַרום אויף דער וועלט מיט אַ געפיל פון אַ פאַרמשפּטן. נישט יעדער קען טראָגן אַזאַ געפיל אָן אַ באַשטימ־טער „אָפּלענקונג" אָדער „אָפּוועקסלונג". דערציילט האָט מיר דאָס מינאָר נישט פון קיין צופעליקע מענטשן, נאָר פון יונגעלייט וואָס האָבן זיך, אַזוי צו זאָגן, אַליין געבונדן און אַליין געלייגט אויף דער עקדה.

**
*

מלחמה און די טעמפּעראַטור פון ערב־מלחמה זענען שטענדיק, זינט מענטשן געדענקען זיך, באַגלייט געוואָרן מיט אַ געוויסער אויפשרויפונג פון קאַנאַלן, וואָס בדרך־כלל האָבן מיר זיך אונטערגענומען זיי צו קאָנטראָלירן. זאָלן מיר מוחל זיין אַלע אַרמייען, דעמאָקראַטישע און קרעציק־רעאַקציאָנערע, קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע און רעוואָלוציאָנערע — און אויך רעליגיעז־אָנגע־הויכטע: נישטאָ, דוכט זיך, קיין איינע צווישן זיי וואָס האָט, אין געוויסע באַ־דינגונגען, זיך נישט געלאָזט ווילגיין אַפילו מיט סעקסועלע גוואַלד־טאַטן. פאַנגען פרויען ביים שונא, זיי אַוועקפירן מיט זיך און האַלטן זיי אין אַ שטייג פון געצוווּנגענער ליבע איז טויזנטער יאָרן געווען ביי אונדז אַ כשרע זאַך („כי תצא למלחמה" — תורת־משה האָט דאָס אויך נישט געאַסרט. זי האָט נאָר גע־פאָדערט, מ׳זאָל די געפאַנגענע אַ חודש צייט לאָזן באַוויינען איר טאַטע־מאַ־מע, ביז זי וועט ווערן דעם פאַנגערס ווייב). אַזאַ „עטיק" האָט ביי אונדז עקסיס־טירט כמעט ביז נעכטן: פעטשאָרין (אין לערמאָנטאָווס „העלד פון אונדזער צייט") האַלט ביי זיך אין אַלקער פאַרשפּאַרט די טשערקעסישע קראַסאַוויצע בעלאַ און קיינעם פון זיינע קאָלעגן־אָפיצירן און קיינעם פון זיין נאַטשאַלסטוואָ קומט אַפילו נישט אויף דער מחשבה, אַז פאַר אַזאַ האַנדלונג דאַרף מען אים באַשטראָפן. ערשט נישט לאַנג צוריק האָט מיר אַ רוסישער פריינט מגלה גע־ווען דעם סוד, אַז ער איז נישט קיין ריינער „אַריער". אַ געוויסער פּראָצענט בלוט אין אים איז מאָנגאָליש, ווייל זיינער אַן עלטער־זיידע האָט מיט זיך אַמאָל געבראַכט פון דער מלחמה אַ געפאַנגען טערקיש מיידל, פון וועלכער זיינע

קינדער זענען געבוירן געוואָרן, ווייזט אויס, אַז ווער עס פֿועלט ביי זיך עובר צו זיין אויף „לא תרצח", קען שוין נאָכדעם לייכטער פועלן ביי זיך נישט צו נעמען ערנסט אויך אַנדערע „דיבּרות", און עס האָט דאָ נישט קיין זינען אַלץ צו וואַרפֿן אויפֿן „מיליטאַריזם". אויך דער אַנטי־מיליטאַריסט, דער וועלט־דערלייזערישער רעוואָלוציאָנער — וואָס פֿועלט ביי זיך, אַז צוליב זיין לאָיאַ־ליטעט און זיין „יראה" מעג ער הרגענען מענטשן — ווערט מיט דער צייט פֿעיִק אַרויסצוּוואַרפֿן פֿון די לוחות אַ פּאָר אַנדערע „דיבּרות" (וואָס? ס'אַ ביל־בול? הערט וואָס מאַקסים גאָרקי דערציילט אין זיינע בעלעטריסטישע בירגערקריג־נאָטיצן).

אָבער סיי־ווי־סיי; נישט דאָס איז דאָך אונדזער הויפּט־זאָרג. סוף־כּל־סוף איז אין אונדזער צייט — און אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי — נישט פֿאַראַן קיין ערנסטע סכּנה, אַז סאָלדאַטן זאָלן אָנהייבן פּראַוּוען יענעם טיפּ „ראַזגול", מיט וועלכן עס האָבן זיך אַמאָל אויסגעצייכנט רוסישע קאָזאַקן אין אַ פֿרעמדער געגנט — באַזונדערס ווען קיין מלחמה בפועל־ממש איז נאָך פֿאַר זיי נישטאָ. נישט וועגן אַזעלכע קרימינעלע עקסצעסן זאָרגט זיך דער טיפּ טאַטע־מאַמע, צו וועלכן אַדאָלפֿס מאַמע געהערט. איר זאָרג איז נישט, אַז דער זון וועט אַוועק קיין אייראָפּע און וועט פֿון דאָרט מיטברענגען אַלס „פּרייז"־געפֿאַנגענע אַ בלוי־אויגיקע, בלאָנד־לאָקיקע גרעטכען, אויף וועלכער ער וועט אַרויפֿצוּוינ־גען זיין „מאַנשאַפֿט" און זיינע מענערישע רעכט. (פֿון אַזעלכע מלחמה־פֿאַנגען זענען אַגבֿ, אין געוויסע פֿאַלן, אַרויסגעקומען אויך זייער רירנדיקע זיווגים). איר זאָרג האָט צו טאָן מיטן מיידל־אַנאַנים, מיטן מיידל אָן אַ נאָמען און מיט צופֿיל נעמען, כּדי זיך אויסצודרייען פֿון אַ פּאָליציי־רעקאָרד; אָדער, ווי אַדאָלפֿס מוטער האָט מיר שעמעוודיק געזאָגט, מיט יענע מיידלעך, וואָס נישט זיי ווערן געפֿאַנגען, נאָר זיי פֿאַנגען גאָר די מענער און וואָס ווערן אַרויסגעהאָלפֿן אין זייער פּרנסה פֿון צענדליקער „סירסורים לדבר עבירה". און וועגן דער סכּנה איז גאָרנישט אַזוי לייכט צו זאָגן אַ טרייסט־וואָרט צו דערשראָקענע טאַטע־מאַמע...

***

די לאַגע אַרום אונדזערע מיליטערישע קעמפּס איז, ווייזט אויס, שוין גע־וואָרן אַ מאַוויימדיקע. די פּראָטעסטאַנטישע „קריסטשען סענטשורי" האָט נאָך אין מערץ געשריבן: „עס איז קיין פֿראַגע נישט, אַז אַן אמתער קאַרנאַוואַל פֿון שמוציקער אויסגעלאַסנקייט האָט אָנגעהויבן אָפּערירן אין דער שכנות פֿון יעדן חיכטיקן אַרמיי־קעמפּ אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן". אַ שוידערלעך בילד ווערט געגעבן, אין אַ סעריע פֿון פֿיר אַרטיקלען, אין דעם מעטאָדיסטישן „קריסטשען

אַדוואָקעיט": „די קוואַליציע פון שאַרפע משקאות, געמבלינג און פּראָסטיטו־ציע איז שטאַרק כמעט אין יעדער געמיינדע וואָס האָט איצט לעבן זיך אַ קעמפּ. אַלע דריי קללות זענען לייכט צום דערגרייכן פאַרן סאָלדאַט, וואָס איז גרייט זיך מיט זיי צו באַנוצן. אין פיל פאַלן קען מען שוין אָנטאַפּן מיט די הענט די פריינטלעכע קאָאָפּעראַציע אויף דעם געביט צווישן די צושטעלער פון זינד און די לאָקאַלע פּאָליטישע באַלעבאַטים". אַ שטיק צייט האָט מען זיך געוואָלט איינרעדן, אַז די לאַגע איז נישט אַזוי שרעקלעך; אַז די קירכן־פּרעסע איבערטרייבט די זאַך בכיוון און זי האָט אַ כאַראַקטעריסטישע הנאה פון אַלאַר־מירן דעם עולם. אָבער אָט לייען איך אַ ראַפּאָרט פון אַ וועלטלעכן אַמערי־קאַנער, וועלכער טראַכט נישט וועגן אויסנוצן די סיטואַציע פאַר „מיסיאָנערי־שער" אַרבעט — און אויך ער איז נישט ווייניקער אַלאַרמירט פון די גלחישע עדיטאָריאַל־שרייבער. ד"ר ר. א. וואַנדעלער, איינער פון די הויפּט־דירעקטאָרן פון אונדזער „פּאַבליק העלט סוירוויס", האָט לעצטן חודש דערקלערט, אויפן יסוד פון אָפיציעלער סטאַטיסטיק, אַז דער פּראָצענט ווענעריש־קראַנקע אין דער נייער, ציווילער אַרמיי איז שוין אַזוי הויך ווי אין דער רעגולערער אַרמיי פון פּראָפעסיאָנעלע סאָלדאַטן (אין דער רעגולערער אַרמיי איז דער פּראָצענט, כידוע, קיין מאָל נישט געווען זייער נידעריק). אין זיין באַריכט דערציילט ער, אַגב, וועגן אַ שטעטל וואָס ער וויל נישט אָנרופן ביים נאָמען, וווּ די גאַנצע באַפעלקערונג באַשטייט פון 4000 נפשות. נאָר לעצטנס, זינט מ'האָט דאָרט אויפגעבויט אַ קעמפּ, האָבן זיך דאָרט באַזעצט 3000 פּרעמדע פרויען. אונדזער פעדעראַלער געזונט־אַפּהיטער איז שוין אַזוי פאַרצווייפלט, אַז ער איז די טעג אַרויסגעקומען — „פון אַ ריין־וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט" — מיט אַ פּראָ־יעקט, אַז די רעגירונג זאָל שאַפן איבערן לאַנד „סעגרעגירטע דיסטריקטן" פאַר פּראָסטיטוטקעס, כדי עס זאָל לייכטער זיין צו האַלטן זיי אונטער אַ מעדיצינישן קאָנטראָל; אַנדערש געזעגט, די מלוכה זאָל פּראָסט־פּשוט לעגאַליזירן די דאָ־זיקע פּרנסה, ווייל אויסראָטן זי, אָדער ערנסט באַקעמפן זי, איז לויט זיין מיי־נונג, לחלוטין אוממעגלעך.

ווייס איך נישט, ווי אַזוי די רעגירונג האָט אויפגענומען זיין פּלאַן, אָבער סיי־ווי־סיי, אין בעסטן פאַל, האַנדלט זיך דאָ בלויז וועגן דעם מעדיצינישן אַספּעקט (וועגן „וויסנשאַפטלעכן", ווי וואַנדעלער דריקט זיך אויס), נישט וועגן דעם מאָראַליש־היגיענישן. די מעדיצין איז נישט מחויב צו זאָרגן אַז אַדאָלף זאָל צוריקקומען פון דער אַרמיי און זאָל קענען קוקן גלייך אין פּנים אַריין העלענאַן, דער מוטער און נישט פילן אין דער צוקונפט קיין עקל צו זיך

אַליין. איר עובדה איז בלויז צו זען, אַז וואָס ס'זאָל נישט זיין זאָל ער אַהיימקומען פּיזיש געזונט, און וועגן איבעריקן — זאָל זיך עמיצער אַנדערש זאָרגן.

* * *

אָבער ווער זאָל זיך זאָרגן אָט וועגן דעם „איבעריקן"? גוטע מענטשן זאָגן, אַז ווען מ'זאָל אין גוטע משפּחות אַראָפּנעמען דעם חרם פונעם סאָלדאַט; ווען עלטערן אין די שטעט און שטעטלעך וואָס האָבן אין שכנות קעמפּס, זאָלן דערלויבן זייערע טעכטער צו פאַרברענגען מיט סאָלדאַטן אין זייערע פרייע שעהען; ווען מ'זאָל זיי איינלאַדן פון צייט צו צייט אין אַ וואַרעמער משפּחה־אַטמאָספערע — וואָלטן זיי זיך נישט געפילט אַזוי איינזאַם און לאַנגווייליק. אַזאַ הכנסת־אורחים וואָלט זיי טיילוויז פאַרטרעטן די היים. אין טייל פון זיי יעדנפאַלס וואָלט נישט פאָרגעקומען יענער איבערברוך, וואָס עפּנט אָפּט מאָל דעם וועג צו מאָראַלישער צעבראָכנקייט און הפקרות. אַזאַ רפואה, דערמאָן איך זיך, האָט נאָך לעצטן זומער פאָרגעשלאָגן דער גוט־אינפאָרמירטער וואַנדערער־קאָלומניסט פון דער „נעישאָן", דניאלס. איז דאָס אין פּרינציפּ מסתמא נישט קיין שלעכטע עצה. אָבער איך האָב מורא, אַז ווירקן אויף די מייסטע „בעל־הביתישע" עלטערן — באַזונדערס אין פּראָווינציעלע שטעט — זיי זאָלן אין זיך גובר זיין דעם טראַדיציאָנעלן פאָראורטייל קעגן סאָלדאַט און מאַטראָז, איז נישט קיין סך לייכטער ווי משפּיע צו זיין אויף „יענע מיידלעך" אַז זיי זאָלן אויפגעבן זייער פּרנסה. כ'האָב אַנומעלטן געלייענט אַ טעלעגראַמע פון לאָס־אַנדזשעלעס, אַז אַ באַרימטע דאָרטיקע „סטריפּ־טיזערין" האָט אַנאָנסירט אין די צייטונגען, אַז יעדן שבת־צו־נאַכט איז זי גרייט אויפצונעמען ביי זיך אַ סאָלדאַט, אַ מאַטראָס און אַ פּליער און זיי מכבד זיין מיט היימישע מאכלים. איז דאָס מסתמא פאַר דער קאַליפאָרניער סלינע־אַרויסרופערין נישט מער ווי אַ שטיק פּובליסיטי. אָבער מענער און פרויען, וואָס האָבן טאַקע קינדער און פירן אַ פאַמיליע־לעבן, וועלן זיך גאָרנישט אַזוי איילן צו פאַרבעטן אין די הייזער אומפאָרמירטע אורחים מיט אַזאַ „אונטערגענעצטער רעפּוטאַציע", אַפּילו — אַפילו ווען זייערע אייגענע זין זענען אויך ערגעץ־ווו אין דער פרעמד, אין אַ מיליטערישן קעמפּ, און ווייסן אויך נישט וואָס צו טאָן מיט זיך שבת און זונטיק.

דאָס הייסט נישט, אַז מ'דאַרף נישט זוכן קיין וועגן און מיטלען. עפּעס קענען זיכער אויפטאָן קירכן־אָרגאַניזאַציעס (ביי גויים, מיין איך; צווישן ייִדן זענען, כידוע, פאַראַן צופיל „אויפגעקלערטע"); עפּעס קען טאָן די רעגירונג גופא דורך שאַפן מער מעגלעכקייטן פאַר געזונטער „רעקרעאַציע". אָבער ס'איז פאַראַן אַ גרענעץ פאַרן דערפאָלג פון אַזעלכע באַמיִונגען.

עס איז נאָך פריִ צו מאַכן אַ סך־הכל פון די קרבנות וואָס די איצטיקע מלחמה האָט אונדז אָפּגעקאָסט. אָבער ווען דער טאָג פון סך־הכל וועט קומען, לאָמיר נישט פאַרגעסן אַריינשטעלן אין אונדזער אַלגעמיינער שאָדן־ליסטע אויך דעם שאָדן: דעם שאָדן פון פאַרפעסטן יונגע גופים און פון פאַרברודיקן די אינטימסטע ווינקלען פון יונגע נשמות. ווער עס וויל מלחמה, אָדער ווער עס וויל זי נישט — נאָר ער נעמט זי אָן ווי אַ טראַגישע פליכט און גיט איר זיין ברכה — זאָל ער אויפהערן זיך מאַכן נישט־וויסנדיק; און זאָל ער געדענקען אַז ער גיט אומדירעקט אַ ברכה אויך אויף דער... אומפאַרמיידלעכער קללה.

***

איך וויל איר איצטער נישט וויי־טאָן. אָבער ווען די מלחמה וועט זיך אַמאָל ענדיקן און איך וועל נאָך זיין אַ לעבעדיקער אויף דער וועלט, וועל איך צוגיין צו אַדאָלפס מוטער. איך וועל זי שטאַרק בעטן, זי זאָל אויפהערן צו רעדן וועגן „יענע מיידלעך" אַזוי ווי טשעזאַרע לאָמבראָזאָ האָט אַמאָל גערעדט וועגן דעם „פאַרברעכערישן מענטש" אַלס אַ מין ביאָלאָגישן אויסוואורף פון דער נאַטור. זיי, „דער היישעריק", ווי זי האָט זיי אָנגערופן, זענען נישט אַראָפּגעפאַלן צו אונדז, אויף אונדזער הייליקן גלאָבוס פון אַ ווייטן, זינדיקן פּלאַנעט. זיי זענען, פּונקט ווי מיר, קינדער פון דער זעלבער ערד, אַרויסגעקומען פון מענטשלעכע לענדן, אַריינגעשטראַלט אין דער וועלט דורך מענטשלעכער צערטלעכקייט און ליידנשאַפט. זייער זינדיקייט איז וויט נישט אַזוי נאַטירלעך ווי דער באַרימטער ריח, מיט וועלכן דער אויבערשטער האָט באַשאָנקען דעם טכויר. זאָל זי אויך מיר נישט פאַראיבל האָבן: פון יעדע הונדערט אַזעלכע „יענע מיידלעך" וואָלטן מסתמא ניינציק געקענט זיין העלענאַס; מער אָדער ווייניקער אַזעלכע העלענאַס, ווי איר אַדאָלפס פריינדין, וואָס שרייבן איר יעדן טאָג אַ פּאָר שורות קען באַטראַכט ווערן אַלס אַ סגולה קעגן רוחות און מזיקים. „געקענט" — ווען מען וואָלט זיי געלאָזט, ווען אונדזער גאַנצע לופט וואָלט נישט געווען אַזוי פול מיט גייסטיק־שטיקנדיקע גאַזן. זיי האָבן אויך געהאַט אין די מיינסטע פאַלן מאַמעס וואָס האָבן זיי געזונגען כשרע וויג־לידער, וואָס האָבן געזאָגט שבת־צו־נאַכט „גאָט פון אַברהם" אָדער (נו, גוט, להבדיל!) געשטעלט ליכטלעך פאַר מאַדאָנאַ־געשטאַלטן. עפּעס מוז זיין נישט אינגאַנצן אין אָרדענונג מיט אַדאָלפס מוטער און אַדאָלפס פאָטער; מיט דער כישופדיקער העלענאַ און איר גאַנצער משפחה — און מיט טויזנטער און טויזנטער אַזעלכע ווי זיי און אַזעלכע ווי איך — אויב פון אַזוי פיל פּאָטענציעלע העלענאַס „קענען" ווערן „יענע מיידלעך". ניין, לאָמיר נישט באַשולדיקן „די נאַטור": אַזעלכע קללות שיקט זי אויף אונדז נישט אָן. זי איז צו אונדז נישט מער שטיף־מוטער ווי זי איז צו חיות

און בהמות — און זיי איז דאָך די קללה פון פאַרקויפן זיך, זייערע לייבער און לײדנשאַפטן, אינגאַנצן אומבאַקאַנט. דער מקח־וממכר מיטן אייגענעם לייב איז אַ פּראָדוקט — שקץ תשקצנה — פון ציוויליזאַציע, פון אונדזער ציוויליזאַציע. און אין איר האָבן מיר, יעדער פון אונדז, אַ סך גרעסערן חלק איידער די נאַטור.

איך ווייס פון פריִער אַז אַדאָלפס מוטער וועט האָבן וואָס מיר צו ענטפערן. „באַנאַל", וועט זי זאָגן — און זי וועט זיין גערעכט. זי האָט עס שוין צוריק מיט אַ סך יאָרן געלייענט אין נייעם טעסטאַמענט. זי האָט ענלעכע מעשיות וועגן „נישט וואַגן וואַרפן אַ שטיין" אויך געהערט פון חסידישן פאָלקלאָר. זי געדענקט גוט טאָלסטאָיס „אויפלעבונג", גאַרשינס און אַנדרעיעווס דערציילונגען. וואָס וויל איך דאָ איר, אָדער ווער עס איז, מחדש זיין? דער אומגליק איז אָבער, וואָס אויב באַנאַל הייסט „אמת, אָבער שוין לאַנג באַקאַנט און טויזנטער מאָל איבערגעחזרט" — איז די באַנאַליטעט נישט דער איינציקער אמת, וואָס פילט זיך נאָך אין אונדז נישט היימיש, כאָטש ער איז שוין לאַנג אַ קוואַרטיראַנט אין אַ קעמערל פון אונדזער וויסן. אָט האָט, למשל, ערשט די טעג אַ געלערנטער מיט אַ סך יידישן וויסן מיר געזאָגט, אַז ער קען נישט פאַרטראָגן דאָס ראָש־השנהדיקן און יום־כיפורדיקן דאַוונען: „איך קען זיך נישט מודה זיין אין אַזוי פיל ווילדע, משונהדיקע, פערווערזע חטאים, פאַר מיין אייגענעם לעבן נישט־געשטויגענע און נישט־געפלויגענע זינד, וואָס זענען אויסגערעכנט אינעם לאַנגן על־חטא־צעטל". ביי אים איז אויסגעקומען, אַז דער מחזור טשעפּעט זיך צו אים, טראַכט אויס אויף אים בילבולים. איך ווייס, אַז כ'האָב אים נישט איבערצייגט ווען כ'האָב אים געענטפערט, אַז אַזוי לאַנג ווי אַזעלכע חטאים זענען אויף דער וועלט פאַראַן, האָט אויך ער אין זיי אַ חלק; איז ער אַ מיטבאַשולדיקטער, אַ מיטזינדיקער. אָבער גענוג: ווער ווייסט, וווהין אַזאַ געדאַנקענגאַנג קען מיט דער צייט פאַרפירן. איך ווייס אויך, אַז ווי נאָר מען הייבט אָן צו קולטיווירן צופיל דעם געפיל פון אייגענער זינדיקייט, פון זינדיקייט בכוח אויב נישט בפועל, קען דאָס ווירקלעך פאַראַליזירן אָט יענע כוחות, וואָס מען מוז איצט זאַמלען, כדי צו פאַרניכטן יענע נאַקעט־באָרוועסע און חיהש־באַהאָרטע טומאה וואָס האָט זיך אַזוי חוצפּהדיק אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער אויבערפלאַך פון לעבן...

.1941

„קאַסאַ דע מאַניאַנאַ"

אינעם לופטיקן שפּייז־צימער פון דער „קאַסאַ דע מאַניאַנאַ" האָבן זיך די געסט אויסגעזעצט ביי די טישן צום אָוונט־ברויט. פּאַסן פון דער פאַרגייענדיקער זון האָבן געשפּילט אויף די גלעזערנע כלים. דורך די אָפענע פענצטער זענען אָנגעקומען גאַנצע כוואַליעס געזאַלצענע לופט פונעם פּאַסיפיק. איך בין געזעסן איינער אַליין ביי מיין טישל מיט אַ נאָגעניש פון תּרעומות. שווער צופרידנצושטעלן אַ געוויסן סאָרט בשר־ודם. כ'בין, דאַכט זיך, געקומען אַהער רוען, געזוכט אַ פּלאַץ וווּ איך וועל קענען שווייגן און נישט אָנשטרענגען די אויערן; נאָר איצט פיל איך זיך געקריוודעט, הלמאי די געסט האַלטן זיך אַלע פון ווייטנס, גיבן קוים אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף מיינע שטומע באַגריסונגען. כ'בין, לויט אַלע סימנים, דער איינציקער ייִד אין האָטעל — איז מיר שווער צו פאַרטרייבן פון זיך די מחשבה, אַז מען „דערקוטשעט" מיר נישט, בלויז דערפאַר וואָס מ'האָט דערשמעקט אין מיר דעם פרעמדן און נישט־אָנגעלייגטן. איך קוק אויף דעם ריזיקן גלאָז אָראַנזשן־זאַפט און זאָג זיך אינעווייניק מוסר; ווער הייסט דיר קריכן אין גוייִשע זומער־האָטעלן? און אַחוץ דעם — אפשר ביסטו גאָר אַליין שולדיק? אפשר מאַכסטו דעם איינדרוק פון אַ בעל־נודניק? אָט איז ערשט נעכטן געווען אַ טיי־קאָנצערט אויף דער לאָנקע פונעם האָטעל, לטובת עפּעס אַ בית־יתומים אין דער קאַונטי — האָסטו געקויפט אַ בילעט ווען מ'האָט דיר פאָרגעלייגט, נאָר צו דער אונטערנעמונג ביסטו נישט געקומען. די געסט האָבן באַמערקט, ווי דו בלאָנקעסט זיך איינער אַליין אַרום בשעת־מעשה אַנטקעגן, אויף דער געפלאַסטעטער סטעזשקע פונעם ים־ברעג. צו וועמען־זשע האָסטו טענות? פון וואַנען ווייסטו, אַז צו זיי איז נישט דערגאַנגען דיין בקשה, מ'זאָל דיר דיינע מאָלציַיטן סערווירן ביי אַן „אינדיווידואַליסטיש" קליין טישל? פאַרוואָס זאָלן די געסט נישט קוקן אויף דיר ווי אויף אַ קרענק אָדער אַ קרענקלעכן, ווי אויף אַ נאַרישן סנאָב, ווי אויף אַ פּוסטן בעל־גאווה?...

***

ביי אַ קיילעכדיקן טיש זיצט אַ גרופּע פון זעקס: צוויי יונגע אָפיצירן, צוויי מיידלעך, אַ מיטליעריקער מאַן און אַן עלטער קאַטויליש גלחל מיט אַ „לאַטיין־אַמעריקאַניש" פּנים. איינע פון די צוויי מיידלעך איז אָנגעטאָן אין כלה־קליידער, אויפן טיש שטייען בלומען — מערער ווי געווינטלעך — און עס ברענען

צוויי דינע, הויכע שטאָלצע ליכט. משמעות, נאָר־וואָס דורכגעפירט די חתונה־צערעמאָניע און די קליינע גרופּע מחותנים זענען געקומען אין דער „קאַסאַ דע מאַניאַנאַ" פּראַווען די חופּה־וועטשערע. איינע פון די פיל ספּאָנטאַנע חתונות אין וועלכע אוניפאָרמירטע יונגעלייט שפּרינגען היינטיקע טעג אַריין. דאָס באַלעבעסל אין מיר פּראָטעסטירט: וואָס פאַר אַ זיגנען האָט עס? ווער ווייסט, צי מען וועט דעם חתן־בחור מאָרגן אין דער פרי נישט אַוועקשיקן אויף מי־יודע ווי לאַנג קיין בורמאַ אָדער וולאַדיוואָסטאָק? און צי וועט ער זיך פון דאָרט אומקערן? דאָס אַנטי־באַלעבעסל אין מיר טוט מיר אַ שטאָך: ביסט אַלט געוואָרן, גוטער־ברודער, און בעל־תכליתדיק, און עקלהאַפט בעל־חשבונדיק. דו האָסט שוין לאַנג נישט געלייענט שעקספּירן. געדענקסטו ראָמעאָ און דזשוליעט? און דעם ציקלוס פון אַ גאַנץ לעבן, וואָס זיי האָבן אַריינגעקאָנדענסירט אין וואָסערע פיר־און־צוואַנציק שעה; אין דעם לעבן־שפּאַן פון אַ שמעטערלינג?

די מחותנים קוקן נישט אויס צו זיין גאָר פריילעך, און ווייל מיין פּוסט בעל־גאווה־טישל שטייט זייער נאָענט צו זייער קיילעכדיקן טיש, דערגייט צו מיר קלאָר יעדעס וואָרט וואָס זיי רעדן. איך געפין אויס, אַז דער חתן איז אַן ענגלענדער, בלויז אַ פּאָר יאָר נאַטוראַליזירט; אַז דער צווייטער אָפיציר איז זיינער אַ חבר וואָס ער האָט מיטגעבראַכט צו דער חתונה מיט זיין באַשערטער; אַז די כלה איז אַ מעקסיקאַנערין, נאָר דערצויגן אין אַמעריקע; אַז איר פאָטער (דער מיטליעריקער מאַן) האָט פאַרלאָזט מעקסיקע ווען דאָס לאַנד איז געוואָרן „גאָטלאָז". ער פאַרמאָגט איצט גרויסע אָראַנזשן־פּלאַנטאַציעס אין דרום־קאַליפאָרניע און איז צופרידן וואָס אין אָנקל סעמס מדינה קען מען דינען גאָט פראַנק און פריי. גייסטלעכע גייען דאָ אַרום אין די גאַסן אין זייערע בגדים, אַזוי אַז מען ווייסט באַלד, אַז „דאָס זענען נישט קיין אינשורענס־אַגענטן". איך געפין אויך אויס, אַז דער חתן איז אַ קאַטאָליק בן קאַטאָליק פון אַ פאַרעקשנטער ענגלישער משפּחה; אַז דאָס עלטערע גלחל מיטן „לאַטיין־אַמעריקאַנישן" פּנים שטאַמט פון מעקסיקע און איז אַ לערער אין דער פּאַראָקיעל־סקול, אין וועלכער די כלה האָט שטודירט.

דער פאָטער הערט נישט אויף גוטמוטיק צו מוסרן די טאָכטער, הלמאי זי האָט אַלץ געמאַכט אַזוי בהלהדיק: ערשט נעכטן ביינאַכט האָט ער טעלעגראַפיש געקראָגן די בשורה, אַז היינט איז די חתונה. ס'איז שלעכט וואָס די מאַמע האָט דעם טאָג נישט דערלעבט; אָבער ווען ער ווייסט פריער, וואָלט ער באַוויזן מיטצונעמען די טאַנטע אַניטאַ און די קוזינע מאַרי און דעם אָנקל כוערטאָ, און דער זיידע פון וועראַ־קרוז וואָלט אויך געקומען צו פאָרן. נאָך גוט, דריקט ער דעם גלחל די האַנט, וואָס איר לערער און ווידוי־פאָטער איז געוועזן פריי און

האָט אַליין וואָלונטירט צו פאָרן אויף דער חתונה. די כלה פאַרענטפערט זיך: זי מורמלט עפּעס אין שעמעוודיקע, געבראָכענע זאַצן וועגן „ספּעציעלע אומ־שטענדן”, „נישט פּאָרויסגעזעענע סיבות” און וועגן — וואָס איז דער חילוק? זי איז דאָך סיי־ווי גליקלעך אָן אַ שיעור, און איז דען דזשאָן נישט גליקלעך?

דזשאָן איז נאַטירלעך אויך גליקלעך „ווי מען קען גאָר גליקלעכער נישט זיין”, אָבער — איין מענטש, זאָגט ער, פעלט אים איצט אויס ביים טיש; און אַ מענטש, דערקלערט ער, אַן אַנאָנימער. ער טוט דערביי אַ טאַפּ אין דער קעשענע־זייט פון מונדיר ווי איינער וואָס וויל זיך איבערצייגן צי דאָרט ליגט אַ פּאַפּיר, אָדער אַן אַנדער וויכטיקער חפץ וואָס ער האָט אַריינגעלייגט. קיינער, אַחוץ די כלה, וואָגט נישט צו פרעגן, וואָס פאַר אַ מין אַנאָנים ער מיינט. אָבער די כלה ווערט אומרויק־נייגעריק: ער מוז איר זאָגן, ווען ער וואָלט אין דער איצטיקער שעה געוואָלט האָבן ביים טיש. דזשאָן לאָזט זיך לאַנג בעטן, ביז ער דערקלערט, אַז ער וואָלט וועלן האָבן צווישן זיינע געסט אַ מאַן וואָס האָט חתונה געהאַט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. די כלה טוט אויף אַ מינוט אַ ציטער־אויף און זי הייבט אָן מיט נערוועזער איילעניש צו פאַרריכטן די גירלאַנדע אויפן קאָפּ. די מחותנים שווייגן, זיי האָבן ווי מורא צו קוקן איינער אויפן אַנדערן, און בלויז דאָס גלחל נעמט זיך די טרחה אויפצושטיין און נאָך אַמאָל אָנצופילן די זעקס וויין־גלעזלעך...

***

דזשאָן באַקוקט דאָס שפּייז־צימער. מערסטנטייל זענען דאָ עלטערע מענטשן, הויפּטזאַכלעך פרויען. און אויב שוין יאָ יונגע — זענען דאָס מלופן־אָפיצירן אין די צוואַנציקער, וואָס זענען געקומען הנאה האָבן פון אַ ציווילן מאָלצייט. ניין, נישט זיי דאַרף ער האָבן. ענדלעך פאַלן זיינע אויגן אויף מיר. עס דויערט נישט קיין מינוט — און ער שטייט שוין לעבן מיין טישל.

— איך האָב גאָרנישט די ריכטיקע ווערטער, זאָגט ער, זיך צו אַנטשולדיקן פאַר מיין חוצפה... אָבער היינט איז דער גרויסער טאָג אין מיין לעבן און מאָרגן (ער טוט דערביי נאָך אַמאָל אַ טאַפּ דעם מונדיר ביי דער קעשענע־זייט, זיך איבערצוצייגן אויב עס ליגט דאָרט וואָס ער האָט אַריינגעלייגט)... אויב איר ווילט, האָט איר אַ רעכט מיך צו שיקן צו אַלדי רוחות און איך וועל גלייך זיך אָפּטראָגן פון אייך. אָבער — מעג איך פרעגן: איר זייט אַ באַווייבטער?

— יאָ.

— און מעג איך שוין זיין חוצפהדיק נאָך אַ מינוט? איר האָט חתונה געהאַט בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה?

— יאָ, אין 1918.

דזשאָן שטייט שוין ביים טיש מיט די מחותנים און איך הער ווי ער אָנאָנ־סירט זיי מיט אַ שטיל־טריומפירנדיקער שטימע, אַז די השגחה איז היינט גוט צו אים: ער האָט געפונען דעם אַנאָנימען מאַן! אין ווייניקער ווי אַ מינוט שטייט ער שוין ווייטער ביי מיין טישל, דריקט פעסט מיין האַנט און טענהט מיט אַ נערוועז־עקזאַלטירט קול, אַז אויב איך זויל מאַכן גליקלעך אַ ווילד־פרעמדן מענטש וועמען איך וועל אפשר שוין קיין מאָל אין לעבן נישט באַגעגענען — זאָל איך מיך צוזעצן צום חתונה־טיש און טיילן מיט זיין געזעלשאַפט דעם מאָלצייט. בין איך גובר מיינע קווענקלענישן, שטייט שוין לעבן מיר אויך די כלה, דריקט מיין צווייטע האַנט און גיט מיר צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז אַלץ נישט צופעליק, אַז דאָס איז בפירוש „גאָטס אַ פינגער", און אַז סיי זי און סיי דזשאָן האָבן נישט קיין מאָמעס...

***

איך זיץ ביי אַ חתונה־טיש פון מענטשן, וואָס צוריק מיט אַ האַלבער שעה האָבן זיי פאַר מיר געקענט זיין בלויז נומערן אין אַ סטאַטיסטישער טאַבעלע. דזשאָן און מאַגדאַלענאַ מיינען מסתמא, אַז אָט זיצט פאַר זיי אַ „פראַנטאָוניק", וואָס איז געבליבן לעבן נאָך די שלאַכטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און איז בשלום אַהיימגעקומען. איך וויל זיי נישט אַנטוישן. איך וועל זיי נישט דערציילן וואָס פאַר אַ טעם עס האָט געקענט האָבן אַ רוסישער ייִד נישט צו גיין אין דער צאַרישער אַרמיי — און מיט וואָס פאַר אַ תחבולות אים איז גע־לונגען צו בלייבן ביזן סוף אַ ציווילער. דער חתן ווייסט שוין מיין נאָמען און ער שטעלט מיך פאָר פאַר דער געזעלשאַפט. דאָס גלחל בייגט זיך אַריבערן טיש און טוט מיך אַ פרעג בלחש: פון דייטשישן אָפּשטאַם?

— ניין, — ענטפער איך אים אַזוי אַז אַלע זאָלן הערן, — איך שטאַם פון רוסלאַנד און בין אַ ייִד.

דאָס גלחל איז שוין געווען בגילופינדיק און ער האָט קיין סך נישט טראַכטנדיק מיטגעטיילט די מחותנים, ווי גוט און פיין עס איז וואָס דער גאַסט איז נישט קיין דייטש און נישט... קיין פראָטעסטאַנט (איינגעהאַנדלט צוויי מצי־אות מיט אַמאָל). ער באַנעצט די פיש מיט אַ פריש גלעזל סאָטערן און הייבט אָן אַרויסצוווייזן ייִדישע לומדות. ער ווייס, אַז ביי ייִדן זענען פאַראַן פיר „דאָ־מינאַציעס" (אָרטאָדאָקסן, קאָנסערוואַטיווע, רעפאָרמער און נאָך עפּעס אַ „סעקטע" וואָס ער געדענקט שוין נישט דעם נאָמען). אָבער אים אינטערעסירט צו וויסן, צו וואָס פאַר אַ ייִדישע „קאַסטע" איך געהער — צי בין איך אַ כהן אָדער אַ לוי, אָדער גאָר פראָסט־פשוט אַ ישראל, אַ געוויינטלעכער „לעימען".

נאָר דער בוחן־לבבות ווייס אויף קלאָר און אויף זיכער, וואָס אין מיר

איז דעמאָלט פאָרגעקומען. אפשר איז פון מיר אַרויסגעשפּרונגען מיט אַמאָל דער לאַנג־אונטערדריקטער „הויך־שטאַפּלער" — ווער ווייסט? איך וויל מיר איינרעדן, אַז איך האָב געזאָגט אַ ליגן לשם שמים. איך האָב לאַנג נישט געקלערט און זיך פאָרגעשטעלט פאַרן גלחל אַלס אַ כהן. אויב די השגחה גופא האָט, ווי די כלה האָט פריִער געזוכט מיר איינצורעדן, געשיקט אַ ייִד אויף אַ קאַטוילישער שמחה, זאָל עס שוין זיין „אַ ייִד מיט אַ קניאַק". איך ווייס, ווי איך האָב דערמיט ווײ־געטאָן דעם קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו, און ער ווייסט, אַז אַזאַ ווייטיק האָב איך אים נישט צום ערשטן מאָל פאַרשאַפט. אָבער מילא: עס איז אַ סברא, אַז ער איז שוין אַ סך, אַ סך עלטער פון קאַנטן, וועלכער האָט אים דער ערשטער אָנגערופן ביי זיין שם־המפורש; אַ סך עלטער פון זיין מער־בילדלעכן, תלמודישן נאָמען „יקוב הדין את ההר". אַ גוטן טאָג האָט ער אפשר געלעבט פאַר בריאת העולם, אָבער פון דעמאָלט אָן איז דאָך זיין הויפּט־עובדה יעדן טאָג צו רעגיסטרירן די ביליאָנען פאַלן, אין וועלכע מען פאָלגט אים נישט. איך האָב ווי געפילט, אַז איך בין געשטעלט געוואָרן פאַר אַ ברירה: אָדער דער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו זאָל יענעם אָוונט דורכלעבן אַ מינוט פון זיין אייזיקער הנאה, אָדער אַ פּאָר זינדיקע און קינדערישע בשר־ודמס זאָלן עטלעכע שעה קוקן דורך די ראָזיקע ברילן אויפן מאָרגנדיקן טאָג (נאָך יעדן זופּ וויין, זע איך ווי דער חתן טאַפּט זיך ביי דער קעשענע־זייט פונעם מונדיר, גלייך ווי אין קעשענע ליגט פאַרחתמעט אַ גזר־דין פאַר מאָרגן). איז, מילא, זאָל דער אימפּעראַטיוו זיצן ווי אַ נגזל, אַבי אָן אָדם און אַ חוה זאָלן נישט פילן אַז אָט־אָט טרייבט מען זיי אַרויס פון גן־עדן. אין דער „קאַסאַ דע מאַניאַנאַ" קומט פאַר אַ ספּעקטאַקל, איז בעסער אַ כהן איידער אַ ייִדישער אַבי־ווער — נו גוט, וועל איך זיין אַ כהן...

מיין גלחל לאָזט זיך ווילגיין מיט סאַטערן, מיט טאָקאַי און מיט לויבן מיין יחוס. ער דערמאָנט דעם חתן, אַז איך בין אַ גרעסערער אַריסטאָקראַט פון זיין געוועזענעם קעניג (ווען אַהרן הכהן, זאָגט ער, האָט שוין געטראָגן די בגדי־כהונה, האָט מען נאָך אויף די בריטישע אינדזלען נישט געקענט ציילן מער ווי צען). ער פרעגט שטיפעריש די כלה, זיין תלמידה, וואָס זי געדענקט וועגן אַהרן הכהן. דערמאָנט זי זיך זיין צויבער־שטעקן, וואָס האָט באַוויזן אַזוי פיל ניסים פאַר פּרעהן און זי הייבט אָן צו קוקן קינדעריש־נייגעריק אין מיינע אויגן; גלייך ווי זי זוכט אין זיי אָנצוטאַפּן דאָס שטיק מיסטעריע און מאַגישע קראַפט, וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה פון מיין „אורזיידן" אין מיר. זי נעמט אַרום דזשאָנען און פרעגט אים, צי פילט ער נישט ווי „פּראָווידענציעל" עס איז וואָס אויף דער חתונה געפינט זיך אויך אַ „היברו פּריסט"? און דזשאָן פון זיין זייט דערציילט איר, אַז ווי נאָר ער איז אַריינגעקומען אין שפּייז־צימער,

האָט ער גליך דערשפּירט, אַז דאָ געפינט זיך אַ געהיימניספּולער „מעסענ־דזשער". (דאָס גלחל האָט זיך דערביי אַריבערגעבויגן צו מיר און שטילער־הייט אַ זאָג געטאָן מיט אַ שעלמישן שמייכל, אַז דער עולם ביים טיש געדענקט נישט די מעשה פון אַהרנען און דעם עגל־הזהב, נאָר עס איז גלייכער זיי נישט צו דערמאָנען)...

שפּעטער, אין אָוונט ווען אַלע זייטיקע זענען זיך שוין צעגאַנגען און מיר אַליין זענען געבליבן אין שפּייז־צימער, האָט די כלה אָנגעהויבן מיך בעטן, איך זאָל איר געבן אַ ברכה. איך האָב איר געמוזט געבן צו פאַרשטיין, אַז כאָטש איך בין אַ „פּריסט" פון געבורט, באַטראַכט איך זיך אָבער פאַר אַ הדיוט. ווייל זי דאָס נישט אָננעמען: „פּריסט איז אַ פּריסט" און אַזאַ איינער וואָס דאָס „פּריסטנטום" איז ביי אים אין בלוט, איז אַ סך וויכטיקער פון אַזאַ איינעם וואָס מען האָט בלויז אויסגעלערנט כהונה און געגעבן סמיכה. איר שמחה, זאָגט זי, וועט נישט זיין גאַנץ, אויב זי וועט היינט נישט קריגן אויך אַ העברעישע ברכה. האָבן מיר סוף־כל־סוף געמאַכט אַ מין קאָמפּראָמיס — איך זאָל איר זאָגן די פאָרמולע וואָס איז ביי סתם־יידן אָנגענומען ביי אַזעלכע פייערלעכע געלעגנ־הייטן. דאָס גלחל וואָס האָט דעם גאַנצן אָוונט געשפּילט די ראָל פונעם שר־המשקים האָט זיך צוגעאײלט נאָך אַמאָל אָנצוגיסן וויין און געבן יעדן אין דער האַנט זיין כוס. אויב שוין אַ העברעישע פאָרמולע ביי אַ רוימיש־קאַטוילישער חתונה, זאָל דאָס זיין וואָס פייערלעכער. ווען איך האָב אַרויסגערעדט די צוויי קורצע ווערטער „מזל טוב", איז ער פאַר מיר פאַרלאָפן דעם וועג — זיך דער־מאָנט דאָס ביסל לשון־קודש וואָס ער האָט אַמאָל געלערנט — און דערקלערט די מחותנים אַז מזל הייסט שטערן, און עס הייסט גליק און גורל.

— שטערן, גליק, גורל, — האָט די כלה מיט אַמאָל אונטערגעכאַפּט מיט אַ האַלב־היסטערישן ענטוזיאַזם — און דאָס אַלץ האָט געבראַכט דזשאָן; און אויך דעם „היברו פּריסט" האָט דזשאָן אויסגעפונען. שטערן, גליק, גורל! אַלץ אין איין וואָרט; נישט אומזיסט איז דאָס אַ הייליקע שפּראַך. שטערן, גליק, גורל! אַ גוטער שטערן, דזשאָן, וועט דיך באַגלייטן און באַשיצן היינט און מאָרגן, דאָ און ווו דו זאָלסט נישט זיין... איך ווייס נישט, צי דאַכט זיך מיר איצט, אָדער עס האָט זיך מיר טאַקע געחלומט די לעצטע נאַכט, ווי אַ גרויסער לייכטנ־דיקער שטערן האָט צו מיר געשמייכלט פון אויבן, גלייך ווי ער וואָלט מיר זאָגן: איך בין דיינער! די שטערן זענען אייביק און עס קען זיין, אַז דער זעל־בער שטערן וואָס איך האָב געזען אין חלום האָט געוווּנקען צו אַהרן הכהן אין זיינע מדבר־נעכט; אין זיינע וואַנדערונגען מיט ישראל.

זי האָט מיך נאָך דעם געצוווּנגען אָנצושרייבן אויף צוויי קליינע שטיקלעך פּאַפּיר די ווערטער „מזל טוב", און דווקא מיט העברעישע אותיות. איר צע־

טעלע האָט זי גלייך באַהאַלטן אין אַ באַזונדער אָפּטיילונג פון איר פּאַרטמאָנע, דזשאָן האָט זיין צעטעלע באַהאַלטן (ווי אַ שמירה, ווי אַ קמיע) אין דער זעל־בער קעשענע פונעם מונדיר, וואָס ער האָט דורכן אָונט אַזוי פיל מאָל געטאַפּט — און ווו עס איז מסתמא געלעגן אַ וויכטיקער דאָקומענט...

***

צעגאַנגען זענען מיר זיך שפּעט אין אָוונט ווי אַלטע, אַלטע גוטע פריינט. חתן־כלה האָבן ביי מיר גענומען אַ הבטחה, אַז אם ירצה השם נאָך דער מלחמה מוז איך זיי קומען זען אין קאַליפאָרניע, אָדער זיי וועלן קומען צו מיר. דאָס גלחל האָט נאָך די כוסות, וואָס קיינער האָט נישט געציילט, געפּלאָנטערט מיט די פיס און מען האָט אים געמוזט אַרויספירן אַ האַלב־פאַרשלאָפענעם אין זיין צימער. ווען איך האָב זיך געזעגנט מיט חתן־כלה, האָבן זיי מיך ביידע אויפ־מערקזאַם געמאַכט אויפן נאָמען פונעם האָטעל: עס איז סימבאָליש וואָס די חופה־וועטשערע איז פאָרגעקומען אין „קאַסאַ דע מאַניאַנאַ" (די שטוב פון מאָרגן). מיר זענען שוין געשטאַנען אין דרויסן, עטלעכע טריט פונעם ים. די כלה האָט אַ קוק געטאָן אויפן אויסגעשטערנטן הימל, גלייך ווי זי וואָלט אין אים געזוכט דעם שטערן פון דער העברעיִשער פאָרמולע; דעם שטערן וואָס איר חלומט זיך, אַז זי האָט אים געזען אין חלום און וואָס האָט אפשר באַגלייט אַהרן הכהן אויף זיינע נאַכט־וואַנדערונגען אין דער מדבר. „מאַניאַנאַ, מאַניאַ־נאַ", האָט זי עטלעכע מאָל איבערגעחזרט אויף איר מוטער־שפּראַך, און נאָך דעם זיך געווענדט צו מיר: „איר האָט מיר געבראַכט גלויבן אין מאָרגן, אין מיין און אין דזשאָנס צוקונפט. מיין שטערן האָט איך אַהער געבראַכט, מיין גוטער שטערן. איך וועל אייך קיין מאָל נישט פאַרגעסן"...

***

איך בין נאָך לאַנג געבליבן ביים ים־ברעג איינער אַליין. פון לאַמאַר, עטלעכע מייל ווייט, האָבן געוווּנקען עטלעכע בלאַסע פייערלעך; נישט אַלע, משמעות, שלאָפן דאָרט אין דעם מיליטערישן קעמפּ, וווהין דזשאָן מוז זיך אומקערן פינף אַזייגער אין דער פרי. אין דער „קאַסאַ דע מאַניאַנאַ" האָט זיך געענדיקט דער ספּעקטאַקל פון זיך אָנכאַפּן אין אַ שטיקל עקזאָטיק, אָדער כמו־עקזאָטיק און שעפּן פון אים קינדערישן בטחון. געענדיקט האָט זיך אויך מיין ראָל אין אים.

שווער אַריינצודרינגען אין פרעמדע נשמות, אָבער מיר איז מיט אַמאָל שטאַרק אומעטיק געוואָרן פון מיין היינטיקער ראָל אַלס ייִד. אַ ייִד, האָב איך געפילט, איז פאַר זיי נישט סתם אַ מענטש: ער איז אָדער אַ בעל־מופת אָדער

מכשף. היינט איז ער פֿאַר זיי געוווען אַ בעל־מופת (זיי וועלן טראָגן זיין צעטע־לע מיט די צוויי העברעיִשע ווערטער ווי אַ שמירה קעגן די מחבלים פֿון דער מלחמה); צי וועט אַן אַנדער ייִד, אָדער טאַקע איך אַליין, מאָרגן נישט זיין פֿאַר זיי אַ בייזוויליקער מכשף, דער טרעגער פֿון פֿינצטערער, שדימדיקער מאַגיק?...

ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, און מיר זעקס וועלן בלייבן לעבן, מוזן מיר זיך נאָך אַמאָל באַגעגענען. איך בין זיי שולדיק אַ חוב. איך מוז זיי זאָגן, אַז כ׳האָב זיי אָפּגענאַרט: כ׳בין נישט קיין כהן, „אַפֿילו נישט" קיין לוי — איך בין אַ פּראָסטער, געוויינטלעכער ישׂראל.

לאַכאָיע, קאַליפֿאָרניע, 1942.

„שאַמבאַט“

פון אַ סאָוועטישער צייטונג, וואָס איז צופעליק געקומען אין מיינע הענט מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון העכער אַ יאָר — האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין אָנהייב פון דער רוסיש־נאַצישער מלחמה איז אין קאַזאַן געשטאָרבן אין טיפן עלטער פּראָפעסאָר יעגיאַזאַראָוו. איך בין אַ קנאַפּער מבין אויף יורידישער לומדות, דערפאַר איז מיר נישט קלאָר וואָס די יוריספּרודענץ אַלס וויסנשאַפט האָט פאַרלוירן אין זיין פּערזאָן (ער איז אַ האַלבן יאָרהונדערט געווען אַ לערער פון רוימישן רעכט אין פאַרשיידענע רוסישע אוניווערסיטעטן). אָבער פאַר מיר איז זיין נאָמען פאַרבונדן מיט אַן אינטריגירנדיקן שמועס, וואָס האָט אין מיר געלאָזט אויף לאַנגע יאָרן אַ פאַרנעפּלטן געפיל פון מיסטעריע. קען זיין, אַז דער ענין איז אַ סך ווייניקער מיסטעריעז, ווי מיר דאַכט זיך אויס און ווער עס איז באַהאַוונט אין די קליינע פּינטעלעך פון אַ באַשטימטן סאָרט, וואָלט מיר געקענט געבן אַ שליסל צו דער רעטעניש. אָבער פאַרפאַלן: פאַר געוויסע עם־הארצותן מיינע זע איך שוין אין מיין איצטיקן גילגול קיין תקנה נישט.

פּראָפעסאָר יעגיאַזאַראָוון פלעג איך אָפט באַגעגענען אין קיִעוו אין 1920. ער האָט מיר אויסגעזען אַביסל אָריענטאַליש, אָבער איך האָב זעלטן געטראַכט וועגן זיין אָפּשטאַם. אַ פּאָר מאָל האָט ער מיר געגעבן אָנצוהערן, אין האַלב־ערנסט און האַלב־שפּאַס, אַז ער האָט פאַר מיר אַ סוד, וואָס ער איז נישט זיכער צי ער וועט אים ווען עס איז אויפדעקן. די דאָזיקע באַמערקונג זיינע — אין די צעשרויפטע טעג און חדשים פונעם בירגער־קריג — וואָס ער האָט באַגלייט מיט אַ כיטרען שמייכעלע, האָט אין מיר אַרויסגערופן אַ נאָגנדיקע אומרויִקייט. אין האַרץ האָב איך אַפילו געטראָגן אויף אים אַ האַלב־פיינטלעכע תרעומה: איך האָב אים ביי דער צונג נישט געצויגן און אָנזאָגן אַ מענטש אַז מען האָט פאַר אים עפּעס אַ סוד, אָבער דעם סוד וועט מען אפשר אַוועקטראָגן מיט זיך אין קבר, איז אַ גאַנץ ברוטאַלע און אומווירדיקע „חכמה“. ער איז שוין דעמאָלט געווען אין די זעכציקער און מיך האָט בפירוש פאַרדראָסן, וואָס אין זיינע יאָרן און אין אַזאַ שווערער צייט שפּילט ער זיך אַרום מיט רמזימלעך.

סוף יאָר איז מיר אויסגעקומען אים צו באַזוכן אין זיין אוניווערסיטעטס־ביוראָ געשעפטלעך. זאָל מיך דער גאָט פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע נישט שטראָפן, אָבער מיר איז דעמאָלט געלונגען איינצורעדן דעם קיִעווער אוניווערסיטעט, אַז זי זאָל מיך „קאָמאַנדירן“ אויף אַ וויסנשאַפטלעכער אויספאָרשונג

קיין פֿאַדאָליע. דער וויסנשאַפֿטלעכער ענין איז געווען אויף ניין־צענטל אַן אויסגעטראַכטער און פֿאַרן לעצטן צענטל, וואָס האָט געהאַט אין זיך עפּעס ממשותדיקס, בין איך געווען נישט־צוגעגרייט. איך האָב אָבער געדאַרפֿט באַזוכן אַ פּאָר שטעטלעך אין פֿאַדאָליע, ווייל דאָרט האָב איך געקענט קומען אין קאָנטאַקט מיט קאָנטראַבאַנדיסטן, וואָס זאָלן מיך אַריבערפֿעקלען איבערן דניעסטער קיין רומעניע (די איראָניע: רומעניע איז פֿאַר מיר אין יענע טעג געווען אַ מין „פֿאַרשפּראָכן לאַנד"; איך האָב געהאַט אַ גרונט צו גלויבן, אַז מען וועט מיר דאָרט גלייך געבן אַ פּאַספּאָרט און די גרויסע איראָפּע, די וועלט בכלל, וועט זיך פֿאַר מיר אויפֿסניי עפֿענען). יעגיזאַראָוו איז געווען איינער פֿון די מיטגלידער אין יענעם אַקאַדעמישן ראַט, וואָס האָט געדאַרפֿט באַשטעטיקן די וויכטיקייט פֿון מיין מיסיע. אַנדערש האָב איך גאָר אַלס רויטאַרמייער (בלויז טעכניש) נישט געטאָרט אַרויספֿאָרן פֿון שטאָט. איך בין געקומען נעמען זיין חתימה.

יעגיזאַראָוו, געדענק איך, האָט אַ צוויי־דריי מאָל איבערגעלייענט דעם דאָקומענט, זיך אויף אַ פּאָר מינוט פֿאַרטראַכט, נאָך דעם גענומען די פּען און ענערגיש אָוועקגעלייגט זיין אונטערשריפֿט. ער האָט מיר דערלאַנגט דעם דאָקומענט, זיך ברייט צעלאַכט און אַ זאָג געטאָן:

— „איצט, ווען איר האָט שוין מיין חתימה אויך, מעג איך אייך אָפּנהאַרציק זאָגן: איר זענט, זייט מיר מוחל, אַ זשוליק. אייער וויסנשאַפֿטלעכע בבא־מעשה קלינגט אפֿשר איבערצייגנדיק פֿאַר רוסישע און כאָכלאַצקע קעפּ; אָבער מיך קענט איר נישט אָפּנאַרן. איך בין אויך אַן אַזיאַט. איך ווייס, גוטער־ברודער, אַז איר אַנטלויפֿט קיין אויסלאַנד. דער קלימאַט פֿון סאָציאַליסטישן פֿאַטערלאַנד האָט אייך נישט פֿאַליובעט און עס ציט אייך צום „פֿאַרפּוילטן מערב". דעם אמת זאָגנדיק, וואָלט איך אויך וועלן פּוילן דעם רעשט פֿון מיין לעבן אינעם „קאַפּיטאַליסטישן זומפּ", אָבער... נישט פֿאַר מיינע יאָרן צו גנבענען גרענעצן און לויפֿן איבער פֿראָנטן... איצט, ווען איך בין באַוווסטזיניק באַגאַנגען צוליב אייך אַ פֿאַרברעכן קעגן זיין מאַיעסטעט, דעם הערשנדיקן פּראָלעטאַריאַט, מוזט איר מיר צוזאָגן, אַז איר וועט די וואָך קומען צו מיר אַהיים און פֿאַרברענגען מיט מיר אַן אָוונט איידער איר לאָזט זיך אַוועק אויף אייער ריזיקאַלישער רייזע". אין יענע צייטן האָט מען נאָך אין רוסלאַנד געגלויבט, אַז וועגט האָבן נישט קיין אויערן און צווישן פֿיר אויגן האָט מען זיך דערלויבט צו רעדן סאַרקאַסטישן, קאָנטררעוואָלוציאָנערן טריף־פּסול; אויך אין די צימערן פֿון רעגירונגס־געביידעס.

***

אין ברייטן שפּייז־צימער פֿון זיין אַלטפֿרענקיש־איינגעפֿונדעוועטן הויז,

אין וועלכן כמעט אַלע וועגט זענען געווען פאַרהאַנגען מיט האָריקע קאַווקאַ־זער טעפּיכער (איך ווייס נישט ביז היינט, פאַר וועלכע זכות־אָבות מען האָט נאָך דעמאָלט זיין הויז נישט רעקוויזירט), איז שוין געשטאַנען אויפן טיש אַ בייכיקער, ציכטיק־אָפּגעפּוצטער סאַמאָוואַר און עס האָט זיך פון אים געטראָגן אַ געשמאַקע, רייצנדיקע פאַרע. פאַר כּיבוד זענען געווען אָנגעגרייט זאַכן, וואָס איך האָב נישט געגלייבט, אַז זיי עקסיסטירן נאָך אויף דער וועלט: דרייערליי אייגעמאַכטסן, שעפּסן־קעז, פריש־אָפּגעבאַקענע „טשעבורעקי" פון אמתן, דריי־נולנעם זעמל־מעל, אַ גאַנצער ווורשט און אַ פלעשל קאַכעטינער וויין. ער האָט מיר יענעם אָוונט אויסגעזען ווי אַ בעל־מופת; גלייך ווי אַזעלכע פּראָדוקטן קען מען באַציען נאָר פון אַן אַנדער וועלט — און ער האָט עס דעם שם־המפורש אַריינצוקריגן מאכלים פון כוכבים ומזלות. אין מיינע אויגן האָט ער, משמעות, איבערגעלייענט גרויס פאַרווונדערונג. אָבער אָנשטאָט מיר צו דערציילן, אַז ער האָט אַ „צד" אין דער צענטראַלער רעגירונגס־קראָם, האָט ער מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז היות די הויפּט־רעגירער פון רוסלאַנד זענען איצט לענין און טראָצקי, איז יעדער בירגער מחויב צו נעמען איינעם פון זיי פאַר אַ מוסטער: „לענין איז, כּידוע, אַן אַסקעט און לעבט בלויז אויפן פּאַיאָק, וואָס יעדער סאָ־וועטישער בירגער מעג קריגן, בשעת טראָצקי איז אַ גורמע און האַלט נישט פון קיין חומרות אין אכילה ושתיה. נו האָב איך באַשלאָסן צו זיין אַ טראָצ־קיסט, נישט קיין לעניניסט" (דאָס וואָרט טראָצקיסט איז נאָך דעמאָלט נאָ־טירלעך נישט געווען קיין זידל־וואָרט און מען האָט עס בכלל כמעט נישט גענוצט).

ווען מען האָט אין שפּעטן אָוונט אָפּגעראַמט פון טיש און מיר זענען גע־בליבן אַליין, האָט ער מיך אַוועקגעזעצט אין אַ שווערן, טיפן זעסל און מיך „גענומען אויפן צימבל".

— איר זענט אַ ייד?

— אַוודאי. איר ווייסט דאָך.

— איר געדענקט די ביבל?

— זי איז מיר נישט קיין פרעמד בוך.

— און העברעיש, דאַכט זיך, קענט איר אויך?

— יעדנפאַלס, גענוג אויף צו לייענען טעקסטן.

— איצט זאָגט מיר נאָר, וווהין זענען עס אַהינגעקומען די עשרת השבטים?

— פרעגט מיך עפּעס לייכטערס. אייניקע ענגלענדער גלויבן, אַז דאָס זענען זיי די עשרת השבטים. אַנדערע האָבן אָנגענומען, אַז דאָס זענען די אינדיאַנער אין אַמעריקע. איך האָב אַפילו געהערט אַ סברא, אַז יאַפּאַנער זענען פאַר־וואָגלטע יידן.

— הייסט עס, אַז איר ווייסט נישט. אפשר ווייסט איר, ווי אַזוי משה־רבינוס שטעקן האָט אַרויסגעצויבערט וואַסער פון אונטער דער ערד?

— ניין, דאָס איז אויך ביי מיר אין קאַטאַלאָג פון די ביליאָנען זאַכן, וואָס איך ווייס נישט.

— נו, וועל איך אייך שוין פרעגן גאָר אַ לייכטע זאַך. איר האָט דאָך עפּעס צו טאָן מיט פילאָלאָגיע. וועט איר מיר אפשר זאָגן, וואָס איז דער שפּראַך־שורש פון מיין נאָמען, יעגיאַזאַראָוו? איך גיב אייך פינף מינוט אויף צו טרעפן; אָדער, ווי די חברה זאָגט, פאַרן מאָרפאָלאָגישן אַנאַליז פון מיין נאָמען. איך קוק אויפן זייגער, און טאָמער קריג איך נישט אין פינף מינוט אַרום קיין צו־פרידנשטעלנדיקן ענטפער, וועט עס זיין אַ סימן, אַז אין פילאָלאָגיע זייט איר אַ פרעמדער, פאַרבלאָנדזשעטער מענטש. אַ פילאָלאָג, גוטער־ברודער, איז פאַר אַלעמען אַ דעטעקטיוו, און ווי באַלד עס פעלט אייך די נאָז פון אַ „סיסטשיק" (געהיים־פּאָליציאַנט) אָדער פון אַ שפּיר־הונט, וועט איר זיך שטענדיק אַרומדרייען אין דער שפּראַך־וויסנשאַפט ווי אויף אַ פרעמדער חתונה.

די פינף אָנגעשטרענגטע מינוטן האָבן זיך געענדיקט און איך בין געבליבן זיצן ווי אַ צעמישטער תם. דער שטרענגער טאָן פון אַן עקזאַמענאַטאָר האָט מיך אינגאַנצן פּאַראַליזירט: איך האָב געהאַט דעם געפיל, ווי עמיצער וואָלט מיר אַרויפגעלייגט אויפן מוח צוויי גרויסע מילשטיינער.

— שעמט איך אין אייער פּנים, העברעיִסט וואָס איר זענט! — האָט ער מיט אַמאָל געבראָכן די זייער־אומבאַקוועמע שטילקייט. — אייך איז גאָר אויף דער מחשבה נישט געקומען, אַז איך טראָג אַ העברעיִשן נאָמען. דער „אָוו" איז סתם אַ רוסישע צוטשעפּעניש. ווען נאַפּאָלעאָן וואָלט געבליבן לעבן אין רוסלאַנד, וואָלט מען אים מסתמא פאַרשריבן אין פּאַספּאָרט „באָנאַפּאַרטאָוו". מיין נאָמען איז „יחי־עזר" (הילף זאָל לעבן), האָט מען אים אויף אַרמעניש פאַרקריפּלט און עס איז פון אים געוואָרן „יעהיאַזר", אָדער „יעהיאַזאַר"; און היות ווי אויף רוסיש איז נישטאָ קיין „ה" — איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין יעגיאַזאַר(איר ווייסט דאָך ווי אָפט פון דער „ה" ווערט אין רוסיש אַ „ג").

אָט דאָ, האָב איך זיך אַ זאָג געטאָן, הייבט אָן אַרויסצוקומען דער סוד, מיט וועלכן ער האָט מיך עטלעכע מאָל געררייצט:

— הייסט דאָס, אַז איר זייט גאָר אַן אַרמענער?

— דער סוף איז גוט — האָט ער זיך צעלאַכט און מיר אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע גוטברודעריש־לערעריש — ווייל איך טראָג אַ העברעיִשן נאָמען, בין איך אַן אַרמענער! אפשר גאָר אַ ייִד, מזרעו של אברהם אבינו? (די לעצטע פראַזע האָט ער אַרויסגערעדט אויף העברעיִש).

און דאָ האָט ער מיר אָנגעהויבן דערציילן מעשיות, איינע חידושלעכער

פּין דער אַנדערער. ער ווייסט דעם סוד, ווי אַזוי אַרויסצוציבערן וואַסער פון אונטער דער ערד. משה רבינו איז נישט דער איינציקער וואָס האָט אַזאַ ווונ־דער געקאָנט באַווייזן, אַלע יחי־עזרס אין אַרמעניע האָבן די דאָזיקע קונסט בקבלה פון זייערע אָבות (שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז יעגיאַזאַראָוו איז אַ פּאָר מאָל געשיקט געוואָרן פון דער קייזערלעכער געאָגראַפישער געזעל־שאַפט קיין קאַווקאַז, צוזאַמען מיט באַקאַנטע איריגאַציע־עקספּערטן — און מיט עפּעס האָט ער, נישט זייענדיק קיין פאַכמאַן, יענע עקספּעדיציעס אַרויס־געהאָלפן; עס זענען, ווי מען האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבן אין קאַנאַדע און אין ארץ־ישראל, פאַראַן גאַנץ איינפאַכע פּויערים וואָס האָבן אַ באַזונדערן חוש פאַר וואַסער־קוואַלן אונטער דער ערד און זייערע שטעקנס באַווייזן אויך אַמאָל „נסים”). און וואָס עס איז שייך די עשרת־השבטים, האָט אַ זינען צו זוכן בלויז ניין פון זיי, ווייל דער צענטער — ניין, ער וועט מיר נישט אויסזאָגן דעם יידישן נאָמען פון יענעם שבט! — האָט, ווי ער און ווי אַ סך אַנדערע אַרמענער וויסן אויף זיכער, זיך באַזעצט אין אַרמעניע, און ער אַליין, יעגיאַזאַראָוו, שטאַמט פון יענעם שבט.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון פּלאַץ, פייערלעך אויסגעשטרעקט, אויף וויפל זיינע צוויי הונדערט פונט וואָג האָבן דאָס דערלויבט, זיין פּלומפּע און אַביסל סוטולאָוואַטע פיגור, און זיך, אַזוי צו זאָגן, לעגיטימירט פאַר מיר:

— איך בין אַ שאַמבאַט, אַן אמתער הונדערטפּראָצענטיקער, פּולבלוטיקער שאַמבאַט. וואָס? איר ווייסט נישט, וואָס דאָס הייסט? איר ווייסט דאָך זיכער דעם נאָמען סמבטיון, וואָס פיגורירט אַזוי אָפט אין יידישן פאָלקלאָר. אַ שאַמ־באַט איז אַן אַרמענער פון העברעישן אָפּשטאַם, פון אַ יידישן שבט וואָס האָט זיך באַזעצט אין אַרמעניע, נאָך אין די טעג פון נבוכדנאצר, אויף די ברעגעס פון אַ טייך, וואָס מען האָט שפּעטער אָנגעהויבן רופן שאַמבאַט (סמבטיון), מחמת די ברעג־איינוווינער האָבן יעדע וואָך געפייערט זייער „שאַבאַט” (שבת).

ער האָט אַרויסגענומען פונעם שראַנק אַ געדרוקטן בוך, זיינע אַן אייגענע אַרבעט, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט, אויב מיין זיכרון דינט מיר, אין קאַזאַן, ערב דער וועלט־מילחמה, און מיר נאָכדעם געוויזן צוויי פּאַראַלעלע קאָלאָנעס:

— אָט האָט איר דאָ אויף איין זייט אַגראַרע געזעצן פון תורת־משה, און אָט האָט איר אויף דער אַנדערער זייט אַגראַרע געזעצן פון דער נאָך־געצנדינערי־שער אַרמענישער געמיינדע. עס איז אין תוך איינער און דער זעלבער קאָדעקס. דאָס זענען יידישע געזעצן, וואָס אַרמענער האָבן איבערגענומען פאַר זיך און זיי פאַרמולירט אויף זייער אייגענעם אופן. אָבער דערמאָנט זיך נאָר: די גע־זעצן זענען אַדאַפּטירט געוואָרן הונדערטער יאָרן פאַר דער אַנטשטייונג פון קריסטנטום. און פאַרגעסט נישט, איך בעט אייך, אַז די ערשטע סימנים פון

אַרמענישן קריסטנטום קען מען זען ערשט אין דריטן יאָרהונדערט. ווי־זשע קומט די ביבל אין דער געצנדינערישער אַרמעניע? ווי אַזוי האָט זי זיך באַקאַנט מיט די אַגראַרע געזעצן פון תורת־משה? אָט דורך יענעם שבט, דורך די שאַמבאַטס, וואָס נבוכדנאצר האָט פאַרטריבן פון ארץ־ישראל! פאַנטאַסטיש? לייענט אונדזער קלאַסישן היסטאָריקער, משה פון כאָרען — און ער וועט אייך דערציילן וועגן דער מיוחסדיקער פאַמיליע באַגראַטוני. דור נאָך דור האָבן די באַגראַטוניס געהאַט די פּריווילעגיע פון אַרויפזעצן די קרוין אויפן אַרמעניש קעניגס קאָפּ און משה פון כאָרען באַווייזט, אַז זיי שטאַמען פון ייִדן — פון די שאַמבאַטס. אָבער די שאַמבאַטס האָבן זיך אַלע אויסגעשמדט, ווען די כוואַליע פון קריסטנטום האָט דערגרייכט אַרמעניע. איך ווייס נישט, צי מיטן גוטן ווילן, צי מען האָט זיי דערצו געצוווּנגען. עס קען זיין, אַז די ערשטע אַנוסים האָבן ייִדן געהאַט אין אַרמעניע, אין דעם דור פון גריגאָרי דעם ליכט־ברענגער. אָבער אויך דאָס קריסטנטום איז אין אַרמעניע באַאיינפלוסט געוואָרן פונעם אַלטן טעסטאַמענט אַ סך מער, ווי אין וועלכן נישט איז לאַנד. אָט ווערט, למשל, ביי אונדז דערציילט, אַז ווען אַרמעניע איז עוואַנגעליזירט געוואָרן, האָבן די געצנדינערישע פּריסטער געשיקט צו גריגאָרין אַ דעלעגאַציע מיט אַ גאָר־אייגנאַרטיקער פראַגע: ביז איצט האָבן מיר געצויגן אונדזער חיונה פון די קרבנות, וואָס מיר האָבן מקריב געווען צו די געטער. אָבער די נייע רעליגיע, ווי מיר הערן, אָנערקענט דאָך נישט קיין קרבנות — פון וואָס־זשע וועלן מיר איצט לעבן? זאָל זיי גריגאָרי האָבן געענטפערט: אויב איר וועט אָננעמען דעם נייעם גלויבן, וועט איר ווייטער קענען ברענגען קרבנות, נישט צו די געטער, באַטירלעך, נאָר צו דעם איין־און־איינציקן גאָט און צו זיין זון. די פּריסטער האָבן זיך מאַסנווייז געטויפט און האָבן טאַקע נאָכדעם דורות־לאַנג געלעבט פון די קרבנות, וואָס זיי האָבן געבראַכט אין די קריסטלעכע טעמפּלען (ווען פונעם בית המקדש איז שוין פּאַקטיש קיין שפּור נישט געבליבן). אין די אַלטע קריסט־לעך־אַרמענישע קאַנאָנען געפינען מיר אָנווייזונגען אויף אַלערליי מינים קרבנות — אַ קרבן־נדר, און אַ קרבן־חטאת, און אַ קרבן־זיכרון פאַר אַ מת. ביזן צוועלפטן יאָרהונדערט זענען אין די מייסטע אַרמענישע קירכן, צוזאַמען מיט דער מיסטישער „עווכאַריסטיע”, דורכגעפירט געוואָרן אויך צערעמאָניעס פון קרבנות. איך געדענק נאָך גוט פון מיינע קאַווקאַזער קינדער־יאָרן די פאַר־צווייפלונג וואָס עס פלעגט דורכלעבן אַן אַרמענישער פּויער, אויב נאָכן טויט פון זיינעם אַ נאָענטן, איז ער נישט געווען בכוח דורכצופירן דעם ריטואַל פון שלאַכטן אַ בהמה, וואָס האָט געדאַרפט אויסקויפן דעם בר־מינגס זינד (איי־גנטלעך, דאָס ייִדישע כפרות־שלאָגן). און איז אייך דאָס אַלץ ווייניק — וועל איך אייך דערמאָנען, אַז אין משך פון אַ ריי יאָרהונדערטער האָט אין דער אַר־

מענישער קירכע עקזיסטירט אַ פּרינציפּ, אַז פּריסטנטום איז אַ ירושה־זאַך. יעדער גלח איז געווען אַ בן־גלח, אַ בן־בנו של גלח. ווייטער אַמאָל אַן אַלט־העברעיִשער פּרינציפּ: כהונה געהערט נאָר צו דעם וואָס איז געבוירן פון אַ כהן...

— איך האָב איך שוין געזאָגט — האָט ער ווייטער פאָרגעזעצט — אַז איך בין אַ שאַמבאַט, אַן אַרמענישער קריסט פון ייִדישן אָפּשטאַם. נוצנדיק אייער היינטיקע טערמינאָלאָגיע, וועל איך איצט זאָגן, אַז די שאַמבאַטס האָבן זיך נישט אַסימילירט. מיר זענען דאָס נישט מפרסם — דאָס איז אַ סוד אין יעדער פון אונדזערע פאַמיליעס — אָבער אַ שאַמבאַט האָט חתונה נאָר מיט אַ שאַמבאַט. ראַסנמעסיק זענען מיר אפשר די ריינסטע ייִדן אין דער וועלט. עס זענען פאַראַן ספּעציעלע, קוים באַמערקבאַרע, סיגנאַלן, לויט וועלכע איין שאַמ־באַט דערקענט דעם אַנדערן. מיר זענען אַ געמיינדע אין אַ געמיינדע. מיר האָבן אונדזערע אייגענע טראַדיציעס און אין אַ סך שאַמבאַטישע משפּחות לערנט מען שטילערהייט העברעיִש. מיר האָבן נישט פאַר דעם קיין לערער; אָבער יעדער פאָטער וואָס קען לשון־קודש האָט אַן אַמביציע אַליין צו לערנען זיינע זין דעם תנ״ך אין אָריגינאַל. מיין פאָטער, למשל, האָט אפילו געקאָנט תלמוד. ער האָט פאַרמאָגט אַ גאַנץ פיינע העברעיִשע ביבליאָטעק, נאַטירלעך בלויז אַ טעאָלאָגישע, און איך געדענק פון מיינע קינדער־יאָרן ווי עס פלעגט קומען צופאָרן צו אונדז פון צייט צו צייט אַ רב פון פּערסיע, אָפּזיצן ביי אונדז וואָכן און לערנען פון מיין פאָטערס ספרים. מיין מוטער, דערמאָן איך זיך, פלעגט צוגרייטן פאַר יענעם הויך־רעספּעקטירטן גאַסט כשרע מאכלים. אַ שאָד וואָס יענע ביבליאָטעק איז פאַרניכטעט געוואָרן. קורדן זענען אַמאָל אָנגעפאַלן אויף אונדזער גוט און פאַרברענט דאָס הויז און אַלץ וואָס עס איז אין אים געווען...

עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, ווען איך האָב זיך אויפגעהויבן אַהיים צו גיין. ער האָט לאַנג געהאַלטן מיין האַנט און מיך נישט געלאָזט אַוועק־גיין. ער האָט נאָך געהאַט צו מיר אַ בקשה:

— ערשטנס, נעמט מיט מיין בוך וועגן דער אַנדערער געזעצגעבונג אין דער געצנדינערישער אַרמעניע. אויב איך וועט געלינגען דאָס אַריבערצופירן קיין אויסלאַנד, שיקט עס אַוועק קיין ירושלים, אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָ־טעק — מיינע אַ באַשיידענע מתנה. און צווייטנס: אין ירושלים וועט מען מסתמא אין גיכן גרינדן אַן אוניווערזיטעט. האָט מיך אין זינען. איך וועל זיך מסתמא מיט דער צייט אַריבערפּעקלען קיין אַרמעניע און ווערן אַ פּראָפעסאָר אין דער דאָרטיקער אוניווערזיטעט — אויב גאָט וועט שענקען מיר יאָרן און די באַל־שעוויקעס — אַביסל יושר און שכל־הישר. מיין אַקאַדעמישע קאַריערע האָב איך געמאַכט ביי רוסן, אָבער וואָס פאַר אַ רוס בין איך? מיט אייער גאַנצן ציוו־

ניזם זייט איר מער רוס פון מיר. איך בין אַן אַזיאַט. דאָס אָריענטאַלישע בלוט רופט מיך צוריק קיין אַרמעניע, אַפילו קיין פּערסיע. וואָס איז פאַר מיר קיִעוו, קאַזאַן, מאָסקווע? מיין פּלאַץ איז אין עטשמיאַדזשין, אין נאַכיטשעוואַן. אין גייסט בין איך אַן אַרמענער, אָבער ערגעץ־ווו, אין אַ געהיימען ווינקל פון דער נשמה, אויך אַ ייִד, אַ העברעער, און מיר דוכט זיך אָפּט, אַז ווען מען שטעלט מיך אַוועק ערגעץ־ווו צווישן ירושלים און בית־לחם, וואָלט איך דער־שמעקט באַקאַנטע גערוכן, היים־לאַנדשאַפטן, אייגנס. וואָס איז דאָס? בלוט? פאַנטאַזיע? איינרעדעניש? זענען די שאַמבאַטס היפּנאָטיזירט? איך ווייס נישט, אָבער דאָס איז דאָס: שני גויים בקרבי, אַרמענער און ייִד... איך זאָג עס אַנט־קעגן דעם, אַז אויב איך וועל זיך טאַקע אַמאָל אַרויסרייסן קיין אַרמעניע און אין ירושלים וועט זיין אַן אוניווערזיטעט, האָט מיך אין זינען: איך וואָלט וועלן צעטיילן דאָס אַקאַדעמישע יאָר אין צוויי — איין סעמעסטער אין דער אַר־מענישער, און דעם אַנדערן — אין דער ייִדישער אוניווערזיטעט... און אפשר וועלן מיר בכלל איינפירן אַ סיסטעם פון אויסטויש־פּראָפעסאָרן? נישט קיין שלעכטע אידייע.

— איר ווייסט? איך האָב דורכגעלעבט אין קיִעוו צוויי פּאָגראָמען אויף ייִדן, און איך וויל אייך זאָגן דעם אמת. האָט מען געשלאָגן אַזאַ איינעם, ווי איר, האָט מיך אויך געאַרט, האָב איך אויך געפילט ווייטיק, האָב איך אָבער געזען שלאָגן אַ ייִדן מיט אַ באָרד, אַ ייִד מיט פּרומע, דערשראָקענע, טרויעריקע אויגן (אַך, וואָס פאַר אַ אויגן עס האָבן פּרומע ייִדן — און וואָהין קומט ביי זיי אַוועק זייער שטילער חן, ווען זיי ווערן „וועלטלעך״?), האָט זיך מיר געוואָלט אויסשרייען: ניין, טשעפּעט אים נישט! ער איז מיין פלייש און בלוט! שלאָגט בעסער מיך! נאָר פאַרשאָלטענע פּחדנות האָט מיך נישט געלאָזט אונטערשטעלן די פּאָגראָמשטשיקעס מיין גוף, מיין רוקן, מיין קאָפּ...

**
*

אומגעפּער אַ וואָך נאָך מיין באַזוך ביים פּראָפעסאָר יעגיאַזאַראָוו האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט אויף מיין פּיקטיוו־וויסנשאַפטלעכער רייזע.

די אַלע יאָרן האָב איך פון אים נישט געהערט. איך האָב געהאַט גענוג סיבה אים קיין בריוו נישט צו שרייבן: זיי וואָלטן אים געקאָנט פאַרשאַפן צרות. ווען איך דערמאָן זיך אָן דעם „סוד״, וואָס ער האָט מיר האַלב־אַנטפּלעקט, ווייס איך באמת נישט, ווו עס ענדיקט זיך אין זיינע מעשיות די „וואַרהייט״ און ווו עס הייבט זיך אָן די „דיכטונג״. אפשר ווייסן פאַכלייט־היסטאָריקער אין וואָס עס באַשטייט דער קערן אמת אין דעם, וואָס ער האָט מיר דערציילט? און אפשר איז זיין „דיכטונג״ אויך „וואַרהייט״ — אויף אַן אַנדער שטח? די צאָל מענטשן

אויף דער וועלט, וואָס מיר האָבן אין די טויזנטער יאָרן פון אונדזערע וואַנ־דערונגען מיט זיך „פאַרדיבוקט״, איז אפשר אַ סך גרעסער, ווי מיר מיינען. איך ווייס נישט. איך ווייס נאָר, אַז ווען איך באַגעגן אַן אַרמענער, ווילט זיך מיר אַריינקוקן אין זיינע אויגן און זוכן אין זיי עפּעס „באַהאַלטנס״; און אַמאָל ווילט זיך אַפילו אויף אַ פאָרזיכטיקן אופן אַ פרעג־טאָן: „אפשר זייט איר אַ שאַמבאַט״?

ווי אַלט איז יעגיאַזאַראָוו געווען, ווען ער איז געשטאָרבן? אַ זקן מופלג, שוין גאַנץ נאָענט צו נײַנציק. קיין אַרמעניע איז ער, ווייזט אויס, נישט צוריק־געפאָרן. אויך קיין ארץ־ישראל איז אים נישט געלונגען „צוריק״ צו קומען...

.1942

„וואַטס יור נעים״?

אויף אַ גרויסער אייזנבאַן־סטאַנציע אין קאַליפאָרניע איז מיר אויס־געקומען, צוליב אַ פאָרמאַליטעט, אונטערשרייבן מיין נאָמען. דער באַאַמטער, אַן עלטערער מאַן מיט אַ „קאָסמאָפּאָליטיש״ פּנים, האָט אַ קוק געטאָן אויף מיין התימה, זיך אויף אַ פּאָר סעקונדן פאַרטראַכט און דאַן אַ זאָג געטאָן: „איר זייט אַ שטאָלצער מאַן, איך בין אייך מקנא״. ער האָט באַמערקט ווי פאַרוווּנ־דערט איך בין, מחמת דעם אומדערוואַרטעטן אַטעסטאַט וואָס ער האָט מיר אַרויסגעגעבן — און ער האָט מיר גלייך דערקלערט וואָס ער מיינט: „טאַטע־מאַמע האָבן אייך אויפן אַכטן טאָג אַ נאָמען געגעבן — האַלט איר זיך ביי אים אַ גאַנץ לעבן... און איך (ער זיך דערביי צוגעבויגן, זיך אַרומגעקוקט צי עס שטייען נישט נאָך מענטשן און פאַרגעזעצט מיט אַ שטילער שטימע)... און איך בין וועלוול, נאָר איך רוף זיך וויליאַם״.

וועגן דעם מאַן וואָס איז וועלוול און רופט זיך וויליאַם (ווער ווייסט? אפשר האָט ער — אויף דער עלטער — זיך פּלוצים פאַרבענקט נאָך זיין שוין לאַנג־פאַרשטאָרבענער מאַמען און געוואָלט נאָכאַמאָל הערן ווי זי רופט אים אויפן נאָמען פון זיינע קינדער־יאָרן?) האָב איך זיך דערמאָנט די טעג, בלע־טערנדיק לואי אַדאַמיקס ניי בוך „וואַט׳ס יור נעים״? אַדאַמיקן קומט אַ יישר־כּוח: פאַר אָנוועקשטעלן אויפן סדר־היום פון די מיליאָנען אימיגראַנטן און קינדער פון אימיגראַנטן אין אַמעריקע די דאָזיקע אינטערעסאַנטע און אָפּט־מאָל זייער פּיינלעכע פּראָבלעם — די פּראָבלעם פון נאָמען. ער איז אַליין אַן אימיגראַנט און ביז היינטיקן טאָג — הגם ער פאַרנעמט שוין אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק — קומט אים אויס פון צייט צו צייט צו הערן אי שטראָף־ווערטער, אי „פיינטלעכע עצות״ אין שייכות מיט זיין נאָמען. זיינע נאַציאָנאַליסטישע לאַנדסלייט פון סלאָוועניע וואַרפן אים פאָר, הלמאַי ער האָט דאָ געענדערט זיין נאָמען: פון „אַדאַמיטש״ איז געוואָרן „אַדאַמיק״. ׳אמתע״, אַנגלאָ־זאַקסישע אַמעריקאַנער עצהן אים זיך בעסער רופן „אַדאַמ׳ס״: עס איז עטימאָלאָגיש דאָס זעלבע וואָס „אַדאַמיק״, אָבער עס איז „אַמעריקאַנישער״ און רופט נישט אַרויס קיין אויסלענדישע אַסאָ־ציאַציעס. ער האַלט זיך אָבער ביי זיינעם. ער וועט זיך נישט רופן אַדאַמס, ווייל ער וויל נישט אָפּווישן די שפּורן פון זיין באַלקאַנישן אָפּשטאַם, און ער וועט זיך נישט צוריק מגייר זיין אויף „אַדאַמיטש״, ווייל פאָנעטיש איז דאָס נישט אינגאַנצן געשמאַק, מיינט ער, פאַר אַ היגן אויער.

אָבער אַלציינס: נישט אַלע אימיגראַנטן האָבן אַזעלכע ברייטע פלייצעס ווי אַדאַמיק — און ער ווייסט פון גרויסע צרות, קאָמפּליקאַציעס, מיספאַרשטענדענישן און אַפילו טראַגעדיעס, וואָס קומען פאַר אין אַמעריקע מיט טויזנטער און טויזנטער „נייע אַמעריקאַנער" צוליב זייערע נעמען. אַ טייל פון זיין באַלערנדיקן מאַטעריאַל האָט ער אויסגענוצט פאַר זיין ניי בוך. וויכטיק אין דער דאָזיקער אַרבעט זענען נישט אַזוי די אויספירן, וואָס דער שרייבער וויל מאַכן, ווי דער אויסוואַל פון פאַקטן און זייער באַטאַנונג. ער האָט דערמיט, אָן ספק, אָן ערנסטן פאַרדינסט פאַר דער סאָציאַלער און קולטור־געשיכטע פון אַמעריקע.

***

אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען דזשאָזעף פּעדראָטי, דערציילט אונדז אַדאַמיק, האָט ערשט פאַראַיאָרן געקראָגן אַן עצה אין פּענסילווייניע, אַז ווען ער זאָל בייטן זיין נאָמען אויף פּיטערס, וועט ער נישט האָבן קיין שוועריקייטן צו קריגן די לערער־פּאָזיציע, פאַר וועלכער ער האָט איינגעגעבן אַן אַפּליקאַציע. עס קען זיין, אַז אים וואָלט דער שינוי־השם געהאָלפן. איך בין אָבער ווייט נישט זיכער, אַז אין דעם זעלבן באָרד אָף עדיוקיישאָן וועט מען זאָגן אַ פינקלשטיין, אַז אויב ער וועט זיך רופן סטאָון, וועט מען אים נישט דיסקרימינירן. יענע שניאור־סאָנס, ווערמען דער נאָמען פונעם „בעל־התניא" איז געוואָרן אומבאַקוועם און זיי האָבן זיך דאָ אָנגעהויבן רופן סנאָאו" און „פלעיקס", האָבן נאָך ביז היינט קיין איין גוי נישט אָפּגענאַרט און וועלן, אם ירצה השם, לעבן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר אין אַ קליין געטאָלע צוזאַמען מיט די דאַלגאַנאָסעס וואָס הייסן זיך רופן דאָגלאַס. איך האָב אַמאָל געקענט אַ קליין אברהמל, וואָס האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף טיפוס און מען האָט אים אין מיטן דער קראַנקייט אַ נאָמען געגעבן אַלטער, כדי אָפּצונאַרן דעם מלאך־המות, און ער איז דאָך פון בעט נישט אויפגעשטאַנען: דער מלאך־המות און אַנטיסעמיטן האָבן זייערע דעטעקטיוון און זיי געפינען אויס, ווער איז ווער. עס איז אַ טעות צו מיינען, אַז אַפילו ביי גויים־אימיגראַנטן איז שטענדיק די נאָמען־טראַנספאָרמאַציע אַ סגולה צו באַזייטיקן די מחיצה וואָס טיילט זיי אָפּ פון דער „אָריגינעלער" אַמעריקע: איך האָב אין שיקאַגאָ געקענט אַ יונגן גריך, וואָס ווען ער האָט געביטן זיין לאַנגן נאָמען „טעאָדאָלאָפּולאָס" אויפן קירצערן „טיודאָר", האָבן נאָך אַלץ די עלטערן פון זיין „זיס־האַרץ" נישט געוואָלט געבן קיין הסכמה אויפן שידוך. נאָך ווייניקער און זעלטענער ווירקט די דאָזיקע מאַגיק ביי יידן — און האַנדלט זיך עס וועגן אַ פּלאַץ ווו מען האָט נישט מורא צו שטיין אין די ד' אמות פון אַ ייד, דאַרף מען צו יענער מאַגיק נישט אָנקומען (אַן אויסלענדישער ייד וואָס הייסט חיים ווייצמאַן האָט נישט געדאַרפט ענדערן זיין נאָמען, כדי צו קריגן

אַ קאַטעדרע אין דער אוניווערזיטעט פון מאַנטשעסטער. און מיין פריינט פיינ־מאַן, אויך אַן אימיגראַנט, הייסט בפרהסיא חיים אין דעם באַפּטיסטישן טעמפּל־אוניווערזיטעט פון פילאַדעלפיע און איז דאָרט אַ מורה הוראה פאַר „שקצים" און „שיקסעס" פון זייער ענגליש מאַמע־לשון). בקיצור: אין עצה ואין תבונה ואין תחבולה כנגד דיסקרימינאַציעס. עס האָט נישט קיין זינען צו נאַרן אַ וועלט, נישט נאָר דערפאַר וואָס עס איז נישט יושרדיק, נאָר אויך דערפאַר וואָס זי לאָזט זיך נישט נאַרן. ווולגאַר גערעדט: „איט דאַז נאַט פּעי". דאָס בחורל וואָס גייט ערשט אין דער עלעמענטאַרער שולע און הייסט וויקטאָר הוגאָ (ווייל דער זיידע האָט געהייסן וועלוול און די באָבע גנענדל און מען האָט געוואָלט נאָךביידע אַ נאָמען געבן) ווינטש איך אַלץ וואָס זיינע טאַטע־מאַמע ווינטשן אים (און נאָך מער: איך ווינטש אים אַפילו, ער זאָל מיט דער צייט אויסגעפינען ווער עס איז געווען וויקטאָר הוגאָ און דערציילן וועגן אים אויך זיינע עלטערן, וואָס האָבן זיך צופעליק דערוווּסט וועגן אַזאַ טשודנעם נאָמען ביי אַ שכן). אָבער, ווען ער וועט אויסוואַקסן און זיך, חס וחלילה, אָנשטויסן אין זיין קאַריערע אויף דיסקרימינאַציע, זאָל ער נאָכדעם נישט אַרומגיין דער־ציילן אַז אין דעם און דעם פלאַץ האָט מען אַ פאָראורטייל קעגן פראַנצויזן. טאַ־קע גוייִשע קעפּ, אָבער זיי קענען אָנטאַפּן אַ פראַנצויז און דערטאַפּן אַ ייִד.

***

טיילמאָל בייט מען נעמען נישט נאָר צוליב מיסרעפּרעזענטאַציע אָדער רעדנדיק ביאָלאָגיש — צוליב מימיקרי. אַ סך ייִדן האָבן אין אונדזערע יאָרן געענדערט זייערע פאַמיליען־נעמען אין ארץ־ישראל, נאַטירלעך נישט מיט דער כוונה צו באַהאַלטן זייער מקור אָדער פאַרלייקענען זייער יחוס: די סלאַ־ווישע און דייטשע נעמען וואָס זיי האָבן מיט זיך געבראַכט פּאַסן זיך נישט אַריין, פילן זיי, אין דער נייער העברעיִש־רעדנדיקער סביבה. נאָרדויס אמתער נאָמען איז געווען זידפעלד; איך ווייס נישט, צוליב וואָס ער האָט געענדערט זיין נאָמען, אָבער בכל אופן האָט עס מיט אַליין־פאַרלייקענונג נישט געהאַט צו טאָן: סיי זידפעלד און נאָרדוי זענען עכטע און כשרע דייטשע נעמען... מיר טאָרן קיין תרעומות נישט האָבן אויף איינעם וואָס זיין נאָמען רופט אַרויס געֿ־לעכטער. אין בעסאַראַביע האָב איך געוווּסט פון אַ פּריץ, וועמענס נאָמען איז געווען שעפּטיפּעטי. אַחוץ דעם וואָס דאָס איז פאַנעטיש אומגעלומפּערט, הייסט דאָס נאָך אויף רומעניש זיבן מיידן. גיי קום אין געזעלשאַפט (אין אַ געגנט, וווּ מען פאַרשטייט רומעניש) מיט אַזאַ אַמוזירנדיקן נאָמען — האָט טאַקע ניקאָ־לאַי דער צווייטער אויף אים רחמנות געהאַט און אים דערלויבט אָנצונעמען דעם נאָמען סעמיגראַדאָוו... אין די דערציילונגען פון קאַרל עמיל פראַנצאָז גע־

געפינען מיר אַ צאָל זייער אומבאַקוועמע נעמען, וואָס מען האָט אַמאָל אַרויפגעצוווּנגען אויף יידן אין דייטשלאַנד: אָקסנשוואַנץ, לאַדשטאָקשווינגער, עזעלסקאָפּף, טאָטשלעגער, טרינקער, לומפּע, שנאַפּסער, זינגמירוואָס און אַנדערע. ווער קען עס פאַדערן אַז זיי און זייערע קינדער און קינדס־קינדער זאָלן זיך שטענדיק אַרומטראָגן מיט אַזעלכע הויקערס וואָס מען האָט אויף זיי אַרויפגעזעצט? עזעלקאָפּפּס אייניקלעך קענען היינט, אויף צו־להכעיס, הייסן וואָלגעמוט און עדעלשטאַם — און זאָל זיי אַזאַ צו־להכעיס ווויל באַקומען (כאָטש לערטער אַנדערער זייט, האָב איך אין בערן, אין מיטן שטאָט, געזען אַ רעסטאָפון דער ראַן וואָס הייסט, לויטן נאָמען פון זיין אייגנטימער, נישט מער און נישט ווייניקער ווי „שמוץ". דער העלוועציע־דייטש האָט זיך איינגעשפּאַרט און נישט געוואָלט טוישן דעם נאָמען, און קליענטן האָט ער געהאַט אַ סך מער ווי זיין קאָנקורענט ענגעלבלאַאו).

אָבער אַ סך אינטערעסאַנטער זענען די נעמען־ענדערונגען וואָס קומען אַמאָל פאָר ביי עסקימאָסן, וואָס וועגן זיי קען מען דאָך, לכל־הדעות, נישט טראַכטן, אַז זיי טוען דאָס צוליב אַסימילאַציע אָדער כדי צו פאַרמאַסקירן זייער אָפּשטאַם. ווען אַן עסקימאָס באַגייט אַ מאָרד (עס קומט פאָר פאַרהעלטניסמעסיק זעלטן), און זיין געוויסן קווועלט אים — און דער דערמאָרדעטער קומט אים צו חלום — ווענדט ער זיך צו די גייסטער, זיי זאָלן אים געבן אַ נייעם נאָמען. די גייסטער לאָזן זיך לאַנג נישט בעטן און ער „דערהערט" פּלוצים ווי אין הלל־העולם קלינגט אָפּ דער נייער נאָמען — אַמאָל ברענגט אים צו טראָגן אַ פויגל — און דענסטמאָל באַרויִקט ער זיך. דער מת הערט אויף זיך צו באַווייזן אין חלום, ווייל דער שינוי־השם האָט אויסגעמעקט די זינד: צוזאַמען מיטן אַלטן נאָמען האָט ער ווי אויפגעגעבן זיין אידענטיטעט. ער איז איצט ווי אַ ביי־געבוירענער וואָס קען קיין זינד נישט האָבן... אין דער שווייץ האָבן אַ פּאָר פּסיכיאַטאָרן זיך אַרומגעטראָגן מיט עטלעכע יאָר צוריק מיט אַן אידייע, אַז מען קען אויסקורירן געוויסע פּאַציענטן פון זייערע גייסטיקע מיחושן דורך געבן זיי נייע נעמען און פאַרטיליקן אין זיי די זכרונות פון זייער פאַרגאַנגענהייט. די דאָזיקע עסקימאָסישע תורה האָבן זיי, אַרישע „פּסיכאָסינטעטיקער", געוואָלט אַנטקעגנשטעלן צו פרוידס „יידישער" פּסיכאָאַנאַליזע, וואָס איר הויפּטמעטאָד איז, כידוע, פּונקט דער היפּוך: העלפן דעם פּאַציענט זיך דערמאָנען אין געוויסע עלעמענטן פון זיין פאַרגאַנגענהייט און אים צוריקברענגען צו דער רעאַליטעט (אַן אָפּשפּיגלונג פון דער דאָזיקער אַנטיסעמיטישער פּסיכאָטעראַפּיע געפינען מיר ביי פראַנץ ווערפל אין זיין פּיעסע „שוויגער"). ביי עסקימאָסן הער איך פון אַנטראָפּאָלאָגן, ווירקט טאַקע דער שינוי־השם זייער גוט; ער קורירט אויס פון חרטה, אָבער גיי זיי אַ מבין אויף עסקימאָסישער מענטאַ־

ליטעט: ביי נאַש בראָט, ביים ווייסן מענטשן, קען עס נישט ווירקן, און ביי ייִדן אַוודאי נישט. מיר זענען געבענטשט אָדער געשטראָפט מיט אַן אַנדער מין זיכרון.

אַמאָל דוכט זיך מיר, אַז מיר טשעפּען זיך צופיל צו היינטיקע ייִדן, וואָס נעמען אָן פרעמדע נעמען. פּאַרצייטיקע ייִדן האָבן דאָס אויך גאַנץ אָפט געטאָן. אין מיטלאַלטער (לויטן שפּעטערן משכילישן רעצעפּט פון „זיי אַ ייִד אין דער היים און אַ מענטש אין דרויסן") האָבן זיי זיך באַנוצט מיט צוויי פּאַראַלעלע נעמען — מיט אַ „כינוי" און מיט אַ „שם־הקודש". דער „כינוי", פאַר דער אויסגעוועלט און געשעפט, איז מערסטנטייל געווען אַ גויִשער; דער „שם־הקודש" איז געווען רעזערווירט פאַרן בית־המדרש, פאַר עולה־תורה זיין און פאַר קבורת ישראל. אין אַ סך פריִערדיקע דורות האָבן פיל ייִדן — נישט דווקא אויסוורפן אָדער „אַסימילאַטאָרן" — געהאַט אַפילו בלויז גויִשע נעמען: אַמאָל אַראַמעיִשע, אַמאָל גריכישע און אַמאָל רוימישע. הורקנוס, ניקאַנאָר, פאַפּוס, טריפאָן, אַנטיגאָן — און שוין אָפּגערעדט פון אַלעקסאַנדער — זענען געווען פאַרשפּרייטע נעמען אין די תלמודישע דורות. אבא, הוגא און אַנדערע נעמען פון חז"ל זענען אויך נישט געווען קיין ייִדישע. עס האָט, ווייזט אויס, קיינעם נישט שאַקירט ווען אַ צדוק האָט זיך אויף לאַטיין גערופן יוסט, אַ ידידיה האָט פאַרגריכישט זיין נאָמען אויף פילאָן, און אַ נתנאל אויף טעאָדאָר. אונדזערע פּיוּושעס ווייסן נישט שטענדיק, אַז זייער נאָמען איז אַ רוימישער (פּעבוס), און אַז דער צווייטער נאָמען מיט וועלכן מען רופט זיי אויף צו דער תורה (שרגא) איז אויך נישט קיין ייִדישער, נאָר אַן אַראַמעיִשער. עס איז אָבער קלאָר, אַז סיי אין שפּעטן מיטלאַלטער און סיי אין די דורות פון די חז"ל האָבן די גויִשע נעמען גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט אַסימילאַציע אָדער מיט זעלבסטפאַרלייקענונג. יענע ייִדן האָבן געצאָלט זייער צינז דעם „מנהג המדינה", אָבער אָפּנאַרן האָבן זיי דערמיט קיינעם נישט געוואָלט. קיינעם פון זיי איז אַפילו אויף דער מחשבה נישט געקומען, אַז דער גויִשער נאָמען קען ווערן אַ „קרדום לחפור בו". מאָראַליש און עסטעטיש איז נישט אַזוי וויכטיק דער עצם־פאַקט פון ענדערן אַ נאָמען, ווי דער מאָטיוו וואָס שטייט הינטערן אַקט. און דער מאָטיוו ביי אַ סך אימיגראַנטישע ייִדן איז אָפטמאָל נישט קיין כשרער; ער אַנטהאַלט אין זיך מער ווי אַן אחד משישים פון... שמד.

***

ווי רעלאַטיוו עס זענען די אַזוי־גערופענע עסטעטישע השגות וואָס האָבן צו טאָן מיט נעמען! אָט געדענק איך, למשל, אין אַ פּראָווינציעלער שטאָט אין רוסלאַנד אַ בת־ישראל וואָס האָט געהייסן עטל. האָט דער נאָמען אירע אויפ־

געקלערטע חברים און חברטעס נישט געשמעקט: זיי פּלעגן זיך מיט איר רייצן — „עטל האָט אָוועקגעלייגט דאָס זשילעטל אויפן בעטל". אַז זי איז אונטער־געוואַקסן, האָט זי זיך גענומען אַ נייעם נאָמען, און דווקא אַ פראַנצויזישן — „עטואַל". אויך אַרום דעם נאָמען (שטערן, מזל) האָבן זי חברה געוויצלט, אָבער שוין גאָר אויף אַן אַנדער שטייגער, אויף אַ ראָמאַנטיש: מיט עטואַל, פּלעגט מען זאָגן, איז אַנגענעם צו גיין שפּאַצירן „אַ לאַ בעל עטואַל" (אונטערן פרייען הימל). עטואַל איז שוין האַלב־גרוי, זי וווינט איצט אין ניו־ענגלאַנד און הייסט היינט... ווייטער אַמאָל עטל. אין אַמעריקע האָט זי אויסגעפונען, אַז דער „על" אין סוף פונעם נאָמען איז נישט קיין פאַרצויגעניש; אַז דער נאָמען איז גאָר אָריגינעל נישט קיין יידישער נאָר אַן ענגלישער; אַז עטלס זענען פאַראַן אין די גאָר־גאָר הויכע פענצטער פון דער בריטישער אַריסטאָקראַטיע, און אויף אַלט אַנגלאָ־זאַקסיש איז דאָס גאָר דאָס זעלבע וואָס „עדעל", אָדער „נאָבל". אויפן „לעפּישן" נאָמען, וואָס מען האָט איר געגעבן נאָך אַן עלטער־באָבען מיט אַ פּאַרוק און אַ שטערנטיכל, האָט מיט אַמאָל אַנגעהויבן רוען די שכינה פון קלאַסישן ענגלאַנד און ס'איז צו אים נאָך צוגעקומען דער רייץ פון אַ גאָר פּאָ־פּולערער אַקטריסע וואָס הייסט אויך עטל... אַ שאָד וואָס אויף דער „מעיפלאַו־ער" איז נישט געווען קיין פּאַסאַזשיר מיטן נאָמען שמעלקע: אין בראַנזוויל וואָלטן היינט געווען אַ סך מער שמעלקעס ווי מילטאָנס.

***

אין תוך גענומען, הייבט מיך דער גאַנצער ענין נישט אָן צו אַרן. פון מיינעטוועגן מעג מען אַ ייד ביים ברית אַ נאָמען געבן וויצלי־פּוצלי. ווילן וויל איך, דער עיקר, צוויי זאַכן. ראשית: מען זאָל געדענקען, אַז אַ נאָמען איז נישט קיין סוועטער, וואָס מען טוט אים אָן און מען טוט אים אויס לויט דער פּאַגאָדע. מען דאַרף נישט נאָכטאָן דעם אַמאָליקן רויט־אינדיאַנער, וואָס הייסט ביז צוועלף יאָר „מאָרגן־וואָלקן", ווייל אַזוי האָט אים די פּאָעטישע מאַמע אַ נאָמען געגעבן; נעמט אָן צו צוועלף יאָר, נאָך זיין „בר־מצווה", דעם נאָמען „הונגעריי־קער וואָלף" — און מיט אַמאָל ווערט ער נתעלה צו דעם טיטל „דער וואָס נעמט אַראָפּ דעם שיידל ביי אַ וויסן מענטשן" (כאָטש ביי אינדיאַנער, איז יע־דער שינוי־השם באַרעכטיקט און דריקט אויס ענדערונגען אין טעמפּעראַמענט און פעיִקייטן). שנית: היטלערס נאָמען איז נאָך נישט אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער וועלט — און אַזוי לאַנג ווי ער צווינגט יעדן ייִד זיך צו רופן ישראל און יעדע יידישע פרוי מוז הייסן שרה, ווילט זיך זען אין יעדן „בן־ברית" אַ צו־להכעיסניק, וואָס טראָגט אַ יידישן נאָמען דאָרט, וווּ קיינער צווינגט אים נישט

דערצו. עס איז אַ געזונטער צו־להכעיס און מען וואָלט אים געדאַרפט קולטי־ווירן.

דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, אַ פּראָגראַם־מינימום. אמת, עס לאָזט זיך נאָך טראַכטן וועגן אַ פּראָגראַם־מאַקסימום, אָבער ער האָט שוין צו טאָן מיט אַן אויפפּאַסונג פונעם ענין נעמען וואָס ליגט גאָר־גאָר אויף אַן אַנדער שטח — כמעט אויפן שטח פון „קבלה״. ווען מען ליגט דאָס היינט אין קאָפּ? אויך נישט לו? אַדאַמיקן.

איך האָב די טעג אַריינגעקוקט אין די הייליקע שריפטן פון די יאַ־פּאַנער. ס'איז תמיד גוט צו וויסן, וואָס פאַר אַ מין געטער עס באַשיצן דיין שונא און אינספּירירן אים (כאָטש דער געפערלעכסטער שונא אין אַ מלחמה, דאַכט זיך מיר — יעדנפאַלס אויף אַ געוויסער צייט — איז דער וואָס האָט שוין אַלע געטער צעבראָכן און האָט אַוועקגעזעצט אויפן כסא־הכבוד זיינע נאַקעטע, צעיושעטע אינסטינקטן). אָבער די הייליקע שריפטן אין יאַפּאַן זענען אַ גאַנצע, מאָנומענטאַלע ביבליאָטעק, פאַר וועלכער מען דאַרף האָבן יאָרן און יאָרן פון פלייסיקן שטודיום. ווייל הייליק איז פאַר מיליאָנען יאַפּאַנער די מרה־שחורה־דיקע בודיסטישע ליטעראַטור, און אַ בכבודיקן פּלאַץ פאַרנעמען ביי זיי די ראַ־פינירטע שריפטן פון קאָנפוציוס און זיינע תלמידים, און אין משך פון די לעצ־טע דרייצן יאָרהונדערטער האָט די מיסטיק פון לאַ־אָט־זע אויך נישט ווייניק באַאיינפלוסט די בעסערע געמיטער אין יאַפּאַן. דאָס זענען אָבער אַלץ רעלי־גיעזע עלעמענטן וואָס זענען קיין יאַפּאַן אימפּאָרטירט געוואָרן פון אינדיע און כינע. נישט אין זיי האָט זיך פאַרקערפּערט דער אייגענער נאַציאָנאַלער „גע־ניוס", דאָס אָריגינעל־יאַפּאַנישע. דעם פאָלקס־מיטאָס פון יאַפּאַן גופא דאַרף מען זוכן ערגעץ אַנדערש — אין איר נאַציאָנאַלער רעליגיע אָדער „שינטאָ", וועלכע איז אין אויסלאַנד ווייניקער באַקאַנט און פאַרשטענדלעך איידער די רעליגיעס פון אַלט־אינדיע און כינע.

פאַר אַ מענטש פון אַן אַנדער ציוויליזאַציע איז נישט לייכט תופס צו זיין די טערמינען, באַגריפן און לעגענדעס, וואָס זענען צונויפגעזאַמלט אין אַזעלכע כתבים ווי די „רעקאָרדן פון אַלטע ענינים", אָדער „די קאָלעקציע פון צען טויזנט בלעטער". נישט איין מאָל פילסטו, ווי אַפילו די בעסטע ענגלישע אי־בערזעצונג שטייט צווישן דיר און אָריגינאַל ווי אַ שווערע, פינצטערע מחיצה. אַ סך האָט מיר אַרויסגעהאָלפן אַסטאָן מיט זיינע פירושים. זיין בוך ("Shinto, the Way of the Gods") ווערט פאַררעכנט פאַר דער בעסטער אַרבעט וואָס אַ וויסער מענטש האָט ווען עס איז אָנגעשריבן וועגן דער יאַפּאַנישער „יראה". אָבער אויך אַסטאָנען איז נישט געלונגען ווי געהעריק אַריינצודרינגען אין דעם באַזונדערן מעכאַניזם פון דער אַלט־יאַפּאַנישער נשמה, וואָס האָט פון זיך אַרויסגעגעבן די אַממערסטן שאָוויניסטישע פּראָיעקציע אויף דער וועלט, וואָס עס איז ווען עס איז דערשינען אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

בודיזם איז לכתחילה געבוירן געוואָרן אַלס אַן אוניווערסאַלע רעליגיע: די תחומים פון לאַנד, פאָלק, ראַסע שפּילן אין אים קיין שום ראָל נישט. דער בודיסט האָט, פון זיין שטאַנדפּונקט, אַ רעכט צו זאָגן, אַז אויב עס זענען פאַראַן מענטשלעכע ברואים אויף דעם מאַרס אָדער אויף דער לבנה, קענען זיי אויך זיין בודיסטן. אויף די אַלט־כינעזישע רעליגיעס ליגט מער דער שטעמפּל פון כינעס לאָקאַלער ציוויליזאַציע; אָבער אין תוך אַנטהאַלטן זיי נישט קיין עלע־מענטשן, וואָס מענטשן פון אַן אַנדער פאָלק זאָלן נישט קענען אָננעמען. שינטאָ איז אין וויטן מזרח די איינציקע בולט־נאַציאָנאַליסטישע רעליגיע, וואָס פאַר־הייליקט דאָס אייגענע פאָלק און באַציט זיך מיט פאַראַכטונג צו אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט. „אתה־בחרתנו" איז אַ זייער שוואַכער אויסדרוק, כדי מיט אים צו כאַראַקטעריזירן יענע זעלבסט־פאַרליבטקייט, וואָס שינטאָ זוכט איינצופלאַנצן אין יאַפּאַנישן פאָלק. וויפל יידן זאָלן אין זייער לאַנגער געשיכ־טע נישט האָבן גע'אתה־בחרתנו'ועט, האָט אין זייער באַוווסטזיין שטענדיק געלעבט דער פאַקט, אַז שם, חם און יפת; יעקב און עשו; ישראל און עמלק; משה רבינו און בלעם; עזרא הסופר און המן; רבי שמעון בן יוחאי און טיטוס שטאַמען פון איין יחוס — און אַז וויפל מענטשן עס זאָלן נישט קומען אויף דער וועלט, עד סוף כל הדורות, וועלן זיי אַלע זיין אָדם־הראשונס קינדער. דער צענטער פון דער שינטאָ־קאָסמאָלאָגיע איז אַ גאַנץ אַנדערער, אַ שאָקירנדיק־ראַסיסטישער. דער יאַפּאַנישער „בראשית" דערציילט נישט וועגן דעם ווי אַזוי גאָט האָט באַשאַפן הימל און ערד. בראשית ברא... יאַפּאַן. די וועלט־שאַפונג האָט זיך אָנגעפאַנגען פון די יאַפּאַנישע אינדזלען. די געטער, קען מען זאָגן, האָבן זיך אַ שטיק צייט געקווענקלט, צי זאָלן זיי נאָך באַשאַפן אַנדערע לענדער אויך, אָדער עס איז גענוג זיך צופרידנצושטעלן מיטן קעניגרייך פונעם מיקאַ־דאָ. עס וועט נישט זיין קיין גרויסער לשון־הרע צו באַהויפּטן: לויטן גייסט פון שינטאָ קומט אויס, אַז אַנדערע אינדזלען און קאָנטינענטן זענען נאָכדעם באַ־שאַפן געוואָרן, כדי די יאַפּאַנישע הערשאַפט זאָל האָבן פאַר זיך אַ ברייטערע ספערע. אָבער די הערשאַפט פון יאַפּאַנער הייסט די הערשאַפט פון קעניג — מערער ווי אין וועלכער נישט איז אַנדערער רעליגיע, וואָס האָט נאָך היינט אַן אַנהאַלט אין דער וועלט. ווייל דער מיקאַדאָ איז אינגאַנצן נישט קיין בשר־ודם; נישט אַפילו קיין איבערמענטש אָדער קיין הייליקער, נאָר פון דירעקטן געטלעכן אַפּשטאַם. דער ערשטער מיקאַדאָ שטאַמט פון דער וויכטיקסטער פיגור אין דער יאַפּאַנישער, רייכער געטער־גאַלעריע — פון אַמאַ־טעראַסו, די זון־געטין. דאָס האָט זי איר קינד געשיקט פון הימל אויף דער ערד מיט אַ ברכה:

„נידער אַראָפּ און וווין דאָרט, און הערש איבער דעם דאָזיקן שפעדיקן לאַנד פון וואַסער־רערן און פרישע רייז־זאַנגען". „די אימפעריע", לייענען מיר

אין ניהאָן־גי, אין אַ קלאַסישן שינטאָ־בוך, „איז אָנפּאַרטרויט געוואָרן פון דער זון־געטין צו די וואָס זענען אַרויסגעקומען פון אירע לענדן". מיט די פּאָלגנ־דיקע ווערטער: „מיינע קינדער, אין זייער אייגנשאַפט אַלס גאָטהייטן, זאָלן זי רעגירן". מחמת דעם איז דאָס דאָזיקע לאַנד, זינט הימל און ערד האָבן זיך אָנ־געפאַנגען, שטענדיק געווען אַ מאָנאַרכיע".

נאָך קלאָרער ווערט אויסגעדריקט דעם מיקאַדאָס סטאַטוס אין אַן אַנדער קאַפּיטל פון דעם זעלבן בוך: „דאָס איז דער מאַנדאַט פונעם יאַפּאַנישן אימפּעע־ראַטאָר, וועלכער הערשט איבער דער וועלט אַלס אַ פּאַרקערפּערטער גאָט". מען דאַרף זיך נישט וווּנדערן, וואָס אויך אין דער מאָדערנער קאָנסטיטוציע פון יאַפּאַן, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין 1889 אונטער דער השפעה פון מערב־אייראָפּעיִשן און אַמעריקאַנער ליבעראַליזם, זענען איינגעשלאָסן ספּע־ציעלע צוויי פּאַראַגראַפן וועגן דער הייליקייט פונעם מיקאַדאָס פּערזאָן:

אַרטיקל איינס: די אימפּעריע פון יאַפּאַן זאָל באַהערשט און רעגירט ווערן דורך אַ ליניע פון אימפּעראַטאָרן וואָס וועט נישט געבראָכן ווערן אין די דורות פון אייביקייט;

אַרטיקל דריי: דער אימפּעראַטאָר איז הייליק און טאָר נישט נפגם ווערן.

און אין דעם באַרימטן דעקרעט וועגן פאָלקס־דערציִונג, וואָס איז אַרויס־געגעבן געוואָרן מיט אַ יאָר שפּעטער, ווערט אויך געפּאָדערט אַבסאָלוטע אונ־טערטעניקייט צום „חוטר מגזע גאָטעכע":

„וויסן זאָלט איר, אַלע אונדזערע אונטערטאַנען, אַז אייער חוב איז אָפּצו־היטן און אויפצוהאַלטן דעם דערפּאָלג פון אונדזער אימפּעריאַלן טראָן, וועל־כער איז אַ צייט־חבר פון הימל און ערד, און איז אומפּעלערבאַר פאַר אַלע דורות".

יאַפּאַן איז נאַטירלעך נישט דאָס איינציקע לאַנד, ווו דער קעניג איז פאַר־געטערט געוואָרן. די פּרעהס זענען געווען געטער אָדער האַלב־געטער און אויך אין דער רוימישער אימפּעריע האָבן זיך קיסרים „אַרויפגעאַרבעט" אויף אַ סטאַטוס פון אַ גאָטהייט. דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר דער יאַפּאַנישער נאַ־ציאָנאַלער רעליגיע איז די אַבסאָלוטקייט פון דעם דאָזיקן פאַרגעטערונגס־פּראָצעס און דער פאַקט, וואָס אין משך פון עטלעכע טויזנט יאָר, נאָך אַזוי פיל ענדערונגען און גייסטיקע רעוואָלוציעס וואָס האָבן אויפגעטרייסלט די וועלט, איז דער מיקאַדאָ געבליבן ביי זיין אָריגינעלן יחוס — ביי זיין אָפּשטאַם פון דער גרעסטער געטין. דער געטלעכער ראַנג פונעם קעניג איז אין קאָנטעקסט פון דער יאַפּאַנישער געשיכטע דער יסוד, אויף וועלכן עס האַלט זיך דער רע־ליגיעז־סאַנקציאָנירטער געפיל פון נאַציאָנאַלער סופּעריאָריטעט. יאַפּאַן איז דאָס ערשטע לאַנד וואָס די געטער האָבן געשאַפן. דער מיקאַדאָ איז באַשטימט

געוואָרן צו ווערן דער הערשער איבער דער גאַנצער וועלט, און דער מיקאַדאָ איז אויך אַ יאַפּאַנער. דאָס יאַפּאַנישע פֿאָלק אַלס גאַנצס שטאַמט פֿון די געטער: אויב אין יעדן דור איז פֿאַראַן איין יאַפּאַנער וואָס אין זיינע אָדערן פֿליסט „געטלעך בלוט„, זענען אַלע יאַפּאַנער צוזאַמענגענומען נישט בלויז אַ געטלעך פֿאָלק, נאָר, אויב מ׳מעג זיך אַזוי אויסדריקן, אַ גאָט־פֿאָלק: אַלע פֿעלקער זע־נען אין פֿאַרגלייך מיט די יאַפּאַנער נידעריקע — און באַזונדערס סטאַרען זיך די שינטאָ־טעאָלאָגן צו דערנידעריקן כינע און אינדיע — גראָד יענע צוויי לענדער, פֿון וועלכע יאַפּאַן האָט געקראָגן אַ העכערע קולטור, גרויסע קינסט־לערישע אינספּיראַציעס, דערהויבענערע רעליגיעזע באַגריפֿן און אַפֿילו דעם אַלף־בית פֿאַר זייער ליטעראַטור. איינער פֿון די גרעסטע שינטאָ־געלערנטע, מאָטורי, שעמט זיך נישט צו שרייבן (סוף פֿונעם אַכצענטן יאָרהונדערט):

„אַלס פֿרעמדע לענדער זענען כינע און אינדיע, באַזונדערס כינע, נישט אונטער דער ספּעציעלער השגחה פֿון דער זון־געטין. זיי האָבן נישט קיין שטענ־דיקע הערשער און בייזע גייסטער, וואָס האָבן דאָרט געפֿונען אַ גינסטיק פֿעלד פֿאַר זייערע האַנדלונגען, האָבן פֿון דאָרט־אויס קאָרופּטירט די מענטשהייט״.

דער זעלבער מאָטורי זוכט צו דיסקרעדיטירן די לערע פֿונעם כינעזער לאַאָ־טסע וועלכער האָט געקראָגן אין יאַפּאַן אַ געוויסע השפּעה אין דער הע־כערער געזעלשאַפֿט: „מען פֿרעגט אָפֿט, צי איז שינטאָ נישט דאָס זעלבע וואָס די טאַאָ־רעליגיע פֿון לאַאָ־טסע. לאַאָ־טסע האָט פֿיינט געהאַט די פּוסטע גאווה פֿון די כינעזישע תּלמידי־חכמים און האָט געהאַט רעספּעקט פֿאַר נאַטירלעכ־קייט. היות אָבער ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ שמוציק לאַנד, וואָס געפֿינט זיך נישט אונטערן ספּעציעלן שוץ פֿון דער זון־געטין, האָט ער בלויז געהערט פֿון די טעאָריעס וועגן דער שלשלת־היוחסין פֿון הייליקע באַשעפֿענישן״ (אָבער, הייסט עס, נישט געקענט זיי תּופֿס זיין). נאָך קלאָרער שרייבט וועגן יאַפּאַן און די איבעריקע אומות־העולם הירעטאַ, אַ שינטאָ־טעאָלאָג פֿונעם ניינצנטן יאָרהונדערט

„די צוויי פֿונדאַמענטאַלע פּרינציפּן זענען, אַז יאַפּאַן איז דאָס לאַנד פֿון די געטער און אירע איינוווינער שטאַמען פֿון די געטער. צווישן יאַפּאַנישן פֿאָלק, פֿון איין זייט — און כינעזער, הינדוסן, רוסן, האָלענדער, סיאַמעזער און אַנדערע פֿעלקער פֿון דער וועלט, פֿון דער אַנדערער זייט, איז פֿאַראַן אַן אונטערשייד אין וועזן, נישט אין דער מדרגה פֿון אַנטוויקלונג... דער מיקאַדאָ איז דער אמתער זון פֿון הימל און איז דערפֿאַר באַרעכטיקט צו רעגירן איבער די פֿיר ימים און די צען טויזנט לענדער... פֿונעם פֿאַקט וואָס דאָס יאַפּאַנישע פֿאָלק איז פֿון געטלעכן אָפּשטאַם קומט דער נאַטירלעכער אויספֿיר, אַז זיי זע־נען אַן אַן ערך העכער פֿון די איינגעבוירענע אין אַנדערע לענדער, וואָס שייך

קוראַזש און אינטעליגענץ... פון דער אַנדערער זייט, דער פאַקט וואָס די דינאַסטיע פון די מיקאַדאָס לעבט אייביק — איז אַן אַבסאָלוטער באַוויז, אַז שינטאָ איז אַן אַן ערך העכער פון די סיסטעמען אין אַלע אַנדערע לענדער״.

אויף וויפל מיר איז אויסגעקומען ביז אַהער זיך צו באַקענען מיט עלעמענטן פון דער קלאַסישער שינטאָ־ליטעראַטור, האָב איך אומזיסט געזוכט אין איר דעם טראַגישן מאָטיוו, וועלכער פּילט זיך אין פאַרשיידענע גראַדן פון די מיינסטע רעליגיעס — דעם קאַמף פון גוטס און בייזס אין דער מענטשלעכער נשמה; די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון אַ מאָראַלישן אידעאַל; דעם קאָנפליקט צווישן פאַרשיידענע פּליכטן; דאָס לעכצן נאָך גייסטיקער דערלייזונג. אויך די מיינסטע תפילות וואָס זענען מיר געקומען אונטער דער האַנט טראָגן נישט דעם כאַראַקטער פון לירישע תחנונים אָדער פון אַ שטרעבן צו אַ מין „התבטלות היש״ אין דעם וועלט־אַל (וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש ספּעציעל פאַר דער בודיסטישער קולטור). דאָס זענען מערסטנטייל מאַגישע טראַנזאַקציעס, הבטחות צו פאַרשיידענע געטער און גייסטער, אַז מען וועט זיי ווי געהעריק באַצאָלן מיט רייז־זאַנגען און שמעקעוודיקן גראָז, מיט פייגלען און מיט פיש. אויב זיי וועלן בענטשן די גערעטעניש אָדער דעם פאַנג, נישט מיט אַלע געטער קענען די שינטאָ־מאַמינים קומען אין באַרירונג — לויט איין נוסח זענען פאַראַן 80 מאָל צען טויזנט געטער און לויט אַן אַנדערן, גאַנצע 800 מאָל צען טויזנט. עס איז אַפילו אוממעגלעך צו קענען זיי אַלע ביי די נעמען. אחוץ דעם זענען צווישן זיי פאַראַן נישט־ווייניק אַזעלכע, וואָס זענען לויט דער אייגענער מיטאָלאָגיע גרויסע מנוולים. אָבער אַפילו אין באַצוג צו יענע געטער, צו וועלכע ס׳ווערן אָפּט אַדרעסירט תפילות, פילט מען נישט קיין „אינטעלעקטועלע ליבע״, קיין טיפן ווייטיק פון שולד און זינד, קיין אינספּיראַציע פון חסד וואָס זאָל זיך ביי דעם דאַווענער נאָכדעם קענען איבערגיסן אין זיינע באַציונגען צו דער אַרומיקער מענטשלעכער וועלט.

עס קען זיין, אַז איך מאַך אַ טעות. סוף־כל־סוף זענען מיר דאָס ביסל תפילות באַקאַנט אין איבערזעצונגען אויף אייראָפּעישע שפּראַכן און עס איז נישט אויסגעשלאָסן אַז מיר האָבן גאָרנישט קיין אויער פאַר געוויסע קלאַנגען פון אַ יאַפּאַנישער השתפכות־הנפש. ספּעציעל אַ ייִד טאָר קיין מאָל נישט פאַרגעסן, אַז אין געצנדינערישן רוים האָט מען אונדזערע אורעלטערן פאַרפאָלגט פאַר... אַטעיזם: גאַנץ געבילדעטע רוימער זענען געווען איבערצייגט, אַז אַן אומגעזעענער גאָט איז לחלוטין קיין גאָט נישט; און זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי מ׳קען דאַווענען צו אַ „גאָרנישט״. ביי טאָלסטאָי, דערמאָן איך זיך, זענען אַמאָל געווען צו־גאַסט אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ צוויי געבילדעטע יאַפּאַנער. האָט ער זיי געבעטן, זיי זאָלן אים זינגען זייערס אַ פאָלקס־ליד: ער האָט זיך באַ־

קלאָגט, אַז אים איז קיין מאָל נישט אויסגעקומען צו הערן יאַפּאַנישע מוזיק. האָבן אים די צוויי געסט צוגעזאָגט צו זינגען אַ ליד, וואָס מאַכט יעדן אין יאַפּאַן וויינען. אָבער אין מיטן זינגען האָט טאָלסטאָי (וועלכער איז אַגב געווען זייער מוזיקאַליש) אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ ווילדן געלעכטער און געמוזט אַנטלויפן פון צימער. דאָס איז געווען, האָט ער נאָכדעם געזאָגט זיינע מקורבים, אַזאַ „קאַקאַפאָניע", אַז מ'קען זיך עס גאָר נישט פאָרשטעלן. אָבער דער פאַקט וואָס דאָס זינגען האָט ביי טאָלסטאָיען אַרויסגערופן געלעכטער, איז נאָך נישט קיין באַווייז, אַז די יאַפּאַנישע פאָלקס־מוזיק איז, אויף איר אופן, נישט מעלאָדיש, אָן אינהאַלט, און אַז זי מאַכט נישט וויינען די וואָס זענען זי תופס. איך זאָג דאָס מחמת דעם, וואָס ס'איז מעגלעך אַז אַזעלכע ווי איך האָבן גאָר נישט קיין אויער פאַר אַ שינטאָ־תפילה, וואָס קלינגט פאַר אונדז פּראָזאַיש, נישט צאַרט, אָן עכטער ליריק, כמעט קאָמערציעל. דאָס איז אַ ווייטע, ווילד־פרעמדע ציוויליזאַציע מיט וועלכער מיר האָבן ביז נישט לאַנג צוריק כמעט קיין שום מגע־ומשא נישט געהאַט. אונדז איז שווער צו באַגרייפן, וואָס עס לעבט איבער אַ פרומער יאַפּאַנער, ווען ער לייענט, למשל, די פאָלגנדיקע שורות אין אַ פּאָעמע פונעם אַכטן יאָרהונדערט, ביים שינטאָ־דיכטער היטאָמאַראָ:

> יאַפּאַן איז נישט קיין לאַנד ווו מענטשן דאַרפן דאַווענען. יאַפּאַן אַליין איז געטלעך און איר לופט — אַ תפילה. און דאָך וועל איך מיין שטימע אויפהייבן — און זינגען אַ געבעט.

מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַזאַ ספּעציפישער סובלימאַציע פון פּאַטריאָטישן געפיל, פאַר וועלכער מיר האָבן גאָרנישט קיין חוש. עס קען גאָר זיין, אַז פאַר מיליאָנען יאַפּאַנער איז שינטאָ אַ מקור פון טיפע מיסטישע איבערלעבונגען.

אָבער אַלץ איינס: וואָס שינטאָ זאָל נישט זיין אין זיך און פאַרן יאַפּאַנישן געמיט — פאַר שכנים, פאַר אַנדערע פעלקער, פאַר דער וועלט איז אַזאַ רעליגיע מסוכן. אָט זע איך, צום ביישפּיל, ווי דער שוין־דערמאָנטער מאָטורי, דער גרויסער שינטאָ־קאָמענטאַטאָר פונעם אַכצענטן יאָרהונדערט, זוכט צו פאַרענטפערן די פראַגע, פאַרוואָס אין די קלאַסישע שינטאָ־שריפטן איז דער רייכטישער מאָמענט אַזוי ווייניק און שוואַך באַטאָנט:

„ביז צום סוף פון דער צייט, איז יעדער מיקאַדאָ אַ געטינס זון. זיין גייסט איז אין פולשטענדיקער האַרמאָניע מיטן דענקען און פילן פון דער געטין. ער זוכט נישט קיין נייע דערפינדונגען. ער הערשט אין הסכם מיט פּרעצעדענטן וואָס שטאַמען פונעם געטער־דור. און האָט ער אַמאָל אַ ספק, ווענדט ער זיך צו דער גרויסער געטין (צו זיין מוטער) און זי אַנטפּלעקט אים איר גייסט. נישט נאָר דער מיקאַדאָ, נאָר אויך זיינע מיניסטאָרן און זיין פאָלק האַנדלען

לויט די טראַדיציעס פונעם געטער־דור. די אידייע פון מיטשי, אָדער עטיק, איז אין די אַמאָליקע צייטן דערפאַר קיין מאָל נישט באַרירט געוואָרן. ווייל „די יאַפּאַנער זענען געווען עכט־מאָראַליש אין זייער פּראַקטיק, האָבן זיי נישט גע־דאַרפט האָבן קיין טעאָריע פון מאָראַל. דער גאַנצער טומל וואָס די כינעזער האָבן געמאַכט אַרום טעאָריעס פון מאָראַל נעמט זיך דערפון, וואָס אין דער פּראַקטיק זענען זיי לויז, הפקרדיק".

„אַזאַ כאַראַקטעריסטיק פון די כינעזער און די זעלבע שאַקירנדיקע זעלבסט־פאַרליבטקייט געפינט זיך אויך ביי אַנדערע שינטאָ־קאָמענטאַטאָרן: אַ שרייבט, למשל, שוין אין אונדזערע יאָרן, דאָקטער קאַקעהי, אַ פּראָפעסאָר פונעם יורי־דישן פאַקולטעט אין דער טאָקיאָ־אוניווערסיטעט: „ די יאַפּאַנער זענען אַ פאָלק, אויסדערווײלט פון גאָט און גאָטס אָנוועזנהייט מאַניפעסטירט זיך ספּעציעל אין דעם קעניג פון יאַפּאַן. שינטאָ איז לאָגיש פאַרויסבאַשטימט צו זיין די אוני־ווערסאַלע רעליגיע און די דערלייזנדיקע קולטור פון דער מענטשהייט. די בליכט פונעם יאַפּאַנישן פאָלק און פונעם יאַפּאַנישן אימפּעראַטאָר איז צו פאַר־שפּרייטן די דאָזיקע רעליגיע און קולטור, ביז דער מיקאַדאָ וועט ווערן דער העכסטער פּאָליטישער און גייסטיקער הערשער פון דער וועלט. די דאָזיקע דעראָבערונג פון דער וועלט דאַרף דורכגעפירט ווערן מיט פרידלעכע מיטלען; עס לייגט זיך אָבער אויפן שכל, אַז אויב פרידלעכע מיטלען זאָלן נישט האָבן קיין דערפאָלג, וועט מען מוזן נוצן מאַכט".

איך פּרוביר פאַרגלייכן די שינטאָ־באַגריפן מיט היטלערס טעאָריע פון דער דייטשישער „מייסטער־ראַסע" און מיר דאַכט זיך, אַז זיי זענען נאָך גע־פערלעכער פון נאַציזם. דער נאַציזם איז אין זיין וועזן מיליטאַנט־אַטעיִסטיש; אַ מין בונט קעגן גאָט און קעגן מאָראַלישע געבאָטן. דאָס איז זיין בייזוויליקע קראַפט; אָבער קראַפט וואָס מוז זיך אויסשעפּן, אויסליידיקן און לאָזן אַ מיאוסן טעם אין מויל ביים גאַנצן פאָלק. דער יאַפּאַנישער סופּעריאָריטעטס־געפיל שטיצט זיך אָבער אויף אַן אוראַלטן, רעליגיעזן קולט. ער איז פאַראַנקערט אין אַן עבודה־זרה מיט אַ לאַנגער טראַדיציע. ער האָט זיין ספּעציפישע מיסטיק. אין דייטשלאַנד דאַרף מען זוכן גייסטיקע מקורות פאַרן נאַציזם ביי פיכטע און העגעל, ביי טרייטשקע און ביי ניצשע — סוף־כל־סוף איינצלנע פילאָסאָפן און וויסנשאַפטלער, וואָס דער רוב מנין פונעם פאָלק האָט זיי קיין מאָל נישט גע־לייענט. נאָך אַלעמען איז דייטשלאַנד הונדערטער יאָרן געווען אַ קריסטלעך פאָלק, און ווילנדיק־נישט־ווילנדיק האָט זי אין אַ געוויסער מאָס געמוזט קול־טיווירן ביי זיך אוניווערסאַליסטישע אידייען, וואָס מ'קען זיי פון קריסטנטום נישט אָפּטיילן. אויך דער טעווטאָנישער געצנדינסט, די אמונה פון די דייטשי־שע שבטים איידער דאָס קריסטנטום איז צו זיי אָנגעקומען, האָט אין זיך נישט

אַנטהאַלטן אַזאַ עקסטרעמען שאָוויניזם ווי מיר זעען אים אין יאַפּאַנישן „שינ־טאָ״, אין אַ רעליגיע וואָס איז אַלט מינדסטנס צוויי און אַ האַלב טויזנט יאָר. די וואָרצלען פון אַ מייסטער־ראַסע־פּסיכאָלאָגיע זענען אין יאַפּאַן אַ סך טיפער ווי אין דייטשלאַנד — אויך אַ סך געפערלעכער, ווייל זיי האָבן אַ רעליגיעזע סאַנקציע. אין אַ געוויסן זין מעג מען באַהויפּטן, אַז דער וועלטס שונא נומער איינס איז גיכער יאַפּאַן איידער דייטשלאַנד. אַ פאָלק מיט אַ מיטאָס — וועלכער לאָזט זיך אויסדריקן אין אַזאַ זאַץ ווי „בראשית ברא יאַפּאַן״ — אויב יענער מיטאָס לעבט טאַקע אין פאָלקס באַוווסטזיין און אין זיין פאַנטאַזיע, שטעלט ער מיט זיך פאָר אַ סכנה, וואָס מיר זענען גאָרנישט מסוגל זי ווי געהעריק אָפּצושאַצן...

***

אַז יאַפּאַן איז אויך איצט קראַנק (און גלייכצייטיק שטאַרק!) מיט אַ מיליטאַריסטישן אתה־בחרתנו, האָט מען יענע וואָך געקענט הערן פון דער טאָקיאָ־ראַדיאָ. דאָס פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריום האָט געוואָרנט דאָס פאָלק, אַז עס מוז זיך גרייטן צו אַ לאַנגער מלחמה און צו אומצייליקע קרבנות, פאַר וועלכע עס וועט ענדגילטיק קריגן אַ גרויסן שכר — הערשאַפט איבער דער גאַנצער וועלט! אין פּראָפעסאָר קאָמאַקי פון דער קיאָטאָ אוניווערסיטעט, וואָס ווערט אין יאַפּאַן פאַררעכנט פאַרן הויפּט־ספּעציאַליסט אין „געאָפּאָליטיק״, האָט אויך געפונען פאַר נויטיק אָנצוזאָגן זיינע פאָלקס־גענאָסן אין אַן אוידיציע: „דער פּאַסיפישער אָקעאַן איז אַ ים פאַר אַזיע... דער אינדישער אָקעאַן מוז אויך זיין פאַר אַזיע. דער אַטלאַנטישער אָקעאַן איז אויך אַ טייל פון אַזיע. עס זענען נישט פאַראַן קיין זיבן אָקעאַנען. עס איז פאַראַן בלויז איין אָקעאַן און ער איז פאַרבונדן מיט יאַפּאַן, ווו די זון גייט אויף. אַלע אָקעאַנען דאַרפן באַטראַכט ווערן ווי איין גרויסער יאַפּאַנישער ים״.

***

שינטאָ איז די מלוכה־רעליגיע, וואָס ווערט אַרויפגעצוווּנגען אויף אַלע יאַפּאַנער, אויך אויף די וואָס האָבן זיך באַקערט צום קריסטנטום און אויך אויף אַ פרעמד פאָלק, ווי די מיליאָנען איינוווינער פון קאָרעאַ. אָבער אין יאַפּאַן זענען אויך פאַראַן, שוין אַ סך, אַ סך יאָרהונדערטער, מיליאָנען בודיסטן, קאָנפוציאַנער, לאַאָ־טסעאַנער, וואָל האַלטן זיך אין דער זעלבער צייט ביי זייער נאַציאָנאַלער רעליגיע, ביי שינטאָ. ווי אַזוי זיי „מאַכן עס״, קען אונדזערס אַ מוח נישט תופס זיין. גלייכצייטיק גלויבן אין שינטאָ און אין בודיזם, אין שינטאָ און אין

די תורות פון קאָנפוציעס און לאַאָ־טסע — ווי וואָלט געווען, ווען מען דערציילט אונדז פון אַ יידן, וואָס איז אַ קאָצקער חסיד, אַ מתנגד, אַ קאַטאָליק און אַ קוועי־קער אין איינער און דער זעלבער צייט? עס איז אַ ווייטע, פרעמדע וועלט, וועל־כע לעבט מיט אַ „לאָגיק", וואָס איז אונדז אינגאַנצן נישט צוגענגלעך...

.1942

הונדערט מנינים

שוין אַ פּאָר וואָכן ווי איך קען נישט פאַרגעסן אַ זייער מעלאַנכאָליש וואָרט, וואָס כ׳האָב געהערט פון אַ יידישן שרייבער. ווען די פייערונג פאַר די פיר פּרייז־געווינער פון דער לאַמעד־פאַנדיישאַן האָט זיך פאַרענדיקט, האָב איך צו יענעם שרייבער אַ זאָג געטאָן: „אַ פיינער אָוונט״.

— פיין, נישט־פיין — האָט ער מיר געענטפערט מיט אַ גוט־ברודערישן בייזער — אָבער וואָס איז די פעולה? דער לייענער איז נישטאָ. ער איז פאַר־שוואונדן און מ׳זעט אים נישט. באַגעגנסטו אים אַמאָל צופעליק, דערשרעקסטו זיך פאַר אים. ער איז געגליכן צו אַ געטשקע: ער האָט אויגן און זעט נישט, ער האָט אויערן און הערט נישט. מיר שרייבן אַלע מאָנאָלאָגן. אַ יידיש בוך איז אַ שמועס פונעם מחבר מיט זיך אַליין...

***

די עצבות פונעם יידישן שרייבער איז אַ באַגרינדעטע. אָבער צי איז זי נישט איבערגעטריבן? אַמאָל דאַכט זיך מיר, אַז אַ סך פון זיין איינזאַמקייט־גע־פיל נעמט זיך פון דעם, וואָס ער מעסט ליטעראַטור מיטן „לאַנגן אַרשין״ פון צייטונגס־צירקולאַציע. אין די לעצטע 30—35 יאָר איז דאָס יידישע צייטונגס־וועזן געוואָרן אַ מין „גראַסבאַטריב״; אַ מאַסן־פּראָדוקציע אויפן גרויסן אינדוס־טריעלן פאַרנעם. דער דיכטער, דער דראַמאַטורג, דער נאָוועלן־שרייבער, דער קריטיקער און עסייִסט איז מקנא דעם זשורנאַליסט, דעם קיקיון־דיונא קאָלומ־ניסט — זאָל איך מיך דאָ אויסדריקן ווולגאַר? — פאַר זיין גרויסער צאָל „קאָס־טאָמערס״. נישט קיין קליינער טייל פון זיין מרה־שחורה שטאַמט אפשר דערפון וואָס ער לעבט אין אַן עפּאָכע פון „ביגער ענד בעטער״. אים וואָלט מסתמא גע־וואָרן אַ סך גרינגער אויף דער נשמה, ווען ער דערמאָנט זיך, אַז מ׳קען צוליב אים נישט ענדערן דעם סדר־העולם: אויף פריש־אָנגעשריבענעם כריין זענען שטענדיק פאַראַן מער קונים, ווי אויף אַלטן, „אויסגעהאַלטענעם״ וויין. איך וויל דערמיט נישט זאָגן אַז אין אָריגינעלן פּלאַן פון מעשה־בראשית איז אַריינגעגאַנ־גען אַ מין פּרינציפּ לעולם־ועד, אַז פון אמתע, שעפערישע ווערק זאָלן נהנה זיין נאָר יחידי־סגולה. איך גלייב אין אוניווערסאַלער אַריסטאָקראַטיע, אין אַ וועלט וואָס וועט אַמאָל באַשטיין בלויז פון מיוחסים, און אין אַ וואָך, אין וועלכער יע־דער טאָג וועט האָבן אין זיך עפּעס פון „שבת קודש״. אָבער ביז אַזאַ צייט וועט

קומען (לאָמיר זיך אַלע באַוואָפּענען מיט געדולד), איז די ייִדישע ליטעראַטור נישט די איינציקע קולטור־דערשיינונג אין אונדזער געשיכטע, און אין די געשיכטעס פון די אומות־העולם. וואָס מוז זיך באַגרענעצן מיט אַ קלייגער צאָל געניסער.

אין מיינע ייִנגלשע טשודאַק־יאָרן פלעג איך זיך זיין אַן אָפטער אַריינגייער אין אַ גריכישער קראָם, וווּ מען פלעגט פאַרקויפן כאַלוואַ, מאַנדלען און ראַכאַט־לוקום. איין מאָל, זיך לאָזנדיק וווילגיין מיט היימיש־געמאַכטע גריכישע נאַשעריי, האָב איך דעם אַלטן גריך אַ פרעג געטאָן, אויב ער לייענט האָמערן אין אָריגינאַל, אָדער אין אַן איבערזעצונג (אַז דער עמיגראַנט פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט דעם נאָמען האָמער קיין מאָל נישט געהערט און אַז אַפילו אויף ניי־גריכיש קען ער קיין צוויי ווערטער נישט איבערלייענען, האָב איך מיר מיט מיין דעמאָלטיקער וועלט־קענטעניש גאָר נישט געקענט פאָרשטעלן). האָט דער קרעמער פריִער אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר דערשראָקענע אויגן און האָט מיר נאָכדעם געגעבן אַ קאַפּוליער אָנצוהערעניש: פאַר כוליגאַנעס און גראָביאַנעס איז ביי אים קיין פּלאַץ נישטאָ און אויב איך טראָג זיך באַלד נישט אָפּ, וועט ער צו מיר אַריינרופן אַ פּאָליציאַנט. איך דערמאָן זיך איצטער אָן יענעם משונהדיקן צוזאַמענשטויס צווישן מיין „ייִדנטום” און דעם כאַלוואַ־מאַכערס „גריכנטום” און איך פרעג זיך: אין דער גאָלדנסטער עפּאָכע פון גריכישער קולטור, וויפל, אַ שטייגער, האָט געהאַט לעזער אַ גרויסער פּאָעט, אַ גרויסער פילאָסאָף? מילא, עסכילאָס, אָדער סאָפאָקלעס האָבן אויך געגאָסן פון „צירקולאַציע”. גריכנלאַנד האָט געהאַט אירן „אַ קונסט־טעאַטער” און זיין מעצענאַט איז געווען די מלוכה גופא. אַ פּאָר מאָל אין יאָר האָט דער אָנערקענטער דראַמאַטורג געקענט זען טויזנטער צושויער פון זיינער אַ טראַגעדיע־פאָרשטעלונג און פאַר קיין בילעטן האָבן זיי נישט געדאַרפט צאָלן. אָבער וויפל פון יענע צושויער זענען טאַקע געווען מסוגל אָפּצושאַצן, משיג צו זיין די העלדן־מאָנאָלאָגן און די כאָר־געזאַנגען פונעם „געשמידטן פּראָמעטעוס” אָדער פון „עדיפּוס אין קאָלאָן”, אָדער אַפילו פון אַריסטאָפאַנעס׳ „לייכטזיניקע” קאָמעדיעס? און וויפל לעזער האָט עס געקענט האָבן אַ פּלאַטאָן, אַן אַריסטאָטל אין אַלע גריכישע שטאַטן? קיין דרוקערייען זענען נישט געווען און יעדן ספר האָט מען געדאַרפט איבערשרייבן מיט דער האַנט; און געלט איז געווען דעמאָלט אין פאַרקער אַ סך ווייניקער ווי איצטער; און העכער אַ דריטל פון דער באַפעלקערונג זענען אין גריכנלאַנד געווען קנעכט און „באַרבאַרן”. און צווישן נישט־באַרבאַרן, „ראַסן־ריינע” גריכן — **וויפל האָבן עס געקענט לייענען? און וויפל פון די גראַמאַטנע** האָבן געהאַט די נויטיקע דערציִונג, כדי דורכצובייסן אַ פּלאַטאָנישן דיאַלאָג? גריכישע פילאָסאָפן און דיכטער האָבן, מסתמא, אין די בעסטע צייטן, געהאַט

עטלעכע הונדערט ביז אַ טויזנט לייענער — און דאָך רעדן מיר ביז היינטיקן טאָג וועגן אויפבלי פון ליטעראַטור, וויסנשאַפט, פילאָסאָפיע אינעם קלאַסישן גריכנלאַנד ווי וועגן אַ היסטאָרישער ממשות. איך שטעל מיר פאָר, אַז פּעט־ראַרקאַ און דאַנטע האָבן אין דער צעפּיצלטער, בעזגראַמאָטנער און קבצנותדי־קער איטאַליע פון זייערע צייטן געהאַט נישט מער, מסתמא נאָך ווייניקער לע־זער. קיין סך טויזנטער לעזער האָבן אין אונדזער מיטלאַלטער נישט געקענט האָבן פאַר זייערע לידער נישט יהודה הלוי און נישט שלמה בן גבירול (אויף דער וועלט איז דעמאָלט נישט געווען אַפילו קיין פינפט־חלק אָדער קיין זעקסט־חלק ייִדן, וויפל עס זענען היינט פאַראַן. אַ ניי בוך איז אויך געווען אַ יקר־המציאות און פון איין לאַנד מיט אַ קליינעם ייִדישן קיבוץ אין אַן אַנדער לאַנד איז דעמאָלט געווען אַ מהלך רב) — און דאָך זענען טיילן פון זייער פּאָעזיע מיט דער צייט אַפילו אַריינגענומען געוואָרן אין סידור. אַז מיר לייענען היינט וועגן דעם רושם, וואָס דער רמב״ם האָט געמאַכט מיט זיין „מורה נבוכים״ און וועגן דער שאַרפער מחלוקת וואָס זיין ספר האָט אַרויסגערופן נאָך זיין טויט — וויפל ייִדן, לאָמיר זיך פרעגן, האָבן יענעם רושם געקענט קריגן און ווי גרויס האָט געקענט זיין די צאָל וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דער מחלוקת? און וויפל לייענער, אָפּשאַצער און געניסער האָט געקענט געפינען ביי ייִדן אַזאַ ספר ווי דער זוהר, אין צייטן ווען אַראַמיש איז שוין נישט געווען די אומגאַנג־שפּראַך? און וויפל פון זיי האָבן טאַקע געהאַט אַ יסוד זיך צו קאָכן אינעם קאַמף צווישן קבלה און רבנות?

אָבער נאָך וואָס גיין אַזוי ווייט? איך שטעל מיר פאָר, אַז אין פּושקינס צייטן זענען אין רוסלאַנד אויך נישט געווען קיין הונדערטער טויזנטער לייע־נער פון פּאָעזיע. מ׳שטיינס געזאָגט, וויפל רוסן האָבן דעמאָלט בכלל געקענט לייענען און צווישן די גראַמאָטנע — וויפל האָבן זיין פּאָעזיע באַטראַכט אַלס הפקרות און טריף־פּסול? מיצקעוויטש און סלאָוואַצקי האָבן מסתמא געהאַט נאָך ווייניקער לעזער ווי פּושקין (הויפּטזאַכלעך אין די פּאַלאַצן פון פּוילישע פּריצים). און געטע האָט אַפילו נישט געקענט חלומען, אַז זיין „פאַוסט״ זאָל געלייענט ווערן דורך אַ קליינעם חלק פון יענער צאָל, וואָס קויפט היינט אין אַמעריקע אַ „בעסט־סעלער״ (ווי גרויס, מעג מען פרעגן, איז אין אונדזערע צייטן דער פּראָצענט דייטשן, וואָס קען לייענען און הנאה האָבן פון „פאַוסט״?). שוין גאָר־גאָר שפּעט, כמעט אין אונדזערע צייטן, האָט ניטשע נישט געקענט געפינען, נישט אין דייטשלאַנד און נישט אין דער שווייץ, קיין פאַרלעגער פאַר זיין „זאַראַטוסטראַ״ און ער האָט עס געמוזט אָפּדרוקן אויף זיין אייגענעם חש־בון — אויב איך מאַך קיין טעות, אין בלויז הונדערט עקזעמפּליאַרן. וואָס עס איז שייך פּאָעזיע, זאָלן אונדזערע דיכטער נישט שטאַרק מקנא זיין זייערע

היינטיקע קאַלעגן ביי די אומות־העולם; אַפילו אויף ענגליש (און ענגליש האָט דאָך אַ גרעסערע צאָל לייענער ווי וועלכע נישט איז אַנדער שפּראַך אין דער וועלט) דרוקן זיך מערסטנטייל נייע לידער־זאַמלונגען אין 1000—1500 עקזעמפּלאַרן, און גאָר נישט זעלטן אויף דעם דיכטערס חשבון.

וואָס איז אייגנטלעך פון דעם אַלעמען אַרויסצודרינגען? בלויז אַ טרייסטנדיקע באַנאַליטעט — אַז דער רעזאָנאַנס וואָס אַ ליטעראַריש ווערק רופט אַרויס, מוז נישט זיין קיין ברייטער און קיין צו־הילכיקער, כדי צו באַרעכטיקן דאָס ווערק גופא; געבן זין און באַדייטונג דעם לעבן פון זיין שאַפער. איך האָב נישט געמערקט קיין געגויעם חשבון, אָבער, מ׳קען עס וויסן פון אויבן־אויף, אַז וויל דיוראַנט האָט פאַר זיין קוואַטש וואָס הייסט „די מעשה פון פילאָסאָפיע" אַריינגעקראָגן אַלס האָנאָראַר אַזאַ סומע וואָס אמתע פילאָסאָפן פון פּלאַטאָן אין אָטען ביז מאָנטאַגיו אין ניו־יאָרק האָבן אַלע צוזאַמען אין דריטהאַלבן טויזנט יאָר נישט אַריינגעקראָגן פאַר זייערע ווערק — דער „רעזאָנאַנס", וואָס ער האָט געקראָגן איז, הייסט דאָס, געווען דער ברייטסטער אין דער וועלט־געשיכטע — נו, איז וואָס? ווער איז אים מקנא? אין וויפל מוחות האָט עס אויף אַן אמתן אַ בליץ געטאָן? אין וויפל נשמות האָט עס אויף אַן אמתן אַ ציטער געטאָן, ביים זופן זיין זופ פון שטרוי מיט וואַסער?

אַ פרומער ייִד האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז כדי עס זאָל האָבן אַ זין יעדן טאָג אויסצושרייען „שמע ישראל, ה׳ אלהינו ה׳ אחד", איז גענוג, אַז ביי איין עק וועלט זאָל שטיין איין ייִד און ביים אַנדערן עק אַ צווייטער ייִד: אויב עס איז פאַראַן גאָט און בלויז צוויי ייִדן, איז דער סדר־העולם אין אָרדענונג. עפּעס פון יענעם חסידס מענטאַליטעט וואָלט איך וועלן זען אין היינטיקן שעפערישן ייִד: אַ מין אמונה, אַז אין דער וועלט זענען נישטאָ קיין לעכער; אַז פון איר קען גאָרנישט אַרויספאַלן, און אַז יעדער טראָפּן פון שעפערישער לחלוחית און יעדער שטראַל — וואָס בליצט אַמאָל אַרויס פון אַ מענטשלעכער נשמה, וואָס ווערט נישט דערוואָרגן אונטער די זעק און די פּעק „חולין", וועלכע זוכן זי צו דערשטיקן — בלייבט לעבן אין „חלל העולם", אויף אייביק. אפשר פאָדער איך צופיל און אפשר איז אַזאַ „איינשטעלונג" מעגלעך נאָר ביי טיף־מיסטישע נאַטורן. עס קען זיין. אָבער אַפילו „סאָציאָלאָגיש" גערעדט, איז גענוג פאַר אַ דענקער, פאַר אַ דיכטער, פאַר אַ קינסטלער אַז אין זיין דור זאָלן זיין, לאָמיר זאָגן, טויזנט מענטשן אין דער בחינה פון „מקבלים"; הונדערט מבינים וואָס זאָלן מיט אים מיט־דורכלעבן זיין ווערק און פון אים באַפרוכפּערט ווערן. אויף „אָנצוטאַפּן" זינען און שעפערישן לעבן, כדי זיך צו פילן נישט־איינזאַם, פאַרבונדן מיט „קהל" — און, אויב מען מעג זיך דאָ אַזוי אויסדריקן, אַלס פונקציאָנאַר פון „קהל" — זענען אחד מעיר ושנים ממשפחה, צעזייטע און צע־

שפּרייטע טויזנט סענסיטיווע און דאַנקבאַרע לעזער (און אפשר אַפילו ווייניקער פון טויזנט), גאַנץ גענוג פּסיכישע פּעדעם וואָס זאָלן זיך וועבן און ציִען צווישן איין האָרץ און עטלעכע הונדערט הערצער — אָט פון אַזעלכע שפּאַנונגען ווערן געשאַפן עפּאָכעס, שולעס, ריכטונגען, זשאַנערן. פון אַזאַ „שטאָף״ זענען אַרויס־געקומען אַפילו גרויסע רעליגיעס.

***

אָבער ערשט איצט פיל איך, אַז איך בין לועג לרש, אָט ווי יעקאַטערינאַ די צווייטע וועגן וועלכער מען דערציילט, אַז אויף אַ באַריכט וועגן הונגער אין רוסלאַנד, זאָל זי זיך האָבן אויסגעדריקט, אַז נישקשה, מ׳קען דורכלעבן ביז דער נייער געוועקסט גערעטעניש מיט קאָפע און ברויט־מיט־פּוטער. ווו נעמט מען פאַרן גוטן יידישן בוך די (בלויז!) טויזנט „מקבלים״?

לויט סטאַטיסטיק, דאַרפן זיי ערגעץ־ווו זיין. אין אַמעריקע אַליין זענען זיכער פאַראַן הונדערט מנינים יידן וואָס קענען יידיש, פאַרמאָגן גענוג אינ־טעליגענץ און זענען לויט זייער שורש־נשמה מסוגל צו זיין געניסער פון אַ שעפעריש יידיש ווערק. אָפּטמאָל דוכט זיך מיר אַפילו, אַז איך וויס זייערע אַדרעסן. און וואָס האָט מיט זיי פּאַסירט? פאַרוואָס לאָזן זיי זיך נישט זען, פילן? פאַרוואָס גיבן זיי נישט דעם יידישן שרייבער דאָס געפיל, אַז זיי וואַרטן אויף אים און אויף זיין ווערק, אַז זיי זענען גרייט מיט אים מיטצודענקען און מיט־צופילן, מיטצוטרוימען און מיטצושאַפן — דורך זייער „געניסן״? אָפּטמאָל דוכט זיך מיר, אַז זיי זענען פאַרשמאַכט און פאַרחלשט, נאָר זיי דערשטיקן אין זיך דעם דאָרשט, גלייך ווי זיי וואָלטן אויף זיך גוזר געווען אַ גייסטיקן תענית. ווער אָדער וואָס האָט זיי דערבראַכט צו אַזאַ צושטאַנד?

.1943

דער „אינטערנאַציאָנאַל פון די טיפּשים״

אין קעשענעוו, גיט מען אונדז צו וויסן, — ווי אין גאַנץ בעסאַראַביע — זענען שוין איצט קיין ייִדן נישט פאַראַן. קרושעוואַנס אַמאָליקער חלום איז דורך די היטלערן מקוים געוואָרן: בעסאַראַביע איז „ייִדן־ריין״ און אויף די גאַסן פון איר הויפּטשטאָט קען זיך שוין היינט קיין ייִד נישט באַווייזן. געווען אַ ישוב (כ׳ווייס נישט וויפל דורות) און ער איז מער נישטאָ. איך פאַרמאַך אויף אַ מינוט די אויגן און איך קען עס נישט זען. אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן קעשענעוו אָן ייִדן. מסתמא דערפאַר וואָס איך קען זיך בשום אופן נישט אויס־מאָלן די שטאָט פון מיינע קינדער־יאָרן און פון מיין ערב־קינדהייט — אָן זיך. אַזוי לאַנג ווי די שטאָט גופא איז נאָך געבליבן, מיט אַ טייל פון אירע בנינים, מיט אירע גאַסן און געסלעך, מיט איר בולוואַר און פּראַכטפולן שטאָט־גאָרטן, בין איך נאָך אויך דאָרט; און עס איז נישטאָ יענער היטלער אָדער יענער אַנ־טאָנעסקו, וואָס זאָל אַזאַ מין „איך״ מיינעם פון דאָרטן קענען פאַרטרייבן. איך בין נאָך דאָרט מיט מיין חוצפּהדיקער פאַנטאַזיע פון די ייִנגלשע יאָרן, מיט מיי־נע נאַרישע האָפענונגען, אַז דער „אחרית הימים״ קלאַפּט שוין אין טיר און בעט זיך מען זאָל אים אַריינלאָזן, מיט מיין אויבנאויפיקער צניעות און אינע־ווייניקסטער גדלות (די גדלות פון אַ שנעק וואָס האָט אַ פּלאַן ווי אויסצוהיילן די גאַנצע וועלט פון אַלע אירע הויקערס, פּרישטשעס און משוגעתן). איך בין נאָך דאָרט, מיט מיינע „אייביקע״ פריינטשאַפטן און מיט די געשטאַלטן פון מיינע ייִנגלשע פריינט.

***

יאָ — מיינע פריינט. פינף זענען מיר געווען אין אונדזער אינטימערן קרייז און אין משך פון אַ פּאָר יאָר פלעגן מיר זיך באַגעגענען, עס האָט גע־מעגט דונערן און בליצן, יעדן טאָג. די פּאָליציאַנטן אַרום בולוואַר און דעם שטאָט־גאָרטן, האָבן אונדז שוין גוט געקענט און האָבן אונדז געקרוינט מיט אַ משונהדיקן נאָמען „לונאָגלאָטאָטעלי״ (די לבנה־שלינגער). משמעות דער־פאַר, וואָס אין לבנה־נעכט פלעגן מיר אַרומשפּאַצירן ביז פאַרטאָג. דאָס איז נישט געווען אונדזער אייציקער צונאָמען. אַ בייזער ייִד, אַ ווינקל־אַדוואָקאַט, האָט אונדז געגעבן אַן אַנדער אַטעסטאַט — „אינטערנאַציאָנאַל דוראַקאָוו״ (דער אינטערנאַציאָנאַל פון די טיפּשים). די פינף ידידים־נאמנים האָבן געהערט צו פיר נאַציאָנאַליטעטן: דודיע ראַפּאַפּאָרט און מיין דרייצן־יעריקע ווייניקייט האָבן

„רעפּרעזענטירט‟ דאָס ייִדישע פֿאָלק; קאַליאַ דאָלגאָלעוו איז געװען אַ רוס; קאָסטיאַ קאַדריאַן האָט זיך געגרויסט מיט זײַן רומענישקייט און מיט אַ גאָרטן לעבן פּיאַטרא ניאַמץ, פֿון וואַנען מען פֿלעגט זײַן פֿאַמיליע שיקן יעדן זומער האַלב־גרינע פּרוכט; און טעדעסקאָ איז געווען אַ דײַטש און איינער פֿון די הויפּט־משוררים אין דער קליינער לוטעראַנישער קירכע לעבן גובערנאַטאָרס הויז. דאָס אַליין איז שוין פֿאַרן בײַזן „אַבלאָקאַט‟ געווען גענוג, כּדי אונדז צו שטעמפּלען אַלס אינטערנאַציאָנאַל; בפֿרט נאָך אַז אין אונדזערע „פּלענער‟, פֿון וועלכע מיר האָבן פֿאַר קיינעם קיין סוד נישט געמאַכט, האָבן נישט עקזיסטירט קיין צו־סאָלידע מחיצות צווישן לאַנד און לאַנד און אַפֿילו צווישן קאָנטינענטן. אָבער נאָך פּאָפּולערער זענען מיר געווען, ווי איך דערמאָן זיך איצטער, אונטערן נאָמען, מיט וועלכן דודיע ראַפּאָפּאָרטס שטיפֿערישע מומע האָט אונדז באַשאָנקען: „קלוב כאַחמאַטשעי‟ דער קלוב פֿון די כאַכמאַטשעס (אַ „כאַחמאַטש‟ האָט אויף איר לשון געהייסן אַזאַ איינער וואָס האַלט זיך פֿאַרן גרעסטן וועלט־חכם און פֿאַרמאָגט טאַקע זײַנעם אַ סאָרט חכמה, אָבער די חכמה גופֿא — איז אידיאָטסטווע שבֿ׳אידיאָטסטווע). אָבער וואָס איז דער אונטערשייד, צי אַזאַ צונאָמען אָדער אַן אַנדערער? וויכטיק איז געווען וואָס מיר זענען געווען זייער וויכטיק אין אונדזערע אויגן און וואָס מיר האָבן טאַקע באמונה שלימה געגלייבט, אַז זאָל מען אונדז זאַלבעפֿינפֿט נאָר לאָזן — און לאָזן, פֿרי׳ער אָדער שפּעטער, וועט מען אונדז מוזן — קענען מיר מאַכן אַ טאָלק פֿון דער זינדיקער און נאַרישער וועלט און מיט דער צײַט וועלן אַלע זײַן צופֿרידן.

ערשטנס, האָבן מיר נאַטירלעך געדאַרפֿט אַראָפּוואַרפֿן פֿון זייערע טראָנען אַלע טיראַנען. און טיראַנען זענען בײַ אונדז געווען פֿאַר אַלעמען די קיסרים: ניקאָלאַי דער צווייטער און ווילהעלם; דער פּערסישער שאַך און פֿראַנץ־יאָזעף; די „געקרוינטע כאַבאַרניקעס פֿון בוקאַרעשט‟ און אַפֿילו דער ענגלישער קעניג. מיר זענען אין שול געווען די בעסטע געאָגראַפֿן (געאָגראַפֿיע האָבן מיר געדאַרפֿט האָבן פֿאַר אונדזערע „אויפֿגאַבן‟), און כאָטש מיר האָבן געוווּסט, אַז קיסר צו קיסר איז נישט גלײַך און דער ענגלישער קעניג איז נישט מער ווי אַ שטיק „אַלטע מעבל‟ אָדער נאַרישע דעקאָראַציע, האָבן מיר אָבער אויך איבּ דעם כּסא־המלכות נישט געקענט פֿאַרגינען. קאָליאַ דאָלגאָלעוו פֿלעגט טענהן, אַז אַפֿילו דאָס וואָרט קיסר דאַרף מען אויסמעקן פֿונעם ווערטערבוך — נישטאָ און נישט געווען אַזאַ זאַך — און אַז מיט „יענער חבֿרה‟ קען מען קיינמאָל נישט זיכער זײַן: הײַנט וויל ער בלויז פּאָמפּע און כּבֿוד, מאָרגן וועט זיך אים פֿאַרוועלן מאַכט. איך דערמאָן זיך איצטער, ווי איין מאָל אויפֿן „אַקט‟ (די צערעמאָניע צום סוף פֿונעם שול־יאָר) האָבן צוזאַמען מיטן אינספּעקטאָר געהאַלטן פֿאַר אונדז רעדעס אויך צוויי גלחים און דער קעשענעווער קאַזיאָ־

נער רב (קאָטלאָווער האָט ער, דוכט זיך, געהייסן), וועלכער איז געווען דער ייִדישער רעליגיע־לערער אין אַלע מיטלשולן פון שטאָט. האָט זיך דעם ראַבינער פאַרוואָלט האַלטן אַ פּאַטריאָטישע דרשה און ער האָט דערמאָנט ייִדן, אַז „דינא דמלכותא דינא"; אַז „מלכותא" הייסט קעניגטום און אַז לויט דער תורה איז יעדער קיסר אַ גאָט־געזאַלבטער. אויף דער צווייטער וואָך איז „דער־שינען" אַ נייער נומער פונעם אומלעגאַלן זשורנאַל, וואָס „דער קלוב פון די באַהמאַטשעס" פלעגט אַרויסגעבן אין איין און צוואַנציק העקטאָגראַפירטע קאָפּיעס און דער פאַררעטערישער ראַבינער האָט זיין עונש באַקומען. דודיע ראַפּאָפּאָרט האָט זיך אָפּגערעכנט מיט אים פאַר זיין מאָנאַרכיזם אין אַ ליד, פון וועלכן מיר איז געבליבן אין זיכרון דער ערשטער פּערז:

> "Ты не раввин и слова Божья не учитель,
> Ты лицемер, ханжа и фарисей.
> Проклятье шлет твоей душонке Небожитель,
> Ты, блюдолиз и деспотов лакей".

(דו ביסט נישט קיין רב און נישט קיין לערער פון גאָטס וואָרט. דו ביסט אַ צוויי־פּנימדיקער, אַ צבֿועק און אַ פּרושי. אַ קללה שיקט דער יושב במרו־מים דיין קליינינקער נשמה, דו טעלער־לעקער און לאַקעי פון דעספּאָטן)

אָבער באַפרייען די וועלט פון קיסרים איז פאַר אונדז געווען בלויז דער ערשטער שריט. די צווייטע עבודה האָט געדאַרפט זיין אָפּצושאַפן אַרעמקייט. פון דער קליינער עס־ערן־גרופּע וואָס פלעגט זיך פאַרזאַמלען יעדן זונטיק נאָך מיטאָג ביי אַ פריסטאַוו אין הויז, האָבן מיר שוין געוווּסט, אַז פאַר דעם פאַ־דערט זיך אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע, וועלכע קאָליאַ דאַלגאַליעוו פלעגט אונדז שילדערן ווי אַ זייער קורצע, אָבער אומגעהויער־בלוטיקע, כירורגישע אָפּעראַציע. אויף זיין לשון האָט עס געהייסן: אָפּשניידן אַלע פאַרריסענע נעזער און זאָלן נאָכדעם די עקספּלואַטאַטאָרן אַרומגיין איבער דער וועלט מיט קורנאָסע פּנימער. דער איינציקער צווישן אונדז, וואָס האָט זיך אַ געוויסע צייט גע־קווענקלט וועגן דעם ענין כירורגישע אָפּעראַציע, איז געווען דער דייטש. דזשיאָוואַני טעדעסקאָ — ווען מיר האָבן אין אָנפאַנג נישט געוואָלט גלויבן, אַז ער איז אַ דייטש, ווייל זיין נאָמען האָט געקלונגען איטאַליעניש (ער איז טאַקע געבוירן געוואָרן אין איטאַליע, ווו זיין פאָטער איז אַמאָל געווען דער אָר־גאַניסט אין אַ לוטעראַנישער קירכע) — איז געווען זייער מוזיקאַליש און פאַר זיינע שנעקישע יאָרן, אומגעווייינלעך געבילדעט. ער האָט געלייענט פּאָעזיע אויף גאַנצע דריי שפּראַכן — איטאַליעניש, דייטש און רוסיש. ער פלעגט זיי־נען פון באַכס קירכן־געזאַנגען, אַרויסגעוויזן טיילמאָל צאַרטקייט און סענטי־

מענטאַליטעט, אָבער אַמאָל אויך אומפאַרשטענדלעך־רציחהשן כעס און פאַר־
דעכטיקע אכזריות אין דער באַהאַנדלונג פון הינט און פייגל. ער איז געווען
צווישן אונדז דער אַנגעלייענטסטער. אַ גאַנץ יאָר האָט ער זיך געמאַטערט
צווישן צוויי מאַגנעטן: צווישן טאָלסטאָיס דרשות וועגן „קריסטלעכער ליבע״
און ניטשעס אַנטיקריסטנטום און איבערמענטשטום. אין זיינע ניטשעאַנישע
וואָכן פלעגט זיך אים חלומען, אַז ער איז אין לאַפּלאַנד איינער אַליין, מיט אַ
ריזיק מעסער אין דער האַנט; אַז ער איז אומגעהויער דורשטיק און אָט טרינקט
ער זיך אָן מיט הייס בלוט, וואָס שטראָמט אַרויס פון אַ הירש, וועמען ער האָט
איינס־און־צוויי דורכגעשניטן דעם בויך; אָדער גאָר אַז ער טראָגט אַוועק מיט
גוואַלד אין זיינע אָרעמס אַ הויכגעוווקסיקע, בלאָנדע פרוי אין דער געדיכטע־
ניש און טיפעניש פון אורוואַלד און אָן אומגעזעעגער כאַר באַגלייט אים מיטן
געזאַנג פון אַ קריגס־ליד אויף אַן אומפאַרשטענדלעכער, אָבער זיכער־אַריען־
טאַלישער שפּראַך (ער פלעגט „געדענקען״ פון יענעם ליד איינצלנע ווערטער
און ער האָט זיך איינגערעדט, אַז דאָס איז סאַנסקריט). אין אַ טאָג, ווען ער
האָט „איינמאָל פאַר אַלעמאָל״ באַשלאָסן, אַז ער איז אַ ניטשעאַנער און אַ טויט־
שונא פון אַלע „בוימאיילדיקייטן״, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ שוויצבאָד,
גלייך ווי ער האָט דאָרט געזאָלט דורכמאַכן דעם ריטואַל פון אַ נייער „טויפע״
— די טבילה פון איבערמענטשטום. אָבער גראָד אין שוויצבאָד האָט די קורצ־
ווּקסיקע „בלאָנדע בעסטיע״ געקראָגן איר עונש. אַ הויכער, ברייטביינערדי־
קער און בויכיקער קאַצאַפּ מיט אַ גרויסן צלם אויפן האָריקן ברוסטקאַסטן, איז
צו אים צוגעגאַנגען אַ נאַקעטער מיט אַ שטיקל זייף: „הער נאָר אויס, בחורל,
זייף מיר גוט אָן דעם רוקן און וואַש אים אָפּ מיט הייסער וואַסער. נאָכדעם וועס־
טו נעמען אָט דעם בעזעמל און מיך גוט־גוט דורכשמייסן״. האָט טעדעסקאָ
אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן, אַז די שוויצבאָד איז פאַר אים אַ מין ירדן ווו ער דאַרף
קריגן זיין ניטשעאַנישע „התגלות״ — און ער האָט זיך גענומען מיט אַלע כו־
חות זייפן און וואַשן דעם קאַצאַפּס רוקן. ערשט ווען ער האָט אָנגעפאַנגען אים
„דורכצושמייסן״ מיטן בעזעמל און דער קאַצאַפּ האָט פון מתיקות אָנגעהויבן
זינגען אויף אַ הייזעריקן באַס „טולאַ, טולאַ, טולאַ, טולאַ ראַדינאַ מאַיאַ״, האָט
זיך טעדעסקאָ דערמאָנט, אַז אין דעם פייערלעכסטן טאָג פון זיין לעבן איז ער
גאָר אַ משרת ביי איינעם, וואָס געהערט צו דער „פאַבריק־וואַרע פון דער נאַ־
טור״. דער געדאַנק, אַז אויב אַזוי איז ער אויך אַ „שקלאַפן־נאַטור״, נאָך דער־
צו אַן עבד לעבדים, האָט אים אַריינגעבראַכט אין אַזאַ רציחה, אַז ער האָט אָנ־
געהויבן שמייסן מיטן בעזעמל איבערן קאַצאַפּס פנים. דער קאַצאַפּ איז פאַר־
שרעק און איבערראַשונג אַוועקגעפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע און האָט זיך צע־
בלוטיקט די נאָז און דאָס מויל. ווען ער איז אָבער געקומען צו זיך, האָט ער־

דעם צעבונטעוועטן איבערמענטש געגעבן אַזעלכע קלעפּ, אַז דזשיאָוואַני איז נאָכדעם אָפּגעלעגן אַ גאַנצע וואָך אַ קראַנקער און צעביילטער. נאָך יענער אומ־געלונגענער „טויפע״ האָט ער זיך אויסגעהיילט, ווי ער האָט אונדז פייערלעך דערקלערט, פון יעדן אינדיווידואַליזם; סיי פון ניטשעאַנישן און סיי פון טאָלס־טאָיאַנישן און ער האָט געגעבן זיין „ענדגילטיקע הסכמה״ אויף דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

***

פאַרן „אינטערנאַציאָנאַל פון די טיפּשים״ האָט אָבער די אָפּשאַפונג פון אָרעמקייט אויך נישט געקענט לייזן אַלע סאָציאַלע פּראָבלעמען. די פינף „כאָח־מאַטשעס״ האָבן גענומען אויף זיך צו לייזן אויך די נאַציאָנאַלע פראַגע. פאַר מיר מיט דודיע ראַפּאַפּאָרטן איז שוין דענסטמאָל דער ענין ציוניזם געווען, ווי מיר פלעגן זיך אויסדריקן מיט אַן אָנשטעל פון באַיאָרטקייט און לאַטיין־אַד־וואָקאַטישער סאָלידקייט, אַ קאָנדיציאָ סינאַ קוואַ נאָן; גיט מען יידן אַ לאַנד איז גוט, מאַכן מיר די סאָציאַלע רעוואָלוציע, אלא נישט — שטייען מיר פון דערוויטנס, ווייל נאָך דער „כירורגישער אָפּעראַציע״ טאָר אויף דער וועלט נישט בלייבן קיין איין געקריוודעט פאָלק. די דריי נישט־יידן פונעם אינטער־נאַציאָנאַל האָבן לכתחילה נישט געקאָנט תופס זיין דעם ענין: אויף וואָס באַ־דאַרפן יידן אַ לאַנד, אַז נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע קען די גאַנצע וועלט זיין „זייערע״? איך האָב אָבער, געדענק איך, געמאַכט אַ רושם אויף קאָליאַ דאָלגאָלעוון: איך האָב אים איינמאָל אַ פרעג געטאָן, אין זיין טערמינאָלאָגיע, ווי אַזוי ער וועט זיך פילן אויף מאָרגן נאָך דער רעוואָלוציע, ווען ער וועט פּלוצים דערזען, אַז אַלע פעלקער האָבן גלייכע נעזער, נאָר איין פאָלק, דאָס יידישע, גייט אַרום איבער דער וועלט — „קורנאָסע״. דודיע ראַפּאַפּאָרט (אין דער היים האָט מען אים גערופן „דאָוויד״ און אַזוי איז ער געווען פאַרשריבן אין זיין מעטריקע. נאָר צווישן חברים איז ער באַשטאַנען, מען זאָל אים רופן פאָלקסטימלעך־יידיש „דודיע״ אָדער „דודל״, אַלע אַסימילאַטאָרן אויף צו להכעיס) האָט נאָך צו מיין פראַגע צוגעשטעלט זיינעם אַ צוגאָב: „קורנאָסע — און קוקט קאָסאָקע״. אונדזער „אַרגומענט״ האָט געהאַט אַ פעולה און די דריי נישט־יידן האָבן מסכים געווען, אַז אין דעם אַלגעמיינעם פּלאַן פון לייזן די נאַ־ציאָנאַלע פראַגע דאַרף אַריינגענומען ווערן אויך ארץ־ישראל פאַר יידן.

ערנסטע חילוקי־דעות זענען אָבער אויפגעקומען אין דעם אינטערנאַציאָ־נאַל, ווען מיר האָבן געדאַרפט לייזן די פּראָבלעם פון בעסאַראַביע גופא. אין יענע יאָרן זענען נאָך אַפילו קיין סימנים נישט געווען פון קיין רומענישער איר־רעדענטאַ אין בעסאַראַביע. אָבער אונדזער רומענער, קאָסטיאַ קאָדריאַן, האָט

געהאַט משפחה אין פּיאַטראַ־ניאַמץ, וווהין ער פלעגט פאָרן מיט די עלטערן יעדעס יאָר אויף ווינטער־וואַקאַציע. פון דאָרט, פונעם „רעגאַט", פלעגט ער ברענגען די ידיעה, אַז געוויסע פּאַטריאָטן גלייבן נאָך דאָרט אין אַ שעת־הכושר, ווען די אַפּגעריסענע פּראָווינץ וועט זיך אומקערן צו איר לעגיטימען באַלעבאָס. קאָסטיאַ קאָדריאַן האָט מיט יענע פּאַטריאָטן אָנגעהויבן סימפּאַ־טיזירן — כאָטש זיין שעת־הכושר איז געווען די סאָציאַלע רעוואָלוציע — און אויף זיין טיש האָבן מיר אָנגעהויבן זען פון צייט צו צייט קאָלעקציעס פון רו־מעניש פּאַטריאָטישע לידער, וועלכע מיר האָבן נישט געקאָנט לייענען. דער שלום־בית אין אינטערנאַציאָנאַל איז געווען אין סכנה: קאָסטיאַ וויל בעסאַ־ראַביע פאַר רומעניע און קאָליאַ דאָלגאָלעוו טענהט, אַז דאָס איז רציחה און גנבה און גזילה און וואָס אין דער קאָרט; וויל אַלע וויסן, אַז איצט איז בע־סאַראַביע אַ רוסישע געגנט. דער רומענער האָט געהאַט זיינעם אַ שטאַרקן אַרגומענט: פאַרט אַרויס צוויי ווערסט פון קעשענעוו, פאַרשטייט מען שוין קיין רוסיש נישט — וואָס־זשע פאַר אַ רוסלאַנד איז דאָס? און קאָליאַ פון זיין זייט האָט אַרגומענטירט מיט היץ און איבערצייגונג: די קולטור אין דער געגנט איז אַ רוסישע; איידער די רוסן זענען אַהער אַריינגעקומען איז דאָס געווען אַ שטיק טערקישער מדבר מיט פּרימיטיווע איינוווינער, און דער איינציקער דענקמאָל וואָס מען האָט אין גאַנץ בעסאַראַביע אויפגעשטעלט פאַר אַ דיכטער איז — פּושקינס. קאָסטיאַ האָט פון זיין זייט פּראָטעסטירט, אַז דאָס איז גרויס־רוסישער שאָוויניזם; אַז דער עיקר איז אָפּשטאַם און דער לשון, אויף וועלכן עס רעדט די מערהייט פון דער באַפעלקערונג און נישט די אַרויפגעצוווּנגענע פרעמדע קולטור. קאָליאַ האָט גערופן צו־הילף דעם ציוניזם: אָט האָבן מיר אַלע מסכים געווען, אַז ארץ־ישראל דאַרף מען אָפּגעבן יידן, כאָטש אַלע וויסן, אַז די מערהייט אין ארץ־ישראל איז אַן אַראַבישע, מחמת די יידן ברענגען אַריין אַהין די מאָדערנע קולטור. האָט זיך ערשט קאָסטיאַ צעהיצט און גע־פילדערט, אַז נישט דערפאַר האָט ער געגעבן זיין הסכמה אויפן ציוניזם, נאָר צוליב די „היסטאָרישע רעכט" וואָס יידן האָבן אויף ארץ־ישראל. ער האָט זיך אויך סומך געווען אויפן פאַקט, וואָס בעסאַראַביער יידן וואָס זענען קיין שולע נישט דורכגעגאַנגען קענען זייער ווייניק רוסיש; אָבער די מערהייט פון זיי רעדן גוט וואַלאַכיש, אין שולן און אין טעקסטביכער. דאָס אַליין איז אַ באַ־ווייז, אַז די געגנט איז אין תוך אַ רומעניש. און אַחוץ דעם (קאָסטיאַ האָט ניש־קשהדיק געקאָנט יידיש) הערט זיך נאָר צו צו דעם וואָס יידן זינגען אין בע־סאַראַביע. עס זענען פאַראַן יידישע לידלעך, אין וועלכע עס זענען איינגע־פלאָכטן רומענישע זאַצן. אַז יידן ווערן פריילעך ביי אַ גלעזל ווין, זינגען זיי „דזישי לומי יוז בוגאַט" (די וועלט זאָגט, אַז איך בין רייך), און אַפילו אַ שבת־

ליד הייבט זיך אָן ביי זיי מיט אַ רומעניש ן פֿערז: „יאָקאָ וויני סימבאַטי, אַך
דאָמני, דאָמני" (אָט קומט אָן דער שבת, אַך, גאָט, גאָט); קיין רוסישע עלעמענטן
זענען אָבער אין ייִדישן פֿאָלקלאָר נישטאָ. דודיע ראַפּאָפּאָרט און איך האָבן
לאַנגע וואָכן זיך נישט געקענט דעצידירן אויף וועמענס צד זיך צו שטעלן.
דער רומענער האָט צו אונדז אַפּעלירט מיט דער דעמאָקראַטישקייט פֿון זיינע
אַרגומענטן און דער רוס — נו, דער רוס האָט גאָר קיין אַרגומענטן נישט גע־
דאַרפֿט האָבן. מיר זענען אַליין אין אַ געוויסן זינען „געוועזן רוסן" — און אונדז
איז פֿאַרגעקומען זייער משונהדיק זיך פֿאָרצושטעלן, אַז פּלוצים, מיר־נישט דיר־
נישט, וועט מען נעמען אָט־די געגנט אָדער גאָר אָט־די שטאָט, מיטן פּושקין־
מאָנומענט אין צענטער, מיט אַזויפֿיל זאַפּטיקן מיידלשן געזאַנג פֿון רוסישע
לידער, מיט די אָפּטע דעקלאַמאַציע־אָוונטן, מיט די רוסישע רעוואָלוציאָנערע
פּאַרטייען און קרייזלעך, מיט בערנשטיין־כּהן וואָס באַווייזט אויף רוסיש, אַז
יעדער דענקנדיקער מענטש מוז זיין אַ דאַרוויניסט; און אַ ייִד אַ דאַרוויניסט,
אויב ער איז נאָר „אויסגעהאַלטן", מוז זיין אַ ציוניסט — און מיט דעם לאַנגן
בחור פֿון פּאָלטאַווע, וואָס האָט זיך ביי אונדז קונה־שם געווען מיט זיין באַ־
ריטאָן און שטודירט מיט אונדז איין פּרוגס רוסישע לידער — און זאָגן אויף
איר: פֿון היינט אָן און ווייטער איז דאָס רומעניע. דעם שלום־בית, פֿולשטענ־
דיקע האַרמאָניע, האָט אין אונדזער אינטערנאַציאָנאַל סוף־כּל־סוף איינגעפֿירט
דער דייטש. אין איינעם אַ טאָג איז טעדעסקאָ געקומען מיט אַ לאַנגן, אויסגע־
ווירעטן פּאַפּיר, אויף וועלכן עס זענען געווען אויסגערעכנט אַ פּאָר צענדליק
לענדער מיט דער גרויס פֿון זייער שטח און מיט דער צאָל פֿון זייער באַפֿעל־
קערונג. זיינע טאַבעלן האָבן „קלאָר באַוויזן", אַז ארץ־ישראל איז צו־קליין
אַריינצונעמען אַלע ייִדן; אַז, על פּי יושר, קומט אונדז נאָך אַ לאַנד, און דאָס
אַנגעמאָסטענע לאַנד פֿאַר דער צווייטער ייִדישער רעפּובליק, וואָס דאַרף גע־
גרינדעט ווערן, אם־ירצה־השם, גלייך נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, איז
— בעסאַראַביע. די געגנט איז אַלזאָ נישט רומעניש און נישט רוסיש, נאָר גאָר
ייִדיש. איך קען זיך שוין איצטער נישט דערמאָנען, אין וועלכער מאָס זיין אַר־
גומענטאַציע איז פֿאַר אונדז געווען איבערצייגנדיק: קעשענעוו אַלס אַ צווייטע
ירושלים איז מסתמא געווען פֿאַר אונדז עפּעס אַזעלכעס, וואָס מיר האָבן נישט
געקאָנט לייכט איבערקאָכן. דער רוס און דער אַרמענער האָבן אָבער אויף דעם
פּלאַן, נאָך אַ פּאָר וואָכן קווענקלעניש, געגעבן זייער הסכּמה — און צו די
צוויי ייִדן האָט זיך אויך די זאַך מיט דער צייט צוגעקלעפּט ווי אַ „רעאַליס־
טישער פּלאַן", אין וועלכן מיר האָבן נאָכדעם אָנגעהויבן אַריינטראָגן נישט־
ווייניק אייגנאַרטיקע ראָמאַנטיק. ביי אונדז אַלעמען איז מיטאַמאָל ווי אַראָפּ־
געפֿאַלן אַ שווערער שטיין פֿון האַרצן. דאָס וואָס בעסאַראַביע האָט פֿאַרמאָגט

אַ פּאָר מיליאָן נישט־ייִדן איז פּאַר אונדז קיין גרויסע מניעה נישט געווען. פּאַר אַזעלכע וועלט־איבערקערער און פּלאַנעט־פּלאַנירער ווי מיר זענען דע־מאָלט געווען איז דאָס געווען אַ פּאַרהעלטניסמעסיק־לייכטע אויפגאַבע. „מען נעמט" די רומענער און מען שיקט זיי אַלע אַוועק קיין רומעניע און די רוסן קיין רוסלאַנד („פּאַראַן דאָרט", האָט טעדעסקאָ געטענהט, „גענוג פּרייער און פּרוכטבאַרער באָדן"), און מען לאָזט איבער בלויז די קליינע נאַציאָנאַלע שפּלי־טערלעך — דייטשן, בולגאַרן, אַרמענער, ציגיינער און דאָס ביסל שווייצאַ־רישע פּראָנצויזן לעבן אַקערמאַן — וואָס קענען מחמת זייער צאָל קיין פּאָלי־טישע תביעות נישט האָבן; און נאָכדעם עפנט מען טיר און טויער און מען זאָגט אָן ייִדן פון גאָר דער וועלט: ווער עס גייט נישט קיין ארץ־ישראל, זאָל קומען אַהער, איש תחת גפנו ותחת תאנתו. געצוווּנגענע עוואַקואַציע איז גאָר געווען אונדזערע אַ „דערפינדונג", אָבער אָנגעווענדט האָבן מיר די דאָזיקע מעטאָדע אויף גויִים און נישט אויף ייִדן...

***

אין אַ זונטיק־פרימאָרגן האָבן מיר אונדזער גאַנצן פּראָגראַם, אַריינגע־רעכנט דעם „צווייטן ייִדנשטאַט" אין בעסאַראַביע, פּאַראייביקט אויף פּאַפּיר. מיר האָבן דעם „דאָקומענט" אַלע אונטערגעשריבן, אַראָפּגעלאָזט אים אין אַ פלעשל, וואָס מיר האָבן פעסט פּאַרקאָרקעוועט און אים באַהאַלטן „לזכרון דברים" אין אַ טיפן גרוב, וואָס מיר האָבן דעם זעלבן טאָג פייערלעך אויסגע־גראָבן אויסער דער שטאָט, ביים „באַיוקאַנסקי ספּוסק". נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, האָבן מיר צווישן זיך אָפּגעמאַכט, ווּהין דער גורל זאָל אונדז נישט פאַרוואַרפן, דאַרפן מיר זיך אַלע נאָכאַמאָל באַגעגענען ביים „ספּוסק", אויס־גראָבן דאָס פלעשל מיטן דאָקומענט און זיך נעמען פּאַרווירקלעכן יענע טיילן פונעם פּראָגראַם, וואָס זענען נאָך נישט דורכגעפירט געוואָרן...

***

יאָרן זענען אַוועק, און מיינע האָר זילבערן זיך שוין נישט פון נעכטן — ווער פון אונדזער אינטערנאַציאָנאַל איז נאָך צווישן די לעבעדיקע? דודיע ראַ־פּאָפּאָרטן האָט זיין אומרויִק בלוט פּאַרשליידערט פרײַער קיין כינע און נאָכדעם קיין אַמעריקע, ווו ער איז געשטאָרבן פון טובערקולאָז ערגעץ לעבן סאַן פראַנ־ציסקאָ. קאָליאַ דאָלגאַלעוו איז אומגעקומען, ווייס איך, אויף דער וואָלגאַ אין די טעג פון בירגער־קריג: דער באָלשעוויסטישער נוסח פון דער „כירורגישער אָפּעראַציע" איז אים נישט געווען צום האַרצן און ער האָט צו קלאָר געזען די נייע, קאָמיסאַרישע נעזער וואָס הייבן זיך אָן צו „פּאַררייסן" — און וואָס עס וועט נאָכדעם גאָרנישט זיין אַזוי לייכט אָפּצושניידן. איך וויל האָפן, אַז מיין

רומענער, קאַרדיאַן און דער דייטש מיטן איטאַליענישן נאָמען, טעדעסקאָ, זענען נאָך אויף דער וועלט: עס קען אַפילו זיין, אַז זיי זענען נאָך (אָדער שוין צוריק) אין בעסאַראַביע. וועד און וואָס זענען זיי היינט? צי דערמאָנען זיי זיך איצט אָן זייער פריער יוגנט, ווען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט קעגנזייטיקן האַס, חשד, פאַראורטיילן, און אָטעמענדיק יעדן טאָג געדיכטע פּאָגראָם־לופט, האָבן מיר — צוויי „יינגלעך" און דריי „שקצים" — מיט חוצפּהדיקער פאַנטאַזיע און מיט אַזויפיל קאָמישן זיך־ערנסט־נעמען געשאַפן און קולטיווירט אונדזער מיניאַטורן פעלקערבונד? אָבער צו וואָס פרעג איך עס? און אַז זיי געדענקען יאָ — איז וואָס? ווען און וואָס און ווען וועט דערפון לייכטער אָדער וואַרעמער ווערן?

***

דער „צווייטער יידנשטאָט" אין בעסאַראַביע איז נישט געשאַפן געוואָרן און דער יידישער ישוב איז שוין דאָרט אינגאַנצן אויסגעראָטן. אָבער אונדזער דאָקומענט ליגט נאָך, גלייב איך, אין זיין קבר, גאַנץ און נישט געמינערט. מיר דוכט זיך, אַז איך געדענק נאָך גוט דעם פּלאַץ ביים „באַיוקאַנסקי ספּוסק", וווּ מיר האָבן אים באַהאַלטן... אַלערליי משונהדיקע געדאַנקען קומען אין קאָפּ אַריין, געדאַנקען מיט אַ בייגעמיש פון אַן עגאָצענטריזם נישט צום מוחל זיין: עס קען זיין, אַז אין בלוט־מבול פון דער איצטיקער מלחמה וועט דערטרונקען ווערן דער לעצטער רעשט פונעם ביסל ציוויליזאַציע וואָס די וועלט האָט נאָך פאַרמאָגט (אַ זינדיקער, אַ קרימינעלער געדאַנק, אָבער דאָך: גיי פאַרטרייב אים!); אין טויזנט, אין צוויי טויזנט יאָר אַרום, אין אַ נייעם ציקל פון וועלט־ציוויליזאַציע וועט אַ היסטאָרישע עקספּעדיציע מאַכן אויסגראָבונגען דאָרט, ווו עס שטייט איצט קעשענעוו... און ווער ווייסט? (איז דאָס זייער אַ גרויסע עם־הארצות צו דענקען, אַז דאָס פּלעשל מיטן פּאַפּיר קענען נאָך אַזוי לאַנג בלייבן גאַנץ?) — אפשר וועט זי אויסגראָבן דעם דאָקומענט מיט אונדזערע פינף חתימות... וויל איך, אַלטער נאַר און נישט־צום־מוחל־זיין עגאָצענטריקער, עפּעס פאַרצייכענען פאַרן קומענדיקן היסטאָריקער: זיי וויסן, אַז דער פאַר־אַין פון די פינף האָט צווישן זיינע אַנדערע באַצייכענונגען געטראָגן דעם צו־נאָמען „דער אינטערנאַציאָנאַל פון די טיפּשים".

אַדיע, טיפּשות — אַראָמאַטנע, חנעוודיקע, הימלבלויע טיפּשות. קוקנדיק אויף צוריק, ווייס איך, אַז כ'וואָלט דיך נישט אויסגעביטן אויף מיין איצטיקער „פּיקחות".

אַ חכמה איז צו זיין אַ פּיקח?...

1943.

סאַלדאַטן אָן ביקסן

די טעג איז מיר אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען מיט ראָבערט וואַט און מיט דער שטילער, צניעותדיקער מאַדאַם וואַט. דער „אויסלאַנדס־מיניסטער" פון דער אַמעריקען פעדערײשאַן אָוו לייבאָר האָט זיך אָקאָרשט אומגעקערט מיט זיין פרוי פון אַן אינספּעקציע אין אַ פעדעראַלער טורמע אין פּענסילווייניע. פון אונדזער שמועס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צווישן אַנדערע זאַכן האָבן זיי דאָרט אויך אינטערוויוירט אַ צאָל „פּאָליטישע פאַרברעכער", יונגעלייט וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו דינען אין דער אַרמיי צוליב רעליגיעזע אָדער עטישע טעמים.

איך האָב געוווּסט, אַז דער בן־יחיד פון דער וואַט־משפּחה געפינט זיך שוין אַ לענגערע צייט ערגעץ־ווו, ווייט אויפן פּאַסיפיק מיטן אַמעריקאַנער פלאָט און אַז די עלטערן האָבן שוין חדשים פון אים גאָרנישט געהערט. איז מיר באַזונדערס אינטערעסאַנט געווען צו וויסן, וואָס פאַר אַן איינדרוק האָבן — ספּעציעל אויף מאַדאַם וואַט — געמאַכט געזונטע יונגע מענער, וואָס בשעת אַזאַ גרויסער סכנה פאַרן פאָטערלאַנד איז זיי ליבער צו זיצן אין טורמע אײדער צו גיין אויפן שלאַכטפעלד. איך האָב אָבער פון איר קיין איין ביטער וואָרט וועגן זיי נישט געהערט. פאַרקערט, זי האָט זיי כאַראַקטעריזירט אַלס „מאַיטי גוד פעלאָוס" און האָט דערביי אַ זאָג געטאָן:

„ווען אַלע אונדזערע זין אין אַמעריקע וואָלטן געווען ווי זיי, וואָלט דאָס געמוזט משפּיע זיין אויך אויף דער יוגנט פון דייטשלאַנד און יאַפּאַן און מיר וואָלטן דענסטמאָל בכלל פּטור געוואָרן פון מלחמה".

די וואַטס קומען ביידע פון אַ שטרענג־קאַטוילישער סביבה, ווו פּאַציפיזם איז קיינמאָל נישט געווען קיין גאַנגבאַרע סחורה. דאָס אינטערעסאַנטסטע אָבער, וואָס כ'האָב פון מאַדאַם וואַט געהערט, איז געווען איר באַהויפּטונג, אַז די יונגעלייט אין טורמע מאַכן אַ זייער מענערישן איינדרוק. זי האָט אַמאָל געמיינט אַז פּאַציפיסטן זענען, כאָטש נישט קיין פּחדנים אָבער זיכער שוואַכלינגען; צאַרטע אָדער פאַרצערטלטע מפונקים, וואָס וואָלטן גאָר נישט געקאָנט אויסהאַלטן די רויע ווירקלעכקייט און די טעמפּעראַטור פון מלחמה. אין דער פּענסילווייניע־טורמע האָט זי זיך באַשיינפּערלעך איבערצייגט, אַז זי האָט וועגן זיי געהאַט אַ פאַלשע פאַרשטעלונג. די מייסטע פון זיי זענען זייער מענלעך, מיט שטאַרקע כאַראַקטערן און מיליטאַנטע טעמפּעראַמענטן. וואָלטן זיי

געגאַנגען אין דער אַרמיי, וואָלטן זיי זיכער געווען, אַלס סאָלדאַטן, העכער פאַר־נעם דורכשניט...

**
*

אונדזער שמועס האָט מיך דערמאָנט אין ווילי אַם דזשעימס׳ אַן עסיי וועל־כע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן נאָך אין 1910. דער ניי־ענגלאַנדער פילאָסאָף האָט דאָרט דיסקוטירט די פּראָבלעם פון מלחמה, הויפּטזאַכלעך פון פּסיכאָ־לאָגישן שטאַנדפּונקט. דזשעימס איז נישט געווען דער איינציקער (אויך נישט דער ערשטער), וואָס האָט אין מלחמה און אין „סאָלדאַטשינע״ געזען נישט בלויז חסרונות. אין זיין צייט איז שוין, אויך אין אַמעריקע, געווען גאַנץ פּאָ־פּולער שטיינמעטצס אָפּהאַנדלונג „די פילאָסאָפיע דעס קריגעס״, וואָס האָט אין זיך כולל געווען אַ מאָראַלישע פאַראורטיילונג פון פּאַציפיזם. מלחמה איז, לויט שטיינמעצן, אַ מין יום־הדין; אַ נסיון פאַר וועלכן גאָט שטעלט די פעל־קער, די איינצלנע חלקים פון דער מענטשהייט. עס איז נישט פאַראַן, לויט זיין מיינונג, קיין נצחון וואָס זאָל נישט זיין דער פּועל־יוצא פון אַ גרויסער צאָל גוטע אייגנשאַפטן און מידות; און עס איז אויך נישט פאַראַן אַזאַ מפּלה, פאַר וועלכער געוויסע אויסגעלאָסנקייטן (אָדער פיזישע און פּסיכישע שוואַכקייטן וואָס נעמען זיך פון זיי) זאָלן נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעך. טרייקייט צום גע־געבענעם וואָרט אָדער צו אַ שבועה, סאָלידאַריטעט און ענגע צונויפגעבונדנ־קייט מיטן כלל, איינגעשפּאַרטקייט און קאָנסעקווענטע דורכפירונג פון אַן אויפ־גאַבע, אַלץ איינס וואָס די באַדינגונגען זאָלן נישט זיין; געוויסנהאַפטיקייט און פּינקטלעכקייט, פיזישע קראַפט און אויסדויער, שפּאָרעוודיקייט און פאַראַכ־טונג צום טויט — ווי קען מען דען פירן און געווינען אַ מלחמה אָן אַזעלכע סגולות? אין לעצטן חשבון, מיינט שטיינמעטץ, שפּילן „צופאַל״ און „מזל״ כמעט קיין ראָלע נישט אין אונדזערע מלחמות און יעדער נצחון איז, פון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט, אַ געדעכטער און פאַרדינטער.

די דאָזיקע אַרגומענטאַציע האָט אויך אויף דזשעימסן געמאַכט אַ געוויסן איינדרוק; כאָטש ער איז קיינמאָל נישט געווען גרייט אָנצונעמען דעם אויספיר, אַז מלחמה אַן־און־פאַר־זיך איז אַ געזונטע דערשיינונג און אַן אייביקע אומ־פאַרמיידלעכקייט. זיין פּראָבלעם, ווי זי שפּיגלט זיך אָפּ אין אינעם דערמאָנטן עסיי („מאָראַל עקוויוואַלענט אָף וואָר״) איז געווען אַן אַנדערע: צי איז עס מעגלעך, אַז מלחמות זאָלן פאַרשווינדן פון דער וועלט און די מענטשהייט זאָל נישט דעגענערירן?

העברעיִשע לייענער קענען זיך דערמאָנען, אַז אומגעפער אין דעמזעלבן פּעריאָד, ווען דזשעימס האָט געשריבן זיין אָפּהאַנדלונג, אפשר אַ פּאָר יאָר

שפּעטער, האָט אונדזער אייגענער זלמן שניאור פאַרעפנטלעכט זיין סאַטירישע פּאָעמע „והיה באחרית הימים" — אַ בייזע פּאַראָדיע אויף ישעיה הנביאס דעמאָקראַטיש־עגאַליטאַריש־פּאַציפיסטישער זעונג פון דער צוקונפט. דעם „וגר זאב עם כבש" האָט ער אויסגעטייטשט אַלס אַ צושטאַנד, ווען דער וואָלף וועט פאַרלירן זיין וואָלפישקייט — דעם שיעור־קומה וואָס די נאַטור האָט אים געגעבן — ווען ער וועט זיך פּאַשען צוזאַמען מיט די שאָף אויפן גראָז און אַליין „פאַרשאָפּט" ווערן. שניאור האָט געוואָלט זען אינעם „אחרית הימים" אַ שטילע, זאַטע און פרידלעכע וועלט, אַ וועלט אָן אַנעמישע, מיט אַן איינגעשלאָפענער בלוט־צירקולאַציע — אָן כאַראַקטער, טעמפּעראַמענט און קראַפט, אָן שטורעם און דראַנג. צו וועלכע שוואַרצע יאָרן דאַרף מען האָבן אַזאַ נודנעם אָדער (ווי אוקראַיִנער ייִדן זאָגן) אַזאַ „פּיסנעם" גן־עדן?

אייגנטלעך איז דאָס געווען, מיט מער ווי אַ דור פאַר דזשעימסן, די פּראָבלעם ביי פרידריך ניטשע. מ'שטיינס־געזאָגט, וואָס פאַר אַ מיליטאַריסט ניטשע איז געווען לויט זיינע פּערזענלעכע אייגנשאַפטן! ווען ער איז שוין געגאַנגען אויף דער מלחמה, האָט ער זיך פאַרשריבן אין מעדיצינישן קאָרפּוס אַלס אַ מין באַרמהאַרציקע שוועסטער אין הויזן. אַליין האָט ער נישט געקאָנט טשעפּען קיין פליג אויף דער וואַנט, אָבער יאָרן און יאָרן האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ מורא — „וואָס וועט זיין אַז משיח וועט קומען", אַט יענער משיח פון דעמאָקראַטיע, פון גלייכקייט און פּערמאַנענטן שלום? אויף זיין אופן איז ניטשע געווען אַ דאַרוויניסט און ער האָט מורא געהאַט, אַז אויב עס וועט אין דער מענטשלעכער געשיכטע אויפהערן קאַמף, ביאָלאָגישע קאָנקורענץ, וועט ווערן אויס מיט אונדזער ווייטערדיקער „עוואָלוציע", און „נאַפּאָלעאָן וועט אָנהייבן טרינקען מילך מיט אָקרעפּ". דזשעימסן האָט אויך אין אַ געוויסער צייט פון זיין לעבן געמאַטערט די שאלה: קלאָר, מלחמה אַן־און־פאַר־זיך איז עקלהאַפט, אַ קאָלעקטיווער פאַרברעכן. אָבער דער מענטש אין דער מלחמה, דער סאָלדאַט, רופט אַרויס רעספּעקט און אָפטמאָל באַוווּנדערונג. פון זיינע באַהאַלטענע רעזערוון רייסן זיך אַרויס אוצרות פון פעיִקייטן, וואָס ער אַליין האָט גאָרנישט געוווּסט אַז ער פאַרמאָגט זיי; גאַנצע פאָנטאַנען פון ענערגיע — אויך פון גייסטיקער און מאָראַלישער ענערגיע — וואָס האָט אין אים ביז דער מלחמה בלויז געדרימלט. וואָס־זשע וועט ווערן פון יענע פעיִקייטן און פון יענער ענערגיע, ווען מלחמות וועלן אָפּגעשאַפט ווערן? און צי קענען זיי בכלל אָפּגעשאַפט ווערן? אויפן יסוד פון דער ביזאַהעריקער מענטשלעכער דערפאַרונג איז דזשיימס געווען גרייט צו רעקאָמענדירן, אַז אין ווערטערבוך זאָל מען פאַרטייטשן „מלחמה" אַלס אַ צושטאַנד פון פּאָטענציעלן שלום און „שלום" אַלס אַ לענגערע אָדער קירצערע פּרעלודיע צו מלחמה — אַזאַ ציקלוס אָדער,

ריכטיקער, אַזאַ ריטם פון לעבן, וואָס איז זייער ענלעך צו דער פיזיאָלאָגישער פונקציע פון אריינאָטעמען און אַרויסאָטעמען. דזשעימס האָט זיך אָבער נישט געוואָלט סומך זיין בלויז אויף היסטאָרישער דערפאַרונג. זיין אַלגעמיינע וועלט־אַנשויונג, אויף וויפל ער האָט זי אויסקריסטאַליזירט, האָט אים געפירט אַלץ מער און מער אין דער ריכטונג פון פּאַציפיזם. אָבער ווידער אַמאָל: וואָס וועט זיין מיט דער מענטשלעכער „נאַטור"? צי וועלן אין מענטשן נישט אַטראָפירט ווערן יענע רעזערוון פון אידעאַליזם און מסירות־נפש; יענע געבענטשטע פעיִקייטן צו פירן אַ האַרט לעבן, גובר זיין געפאַרן און אַרויסקומען אויף יענער זייט תחום פונעם איזאָלירטן, אינדיווידועלן „איך"? איך דערמאָן זיך, ווי איך האָב אַמאָל, צוריק מיט יאָרן, אויף אַ טשיקאַווען געפרעגט זשאַבאָטינסקין, וויאַזוי ער שטעלט זיך פאַר אַ פּאַציפיסט. האָט ער קיין סך נישט געטראַכט און אַ זאָג־געטאָן: דאָס איז אַ מין מאַנספאַרשוין וואָס אויפן קערפּער וואַקסן ביי אים נישט קיין האָר; ער טראָגט וואַטע אין די אויערן, באַנוצט זיך מיט אַ שירעם אין אַלע פּאָגאָדעס, דעקלאַמירט נאַדסאָנס לידער און... אַ סולטאַן לאָזט אים איבערנעכטיקן אין זיין האַרעם. אָט אַזאַ מין, אָדער אַן ענלעכער, פאַרשוין האָט געשוועבט פאַר דזשעימס׳ פאַנטאַזיע אַלס אַ סכנה פאַר דער מענטשלעכער „ראַסע", ווען ער האָט געטרוימט וועגן אַ וועלט אָן מלחמות. ער איז אָבער געווען צופיל פּסיכאָלאָג, כדי נישט תופס צו זיין, אַז מלחמה איז אפשר מער היסטאָרישע געוווינהייט איידער „נאַטור־געזעץ" און אַז עס איז פאַראַן מער ווי איין קאַנאַל, דורך וועלכן ענערגיע — ביאָלאָגישע, גייסטיקע, מאָראַלישע — קען זיך דערשלאָגן צו אירן אַ „תיקון".

ווער האָט עס אויסגעטראַכט, אַז מלחמה איז דער נאַטירלעכסטער אָדער דער איינציקער וועג, אויף וועלכן אַ יונגער מענטש קען צופרידנשטעלן זיין באַדערפעניש פאַר אַוואַנטורע, פאַר ריזיקע, פאַרן אַרויסשפּרינגען פון די רוטין־צוימען און אַלטעגלעכקייט? דזשעימס האָט זיך לייכט פאָרגעשטעלט באַטאַליאָנען, גאַנצע אַרמייען אָן שפיכת־דמים, מאָביליזאַציעס פון קרעפטיקער יוגנט פאַר ריין ציווילע צוועקן, פאַר „אָפענסיוועס" קעגן דער נאַטור. פאַרטריבן פון דער וועלט מאַלאַריע, כאָליערע, דזשומאַ, צענדליקער אַנדערע טראָפישע קראַנקייטן, מאַכן די סאַהאַראַ פאַר אַ מענטשלעכן ישוב, אויסטריקענען זומפּיקע געגנטן און באַפלאַנצן זיי מיטביימער, דורכבויערן טונעלן ווו מען דאַרף זיי — עס איז לייכט צוזאַמענצושטעלן אַ פּראָגראַם פאַר אַ פּאַציפיסטישער „אַרמיי" פאַר די נאָענטסטע טויזנט יאָר. אַזאַ פּראָגראַם וועט פאָדערן פונעם „סאָלדאַט" נישט ווייניקער דיסציפּלין, חברשאַפט, קרבנות־גרייטקייט און נישט ווייניקער פעיִקייט צו לעבן אין אַ טעמפּעראַטור פון סכנות — ווי עס פאָדערט זיך פון אונדז אין אַ מלחמה פון גזילה און רציחה. אָט אַזאַ וויזיע פון

פון דער צוקונפט; אַ וויזיע פון אַ מין אוניווערסאַלער „חלוציות", האָט דזשעימס בעגעבן אויסדרוק, ווען ער האָט געשריבן וועגן „אַ מאָראַלישן עקוויוואַלענט פון מלחמה".

***

אַ שוחט, זאָגט ביי אונדז דאָס פאָלק, האָט גאָר געדאַרפט געבוירן ווערן אַ פעלד־גזלן. איז אים בייגעשטאַנען זכות־אבות און ער איז געוואָרן אַ שוחט, אַ טייל פון כלי־קודש. דאָסזעלבע מיטל, דערזעלבער אינסטרומענט — אַ חלף, אַ מעסער — אָבער דער צוועק איז אַן אַנדערער, אַ כשרער, כמעט אַ הייליקער. ער האָט געקאָנט ווערן, מיט אַן אַנדער זכות און אפשר פון אַנדערע אָבות, אויך אַ כירורג, אַ רעוואָלוציאָנערער טעראָריסט, אַ פאָרשער אין אַן אַנאַטאָמישן „טעאַטער" און — ווער ווייסט — אפשר אויך אַ וואַלפיש־פאַנגער.

***

איך בין געווען צופרידן צו באַשטעטיקן מאַדאַם וואַטס מיינונג, אַז פאַציפיסטן זענען בדרך־כלל גאָר נישט אַזעלכע „לעמעשקעס" ווי מ'שטעלט זיך זיי פאָר; אַז, יעדנפאַלס, מוזן זיי עס נישט זיין. אָט האָבן ביי אונדז, צוריק מיט עטלעכע וואָכן, פערציק רעליגיעזע פאַציפיסטן וואָלונטירט פאַר אַן עבודה, וואָס איז אפשר נישט ווייניקער געפערלעך און פאָדערט נישט ווייניקער איבערגעבנקייט ווי גיין אויפן פראָנט. די מעדיצין האָט נאָך נישט, כידוע, קיין ראַדיקאַל מיטל קעגן איינעם פון די ערגסטע מינים לונגען־אַנטצינדונג, „וואַירוס ניומאָניע". זוכנדיק זיך צו דערגריבלען צום מהות פון יענער קראַנקייט, האָט מען ביז אַהער עקספּערימענטירט אויף חיות. די פאָרשונגס־אינסטיטוטן האַלטן אָבער אַז כדי צו דערגיין אַ טאָלק מוז מען דורכפירן אַ ריי עקספּערימענטן אויף מענטשן. אָבער ווו נעמט מען זיי — געזונטע מענטשן וואָס זאָלן זיך לאָזן קראַנק מאַכן אויף יענער מחלה און דערמיט אַרויסהעלפן דער וויסנשאַפט און דעם כלל וואָס מוז צו דער וויסנשאַפט אָנקומען? איז דאָס נישט אינגאַנצן קיין צופאַל, וואָס אַזעלכע פערציק וואָלונטירן האָבן זיך אָפּגעזוכט אין אַ קעמפּ פון געוויסנס־פאַציפיסטן. הלוואי זאָלן זיי אַלע אַרויס לעבעדיקע און געזונטע פון דער לאַבאָראַטאָריע, אָבער זיי האָבן וועגן דעם נישט געטראַכט: דאָס איז זייער אַוואַנטורע, זייער פראָנט און זייער... פּאַטריאָטיזם.

***

איך ווייס, אַז די אויפגאַבן, וואָס מיר דאַרפן איצט לייזן אויף די פראָנטן אין אייראָפּע און אַזיע קער זיך דער ענין נישט אָן. איך בין זיך מודה ומתוודה

אַז נאָר אַ פּוסטעפּאַסניק (פון אַ באַשטימטן סאָרט) קען זיך אָפּגעבן מיט אַזעל־כע „דעליקאַטעסן" אין יוני, 1944. מיר איז קלאָר אַז היינט האָב איך נישט קיין מאָראַליש רעכט (אויך נישט קיין קוראַזש) צו פּרעדיקן פּאַציפיזם אַפילו צו אַן איין און איינציקן יונגגמאַן. אָבער די געשיכטע מיט די פּערציק קרעפּ־טיקע יונגעלייט וואָס האָבן זיך פאַרמירט אין זייערער „אַ ראָטע" און זיך פריי־וויליק פאַרוואַנדלט אין „גיני־פּיגס" איז ווערט, מ׳זאָל זיי פאַרצייכענען און נישט נאָר אויפן פּאַפּיר, נאָר אויך אין דעם באַוווּסטזיין און אין דעם פאַרשטע־לונגס־אַפּאַראַט. די מלחמה וועט זיך אַמאָל ענדיקן, און ווען עס וועט קומען די צייט פון אַן ערנסטערן חשבון־הנפש — ווער ווייסט, אפשר וועלן מיר די פער־ציק „גיני־פּיגס" אָנהייבן באַטראַכטן אַלס אונדזערע וועגווייזער פאַר דער צוקונפט.

.1944

דוד זאַסלאַווסקיס נדר

אין 1920 פלעג איך דוד זאַסלאַווסקין פון צייט צו צייט באַגעגענען אין קיִעוו — „אויף אַ נייטראַלן באָדן“. דער דאָזיקער באָדן איז געווען אַ קליינע אינסטיטוציע, אַן אַן אייגענעם לאָקאַל, וואָס פלעגט יעדע וואָך זוכן און געפינען הכנסת־אורחים ביי אַנדערע אַנשטאַלטן — און אַפילו אין נאָך נישט רעקווי־זירטע, פריוואַט־היימען; די „רעליגיאָנס־פילאָסאָפישע געזעלשאַפט“.

מיר איז איצט אַזוי משונהדיק צו דערמאָנען זיך אין יענער געזעלשאַפט. וויאַזוי און צוליב וואָס האָט נאַטשאַלסטווע זי טאָלערירט? האָבן זיי דען נישט פאַרשטאַנען, אַז אויף די פאַרזאַמלונגען — וואָס די געזעלשאַפט פלעגט האָבן און וואָס פלעגן באַזוכט ווערן פון מענטשן וואָס האָבן געהערט צו פאַרשידענע ריכטונגען (אויך פּאָליטישע) — מוזן אומדירעקט אַרויסגעזאָגט ווערן אַ סך אפיקורסותן? די געזעלשאַפט איז אין ערגעץ נישט געווען רעגיסטרירט. לויטן געזעץ האָט מען געמעגט אירע מיטגלידער נישט נאָר פאַרנאַנדערטרייבן פון זייערע אסיפות, נאָר אפילו זיי אַרעסטירן און זיי איבערגעבן צום רעוואָלוציאָ־נערן טריבונאַל. אָבער אין די מאַכטהאָבנדיקע קרייזן האָט מען פון איר גע־ווּסט און מ׳האָט דאָרט באַשלאָסן זיך דערפון נישט־וויסנדיק צו מאַכן. מילא, האָבן זיי מסתמא געטראַכט, ס׳אַ חברה בטלנים, וואָס קענען קיין גרויסן שאָדן נישט ברענגען — זאָלן זיי זיך קוויקן מיט זייער פילאָסאָפישן שפּינוועב, אויב זיי האָבן דערפון הנאה. פון מאָל צו מאָל פלעגט אויף אַ פאַרזאַמלונג פאַר־בלאָנדזשעט ווערן אַפילו אַן אַפיציעלער קאָמוניסט אָדער אַ העכערער סאָוועט־טישער באַאַמטער, וואָס האָט געפילט אַז פאַר זיין אינטעלעקטועלער קוריאָזי־טעט וועט ער נישט קריגן קיין עונש. דוד זאַסלאַווסקי איז מיט דער צייט גע־וואָרן אַן אָפטער, שפּעטער אַפילו אַ שטענדיקער, באַזוכער פון די פאַרלעזונגען און סימפּאָזיומס.

איך האָב אין יענעם פּעריאָד ביי אים נישט באַמערקט קיין באַזונדערס־שטאַרקן אינטערעס אין ספּעציעל־יידישע פּראָבלעמען. ציוניזם איז פאַר אים, נאַטירלעך, געווען פסול און דער אַמאָליקער בונדישער אויטאָנאָמיזם האָט, ווי איך האָב געפילט, ביסלעכווייז אין אים זיך אויסגעוועפּט. וואָס ס׳איז שייך אַלגעמיינע פּאָליטישע פּראָבלעמען, זענען מיר ביידע געווען אין יענער צייט, נישט צו נאָכט געזאָגט געוואָרן, גרויסע „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן“. אָבער ווען מיר וואָלטן זיך ביידע מודה געווען פאַרן טריבונאַל אין אונדזערע חטאים,

וואָלט איך מסתמא געקראָגן אַ סך אַ לייכטערן עונש ווי ער. איך האָב נאָריש־אוטאָפּיסטיש בלויז געחלומט וועגן אַן ענדערונג פונעם רעזשים „פון אינעווייניק", מיט היימישע כוחות, דורך אַ מין פּלוצימדיקן אויפשוווּנג פון „ליבע־ראַליזם" אין פאָלק און אין דער אַרמיי; ביי זאַסלאַווסקין איז אָבער געווען נישט שווער צו פועלן, אַז אַ מיליטערישע אינטערווענץ פון אויסלאַנד וואָלט אויך נישט געווען אינגאַנצן קיין קרומע זאַך. אַחוץ דעם, האָט ער נאָך געהאַט אַ שטיק צייט אַ חולשה פאַר אוקראַאיִנישער „סאַמאָסטיינאָסט" (זעלבסטשטענדי־קייט) — און איך, את חטאתי אני מזכיר, בין נישט גרייט געווען זיך צו רייסן דעם פּעלץ פאַר אַ כאַכלאַצקע פּאָליטישן רענעסאַנס. מיך האָט נישט ווייניק שאָקירט, וואָס אַ פּאָר חדשים — ווען די רויטע אַרמיי האָט צייטווייליק אָפּגע־טראָטן פון אַ גרויסן טייל אוקראַאיִנע — איז זאַסלאַווסקי געווען כמעט אַ שטענ־דיקער מיטאַרבעטער פון אַן אוקראַאיִנישער צייטונג, וועגן וועלכער מיר האָבן געוווּסט, אַז זי ווערט סובסידירט פון פּעטליוראַס שטאַב. איך קען זיך איצטער נישט דערמאָנען, צי ער האָט געקאָנט שרייבן אוקראַאיִניש, אָדער מען פלעגט זיינע אַרטיקלען איבערזעצן פון רוסיש, אָבער יודעי־חן האָבן פון זיין סטיל געלעקט די פינגער. איך האָב געוווּסט, אַז ער אַרבעט דאָרט מיט נישט צוליב פּרנסה, נאָר מחמת סימפּאַטיעס פאַר דער אוקראַאיִנישער נאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג — און, דער עיקר, מחמת שנאה צו דער סאָוועטישער מאַכט. ווען די באָלשעוויקעס זענען צוריקגעקומען קיין קיִעוו, האָט זאַסלאַווסקי גוטע עטלעכע וואָכן זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן. זיינע פריינט האָבן אין יענע טעג געהאַט גע־נוג סיבה מורא צו האָבן, אַז אויב מ׳וועט אים אויסגעפינען וועט זיין לעבן גע־שטעלט ווערן אין אַ גרויסער סכנה. סוף־כל־סוף, דורך זייער פאַרפּלאָנטערטע און דעליקאַטע פאַרהאַנדלונגען, האָט מען געפועלט ביי וועמען מ׳דאַרף, אַז מ׳זאָל אים מוחל זיין אַלע זיינע חטאים און אים לאָזן פריי, מיט דעם באַדינג, אַז ער זאָל זיך עפנטלעך אָפּזאָגן פון זיין פּאָליטישער פאַרגאַנגענהייט. זאַס־לאַווסקי האָט דעם תנאי אָנגענומען און אין עטלעכע טעג אַרום איז אין דער פּרעסע דערשינען זיינער אַ ווידוי.

יענער ווידוי איז געווען אַ מעסיקער און האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ גאַנץ ערלעכן „מענטשלעכן דאָקומענט". ער האָט זיך נישט דערקלערט פאַר קיין קאָמוניסט און נישט געוואָרפן קיין שמוץ אויף זיינע פריִערדיקע מענשע־וויסטישע פריינט. ער איז נאָר געקומען, האָט ער געשריבן, צו דער איבער־צייגונג אַז ער האָט געמאַכט אַ גרויסן טעות אין דער אָפּשאַצונג פונעם „צייט־גייסט"; אַז די אָביעקטיווע טענדענץ פון דער געשיכטע איז, ווי ער זעט איצט איין, אַנדערש ווי ער האָט זיך זי פאָרגעשטעלט און ווי ער האָט זי געוואָלט באַנעמען לויט זיין פאַרשטיין מאַרקסיזם. עס איז נאַריש צו קעמפן קעגן כוחות

וואָס קענען נישט באַזיגט ווערן, אַלץ איינס צי מ׳איז גרייט מיט יענע כוחות זיך צו אידענטיפיצירן אָדער נישט. דער פועל־יוצא פון זיין דערקלערונג איז געווען אַ פשוטער: אויב איך, וואָס האָב זיך „געהאַלטן פאַר אַזאַ חכם״, האָב געקאָנט מאַכן אַזאַ פאַטאַלן און אומפאַרגעסלעכן טעות אין דער אָפּשאַצונג פון אַ געוואַלטיק־ערנסטער היסטאָרישער סיטואַציע — איז דאָס אַ סימן, אַז איך דאַרף זיך אין פּאָליטיק בכלל נישט מישן; אַז איך בין מחויב אויף זיך אָנצונע־מען דעם גזר־דין פון דער „סטיכיע״ און דאָס ביסל כוחות וואָס איך פאַרמאָג נאָך זאָל איך אָפּגעבן פאַר שטילער און נייטראַלער קולטור־אַרבעט — אין דער ראָם פון דעם הערשנדיקן רעזשים.

קיין גאַנץ־נייטראַלע קולטור־אַרבעט האָט שוין אָבער אין יענער צייט אין סאָוועטן־לאַנד כמעט נישט עקזיסטירט. מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָט זאַסלאַוסקי אָנגענומען אַ באַשיידענעם פּאָסטן (דאָסמאָל, נישט לגנאי געזאָגט געוואָרן, טאַקע צוליב פּרנסה) אין דער סאָוועטישער טעלעגראַפן־אַגענטור.

מיר האָבן אים נאַטירלעך קיינמאָל נישט געפרעגט וועגן כאַראַקטער פון זיין אַרבעט אין דער טעלעגראַפן־אַגענטור (דאָרט האָבן געקאָנט זיין אויך סודות), אָבער מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז ער איז דאָרט בלויז „אַ האַנט״ — אויף אויסצובעסערן דעם סטיל פון די נישט־זייער געבילדעטע, העכערע באַאַמטע פון יענער צייט; אָדער אויף צו באַזאָרגן איבערזעצונגען פון דייטש און פראַנצויזיש.

איך דערמאָן זיך איצט זיין פּנים פון יענע טעג: באַשיידן, אַפילו עניוות־דיק, מיט דער מעלאַנכאָלישקייט פון אַ דענקנדיקן, גייסטיק און מאָראַליש־געליטענעם און אַנטוישטן מענטשן. דער זשורנאַליסטישער סאַרקאַזם האָט זיך פון אים ווי אָפּגעטאָן און זיין פּלאַץ האָט פאַרנומען אַ מין אײדעלע איראָניע פון אַ שטילן און ראַפינירטן אָבסערוואַטאָר. אין זיין באַנעמונג האָט מען נישט געקאָנט באַמערקן אַפילו קיין שפּור פונעם אַמאָליקן פּאַרטייאישן „אַלץ־ווייסער״ און „בעסער־פאַרשטייער״. די פאַרזאַמלונגען פון דער רעליגיאָנס־פילאָסאָפי־שער געזעלשאַפט האָבן אים נישט באַקערט צו רעליגיע. זיי האָבן אים אויך נישט באַווירקט צו נעמען פילאָסאָפישע פּראָבלעמען מיט צו־גרויסן ערנסט. ער האָט הנאה געהאַט פון יענע פאַרזאַמלונגען בלויז אַ דאַנק זייער אַטמאָס־פערע: די לופט איז דאָרט געווען פרייער און קיינער האָט נישט פּאַראיבל געהאַט, אויב דער אַנדערער האָט פעסטגעשטעלט אָדער געזוכט צו באַווייזן דעם אַבסאָלוטן היפּוך צו דעם וואָס עס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן. מ׳האָט אָבער געפילט אין אים אַ שטרעבן אויסצואַרבעטן פאַר זיך אַ מין נישט־מע־טאַפיזישן, עסטעטיש־מאָראַלישן „הומאַניזם״, וואָס זאָל פאַרנעמען ביי אים דעם פּלאַץ פון זיין אַמאָליקער מאַרקסיסטישער „יראה״.

איינמאָל, אין אַ שפּעטן האַרבסט־נאָכמיטאָג, איז מיר אויסגעקומען צו שפּאַצירן מיט אים אַ פּאָר שעה. מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזט פון קרעשטשאַטיק צו דער וולאַדימירסקאַיאַ גאָרקאַ, פון וואַנען מ׳האָט געקאָנט זען אַ גוטע פּאָר מייל פון דניעפּער מיט זיינע נאָך גרינע ברעגעס. פון אַ דראַמאַטישער סטודיע זענען אַרויסגעקומען עטלעכע זייער יונגע שילערינס, וואָס האָבן מיט זייערע פריילעכע, מונטערע שטימען און אָפּטימיסטישע געלעכטער אַריינגעטראָגן אין דער לופט אַ רייצנדיקן „אַראָמאַט״: דער אָפּטימיזם פון זיבעצניעריקייט און זיכערקייט מיט דער עכטקייט פון זייערע „טאַלאַנטן״. מיר זענען אַלע געווען אַ שיין ביסל אונטערדערנערט און „אָפּגעריבן״. ביי זאַסלאַווסקין זענען נאָך די אָפּצאַסן געווען כמעט גאַנץ, ביי מיר — אין אַ צושטאַנד, וואָס ס׳איז אַ חרפּה צו דערציילן; דערפאַר אָבער האָב איך נאָך געטראָגן אַ ווייס, שטייף־געפּרעסט העמד מיט אָנגעקראָכמאַלעטשע מאַנזשעטן (אַביסל צו־בלוי, ווייל „סינקא״ איז געווען לייכטער צו קריגן ווי זייף), און ער האָט זיך שוין געמוזט אַראָפּלאָזן צו אַ נישט־געפּרעסט העמד פון עפּעס אַ קאָלירלאָזן שטאָף, וואָס אין מיינע קינדער־יאָרן, געדענק איך, האָט מען עס גערופן „אָקספאָרד״. די מיידלעך אָבער האָבן, אַלץ איינס, ווי גרויס זייערע קינסטלערישע טאַלאַנטן זענען נישט געווען, פאַרמאָגט דעם „טאַלאַנט״ פון זאָרגלאָזיקייט און ביאָלאָגישער מאָרגן־זיכערקייט, וואָס קען דערווייל שלום מאַכן מיט דער טאָג־טעגלעכער, מאָנאָטאָנער סעודה פון הירזשענער קאַשע מיט וואַסער. דער וועטער איז נאָך געווען וואַרעם און זיי האָבן נאָך געטראָגן זייערע אימפּראָוויזירטע ווייסע קליידלעך, אויפגעגנייט אפשר פון אַ פּאָר פאַרבליבענע טישטוכער אָדער ליילעכער. זאַסלאַווסקי האָט געוואָרפן אויף דער מיידלשער כאַליאַסטרע אַ מילדן קוק און אַ זיפץ געטאָן:

— ס׳איז זייער וועלט. נישט מיינע, אויך נישט אייערע. ווען מ׳קוקט אויף זיי, זעט מען ערשט, אַז מיר זענען שוין ביידע צווויי אַלטע יידן, אויסגעמוטשעטע יידן. ס׳איז זייער וועלט, ווייל זיי קענען זיך צו איר צופּאַסן און אין אַ פּאָר יאָר אַרום וועלן זיי שוין ביי זיך זיין זיכער, אַז קיין אַנדער וועלט קען נישט זיין און דאַרף נישט זיין. קינדער פון דער רעוואָלוציע, פון אַ נייעם סדר־העולם. אַ חוץ דעם: אויב זיי וועלן טאַקע בלייבן ביי קונסט, ביי טעאַטער, איז אַז וויל צו זיי און זייערע יאָרן. אַרטיסטן זענען בטבע אַפּאָליטיש, און ס׳איז נישט קיין געוואַלטיקער קאָמפּראָמיס, אויב איינעם ווילט זיך שפּילן שעקספּיר און מ׳מוז שפּילן — לאָמיר זאָגן, אַ פּראָלעטאַרישע פּיעסע וואָס דעמיאַן ביעדני וועט אפשר מאָרגן אָנשרייבן. אַ רעזשים פאַרגייט, אַ רעזשים קומט אָן — קונסט בלייבט קונסט.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער זיך אָנגעהויבן צו קאָרעגירן:

— ניין, נישט אמת. אויף פּאָעזיע, ליטעראַטור און טעאַטער האָט דער רעזשיסער אויך אַ שליטה. דער רעזשים קען הייסן מאָרגן שפּילן שעקספּירן לויט אַ נייער אינטערפּרעטאַציע, מיט וועלכער דער שוישפּילער קען גאָר נישט מסכים זיין. אויך מוזיק איז נישט פריי. דער קאָמפּאָזיטאָר וועט יעדנפאַלס צעב־זורירט ווערן. אידעאָלאָגיש קאָנטראָלירן איז אפשר אוממעגלעך בלויז דעם דירעקטן שפּילער, דעם איינצלנעם וויאָליניסט אָדער פּיאַניסט. און אפשר איז דאָס אויך נישט אמת. מ׳דאַרף זיין מער באַהאַוונט אין דער טעכניק פון מוזיק, כדי צו קענען פּסקענען. אָבער וואָס איז דער חילוק? קינדער! זיי וועלן זיך צופּאַסן און מיט דער צייט פאַרגעסן, אַז ס׳איז אַמאָל געווען אַ צופּאַסונג. אָבער נאָך פינף און צוואַנציק, דרייסיק יאָר איז מען אַ פאַרמירטער מענטש — גיי דעפאָרמיר דיך. נאָר באַלוואַנעס זענען אויף דעם מסוגל...

מיר האָבן אַ פּאָר מינוט געשוויגן. איך האָב אים נאָכדעם אַ פרעג געטאָן:

— זענט איר טאַקע מיט זיך זיכער, אַז איר וועט שוין צו פּאָליטיק נישט צוריקקומען?

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער וואָס וויל זאָגן „נאָך וואָס זאָלן מיר רעדן דברים בטלים?״:

— ניין נישט אין דעם גילגול. צו־אַלט, אַלט אין די יונגע יאָרן, און דער עיקר אויסגעמוטשעט און נאָך מער — צעטומלט. ס׳איז נישט מיין צייט. אפשר זענען זיי גערעכט, אָבער איך בין אָרגאַניש נישט מסוגל זייער גערעכט־זיין אַנצונעמען. כדי צו זיין גערעכט צו זיך, מוז איך אפשר זיין אומגערעכט צו זיי. אומגערעכט און הילפלאָז. ס׳וועט אונדז גאָרנישט העלפן: די כוואַליע איז קעגן אונדז. אָבער ס׳איז נישט שרעקלעך. מען קען לעבן מחוץ פּאָליטיק בעסער, וואַרעמער, מענטשלעכער ווי אין פּאָליטיק. פאַמיליען־לעבן קען זיין אַ סך אַ גרעסערער קוואַל פון ריינער, שטילער פרייד, ווי מיר האָבן זיך אַלע פאַרגע־שטעלט... קינדער, אייגענע אָדער פרעמדע... פּערזענלעכע פריינשאַפטן... אַ גוט בוך, אַ ליד, אַ שפּאַציר אין פּאַרק, אַן איינזאַמער באַזוך אין וואַלד. דאָס וועט דער רעזשים ביי אונדז נישט צונעמען און אויב ער וועט יאָ צונעמען, איז נאָר אויף אַ ווײַלע... דאָס איז דאָך דאָס אייביק־מענטשלעכע, וואָס קען געדייען אין יעדער געזעלשאַפט, אונטער אַלע רעזשימען... ניין, צו פּאָליטיק איז פאַר מיר קיין צוריק נישטאָ. כ׳האָב זיך געגעבן אַ נדר און וועל אים מקיים זיין...

***

ער האָט דעם נדר, ווי באַקאַנט, נישט מקיים געווען. ער איז צוריקגעגאַנ־גען צום זשורנאַליזם, געוואָרן אַ בן־בית, אַ כמו באַלעבאָס אין דער סאָוועטי־שער פּובליציסטיק. אין משך פון יאָרן האָב איך פון „חוץ לארץ״, נאָכגעפאָלגט

זיין אַרבעט אין דער „פּראַוודאַ". איך האָב נישט קיין גרויסן חשק אים צו משפּטן: מיר איז ער גאָרנישט שולדיק, און אַחוץ דעם, עס זענען פאַראַן אַ היפּשע צאָל נדרים (און צווישן זיי מסתמא אויך ערנסטע), וואָס איך האָב אַליין נישט געהאַט קיין כוח מקיים צו זיין.

אין זאַסלאַווסקיס נדר האָב איך זיך די טעג בלויז דערמאָנט צוליב דעם פינף און דרייסיק־יאָריקן יובילײ פון דער „פּראַוודאַ" (די איצטיקע צענטראַל־קאָמוניסטישע צייטונג פון רוסלאַנד האָט עקזיסטירט, מיט הפסקות, עטלעכע יאָר פאַר דער רעוואָלוציע). זאַסלאַווסקי האָט געשריבן דעם יום־טוב־אַרטיקל, און פון די ציטאַטן וואָס זענען טעלעגראַפיש איבערגעגעבן געוואָרן קיין אַמע־ריקע, זע איך אַז דער אַמאָליקער סאָציאַל־דעמאָקראַט פילט זיך גאָרנישט שלעכט אין די „סטאַביליזירטע כוואַליעס" פון די באָלשעוויסטישע וואַסערן. ער פילט זיך אַזוי באַקוועם און גוט, אַז ער האָט אַפילו רחמנות אויף דער ביטע־רער דאָליע פון זשורנאַליסטן אין דער זינדיקער, קאַפּיטאַליסטישער וועלט.

„וואָס אייגיקע לענדער באַצייכענען אַלס פרייהייט פון פּרעסע, איז נישט מער ווי אַ שטריק, אויף וועלכן אַ קאַפּיטאַליסטישער פאַרלעגער האַלט זיינע זשורנאַליסטן", שטעלט פעסט דער הויך־טיטולירטער פּאָליטישער קאָמענטאַ־טאָר פון דער פּראַוודאַ; „בשעת דער סאָוועטישער זשורנאַליסט איז פריי, ווייל קיין שום אויסערלעכע מיינונגען קענען אים נישט באַאיינפלוסן". דער זשור־נאַליסט אין דער קאַפּיטאַליסטישער אַמעריקע, שרייבט ער ווייטער, דינט זיין באַלעבאָס און זשורנאַליזם איז פאַר אים אַ קאַריערע, בשעת דער סאָוועטישער זשורנאַליסט דינט דעם פאָלק און זשורנאַליזם איז פאַר אים אַ סאָציאַלע פונ־קציע.

עס איז איצט נישט קיין צייט פאַר פּאָלעמיק וועגן רוסלאַנד און דעם סאָ־וועטישן רעזשים. אַ קריטיש וואָרט וועגן די סאָוועטן ווערט אין אונדזערע טעג (אָפּטמאָל בכיוון) מיסאינטערפּרעטירט; קען עס אויך לייכט אויסגענוצט ווערן פון אַזעלכע „קריטיקער", מיט וועלכע עס שטייט דיר נישט אָן צו שטיין אויף איין ברעטל. אָבער ווען דו לייענסט ווי זאַסלאַווסקי באַרימט זיך מיט זיין „פריי־הייט" און „באַדויערט" זשורנאַליסטן אין אַנדערע לענדער אַלס קנעכט וואָס די קאַפּיטאַליסטן האַלטן זיי אויף אַ שטריק, מוזסטו זיך אָנהייבן פרעגן: מיינט ער טאַקע, וואָס ער זאָגט, אָדער, זאָל ער מיר טויזנטער מאָל מוחל זיין, ער קנייפּט זיך אין די באַקן, אַז די פאַרב זאָל אין זיי שטיין?

עס זענען פאַראַן זאַכן וועלכע אַ נאַש בראַט פּוילט זיך שוין איצטער צו אַרגומענטירן: אַלע אַרגומענטן פון אַלע צדדים זענען שוין אויסגעשעפּט. און טאָמער זאָל זיך דיר אַפילו אַנטפּלעקן אַ נייער אַרגומענט, איז וואָס? אין געווי־סע סיטואַציעס קומט עס אויס, ווי דו רעדסט צו דער וואַנט. אָבער דאָך: זאַס־

לאַווסקי איז איינער פון די סאָוועטישע זשורנאַליסטן, וואָס האָט נישט פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט דער אויסנוועלט. ער לייענט אויסלענדישע פרעסע, צייטונגען און זשורנאַלן וואָס זענען דעם געוויינלעכן בירגער — און אַפילו אַ סך זשורנאַליסטן — פאַרבאָטן צו לייענען. ער ווייסט די לאַגע אין דעם „פאַר־פוילטן מערב״ נישט ווייניקער פון אונדז. איז די לאַגע אַ נאָרמאַלע, אַ צופרידנ־שטעלנדיקע? מיר ווייסן דאָ די מאַכט פון קאַפּיטאַל אין דער פרעסע און מיר וואָלטן געקענט צוזאַמענשטעלן אַ לאַנגע, לאַנגע רשימה פון פען־קנעכט; פון זשורנאַליסטן וואָס זענען נישט מער ווי געבילדעטע משרתים פון זייערע באַ־לעבאַטים. פריי איז אין אַמעריקע אפשר בלויז אַ קליינע מינדערהייט פון דער זשורנאַליסטישער פּראָפעסיע, אָדער יחידים וואָס האָבן שוין דערגרייכט אַזאַ רעפּוטאַציע, אַז זייערע „באַלעבאַטים״ קענען זיי שוין נישט צאַמען, אָדער אַזעל־כע, וואָס פאַרמאָגן כאַראַקטער און זעצן דורך זייער כאַראַקטער, קעגן אַלע שוועריקייטן. אָבער אַזאַ מינדערהייט איז פאַראַן, און איר עצם־עקזיסטענץ מאַכט שוין פונעם באַגריף „פרייהייט״ אַ געוויסע רעאַליטעט. און ווייטער: די עצם־קאָנקורענץ צווישן פּריוואַטע ריווח־זוכנדיקע צייטונגען און זשורנאַלן, איז אָפטמאָל ממילא אַ סטימול פאַר אַ געוויסער מאָס פון פרייהייט. שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם, אַז אין דער מערב־וועלט איז פאָרט פאַראַן אַ מעגלעכ־קייט פאַר עטלעכע טויזנט אָרעמעלייט, אויב זיי זאָלן עס שטאַרק וועלן, צו גרינדן בשותּפות זייערע אַן אייגענע פּובליקאַציע אויף דורכצוזעצן זייערע אי־דייען און מיינונגען (אַט, למשל, ווי אונדזער היגער דעילי וואָרקער אָדער די „פרייהייט״). אַזאַ פּובליקאַציע האָט זעלטן אַ מעגלעכקייט צו קאָנקורירן מיט גרויסע קאַפּיטאַליסטישע פרעסע־אונטערנעמונגען. איר צירקולאַציע בלייבט על פּי רוב אַ באַשרענקטע און אַפּעלירן קען זי בלויז צו אַ מינדערהייט. אָבער, צי דאַרף מען אַ קאָמוניסט דערקלערן ווי אומגעהויער גרויס עס קען אַמאָל זיין די באַדייטונג פון אַ מינדערהייט, וואָס ווייסט וואָס זי וויל און פאַרוואָס זי וויל עס?

ניין, מיט אַלע חסרונות און הויקערס פון דער פרעסע אין דער מערב־וועלט, האָט דאָרט די זשורנאַליסטישע פּראָפעסיע לחלוטין קיין יסוד נישט מקנא צו זיין דעם סאָוועטישן זשורנאַליסט וואָס „דינט דעם פאָלק״. זיינע מעג־לעכקייטן פאַר נאָענטע און ערלעך־אָפענע קאָנטאַקטן מיטן פאָלק זענען אָן אַ ערך מער באַשרענקט, ווי די מעגלעכקייטן אין דער אַזוי־גערופענער דעמאָ־קראַטיש־קאַפּיטאַליסטישער וועלט. אויך ער האָט אַ „באַלעבאָס״ — אַ סך אַ מעכטיקערן און אַ סך מער אויטאָקראַטישן ווי עס קען זיין דער פרעסע־מאַג־נאַט אין אַמעריקע אָדער ענגלאַנד, שוין דערמיט אַליין וואָס ס'איז נישט פאַראַן צו וועמען צו אַפּעלירן קעגן דעם; שוין דורך דעם אַליין, וואָס ער קען אים

קיינמאָל נישט סטראַשען, אַז ער וועט איבערגיין אַרבעטן ביי אַן אַנדערן „באַלעבאָס".

ווען וועט זאַסלאַווסקי איינרעדן, אַז זשורנאַליזם אין רוסלאַנד איז נישט קיין קאַריערע? אַט האָט ער דאָך געמאַכט אַן ערשטקלאַסיקע קאַריערע, און נישט בלויז מיט זיינע פעיִקייטן, וועלכע קיינער וועט נישט אָפּלייקענען. פעיִקערע פון אים און מער טאַלאַנטירטע פון אים האָבן אַזאַ קאַריערע נישט געקענט מאַכן, אָדער האָבן זיי יאָ געמאַכט און מ'האָט זיי אין ווייניקער ווי פיר און צוואַנציק שעה „דעקאַריערעוועט", ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט אָדער נישט געקענט גיין אין שפּאַן. וואָלט זאַסלאַווסקי נישט גושא־חן געווען ביי ווען מען דאַרף, וואָלט ער אפשר היינט אַנגעשפּאַרט אין דער „פּראַוודאַ" פון צאַרעוואָקאָשאַיסק, אָדער פון סיזראַן, אָדער פון אַן אַנדער לאָך, נישט פון מאָסקווע. דאָס וואָלט שוין זיכער קיין קאַריערע נישט געווען. זאָל נאָר זאַסלאַווסקי פּרובירן היינט אָנשרייבן אַן אַרטיקל קעגן דעם פאַרבאָט פאַר סאָלדאַטן צו באַזוכן מיליטערישע קלובן צוזאַמען מיט אָפיצירן! אָדער זאָל ער אַרויסווייזן מוט קעגן דער נייער פאַראָרדענונג וואָס פירט איין נאָך אַמאָל (ווי אין די צאַרישע צייטן) דענשטשיקעס פאַר אָפיצירן — איז ער גרייט צו געבן אַ שבועה, אַז ער איז פאַר די דאָזיקע „רעפאָרמען"? — ווייסט ער אַליין בעסער פון מיר, וואָס מיט אים וועט פאַסירן. ער ווייסט אויך בעסער פון מיר, אַז אין רוסלאַנד איז איצט פאַראַן בלויז איין צייטונג, אין הונדערטער, אין טויזנטער לאָקאַלע אויפלאַגעס. מען קען (ביז אַ געוויסע ליניע וועט געביטן ווערן) שטענדיק פאָרויסזאָגן, וואָס פאַר אַ מיינונגען עס וועלן מאָרגן אַרויסגעזאָגט ווערן אין די אויפלאַגעס פון טיפליס און אַרכאַנגעלסק, פון עריוואַן און מאָסקווע. לויט דעם סטאַטוס פון דער פרעסע וואָלטן דאָרט זשורנאַליסטן גאָר געדאַרפט טראָגן אוניפאָרמען, נישט קיין ציווילע קליידער און די וואָס געהערן צום זאַסלאַווסקי־ראַנג — אויך עפּאָלעטן און רויטע לאַמפּאַסן אויף די הויזן: פרעסע־גענעראַלן.

צוריק מיט יאָרן פלעגן די מער־געבילדעטע באַאַמטע אין פרייסן זאָגן אויף זיך, אַז זיי זענען אין לאַנד די אמתע קאָנטיאַנער: זיי זענען אַזוי שטרענג, געוויסנהאַפט, ריגאָריסטיש אין דער דורכפירונג פון זייערע פליכטן, אַז זיי זענען עס די וואָס פאַרווירקלעכן אין דער פּראַקטיק דעם קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו. אָבער פרייסישע באַאַמטע זענען נישט געווען קיין קאַנטיאַנער און סאָוועטישע זשורנאַליסטן זענען נישט קיין „דינער פון פאָלק" אין דעם זין, ווי סאָציאַליסטן האָבן עס אַמאָל פאַרשטאַנען. פאַרן קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו, כדי אים צו פּראַקטיצירן, דאַרף אַ מענטש נוצן נישט קיין פאַרשריפטן פון העכערע אויטאָריטעטן, נאָר אייגענעם אורטייל, אייגענעם אַנטשלוס און אייגענע דיסקרימינאַציע צווישן גוטס און שלעכטס. כדי צו זיין טרייע און פרוכטבאַרע „דינער

פון פאָלק״, דינען מאהבה, דאַרפן פאַרן זשורנאַליסט זיין ברירות, צווישן וועל־כע ער קען מכריע זיין — איין ברירה אָננעמען, די אַנדערע איגנאָרירן. עס קענען נישט זיין קיין מאָראַלישע מענטשן דאָרט ווו דער ״יצר־הרע״ קען נישט פונקציאָנירן. פרייהייט הייסט אויסוואַל, אַנטשיידונג, אינעווייניקסטער קאָנ־פליקט. דאָרט ווו עס איז נישט פאַראַן קיין מעגלעכקייט צו ״זינדיקן״, קענען קיין צדיקים נישט זיין. צדיקים זענען די וואָס קענען אויסקלייבן טומאה אָדער טהרה און קלייבן אויס טהרה. זאָל מען היינט קוילענען דעם יצר־הרע און די גאַנצע שליטה זאָל בלייבן ביים יצר־טוב, וועלן מיר האָבן נישט קיין ערלעכע מענטשן, נאָר ערלעכע אויטאָמאַטן — אָבער ווי קען אַן אויטאָמאַט זיין ערלעך? און וואָס פאַר אַ טעם קען האָבן זיין ערלעכקייט? אַ זשורנאַליסט וואָס האָט נישט קיין אַלטערנאַטיוועס קען נישט זיין ערלעך און אַוודאי נישט — פריי.

אָבער גענוג. ס׳איז לאַנגווייליק, לאַנגווייליק ווי אַלף־בית אָדער ווי די כפל־טאַבעלע. אונדזער אומגליק איז, וואָס מיר זענען פעיק זיך אַזוי צו פאַר־חכמהנען, אַז מען פאַרלירט דעם חוש פאַרן איינפאַכן. עלעמענטאַרן, זעלבסט־פאַרשטענדלעכן, זעלבסט־עווידענטן. אין מיינע קינדער־יאָרן, ווען כ׳האָב זיך ס׳ערשטע מאָל אָנגעשטויסן אויפן וואָרט ״סאָפּיסט״ און האָב נישט געוווּסט, וואָס דאָס מיינט, האָב איך געפרעגט אַן עלטערן. יענער האָט מיר פאַרטייטשט, אַז אַ סאָפּיסט איז אַזאַ מענטש וואָס קען באַווייזן, אַז ״אָט דער טיש איז דיינער אַ זיידע״. איך געדענק נאָך גוט די אימה וואָס ס׳האָט אָנגעוואָרפן אויף מיין קינדערישן געמיט אָט די סאָפּיסטישע באַשעפעניש. איז זאַסלאַווסקי אויך ״אַזאַ מין מענטש״? איך ווייס נישט, אָבער די אימה איז די זעלביקע, די אימה פאַרן — פערווערזן.

***

איך וויל, אַזוי צו זאָגן, לעגאַליזירן מיין ביסל ״קריטיק״. דערמאָן איך מיך, ווי סטאַלין האָט פאַראַיאָרן געפרעגט עריק דזשאָנסטאָנען, וועלכער איז געווען ביי אים אויף אַ באַזוך, וואָס עס מאַכט ווילקי אין אַמעריקע. ״אַ פיינער מענטש״, האָט אים סטאַלין כאַראַקטעריזירט, ״ער מוז זיין ברוגז אויף אונדז פאַר דער אַטאַקע אויף אים אין דער פּראַוודאַ; מ׳מוז מודה זיין, אַז ס׳איז גע־ווען אַ נאַרישער אַרטיקל״. איך האָב דעמאָלסט מסכים געווען מיט סטאַלינען. כ׳בעט טויזנט מאָל מחילה פאַר מיין ״חוצפה״: דאָס מאָל, וואָלט איך וועלן, אַז סטאַלין זאָל מסכים זיין מיט מיין ווייניקייט, אַז אין דער ״פּראַוודאַ״ איז אָפּ־געדרוקט געוואָרן נאָך אַ נאַרישער אַרטיקל.

ס׳איז בכלל אין די העכסטע אינטערעסן פון דער וועלט, אַז פון איצט אָן און ווייטער זאָלן זיין וואָס מער פאַלן, ווען סטאַלין און אַני הקטן זאָלן קענען

מסכים זיין אויף איינער און דער זעלבער זאַך. בנאמנות: ס׳איז נישט בלויז מיין עקסטרעמער, אומפאַרבעסערלעכער עגאָצענטריזם. איך קען ווייזן אַ סערטיפיקאַט פון דאָקטוירים, אַז דערווייל לייד איך נישט פון מעגאַלאָמאַניע. אָבער נישט דאָס בין איך אויסן: זאַסלאַווסקי קען שוין אין דעם פּרט זייער ווייניק העלפן...

1945,

אַמעריקאַנער נעגער־„ציוניזם“

אין דער אַמעריקאַנער נעגער־פּובליציסטיק ווערט אָפּט ציטירט אַ פּסוק פון ציצעראָנס אַ בריוו. דער בריוו איז געשריבן צו זיינעם אַ פריינט, טיטוס אַטיקוס (אַ רוימישער געלערנטער מיט אַ ברייטער גריכישער בילדונג, אַ שרייבער וואָס זיין ליטעראַרישע ירושה איז צו שפּעטערדיקע דורות נישט דערגאַנגען), וועמען ער גיט אַ צאָל פּראַקטישע עצות. איינע פון זיינע עצות איז: זאָלן דיך די געטער אָפּהיטן פון ענגלענדער, אָבער בעסער היט זיך אַליין פון זיי. קיין ענגלישע געפאַר האָט אין יענע צייטן, בערך אַ דור פאַר דער קריסטלעכער ערע, נישט עקסיסטירט. די בריטישע אינדזלען זענען דעמאָלט געלעגן „ווייט“, אין אַ זייט פון די ציוויליזאַציע־צענטערן און אין רוים אָדער אַטען האָט מען וועגן זיי גערעדט אומגעפער אַזוי, ווי מיר רעדן היינט וועגן די געגנטן וואָס זענען באַפעלקערט פון פּאַפּואַסן אָדער האָטענטאָטן. ציצעראָן האָט אָבער געוווסט, אַז פון צייט צו צייט אימפּאָרטירט מען אין דער אימפּעריע, צווישן אַנדערע, אויך קנעכט פון ענגלאַנד — און אָט קעגן זיי האָט ער געוואָרנט זיין אַדעליקן פריינט: „קויף נישט דיינע שקלאַפן פון בריטאַניע, ווייל זיי זענען אַזוי נאַריש און לחלוטין אומפעיִק זיך עפּעס אויסצולערנען, אַז זיי פּאַסן זיך נישט אַריין אין אַן אָנשטענדיקן הויז־אינווענטאַר“.

עס איז שווער צו האָבן טענות צו די נעגער־פּובליציסטן און געלערנטע, הלמאי זיי נוצן צו אָפּט די דאָזיקע ציטאַט פון ציצעראָנס בריוו. צרות־ענגלענדער איז אַ חצי־נחמה פאַר נעגער און עס איז נישט וויכטיק וואָס אַזאַ שרעקלעכן אַטעסטאַט האָבן ענגלענדער געקראָגן צוריק מיט צוויי טויזנט יאָר. וויכטיק איז, אַז וועגן דעם פאָלק וואָס האָט אין די לעצטע יאָרהונדערטער געשאַפן די מעכטיקסטע אימפּעריע אין דער וועלט, האָבן אין רוים געקענט הערשן אַזעלכע מיינונגען. ס׳איז אויך בכלל היגיעניש צו דערמאָנען אַ פאָלק פון תקיפים: „עבֿדים הייִתם“ — דערצו נאָך „עבדים“ מיט אַ שלעכטער רעפּוטאַציע — און דערמיט באַטאָנען פאַר זיך אַליין און פאַר דער וועלט, אַז שקלאַפעריי און אינפעריאָריטעט איז אַ היסטאָרישע דערשיינונג, נישט קיין ביאָלאָגישע.

איך ווייס נישט, וויפל אַמעריקאַנער נעגער עס טרייסטן זיך אָדער קוויקן זיך מיטן פּסוק פונעם רוימישן אָראַטאָר. פאַר די פון זיי, וואָס זענען פעיִק אויף אַזאַ אינטעלעקטועלן לוקסוס ווי דענקען אין טערמינען פון הונדערטער אָדער טויזנטער יאָרן, איז דאָס זיכער אַ נחמה. אָבער אויך זיי קענען זיך נישט באַ־

גוצן מיט דעם ווי מיט אַן אַרגומענט אין זייערע היינטיקע ראַנגלענישן פאַר אַ חשובן פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט. דאָס באַשעפעניש פון מיסיסיפּי, וואָס רופט זיך סענאַטאָר בילבאָ, וועט אויף דעם מסתמא ענטפערן, אַז, ראשית איז ער קיין מאָל נישט געווען אַזאַ נאַר און פּוסטעפּאַסניק, ער זאָל שטודירן לאַטייני־שע ליטעראַטור. איז ער נישט מחויב צו וויסן, ווער ציצעראָ איז געווען. והשנית, האָבן אַזאַ ציטאַט, לויט אַלע סימנים, אויסגעטראַכט יידן און קאָמו־ניסטן. בילבאָ ווייסט, אַז נעגער זענען אַ גאָר נידעריקע ראַסע; אַז זיי זענען מטמא דעם אַמעריקאַנער באָדן און אַז גאָר־גאָר אין גיכן וועט ער אַריינברענגען אין קאָנגרעס אַ געזעץ־פאָרשלאָג, אַז מ׳זאָל די נעגער־פראַגע לייזן אויף אַ ראַדיקאַלן אופן. און אַ ראַדיקאַלע לייזונג איז, כידוע, פאַראַן בלויז איינע: אַן סענטימענטאַליטעטן און צערעמאָניעס נעמען די דרייצן מיליאָן אַמעריקאַ־נער נעגער און דעפּאָרטירן „אַהין, פון וואַנען זיי זענען געקומען" — קיין אַפריקע.

* * *

יידן האָבן נאָך לפי ערך גוט אָפּגעשניטן ביי דעם מיסיסיפּי־סענאַטאָר: פאַרט ווייסע מענטשן. ער האָט אונדז בלויז געראָטן, מיר זאָלן זיך נישט צופיל באַרימען מיטן פאַקט וואָס ישו איז אַרויסגעקומען פון אונדזער ראַסעס לענדן, ווייל מיר האָבן אים די ערשטע אָפּגעשטויסן, פאַרמוטשעט און נאָך דעם גע־קרייציקט. בלויז יענע „קאַיקס" וואָס חברן זיך מיט קאָמוניסטן און מאַכן יד־אחת מיט די נעגער סטראַשעט ער מיט „דעפּאָרטאַציע קיין פּאַלעסטינע"; אָבער די איבעריקע „קאַיקס", וואָס ווייסן און געדענקען אַז זיי זענען „קאַיקס" און מישן זיך נישט אין פּאָליטישע עסקים, איז ער גרייט צו טאָלערירן אין אַמעריקע. נעגער אָבער, אַלץ איינס ווי אַזוי זיי זאָלן זיך נישט אויפפירן, האָבן דאָ קיין פּלאַץ נישט. זיי זענען אַ באַליידיקונג פאַר דער אַמעריקאַנער לאַנד־שאַפט און זייער איינציקער וועג איז: צוריק קיין אַפריקע.

קיין בהלה, ווייסן מיר, האָט בילבאָס רעצעפּט אין דער נעגער־באַפעלקע־רונג נישט אַרויסגערופן. עס איז נישטאָ קיין איין נעגער ביים פולן זינען, וואָס זאָל זיך דערשרעקן פאַר בילבאָס „ביל", אויב ער וועט אים אַריינברענגען אין סענאַט. אויב אַמעריקע וועט נישט ווערן מטורף; אויב זי וועט בלייבן דאָס וואָס זי איז די לעצטע עטלעכע דורות געווען — מיט אַלע אירע חסרונות און מאָראַלישע קרומקייטן — וועט קיין איין נעגער פון דאַנען נישט דעפּאָרטירט ווערן. בילבאָס נידערטרעכטיקע משוגעתן רופן אָבער אַרויס ביי אַ דענקענ־דיקן נעגער זכרונות און פאַרבעפלטע געדאַנקען: ווער ווייסט? אפשר רעדט אַרויס פון אַ ביליקן דעמאַגאָגס מויל אַ שטיק פאַרקריפּלטער אמת? בילבאָס

פֿאַרשלאָגן זענען טאַקע אַ קאַריקאַטור, אָבער וואָס איז אַ קאַריקאַטור? אַ פֿאַר־גרעסערטער אמת. אין לאַנגן חשבון איז אפשר טאַקע אַמעריקע נישט דער אידעאַלער פּלאַץ פֿאַר אונדזער ראַסע. גאַריסאָן ווילאַרד האָט זיך מיט עטלעכע יאָר צוריק אויסגעדריקט וועגן אַמעריקאַנער שמעלצטאָפּ, אַז מיט דער צייט, אין משך פֿון עטלעכע דורות, וועט ער אין זיך איבערקאָכן אַלע מינדערהייטן פֿונעם לאַנד אַחוץ צוויי — יידן און נעגער: יידן מחמת אַ סיבה, וואָס זיין מוח קען נישט תופס זיין (אַ מיסטעריעזע?), און נעגער — מחמת זייער הויט און קאָליר. אפשר איז ער גערעכט מיט זיין פּעסימיזם? אַ סך יידן, ווייזט אויס, זענען מיט אים מסכים און דערפֿאַר שטיצן זיי די ציוניסטישע באַוועגונג; זיי גרייטן זיך צו פֿאַר דער צוקונפֿט אַן אייגן פֿאָטערלאַנד. אפשר דאַרפֿן מיר, נעגער, אויך גיין אויפֿן יידישן וועג און שאַפֿן אונדזער אייגענעם „ציוניזם", אַ באַוועגונג פֿאַר „שיבת אַפֿריקע"?

איך האָב שוין אַ פּאָר מאָל געהערט פֿון אינטעליגענטע נעגער ווערטער אין פֿינסקער נוסח; אַפֿילו דעם טערמין „אויטאָעמאַנציפּאַציע". די פֿאָרמעלע עמאַנציפּאַציע, האָבן זיי געטענהט, האָט באַנקראָטירט. ווען דער צפֿון האָט מלחמה געהאַלטן קעגן דרום, מכלומרשט צוליב אונדז, האָט ער געמיינט גאָר עפּעס אַנדערש; נישט אַזוי אונדזער טובה, ווי אַ צאָל אייגענע, „ווייסע" אינטע־רעסן. דזשאָן בראַון ביי האַרפּערס פֿערי אין ווירדזשיניע און הענרי טאָראָ אין מאַסאַטשוזעטס זענען נישט אַמעריקע. זיי זענען די יחידי־סגולה וואָס זענען קיין מאָל נישט כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ לאַנד אָדער אַ פֿאָלק. „אָט האָב איך", האָט מיר אַמאָל איינער פֿון אַזעלכע נעגער געזאָגט, „נישט לאַנג געלייענט אַ פּאַמפֿלעט פֿון אַן אַמעריקאַנער אַנטראָפּאָלאָג, אַשלי־מאָנטעגיו. ער לאַכט זיך אויס פֿון אַלע ראַסן־טעאָריעס און עצהט די אַמעריקאַנער וואָס ווילן זיך באַ־פֿרייען פֿון זייערע פֿאָראורטיילן, אַז זיי זאָלן וואָס אָפֿטער באַזוכן דעם זאָאָלאָ־גישן גאָרטן. זאָלן זיי זיך גוט איינקוקן אין די מאַלפּעס (אַלץ איינס, צי גאָרי־לאָס אָדער שימפּאַנזעס), וועלן זיי זען, אַז די האָר ביי די דאָזיקע ברואים זענען צאַרט און די ליפּן דין. זיי זענען, הייסט עס, נענטער צום ווייסן מענטשן איי־דער צום נעגער. פֿון דעסטוועגן וועלן זיי דערפֿון נישט דרינגען, אַז דער ווייסער מענטש איז דערפֿאַר ביאָלאָגיש נידעריקער פֿון די קאָלירטע ראַסן. אָבער דער זעלבער אַנטראָפּאָלאָג, זאָל ער מיר מוחל זיין, וועט מסתמא אויסזוכן ניינצן תירוצים, פֿאַרוואָס ער זאָל נישט דאַרפֿן איבערנעכטיקן מיט מיר אין איין צי־מער. אינטעלעקטועל איז ער לחלוטין אָרנטלעך און ער מיינט טאַקע אַלץ וואָס ער זאָגט. אָבער די מחיצה בלייבט, ווייל זי ווערט געשפּייזט פֿון אַנדערע, נישט ראַציאָנאַלע קוואַלן. ענלעכע קוואַלן שפּייזן מסתמא אויך דעם אַנטיסעמיטיזם".

***

נעגער־„ציוניזם" איז נישט אינגאַנצן ניי. נישט בילבאָ, יעדנפֿאַלס, האָט אים דערפֿונדן. אַז מ׳וויל, קען מען זאָגן, אַז נעגער האָבן אָנגעהויבן פּראַקטיש זייער „ציוניזם" נאָך פֿאַר ייִדן. אומגעפֿער אין די זעלבע יאָרן ווען מרדכי עמנואל נח האָט געטרוימט זיינע „אַררט"־טרוימען — וואָס האָבן זיך געענדיקט מיט אַ שטיקל ספּעקטאַקל אויף דער גרענד־איילאַנד, לעבן באָפֿאַלאָ — האָבן אַ צאָל באַפֿרייטע נעגער־שקלאַפֿן, וואָס האָבן נישט געקענט שלום מאַכן מיטן פֿאַקט אַז קיין פֿולבאַרעכטיקטע בירגער פֿון אַמעריקע קענען זיי נאָך אַלץ נישט ווערן, זיך אַוועקגעלאָזט קיין אַפֿריקע, אויפֿבויען פֿאַר זיך אַ „נאַציאָנאַלע היים". פֿון זייער קאָלאָניזאַציע איז מיט דער צייט אַרויסגעקומען ליבעריע, די ערשטע נעגער־רעפּובליק. פֿון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט, איז דער נעגער־סטאַטוס אין דער וועלט אַ סך העכער פֿונעם ייִדישן. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ליבעריע, אַלס „זעלבשטענדיקע מלוכה", דערקלערט קריג קעגן דייטשלאַנד און האָט זיך נאָך דעם אָפֿיציעל באַטייליקט אין דער שלום־קאָנפֿערענץ פֿון ווערסאַיל (ליבעריע איז, נאַטירלעך, געווען פֿאַרטראָטן אויך אין סאַן־פֿראַנציסקאָ אַלס אַ מיטגליד פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער). אָבער די עטלעכע דורות וואָס די נעגער־רעפּובליק אין אַפֿריקע האָט שוין אויף איר היסטאָרישן חשבון (און מ׳דאַרף נישט פֿאַרגעסן, אַז האַיִטי איז אין תּוך אויך אַ נעגער־רעפּובליק) האָבן צו קיין מאַסן־עוואַקואַציע פֿון אַמעריקאַנער נעגער נישט דערפֿירט. צווישן די עטלעכע מיליאָן באַפֿעלקערונג פֿון ליבעריע זענען היינט פֿאַראַן נישט מער ווי עטלעכע צענדליק טויזנט אַמעריקאַנער נעגער. די איבעריקע זענען נעגער־שבטים, וואָס אויף וויפֿל זיי געדענקען — האָבן זיי שטענדיק געלעבט אין יענער געגנט. דאָס ביסל „רעוואָלוציאָנערישקייט" וואָס האָט אַרומגעכאַפּט קליינע צאָלן באַפֿרייטע שקלאַפֿן אין אַמעריקע האָט זיך שנעל אויסגעוועפּט. פֿון שטאַנדפּונקט פֿון אַמעריקאַנער נעגערטום, דאַרף ליבעריע באַטראַכט ווערן פֿאַר אַן אומגעלונגענעם עקספּערימענט.

אפשר דאַרף מען זיך דאָ גאָר נישט חידושן. אַז נעגער זענען אַפֿריקאַנער, בײַ זיין אַ קלאָרער אַנטראָפּאָלאָגישער אָדער היסטאָרישער פֿאַקט. אין זייער באַוווסטזיין פֿאַרנעמט אָבער אַפֿריקע לחלוטין קיין פּלאַץ נישט. די דיאַלעקטן וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך פֿון אַפֿריקע זענען שוין אַזוי גרינטלעך פֿאַרגעסן געוואָרן, אַז פֿון זיי איז קיין שפּור נישט געבליבן. עס איז אויך פֿאַרגעסן געוואָרן זייער פֿאָלקלאָר, זייערע היימישע רעליגיעזע באַגריפֿן און פֿאַרשטעלונגען. ווי שטיפֿמוטערלעך אַמעריקע זאָל נישט האָבן באַהאַנדלט אירע שוואַרצע איינוווינער אין משך פֿון דריטהאַלבן יאָרהונדערטער, איז זי פֿאַר די דרייצן מיליאָן נעגער אין אַמעריקע — זייער אייגן לאַנד. אייגן — ווייל קיין אַנדער לאַנד געדענקען זיי נישט, און אין זייער קולטור־זכרון זענען לחלוטין

נישט פֿאַראַן קיין אַפֿריקאַנישע עלעמענטן. קיין „חצות״ נאָך אַפֿריקע האָבן די אַמעריקאַנער נעגער קיין מאָל נישט געפּראַוועט און עקאָנאָמיש — הלוואי זאָל דער רוב מנין פֿון נעגער אין דער אייגענער אַפֿריקאַנער רעפּובליק אין אַ דור אַרום דערגרייכן דעם עקאָנאָמישן סטאַנדאַרד, צו וועלכן אַמעריקאַנער נעגער האָבן זיך שוין דערשלאָגן.

אַ דענקענדיקער נעגער אין אַמעריקע האָט געגוג סיבה צו מאַכן פֿון דער אַרומיקער ווירקלעכקייט אַ טעאָרעטישן פּועל־יוצא, אַז די אידעאַלע לייזונג פֿאַר זיין ראַסן־פּראָבלעם איז נישט עמאַנציפּאַציע, נאָר אויטאָעמאַנציפּאַציע; אַן אייגן לאַנד פֿאַר די דרייצן מיליאָן קאָלירטע אַמעריקאַנער. ער ווייסט אָבער, אַז קיין ענערגיע פֿאַר אַזאַ ריזיקער אונטערנעמונג איז נישט פֿאַראַן — נישט קיין ענערגיע און נישט יענע שעפֿערישע פֿאַנטאַזיע, אָן וועלכער אַזאַ ענערגיע איז אוממעגלעך. עס פֿעלן פֿאַר דעם קולטור־היסטאָרישע פּאַראויסזעצונגען...

***

עס איז נישט קיין צופֿאַל, וואָס פֿון דער „ציוניסטישער״ נעגער־באַוועגונג מיט אַ פֿערטל יאָרהונדערט צוריק איז גאָרנישט געבליבן, אַחוץ אַ פּאָר גאָר־אומאָנגענעמע אַנעקדאָטן.

מאַרקוס גאַרווי האָט לכתחילה אפֿשר געגלייבט, אַז פֿון זיין „אוניווער־סאַלן פֿאַרבאַנד פֿאַר פֿאַרבעסערונג פֿון דער נעגער־לאַגע״ — וואָס ער האָט געגרינדעט אין דזשאַמאַיקאַ צוזאַמען מיט זיין יינגערער פֿריינדין, עמי אַשווּד — וועט מיט דער צייט אַרויסקומען אַ גרויסע נעגער־אימפּעריע. ס׳איז אפֿשר נישט געווען אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט קיין ספּעקטאַקל און דעמאַגאָגיע, ווען ער איז געקומען קיין ניו־יאָרק, זיך דאָ דערקלערט פֿאַר פּרעזידענט (שפּעטער פֿאַר קעניג און אימפּעראַטאָר) פֿונעם גרעסטן טייל אַפֿריקע און האָט אַ צאָל פֿון זיינע אָנהענגער געשענקט טיטלען פֿון באַראָנען און פֿירשטן. טויזנטער און טויזנטער נעגער האָבן אים טאַקע געשטיצט מיט געלט און ווילדע אָוואַציעס; זיי האָבן געזונגען הללויה ווען ער האָט געגרינדעט זיין טרויעריק־באַרימטע שיף־געזעלשאַפֿט, אַריבערצופֿירן מיליאָנען נעגער פֿון אַמעריקע „צום אייגענעם קאָנטינענט״, און זיי האָבן ענטוזיאַסטיש אַפּלאָדירט ווען גאַרווי האָט דערקלערט, אַז די „בלעק סטאַר ליין״ וועט גיין קיין אַפֿריקע, אַפֿילו אויב זי „וועט דאַרפֿן דורכשניידן ימים און אָקעאַנען פֿון בלוט״. צי האָבן זיי אָבער באמת געגלייבט, אַז זיי זענען אים גרייט נאָכצופֿאָלגן; אַז אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן וועלן זיי זיך בפּועל ממש אַרויפֿזעצן אויף שיפֿן פֿון דער „בלעק סטאַר ליין״ און זיך אַוועקלאָזן צום „צוגעזאָגטן לאַנד״? ווי אַזוי האָט זיך אַ געבילדעטער נעגער אויסגעדריקט וועגן יענע „משיחישע טעג״ צווישן אַמעריקאַנער

נעגער? גאַרוויס נאָכפאָלגער האָבן אַרטיסטיש־קינדעריש געשפּילט אין „מעיק בעליוו", אָבער נישט אַרויסגעוויזן קיין „בעליוו". מיט דער באַוועגונג „צוריק קיין אַפריקע" האָבן זיי בלויז דראַמאַטיזירט — פאַר זיך אַליין — זייער פּאָטעטישע לאַגע. דאָס איז געווען אַ שטיק פאָלקס־קונסט, נישט קיין פאָלקס־פּאָליטיק.

מאַרקוס גאַרווינס פּלאַץ צווישן די נעגער־מאַסן האָט שפּעטער געזוכט צו פאַרנעמען די קאָמוניסטישע באַוועגונג. „צוריק קיין אַפריקע" איז אַ ראָמאַנטישע, רעאַקציאָנערע לאָזונג. די צוקונפט פאַר די נעגער ליגט דאָ, אין אַמעריקע; און די צוקונפט פון אַמעריקע גופא ליגט אין סאָוועטישן סיסטעם. רוסלאַנד האָט געוויזן דער גאַנצער וועלט דעם וועג, ווי אַזוי צו לייזן נאַציאָנאַלע און ראַסן־פּראָבלעמען. אם ירצה־השם, וועט אַמעריקע ווען אָנפאַנגען גיין אויפן דרך־הישר, וועט אויפגעבויט ווערן אַן אייגענע טעריטאָריע פאַר די נעגער נישט אין די וויסטע און פוסטע מדבריות פון אַפריקע, נאָר אין אַ טייל פון דער פרוכטבאַרער אַמעריקאַנער ערד.

די קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַמעריקאַנער נעגער אין די דרייסיקער יאָרן וואָלט מען לייכט געקענט איבערזעצן אין אונדזערע היימישע, יידישע טערמינען נישט ארץ־ישראל, נאָר ביראָבידזשאַן. די מיליאָנען נעגער אין אַמעריקע האָבן אַ רעכט אויף „נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג" — און די דאָזיקע זעלבסטבאַשטימונג דאַרף פאַרווירקלעכט ווערן אין דעם אַזוי גערופענעם „שוואַרצן גאַרטל". ווען מען לייענט היינט נאָך אַמאָל אַדורך די פּאַמפלעטן וואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט צוריק מיט עטלעכע יאָר אַרויסגעגעבן וועגן דער נעגער־פראַגע („ניגראָ ליבעריישאָן", „דהי ניגראָס אין אַ סאָוועט־אַמעריקאָ" און אַנדערע), קען מען זען, וואָס „דער גאַרטל" איז און ווי גרויס עס האָט געדאַרפט זיין דער דעמאָלט־געפּלאַנטער נעגערישער „ביראָבידזשאַן". דער היקף איז אַ גאַנץ־באַדייטנדיקע טעריטאָריע, צוזאַמענגעשטעלט פון חלקים פון עלף דרום־שטאַטן מיט אַ גרויסער נעגער־באַפעלקערונג. ער נעמט אין זיך אַריין אַזעלכע שטעט, ווי ריטשמאָנד און נאָרפאָלק אין ווירדזשיניע, מאָנטגאָמערי און אַלאַבאַמאַ, ליטל ראָק אין אַרקענסאָ, מעמפיס אין טענעסי און דעם וויכטיקסטן צענטער פון דער סאַוט, ניו־אָרלעאַנס. אין וועלכער מאָס די דאָזיקע מאַפּע פאַר „נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג" האָט אַפּעלירט צו די סענטימענטן פון באַשטימטע שיכטן פון דער נעגערישער באַפעלקערונג, איז נישט לייכט צו וויסן געננוי. קיין „טעריטאָריאַליסטישע" באַוועגונג האָט אָבער די דאָזיקע לאָזונג נישט אַרויסגערופן אין די מאַסן און אַ גאָר גרויסער טייל פון דער נעגער־אינטעליגענץ האָט אַזאַ פּראָגראַם באַטראַכט פאַר נאָך

מער אוטאָפּיסטיש ווי „עוואַקואַציע" קיין אַפריקע. דערצו איז ער נאָך פּאָליטיש אָנגעלאָדן מיט דינאַמיט.

די לעצטע יאָרן האָבן מיר כמעט נישט געהערט קיין וואָרט וועגן דעם „שוואַרצן גאַרטל". דער קאָמוניזם אין אַמעריקע האָט געזוכט צו ווערן אַ רעאַל־פּאָליטישע און פּאַטריאָטיש־בכבודיקע באַוועגונג. די ערלעכערע צווישן די קאָמוניסטן זענען לכתחילה געווען שאָקירט פון אַגוועגדן אַ רוסיש־סאָוועטישע מאָס אויף אַמעריקאַנער באַדינגונגען. די פּאַראייניקטע שטאַטן האָבן אין זייער באַפעלקערונג צענדליקער עטנישע גרופּעס; אָבער זיי קענען נישט באַטראַכט ווערן ווי אַ נאַציאָנאַליטעטן־מלוכה. דער רוסיש־סאָוועטישער משל איז נישט געגליכן צום נמשל שוין מחמת דעם אַליין, וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד באַשטייט פון אַ צאָל נאַציאָנאַלע טעריטאָריעס, בשעת אין אַמעריקע זענען די פּילע נאַציאָנאַלע, שפּראַכן־ און ראַסן־גרופּעס טאָפּאָגראַפיש צעוואָרפן און „אויסגעמישט". עס איז נישט פאַראַן קיין אַמעריקאַנער אוקראַינע, אָדער גרוזיע; קיין אַמעריקאַנער אַזערביידזשאַן אָדער אַרמעניע. דאָס שאַפן אַ נעגער־רעפּובליק אין די דרום־געגנטן איז נישט וויניקער לעפּיש ווי גרינדן אַ סקאַנדינאַוישע רעפּובליק אין וויסקאָנסין און מינעסאָטאַ; אַ דייטשישע רעפּובליק אין פּענסילוואַניע, אָדער אַן אייגענע מעקסיקאַנער רעפּובליק אין טעקסאַס און אַריזאָנאַ. ערנסטערע קאָמוניסטן האָבן באַטראַכט דעם גאַנצן ענין „שוואַרצער גאַרטל" פאַר אַ מיטל צוצוציִען די סימפּאַטיעס פון דער נעגער־באַפעלקערונג, דורך געבן זיי אַ פּערספּעקטיוו פון פּאָליטישן אויפשוווּנג. זיי זענען פון דעסטוועגן געווען צופרידן, ווען די פּאַרטיי האָט וועגן דעם אויפגעהערט צו רעדן.

אָבער דער אַמעריקאַנער קאָמוניזם קערט זיך איצט אום צו זיין אַמאָליקער „רעוואָלוציאָנערער" ליניע און עס זענען שוין פאַראַן סימנים, אַז ער איז גרייט אויפצולעבן דעם ליקווידירטן „שוואַרצן גאַרטל"־לאָזונג. בענדזשאַמין דעיווים, דער קאָמוניסטישער קאָונסילמען פון ניו־יאָרק, איז שוין די טעג (אויף אייגענער אחריות?) אַרויסגעקומען מיט אַ דערקלערונג, אַז די שאַפונג פון אַ נעגער־רעפּובליק אין טיילן פון די עלף דרום־שטאַטן מוז איצט נאָך אַמאָל ווערן אַ „קאַרדינאַלער פּרינציפּ פון קאָמוניסטישער טאַקטיק". שולדיק אין דעם וואָס די פּאַרטיי האָט די לעצטע יאָרן די זאַך פאַרשוויגן איז, נאַטירלעך, אוירל בראַודער. אָבער איצטער, ווען די באַוועגונג האָט זיך באַפרייט פון זיין דעמאָראַליזירנדיקער השפעה, וועט די לאָזונג פון אַ נעגער־רעפּובליק ווייטער פאַרנעמען אַ חשובן פּלאַץ אין די קאָמוניסטישע פאָדערונגען. טאָמער קלינגט עס נאָך וויניק רעוואָלוציאָנער, האָט דעיווים געפונען פאַר נויטיק צו באַטאָנען, אַז יענע רעפּובליק, ווען זי וועט געגרינדעט ווערן, דאַרף ווערן אַזוי

סוווערען, אַז זי זאָל אַפילו האָבן דאָס רעכט זיך אָפּצוטיילן פון דער אַמעריקאַ־נער פעדעראַציע. נישט מער און נישט ווייניקער.

אַמעריקאַנער נעגער זענען איצט מער ראַסן־באַוווסטזיניק ווי זיי זענען געווען פאַר דער מלחמה. עס גלויבט זיך אָבער נישט, אַז אין זייער באַרעכטיק־טער מיליטאַנטישקייט וועט זיך צו זיי צוקלעפּן אַזאַ פאַנטאַסטישע אידיאָטיש־קייט, מיט וועלכער קאָמוניסטן קלייבן זיך, ווייזט אויס אַפּעלירן צו זיי. עס איז נישט לייכט צו געבן עצות די דרייצן מיליאָן נעגער־בירגער, ווי אַזוי זיי זאָלן אין דעם נאָך־מלחמה־פּעריאָד קעמפן פאַר זייערע רעכט און סאָציאַלן סטאַטוס. ס'איז אָבער זיכער, אַז פּלענער וועגן פּאָליטישער נעגער־הערשאַפט אין אַ טייל אַמעריקע, מיט אַ העלפט אָדער העכער אַ העלפט ווייסער באַפעל־קערונג; אַוואַנטוריסטישער סעפּאַראַטיזם און תביעות אויף אַזעלכע שטעט ווי ריטשמאָנד, מעמפיס אָדער ניו־אָרלעאַנס, וועלכע „מעגן" צוגענומען ווערן פון אַמעריקע — אַפילו ווען זיי וועלן זיין (ווי זיי מוזן זיין) בלויז „רעטאָרישע פּלענער" — טראָגן אין זיך די גרעסטע געפאַר פאַרן וווּלזיין פון דער נעגער־באַפעלקערונג. די פּאַראַנטוואָרטלעכע נעגער־פירערשאַפט וועט אין דעם פאַל דאַרפן דערפילן אַ וויכטיקע אויפגאַבע: פאַרהיטן די מאַסן פון דברים בטלים און פוסטע חלומות — און לענקען זייער ענערגיע צו ווייניקער „ספּעקטאַקולאַ־רע" און מער קאָנסטרוקטיווע קאַנאַלן...

אויב דער נעגער־ראַסע אין אַמעריקע איז באַשערט צו האָבן אַן אייגענע און רעאַלע „גאולה"־באַוועגונג, וועט זי קומען פון אינעווייניק, פון אויפגע־וועקטע און אַקומולירטע פאָלקס־כוחות, נישט פון דרויסן און נישט אַלס רע־זולטאַט פון אַ דעמאַגאָגישער פּאַרטיי־לאָזונג...

.1945

אַמעריקאַניש

1. די שרייַ־פּאַרטיי און די שווייַג־פּאַרטיי

דאָס ביסל יידישע פּאַרמערס, האַלב־פּאַרמערס און האָטעל־אייגנ־טימער האָבן זיך זונטיק אָוונט פאַרזאַמלט אויף אַן אַסיפה אין דער קאַסינאָ פונעם האָטעל „קאָסמאָפּאָליטאַן". אַ גאַנצן נאָכמיטאָג איז מען געפאָרן אייגער צום אַנ־דערן אין די פאַרעלטערטע אויטאָמאָבילן און מען האָט זיך געשושקעט: אָפּ־האַלטן אַ פאַרזאַמלונג היינט אָוונט אָדער „לאָזן עס גיין"? און אויב יאָ אַ פאַר־זאַמלונג, ווו זאָל זי פאָרקומען? תחילת האָט מען געטראַכט וועגן בית־המדרש, אָבער צום סוף האָט מען זיך באַרעכנט: די גויִים אין די קעטסקילס וויסן, אַז זייערע יידן זענען נישט איבעריק פרום און אַ גאַנצע וואָך איז קיין מנין נישטאָ. דער פּאָסטמייסטער האָט אַ יידישן לוח און ער ווייסט, אַז ס'איז היינט נישט קיין יום־טוב און נישט קיין תענית — וועט מען זיך הידושן: ווי קומט פלוצים אַזאַ צונויפגעלאָף פון יידן אין אַ פשוטן זונטיק אָוונט? האָט מען זיך דער־שושקעט, אַז דאָס גלייכסטע וועט זיין אָפּצוהאַלטן די פאַרזאַמלונג אין אַדאָלף זאַנגענקראַנצס „קאָסמאָפּאָליטאַן האָטעל", ווו די קאַסינאָ באַהאַלט זיך הינטער אַ פּאָר אַלטע געביידעס (אַמאָליקע שטאַלן) און אַ צאָל געדיכטעביימער.

דער ענין, האָבן זיי צווישן זיך גערעדט אויף דער פאַרזאַמלונג, איז אַן ערנסטער און מ'דאַרף זיך גוט באַטראַכטן וואָס צו טאָן. אין דער פרי איז דעם בעקערס אלמנה צוגעפאָרן צום יידישן בית־עולם, אַ קוק טאָן אויף דער מצבה פון איר בן־יחיד, וואָס איז צופעליק געהרגעט געוואָרן פון אַ טראַק אין זיין סאָלדאַטן־קעמפּ פון ניו־דזשורזי. זי האָט זיך געוואָלט דערוויסן, אויב דאָס גראָז וואָס זי האָט פאַרזייט אַרום דער מצבה וואַקסט ווי געהעריק. אַ האַלבע שעה שפּעטער איז זי שוין געווען אין דער היים. אַהיים געקומען — און אויס־געבראָכן אין אַ היסטערישן געוויין. פון די עטלעכע און צוואַנציק מצבות אויפן יונגן בית־עולם זענען פערצן אומגעוואָרפן געוואָרן און עטלעכע פון זיי — אויך איר בן־יחידס מצבה — זענען געווען באַשמוצט מיט אַזאַ שטאָף, אַז זי קען אים אַפילו אויפן מויל נישט אַרויסברענגען. ווער פון די שכנים האָט עס געקענט אָפּטאָן?

דער יידישער שאָפער פונעם „סקול־באַס" האָט זיך אויף דער אַסיפה גע־היצט און געפאָדערט — מעשים. ער האָט געמוסרט דעם עולם, הלמאי, מ'האָט

וועגן אַזאַ נידערטרעכטיקייט געוווּסט פון אין דער פרי אָן און מ׳האָט געמאַכט אַ שווייג. מ׳האָט גלייך געדאַרפט לאָזן וויסן דעם שעריף. האָבן אים אַנדערע אונטערגעהאַלטן און געגאַנגען ווייטער: מ׳האָט גלייך געדאַרפט טעלעפאָנירן — טאַקע אום זונטיק — קיין אָלבאַני, דעם גאָווערנאָר. זאָל מען כאָטש איצט נישט אָפּלייגן אין דער לאַנגער באַנק. האָבן זיך נאָך דעם געפונען אַנדערע וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מ׳דאַרף זיין פּאָרזיכטיק: טאַקע זיך באַקלאָגן און פּאָדערן אַז דער גאָווערנאָר זאָל גלייך אַראָפּשיקן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע אויסצופאָרשן דעם ענין, אָבער — נישט לויפן דירעקט. אין ניו־יאָרק זענען, כידוע, פאַראַן קאָמיטעטן און וויכטיקע אָרגאַניזאַציעס מיט פּראָמינענטע ייִדן בראש. זאָל מען זיי אָנטעלעפאָנירן און זאָלן זיי זיך ווענדן קיין אָלבאַני, וועט מען זיך דאָרט גיכער צוהערן. איז אין כעס געוואָרן לעאָ קאָן, דער אײנציקער ייִד אין דער געגנט וואָס האָט זיך פאַרעקשנט און וויל אַחוץ דער פאַרם קיין אַנדערע געשעפטן נישט האָבן: „וואָס מיר קאָמיטעטן און ווער מיר אָרגאַניזאַציעס! אויף וואָס דאַרף איך האָבן פּראָמינענטע ייִדן? ס׳איז אַמעריקע, נישט פּוילן און נישט דאָס אַמאָליקע רוסלאַנד. זענען מיר אַמעריקאַנער אָדער נישט? אויב יאָ, דאַרפן מיר פון קיינעם קיין פּראָטעקציע נישט האָבן. גלייך צום גאָווערנאָר! איך אַליין בין גרייט נאָך היינט בײנאַכט אַוועקצופאָרן צו אים. אויב מיר וועלן פאַרשווייגן דעם חילול־השם היינט, וועט מען אונדז מאָרגן אונטערצינדן די הייזער און איבערמאָרגן וועט מען אונדז אָנהייבן קוילען”.

זענען שוין כמעט אַלע געווען פּאַרטיק מסכּים צו זיין מיט לעאָ קאָן און אים לאָזן פאָרן צום גאָווערנאָר. „מיר צאָלן אים ווײדזשעס”, האָט אַ קליינוווקסיק ייִדל, אונטערשפּרינגענדיק אַז ער זאָל אויסזען העכער, צוגעגעבן היץ. אָבער דאָ האָט זיך אויפגעשטעלט מאַרקוס אונגאַר און אָנגעהויבן אַפּעלירן צום עולם, מ׳זאָל זיך נישט היצן און נישט אָפּטאָן אין איילעניש קיין נאַרישקייטן:

„באַרעכנט זיך”, האָט ער געטענהט, „וואָס וועט זיין, אויב איר וועט לויפן צום גאָווערנאָר? מען וועט די מה־יעשׂהניקעס געפינען, און זיי מוזן פאַרשיקן אין טורמע אויף אַ פּאָר חדשים. איר ווייסט וואָס דאָס הייסט? איר מיינט, אַז די שכנים וועלן אונדז מוחל זיין, אויב אַ פּאָר פון זייערע זין וועלן דאַרפן אָפּזיצן אַ טערמין... איבער ייִדן? מיר וועלן אָנמאַכן ביי זיי אַן אייביקע שׂינאה. מיר אַלע וועלן מוזן פון דאַנען זיך אַרויסציִען. איצט לאָמיר רעדן אויף צוריק: מ׳וועט די חברה נישט געפינען. וועט דאָס הייסן, אַז מיט ייִדן מעג מען טאָן כּל דבר אָסור און קיינער קריגט נישט קיין עונש. אַחוץ ווייטיק, וועלן מיר נאָך ליידן בושה אויך. מען וועט אונדז אויסלאַכן אין דער גאַנצער קאַונטי”.

זענען אַ פּאָר ייִדן אויף מאַרקוס אונגאַר אין כעס געוואָרן: „איז וואָס,

ווילט איר, זאָלן מיר טאָן? פאַרשווייגן די גאַנצע זאַך?" פונעם עולם האָט עמי־צער אַפילו אַ וואָרף געטאָן: „מה־יפיתניקו!".

אָבער מאַרקוס אונגאַר איז ביי זיך נישט אַראָפּגעפאַלן. ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן איבערן טיש און אָנגעהויבן שרייען:

„יאָ, פאַרשווייגן די גאַנצע זאַך. אַפילו צווישן זיך טאָר מען מער וועגן דעם נישט רעדן. האַלטן עס בסוד, אַז ס'זאָל צו די צייטונגען נישט אָנקומען. פאַרגעסט נישט, אַז מיר זענען נישט די איינציקע יידן אין אַמעריקע. מ'קען געוויר ווערן אין אַנדערע געגנטן וואָס מ'האָט דאָ מיט אונדז געטאָן און מ'זאָל דאַרטן אָנהייבן נאָכטאָן אונדזערע שקצים. ס'קען נאָך, חס־וחלילה, ווערן אַן עפּידעמיע פון פאַרשוועכן יידישע בית־עולמס. לאָמיר האַלטן ס'מויל... פאַר־געסן... אַנדערע מאַכן פאַרגעסן... מאָרגן זאָלן מיר צורעכט מאַכן די מצבות, זיי שטעלן אויף זייער פּלאַץ און זיך נישט־וויסנדיק מאַכן... ס'האָט גאָרנישט נישט פּאַסירט..."

זיין אַרגומענט האָט אויף אַ וויל געווירקט. עטלעכע מינוט נאָכאַנאַנד איז דער עולם געזעסן שווייגנדיק: דער אַלטער אונגאַר האָט נאָך זיין שכל נישט אויסגעקרענקט; מ'דאַרף דאָך האָבן אין זינען אַנדערע יידן אויך... אַן עפּידע־מיע, זאָגט ער, קען זיך נאָך, חס־וחלילה, פאַרשפּרייטן. איז אפשר טאַקע גליי־כער אָפּצווישן די ליפּן און — פּתח שין שאַ?

אָבער מיט אַמאָל האָבן זיך דערהערט נייע פּראָטעסטן. דריי יידן האָבן גלייכצייטיק אָנגעהויבן שרייען אויף הייזעריקע קולות, אַז זייערע זין זענען אין פּאַסיפיק — און זאָל דאָ דער עולם באַשליסן וואָס ער וויל — זיי וועלן זיך נישט אונטערגעבן. זיי וועלן מאַכן דעם גרעסטן סקאַנדאַל אין דער קאָונטי, אין סטייט; זיי וועלן לויפן קיין וואַשינגטאָן און אָנשפּאַרן, אויב מ'וועט דאַרפן, אַפילו ביים פּרעזידענט. אויב דאָס זאָל אָפּגיין די כוליגאַנעס גלאַט, וועלן זיי די קומענדיקע וואָך אָפּטאָן דאָס זעלבע — און אפשר נאָך ערגערס...

דער עולם האָט זיך צעטיילט אויף צווי „פּאַרטייען": אויף אַ שריי־פּאַר־טיי און אויף אַ שוויג־פּאַרטיי...

***

האַלב נאָך צוועלף האָט דער דאָקטער פונעם דערביייִקן שטעטל פונאַנ־דערגעטיילט צווישן די פאַרזאַמלטע קליינע שטיקלעך פּאַפּיר: מ'האָט באַ־שלאָסן — צו ציִען קוויטלעך.

2. אַ באַזוך ביי אַן אבל

ביים פּראָפעסאָר פון סאַנסקריט זענען געזעסן דריי פון זיינע ווייסע פריינט און האָבן געשמועסט וועגן אַלץ אויף דער וועלט, אַ חוץ דעם עיקר. זיי זענען געקומען צו זייער היגדור־קאָלעגע אים מנחם אָבל זיין. ערשט נעכטן זענען זיי געווען אויף דער לוויה פון זיין פאַרשטאָרבענער פרוי, אַ ווייסע אַמעריקאַנערין פון אַריסטאָקראַטישן אָפּשטאַם. זענען זיי איצט געקומען פאַרברענגען מיט זייער קאָלעגע אַ שעה, אָפּצי׳ען זיינע מחשבות פונעם אומגליק. פון די ערשטע מינוטן אָן האָבן זיי זיך געפילט מער ווי אומבאַקוועם. לויט זייערע באַגריפן זעט דער פּראָפעסאָר נישט אויס צעבראָכן (אָדער אפשר קענען זיי נישט לייענען פון קיין אָריענטאַליש פּנים?). זיי האָבן געוווסט, אַז ער האָט מיט זיין פרוי אָפּגעלעבט ניין און צוואַנציק יאָר. דער אַלגעמיינער איינדרוק איז שטענדיק געווען אַז דאָס איז אַ זיווג מן השמים. נאָר אָט זיצט ער איצט פאַר זיי, אויפן צווייטן טאָג פון דער לוויה — שטיל, אָבער נישט דערשלאָגן; פייערלעך־טרויעריק, אָבער נישט „דעבאַלאַנסירט". טויט, האָבן זיי זיך געטראַכט, איז פאַר מענטשן פונעם ווייטן מזרח נישט דאָס זעלבע וואָס פאַר אונדז; לעבן, מסתמא, האָט אויך פאַר זיי אַן אַנדער אַראָמאַט. האָט זיך דער שמועס נישט געקלעפּט און מאָמענטנווייז האָבן זיי אַפילו געפילט די געפאַר, אַז אָט־אָט גליטשן זיי זיך אַראָפּ אויף די רעלסן פון פּריוואַליטעט.

האָט דער אָבל אַליין זיי אָנגעהויבן אַרויסהעלפן:

„ווייסט איר, וועגן וואָס איך טראַכט היינט? ס׳קען זיין אַז איך וועל אייַך שאָקירן; איך האָף אָבער, אַז איר וועט מיך פאַרשטיין. איר געדענקט, ווי כ׳האָב אייַך אַמאָל דערציילט וועגן אַן אינדישן רעוואָלוציאָנער וואָס איז געגאַנגען צו דער תליה? מ׳האָט אים אָנגעזאָגט, אַז אים איז געבליבן צו לעבן נאָך פינף מינוט. דאָס געזעץ דערלויבט אים צו זאָגן צו די אָנוועזנדיקע „דאָס לעצטע וואָרט", — אַלץ איינס וואָס ער וויל. האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט פאַר די שררות, פאַרן דאָקטער, פאַרן הענקער, אויפגעהויבן די רעכטע האַנט און דערקלערט: נאַרישע מענטשן וואָס איר זענט! איר מיינט, אַז אין פינף מינוט אַרום וועט איר פון מיר פּטור ווערן אויף אייביק. געווען און נישטאָ. אָבער איך קען אייַך פאַרזיכערן, אַז אין זעקס מינוט אַרום, ווען איך וועל שוין, לויט אייַערע מאַטעריאַליסטישע באַגריפן, זיין „טויט", וועל איך — אַנטשולדיקט מיר די וווּלגאַריטעט — אויסמאַכן אַן אַפּליקאַציע: איך וועל נאָך אַמאָל געבוירן ווערן! גלייבט מיר, אַז איך וועל זיך לאַנג נישט דאַרפן בעטן. אין עטלעכע טעג אַרום וועל איך — ווי זאָגט איר דאָס אויף אייַער לשון? — אויפשטיין תחית־המתים.

עס זענען פֿאַראַן היינט אין אינדיע גענוג שוואַנגערע פֿרויען — און איר קענט קיין מאָל נישט וויסן פֿון וועמענס מוטער־טראַכט איך וועל אַרויסקומען. ניין, איר ווערט פֿון מיר נישט פּטור. אין אַכצן־ניינצן יאָר אַרום וועט איר מיך אפֿשר נאָך אַמאָל דאַרפֿן פֿירן צו דער תּליה, אָדער — איך אייך. אויף ווידער־זען, מיינע האַרן!"

צוליב וואָס דערמאָן איך אייך אָן דעם דאָזיקן אויסטערלישן פֿאַקט? יע־נער רעוואָלוציאָנער איז שוין געווען אַ פֿריידענקער און געטאָן צענדליקער זאַכן וואָס אַ הינדו אָדער אַ בודיסט טאָר נישט טאָן. אָבער די אמונה אין רע־אינקאַרנאַציע איז אים געבליבן אין בלוט — און ער האָט די ענגלענדער מיט זיין „גילגול" גאַנץ ערנסט געדראָט... נו, איך גלייב אויך אין ווידער־פֿאַרקער־פּערונג, און נאָך אַמאָל אָדער אין פֿיל מאָל געבוירן ווערן. ביי מיר איז די אמונה נישט נאָר „אין בלוט", נאָר אויך אין גייסט, אין מיין גאַנצער פֿילאָסאָ־פֿישער אָנשויאונג. איך ווייס, אַז איך בין נאָך נישט ראוי אַריינצוגיין אין דער אייביקייט פֿון נירוואַנאַ. איך בין נאָך צופֿיל געבונדן, ערדיש, קנעכט פֿון ליידנ־שאַפֿטן. איך וועל נאָך אַמאָל אַרויסקומען פֿון אַ מוטער־טראַכט, פֿון אַן אינדי־שער מוטער־טראַכט. און איך מוז אייך זאָגן דעם אמת: אין יענעם „גילגול" וועל איך מיט קיין ווייסער פֿרוי נישט חתונה האָבן...

„איך האָב אייך געוואָרנט: איר וועט אפֿשר זיין שאָקירט. איר ווייסט וואָס פֿאַר אַ קרבן מיין פֿרוי האָט צוליב מיר געבראַכט. אויך היינט רייסט אַן אַמע־ריקאַנער פֿרוי אויף די אויגן פֿון איר גאַנצער סביבה ווען זי נעמט אַ „קאָלירטן". נאָך ערגער איז דאָס געווען צוריק מיט העכער אַ פֿערטל יאָרהונדערט. איר משפּחה האָט זיך פֿון איר אָפּגעזאָגט, אירע פֿריינט האָבן זי פֿאַרלאָזט... קיין ליבטיקערן מענטשן האָב איך אין אייער לאַנד קיין מאָל נישט געזען... זי איז דורכגעגאַנגען דורך מיין לעבן עפּעס ווי אַ מין בלויע לבנה־זויבערקייט... אָבער די אַלע יאָרן איז צווישן אונדז געשטאַנען אַ מחיצה; אַ קוים־קוים באַ־מערקבאַרע, אַ כּמעט נישט רעגיסטרירטע — אָבער דאָך אַ מחיצה... גלייך ווי צוויי באַשעפֿענישן פֿון צוויי באַזונדערע פּלאַנעטן, ניין — פֿון צוויי באַזונדערע קאָסמאָסן, האָבן זיך באַגעגנט און האָבן דערפֿילט איינער צום אַנדערן דעם צויבער פֿון אַ מאַגנעטישער צוציונג. מיר האָבן שוין איינס אָן דעם אַנדערן נישט געקענט לעבן — און דאָך... איך באַטראַכט עס נישט פֿאַר קיין צופֿאַל, וואָס מיר האָבן קיין קינד נישט געהאַט... בלומען, די שענסטע און צאַרטסטע בלומען — אָבער פֿאַר פֿרוכט האָבן מיר ביידע קיין כּוח נישט געהאַט: דער מאַגנעט האָט נישט אָפּגעשאַפֿט די פֿרעמדקייט... איך ווייס, איך ווייס, מיינע פֿריינט, אַז אין דער אייביקייט איז יענע פֿרעמדקייט נישט פֿאַראַן און דאָס אמתע „זיין" ווייסט נישט פֿון מחיצות: „איך בין דו, דו ביזט איך", נישטאָ קיין

סוביעקט און נישטאָ קיין אָביעקט. אָבער דאָ, „אויף דער וועלט”, ווי איר זאָגט, אין דער וועלט פון אילוזיע, זענען די מחיצות — רעאַל... געבענטשט זאָל זיין איר אָנדענק; אָבער איך וועל נאָך אַמאָל געבוירן ווערן און געפינען מיין זיווג”...

אויפן וועג אַהיים האָבן די דריי ווייסע פריינט געשוויגן. זיי האָבן געהאַט אַ נעפלדיקן, משונהדיקן, כמעט אַבסורדן געפיל, אַז זיי אַליין זענען אָט נאָרוואָס געווען אין קאָנטאַקט מיט אַן אַנדער פּלאַנעט...

3. סאַראָיאַנס אַמעריקע

וויליאַם סאַראָיאַן מאַכט נישט קיין סוד פון זיין אָפּשטאַם. פאַרקערט, אַ סך מיינען אַפילו, אַז ער מאַכט אַ קאַריערע פון זיין אַרמענישער עקזאָטישקייט.

אין דער הקדמה צו איינעם פון זיינע לעצטע ביכער ("The Human Comery") געפינט ער פאַר נויטיק אויסצוזאָגן, אַז זיין מאַמע פאַרשטייט נאָך אַלץ נישט קיין ענגליש. ער גלייבט, אַז מיט דער צייט וועט עמיצער איבערזעצן זיין ווערק אויף אַרמעניש און אַז אַן אַנדערער וועט עס פאַר איר פאָרלייענען (און דאָס קען הייסן צוויי זאַכן: ערשטנס, אַז זיין מוטער קען אויך קיין אַרמעניש נישט לייענען, און צווייטנס, אַז סאַראָיאַן גופא קען נישט גענוג אַרמעניש בכדי פאַר איר פאַרצולייענען זיין אייגן איבערגעזעצט בוך).

סאַראָיאַן, הייסט עס, שעמט זיך נישט מיט זיין יחוס. אָבער ווען מען לייענט איבער זיין „מענטשלעכע קאָמעדיע”, דאַרף מען נישט אָנקומען צו קיין דעטעקטיוו־פסיכאָלאָגיע, בכדי אויסצוגעפינען, ווי שטאַרק ער גאַרט נאָך אַן אַמעריקע, אין וועלכער אַלע סעפּאַראַטע יחוסן וועלן פאַרגעסן ווערן.

מיר גייט דאָ נישט אין דער ריין־קינסטלערישער זייט פון זיין בוך. טייל מאָל קלינגט זיין פראָזע ווי קינדערגאָרטן־מאַטעריאַל (בכיוון? אַ „טריק” אַזאַ?). איטאַקאַ, קאַליפאָרניע, ווו די האַנדלונג שפּילט זיך מערסטנטייל אָפּ, איז אַ לאַ־היהדיק ולאַ־נבראדיק שטעטל, אַ משל, אַ שטיק סינטעטישע אוטאָפּיע פון אַ גוטער, אָנשטענדיקער, ליריש־אידילישער אַמעריקע. ווי אַלע סענטימענטאַלע ווערק, איז אויך דאָס בוך פאַרפירעריש — פאַר די וואָס זענען דאַנקבאַר אַ שרייבער ווען ער נעמט זיך אונטער צו פאַרפירן אויף צוויי־דריי שעה (אויף לענגער סטייעט נישט ביי סאַראָיאַנען קיין בוימל פאַר זיין צויבער־לאָמפּ). אָבער נישט דאָס בין איך אויסן. וואָס מיר וואַרפט זיך אין די אויגן אין יענעם בוך, אין סאַראָיאַנס חלום וועגן אַ קינפטיקער אַמעריקע — אָט טאַקע נאָך דער

איצטיקער מלחמה — וואָס וועט באַשטיין פון „סתם" אַמעריקאַנער, אָן אַ הינ־טערגרונט, אָן אַ פאַרגעשיכטע, בלויז מיט אַ צוקונפט. די פאַרגאַנגענהייט צע־טיילט, די צוקונפט (לאָמיר זיך אַלע איינרעדן) פאַראייניקט, האַרמאָניזירט, מאַכט פון מיליאָנען — איינס. דער יונגער מאַקאַלעי שטאַרבט אויפן איראַ־פּעיִשן שלאַכט־פעלד פאַר אַמעריקע, פאַר זיינער און פאַר סאַראַיאַנס אַמעריקע און פאַר אירע קינפטיקע, כמעט־אַנאָנימע בירגער; אַט פאַר יענע וואָס וועלן געפינען ברידערלעכקייט אין זייער אַנאָנימיטעט. איר גלייבט נישט? „אַט זעט איר דאָך!"... הערט זיך איין צום שמועס צווישן מאַקאַלעין און אַן אַנדער סאָל־דאַט, מיט וועמען ער באַפריינדעט זיך פריִער אין קאַזאַרמע און נאָך דעם אויפן וועג צום פראָנט.

„דיר איז גוט", טענהט דער פריינט צו מאַקאַלעיען, „דו ווייסט פון וואַ־נען דו ביזט — פון איטאַקאַ, קאַליפאָרניע. דאָרט וואַרט אויף דיר אַ מאַמע, אַ שוועסטער, צוויי ברידער, אַ מיידל־פריינט און אויף דער וואַנט — דער פאָר־טרעט פון דיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער. דו האָסט אַן אַדרעס. וווהין וועל איך זיך צוטוליען, אויב איך וועל לעבן בלייבן און צוריקקומען קיין אַמעריקע? איך בין אַן אונטערגעוואָרפן קינד, אויסגעוואַקסן אין אַ יתומים־הויז. איך ווייס אַפילו נישט די נעמען פון מיין פאָטער און מוטער און פון וואָס פאַר אַ נאַציאָ־נאַליטעט זיי זענען געווען".

אָבער מאַקאַלעי טראָגט אין זיך זיין שאַפער סאַראַיאַנס וויזיע פון דעם אַמעריקאַנער אחרית הימים, וואָס קלאַפּט שוין, אַזוי צו זאָגן, אין אַלע אונד־זערע טירן (זיין פאַמיליע אין איטאַקאַ צוזאַמען מיט גוטע שכנים גייט זונטיק דאַווענען אין קירכע. וואָס פאַר אַ קירכע איז דאָס? אַ קאַטוילישע, אַ לוטעראַ־נישע, אָדער גאָר אַ חב"דער מנין? דאָס קענען מיר ביי סאַראַיאַנען נישט אויס־געפינען. נאָך וואָס פרעגט איר? דאָס איז „סתם" אַ קירכע, אָדער „די" אַמע־ריקאַנער קירכע). מאַקאַלעי רעדט איין זיין חבר, אַז ער האָט אַ היים — און די היים איז גאַנץ אַמעריקע. דאָרט האָט מען דיך געפונען, אַ דאָרטיקער ביזטו. ווייסט נישט ווער דיין טאַטע־מאַמע זענען געווען? אפשר איז עס נאָך בעסער: ביזטו אַ „סתם" אַמעריקאַנער, אַן אַל־אַמעריקאַנער, אַן אַמעריקאַנער אָן אַ צור־גאַב. אַט ווי אַמעריקאַניש עס איז אַ בוים וואָס איז אויסגעוואַקסן אין איינעם פון די אַכט און פערציק שטאַטן. ווער פרעגט אַ בוים אויף הינטערגרונט, אויף אַ מעטריקע, אויף טאַטע־מאַמע?

און דער חבר לאָזט זיך איינרעדן. ער קומט צוריק פון פראָנט און לאָזט זיך אַוועק גלייך קיין איטאַקאַ. ווען ער קומט אַהינצו אָן, עפנט זיך די טיר ביי דער מאַקאַלעי־פאַמיליע: קום אַריין, אַמעריקאַנער, זיי דאָ ביי זיך אין דער היים און אם ירצה השם, גאָר אין גיכן וועלן מיר שטעלן פאַר דיר אַ חופה מיט

דער חנוודיקער מאַקאָלעי־טאָכטער — און טאַקע דאָרט, אין יענער נאָמענלאָזער, הינטערגרונטלאָזער, „אַמעריקאַנער" קירכע.

איך מוז זיך מודה זיין, סאַראַיאַן, אַז כ'האָב דיר אָפּגעטאָן אַ גראָב, וואול־גאַר שפּיצל. כ'האָב פאַרגעלייענט יענע שטעלן פון דיין בוך (אין מיין, אמת, זייער אומפּערפעקטער יידישער איבערזעצונג) צו אַן אַלטער יידישער פרוי, וואָס פאַרשטייט אויך נישט, אַט ווי דיין מאַמע, קיין ענגליש. אירע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט אימה און נישט טראַכטנדיק קיין סך, האָט זי אַ זאָג געטאָן: „אַ פיינע מדינה וועט דאָס אַמאָל זיין. לויט דיין אַרמענער קומט אויס, אַז כדי לייכט צו ווערן אַן אַמעריקאַנער, איז דאָס בעסטע גאָר צו זיין — אַ ממזר... אויף אַלע פוסטע פעלדער, אויף אַלע וויסטע וועלדער... אַ רחמנות אויף זיין מאַמען..."

דער קריסטלעכער „ברוך דיין אמת“

וואָס דאַרף מיט זיך טאָן די שארית־הפליטה פון אייראָפּעיִשן ייִדנטום? וואָס דאַרפן מיט זיך טאָן ייִדן בכלל, נאָך דעם וואָס העכער אַ דריטל פון זייער פאָלק איז אויסגעמאָרדעט געוואָרן? וואָס איז דער מוסר־השכל וואָס זיי דאַרפן זיך אַראָפּנעמען פון טרעבלינקע און אוישוויץ? און וווהין זאָלן זיי איצט ווענדן זייער גייסטיקן בליק? ווו קענען זיי געפינען טרייסט, אַ נייעם זין פאַרן לעבן, אַ תיקון פאַר זייערע נשמות?

די דאָזיקע פראַגע ווערט דיסקוטירט אין אַ וויכטיקער קאַטוילישער צייטשריפט. די ענגלישע דאָמיניקאַנער גיבן אַרויס אין אָקספאָרד אַ חודש־זשורנאַל „דהי בלאַקפרייערס“, פון אַ גאַנץ הויכן אינטעלעקטועלן ניוואָ. אָבער דאָס שטערט זיי נישט פון צייט צו צייט אַרויסצווייזן טעמפּקייט, אַ מאַנגל פון מידות און אַפילו פון עלעמענטאַרע מאַניערן. אַזאַ טעמפּקייט ווייזט אַרויס איצט איינער פון זייערע שרייבער (א. פּ. דעי), ווען ער שטעלט זיך אָפּ, אין פעברואַר־העפט, אויף דער גייסטיקער לאַגע פון ייִדן.

ערשטנס: פאַרוואָס האָט עס פּאַסירט? ווען איינער וואָס גלייבט, אַז גאָט פירט די וועלט מיט השגחה שטעלט אַזאַ פראַגע, הייסט עס דאָס זעלבע, ווי פרעגן: ווי אַזוי האָט גאָט געקענט דערלאָזן, אַז מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן זאָלן אומגעבראַכט ווערן פון מערדערישע מענטשן? די פראַגע איז, פאַרשטייט זיך, אַלט ווי די וועלט; אַלט, לכל־הפחות, ווי רעליגיע — זינט זי האָט אויפגעהערט צו זיין מאַגיק און געשאַפן מאָראַלישע פּרינציפּן פאַר מצוות וואָס אויך גאָט מוז זיי מקיים זיין. איוב האָט די פראַגע געפרעגט אין אַלטערטום, דער גריך עסכילאָס און עטוואָס שפּעטער סאָפאָקלעס האָבן עס געפרעגט אויף זייער אופן. דער ענין „צידוק הדין“ האָט נישט אויפגעהערט צו מאַטערן דאָס רעליגיעזע געוויסן פון מענטשן ביז היינטיקן טאָג. צוריק מיט עטלעכע יאָר האָט דער אַמעריקאַנער פילאָסאָף מאָנטעגיו פּאָרמולירט די פּראָבלעם אויף אַן אופן, וואָס וואָלט זיך איובן געלייגט אויפן שכל: אָדער גאָט איז אַלמעכטיק און אוממאָראַליש, אָדער ער איז מאָראַליש און נישט אַלמעכטיק (און ביי אונדזער אייגענעם ביאַליקן געפינען מיר אין „בעיר ההריגה“, אַ שטעלע ווו גאָט זאָגט צו פאַגראָמירטע ייִדן: „עני אני כמותכם“, — איך בין אַזוי אָרעם און שוואַך ווי איר זענט). דער קאַטוילישער שרייבער היט זיך פון צו זיין גאָר קאַטעגאָריש, ווען ער שטעלט אַוועק די פראַגע. דאָך קען ער זיך נישט איינהאַלטן פון איבער־

הזרן, אויף אַ פּאָרזיכטיקן אופן, אַליפּז התימניס אַן אַרגומענט: מסתמא זענען
די פּאַרמוטשעטע און אויסגעמאָרדעטע אויך נישט געווען אינגאַנצן ריין פון זינד.
ער דערמאָנט זיך, אַז אין די צייטן ווען די רוימער האָבן פּאַרפּאָלגט די יונגע
קריסטלעכע געמיינדע, זענען געווען קריסטלעכע שרייבער וואָס האָבן די פּאַר־
פּאָלגונגען דערקלערט פּאַר אַן עונש מן השמים: גאָט שטראָפט זיינע קינדער
פּאַרן עובר זיין אויף געוויסע עבירות, און די רוימישע געצנדינער, וואָס האָ־
בן געווען וועלף און לייבן מיטן פלייש פון קריסטלעכע מאַרטירער, זענען גאָטס
שליחים אָדער אינסטרומענטן. אין אונדזערע צייטן, זאָגט דער שרייבער, זע־
נען געווען מאַרטירער־פעלקער — אַחוץ ייִדן אויך פּאָליאַקן, אירלענדער, אַר־
מענער און אַסירער. נאָר אינגאַנצן ריין פון זינד זענען זיי מסתמא נישט גע־
ווען, און אפשר דערפאַר האָבן זיי געקראָגן זייער עונש. אַזאַ הנחה, ווייסט פּאַ־
דער דעי, וועט מסתמא ביי אייניקע לייענער אַרויסרופן גרויס אומצופרידנ־
קייט, אָבער זי האָט, לכל־הפּחות, די מעלה וואָס זי וואַרפט אַ ליכט־שטראַל
אויף דעם פּראָבלעם פון ליידן. זאָלן מיר אין כעס ווערן אויפן ענגלישן דאָמי־
ניקאַנער פּאַר זיין „ברוך דיין אמת”? אויב אַזאַ פּירוש אויף ייִדישע ליידן שאָ־
קירט, איז ער נישט דער איינציקער וואָס איז דערמיט נכשל געוואָרן. אויב
דער ליובאַוויטשער רבי האָט געקענט שרייבן אין אונדזערע טעג (אָדער מ׳האָט
דאָס געשריבן אין זיין נאָמען), אַז דער ייִדישער מאַסן־אומקום אין אייראָפּע
איז גאָטס עונש פּאַר נישט אָפּהיטן ייִדישקייט — וואָס פּאַר אַ טענות קען איך
שוין האָבן צו אַ דאָמיניקאַנער מאָנאַך? דער ליובאַוויטשער רבי איז מיר שול־
דיק אַן ענטפער, וועלכן ער וועט מיר מסתמא קיין מאָל נישט געבן: פּאַרוואָס
בין איך נישט פּאַרברענט געוואָרן אין איינעם פון היטלערס אויוונס אָדער
דערשטיקט געוואָרן אין איינער פון זיינע גאַז־קאַמערן? פּאַר וועלכע מעשים־
טובים (איך וואָלט אַפילו ברוטאַל צוגעגעבן: פּאַר וועלכע זכות־אָבות?) האָב
איך זוכה געווען דערצו, אַז אַפילו אַ האָר אויף מיין קאָפּ זאָל נישט געקרימט
ווערן, ווען דער גרויסער „עונש” האָט זיך אויף אונדז אַראָפּגעלאָזט? פּאַרוואָס
בין איך און טויזנטער אַזעלכע ווי איך געשוינט געוואָרן, בשעת אַזוי פיל שלו־
מי אמוני ישראל אין פּוילן (נישט מער זינדיקע ווי דער ליובאַוויטשער רבי
מיט זיינע היגע חסידים) זענען באַשטראָפט געוואָרן? אָבער נאָך וואָס „פּאָלעמי־
זירן” מיטן ליובאַוויטשער רבין? אויך זיין „פּירוש” איז מיר לייכטער אָנצונע־
מען ווי דעם „פּירוש” פון אַ פּראָמינענטן מזרחי־רב (אַ תלמיד־חכם מיט אַ
גרויסן יחוס), וואָס האָט, אין מיין בייזיין, געפּרוווט געבן אַ „טעאָלאָגישע”
אויסטייטשונג פּאַר אונדזער אומגליק אין אייראָפּע. פּאַר אים איז דער ריבונו־
של־עולם אַ גוטער „פּאָליטישער ציוניסט” (פּאָליטישער ציוניזם איז, אַזוי צו
זאָגן, איינער פון גאָטס אומענדלעכע אַטריבוטן, פון וועלכע שפּינאָזאַ, אין זיין

באַגרענעצטקייט, האָט תופס געווען בלויז צוויי). דער שומר־ישראל האָט געוווסט שוין מכמה יאָרן — ער איז מסתמא אַ פּלייסיקער לייענער פון גאַזעטן — אַז אין די הויכע פענצטער אויף דער וועלט נוצט מען קעגן ציוניזם אַן אַרגומענט: ארץ־ישראל איז צו־קליין, אַז מ׳זאָל דאָרט קענען לייזן די פּראָבלעם פון אַזאַ גרויסער צאָל ייִדן. וואָס־זשע טוט גאָט? האָט ער (דורך היטלערן!) אפשר בכיוון פאַרקלענערט די צאָל ייִדן, כדי... אָפּצושלאָגן יענעם אַרגומענט. אָט אַזאַ מין דעבאַטאַנט איז דער יושב־במרומים, און אָט אויף אַזאַ אופן „געווינט" ער אַ פּאָליטישע דיסקוסיע, נישט ווי מיר, לאָ־יוצלחדיקע בשר־ודמס. ביי יענער מסיבה, ווו דאָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן, זענען געזעסן נאָך עטלעכע ייִדן מיט פּאַספּאָרטן פון פרומקייט — און קיינער פון זיי האָט קיין קריעה נישט געריסן ווען זיי האָבן געהערט אָט דעם חילול־השם. ווי קען מען שוין נאָך דעם האָבן טענות צום ליובאַוויטשער, אָדער אין כעס זיין אויף אַ דאָמיניקאַנער אין אָקספּאָרד?...

**
*

אָבער נישט דאָס איז דער עיקר. דער עיקר איז, וואָס ער זעט איצט פאַראויס פאַר מאָדערנע ייִדן אַ גרויסע צוקונפט און אַ ר׳ייכע „ירושה". אַ סך פון די ייִדישע קדושים אין אייראָפּע, ווייס ער, זענען אומגעקומען ווי שאָף אין דער יאַטקע — אָן אמונה, נישט „על קידוש השם", אָן אַ בליק אין דער אייביקייט. זיי זענען געווען ווי זאַנגוויל האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, „פּאַסיווע מאַרטירער": נישט זיי האָבן אָוועקגעגעבן זייערע לעבנס, נאָר די לעבנס זענען ביי זיי צוגענומען געוואָרן — און קיין שום ברירה איז פאַר זיי נישט געשטאַנען. זיי זענען אומגעבראַכט געוואָרן נישט פאַר זייער אמונה, וועלכע זיי וואָלטן געקענט אויסבייטן אויף אַן אַנדערער און האָבן דאָס נישט געוואָלט טאָן אויס טרייהייט צו זייער גאָט (דעמאָלט וואָלטן זיי געווען אַקטיווע מאַרטירער), נאָר פאַר זייער ראַסע, וואָס קען נישט געביטן ווערן. דער דאָמיניקאַנער שרייבער געפינט אָבער אַ טרייסט אין זיין השערה: היות ווי ביי ייִדן זענען ראַסע און רעליגיע ענג פאַרבונדן, האָבן פיל פון די דערמאָרדעטע ייִדן אין די לעצטע מינוטן פון זייער לעבן זיך אומגעקערט אין האַרצן צום גאָט פון ישראל. דערפון וואָלט מען געקענט מיינען, אַז ער זעט פאָרויס אַ פּראָצעס פון תשובה־טאָן ביי די וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון אַ מאַרטירער־טויט, זייער אומקערן זיך „צום גאָט פון ישראל" (אָנגענומען אַז פריִער האָבן זיי זיך פון אים אָפּגעקערט). קומט אָבער אונדזער דאָמיניקאַנער און איז זיך סומך אויף ידיעות פון פּאַריז, אַז אין די לעצטע פינף יאָר איז די צאָל ייִדן, וואָס זוכן „דערלייזונג" אין דער קאַטוילישער קירכע, געוואָרן אומגעהויער גרויס. אָט דאָס, האַלט ער, איז די

טענדענץ, וועלכע ער באַצייכנט אַלס „אַ באַוועגונג אין דער ריכטונג פון רעליגיע" (סתם רעליגיע אָדער עכטע רעליגיע איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, קאַטאָליציזם). דער דאָמיניקאַנער שרייבער שאַצט אָפּ די דאָזיקע „באַוועגונג" און רופט די קאַטוילישע וועלט איר „אַנטקעגנקומען". ער איז גענוג אינטעליגענט צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ היסטאָרישע זכרונות די קאַטוילישע קירכע רופט אַרויס ביי ייִדן און ווי אַזוי זיי קענען זיין אַן עיכוב פאַר זייער שמדן זיך — פאַר אַלעמען, די אינקוויזיציע. אָבער אויך אויף דעם האָט ער אַ תירוץ: „מיר ווילן נישט באַרעכטיקן אַלע מעטאָדן פון דער אינקוויזיציע, אָבער די מיינסטע צווישן אונדז וועלן מסכים זיין, אַז טאָרקוועמאַדאָ איז געווען אַ מלאך אין פאַרגלייך מיט היטלערן, שטרייכערן און זייער קאָמפּאַניע. די אינקוויזיטאָרן האָבן געהאַט צו טאָן מיינסטנס מיט די וואָס זענען, לכל־הפחות נאָמינעל, געוואָרן קריסטן, האָבן זיך (נאָך דעם) אין געהיים אומגעקערט צום ייִדנטום און האָבן זיך אויף אַזאַ אופן שולדיק געמאַכט פאַר דעם קירכן־געריכט. זיי (די אינקוויזיטאָרן) האָבן אויפריכטיק געגלייבט, אַז די צערעמאָניע וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען אויטאָ־דאַ־פע, אַן אַקט פון גלויבן, איז אַן עכטע תשובה פאַרן אַזוי גערופענעם אַפּיקורס. זייער שטרענגע האַנדלונג איז אויך געווען אַ פועל־יוצא פון רעליגיעזער ליידנשאַפט. אַ געוויסן זכות קען מען געפינען אויך אין דעם פאַקט, וואָס זיי האָבן געהאַנדלט און זיך אויפגעפירט לויט דעם אָנערקענטן סטאַנדאַרד פון יענער תקופה".

דער מאָדערנער ייִד דאַרף, הייסט עס, נישט צופיל פאַראיבל האָבן אויף דער קאַטוילישער קירכע פאַר איר אַמאָליקער אינקוויזיציע: זי האָט געמיינט נישט דעם ייִד נאָר דעם „אומגלויבן" אינעם ייִד; בעת היטלערן האָט נישט אינטערעסירט אין וואָס אַ ייִד גלייבט, ווייל זיין עצם עקסיסטענץ איז אים געווען דערווידער. דער דאָמיניקאַנער שרייבער מאַכט זיך אָבער תמעוואַטע, ווען ער „פאַרגעסט", אַז יענע משומדים וואָס האָבן זיך אין געהיים אומגעקערט צום ייִדנטום און דערמיט זיך פאַרשולדיקט קעגן דער קירכן־יוריספּרודענץ, האָבן נישט סתם אָנגענומען דעם קאַטוילישן גלויבן, נאָר זענען אין אים אַריינגעצוווּנגען געוואָרן בעל־כרחם; אַז זייער „ווערן קריסטן" איז אַליין געווען אַ פועל־יוצא פון גרויזאַמע נגישות. ווי אַזוי זאָל אַ נישט־פאַרבלענדעטער נישט־ייִד וועלן פאַרגעסן, אַז די אינקוויזיציע איז נישט געווען קיין צופעליקער עפּיזאָד אין דער געשיכטע פון דער קאַטוילישער קירכע, נאָר אירס אַ לעגיטים און „כשר" קינד; אַז די קירכע האָט געקענט גלייבן אַז דורך פאַרברענען אַן „אַפּיקורס" אויפן שייטערהויפן רופט מען אין אים אַרויס תשובה און אין גאָט — מחילה? די אינקוויזיציע איז געווען אַן אָרגאַנישע דערשיינונג אין קאַטאָליציזם מחמת אַ פאַרשטעלונג פון וועלכער די קירכע איז זיך נישט בכוח צו באַ־

פרייען ביזן היינטיקן טאָג: אַז ווער עס גייט אָוועק פון דער וועלט נישט גע־
טויפט (און דווקא לויטן רוימישן נוסח) איז פאַרמשפט צום אייביקן „ברענען
און בראָטן" אויף יענער וועלט. גאָט אַליין וועט מאַכן שייטערהויפנס פאַר די
„נישט־גלויביקע", טאָ פאַרוואָס דאַרפן קאַטוילישע בשר־ודמס זיי שאַנעווען
אין זייער ערדישן לעבן? גאָט אַליין איז אַן אינקוויזיטאָר און אַ תליון פאַר אַזאַ
חטא ווי נישט קענען זען „דאָס אמתע ליכט", טאָ פאַרוואָס זאָלן אים ערלעכע
מענטשן נישט נאָכטאָן? פון אויגוסטינען אָן, ביז די גאָר לעצטע דורות, איז
דאָס פאַקטיש געווען אַ גלויבנס־אַרטיקל אין דער קאַטוילישער וועלט (אַנט־
קעגן דער ייִדישער פאַרשטעלונג אַז ס'איז כלל נישט נויטיק צו זיין אַ ייִד כדי
צו האָבן אַ חלק אין עולם־הבא, אַז „חסידי אומות העולם" וועלן אין דער פרט
זיין גלייך מיט ייִדן).

„קיין מענטש קען נישט קריגן קיין דערלייזונג און קיין אייביק לעבן, אויב
ער האָט נישט קריסטוסן פאַר זיין קאָפּ, און קיין מענטש קען נישט האָבן קריס־
טוסן פאַר זיין קאָפּ, אויב ער איז נישט קיין גליד אין זיין קערפּער, די קירכע",
אָדער אַביסל אין אַן אַנדער נוסח: „קיין מענטש קען נישט האָבן גאָט פאַר זיין
פאָטער, אויב ער האָט נישט די קירכע פאַר זיין מוטער" — פון וועמען האָבן
קאַטאָליקן געהערט אַזעלכע ווערטער? נישט פון קיין קלענערן, ווי אויגוסטין.
נישט־קאַטאָליקן זענען נישט גאָטס קינדער, איז וואָס זענען זיי יאָ? אויסוואָרפן,
שדים, רוחות. פאַרוואָס־זשע זאָל מען זיי נישט ברענען און מאָרדן? די זעלבע
שטימען הערן מיר אין דער באַקאַנטער פלאָרענטינער דעפיניציע, אין דער
דערקלערונג פונעם פערטן לאַטעראַנער קירכן־ראַט, פונעם קירכן־ראַט אין
טרענט (אַזוי שפּעט ווי אין 1515), און ווו נישט? און צוליב וואָס דאַרף מען
גיין אַזוי ווייט ווי אין זעכצנטן יאָרהונדערט? אַפילו אין נײַנצנטן יאָרהונדערט
(דאָס יאָרהונדערט פון קאַטוילישן „ליבעראַליזם") האָבן מיר געהערט פון
פויפסט פּיוס דעם נײַנטן, אין זיין פאַנאַטישער דערקלערונג פון 1854, אַז:

„עס דאַרף געהאַלטן ווערן ווי אַן עיקר־אמונה, אַז אויסערהאַלב דער אַפּאָס־
טאָלישער רוימישער קירכע קען קיין מענטש נישט דערלייזט ווערן, ווייל זי
איז די איינציקע תיבה אין וועלכער מ'קען זיך ראַטעווען". אַלץ איינס ווען די
אינקוויזיציע האָט עקסיסטירט און וואָס עס זאָלן היינט נישט זאָגן וועגן איר
די „אויפגעקלערטע" קאַטאָליקן, אַזוי לאַנג ווי יעדער נישט־קאַטאָליק איז
פאַרמשפט צו זיין אייביק אין גיהנום, איז די קירכע אויך היינט אינקוויזיטאָ־
ריש אין איר וועזן, אויב נישט אין איר האַנדלונג. ווער ס'איז נישט אויסגעכאָ־
וועט געוואָרן אין דער לופט פון אַזאַ טומאה, מוז זיין אַ דעגענעראַט, כדי, אַפילו
אין די ערגסטע קריזיסן פון זיין לעבן, זאָל אים ציִען און לאָקן צו דער קאַטוי־

לישער קירכע. און אויף אַזעלכע דעגענעראַטן צווישן יידן האָפן איצט, ווייזט אויס, די געבילדעטע דאָמיניקאַנער און אַנדערע נשמה־רעטער...

**
*

די איראָניע פון דער זאַך: זיי „קומט נאָך אַרויס". דייטשלאַנד האָט אָפּגעלעבט אַ קיימאַ־לן פון טויזנט יאָר אַלס קריסטלעך פאָלק און נאָך דעם פאַרענדיקט מיט נאַציזם און מיט גאַז־קאַמערן; קיין שפּאַניע איז דער קאַטאָליציזם אָנגעקומען פריִער ווי אין מייַנסטע אייראָפּעיִשע לענדער, זי האָט אַפילו קיין „אַפּיקורסישע" רעפאָרמאַציע נישט דורכגעמאַכט, און האָט פאַרענדיקט איר ציקל מיט גענעראַל פראַנקאָ; פוילן איז יאָרהונדערטער געווען די פעסטונג פון קאַטאָליציזם קעגן מזרח־אייראָפּעיִשן „באַרבאַריזם". אָבער שוין נאָך איר זעקסיאָריקן נייעם מאַרטירערטום אונטער די נאַציס, זוכט זי אומצוברענגען דאָס לעצטע רעשטל פוילישע יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון די נאַציס — אָבער אָנשטאָט צו רעדן וועגן באַנקראָט פון דער קריסטלעכער ציוויליזאַציע און קריסטלעכער דערציִונג; אָנשטאָט צו מאַכן אַ שטרענגן חשבון־הנפש מיט זיך אַליין, פאָדערן געלערנטע קאַטאָליקן, אַז מיר זאָלן נאָך אַלעמען זיך דערקלערן פאַר באַנקראָט און זוכן דערלייזונג ביי זיי. דערלייזונג... נישט־ווילנדיק דערמאָנט מען זיך אָן ביטשעז: „איך קען מיר מיינע קריסטן און איך זע זיי יעדן טאָג; זייער רעליגיע, זאָגן זיי, איז דערלייזונג, אָבער טוט נאָר אַ קוק אויף זיי — זיי זעען נישט אויס ווי דערלייזטע". לאָמיר פאַרגעסן אויף אַ מינוט אָן ביטשעס עקסטראַוואַגאַנצן. וואָס מיר זאָלן פון אים נישט דענקען, אָבער „אַ נאָז" האָט ער פאַרמאָגט אַן אויסגעצייכנטע, און מיט זיין חוש־הריח האָט ער דערשפּירט שאַרפער ווי ווער עס איז אין די לעצטע דורות: אַז אַלץ איינס וואָס קריסטנטום זאָל נישט זיין אַן און פאַר זיך, די „קריסטלעכקייט", די קאָנקרעטע קריסטלעכע וועלט איז פאַרדיבוקט — און אַ סך ערגער ווי אַנדערע חלקים פון דער מענטשהייט.

1946.

אַ שמועס אין פּאַנאַמאַ

פון דער גרויסער וועראַנדע אין מיין האָטעל קען איך לייכט זען, וואָס עס טוט זיך אין „אויסלאַנד״. מיין האָטעל ליגט אין דער קאַנאַל־זאָנע — יורידיש, הייסט עס, אויף אַמעריקאַנער באָדן. אָבער געציילטע שריט, אַראָפּ פונעם בערגל, ווינקען צו מיר די ביימער פון אַ טראָפּישן פּאַרק, וואָס געהערט שוין צו דער „זעלבשטענדיקער״ רעפּובליק און צו דער שטאָט פּאַנאַמאַ. איי־בער די אַלייען פונעם פּאַרק מאַרשירן פּראָצעסיעס. ניינציק פּראָצענט פון זייערע אָנטיילנעמער זענען שול־קינדער, באַשוכטע און באָרוועסע, און אין צו־להכעיס צעבראָסטעטע העמדער — געפירט פון זייערע לערערס און לערערינס. זיי טראָגן ריזיקע פּלאַקאַטן און נאַציאָנאַלע פענער. זיי זינגען דעם נאַציאָנאַלן הימן מיט פרישע קינדערשע קוויטש־שטימעלעך, און „פּאַרטיליקן״ אַמעריקע מיט זייערע אויסגעשרייען: „נידער מיטן יענקי־אימפּעריאַליזם״, „נידער מיטן דאָלאַר־מיליטאַריזם״, „כבוד איז וויכטיקער פון ברויט״, „פּאַנאַמאַ האָט פאַר קיינעם קיין מורא נישט״, „נידער מיט הערי טרומאַן״, „הוראַ פאַר סימאָן באָ־ליוואַר״. דאָס קליינוואַרג קעמפט שוין עטלעכע טעג קעגן דעם הסכם וואָס די פּאַנאַמאַ־רעגירונג האָט אונטערגעשריבן מיט וואַשינגטאָן וועגן נייע מיליטע־רישע און פלאָטן־באַזעס אויף גאַנצע צוואַנציק יאָר. די שולעס זענען געשלאָסן. סיי די לערערס און סיי די תלמידים שטרייקן שוין היפּשע עטלעכע טעג. זיי וועלן זיך נישט באַרויקן ביז דער פּאַרלאַמענט וועט נישט אָפּוואַרפן דעם „שענדלעכן״ אָפּמאַך: פּאַנאַמאַ דאַרף זיין פריי; פריי און זעלבשטענדיק. מיינע באַוואָפנטע לאַנדסלייט — אַמעריקאַנער מיליטער־פּאָליציי — שטייען ביי די טרעפּ פון מיין האָטעל און הערן זיך צו צום ליאַרעם וואָס טראָגט זיך פונעם פּאַרק. איך ווייס, אַז זיי האָבן שטרענגע אינסטרוקציעס נישט אַריבערצוגיין „די גרענעץ״ און לאָזן די קלענערע און באַיאָרטע פּראָטעסטאַנטן „וואַיעווען״ וויפל זיי ווילן. זיי האָבן פאַרנומען „גרענעץ״־פּאָזיציעס גאָר צוליב עפּעס אַנ־דערש: נישט דורכצולאָזן קיין אוניפאָרמירטע אַמעריקאַנער, אַלץ איינס צי סאָלדאַטן אָדער אָפיצירן, אין שטאָט אַריין. די אַטמאָספערע איז אַן אָנגעצוי־גענע און די אַרמיי וויל נישט קיין „טראָבל״ מיט דער באַפעלקערונג.

דער נעגער־קעלנער טראָגט מיר צו מיין פאַרציע קאַלטן אָראַנזשן־זאַפט און טוט אַ ווונק צו מיר ווי אַן אייגענער צו אַן אייגענעם. ער איז בפירוש אַ געבוירענער אין פּאַנאַמאַ, אָבער אַז מען רעדט צו אים שפּאַניש איילט ער זיך

נישט צו דערהערן. ער באַדינט שוין יאָרן־לאַנג אַמעריקאַנער גענעראַלן און אַדמיראַלן — און דערמיט אַליין געהערט ער שוין אין דער קאַנאַל־זאָנע, און „שטאַט“, מיינט ער, פאַדערט, ער זאָל רעדן ענגליש. שמייכלט ער און זאָגט:

„האַו דו יו לאַיק טהי קידס“? פרעגט זיי בחרם, וואָס דער אָפּמאַך מיט אַמעריקע איז — קיינער פון זיי וועט אייך נישט קענען ענטפערן. דעמאָנסט־רירן זענען זיי אָבער גרייט טאָג און נאַכט, אַבי נישט צו גיין אין שול. איצטער ברענען זיי אַ וועלט: די לערערס שטרייקן. מ׳זאָגט, אַז קאָמוניסטן האָבן אונ־טערגעקויפט די פירער פון לערער־סינדיקאַט, אַבי צו שאַפן שוועריקייטן פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן. וואָס, איר גלייבט נישט? כ׳האָב עס געהערט מיט די אייגענע אויערן... איר פאַרשטייט דאָך אַז פון וויכטיקע מענטשן.

***

פונעם פאַרק קומען אָן נייע אויסגעשרייען: „בידער מיט גענעראַל מאַר־שאַל!“

מיין גאַסט פאַר מאַלצייט זיצט מיט מיר ביי אַ זייטיקן טיש פונעם גרויסן „טיוואָלי“־עס־צימער, זופט פאַמעלעך זיין קאַפע, רויכערט אַ ביליקן סאָרט האַוואַנאַ־סיגאַר און האַלט זיך אין איין בייזערן:

„דעמאָנסטראַציעס האָט זיך זיי פאַרוואָלט! וואָס ווילן זיי דערמיט פועלן? און אַז דער פּאַרלאַמענט וועט זיך שוין אָננעמען מיט מוט און וועט זיך אָפּזאָגן צו ראַטיפיצירן — וואָס וועט דעמאָלט זיין? ס׳איז נישטאָ אין פּאַנאַמאַ קיין איין בירגער וואָס קען זיך מיט מיר פאַרמעסטן אין פּאַטריאָטיזם, אָבער פּאַנאַמאַ איז סיי־ווי־סיי אַן אַמעריקאַנער קאָלאָניע. הייסן הייסט עס, אַז אַמעריקע איז ביי אונדז נישט מער ווי אַ „קוואַרטיראַנט“; אָבער צי האָט איר שוין געהערט אַמאָל פון אַ לאָקאַטאָר וואָס האָט מיטן בעל־הבית אַ קאָנטראַקט עד סוף כל הדורות, אַז מ׳זאָל קיין מאָל און אונטער קיין שום אומשטענדן נישט קענען פּטור ווערן פון אים? אָט אַזאַ קאָנטראַקט האָט אַמעריקע אויף דער קאַנאַל־זאָנע. איך בין געווען פאַראַיאָרן אַ פּאָר וואָכן אין פּאַריז, האָב איך זיך פּשוט דאָרט געשעמט צו זיין אַ פּאַנאַמער. אין אַ הויז וווּ איך בין געווען איינגעלאַדן פאַר אָוונט־ברויט, איז אַ קליין מיידעלע געווען דערשטוינט צו הערן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ לאַנד וואָס הייסט פּאַנאַמאַ. זי איז געווען זיכער אַז פּאַנאַמאַ איז פּשוט אַ פראַנצויזיש וואָרט — און מיינט דאָס זעלבע וואָס „שווינדל“. גיי דערצייל איר, אַז דער שווינדל קיין פּאַנאַמאַ איז אַמאָל געקומען טאַקע פון איר אייגענער פּאַריז — און אַז איר לאַנדסמאַן, פערדינאַנד דע לעסעפּס, איז געווען פאַרבונדן מיט דער גרעסטער „אַפערע“ פונעם נייַנצנטן יאָרהונדערט; מיט פּאַרטאַכלעווען און צוגנבענען 300 מיליאָן דאָלער פון ערלעכע און שפּאָרעוודיקע פראַנצויזישע

קליינבירגער. אויב מיר איז ווייניק דאָס קליינע מיידעלע מיט איר פראַנצויזישער „עטימאָלאָגיע”, האָט זי נאָך אַן עלטערן ברודערל, וואָס גיט איר צו פאַרשטיין אַז פּאַנאַמאַ איז בפירוש אַ לאַנד; אַז זייער אָנקל טראָגט זומער אַ שטרויענעם פּאַנאַמאַ־הוט, אָבער ער האָט נישט לאַנג אויסגעפונען, אַז די פּאַנאַמאַ־היט ווערן גאָר געמאַכט אין עקוואַדאָר. פּלאַצט דאָס מיידעלע אַרויס מיט אַ געלעכטער: איז דאָך דאָס ערשט אַ באַוויז, אַז פּאַנאַמאַ הייסט אַ שווינדל! זוכט נאָך דעם דער בעל־הבית צו ראַטעווען די סיטואַציע און גיט דאָס מיידעלע צו פאַרשטיין, אַז מ׳דאַרף זאַכן נישט נעמען אַזוי בוכשטעבלעך: אָט, צום ביישפּיל, האַוואַנאַ־סיגאַרן ווערן גאָר געמאַכט אין מעקסיקע. אמת, כ׳האָב זיך אין דעם מיידעלע אַביסל נוקם געווען. כ׳האָב זי אַ פרעג געטאָן: וואָס הייסט אויף פראַנצויזיש „פראַנס”? ענטפערט זי מיר, אַז „פראַנס” איז סתם דער נאָמען פונעם לאַנד, און אַז דאָס וואָרט אַליין הייסט „גאָרנישט”, ס׳איז נישט קיין וואָרט בכלל. פּאַנאַמאַ, דערקלער איך איר, איז אָבער יאָ אַ וואָרט, און עס מיינט „אַ שפּע פון פיש”. איז דאָס קליינע פראַנצויזישע נפשל נייגעריק און עס וויל וויסן, אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך איז דאָס וואָרט. זאָג איך איר, אַז דאָס איז אינדיאַניש. שטרעקט זי אויס אַ פאַרוווּנדערט פּנימל: אויף אינדיאַניש? זענען נאָך דען פאַראַן אינדיאַנער? כ׳האָב געמיינט, אַז מ׳האָט זיי שוין לאַנג, לאַנג אַלע אויסגעהרגעט...”

איך אונטערברעך מיין גאַסט:

— וואָס נעמט איר זיך אַזוי צום האַרצן, וואָס עפּעס אַ מיידעלע אין פּאַריז האָט געמיינט אָדער געזאָגט? ווו איז דאָ די טראַגעדיע? אַנגעהויבן אונדזער שמועס האָבן מיר דאָך פון אַמעריקאַנער באַזעס.

— יאָ, באַזעס... אָבער פאַרוואָס מיינט איר, אַז מיר זענען אַוועק פון אונדזער טעמע? די באַזעס זענען נישט מער ווי אַן עטאַפּ אויף אַ לאַנגן וועג, אַ וועג פון יאָרהונדערטער, וואָס האָבן געפירט צו שקלאַפערייַ. אָנגעהויבן האָבן שפּאַניער. צוגעלייגט אַ האַנט האָבן אין פאַרשיידענע צייטן די ענגלענדער. איז אייך באַקאַנט דער נאָמען הענרי מאָרגאַן מיט זיין פּיראַטישער מאָרד־און־רויב־עקספּעדיציע? — פאַרענדיקן ווילן אין מיינע יאָרן די אַמעריקאַנער. ס׳איז נישט קיין פראַגע פון דער באַזע אָדער יענער באַזע, וויכטיק איז, וואָס די ווייסע אַריינדרינגער האָבן פאַרממזרט מיין פאָלק, מיין ראַסע (אַנטשולדיקט פאַרן אויסדרוק; איך ווייס, אַז ער איז איצט נישט פּאָפּולער). יאָ, פאַרממזרט מיין ראַסע און דערשטיקט איר ציוויליזאַציע...

מיר זענען ביידע אַ ווײַלע שטיל געבליבן. נאָך וואָס זאָל איך לייקענען? פונעם וואָרט „ראַסע” איז מיר מיט אַמאָל געוואָרן אומהיימלעך. צווישן מיר און מיין מיטשמועסער האָט זיך ווי אַוועקגעשטעלט אַ טויבע און פינצטערע

מחיצה. איך בין נישט שטאַרק בקי אין דער געשיכטע און דער עטנאָגראַפיע
פונעם לאַנד, אָבער איך האָב זיך אָנגעהויבן דערמאָנען דאָס ביסל וואָס ס'איז
צו מיר דערגאַנגען. דאָס פּאַנאַמער פאָלק, ווייס איך, איז אַ געמיש, אפשר מער
געמיש, דאַכט זיך, ווי די באַפעלקערונג אין אַנדערע לאַטייַן־אַמעריקאַנער לענ־
דער. ס'איז פאַר אַלעמען, אַ געמיש פון אינדיאַנער. פאַר אונדז, ווייסע, זענען
— אויב מיר גייען נישט צו נענטער צו דער זאַך — אַלע אינדיאַנער גלייך:
דער אינדיאַנער פון סאַסקאַטשעוואַן אָדער אַלאַסקאַ און דער אינדיאַנער פון
דער אַרגענטינער פּרעריע געהערן צו איין „פאָלק”. מיר פאַרגעסן אַז דאָס איז
נישט מער ווי אַ טעכנישער נאָמען, מיט וועלכן מיר באַצייכענען אַלע שבטים
און פעלקער, וואָס דער ווייסער מענטש האָט געפונען אין די אַמעריקעס און
האָט נישט געוווּסט ווער און וואָס זיי זענען. אָבער אין פאַנאַמאַ, געדענקט זיך
מיר, האָבן זיך באַגעגנט אינדיאַנער אי פון צפון און אי פון דרום, אַ שטראָם
פון העזהדיקער, אַוואַנטוריסטישער עמיגראַציע איז אַמאָל אַהער געגאַנגען
אַפילו פון באָליוויע און פּערו. ציוויליזירטע און נישט־ציוויליזירטע „אינדיאַ־
נער” האָבן זיך דאָ באַגעגנט, זיך דערנענטערט, זיך געמישט און מסתמא אויס־
געמישט. שפּאַניער האָבן נאַטירלעך נישט קיין קלײנעם חלק אין דעם בלוט
פונעם איצטיקן פאַנאַמאַ־פאָלק: די שפּאַנישע אַריינדרינגער האָבן נישט באַ־
טראַכט די אינדיאַנער פרויען פאַר מוקצה, און די קירכע האָט אַפילו אַוועקגע־
קוקט אין אַ זייט, ווען עס זענען געבוירן געוואָרן קינדער אָן חופה וקידושין.
נעגער זענען אַהער געבראַכט געוואָרן פון די וועסט־אינדיעס, כינעזער זענען
אימפּאָרטירט געוואָרן אויף צו בויען די אייזנבאַן אויף דעם שמאָלן שטח צווישן
די צוויי אָקעאַנען. זאָלן מיר דערביי מוחל זיין מיינע אַמעריקאַנער לאַנדסלייט:
צוריק מיט אַ הונדערט יאָר, אין די משוגענע טעג פון דער גאָלד־בהלה, איז פּאַ־
נאַמאַ געווען איינע פון די וויכטיקסטע דורכגאַנג־סטאַנציעס צו די פאַבלהאַפ־
טע אוצרות פון קאַליפאָרניע, און — ווי אַזוי זאָל איך זיך דאָ אויסדריקן, אַז
פּוריטאַנער זאָלן אויף מיר קיין פאַראיבל נישט האָבן? — אין זייערע לאַנגע
אַכסניה־חדשים האָבן זיך די שפּעטערדיקע מיליאָנערן נישט אָפּגעזאָגט פון
אַזאַ מצווה ווי פּריה־ורביה. וואָס קען הייסן אין פּאַנאַמאַ אַ ראַסע? ווער גע־
דענקט און ווער ווייסט דאָ אויף זיכער, פון וועמען און פון וועלכן שורש ער
שטאַמט? ווער איז דאָ „ריין” און וועמען האָט מען דאָ „מטמא” געווען?

ווונדערט זיך נישט מיין גאַסט אויף מיינע אַלע קשיות. ער ווייסט די עם־
הארצות פון ווייסע וועגן דער אמתער, אורשפּרינגלעכער אַמעריקע. פאַרוואָס,
זאָגט ער, בין איך מחויב וועגן דעם צו וויסן מער ווי עס ווייסט אַ דורכשני־ט־
לעכער אינטעליגענטער פּאַנאַמאַ־בירגער?

— וואָס קענט איר דאָ זען און וואָס קענט איר דאָ פאָרשן? — ווען איר

קומט אין אונדזער לאַנד, זעט איר בלויז די הויפּטשטאָט אָדער איר מאַכט אַ באַזוך אין קאַלאַאָ, וואָס איז נאָך מער „קאָסמאָפּאָליטיש״ ווי די הויפּטשטאָט. ווער פון אייך האָט אַמאָל באַזוכט די ווייטערע געגנט, צווישן ריאָ טאַבאַסאַראַ און גאָלפאָ דולטשע? איך מאַך אייך נישט קיין פאָרוואורף. קיין האָטעלן וועט איר דאָרט נישט געפינען; דאָרט זענט איר אָנגעוויזן בלויז אויף דער הכנסת־אורחים פון די אָרעמע איינוווינער. אָבער יענע איינוווינער, וואָס אָפט מאָל קענען זיי גאָר קיין שפּאַניש נישט רעדן, זענען עס דאָס אמתע פּאַנאַמאַ־פאָלק, און זייער ציוויליזאַציע האָבן די ווייסע מענטשן דערשטיקט. איך בין איינער פון זיי. איך בין אַ טשיריקי, וועמען דער מזל האָט פאַרטראָגן פריִער אין אַ יעזויִטישער שולע, נאָך דעם אין איין אוניווערסיטעט, שפּעטער אין אַ צווייטער. מיין קאָפּ איז אָנגעפּילט מיט שטאָפן וואָס זענען אייך באַקאַנט. לויט בילדונג, אויב איר ווילט, בין איך אַן אייראָפּעער. אָבער מיין שורש איז דאָרט — ביי די אינדיאַנער, ביי די „האַלב־ווילדע״; ביי די וואָס קענען קיין שפּאַניש נישט רעדן און וואָס כאָטש זיי זענען נישט קיין ערגערע קריסטן פון אונדזער ערצבישאָף, האָבן זיי נאָך אַלץ הנאה פון צו דינען אַן אַמאָליקע פּרימיטיווע געטשקע. דאָרט איז מיין שורש און מיט זיי איז מיין האַרץ. איך בין אַ טשיריקי...

— קיין מאָל, מוז איך זיך מודה זיין, האָב איך דעם נאָמען נישט געהערט

— טשיריקי?!

— טשיריקי. קענט איר זיך פאָרשטעלן, אַז מיינע אַמאָליקע אָבות האָבן געוווּסט פונעם מבול, נאָך איידער די שפּאַניער זענען צו אונדז אָנגעקומען און אונדז באַקאַנט געמאַכט מיט דער ביבל? אין די עלטסטע שפּאַנישע כראָניקעס ווערט דערציילט וועגן דעם ווי גיל גאָנזאַלעז האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַרן דעמאָלטיקן הערשער פון די טשיריקיס, ניקאַראַגואַ. דער לעצטער האָט געפרעגט דעם שפּאַנישן מיליטער־מאַן, צי ווייסט ער וועגן מבול? און צי פאַרשטייען זיינע מענטשן, פאַרוואָס די געטער האָבן פאַרפלייצט די וועלט? און צי ווייסן זיי, אויב אַ צווייטער מבול וועט נאָך ווען עס איז ווידער פאָרקומען? איך ווייס, איך ווייס. איר וועט מיר באַלד דערמאָנען אַז די מבול־לעגענדע איז אַן אוניווערסאַלע; אַז זי איז אַ טייל פון פאָלקלאָר כמעט ביי אַלע שבטים און אַלע טיילן פון דער וועלט. וואָס וועט איר דערמיט באַווייזן? נישט מער, אַז יענע שבטים זענען גאָרנישט אַזעלכע ווילדע ברואים, ווי איר באַצייכנט זיי; אַז אויך זיי האָבן פאַרמאָגט אַמאָל זייערע אייגענע און אפשר גאַנץ גרויסע ציוויליזאַציעס. אָבער אַלץ איינס: ס׳איז נישט מיין עובדה איצטער צו פאַרגלייכן מיין פאָלק מיט אַפריקאַנער שבטים אָדער מיט פאָלינעזער. די שפּאַניער, ווי זיי אַליין דערציילן, האָבן אין פּאַנאַמאַ געפונען מענטשן, וואָס האָבן אין משך פון יאָרן אויסגעאַרבעט זייערס אַן אייגענעם לעבנס־שטייגער, זייערע אַן אייגענע

עטיק און עסטעטיק, זייערע אייגענע (און גאַנץ ראַפינירטע) באַגריפן פון גאַ־לאַנטקייט און ריטערלעכקייט. אין דער געגנט פון וועלכער איך שטאַם טראָגן נאָך איצטער נישט־פאַרהייראַטע פרויען אַ גאָלדענעם שילד אויף איין ברוסט — דערמיט אָנצוזאָגן די אַרומיקע אַז זי איז נאָך אַ בתולה — און אַז זי איז אַן אשת־איש וועט זי קיין מאָל נישט פאַרגעסן אַרויפצולייגן גאָלדענע שילדן אויף בײדע ברוסטן. ס'אַן אַלטער מנהג אַזאַ און איך וואָלט גערעאַטן אויך מענטשן פון „העכערע" ציוויליזאַציעס, אַז זיי זאָלן איינפירן אַן ענלעכן מנהג ביי זיך: אפשר וועלן זייערע משפחות דעמאָלט ווערן ריינער ווי זיי זענען היינט. ס'אַ שאָד וואָס ס'איז אייך נישט לייכט צו לייענען שפּאַניש. כ'וואָלט אייך געגעבן בענדער פון שפּאַנישע פנקסים — פון מיליטער־מענטשן, פון גייסטלעכע, פון סוחרים און פּיראַטן — וואָס וואָלטן אייך דערציילט, וואָס פאַר אַ פאָלק זיי האָבן דאָ געפונען. אָבער אויך היינט וועט איר זען, אַז טשיריקיס האָבן אין זינען אַן ווערטער, בלויז דורך אַ מין קינסטלערישער סיגנאַליזאַציע, מודיע צו זיין אין וואָס פאַר אַ געמיט אָדער שטימונג זיי זענען. אויב ער איז אַן אָבל, וועט ער נישט אַרויסגיין אין דרויסן, סיידן ער וועט פרי:ער אויסמאָלן אויף זיין פנים מיט פאַרב אַ געוויסן סימן. לויט דער פאַרב אָדער לויט דער ליניע אויפן פנים — אַ גלייכע, אַן אויסגעקרימטע, אַ לענגערע אָדער אַ קירצערע — דער־קענט מען ביי זיי צי איז ער איצטער פאַרליבט, צי ער גייט שעכטן אַ קרבן פאַר איינעם פון זיינע געטער, צי גייט ער תפילה־טאָן אויף אַ געהייליקטן אָרט. די אַרומיקע וויסן דעמאָלט, צי דאַרף מען אים לאָזן אַליין און אין שווייגנדי־קער איינזאַמקייט; אָדער, פאַרקערט, מען דאַרף אים עפּעס זאָגן, דערציילן, אָדער זינגען. קיינער וועט אים קיין טריוויאַל וואָרט נישט זאָגן, אויב דאָס אויסגעמאָלטע פּנים סימבאָליזירט אַ נישט־טריוויאַלן נשמה־צושטאַנד. וואָס איז דאָס, זאָגט מיר — קולטור אָדער אומקולטור? סטיל אָדער מאַנגל אין סטיל? ווילדקייט אָדער אַ העכערע מדרגה פון גייסטיקן לעבן? אָדער נעמט אַן אַנדער ביישפּיל: אַ טשיריקי־יינגל ווערט רייף, הייבט אַן צו פילן אַז ער איז אַ מאַן, וואָס טוט ער דעמאָלט? אין אייער ניו־יאָרק, אויך דאָ, אין דער הויפּטשטאָט, הייבט ער אָן צו גיין אין אַ טאַנץ־זאַל אָדער אין אַ סך ווייניקער דרך־ארצדיקע פלע־צער. אַ טשיריקי־בחור ווייסט, אַז ער דאַרף איצט דורכגיין אַ סעריע ריטואַלן פון תשובה־טאָן און קרבן; פון תענית און סיגופים. ער ציט זיך צוריק פון די אַרומיקע און פאַרברענגט טעג און נעכט אין התבודדות, אין דער טיפעניש פון וואַלד. און וואָס טוט ער ווען ער פילט זיך שוין גערייניקט און ראוי חתונה צו האָבן? ער זעצט זיך אַוועק ביי דער שטוב פונעם מיידל, וואָס זיין האַרץ גלוסט, מיטן רוקן צום אַריינגאַנג. ער זיצט און שווייגט — אָט דאָס איז זיין סערענאַ־דע. אויב דאָס מיידל וויל אים, דאַרף זי אויך קיין וואָרט נישט זאָגן. זי ברענגט

אים בלויז אַרויס צו עסן און טרינקען. דעמאָלט ווייסט ער, אַז ער ווערט קעגנ־זײַטיק געליבט. וואָס איז אָט די פּאַנטאָמינע? ווילדקייט אָדער קולטור? אָדער נעמט אַן אַנדער גרופּע, ווי איר רופט זיי, אינדיאַנער, וועגן וועמען די ערשטע שפּאַנישע אַריינדרינגער דערציילן אין זייערע פּנקסים — די גוואַזימיס. אין תּוך, איז נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן זיי און די טשיריקיס. די גוואַזימיס זענען די זעלבע טשיריקיס, אָבער פון אַן אַנדער געגנט. אַ קאַטוילישער גייסט־לעכער, וואָס האָט באַגלייט עספּינאָזאַן אין זיין מלחמה־עקספּעדיציע צו דעראָ־בערן יענע געגנט, דערציילט אין זיין טאָג־בוך וועגן אַ שמועס מיטן הערשער פון דער געגנט, נאָך דעם וואָס ער איז שוין געצוונגען געווען מודה צו זיין די מפּלה און זיך אונטערגעבן. יענעם פּאָעטישן און גלאַררייכן קאַפּיטל האָב איך אַזוי פיל מאָל דורכגעלייענט, אַז איך קען אים, דאַכט זיך, ציטירן אויף אויסנווייניק:

„ווי אַן אויסגעמוטשעטער מלחמה־מענטש זיץ איך איצטער און רו, וואַר־טנדיק אויף מיין לעצטן טאָג. איך און מיין פאָלק האָבן אַנטדעקט, אַז מיר זע־נען געבוירן געוואָרן מיטן תּנאַי צו שטאַרבן. ווי אַלע שטערבלעכע זאַכן, זענען אויך אונדזערע הענט און דאָס פלייש אויף אונדזערע ביינער פאַרמשפּט צו פאַרלירן קראַפט. פון אַן אומבאַקאַנטקייט גייען מיר צוריק. פון פינצטערניש צו פינצטערניש, פון בייז צו בייז, פון געבורט צו טויט, פון די גרויסע אויפשוווּנ־גען אין דער נשמה צו דער פיינפולער אַגאָניע פון האַרץ; פון שמחה צו טרויער; פון געלעכטער צו טרערן; פון יוגנט צו אַלטקייט, פון גבורה צו שוואַכקייט, פון שטויב צו שטויב — אָט דאָס איז אונדזער גורל. איז פאַראַן עפּעס אַ טעם אין דעם אַלעמען — אין אונדזער געבוירן ווערן מיטן תּנאַי צו לעבן; אין אונדזער חוב צו לעבן מיטן תּנאַי צו שטאַרבן?

„צווישן פינצטערניש און ליכט האָבן מיר אָבער דערזען, ווי עס שיינט עפּעס אַזוינס וואָס איז נישט געגליכן צו דעם בייזן, וואָס לעבט אונטער דער זון. מיר האָבן דאָס געזען אין לעבן, אין טויט, אין אונדזער טרויער און טרערן, צווישן די חיות פון פעלד און וואַלד, אין די הימלען צווישן די אומצאָליקע שטערן, ביז ס'איז דערפון געוואָרן אמונה, און פון זינט מיר האָבן געקראָגן אמונה, האָבן מיר שוין נישט מורא צו שטאַרבן.

„מיר ווייסן, אַז אונדזערע עלטערן האָבן אונדז ליב געהאַט און האָבן זיך פון אונדזערטוועגן געמיט; נישט כּדי פון אונדז עפּעס צו קריגן, נאָר בלויז צו־ליב ליבע. דאָס איז דער געזעץ פון לעבן צווישן חיות און בהמות. ווען מיר ווערן פאַרוווּנדעט, ווען אבֿרים ווערן אונדז געשעדיקט, איז עפּעס פאַראַן אין דער נאַטור וואָס מאַכט דאָס צעבראָכענע גאַנץ און היילט. מיר וואַרפן אַריין זאָמען אין דער ערד און עפּעס איז פאַראַן וואָס ברענגט שפּעטער אַרויס פון די

קברים נייע, לעבעדיקע זאָמען — די זעלבע זאָמען, אָבער אַ סך מער ווי מיר האָבן אַריינגעוואָרפן. מיר זעען אַז די זון שיינט יעדן טאָג און מיר דאַרפן זיך קיין מאָל נישט מטריח זיין כדי דאָס מעגלעך צו מאַכן. ווען מיר זענען גוט צו די שטומע באַשעפענישן, ענטפערן זיי אונדז אָפּ מיט גוטן. דער ווילדער חזיר און דער דעליקאַטער פאַזאַן ווערן מיט אונדז היימיש; די דאָרנבושעס גיבן אַרויס ראָזעס, צאַרטקייט און שיינקייט. פון דער זון, פון דער לבנה און פון די שטערן, פון פלאַנצן און לעבעדיקע ברואים האָבן מיר זיך אויסגעלערנט אונטערצושיידן צייט פון צייט, טעג פון טעג — צו פאַרערן די צייט, ווען דער קאָרן ווערט רייף, ווען די לבנה ווערט פול, ווען דער ווינטער הייבט זיך אָן. מיר האָבן געמאַכט פאַר זיך אַ רו־טאָג, אַ טאָג פון לויב און אַ טאָג פון אָפּגעבן כבוד צו אַ קראַפט וואָס איז איבער אונדז. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט צו דינען אַ האַר, זינגען אים לויב־געזאַנגען, ברענגען אים קרבנות, צו טאָן דאָס גוטע. יענער האַר איז דאָס וואָס באַוועגט זיך אין דער גאַנצער נאַטור. מיר זעען אים אין דעם שמייכל פון די וואָס זענען אונדז טייער און ליב; מיר זעען אים אין דער עניוות פון אונדזערע היינט; מיר פילן אים אין זיך ווען מיר לעבן דורך שרעקן פון גליק, ווען אונדזערע קעמפער קומען צוריק פון דער שלאַכט און ווען עס קומט ביי אונדז פאָר די גרויסע יאַגד. פון דאַנקבאַרקייט טוען מיר צו אים תפילה, ברענגען מיר אים קרבנות, און ווייל מיר ווייסן אַז מיר זענען דאָס העכסטע פון אַלע באַשעפענישן אַרום אונדז, פאַרשטייען מיר אויך אַז ער איז אַ וועזן ענלעך צו אונדז אָדער העכער פון אונדז, אַז ער איז מסוגל אונדז צו הערן און צו פאַרשטיין אונדזערע געפילן... דעם ווינט קענען מיר נישט זען, מיר קענען אים אָבער פילן און מיר ווייסן אַז ער איז פאַראַן און אַז ער באַוועגט זיך. אַזוי ווייסן מיר אויך אַז ער איז פאַראַן: ווירקט ער דאָך יעדן טאָג אין דער ערד און אין דער זון, און אין אונדזערע קערפּערס. ער וועט אונדז פירן דורך דער אומבאַקאַנטקייט ווען מיר וועלן שטאַרבן. ער איז פעיִק צו פאַרניכטן אַלע אונדזערע שונאים, צו באַפרייען אונדז פון פיין און טרערן, צו פאַרטרייבן פינצטערניש, צו דערלייזן אונדז אין טויט. מיר זעען אים אין דעם, ווי אַזוי אַ וווּנד היילט זיך אויס, ווי אַזוי פון אַ דאָרנבוש שפּראָצט אַרויס אַ ראָזע, ווי אַזוי זונענשיין קומט נאָך אַ רעגן, ווי אַזוי אַ מענטשלעכע נשמה שטאַרבט אָן מורא פאַרן טויט".

אָט דאָס האָט פאַרשריבן אַ שפּאַנישער גייסטלעכער, און איך בעט אייך זייער, איר זאָלט מיר גלויבן, אַז איך האָב דאָ נישט פאַראַפראַזירט עפּעס פון די אייך באַקאַנטע הייליקע שריפטן. אונדזערע שפּאַנישע דעראָבערער זענען נישט געווען פאַראינטערעסירט פאַרצושטעלן די, וועמען זיי האָבן געמאָרדעט און געראַבעוועט, און געזוכט אויף אייביק צו פאַרשקלאַפן, אין אַ בעסערן ליכט,

אידעאַליזירן זיי. און איצטער וויל איך אַז איר זאָלט מיר אויפריכטיק זאָגן: צי האָט זיך מיין פאָלק געניטיקט אין אייער ביבל, אין קריסטלעכע מיסיאָנערן, אין אַ „העכערער" ציוויליזאַציע, וואָס מען האָט אונדז, ווי עס הייסט, געבראַכט פון גענוע, מאַדריד און ליסאַבאָן? ווער ווייסט, צו וואָס פאַר אַ מדרגה מיר וואָלטן דערגרייכט, ווען מען וואָלט אונדז געלאָזט צורו, ווען מען וואָלט פאַר אונדז נישט געבויט קיין קירכן און קאַטעדראַלן, — קיין שענקען און קיין פרייוואָלע טאַנץ־קלאַסן...

— און דערפאַר זאָג איך אייך נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל: מיך אינטערעסירט וויניק, צי אַמעריקע וועט זיך באַגנוגענען מיט אירע אַלטע באַזעס און צי וועט זי קריגן נייע. ווען איך האָב כוח, טייל איך אָפּ פון פּאַנאַמאַ יענע געגנט, ווו די שארית־הפליטה פון מיין פאָלק לעבט נאָך מיטן שורש פון איר אייגענער נשמה, און וואָלט אויף עטלעכע יאָרהונדערט פאַרבאָטן אַהינצו אַריינקומען אַמעריקאַנער, ענגלענדער, שפּאַניער, כינעזער, יידן. אפשר וואָלטן מיר געוואָרן אַ גרויס פאָלק מיט אַן אייגענער, נישט אויסגעבאָרגטער און נישט אַרויפגעצוואונגענער ציוויליזאַציע. ניין, איך בין נישט קיין פּאַנאַמאַ־פּאַטריאָט, איך בין אַ טשיריקי־פּאַטריאָט. איך ווייס, אַז מיין פּאַטריאָטיזם איז אַן אוטאָפּיע. ניין, ערגער ווי אַן אוטאָפּיע — די האָפענונגסלאָזיקייט אַליין. מיט דער צייט וועט מען אויך אין מיין געגנט דורכפירן שאָסייען, אייזנבאַנען, און איינשטעלן טעלעפאָנען, און עפענען קראָמען מיט פינף־ און צען־סענטיקע לוקסוסן פון ניו־יאָרק, און פאַרקויפן וויסקי, קאָקאַ־קאָלאַ, ביליקע ביבל־אויסגאַבעס און רעקאָרדס מיט וווּלגאַרע לידלעך פאַר די גראַמאַפאָנען. איך ווייס, אַז מיט דער צייט וועלן אַמעריקאַנער טוריסטן אַהין אַריינדרינגען, האָטעלן וועלן פאַר זיי אויסגעבויט ווערן, און מענטשן פון מיין פאָלק וועלן ווערן קעלנערס און קריגן קוואָדערס פאַר דעם וואָס איז נאָך היינט ביי זיי אַ ריטואַל פון הכנסת־אורחים, און פלאַפּלען שלעכט שפּאַניש און נאָך אַן ערגערן ענגליש. מיין שטאַם גייט אונטער, און דער פאַקט גופא וואָס איך זיץ דאָ מיט אייך, וואָס איך בין אַ תושב פון דער הויפּטשטאָט און אַן אָפטער גאַסט אין באַלבאָאַ, אין דעם אַמעריקאַנער מיליטערישן קלוב, איז אפשר די גרעסטע דעמאָנסטראַציע פון אונטערגאַנג. יעדער מענטש האָט אָבער אַ רעכט זיך אַרומצוטראָגן מיט אַ האָפענונגסלאָזן חלום און אָט דערפון וועל איך זיך קיין מאָל נישט אָפּזאָגן".

פאַרביי אונדזער טיש איז דורכגעגאַנגען אַן אַמעריקאַנער גענעראַל. ער איז מיט מיין גאַסט גוט באַקאַנט. האָט ער אים מעשה גוט־ברודער אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע, זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פּאָר סעקונדן און אַ פרעג געטאָן מיט אַ טאָן פון איינעם, וואָס וואַרט גאָר נישט אויף קיין ענטפער:

„וועגן וואָס היצט איר זיך דאָ אַזוי? וועגן די באַזעס?"

בלעטלעך פון אַ טאָג־בוך

מיין גאַסט האָט אים פלינק געענטפערט:
„ביין, בלויז וועגן איין באַזע, אָדער, אויב איר ווילט, וועגן דער באַזע".
דער גענעראַל האָט, דאַכט זיך, דעם ענטפער ביזן סוף נישט דערהערט.
ביי אַן אַנדער טיש האָבן אויף אים געוואַרט צוויי יונגע דאַמעס.

פאַנאַמאַ, דעצ. 1947.

קאַראַ:מער

אין מיינע יינגלשע יאָרן האָב איך אַ שטיק צייט געהאַט אַ שוואַכ־קייט פאַר קאַראַ:מער. אַ שוואַכקייט איז, גלייב איך היינט, דאָס ריכטיקע וואָרט. ווארעם וואָס אַזוינס האָט מיך געקענט צ:ען צו זיי? אויף וויפל איך האָב זיך געקענט צוקוקן צו זיי, איז זייער לעבן געווען מאָנאָטאָן, גרוי, לאַנגווייליק, זייער ווייניק אינספּירירט. מיך האָט אָבער געצויגן אין אָדעס, צו זייער „קע־נאַסע" — צו זייער אָריענטאַליש־געבויטן מקום־תפילה, מיט אַ פאָנטאַן אין הויף (ווי ביי טאַטאַרן, ווי ביי מאַכמעדאַנער בכלל), מיט אַ חנוודיקער סוכה, באַצירט מיט בלומען; צו זייער „כאַכאַם" מיטן שניי־ווייסן מיצל אויפן קאָפּ, וואָס ווען ער דאַרף דער ערשטער אַרויסגיין נאָכן דאַווענען פון דער „קענאַסע" שטעלט זיך דער עולם אויס פוןביידע זייטן, און ער גייט געלאַסן און ווירדיק דורך די צוויי שלאַנקע רייען, פאַרנייגט דעם קאָפּ לינקס און רעכטס און בענטשט די קהילה: „שאַלאָם אַלייכעם".

אויב איך האָב — איינער פון די ערשטע — אָנגעהויבן לייענען און רעדן העברע:ש מיט דער ספרדישער הברה, שטאַמט דאָס נישט פון מיינע לערער און נישט פון שליחים וואָס פלעגן קומען פון ארץ־ישראל (אין יענע יאָרן האָבן מיינע שליחים גערעדט מיט מיר רוסיש, נישט העברעיש), נאָר פון די קאַראַ:־מער, באַאיינפלוסט פון זייערע תפילות. און געצויגן האָט מיך צו זיי זייער אַנ־דערשקייט; זייער — זאָל איך מיך היינט מודה זיין? — זייער נישט־יידישקייט. ערשטנס, קענען זיי קיין יידיש נישט און דאָס אַליין, דערמאָן איך זיך, איז גע־ווען אַ גרויסע „מעלה". מיט מיר רעדן זיי רוסיש און צווישן זיך טאָטעריש. דאַווענען — דאַווענען זיי טאַקע אויף לשון־קודש, אָבער עס איז אַן אַנדער לשון־קודש; דער „אמתער", דער „עכטער", דער אָריענטאַלישער און, ווי איך האָב זיך געוואָלט איינרעדן, דער קדמונדיקער, נישט דער צעכראַסטעטער, מלעילדיקער, נעגליזש־לשון־קודש פון אונדזערע „כניאָקעס". און דריטנס, האָבן זיי נישט מורא פאַר קיין גוי:ם. זיי קוקן גוי:ם גלייך אין די אויגן אַריין (אַזוי האָט זיך מיר, יעדנפאַלס, אויסגעוויזן) אָן פחד און אָן הכנעה: אפשר דער־פאַר וואָס זיי האָבן גלייכע רעכט, דינען אין דער אַרמיי אַלס אָפיצירן און האָבן נישט קיין צרות מיט „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ" און מיט דער פּראָצענט־נאָרמע. און דאָך זענען זיי... „יידן", יידן מיט אַ גויש מזל.

איך בין שוין אין יענע יאָרן געווען, נישט צו נאַכט געזאָגט, אַן אַפּטער־

אַריינגייער אין כל מיני „תּפילות": קאַטוילישע, גריכיש־אָרטאָדאָקסישע, לו־טעראַנישע קירכן, באַפּטיסטישע און שטונדיסטישע „שטיבלעך". יעדע פון זיי האָט געהאַט פאַר מיר אירע חנען און איר צויבער־לופט; אָבער פון אַלע צוזאַ־מען האָט געווייעט אויף מיר אַ קאַלטע עסטעטישע פרעמדקייט. נישט־פרעמד, האָב איך מיר געוואָלט איינרעדן, איז פאַר מיר געווען די קאַראַימישע „קענאַ־סע". דער טעמפּאָ פון דאַווענען — אַ פאַרשלאָפענער; די שטימען, סיי פונעם „כאַזאַן" און סיי פון די מתפּללים, קומען אַרויס ווי פון הינערפלעט; קיין ברעקל התלהבות, קיין זכר פון מעלאָדישקייט, קיין רמז אויף מיסטעריעזעס, אָבער דאָך עפּעס אייגנס: ווייטע קרובים, אָבער דאָך קרובים. און דערצו נאָך — אַן ייִדישן צער, אַן ייִדישער עצבות אין די אויגן; און ווי אָפט מ׳זאָל נישט רעדן אין שטאָט, אַז מ׳גרייט צו אַ פּאָגראָם, קער זיך דאָס מיט זיי נישט אָן. מיין שוואַכקייט צו זיי איז טאָקע געווען — שוואַכקייט, אַן אחד משׁשים פון שמד, פּוּן זיך צו טוליען צו שטאַרקערע און זיכערערע, וואָס זענען... פאָרט נישט קיין גויים.

מיין ראָמאַן מיט די קאַראַימער, אין אַ צושטאַנד וואָס איז געווען אַ מין געמיש פון צו־להכעיס־ציוניזם און אַסימילאַטאָרישע מחשבות זרות, האָט זיך מיט דער צייט געענדיקט. קאַראַימישע ייִנגלעך האָבן מיך אַ פּאָר מאָל מכבד געווען מיטן טיטל „זשיד"; דער שמש פון דער „קענאַסע" האָט מיר אָנגעהויבן מאַכן קאַפּוליער אָנצוהערענישן, אַז זייער גאָטעסדינסט איז נישט קיין ספּעק־טאַקל און „פרעמדע" האָבן נישט נאָך וואָס אַהין צו קומען. ווען איך האָב אַמאָל אין פּאָליש אַ פרעג געטאָן וואָס עס ווערט אָנאָנסירט אין די מודעות, וואָס זע־נען אויסגעקלעפּט אויף דער וואַנט, געשריבן אין אותיות וואָס האָבן אויסגע־זען האַלב ווי רש"י־כתב און האַלב ווי אַראַביש, האָט מען מיר געגעבן אַ גוטע עצה, אַז אויב איך האָב טאָקע אַזאַ אינטערעס פאַר זייער קהילה־לעבן, זאָל איך זיך מטריח זיין און זיך אויסלערנען טאַטעריש. איך געדענק נישט קיין איין קריסטלעכע קירכע, וווּ איך בין נישט געווען קיין אָנגעלייגטער גאַסט; דער איינציקער מקום־תּפילה וווּ מיינע באַזוכן האָט מען אָנגעהויבן באַטראַכטן ווי אַן אינוואַזיע, איז געווען די קאַראַימישע „קענאַסע". מיינע שפּעטערדיקע באַ־זוכן אין יעווּפּאַטאָריע — דער דעמאָלטיקער צענטער פון רוסישן קאַראַימער־טום, מיט דער ישיבה וואָס פלעגט אַרויסגעבן זייערע כלי־קודש — און אין טשופוט־קאַלע, לעבן באַכטשיסאַראַי, דער אַלטער קרוינשטאָט פונעם טאָטע־רישן קעניגרייך, האָבן קיין נייע ליבע אין מיר נישט אַרויסגערופן. איך בין אין יענע יאָרן געווען נאָך ווייניקער באַהאַוונט אין קאַראַימישער ליטעראַטור ווי איצטער, און צום ערשטן מאָל האָב איך זיך ביי מיינע באַזוכן אין קרים באַקאַנט מיט אַברהם פירקאָוויטשס כמעט־אַנטיסעמיטישע פעלשונגען. דער

דאָזיקער קאַראַימישער תלמיד־חכם האָט זיך נעמלעך פאַרנומען צו באַווייזן דורך פאַבריצירטע, „אַלטע" כתבי־יד און געפעלשטע פאָטאָגראַפיעס פון מצבות, אַז קאַראַימער אין קרים שטאַמען פון אַ טייל פון די עשרת השבטים, וואָס האָבן איינגעוואַנדערט אין יענער געגנט עטלעכע יאָרהונדערטער פאַר דער קריסט־לעכער ציילונג, אין די יאָרן פון דער מלחמה צווישן די סקיטן און דעם פּער־סישן קעניג קאַמביז. זיי האָבן, הייסט עס, קיין שייכות נישט צו יענע ייִדן, וואָס האָבן זיך אין ניינטן יאָרהונדערט אָפּגעשפּאָלטן פונעם רבנישן ייִדנטום; זיי האָבן זיך פון תלמוד נישט געדאַרפט אָפּזאָגן, ווייל אין יענער עפּאָכע איז נאָך גאָר קיין תלמוד נישט געווען און די ייִדישע אמונה האָט נאָך עקסיסטירט אין איר אָריגינעלער ביבלישער „ריינקייט". אָבער די דאָזיקע טעאָריע האָט פירקאָוויטש געדאַרפט האָבן פאַר אַ באַשטימטן פּראַקטישן צוועק: צו באַווייזן דער צאַרישער רעגירונג און דער קירכע, אַז יענע „קלאַסישע" ייִדן, פון וועלכע די קאַראַימער שטאַמען, האָבן נישט געהאַט קיין געלעגנהייט זיך צו באַטייליקן אין קריסטוס׳משפּט און קרייציקונג. אויף די רבנישע ייִדן, הייסט עס, ליגט אַלע יאָרן דער פלעק פון האָבן דערמאָרדעט דעם קריסטלעכן משיח; קאַראַימער אָבער זענען ריין פון דער דאָזיקער זינד און דאַרפן פאַר איר נישט באַשטראָפט ווערן.

וואָס פאַר אַ חילוק עס איז צווישן פירקאָוויטשן און די קרימער קאַראַי־מישע קהילות — וואָס האָבן אים געשטיצט אין זיינע שונא־ישראל־פעלשונ־גען — פון איין זייט, און די קרימטשאַקעס פון דער אַנדערער זייט! די ייִדן פון יענעם פאַרוואָרפענעם שבט, פון אַרום סימפעראָפּאָל און קאַראַסובאַזאַר (וואָס האָבן גלייך ווי די קאַראַימער, גערעדט צווישן זיך טאָטעריש און האָבן, לויט אַ סך סימנים, געלעבט אין יענער געגנט נישט קיין קירצערע צייט ווי קאַראַימער), זענען בשעתם בייגעשטאַנען אַ גרויסן נסיון. ווען די געגנט איז דעראָבערט געוואָרן פון רוסלאַנד, האָט דער ערשטער גענעראַל־גובערנאַטאָר געשיקט רופן זייערע זקנים און זיי געמאַכט דעם פאָלגנדיקן פאָרשלאָג:

„איך האָב גרויס מיטלייד מיט אייך און מיט אייער לאַגע. איר זענט פליי־סיק און ערלעך; איר פאַרנעמט זיך מיט ערד־אַרבעט און פיצוכט; אייער תפילה איז נאָבל און כאַראַקטעריסטיש מיט איר באַשיידענעם דעקאָרום, און איך וואָלט נישט וועלן, אַז איר זאָלט טיילן דעם טרויעריקן גורל פון די רוסישע ייִדן. האָב איך פאַר אייך אַן עצה: מ׳זאָגט מיר, אַז קיינער פון אייך, אַפילו אייערע רבנים, קענען נישט קיין תלמוד. וועל איך אייך רעגיסטרירן אַלס אַ קאַראַימישע סעקטע, און איר וועט קריגן די זעלבע רעכט וואָס קאַראַימער. איר דאַרפט זיך פון גאָרנישט נישט אָפּזאָגן: דעם תלמוד קענט איר סיי־ווי־סיי נישט".

האָבן די זקנים, ווי די קרימטשאַקישע טראַדיציע דערציילט, דערויף געענטפערט שטיל און קאַטעגאָריש:

„אמת, דעם תלמוד קענען מיר נישט, ווייל מיר זענען לאַנג געווען דער־זוייטערט פון גרויסע יידישע צענטערן. דאָס איז אָבער אונדזער חרפה, נישט אונדזער שטאָלץ. פאַר דער חרפה פון עם־הארצות ווערן מענטשן נישט באַ־לוינט — און ווי קענען מיר אָננעמען גלייכע רעכט אַלס אַ באַלוינונג? ניין, מיר ווען זיך מיט דער צייט אויסלערנען אויך תלמוד, און מיר זענען גרייט פאַר דעם צו ליידן צוזאַמען מיט כלל־ישראל"...

מיט דער צייט האָט זיך אין מיר אַנטוויקלט אַ שטילער האַס צום קאַראַי־מישן וועלטל: אפשר אַ רעזולטאַט פון נישט־געטיילטער אָדער אַנטוישטער „ליבע"? איך פלעג ווייכער ווערן, ווען מיר פלעגט אין שפּעטערע יאָרן אויס־קומען צו הערן אין מאָסקווע קאָנצערטן פון רעליגיעזער מוזיק די אָדעסער קאַראַאַימישע זינגערין אַנאַ אַל־טור. אפשר האָט דערצו גורם געווען, אַחוץ באַכן, בעטהאָווענען און הײדענען, וואָס אַנאַ אַל־טור פלעגט זינגען מיט איר טיפער ברוסט־שטימע און מיט כמעט מיסטישער פאַרציקונג, אויך די רייצנדיקע שיינ־קייט פון דער דאָזיקער רויט־האָריקער, דין־שלאַנקער עקזאַלטירטער פרוי. נישט איין מאָל האָב איך זיך געטראַכט בשעת אירע קאָנצערטן: אַ סביבה וואָס קען אַרויסגעבן אַזאַ זינגערין, מוז אין זיך האָבן אַחוץ פסולת און טעמ־פּער רשעות, אויך ניצוצות פון אמתער קדושה...

***

ווי קום איך אייגנטלעך היינט צו קאַראַאימער און פון וואַנען נעמט זיך ביי מיר פלוצלינג די כוואַליע פון יינגלשע רעמיניסצענצן?

אַ קאַראַאים איז מיך צוריק מיט עטלעכע וואָכן געקומען באַזוכן אין ירוש־לים. ווער איז ער? ווו וווינט ער? ער האָט דאָס מיר נישט געוואָלט אַנטדעקן. איך ווייס, אַז אין ירושלים וווינען עטלעכע געציילטע קאַראַאימער און אַז עפּעס איז צווישן זיי פאַרגעקומען די לעצטע יאָרן שווערע און סקאַנדאַליעזע סיכסו־כים אַרום אַ שטיק באָדן אָדער אַ הייזער אין דער אַלטער־שטאָט. איך געדענק פון צוריק מיט יאָרן זייער „צענטער" אין ירושלים: דעם חצר הקראים, אַנט־קעגן דער „תפארת־ישראל"־שול. אַ קלאָגעדיקער „צענטער" איז דאָס דאָן גע־ווען: עטלעכע ווייבער און עטלעכע מאַנסבילן. אַלע אַרום האָבן געוווסט, אַז זיי זענען פאַרשאָלטענע: אַ געוויסער רב האָט זיי אַמאָל, נאָך צוריק מיט עטלעכע דורות, פאַרשאָלטן, אַז קיין מאָל זאָל ביי זיי די צאָל מענער אין ירושלים נישט דערגיין ביז צען. ליגט נאָך אויף זיי ביז היינטיקן טאָג די קללה פון יענעם רב: קיין מנין קענען זיי נישט האָבן. אפשר איז מיין גאַסט איינער פון יענער מניב־

לאָזער קהילה? ער האָט געהאַט זיינע סיבות מיר נישט צו אַנטדעקן, ווער ער איז. אָבער געקומען איז ער בעטן רחמים, נישט פאַר זיך נאָר פאַר אַנדערע קאַראַימער: קליינע שפּליטערן זענען פון זיי געבליבן אין עטלעכע לענדער פון נאָענטן מזרח, אויך ערגעץ־ווו אין די באַלקאַנען און אין אַפריקע. פילן זיך יענע שפּליטערן איצט שוואַך, עלנט, פאַראיינזאַמט, אויך נישט זיכער. קלאַפּן אייניקע פון זיי אין די טויערן פון דער מדינת־ישראל: אדאָפּטירט אונדז, לאָזט אונדז זיך צוטוליען צו אייך, לאָמיר פאַרגעסן וואָס ס׳איז געוועזן. סוף־כל־סוף, ווער זענען מיר? אויך ייִדן! און אַז ערגערע ייִדן פון אייך, ווער קען עס היינט בודק זיין צווישן בעסערע און ערגערע? איז אַנטשטאַנען, האָט ער מיר דער־ציילט אַ פראַגע, וואָס זאָל מען מיט זיי טאָן — אַריינלאָזן אָדער נישט? זאָל מען זיי באַטראַכטן פאַר ייִדן אָדער נישט? ווערט „ערגעץ־ווו״ די פראַגע דיס־קוטירט און די זאַך רירט זיך נישט פון אָרט. איז מיין קאַראַים, דער מעלאַנ־כאָלישער שליח־ציבור, אומרויק פאַרן גורל פון זיינע ברידער: „זענען זיי דען נישט, טענהט ער צו מיר, אויך אין גלות? און וואָס זיי זענען, זענען זיי, אָבער קיין ערלים זענען זיי נישט...״

האָב איך אים צוגעזאָגט צו נוצן מיין ברעקל השפעה, אַז די עטלעכע צענדליק קאַראַימער זאָלן אַריינגעלאָזט ווערן אין דער מדינת־ישראל (און טאָ־קע נאָר וועגן אַ פּאָר צענדליק משפחות האַנדלט זיך דאָ. וויפל פון זיי זענען נאָך בכלל געבליבן אויף דער וועלט? און וויפל פון די לעבנגעבליבענע קענען נאָך אַרויספאָרן פון די לענדער, ווו זיי געפינען זיך?):

כ׳האָב נאָך דעם געהאַט אַ פּאָר שווערע שמועסן מיט אַ רב וואָס קען משפיע זיין דעם באַשלוס. „זענען זיי ייִדן״? האָט ער מיר געהאַלטן אין איין עקזאַמינירן. ער איז אין דעם נישט זיכער.

בין איך אפשר נישט אימשטאַנד צו געבן מיינע אַן איבערצייגנדיקע דע־פיניציע, וואָס איז אַ ייִד און ווער עס קען אָנגענומען ווערן פאַר אַ ייִד; באַ־זונדערס אַזאַ דעפיניציע וואָס זאָל צופרידנשטעלן אַן אָרטאָדאָקסישן רב. קיין ראַסן־שטאַנדפּונקט קען אַזאַ רב יעדנפאַלס נישט פאַרטרעטן. אַפילו אַן עמלק, אויב ער האָט זיך מגייר געווען, איז אַ ייִד. ס׳איז פאַראַן אַ סברא, אַז אייניקע קאַראַימער שטאַמען פון כאַזאַרן, פון מאָנגאָלן. וואָס איז מיר דער חילוק? ווער קען עס אַזוי אייזנפעסט פאַרזיכערן, אַז אַנדערע „אמתע״ ייִדן שטאַמען נישט פון גויִים, וואָס האָבן זיך ערגעץ־ווו און ערגעץ־ווען מגייר געווען? און וואָס ס׳איז שייך רעליגיע — לאָמיר זיין אַביסל שטרענגער מיט זיך. קאַראַימער גלייבן נישט אין תורה־שבעל־פּה, הייליק איז פאַר זיי בלויז תורה־שבכתב. אָבער וואָס טוט מען מיט טויזנטער און טויזנטער אונדזערע „אמתע״ ייִדן וואָס גלייבן נישט אויך אין תורה־שבכתב? האַלטן מיר זיי דען צוריק? פאָדערן מיר

דען פון זיי, זיי זאָלן זיך „גייסטיק מל־זיין", און ערשט נאָך דעם וועלן זיי קע־נען זוכה זיין אַראָפּגעלאָזן צו ווערן פון שיף? און אויב נישט וועלן פאַרגעסן, אַז קאַראַ:מער האָבן געזינדיקט קעגן כלל־ישראל (נישט שטענדיק, ווייל עס זענען געווען יאָרהונדערטער נאָך יאָרהונדערטער, ווען זיי האָבן מאַרטירעריש געטיילט דעם אַלגעמיינעם יידישן גורל), מוז מען זיי טאַקע היינט, גראָד היינט, באַשטראָפן פאַר זייערע זינד? דייטשישע יידן — נישט אַלע, אָבער אַ סך פון זיי — האָבן געזוכט אויפצושטעלן אַ מחיצה, אויך אַ געזעצלעכע, דיסקרימי־נאַטאָרישע מחיצה צווישן זיך און „אָסט־יודען". האָבן מיר זיי דערפאַר באַ־שטראָפט? פראַנצויזישע יידן פון באָרדאָ האָבן, ערב דער עמאַנסיפּאַציע, גע־פאָדערט גלייכע רעכט פאַר זיך, פאַר די אַלט־איינגעזעסענע ספרדישע יידן פון פראַנקרייך; אין קעגנזאַץ צו די אַשכנזים, וואָס זענען אַהין אָנגעקומען פון על־זאַס, פון לאָטערינגען, פון דייטשלאַנד — באַשטראָפן מיר זיי אָדער זייערע קינדס־קינדער היינט? וויכטיק איז, וואָס יענער קאַראַ:מער, וועגן וועלכע מיין שתדלן האָט גערעדט, פילן זיך, ווו זיי זענען, עלנט, איינזאַם, אומזיכער — ווייל מען באַטראַכט זיי פאַר יידן; ווייל זיי זענען נישט קיין קריסטן און נישט קיין מוסולמענער. וויכטיק איז, וואָס זיי אַליין הייבן זיך אָן ווידער צו באַ־טראַכטן פאַר יידן און ווילן פאַרפלעכטן אויף אייביק זייער גורל מיט ישראל און מיט דער מדינת־ישראל; און וויכטיק איז, וואָס היטלער האָט זייער רוב מנין און רוב בנין אומגעבראַכט אין קרים און אין אַנדערע רוסישע געגנטן — צוזאַמען מיט יידן און אַלס יידן: איך זע נישט, ווי אַזוי מען קען צוריקווייזן זייער פאַטעטישע בקשה; די בקשה פון די וואָס ווילן זיך צו אונדז טוליען און צוזאַמען מיט אונדז דערפילן דעם פאָר־טעם פון גאולה. אויך פאַר זיי, בין איך זיכער, וועלן זיך עפענען די טויערן פון ישראל.

1949.

„די נעץ פון גלויבן"

אַ קורצע ידיעה פון פּראַג: דאָס בילדונגס־מיניסטעריום האָט פאַר־באָטן די ביבליאָטעקן אַרויסצוגעבן צו די לעזער פּעטער כעלטשיצקיס בוך „די נעץ פון גלויבן".

איך קען נישט וויסן וויפל בעלנים עס זענען היינט פאַראַן אין טשעכאָס־לאָוואַקיע אויף צו לייענען כעלטשיצקיס בוך, און פאַרוואָס איז די דאָרטיקע קאָמוניסטישע רעגירונג פּלוצים אַזוי אַלאַרמירט געוואָרן פון דער נאָכפראַגע אויף אַן אַלטער און נישט זייער פּאָפּולערער שריפט. קיין קאָנטררעוואָלוציאָ־נערע געדאַנקען — אין דעם זינען וואָס סאָוועטישע צענזאָרן נוצן דאָס וואָרט — האָט כעלטשיצקי נישט געפּרעדיקט; קיין לויב־געזאַנגען פאַר דער קאַפּיטאַ־ליסטישער אָרדענונג זענען אין זיין בוך נישט פאַראַן, און סטאַלינס נאָמען ווערט דאָרט לגנאי נישט דערמאָנט. אין תוך איז „די נעץ פון גלויבן" אַ מוסר־ספר, ווייט פון פּאָליטיק אינעם ענגן זין פון וואָרט, און קיין „העץ־מאַטעריאַל" איז אין אים נישט פאַראַן. איז נאָך אַמאָל די פראַגע: וויפל מענטשן אין טשע־כאָסלאָוואַקיע זענען היינט להוט אַזאַ ליטעראַטור צו לייענען? ווי גרויס קען זיין דער פּראָצענט בירגער, וואָס ווייסן אַז אַזאַ ווערק עקסיסטירט: עס קען וועגן דעם קיין סטאַטיסטיק נישט זיין, אָבער איך פּיל אַז כ'וועל קיין גראָבן טעות נישט מאַכן אויב כ'וועל אָננעמען, אַז אין אונדזער ליבער אַמעריקע ווייסן מסתמא נישט 70—75 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג וועגן עס זענען געווען טשאַבינג, טאָראָ אָדער גאַריסאָן, כאָטש זיי האָבן געלעבט און געווירקט אין ניי־ענגלאַנד ערשט צוריק מיט אַ קנאַפּן יאָרהונדערט. אַ סך אַ גרעסערער פּראָ־צענט מענטשן אין בעמען און מערן ווייסן מסתמא נישט אַז צוריק מיט העכער פינף יאָרהונדערטער האָט אין אַ קליין שטעטל (אָדער דערפל) געלעבט אַ באַ־שיידענער מאַן מיטן נאָמען פּעטער כעלטשיצקי; אַז ער האָט געשריבן פרומע טראַקטאַטן און אַז זיין הויפּט־ווערק הייסט „די נעץ פון גלויבן". דאָס ווערק איז, לויט אַ סך סימנים, נאָך ביים לעבן פונעם מחבר פאַרברענט געוואָרן אויפן שייטערהויפן דורך דער קאַטוילישער קירך, אַלס אַ שטיק „חוצפהדיקע אַפּי־קורסות". עס זענען פון אים געבליבן בלויז געציילטע עטלעכע עקזעמפּלאַרן, באַגראָבן אין אַרכיוון פון אוניווערסיטעט־ביבליאָטעקן און מאָנאַסטירן. הונ־דערטער יאָרן נאָכאַנאַנד האָט עס קיינער נישט אַרויסגעגעבן אויפסניי. טאָ ווי אַזוי האָט אַ ברייטער עולם געקענט דערפון וויסן? טאָלסטאָי, צום ביישפּיל,

וועלכער האָט אין די אַכציקער און ניינציקער יאָרן אַוועקגעגעבן אַ סך מי אויף צו זאַמלען קריסטלעך־״אַפּיקורסישע״ און פּאַסיפיסטישע ליטעראַטור פון אַ סך לענדער און אויף פאַרשיידענע שפּראַכן, האָט וועגן כעלטשיצקין געוווּסט בלויז פון אַ פּאָר קורצע פּאַראַגראַפן אין פּיפּינס ״געשיכטע פון דער טשעכי־שער ליטעראַטור״. אַביסל מער אינפאָרמאַציע וועגן דעם אינהאַלט פונעם בוך האָט ער שפּעטער צופעליק צוגעקראָגן דורך אַ בריוו פון אַ פּראָפעסאָר פון דער פּראַגער אוניווערסיטעט, וועמען עס איז געלונגען דעם דאָזיקן יקר־המצי־אות צו זען און צו לייענען. נאָך שפּעטער האָט טאָלסטאָי גופא געקראָגן די געלעגנהייט דאָס גאַנצע בוך איבערצולייענען, — אָבער אויך די געלעגנהייט איז געווען פאַרבונדן מיט אַ זייער כאַראַקטעריסטישן פאַקט אין דער געשיכטע פון דער צאַרישער צענזור. די פּעטערבורגער אַקאַדעמיע האָט באַשלאָסן, אין די אינטערעסן פון ליטעראַטור־היסטאָרישער פאָרשונג, אַרויסצוגעבן אַ קליינע צאָל עקזעמפּלאַרן פון דער ״נעץ פון גלויבן״ (פאַר פּאַכלייט) — און דאָס: נישט אויף רוסיש, נאָר אין טשעכישן אָריגינאַל, כדי דער עולם זאָל זיך דערצו נישט צוכאַפּן. ווען דער גאַנצער מאַטעריאַל איז שוין געווען אויסגעזעצט, האָט זיך דער קירכן־סינאָד אַריינגעמישט און די קייזערלעכע אַקאַדעמיע האָט געמוזט קאָנפיסקירן איר אייגענע אַרבעט. טאָלסטאָיען איז אָבער געלונגען צו קריגן די קאָרעקטור־בלעטער און באופן זיך באַקענען מיטן אינהאַלט פון אַ בוך, וואָס האָט אים עטלעכע יאָר אינטריגירט. אויב איך מאַך נישט קיין טעות איז ״די נעץ פון גלויבן״ אויפסניי אַרויסגעגעבן געוואָרן (אויף טשעכיש) ערשט אין 1912. צו מיר פּערזענלעך איז דאָס בוך דערגאַנגען מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער, אין אַ דייטשישער איבערזעצונג וואָס דער ציריכער ״ראָטאַפּפעל־פאַרלאַג״ האָט באַזאָרגט.

אפשר וועלן מיר געפינען אַן אויפקלערונג וועגן דער נייסטער גזירה פון דער פּראַגער קאָמוניסטישער צענזור, ווען מיר זאָלן נאָך אַמאָל אַריינקוקן אי־נעם אינהאַלט פון דאָזיקן אַלטן טראַקטאַט, וואָס אַ טשעכישער האַלב־פּויער און האַלב־שוסטער האָט אָנגעשריבן אין דער ערשטער העלפט פונעם פופ־צענטן יאָרהונדערט?

די טענדענץ פון זיין אַרבעט קען מען זען שוין פון דעם טשיקאַווען טיטל וואָס ער האָט איר געגעבן: ״די נעץ פון גלויבן״. ער שטיצט זיך אויף דעם סיפור־המעשה פונעם נייעם טעסטאַמענט וועגן די ערשטע תלמידים וואָס ישו האָט געקראָגן פאַר זיין לערע אין גליל. ״גייענדיק ביים ברעג פון ים־הגליל, האָט ער דערזען ווי צוויי מענטשן, ברידער, איינער מיטן נאָמען שמעון וואָס רופט זיך פּעטרוס און אַנדריי זיין ברודער, וואַרפן אַריין אין ים אַ נעץ, ווייל זיי זענען געווען פישערס. האָט ער צו זיי אַ זאָג געטאָן: פאָלגט מיר נאָך און

איך וועל אייך מאַכן פאַר פישערס פון מענטשן: האָבן זיי גלייך פאַרלאָזט די נעצן און אים נאָכגעפאָלגט. גייענדיק ווייטער האָט ער דערזען ווי צוויי אַנדערע מענטשן, אויך ברידער, יעקב בן זבדי און יוחנן זיין ברודער, זענען אויף אַ שיפל מיט זייער פאָטער זבדי און זיי פאַרריכטן זייערע נעצן. האָט ער זיך געווענדעט צו זיי, האָבן זיי אויך גלייך פאַרלאָזן דאָס שיפל און זייער פאָטער און האָבן אים נאָכגעפאָלגט". מיט אַ רויען סאַרקאַזם האָט כעלטשיצקי, אויף זיין אייגענעם אופן, ממשיך געווען דעם עוואַנגעלישן סיפור־המעשה. די אַפּאָס־טאָלן זענען געוואָרן „פישערס פון מענטשן" און האָבן אין זייערע נעצן אַריינ־גענומען אַנשטאָט פיש גלויביקע מענטשן וואָס זענען באַקערט געוואָרן צו ישוס לערע. אָבער מיט דער צייט, דערציילט ער אונדז, „האָבן די גרעסערע פיש דורכגעבראָכן די נעץ און זענען אַנטרונען געוואָרן; נאָך דעם האָבן די קלענע־רע פיש זיך באַנוצט מיט די לעכער וואָס די גרעסערע האָבן געמאַכט אין דער נעץ, און זיי זענען אויך נעלם געוואָרן, ביז די נעץ איז געבליבן כמעט איינ־גאַנצן ליידיק". די „גרויסע פיש" זענען פאַר כעלטשיצקין געווען די פויפּסטן און די אַנדערע שררות פון דער קאַטוילישער קירך, ווי אויך די קיסרים און פרינצן וואָס האָבן לפנים אַנגענומען דאָס קריסטנטום, כדי זיי זאָלן עס נאָך דעם קענען לייכטער פאַרגוואַלטיקן אָדער גאָר פאַרניכטן.

„די נעץ פון גלויבן" איז געווען אַ מוטיקע אַטאַקע פון אַ טיפער און ליי־דנשאַפטלעך־רעליגיעזער נאַטור אויפן היסטאָרישן קריסטנטום, אויף דער קירך, ספּעציעל אויף דער קאַטוילישער, וועלכע האָט אין זיינע צייטן נאָך גע־הערשט דעספּאָטיש איבערן גרעסטן טייל פון אייראָפּע. דאָס איז געווען אַן אָפּענסיווע אויף דער אָרגאַניזירטער קריסטלעכער וועלט אין נאָמען פון „פּרי־מיטיוון" אָדער אָריגינעלן קריסטנטום, וואָס כעלטשיצקי האָט געגלויבט, אַז די קאַטוילישע גאָטס סטריאַפּטשעס האָבן אים געטראָטן מיט די פיס און גע־געבן אַ חילול־השם־אויסטייטשונג. עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו מיינען, אַז ער האָט זיך מיט זיין קריטיק געשטעלט אויף דער זייט פונעם פּראָטעס־טאַנטישן קריסטנטום. זיין אַטאַקע איז אין תוך געווענדעט אויך קעגן די הויפּט־שטראָמען פון דער פּראָטעסטאַנטישער רעפאָרמאַציע, כאָטש ער איז נאָך נישט געווען ביכולת פאָרויסצוזען אין וואָס פאַר אַ ריכטונג די דאָזיקע רעפאָרמאַ־ציע וועט זיך אַנטוויקלען. בעמען איז, כידוע, געווען איינע פון די גאָר ערשטע לענדער אין אייראָפּע, ווו דער פּראָטעסט קעגן דער רוימישער קירך — קעגן איר דאָגמאַטיק, ריטואַל און פאָלקס־פיינטלעכע פּאָליטיק — האָט זיך אַנגע־הויבן. כעלטשיצקי האָט געלעבט און געשריבן זיינע ווערק שוין גוטע עטלעכע יאָר נאָך דעם וואָס יאָהאַן הוס האָט „סקאַנדאַליזירט" די קאַטוילישע וועלט מיט זיין טראַקטאַט De Ecclesia, פאַר וועלכן ער האָט גאַנץ שנעל געמוזט

באַצאָלן מיטן לעבן — אין דער צייט פון די רעליגיעז־רעוואָלוציאָנערע הו־
סיטישע מלחמות פאַר „פרייהייט פון געוויסן"*. פאַקטיש האָט זיך כעלטשיצקי
גלייך געשטעלט אין שאַרפער אָפּאָזיציע אויך צו די פאַרטיידיקער פון דער
הוס־רעפאָרמאַציע קעגן דעם פויפּסטס טעראָר, און מחמת אַ זייער קלאָרן און
איינפאַכן טעם. ער איז געווען דורך און דורך אַ פאַסיפיסט און האָט קאַטעגאָ־
ריש אָפּגעלענט יעדע געוואַלט־טאַט, אַפילו ווען זי ווערט באַגאַנגען, אַזוי צו
זאָגן, לשם שמים. פון יענע יאָרן זענען געבליבן געוויסע „שאלות ותשובות"
וואָס וואַרפן אַ העלן ליכט אויף די אָנהייבן פון דער פראָטעסטאַנטישער רע־
פאָרמאַציע. אַ צאָל מענטשן פונעם פראָסטן אָבער זייער אויפגעברויזטן פאָלק
האָבן זיך געווענדעט צו דער פראַגער אוניווערסיטעט (וועלכע איז, אַלס קאָלע־
גיע, געשטאַנען אויף דער זייט פון דער הוס־רעפאָרמאַציע) מיט אַן אָנפראַגע:
צי מעג מען פירן מלחמה פאַר „גאָטס אמת", פאַר דער פרייהייט צו פרעדיקן
דעם דאָזיקן אמת, וועלכע די קאַטוילישע שררות טרעטן מיט די פיס? די או־
ניווערסיטעט האָט אויף דער פראַגע געענטפערט: „יאָ" — מ'מעג, עס איז
אַפילו אַ רעליגיעזער חוב צו פירן מלחמה; אָבער נאָר אין אַ פאַל ווען דער
שונא הייבט די מלחמה אָן, ווען ער דראָט צו פאַרניכטן די אמת־גלויביקע.
כעלטשיצקיס געוויסן האָט אָבער אויך קיין דעפענסיווע מילחמה נישט געקאָנט
אָננעמען. דער „לא תרצח" איז פאַר אים געווען אַ קאַטעגאָרישער געבאָט,
וועלכער טאָר אונטער קיין שום אומשטענדן נישט געבראָכן ווערן, און די
עוואַנגעלישע לערע וועגן זיך „נישט" אַנטקעגנשטעלן מיט געוואַלט איז פאַר
אים געווען די קווינט־עסענץ פונעם קריסטלעכן גלויבן. די „פרימיטיווע קירך"
איז פאַר אים געווען דער מוסטער פון אַ סאָציאַלער אָרדענונג, וואָס קומט נישט
אָן צו מאַכט און געוואַלט כדי צו לעבן אין גלייכקייט, פרייהייט און ברידער־
לעכקייט. מ'דאַרף זיך נאָר אומקערן, האָט ער געגלייבט „צום מקור" — צום
קריסטנטום פון פאַר דעם פויפּסט סילוועסטער, וועלכער האָט אַריינגענומען
אין דער קירך אַזאַ געצנדינער און אויסוואורף ווי קאָנסטאַנטין „דעם גרויסן"
— כדי מ'זאָל קענען לעבן לויטן געזעץ פון ליבע, אָן קירכע־דעספּאָטיע, אָן
קיסרים און פרינצן. באַוואָפנטע מילחמה, שפיכת־דמים פאַר רעליגיע, פאַר
קריסטנטום, פאַר געלייטערטן קריסטנטום, איז אויך רציחה. יעדער סאָלדאָט
אָדער וואָפנטרעגער, ווער ער זאָל נישט זיין און פאַר וועלכע אידעאַלן ער זאָל
נישט וועלן נוצן זיין געווער, איז אַ קרימינעלער פאַרברעכער, אַ מערדער און

---

* אין דעם באַשרענקטן זינען אין וועלכן די דאָזיקע פרייהייט איז אויפגעפאַסט גע־
וואָרן אין די ערשטע און אויך אין די שפּעטערע דורות פון דער פראָטעסטאַנטישער רע־
פאָרמאַציע.

אַ הענקער, אַ גאָט־לעסטערער. זיין האַס צו גוואַלט און מאַכט האָט ער דער־פירט ביז צו אַזעלכע עקסטרעמע קאָנסעקווענצן, אַז דורות און דורות פֿאַר דער אַנטשטייונג פֿון דער קוויקער־באַוועגונג אין ענגלאַנד האָט ער געפּרע־דיקט אַ מין רעליגיעזן אַנאַרכיזם; אַן אמתער קריסט טאָר נישט זיין קיין קאָ־מאַנדיר אָדער סאָלדאַט, אָבער ער טאָר אויך נישט נעמען קיין אַנטייל אין רע־גירונג, און ער דאַרף באַטראַכטן פֿאַר אַ האַרבער עבירה צו זיין אַ סוחר אָדער אַ גוט־באַזיצער. דער גאָטפֿאַרכטיקער מענטש מעג זיין בלויז אַן ערד־אַרבע־טער אָדער אַ בעל־מלאכה.

כעלטשיצקי האָט נישט געהערט צום געבילדעטן קלאַס פֿון זיין צייט. אין איינער פֿון זיינע שריפֿטן מאַכט ער די באַמערקונג אַז ער פֿאַרשטייט נישט קיין לאַטיין: אין יענער עפּאָכע האָט יעדער איינער וואָס איז נישט געווען „לאַטיי־ניש געבילדעט" געגאָלטן פֿאַר אַן עם־הארץ. אָבער כעלטשיצקי האָט אין תּוך צו לאַטיין נישט באַדאַרפֿט אָנקומען. די לומדות וואָס ער וואָלט געקענט קריגן פֿון לאַטיינישע שריפֿטן איז געווען אַ ריין סכאָלאַסטישע און דער קאַטויליש־טעאָלאָגישער פּילפּול, מיט וועלכן מ'האָט געכשרט יעדן שרץ און יעדע נידער־טרעכטיקייט האָט אין אים געקאָנט אַרויסרופֿן בלויז עקל. ער האָט זיך באַ־טראַכט פֿאַר אַן איינפֿאַכן פֿאָלקס־מענטש, וואָס ווען ער וואָלט געלעבט צוריק מיט הונדערטער יאָרן אין גליל, וואָלט ער נאָכגעפֿאָלגט, אָן קשיות און אָן חקירות, דעם „דערלייזער": ווער עס זוכט „ראַפֿינירטע" ליטעראַטור, וועט זי ביי אים נישט געפֿינען; זיין סטיל און אַרגומענטאַציע זענען די איינפֿאַכקייט פֿון אַ ירא־שמים, וואָס נעמט זיין אמונה ערנסט און איז גרייט צו גיין פֿאַר איר אויף קידוש־השם. דער אינהאַלט פֿון זיינע פּשטנישע אידייען זענען, באַטיר־לעך מיט אַ סך מער ערודיציע און מיט מער ליטעראַרישן גלאַנץ, אַרויסגע־בראַכט געוואָרן אין ניינצנטן יאָרהונדערט פֿון טאָלסטאָיען. אָבער דער קערן איז דערזעלבער און כעלטשיצקיס רוף איז דערזעלבער וואָס טאָלסטאָיס: דער רוף צו אַ קפֿיצת־הדרך, צו אַ שפּרונג איבער די קעפּ פֿון די אָרגאַניזירטע קריסט־לעכע קירכן מיט דער טומאה וואָס זיי האָבן פֿאַרפֿלאַנצט אומעטום וווּהין זייער האַנט האָט דערגרייכט — „צום מקור".

כדי זיך, אַביסל צו באַקענען מיט כעלטשיצקיס סטיל און טעמפּעראַמענט, לוינט אפשר צו ברענגען אַ לענגערן אויסצוג פֿון דער „נעץ פֿון גלויבן":

„דאַוונט איין צד פֿאַר זיינע הארן, דאַוונט דער אַנדערער צד פֿאַר זיינע שררות. דער ערשטער וויל אויסבעטן אַ זיג, דאָסזעלבע זוכט אויך דער צווייטער. און ביידע צדדים זענען קריסטן, און יעדער פֿון זיי ווינטשט אַלדאָס בייז פֿאַרן אַנדערן. וועמענס תּפֿילה זאָל גאָט אָננעמען?... קרוע־ובלוע איז דער גלויבן פֿון אַזעלכע קריסטן און זייער תּפֿילה איז אַ היג־

קענדיקע, וויילביידע גלוסטן זיי צו פאַרגיסן ברודער־בלוט. אָט מאַר־שירט אַרויס איין ראָטע צו פאַרטיידיקן „די אַלטע הייליקע קירך"; און די אַנדערע מאַרשירט כדי צו באַשיצן „די געטלעכע אָרדענונגען", וואָס די אַזוי־גערופענע אַפּיקורסים און אַפּגויגער צילן צו פאַרניכטן; און אַ דריטע ראָטע באַוויזט זיך, כדי צו פאַרטיידיקן דעם ווילזיין פון פאָלק, אַז די אָרעמקייט זאָל נישט זיין אַזוי חרפּהדיק־מאָגער. מלכים און פירשטן פירן אין שלאַכט, כדי „דאָס פאָטערלאַנד צו באַשיצן": אַז זייער הער־שאַפט אין לאַנד זאָל, חלילה, נישט אָפּגעשוואַכט ווערן. זיי פירן מילחמה קעגן אַלעמען, ווייל עס גייט זיי גאַרנישט אָן, אַחוץ הערשאַפט און רום. און דער דאָזיקער ערב־רב פון צעטיילטע ראָטעס הייסט קריסטן, און יע־דער פון זיי רעדט צו גאָט: „פאָטער אונדזער, וואָס דו ביסט אין הימל". אַלע נעמען זיי זיך אָן פאַר גאָט דורך דער פאַרניכטונג פון זייערע מי־מענטשן. אַלע ווילן זיי גלויבן, אַז זיי דינען גאָט, ווען זיי דערטרינקען איינער דעם אַנדערן אין בלוט. „זיי אונדז מוחל", זאָגן זיי אין זייערע תפילות, „ווי מיר זענען מוחל אונדזערע מיטמענטשן"... קיינער דענקט גאָרנישט וועמען עס איז מוחל צו זיין, אויב ס'איז נאָר דאָ אַ מעגלעכקייט דעם צווייטן צו באַזיגן אין שלאַכט. זייערע תפילות זענען דערפאַר גאָט־לעסטערונגען".

איז דאָס דער „דינאַמיט", פאַר וועלכן די פּראַגער רעגירונג האָט מורא? די לעצטע עטלעכע יאָר האָט די קאָמוניסטישע רעגירונג פון טשעכאָסלאָ־וואַקיע געפירט אַ גאַנץ ענערגישע — טיילמאָל אַ צו ענערגישע — קאַמפּאַניע קעגן אָרגאַניזירטער רעליגיע און איר השפּעה אויפן פאָלק. ספּעציעל האָט זיך איר גרימצאָרן אויסגעגאָסן אויף דער קאַטוילישער קירך. איז עס פאַרשטענדלעך. קאַטאָליציזם איז אַליין אַן אימפּעריע, נישט נאָר אַ רעליגיע, און די אַזוי־גערו־פענע „אוניווערסאַלע קירך" מיט איר פאַרצווייגטער אָרגאַניזאַציע, אויטאָרי־טעט, דיסציפּלין און גרויסע געלט־מיטלען, איז פאַר קאָמוניסטן אַ מין קלע־ריקאַלער „קאָמינטערן". אויב עס זאָל איצט קומען צו אַ נייער וועלט־מילחמה, ווייסט מען אין פּראַג, ווי מען ווייסט עס אין מאָסקווע און אין וואַרשע, אין בו־קאַרעשט און אין בודאַפּעשט, צו וועלכן צד דער וואַטיקאַן וועט אַקטיוו צו־שטיין. אָבער פון וואַנען נעמט זיך דער פּחד פאַר אַן אַנטי־קאַטאָליק, אין אַ געוויסן זין אויך פאַר אַן אַנטי־פּראָטעסטאַנט, וואָס האָט אַזוי מוטיק און מיט אַזויפיל טעמפּעראַמענט געשטורעמט קעגן היסטאָרישן קריסטנטום, אַזוי צו זאָגן, פון אינעווייניק, בפרט נאָך פאַר אַזעלכן, וואָס איז שוין פינף יאָרהונדערטער טויט? פאַרוואָס אַריינלייגן אין חרם איינעם, וואָס ווען ער וואָלט היינט געלעבט, וואָלט ער מסתמא, אין זיין נאַיִוויטעט, אונטערגעשריבן די שטאָקהאָלמער שלום־

פּעטיציע? אָדער ער וואָלט זיך אפשר אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן גאָר דערפֿאַר וואָס זי איז, לויט זיין געשמאַק, צו שוואַך און צו בלאַס? אויף וועמען קען היינט האָבן אַ השפּעה אַנאַרכיסטיש־קריסטלעכער פּאַציפיזם? אין דער מערב־וועלט איז דער געוויסנס־פּאַציפיזם שוין אַ שיין ביסל יאָרן אין אַ מין הין־הער־פּלעט, און אַפילו אין אינדיע איז שוין שווער מיט אַ נאַקעטן אויג צו באַמערקן די שיריים פֿון פּרי־ערדיקן ברען פֿאַר געוואַלטלאָזיקייט: אָפּטמאָל דוכט זיך, אַז דער גאַנדיזם האָט דאָרט אויסגעהויכט זיין אָטעם אין דעם טאָג, ווען מ׳האָט גאַנדין אָנגעטאָן אַ צווייטע מיתה משונה דורך דער ציניִשער הינריכטונג פֿון זיינע צוויי מערדער. גאַנדי ווערט אַלץ מער און מער לעגענדע, מיטאָס, אַ שטיק אָרגאַמענט אין דעם הויז פֿון אַ גרויסער מישפּחה, און מ׳קען שוין באַלד זיין אין אינדיע גלייכצייטיק אַ „גאַנדיסט" און אַ קריגס־מיניסטער — אָט ווי, למשל, ביי אונדז האָט דער „קוועיקער" הוווער געקאָנט זיין פּרעזידענט און ממילא... הויפּט־קאָמאַנדיר פֿון די באַוואָפֿנטע קרעפֿטן; אויב אין טשעכאָסלאָוואַקיע זאָל זיך לעצטנס האָבן באַוויזן אַן אינטערעס פֿאַר כעלטשיצקין, ווילט זיך טראַכטן פֿון ווייטנס, אַז דאָס איז גיכער אַ מין ליטעראַרישער מאָדע־אינטערעס, נישט קיין עכטער דורשט נאָך אַ גייסטיקן וועגווייזער. אָבער ווער קען וויסן? וואָס ווייסן מיר דאָ וועגן די פּראָצעסן וואָס שפּילן זיך איצטער אָפּ אין מוחות און אין הערצער — הינטער דעם אייזערנעם פֿאָרהאַנג? אפשר איז פֿאַראַן אין פּראַג אַ יסוד צו טראַכטן, אַז פֿאַר געוויסע קרייזן, לאָמיר זאָגן אַפילו באַשרענקטע, קען כעלטשיצקיס ספֿר ווערן „דינאַמיט".

אָבער ערגעץ־ווו פֿיל איך, אַז „דער לץ אין מיר" איז מיך גרייט צו באַשטעקן מיט פֿעדערן: אַ מענטש גריבלט זיך דאָרט, ווו ס׳לוינט גאָר נישט צו חקירהן. דער קאָמוניסטישער צענזאָר מוז גאָר נישט זיין אַזוי „סעריאָזנע" און אַזוי פֿאַרמוחט, ווען עס קומט צו אַזעלכע ענינים, ווי אייניקע ווילן זיך פֿאָרשטעלן. פֿאַרבאָטן איז לייכטער ווי צו דערלויבן, באַזונדערס ווען מ׳איז קיינעם נישט שולדיק קיין דערקלערונג, פֿאַרוואָס מ׳האָט עפּעס פֿאַרבאָטן. אַ ווערק וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן צוריק מיט פֿינף יאָרהונדערטער — וואָס קען דאָרט בכלל אַזוינס „שטיין"? און אַז דער בירגער וועט עס נישט לייענען, וואָס קען דערפֿון פּאַסירן? קליינע קינדער וועלן דערפֿון שטאַרבן? די סקאָדאַ־פֿאַבריקן וועלן שוואַכער אַרבעטן? צוריק אין דער „גניזה"! בוך, גיי אין דיין רו אַריין — אָט אין דערזעלבער רו. אין וועלכער די קאַטוילישע אינקוויזיציע האָט דיך אַמאָל פֿאַרשיקט. ווער פֿאַרלירט דאָ עפּעס? אויב דאָס בוך איז אַפילו נישט שעדלעך, איז עס, אין בעסטן פֿאַל, אין דעם קלאַס פֿון „דעליקאַטעסן", און די „פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע" איז זיכער נישט מחויב צוצושטעלן דעם בירגער יעדע פֿאַטראַווע, נאָך וועלכער עס קען זיך אים אַמאָל פֿאַרבענקען...

.1951

„די זריעה אונטער שניי״

איגנאַצאָ סילאָנעס נייע נאָוועלע „די זריעה אונטערן שניי״ איז ווערט געלייענט צו ווערן. איז דאָס אַ גרויס קונסט־ווערק? איך ווייס נישט, איך נעם זיך נישט אונטער צו מישפּטן. די קלאַסיפיקאַציע־יוצרות פון „גרויס״ און „נישט־אַזוי־גרויס„ זענען ביי מיר שוין אַביסל צעמישט: פאַר געוויסע ווערק האָבן מיר אפשר אויך נישט די נייטיקע דיסטאַנץ, כדי זיי צו קענען אָפּצושאַצן ווי געהעריק. עס קען זיין, אַז מיט אַ דרייסיק־פערציק יאָר שפּעטער וועלן מיר אויף זיי זיין גרעסערע מבינים ווי היינט: אויב אָבער איך האָב זיך פון אַ בוך, וואָס איז מיר צופעליק געקומען צו דער האַנט, נישט געקאָנט אָפּרייסן און האָב עס געמוזט דורכלייענען ביז צום סוף, אָן אַ הפסקה — הייסט דאָס, אַז ער האָט, לכל־הפחות, דערוועקט אין מיר דעם געפיל פון נייגעריקייט. דאָס אַליין איז שוין אויך עפּעס. צו וואָס פאַר אַ קלאַס דעם איטאַליענישן גלות־שרייבערס ניי בוך געהערט, לאָז איך גערן איבער צו באַשליסן פאַר געניטערע קלאַסיפיקאַטאָרן. פאַר מיר איז דאָס פריִער פון אַלץ אַן אינטערעסאַנטער מענטשלעכער דאָקומענט.

פון סילאָנעס פריִערדיקן ראָמאַן „ברויט און וויין״ זענען אין מיר געבליבן בלאַסע, כאָטש נישט קיין אומאַנגענעמע, זיכרונות. פּיעטראָ ספּינאַן, זיין הויפּט־העלד, ווערט נמאס אַרומצובלאָנקען אין דער פּאָליטישער עמיגראַציע: דאָס לעבן אין די איטאַליענישע אַנטי־פאַשיסטישע געטאָלעך פאַרלירט שטאַפּלוויז דעם זין. עס הייבט זיך אָן צו ציִען אַלץ שטאַרקער און נאָגנדיקער אַהיים — אַלץ איינס וויאַזוי די באַדינגונגען זאָלן דאָרט נישט זיין. אין דער איטאַליענישער עמיגראַציע האָבן, ווייזט אויס, צוריק מיט עטלעכע יאָר זיך אָנגעהויבן באַוויזן שטימונגען וואָס זענען אומגעפער ענלעך געווען צו די וואָס האָבן אין די פריִע צוואַנציקער יאָרן אַרומגעכאַפּט געוויסע פּאָליטישע נע־ונדניקעס פון רוסלאַנד (אַלעקסעי טאָלסטאָי מיט זיינע „וואָזוואַשטשענצעס״): רעזשים איז רעזשים. אָבער ווי פאַרהאַסט ער זאָל נישט זיין, איז אַ נאָרמאַלער מענטש קראַנק אויף נאָסטאַלגיע — און אויסקורירן זיך פון היים־ווי קען מען נאָר דורכן קומען אַהיים און וווּטיקן דאָרט צוזאַמען מיטן אייגענעם פאָלק. קופּרין, דערמאָן איך זיך, וואָס איז אויף דער עלטער בלינד געוואָרן אין זיין פאַריזער גלות, האָט מיטאַמאָל זיך אָנגעהויבן בעטן, מ׳זאָל אים אין מאָסקווע אַמנעסטירן, כדי ער זאָל קענען אַהיימקומען און פאַרן טויט נאָך „זען״ רוסלאַנד. פּיעטראָ ספּינאַ

איז אין פיל וויכטיקערע פּרטים ווייט נישט ענלעך צו די רוסישע „וואָזוראַש־טשענצעס", אָבער דער פּועל־יוצא איז דער זעלבער: ער איז מקריב זיין אויס־לענדישע פרייהייט, מיט וועלכער ער ווייסט נישט וואָס צו טאָן — און פאָרט צוריק קיין איטאַליע. אויב אַ פּאָליטישע עמיגראַציע דויערט צו לאַנג, מוז זי — ספּעציעל אין אונדזערע יאָרן — פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ צאָל קלייניקע, צעוואָרפענע גאַרניזאָנען. יעדער קומט מיט זיין אידעאָלאָגיע, מיט זיינע אייגענע פילאָסאָפן און גענעראַלן, וואָס באַקעמפן זיך איינער דעם אַנדערן. וואָס לענגער זיי דיספּוטירן אין די ביליקע, אָנגערויכערטע קאַפע־הייזער, אַלץ קלאָ־רער ווערט זיי, אַז זיי קענען זיך בשום אופן נישט צעטיילן מיטן גרויסן געווינס, צו וועלכן זיי וועלן זוכה זיין אויף מאָרגן נאָך דער רעוואָלוציע, אָדער קאָנטער־רעוואָלוציע. סילאָנע (דורך זיין הויפּט־פיגור, פּיעטראָ) פילט שוין גוטע עטלעכע יאָר, אַז אַלע דיסקוסיעס וואָס ווערן געפירט אין די איטאַליעניש־עמיגראַנטישע קלייזלעך האָבן קיין ממשות נישט. דער עיקר האָבן זיי קיין שום שייכות נישט מיטן קאָנקרעטן לעבן און קאָנקרעטע יסורים ביי דעם „אָביעקט" פון זייערע דאגות —ביים אויף דריי־פערטל פאַרהונגערטן, אויסגעפּאַטשטן און באַשפּיגענעם „עמך" אין איטאַליע גופא: די ישועה, ווייסט שוין סילאָנע (באַזונדערס זינט ער האָט זיך פולשטענדיק אויסגעניכטערט פון זיין אַמאָליקן רוסיש־באָלשעוויסטישן נאַרקאָז), וועט קומען אין איטאַליע פון אינעווייניק; פון כוחות וואָס זאַמלען זיך אָן אין דער היים, אין די טיפענישן פון פאַראומערטן פאָלקס־לעבן, אָדער דורך היילנדיקע קאָנוווּלסיעס פונעם פאָלקס־צאָרן. זי וועט אָבער זיכער נישט קומען פון עמיגראַנטישע פאַרשווערער מיט זייערע קאָמי־טעטן, דעלעגאַציעס, קרענקלעכער קנאה־שנאה און נישט שטענדיק ווירדיקע רייסערייען: סילאָנע שיקט דערפאַר זיין העלד — זיין אייגענעם פּראָזשעקטירטן איך — אַהיים.

אויב איך דערמאָן זיך ריכטיק דעם עפּילאָג פון „ווייץ און ברויט", בלייבט פּיעטראָ ליגן אין טיפן שניי, זוכנדיק זיך צו ראַטעווען פון די פאַשיסטישע זשאַנדאַרמען, וואָס פאַרפאָלגן אים. דער איינדרוק איז, אַז אין שניי גייט ביי אים אויס די נשמה. אין זיין נייעם בוך — „די זריעה אונטערן שניי" — איז סילאָנע, אַזוי צו זאָגן, מחיה־מתים זיין העלד. פּיעטראָ לעבט, אָבער פון אונ־טערן שניי קומט ער אַרויס, ווי אַ נייע פּרילינג־שפּראָצונג: קאַמף, סכנות, יסורים, די אַגאָניע פון גסיסה רופן אין אים אַרויס אַ נייעם וועלט־געפיל. ער ווערט, אויב איך מעג זיך דאָ אַזוי אויסדריקן, ווידער־געבוירן, מיט אַ נייער נשמה, פאַר וועלכער עס אַנטפּלעקן זיך אַ נייער הימל און אַ נייע ערד. נישט נאָר מוסאָליני איז אים איצטער ווילד־פרעמד — און נאָך פרעמדער ווי פריִער — נאָר אויך מאַרקס און באַקונין, לענין און סטאַלין, און אַפילו יענער גרויסער

איטאַליענער, ווען מען סילאָנע האָט ערשט צוריק מיט אַ יאָר צוויי געווידמעט איינעם פון זיינע בעסטע עסייען — מאַדזיני. אַלע, ווייסט איצטער סילאָנע־פּיעטראָ (אָדער ער וויל זיך איינשמועסן, אַז ער ווייסט), האָבן זיי זיך געפּאָרעט מיט דער אויבערפלאַך פון לעבן, נישט מיט זיין עיקר, מיט זיינע שרשים אין איביקייט: רעוואָלוציעס, קאָנטער־רעוואָלוציעס, דעפּענסיווע און אָפענסיווע מילחמות, רעזשימען מיט אַלע זייערע וואַריאַציעס זענען איצט פאַר אים אַ סאָרט אָרגיעס, אין וועלכע מען שיכורט זיך אָן מיט אויבערפלעכלעכע געטראַנקען. אינסטיטוציעס זענען טפל, דעם עיקר רירן זיי ווייניק אָן. אַמביציעס זענען זיי, מיראַזשן וואָס פאַרפירן דעם מענטשן — אַוועק פון תוך. און תוך, ווייסט ער היינט, ליגט אינעם איינצלנעם מענטשן, אין זיין פעיִקייט צו שענקען זיינע פאַרבאָרגענע אָדער — צו נוצן אַ מילחמה־אויסדרוק — „פאַרפרוירענע" קאַפּיטאַלן; און פון אַלע קאַפּיטאַלן — דעם וויכטיקסטן, דעם טאַלאַנט צו ליבן.

אַלט? באַנאַל? שוין לאַנג אויסגעדראָשן? עוואַנגעליסטישע מגידות? אויף דער אויבערפלאַך — זיכער, אויפן ערשטן איינדרוק — אָן שום ספיקות: אָבער ווען מען הערט זיך אַביסל טיפער אַריין אינעם ריטם פון סילאָנעס דערציילן, מוז מען אָנהייבן פילן, אַז דער אַמאַליקער באָלשעוויק איז באמת אויפן וועג צו מאַכן פאַר זיך אַ נייע אַנטדעקונג. עס איז כלל נישט וויכטיק, וואָס די נייע אַנטדעקונג איז, דוכט זיך, אַלט ווי די וועלט גופא. סוף־כל־סוף האַנדלט זיך דאָ נישט וועגן אַ דערפינדונג, נאָר וועגן אַן אַנטדעקונג. קיינער דאַרף היינט נישט האָבן, אַז עמעצער זאָל זיך אויפסניי דערטראַכטן צו אַ קאָמפּאַס, אָדער אַ טערמאָמעטער — און וואָס פאַר אַ בר־מזל עס זאָל היינט נישט זיין אַ נייער קאָלומבוס, וואָס האָט, לאָמיר זיך פאָרשטעלן אויף אַ מינוט, גאָר נישט געוווּסט, אַז אַמעריקע איז שוין אַנטדעקט געוואָרן — וועלן מיר אַלע צוזאַמען מיט אים נישט וויסן וואָס צו טאָן מיט זיין „מזל". אָבער די אַנטדעקונג פאַר זיך פון אַ שוין לאַנג אַנטדעקטן „פּסיכישן קאָנטינענט" איז, אין יעדן איינצלפאַל, אַ גרויסע און פייערלעכע געשעעניש, ווי עס איז יעדע עכטע, עראָטישע ליבע, טויזנטער און טויזנטער יאָרן נאָך דעם וואָס עמעצער האָט שוין אָנגעשריבן „ויאהב יעקב את רחל". און מיט אַזאַ „באַנאַל־פייערלעכער" אַנטדעקונג האָבן מיר אפשר דאָ צו טאָן. סילאָנע־פּיעטראָ האָט דערפילט זיינע ערשטע פרילינג־שטראַלן און ער איז אַרויס פון אונטערן שניי מימ אַן אַנטדעקונג אין זיך אַליין. אַ פאַרשטומטער קוואַל האָט אָנגעפאַנגען צו שלאָגן „מים חיים" — און אַלץ אַרום איז מיטאַמאָל געוואָרן בלאָס אין פאַרגלייך מיטן נר־תמיד, וואָס ער האָט גאָרנישט חושד געווען, אַז ער ברענט אין אים. ס'איז זיך נישט פאַרצושטעלן, אַז איך וואָלט סילאָנען (וועלכער איז געקומען צום קאָמוניזם פון קאַטאָליציזם

און גייט לעצטנס פון קאָמוניזם צו אַ באַנייטן, אומקירכלעכן קריסטנטום) געטאָן אַן אומרעכט, ווען איך זאָל אַוועקשטעלן אַלס מאָטאָ צו זיין נייעם בוך עטלעכע זאַצן פון פּאַולוס בריוו צו די קאָרינטער:

„אויב איך זאָל רעדן אין די לשונות פון מענטשן און מלאכים און עס זאָל אין מיר נישט זיין קיין ליבע, וואָלט איך געווען (נישט מער) ווי ליאַרמענ־דיקער קופּער אָדער אַ צימבל וואָס לאָזט זיך הערן אויב עס זאָל אין מיר (אַפילו) זיין נבואה און איך זאָל וויסן אַלע מיסטעריעס און אַלץ־דאָס וויסן, און עס זאָל אין מיר (אַפילו) זיין יענע גאַנצע אמונה, מיט וועלכער מען קען אַרויס־רייסן בערג פון זייער פּלאַץ, און קיין ליבע זאָל אין מיר נישט זיין, בין איך גאָרנישט. און אויב איך זאָל פאַרטיילן אַלץ וואָס איך פאַרמאָג און זאָל (אַפילו) איבערגעבן מיין גוף צו אַ ברענענדיק פייער, נאָר קיין ליבע זאָל אין מיר נישט זיין, וועט דאָס מיר גאָרנישט נישט העלפן".

איך ציטיר דאָ בכיוון פּאַולוסן, ווייל דאָס וואָס עס שיינט היינט צו פאַר־איניקן סילאָנען מיטן פרייען אַפּאָסטאָלישן קריסטנטום איז דער באַגריף פון דירעקטער ליבע — פון יחיד צו יחיד, אָדער פון יחיד צו יחידים, נישט צום אַבסטראַקטן, אַנאָנימען כלל, וואָס „ליבן" קען מען אים בלויז דורך אַ פאַרמיטלער, דורך פּאָליטישע אינסטיטוציעס. נישט ישו און נישט פּאַולוס האָבן אַקטיוו געזוכט צו צעשטערן די אינסטיטוציעס פון זייער צייט און שאַפן אויף זייער פּלאַץ נייע (פּאַולוס האָט אַפילו אַן אַנטלאָפענעם קנעכט געהייסן צו־ריקגיין צו זיין האַר, ווייל „אין גאָט" איז ער דאָך סיי־ווי־סיי פריי). פּיעטראָ, סילאָנעס תחית־המתימדיקער העלד, איז אויך גרייט — לויטן אַלטן מוסטער — צו „איגנאָרירן" אינסטיטוציעס און רעזשימען. זענען זיי דאָך נישט מער ווי „קליפּות" און אַפילו דער איצטיקער פאַשיסטישער רעזשים אין איטאַליע איז בלויז אַ מיאוסע יאָך־שלאַכטעס — אָבער דאָך, „אין לעצטן חשבון", נישט מער ווי אַ שאָלעכטס.

ער זוכט און געפינט דעם תוך, דעם עיקר. עס איז אומזיסט צו דיסקו־טירן אין זיין הימישן שטעטל מיטן אַדוואָקאַט. ער געדענקט וואָס פאַר אַ פּעסט עס איז היסטאָריש געווען דער אַדוואָקאַט אין דער איטאַליענישער פּראָווינץ (און איז דען נישט דער אַדוואָקאַט בכלל די לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פונעם אינסטיטוציאָנעלן, בלויז־אינסטיטוציאָנעלן און, ממילא, שוין מאָראַליש און עמאָציאָנעל פאַרפלאַכטן מענטש, זיין גייענדיקער סימבאָל?). דער פּראָפעסיאָ־נאַל מיט די קליינע געשעפטלעך, דער אייביקער „מאַכער" און „דערגרייכער", דער שטענדיק אַגרעסיווער, ווולגאַר־אָראַטאָרישער, זעלבסט־באַשטימטער מליץ־יושר פאַר יעדער אידעאָלאָגיע וואָס זיצט אין זאָטל — אייערנעכטן יע־זואיטיזם, נעכטן די „אומשטערבלעכע פּרינציפּן פון 1789", היינט — די דיק־

טאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, אָדער די באַנייונג פון דער רוימישער אימפּעריע — פּיעטראָ ווייסט אַז ער האָט מיט אים קיין שותּפותדיקע שפּראַך נישט, ווייל אין תּוך לעבט ער גאָר, אויב איך מעג זיך נאָכאַמאָל אַזוי אויסדריקן, אויף אַן אַנדער „פּסיכישן קאָנטינענט". זיין שותּף ווערט גאָר זיין אַכציק־יאָריקע באָבע. אין איר פרומער נשמה — פאַרסמט, אָבער אויך באַפרוכפּערט פון קאַטאָליציזם — געפינט ער אַן אָפּקלאַנג פאַר זיין אַלט־נייער „בשורה". מיט איר, און מיטן „סופער"־בונטאָוושטשיק סימאָנע, און מיט אינפאַנטע, דעם טויב־שטומען פויער, דעם „דאָרף־אידיאָט" גרינדעט ער אַ נייע „געמיינדע" אין אַ שטאַל (וויטער אַמאָל, אַן עוואַנגעלישע אַסאָציאַציע), און איר יסוד איז — פּשטות און פריינטשאַפט. דער רעזשים? זיי געדענקען, אַז ער איז פאַראַן, אָבער זיי זענען אים „מבטל". די קליינע געמיינדע פירט דורך איר אייגענע „רעוואָלו־ציע": זיי אַרבעטן, זיי לעבן אין דחקות; אָבער די דחקות איז באַהנט מיט אַלע חנען פון עטלעכע נישט־גלייכע מענטשן, וואָס ווערן גלייך באַשטראַלט פון קעגנזייטיקער, אַלץ־אויסגלייכנדיקער ליבע, פון פרייד און צוטרוי און פון אחריות איינער פאַר דעם אַנדערן. אין דער פרייער צייט גייען זיי אַרום איבער דער געגנט, נישט צוליב פּאָליטיק, קאָנספּיראַציעס אָדער פאַרשווערונגען — נאָר פּשוט כּדי צו באַנייען פאַרגעסענע באַקאַנטשאַפטן, באַשטעטיקן אַלטע און שליסן נייע פריינטשאַפטן. זיי ווילן איינפירן ביסלעכוויז, כאָטש אין אַ קליינעם ראַדיוס, דאָס „אייביק מענטשלעכע", דאָס פון פּאָליטיק צעטראָטענע, דעם די־רעקטן מאָראַלישן קאָנטאַקט צווישן יחיד און יחיד.

עס איז נישט וויכטיק די גאַנצע האַנדלונג אין דער נאָוועלע. נישט וויניק איז אין דער האַנדלונג פאַראַן אַזוינס, וואָס איז פּסיכאָלאָגיש נישט מאָטיווירט. וויכטיק איז דער גרונט־טאָן פונעם ווערק, דער ריטם פונעם סיפּור־המעשה — סילאָנעס צוריקקער פון דער „ליבע" צום ווייטן, צום כּללישן און פון אַלץ־אַרומנעמענדיקן — צו דירעקטער ליבע, פון יחיד צו יחיד, פון דערפל צו דערפל, אויך... פון טאָג צו טאָג. וויכטיק איז אויך די אמונה (אָדער דער פּרווו צו אמונה) וואָס שטייט ביי אים אין הינטערגרונט: אַז די אמתע, די תּוך־„רע־וואָלוציע" מוז זיך אָנפאַנגען פונעם סאָציאַל־מיקראָסקאָפּישן, פון דער „געמיינ־דע אין שטאַל", נישט פון סאָציאַל־גיגאַנטישן; פון אַ קול דממה דקה, נישט פון שטורעם־און־דראַנג און אָרגאַניזירטע ערד־ציטערנישן.

***

ווען איך האָב פאַרענדיקט לייענען דאָס בוך, איז מיר געקומען אויף דער מחשבה: דאָס איז סילאָנעס אַ חלום וועגן נייע קאַטאַקאָמבן, גאָטס „אונטער־ערדישע אינדזלען" אינעם ים פון פאַשיסטישער תּיפלה. אַ טרוים? אפשר דאָס

אויך גישט, נאָר גיכער גאָר אַן עקספּערימענט אין טרוימען וועגן איראַציאָנע־לער, אומתכליתדיקער און דערפאַר טאָקע עכטער פרייד, וואָס האַלט ביים אַרויסשפּראָצן נאָך לאַנגע ווינטערן. אָבער אויך אַלס אַן עקספּערימענט אין חלומות איז סילאָנעס ניי ווערק אפשר סימפּטאָמאַטיש: האָט ער באמת אַ פאַר־געפיל וועגן כוחות וואָס דרימלען היינט אונטערן שניי און באַלד־באַלד וועלן זיי זיך אָנהייבן אַרויסווייזן מיט דער פּראַכט פון זייער פשטות און עניוות? אין איטאַליע? אויך ערגעץ אַנדערש?

***

סילאָנע, פילט מען, איז אַ פילפאַך אַנטוישטער, מידער, צעבראָכענער מענטש. אָבער גראָד אין זיין צעבראָכנקייט זוכט ער צו באַשטעטיקן פאַר זיך עקזיסטענץ פון שלימות. מעג איך פאַרענדיקן מיט אַ קליינעם פּאַראַדאָקס? אויף אַזאַ מין מידקייט ווילט זיך מאַכן אַ ברכה:

„צו געזונט"!

1942.

אין אַ „טי־רום" פון אָהאַיאָ

איך האָב די טעג געבלעטערט ה. א. פרידלאַנדס לידער און האָב זיך דערמאָנט אָן דער גבורה, מיט וועלכער דער דיכטער האָט איבערגעטראָגן די עטלעכע יאָר פון זיין קראַנקהייט־מאַרטירערשאַפט. מיר איז קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו זען נאָך אַ מענטש, וואָס האָט זיך אַזוי ערנסט — מ׳קען זאָגן, אַזוי ענערגיש — געגרייט צו באַגעגענען דעם סוף, און אין דער זעלביקער צייט נישט פאַרלוירן קיין ברעקל פון זיין גוטמוטיקייט און פון זיין געזונטן, שטענדיק פריינטלעכן און קלוגן הומאָר. עס איז שוין געוואָרן אַ יאָר זינט דער טויט האָט אים אויסגעלייזט פון זיינע ליידן, אָבער זיצנדיק ווו איך זיך איצ־טער, אין אַ פאַרוואָרפן דערפל אין די בערג, האָב איך נישט געהערט מ׳זאָל ערגעץ־ווו פראַווען זיין יאָרצייט. איך האָב נאַטירלעך קיין טענות נישט צו די אומצייליקע פריינט און פאַרערער וואָס ער האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט: אויך פאַר אבלות — מעג מען דאָס זאָגן? — דאַרף מען זיין „אויפגעלייגט", און די צייטן, וואָס מיר לעבן איצט איבער, טעמפּן אין אונדז אָפּ אויך די פעיִקייט צו זאָגן קדיש...

***

מיר האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון מיין לעצטע באַגעגעניש מיט פריד־לאַנדן עטלעכע חדשים פאַר זיין טויט — אין זיין היימשטאָט. מיר איז אויס־געקומען דענסטמאָל, אין פרילינג, צו פאַרברענגען אַ פּאָר טעג אין קליוולאַנד, און דער גאַסטפריינטלעכער „חית־אלעף", ווי מיר פלעגן אים רופן, איז אויך דאַסמאָל, ווי אין די אַמאָליקע גוטע יאָרן ווען ער איז געווען פיזיש קרעפטיק און אַ שטענדיקער בעל־שמחה, באַלד געקומען זיך זען מיט מיר. ער האָט געוווּסט מיין שוואַכקייט פאַר שטילע פלעצער אויסערן שטאָט און ער האָט מיך אויך דאַסמאָל געוואָלט מהנה זיין. האָבן מיר גלייך פאַרלאָזט מיין האָטעל און ער האָט מיך אַוועקגעפירט אין זיין אויטאָמאָביל — איך געדענק שוין נישט דעם פּלאַץ, אָבער אין אַ זייער חנעוודיקן און אַלטמאָדישן „טי־רום", צווישן וואַלד און אַ קליינער אָזיערע.

אונדזער שמועס האָט זיך פון אָנהייב נישט געקלעפּט. אַ גוטע האַלבע שעה איז צווישן אונדז פאַרגעקומען אַ פאַרמאַסקירטער געראַנגל. איך האָב אַלץ גע־זוכט אַוועקצוגיין און אים אַוועקצופירן פון „דער טעמע", און ער, פאַרקערט, האָט אַלעמאָל געוואָלט אויסנוצן אַ וואָרט, אַ רמז, אַ ווייטע אַסאָציאַציע, כדי

מיר זאָלן אויף „דער טעמע" מוזן אַרויפקומען. ער האָט שוין לאַנג געהאַט דאָס באַוווסטזיין, אַז ער איז אַ „פאַרמשפּטער", און ער האָט געוווסט, אַז דאָס איז אויך פאַר מיר קיין סוד נישט געווען. האָט זיך אים דאָסמאָל געוואָלט רעדן וועגן טויט — נישט בלויז וועגן זיין טויט, וואָס איז שוין געשטאַנען, אַזוי צו זאָגן, ביי זיין טיר, נאָר וועגן טויט בכלל — און איך האָב, לויטן באַנאַלן שטייגער אין אַזעלכע פאַלן, אָנגעווענדעט אַלע מיטלען, אַז מיר זאָלן זיך פאַרשמועסן וועגן אַנדערע ענינים, וויכטיקע, אומוויכטיקע, גאַנץ טריוויאַלע. ווי אויף צו־להכעיס מיר, האָט די קעלנערין „קאָאָפּערירט" מיט פרידלאַנדן. ווען זי האָט אונדז אָנגעהויבן סערווירן טיי מיט סענדוויטשעס, האָב איך איר געזאָגט אַ פאַר קאָמפּלימענטן פאַר דער זויבערקייט און פּיינקייט פונעם „טי־רום" און אויך אויסגעדריקט מיין פאַרוווּנדערונג, וואָס אַ חוץ אונדז איז איצט קיינער דאָרט נישטאָ. האָט מיר דאָס בלאָנדע מיידל געגעבן צו פאַרשטיין, אַז פאַר באַזוכער פון שטאָט איז נאָך צו פרי אין סעזאָן, און אַז די איינוווינער פון זייער אייגענעם שטעטל זענען איצטער אַלע אויף אַ לוויה: זייער דאָקטאָר איז גע־שטאָרבן און קינד און קייט זענען איצטער אויפן וועג צום בית־עולם.

ביי פרידלאַנדן האָט זיך אַרויסגעריסן אַ ברייטער געלעכטער פון אַ „זיגער":

„איר זעט, ס'איז מן השמים. ס'האָט אייך גאָרנישט געהאָלפן. מיר זענען אַרויפגעקומען אויף „דער טעמע" און איר וועט זיך היינט מער נישט אַרויס־דרייען. זאָל איך אייך זאָגן דעם אמת? איר מיינט דאָך, אַז איר ווילט נישט רעדן וועגן יום־המיתה אויס רחמנות אויף מיר. ס'איז מסתמא אמת... אין אַ גע־וויסער מאָס... אָבער נאָך מער ווילט זיך אייך נישט רעדן אויס רחמנות אויף זיך אַליין. ס'איז נאַטירלעך, מענטשלעך. ווען אַ פאַרהעלטניסמעסיק־געזונטער מענטש רעדט נישט וועגן טויט, קען ער נאָך לעבן אין זיין אילוזיע, אַז ער גופא געהערט נישט — איך נוץ אייערן אַן אויסדרוק — צו דער „חברה שטאַרבערס". איך בין אייך חושד, גוטער ברודער, אַז איר האָט מורא פאַרן טויט אַ סך מער פון מיר, כאָטש... כאָטש, אויב איך מאַך נישט קיין טעות, זענט איר נישט ווייט פון גלייבן אין השארת־הנפש... איך ווייס, אַז איך האַנדל איצטער גראָביאַניש. איך פרעג אייך וועגן איינער פון די צוויי־דריי אינטימסטע זאַכן מיט וועלכע אַ מענטש קען זיך אַרומטראָגן אין לעבן. אָבער זאָגט מיר דעם אמת: איר האָט מורא פאַרן טויט? שטאַרק מורא? און אויב איר גלייבט טאַקע באמת אין השארת הנפש, אין אַ יענער וועלט, אין וועלכן נישט־איז המשך, איז פאַרוואָס האָט איר מורא? מיין פראַגע איז ברוטאַל? איר מוזט נישט ענטפערן. אויב ס'איז אייך פּיינלעך אַזאַ שמועס, בין איך גרייט אויף אייך רחמנות צו האָבן... נו, גוט, לאָמיר רעדן פון עפּעס אַנדערש: וועגן סטאַלינען און היטלערן, וועגן דזשים

פּאַרלי און דעם סיטי מענעדזשער פון קליוולאַנד, וועגן קאַבאַקס קריסטוס־ראָמאַן, אויב איר ווילט — אַפילו וועגן אַ שואָ נע און אַ שואָ נח". איך האָב זיך אומווילנדיק צעלאַכט:

„ניין, אויב דיקדוק, איז שוין בעסער דער טויט".

פרידלאַנד האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע:

„אַ דאַנק. איר האָט אַ גוטן געשמאַק, אָבער זאָגט עס קיינמאָל נישט אַרויס פאַר די תלמידים פון אונדזערע שולן. הייסט עס, רעדן מיר דאָך וועגן טויט. גובר געווען די מורא — נישט פאַרן טויט, נאַטירלעך, נאָר פאַרן רעדן. אָבער פאַרוואָס האָט איר מורא פאַרן טויט גופא, אָנגענומען. אַז איר גלייבט טאַקע אין דער אומענדלעכקייט פון אייער „איך"?

איך האָב אויף דעם געמאַכט אַ באַמערקונג, וואָס, זאָגנדיק דעם אמת, האָב איך אַליין נישט געוווּסט, וויפל ערנסט עס איז אין איר געווען און וויפל... שפּיל:

„אַפילו ווען איך וואָלט געווען אַ טיפער מאמין אין עולם־הבא, וואָלט איך זיך אויך נישט געשעמט מורא צו האָבן פאַרן טויט. פאַר מאמינים איז דאָס גאָר אַ באַזונדער מין מורא; מ'דאַרף אפשר פאַר דעם קריגן אַן אַנדער וואָרט. אין העברעיִש זאָגן מיר אין געוויסע פאַלן „חרדה", וואָס איז ווייט, ווי איר ווייסט מסתמא בעסער פון מיר, נישט דאָס זעלבע וואָס מורא אָדער פּחד. עס איז אפשר גיכער אַ ציטערן פאַר אַ זייער־פייערלעכן מאָמענט, פאַר דעם פייער־לעכסטן מאָמענט וואָס קען עקזיסטירן פאַרן מענטשלעכן באַוווסטזיין. אויך אַ גרויסע פייערלעכקייט אָדער אַ רייזע אין אומבאַקאַנטע, כאָטש אומגעהויער רייצנדיקע מרחקים, ווילט זיך אָפטמאָל אַפּלייגן אויף שפּעטער. אגב, איך האָב מסתמא שטאַרק מורא געהאַט, ווי יעדער מענטשלעך באַשעפעניש, געבוירן צו ווערן. עס קען זיין, אַז ווען איך וואָלט געקענט רעסטאַווירן דאָס, וואָס כ'האָב איבערגעלעבט עטלעכע מינוט פאַר דעם געבורט, וואָלט איך זיך „דער־מאָנט", אַז כיר האָט זיך זייער נישט געוואָלט „אַרויסקומען", איבערפירן מיין עקזיסטענץ פון איין פּלאַץ אויפן אַנדערן. לאָמיר נישט רעדן וועגן מיר אָדער וועגן אייך, אָבער בדרך־כּלל איז דאָס וואָס איר רופט־אָן „מורא" פאַרן טויט גאָרנישט קיין באַוויז פאַר גלייביקע, אַז זייער אמונה איז נישט קיין עכטע".

פרידלאַנד האָט מיר איבערגעשלאָגן: „אייער פרויד קומט אייך, ווי איך זע, זייער צונוץ. פרויד האָט פּאָפּולער געמאַכט דעם באַגריף „טראַומאַ פון דער געבורט", ריכטיקער, די פאָרשטעלונג, אַז דער אַקט פון געבוירן ווערן איז פאַרבונדן פאַרן נייעם נפש מיט אַ „שאָק". אָנגענומען, אַז אַזוי איז דאָס, אָבער וואָס וואָלט פרויד געזאָגט ווען ער הערט, ווי איר ווענדט אָן זיינעם אַ וויסנשאַפטלעכן באַגריף פאַר — זייט מיר מוחל — זייער־געקינסטלטער מיס־

טיק? דאָס דערמאָנט מיר, אַגב, אָן דעם וואָס ביאַליק האָט אַמאָל דערציילט וועגן מענדעלע מוכר ספרים אין זיינע זייער אַלטע יאָרן. רעדנדיק וועגן טויט, פּלעגט דער זיידע אָפּטמאָל פאַנטאַזירן: אַז אַ קינד ווערט געבוירן, פרייען זיך טאַטע־מאַמע, קרובים, פריינט... מזל־טוב, מזל־טוב... אָבער עס קען דאָך זיין, אַז אין אַן אַנדער וועלט, פון וואַנען דאָס נייע נפשל איז „נפטר געוואָרן", כדי געבוירן צו ווערן, רייסט מען אין דער זעלבער צייט קריעה און מען זיצט שבעה... און דאָס זעלבע, קען זיין, קומט פאָר, בשעת איינער שטאַרבט ביי אונדז. מיר באַוויינען און באַקלאָגן דעם מת; אָבער ווער קען אונדז באַווייזן, אַז אין אַן אַנדער וועלט, וווהין דער מת איז „אַריינגעבוירן געוואָרן" דורך זיין שטאַרבן, טרינקט מען נישט לחיים? מזל־טוב! מזל־טוב! ס'קאַצל קומט, קלעפּט אָן שיר־המעלותלעך אויף דער וואַנט, אַז מזיקים און מחבלים זאָלן אויפן תי־נוק הנולד קיין שליטה נישט האָבן... אָט וואָס פאַראַ בבא־מעשות אַפילו אַן ערנסטער און שטרענג־דענקענדיקער מענטש קען זיך איינשמועסן, אויב ער איז נישט מסוגל צו פועלן ביי זיך, אַז סוף איז סוף און נישט אַ נייע התחלה...
אָבער פאַרוואָס טרינקט איר אַזאַ שטאַרקן טיי? זאָל איך בעטן ס'מיידל, זי זאָל ברענגען אַביסל הייסע וואַסער? און פאַרוואָס רויכערט איז אַזוי אָן אַן אויפ־הער? על פּי חכמת המעדיצין זענט איר דאָך מקרב, ווי מענדעלע וואָלט אייך געזאָגט, אייער נייעם געבורטס־טאָג, און איך דערקען אויף אייער נאָז אַז איר האָט נישט קיין גרויסן חשק אַזוי גיך נאָכאַמאָל „געבוירן" צו ווערן... אָבער איך וויל אייך פרעגן גאָר עפּעס אַנדערש. דוכט זיך מיר, אַז פון אייך האָב איך אַמאָל געהערט וועגן אַ רוסישער סעקטע, וואָס האָט געגלייבט אין פיזישער אומשטערבלעכקייט, וואָס האָט נישט געהאַלטן דעם טויט, אַזוי צו זאָגן, פאַר קיין נאַטור־געזעץ. וואָס איז פון יענער סעקטע געוואָרן? אָ, יאָ, איך האָב זיך דערמאָנט. אַז שטאַרבן שטאַרבט נאָר דער, וואָס גלייבט נישט אין זיין פיזי־שער אומשטערבלעכקייט, איז געווען זייער הויפּט־דאָגמע. אַלע טויט־פאַלן וואָס זענען פאָרגעקומען פון אדם הראשונען ביז זיי, זענען געווען בלויז „פאַלן", אַקצידענטן, איבערן נישט־וויסן דעם „אמת". זייער באַוויז, אויב איך דער־מאָן זיך ריכטיק, איז געווען אַן „עמפּירישער": דער עלטסטער מיטגליד פון דער סעקטע איז שוין אַלט געווען קרוב צו צוויי טויזנט יאָר; ער איז געווען נישט מער און נישט ווייניקער ווי יוחנן המטביל און פלעגט דערציילן זכרונות וועגן הורדוסן און ישון. ער איז נישט געשטאָרבן, ווייל ער האָט געגלייבט אין דער אומשטערבלעכקייט פון זיין גוף (שלומית די אידיאָטקע האָט געמיינט, אַז מ'האָט איר טאַקע צוגעטראָגן אויף אַ גאָלדענער טאַץ דעם קאָפּ פון אַ טויטן יוחנן). אָבער אין אַ שיינעם פרימאָרגן, ווי מ'זאָגט אין געוויסע מעשה־ביכלעך, איז דער „עמפּירישער באַוויז" אַליין געשטאָרבן און די סעקטע האָט זיך נאָכ־

דעם ביסלעכוויז אויפגעלייזט... איר זעט, וואָס פאַר אַ זכרון איך האָב? ווי זאָגן ייִדן, „אַ נאַרישקייט געדענקט זיך״... אָבער עס קען זיין, אַז איך בין אומגע־רעכט צו יענע סעקטאַנטן. מיט וואָס איז זייער טעאָריע נאַרישער פון אַנדערע ענלעכע טעאָריעס?... ווי איר האָט מיר דערציילט, זענען זיי אַלע געווען פּראָס־טע גויים, עם הארצים. אָבער זיי האָבן שוין געפילט אין דער לופט די נאַטור־וויסנשאַפטלעכע מעטאָדע פון דענקען. און, זוכנדיק אייביקייט, האָבן זיי גע־זוכט אין פליישׁ און בלוט, נישט אין אַן אַנעמישער יענער וועלט־אַבסטראַקציע. אויב לעבן, זאָל זיין לעבן — מיט אויגן, מיט אויערן, מיט זוניקע טעג און לבנה־נעכט, מיט קאָליר און פאַרב, מיט מוזיקאַלישן קלאַנג, מיט גראַציע פון באַוועגונג, מיט ריטם, מיט אַ וואַרעמער פרויען־האַנט... עס איז פאַראַן, גלייב איך, אַ סך מער זין אין מוסולמענישן גן־עדן — פאָנטאַנען, בלומען, קאַלטער שערבעט, טאַנצנדיקע מיידלעך — איידער אין דעם „זיו השכינה״ פון פילאָ־סאָפן, פון ייִדישע און קריסטלעכע רעליגיעזע טרייסטער. איך זאָג „מער זין״, ווייל עס איז, לכל־הפחות, פאַרשטענדלעך, מסוגל פאַרגעשטעלט צו ווערן. אָבער ווען איך הער זיך איין צו דעם וואָס עס רעדן די כלערליי מעטאַפיזישע השארת־הנפשניקעס, דוכט זיך מיר אויס, ווי זיי זאָגן מיר צו, אם ירצה השם, נאָכדעם וואָס איך וועל איינבעמען אַ מיתה משונה, וועל איך קריגן צוגעטראָגן אַ שיינע מתנה — די נצחיות פון געאָמעטרישן פונקט. נו, גוט, עס קען זיין אַז אַ געאָמעטרישער פונקט „לעבט״ אייביק, אָבער אַזאַ אייביקייט בין איך דעם רבונו־של־עולם מוחל. איך ווייס נישט וואָס דאָס איז און איך פיל אין דעם קיין טעם נישט... אָבער נאָך וואָס רעד איך אַזוי פיל? — אייער טיי ווערט קאַלט און צו די סענדוויטשעס, זע איך, האָט איר זיך אפילו נישט צוגערירט, נאָר איר פּיפּקעט און רק איר פּיפּקעט — אויב איר זענט ביז היינט קיין אפיקורס נישט געוואָרן, וועל איך אייך שוין פאַר אַזעלכן נישט מאַכן. כ׳האָב אויך נישט קיין אינטערעס צוצונעמען ביי אייך אילוזיעס, אויב איר האָט זיי און איר קענט זיך נאָך האַלטן ביי זיי. אויב איר גלייבט טאַקע אין אַ יענער וועלט, זאָל דאָס אייך וואויל באַקומען... אויף דער וועלט. מיר האָבן זיך לאַנג נישט געזען און איך האָב סתם אַ באַדערפעניש מיט אייך צו שמועסן, צו „באַלאַקען״, ווי איר זאָגט אַמאָל אויף אייער רוסישן ייִדיש. איז לאָמיר ווייטער „באַלאַקען״. ווי מיינט איר, אויב ס׳איז טאַקע פאַראַן אַזאַ זאַך ווי עולם־הבא, עקזיסטירט זי פאַר יעדן בשר־ודם אָדער נאָר פאַר די גייסטיקע „פּני״, פאַר יחידי סגולה? איז טאַקע יעדער בערל און שמערל אַן אייביק וועזן, אָדער כדי צו ווערן אַ בן־עולם־הבא דאַרף מען זיך דערדינען, דאַרף מען האָבן אַ באַזונדער זכיה — חכמה, אָדער גרויסע לומדות, אָדער קדושה, אָדער גאָר גבורה?

זיין פראַגע האָט מיך דערמאָנט אָן אַ באַשרייבונג פון דעם קיסר פראַנץ־

יאָזעפס לויה, וועגן וועלכער איך האָב נישט לאַנג צוריק געלייענט אין פּראַנץ ווערפלס אַן עסיי. די פּראָצעסיע האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דער „נייערמאַרקט", פאַר דעם קלויסטער פון די קאַפּוצינער, ווו עס זענען היסטאָריש געבראַכט געוואָרן צו קבורה די מיטגלידער פון דער האַבסבורגער דינאַסטיע. דער טויער איז געווען פאַרשלאָסן, גלייך ווי מ׳וואָלט יענעם טאָג אויף קיינעם דאָרט נישט געוואַרט. דער קייסערלעכער צערעמאָניע־מייסטער איז אַרויסגעגאַנגען פאַר־אויס און האָט מיט זיין מאַיעסטעטישן שטאַב געגעבן עטלעכע קלעפּ אויף דעם טויער, פון אינעווייניק האָט זיך דערהערט די שטימע פון אַ מאָנאַך: „ווער איז דאָרט, וואָס פאָדערט מ׳זאָל אים אַריינלאָזן?" דער צערעמאָניע־מייסטער, שלאַנק און מיליטעריש אויסגעשטרעקט, ענטפערט מיט אַ קלאָרער, הויכער שטימע, באַטאָנענדיק יעדע זילבע באַזונדער, כדי עס זאָל נישט זיין קיין ספק אַז דער מאָנאַך האָט תופס געווען וועגן וועמען עס האַנדלט זיך: דאָס איז זיין קעניגלעכע, אימפּעריאַלע און אַפּאָסטאָלישע מאַיעסטעט, פראַנץ־יאָזעף דער ערשטער, דער אימפּעראַטאָר פון עסטרייך, דער קעניג פון אונגאַרן, דער קעניג פון די לאָמבאַרדן און ווענעציאַנער, דער קעניג פון בעמען, דער קעניג פון גאַליציע, דער קעניג פון קראָאַטיע און סלאָוועניע, דער קעניג פון ירושלים, דער פירשט פון שלעזיע, דער פירשט פון דער בוקאָווינע, דער פירשט פון שטי־ריע, זאַלצבורג, קאַרינטיע, קאַרנאָלאַ און ווינדשנאַרק, דער גראַף פון טיראָל און דער הערשער פון טריעסט". אָבער די שטימע פונעם נישט־געזעענעם מאָנאַך פון אינעווייניק ענטפערט קורץ און טרוקן: „איך קען אים נישט". דער צערעמאָניע־מייסטער קלאַפּט נאָכאַמאָל מיט זיין שטאַב איבער דעם טויער און דער מאָנאַך חזרט איבער זיין פראַגע. דער צערעמאָניע־מייסטער אַנאָנסירט דעמאָלט אָנשטאָט דעם אַזוי־גערופענעם „גרויסן טיטל" דעם „קלענערן טיטל" — מער קאָנדענסירט, באַשיידענער. אָבער דעם מאָנאַכס שטימע גיט דעמזעלבן צוריקקווייזנדיקן ענטפער: „איך קען אים נישט". ערשט נאָכן דריטן קלאַפּ און נאָך דעם צווייטן ענטפער פונעם מאָנאַך אַנאָנסירט דער צערעמאָניע־מייסטער: „אַן אָרעמער, זינדיקער מענטש וויל אַריינקומען". „אים קען איך" ענטפערט דעמאָלט דער מאָנאַך, און ער קומט אַרויס און עפנט דעם טויער.

„אָט דאָס", האָב איך אַ זאָג־געטאָן, „איז דער ענטפער אויף אייער פראַגע. די קאַפּוצינער מאָנאַכן קענען נישט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער לעצטער ריה, דעם קעניג, דעם אימפּעראַטאָר, אַפילו נישט דעם וועמען די קירכע באַ־טראַכט אין דער בחינה פון אַן אַפּאָסטאָל. זיי קענען נאָר דעם אָרעמען און זינדיקן מענטשן, אַלץ איינס ווער ער זאָל נישט זיין אין זיין ערדישן לעבן. נאָר פאַר אים עפענען זיי דעם טויער: „זה השער... רשעים יבואו בו".

פרידלאַנד האָט מיר איבערגעשלאָגן מיט אַ באַגייסטערטן שמייכל (דער קינסטלער אין אים האָט ווי אויפגעוואַכט):

„אַ פּראַכטפולע מעשה וואָס איר דערציילט אין ווערפעלס נאָמען. כ׳מיין אַ פּראַכטפולער, זייער רינדיקער צערעמאָניאַל. כ׳ווייס נישט, צי שעקספּירן איז דער מנהג געווען באַקאַנט, ווען ער האָט געשריבן זיין „קעניג ליר״. אָבער — דאָס קער זיך, נאַטירלעך, צום עצם ענין נישט אָן, און איך זאָג עס בלויז אגב אורחא — ס׳איז זייער מאָדנע, וואָס ווען איר דאַרפט אַ משל, אַן אילוס־טראַציע נעמט איר זיי פון דער קריסטלעכער רעליגיעזער פּראַקטיק... כ׳פרעג אייך נישט פאַרוואָס, און מיר שטערט עס נישט. אָבער וואָס וואָלט איר געטאָן, ווען איר רעדט היינט מיט אַ פרומען ייִד? איר וואָלט דאָך אים שטאַרק שאָקירט מיט אַ „ראיה״ פון קאַטוילישן ריטואַל״.

פרידלאַנד איז אַ סך יאָרן געווען אַ לערער און מיר האָט זיך דענסטמאָל געדוכט, אַז ער קוקט אויף מיר מיט אויגן פון אַן עקזאַמינאַטאָר.

„אַ פרומער ייִד״, האָב איך געענטפערט, „וועט מיך מיסתמא אַזאַ פראַגע נישט פרעגן. ער ווייסט אָן מיר, אַז „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא״ — אַ גאון און אַ הדיוט, אַ הייליקער און אַ ישראל שחטא, משה רבינו און „אחר״. אַ פרומער ייִד וועט אפשר צוגעבן, אַז איינער וועט גיין גלייך אין גן־עדן און דער אַנדערער אין גיהנום, אָבער זענען זיי דען ביידע נישט — וועלט, יענע וועלט, עקזיסטענץ, המשך? וואָס איך האָב געוואָלט אַרויסברענגען, איז זייער פּשוט. עס איז נישט פאַראַן קיין לאָגישער אָדער וויסנשאַפטלעכער צוואַנג אָנ־צונעמען די אידייע פון אומשטערבלעכקייט. אויב עמעצער פילט אַזאַ צוואַנג צו גלייבן, איז עס אַ מין מאָראַלישער צוואַנג; די אוממעגלעכקייט שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק אַז אין יסוד פון דער וועלט ליגט אַ מין סאַדיסטישער פּרינציפּ — פּראָדוצירן באַשאַפענישן מיט אַ דאָרשט נאָך אייביקייט און זיי אַלע אויסשעכטן ווי די לעמער. פאַר אמתער רעליגיע קען דערפאַר גאָרנישט עק־זיסטירן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן השארת הנפש, דער אונטערשייד צווישן „גרויס״ און „קליין״ — אַלץ איז גרויס אין זיינע אורשפּאַנונגען און אַלץ איז קליין אין פאַרגלייך מיטן אַבסאָלוטן. דער רמב״ם גלייב איך, דערפאַר (דער אמתער רמב״ם פונעם „מורה נבוכים״, נישט, אַנטשולדיקט מיר, דעם „פּאָ־ליטישן״ פון די דרייצן עיקרים מיט זייער אמונה און פיזישער תחית המתים), איז באַגאַנגען דעם גרעסטן חילול־השם, ווען ער האָט צוגעזאָגט אומשטערב־לעכקייט בלויז מענטשלעכע ברואים, וואָס וועלן קומען אויף יענער וועלט מיט אַ „שכל הפועל״, בשעת די וואָס האָבן זיך אויסגעלעבט די יאָרן בלויז מיט זייער „שכל הטבע״, אָדער מיט זייער „שכל נפעל״ ווערן פונעם טויט אינגאַנצן און אויף אייביק פאַרניכטעט: נאָר אַן אינטעלעקטועלער בעל־גאווה האָט זיך

צו אַזאַ געדאַנק געקענט דערטראַכטן, נאָר אַזעלכער וואָס האָט זיך נישט פֿאַר־געשטעלט אַז די גאַנצע חכמה פֿון זיין „שכל הנקנה“ זאָל אפשר ווערט האָבן אַ שמעק טאַבאַק, ווען ער וועט קומען אויפֿן עולם־האמת: דער רמב״ם (און ער איז צווישן פֿילאָסאָפֿן געווען נישט דער איינציקער און אויך נישט דער ערש־טער) האָט מיט אַזאַ סדר־העולם אויסגעטראַכט אַ בילבול אויף גאָט; פֿאַר־שוועכט, וואָלט איך געזאָגט, דאָס וויכטיקסטע און הייליקסטע אינעם מענטשן, דאָס פּינטעלע מענטש, וואָס איז מיליאָנען מאָל באַדייטנדיקער פֿון אַלץ וואָס איינער איז זוכה צו אַקומולירן אַרום דעם פּינטעלע...“.

אַ פּאָר מינוט האָבן מיר ביידע געשוויגן. פֿרידלאַנד האָט זיך פֿאַרקוקט אויף פּאַסן זון־שיין וואָס האָבן זיך געצויגן צווישן פֿענצטער און אונדזער טיש. נישט קוקנדיק אויף מיר, האָט ער, ווי צו זיך אַליין, אַ זאָג געטאָן:

„דאָס מוז זיין אמת. אויב ס׳איז פֿאַראַן אומשטערבלעכקייט, איז זי פֿאַראַן פֿאַר יעדן. אָבער אָננעמען אומשטערבלעכקייט הייסט אָננעמען אויך... גאָט. גאָט, ווען ער זאָל עקזיסטירן, קען זיין די איינציקע גאַראַנטיע פֿאַר אומשטערב־לעכקייט. אָבער — ווו איז גאָט?“.

איך ווייס נישט, ווי פֿאַר אים, אָבער פֿאַר מיינע נערוון איז דאָס געווען צופֿיל. איך האָב זיך מיטאַמאָל דערשראָקן. אויפֿן גאַנצן לייב איז מיר דורכ־געגאַנגען אַ גרויל: ווי קען מען עס זיצן ביי שיריים טיי און האַלב־אויפֿגע־געסענע סענדוויטשעס און פֿירן אַזעלכע שמועסן מיט אַ „קאַנדידאַט“, מיט אַ נוטה למות?

אָבער פֿרידלאַנד האָט אויף מיר אַ וואָרף־געטאָן אַ שאַרפֿן, אויספֿרווונ־דיקן בליק:

„מיר דוכט זיך, אַז איר ווילט זיך אָן עפּעס דערמאָנען, אַ ליד, אַ פּאָעמע, און דער זכרון פֿאָלגט אייך נישט“.

דאָס איז געווען אמת. איך האָב זיך געוואָלט דערמאָנען אָן עטלעכע פֿערזן פֿון וואָרדסוואָירטס “Tintern Abbey”, און ס׳איז מיר נישט געלונגען. פֿריד־לאַנד איז געווען אַ גרויסער בקי אין ענגלישער פּאָעזיע און זיך אויסגעצייכנט מיט אַ געוואַלטיקן זכרון. איך האָב איבן אָנגערופֿן בלויז די ערשטע צוויי־דריי ווערטער פֿון יענעם פֿראַגמענט, און ער האָט גלייך אָנגעפֿאַנגען דעקלאַ־מירן מיט זיין קלאָרער און לירישער שטימע:

“...And I have felt
A presence that disturbs me with joy
Of elevated thoughts, a sense sublime
Of something far more deeply interfused
Whose dwelling is the light of setting suns,

And the round ocean and the living air,
A motion and a spirit that impels
All thinking things, all objects of all thoughts
And rolls through all things."

„האָט דאָס געזאָלט זיין", האָט ער נאָכדעם אַ זאָג געטאָן, „אייער ענטפער אויף מיין פראַגע — ווו איז גאָט? אַ שוואַכער ענטפער, גוטער ברודער, אַ פּאָעטישער ענטפער. און וואָס איז פּאָעזיע, וואָס איז קונסט? „אַ ליגן אין אויסערמאָראַלישן זין", נוצנדיק ניטשעס אַן אויסדרוק. אַ פּראַכטפולער, רייצנדיקער, אפשר געניאַלער ליגן, וועלכן מען דאַרף מוחל זיין, ווייל ער ווערט געליגנערט בלויז צוליב דעם, מ'זאָל זיך דערוייל פאַרקוקן אויף אַ מיראַזש און נישט זען פאַר זיך דעם אָפּגרונט פון גאָרנישט שבגאָרנישט, וואָס וואַרט אויף יעדן פון אונדז. אָבער ס'איז גלייכער צו וויסן דעם אמת — דעם ברוטאַלן, נאַקעטן, מאוימדיקער אמת: די וועלט איז חומר, זינלאָזער, גייסטלאָזער, בלינדער, טויבער, גולמדיקער חומר און אין אַזאַ וועלט אָדער איבער אַזאַ וועלט איז נישטאָ יענער "spirit that impels", פון וועלכן וואָירדסוואָירט זינגט. קען שוין ממילא אין איר קיין אומשטערבלעכקייט נישט זיין. אָט צו דעם אמת דאַרף מען זיך צוגעוווינען און אויפהערן זיך פאַר אים צו שרעקן. אַלע אונדזערע ווערטן — אמתע שיינקייטן, הייליקטימער, גוטקייטן — זענען אונדזערע, מענטשלעכע, סוביעקטיווע ווערטן, און אויף אַנדערע פּלאַנעטן ווייסט מען פון זיי נישט, ווייל עס איז נישט פאַראַן ווער עס זאָל פון זיי וויסן. און פרעגט מיך נישט, פון וואַנען עס נעמט זיך אַזאַ „אינצידענט" ווי מענטשלעכער גייסט אין אַ גייסטלאָזער וועלט, פון וואַנען זאָל איך עס וויסן? אָבער אויב ס'איז אַ נס, איז דאָס נישט אויף אַ האָר קיין גרעסערער נס אָדער קיין גרעסערע אומפּאַרשטענדלעכקייט, ווי אַן אוניווערסום וואָס איז פול מיט ווילן, וויסן און נאָך דערצו... געוויסן. עס איז אימהדיק, אָבער איך פיל אַז דאָס איז דער אמת. אונדז בלייבט גאָרנישט איבער ווי אויסנוצן דעם „אַקצידענט" אויף איינעם פון די קלענסטע פּלאַנעטן און לעבן העראָיש, און מאַכן די ערד אַזוי באַוווינבאַר ווי נאָר מעגלעך, און קולטיווירן, כל זמן שהנשמה בקרבנו, אונדזער געפיל פאַר אמת, פאַר יושר, פאַר מער שיינקייט און עלעגאַנץ און וואַרעמקייט און גוטפריינטלעכקייט אין דעם ביסל יאָרן וואָס זענען אונדז געשענקט. דאָס איז דאָס איינציקע וואָס מיר פאַרמאָגן. און ווייטער? נישטאָ קיין ווייטער, און נישטאָ קיין תכלית, און מ'דאַרף זיך אויסלערנען זיך נישט צו שרעקן פאַרן גאָרנישט, וואָס שלינגט אונדז איינציקווייז און גרופּנווייז איין...".

עס איז געוואָרן שפּעט. מיר האָבן שוין געדאַרפט צוריקפאָרן אין שטאָט. אויפן וועג פונעם „טי־רום" צום אויטאָמאָביל האָט ער פאַרענדיקט דעם שמועס:

„איך ווייס נישט פינקטלעך ווען, אָבער דאָס יאָר וועל איך שטאַרבן. אויב איר וועט מיך זען אין חלום, זאָגט נישט, כ׳בעט אייך, אַז איך בין אייך געקומען צו חלום. עס וועט נישט זיין ווער עס זאָל קומען, און עס וועט שוין מער קיין איך נישט זיין. עס וועט זיך אייך חלומען אַ געשטאַלט וואָס איז געבליבן אין אייער זכרון. איך זאָג דאָס אייך דערפאַר, וואָס חלומות זענען, גלייב איך, איינע פון די וויכטיקסטע מקורות פונעם אומשטערבלעכקייטס־גלויבן״.

***

אין פראָנט פון מיין האָטעל, שטייענדיק ביי זיין אויטאָמאָביל, האָבן מיר זיך געזעגנט. ער האָט ביי מיר געבעטן מחילה:

„עס קען זיין, אַז כ׳האָב אייך היינט זייער טרויעריק געמאַכט מיט מיינע רייד. כ׳האָב עס נישט געדאַרפט טאָן. איר בלייבט איצט אין האָטעל איינער אַליין, מיט טאָנען מרה־שחורה וואָס כ׳האָב אפשר אויך אייך אָנגעלאָדן. אַנט־שולדיקט״.

„אַנטשולדיקט״, איז געווען דאָס לעצטע וואָרט, וואָס כ׳האָב פון אים געהערט.

.1940

דער דיבוק

ער איז זייער אַ פּאַרנומענער מענטש. איך בין באַקאַנט מיט זיין אַר־בעט, מיט זיינע שווערע פליכטן, אויך מיט דער גרויסער אחריות מיט וועלכע זיינע פליכטן זענען פאַרבונדן. ער איז — יעדנפאַלס, אין זיינע אייגענע טער־מינען — אַ גוטער, וואַרעמער ייִד. אַביסל ווייט פון „עמך״: נישט, חלילה, ווייל ער איז סנאָביש, ער לעבט אַ צאָל יאָרן אין אַ נישט־עמך־סביבה, כאָטש ער האָט אַ זייער צאַרטע באַציִונג צום ייִדישן פאָלקס־מענטש. ייִדיש קען ער, ער שטאַמט פון יענער זייט ים, אָבער ער נוצט עס זייער זעלטן. זיין סאָציאַלן קרייז און די מענטשן מיט וועלכע ער האָט צו טאָן אין זיין לאַנגן און שווערן אַרבעטס־טאָג, איז ייִדיש על פּי רוב פרעמד. האָבן זיינע און מיינע פריינט צוריק מיט אַ שטיק צייט מיר צו וויסן געגעבן, אַז מיט אים איז לעצטנס עפּעס „נישט אין אָרדענונג״.

עס איז שוין אַ צאָל יאָרן אַז ער נעמט זיך יעדן נאָכמיטאָג (סיידן דער וועטער איז זייער שלעכט) אַ שעה צייט פאַר אָפּרו, און די דאָזיקע שעה פאַר־ברענגט ער אַליין־מיט־זיך אין צענטראַל־פּאַרק. דער שפּאַציר אין פּאַרק, דאָס זיין מיט זיך אַליין, איז זיין איינציקער ספּאָרט און אַ במקום־וואַקאַציע. נאָך אַזאַ שעה פילט ער זיך, האָט ער מיר אַ סך מאָל געזאָגט, דערפרישט און גענוג וואַכעדיק פאַר ווייטערדיקער אַרבעט. די לעצטע חדשים, האָט מען מיך אינ־פאָרמירט, האָט ער זיך אָנגעהויבן אויפפירן אויף זיינע איינזאַמע שפּאַצירן גאַנץ „מאָדנע״. ער האָט אָנגעפאַנגען רעדן צו זיך אַליין. אַמאָל רעדט ער גאָר אין צוויי שטימען, ווי אַן אַרטיסט וואָס דעקלאַמירט אַ דיאַלאָג. אַמאָל ברומט ער אַרויס אַ לידל. דער עיקר אָבער: דידאָזיקע „ספּעקטאַקלען״ מיט זיך אַליין פירט ער דורך בלויז אויף ייִדיש, מיט אַ דרום־רוסישער, האַלב־פּאָדאָליער און האַלב־בעסאַראַבער אויסשפּראַך. אויב ער האָט שוין אַ באַדערפעניש צו רעדן צו זיך אַליין (וואָס דאָס איז שוין אַן און פאַר זיך אַ „פאַרדעכטיקע״ זאַך), איז פאַרוואָס גראַד אויף ייִדיש — אויף אַ שפּראַך אויף וועלכער ער לייענט זעלטן און וועלכע עס קומט אים שוין לאַנגע יאָרן נישט אויס צו נוצן אין זיינע סאָציאַ־לע קאָנטאַקטן? דאָס מאַכט די זאַך נאָך פאַרדעכטיקער״. זיין פאַמיליע, וויס איך, איז געוועזן שטאַרק פאַרדאגהט וועגן זיין נייעם משונהדיקן צושטאַנד, און מ׳האָט זיך אָנגעהויבן שושקען: ווי אַזוי ווירקט מען אויף אים, ער זאָל גיין צו אַ דאָקטער — עקזאַקטער — צו אַ פּסיכאָאַנאַליטיקער?

עס איז נישט לייכט זיך גופא צו אַנאַליזירן און איך נעם זיך נישט אונ־טער אויפצוקלערן, וויאַזוי און פאַרוואָס איך האָב אין אַזאַ פאַל „געשטעלט אויף זיך". איך האָב געראַטן דער פאַמיליע דערוויל צו קיין פּראָפּעסיאָנעלן בוחן־לבבות זיך נישט צו ווענדן. לאָמיר פּראָבירן, האָב איך אַרגומענטירט, אויף אַ פּאַרזיכטיקן אופן אַליין די זאַך אויסצופאָרשן. אפשר וועט ער אונדז, אויב מיר וועלן אים אויף אַן אײדעלן אופן „פּראָוואָצירן", אַליין דערציילן וואָס אין אים קומט פאָר? און אפשר וועט זיך גאָר אַרויסווייזן, אַז ס'איז כלל נישט געפערלעך און נישט „פאַרדעכטיק"?

וועל איך דאָ נישט דערציילן, וואָס פאַר אַ סטראַטעגיק מיר האָבן אָנגע־ווענדעט, כדי אים מודיע צו זיין, אַז אונדז — דער פאַמיליע און אַ פּאָר מקור־בים — איז באַקאַנט דער נייער אופן, אויף וועלכן ער פאַרברענגט זיין „וואַ־קאַציע"־שעה אין פּאַרק, אַ פּאָר מינוט איז זיין פּנים געווען בלאַס. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און שווייגנדיק עפּעס געטראַכט פאַר זיך, ווי איינער וואָס געפינט זיך אין אַן אומדערוואַרטעטער פאַרלעגנהייט. מיט אַמאָל האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול און אָנגעפאַנגען נערוועז אַרומצוגיין איבערן צימער, נישט קוקנדיק אויף די אַרומיקע. ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך געלאָזן אַראָפּגעלאָזט אין זיין פאָטעל און מיט אַ גאַנץ רו׳יקער שטימע אָנגעהויבן רעדן:

„שטעלט מיר נישט, מיינע ליבע, קיין פראַגן, ווייל איך וועל אייך איצט, נאָכדעם ווי מ'האָט מיר שוין „געכאַפּט", אַלץ אַליין אויפקלערן. זייט רו׳יק און האָט וועגן מיר קיין יסורים נישט. איך ווייס אַז איך בין היינט נישט ווייניקער נאָרמאַל ווי איך בין געווען ביז אַהער. איר קענט זען, אַז אויף מיין אַרבעט, אויף מיינע פליכטן, אויף מיין פעי׳קייט צו אורטיילן און אויף די באַצי׳ונגען מ׳יט מיטמענטשן האָט די ענדערונג אין מיר, וואָס איז אייך באַקאַנט געוואָרן, נישט געווירקט. נישט איך דאַרף זיך קורירן, נישט איך וויל זיך קורירן, נישט איר קענט מיך צווינגען כ׳זאָל איצט אָנהייבן אַ גאַנצן פּראָצעס פון סעאַנסן ביי אַ נעווראָלאָג אָדער אַ פּסיכאָאַנאַליטיקער. מיר זענען באַקאַנט זייערע מעטאָדן און זייערע דעטעקטיוו־שפּיצלעך — און איך דאַרף צו זיי נישט אָנקומען. אויב דאָס וואָס איך וועל אייך איצט דערציילן וועט פון אייך אויפגענומען ווערן ווי „אומנאָרמאַל", אַרט דאָס מיך אויך נישט. עס זענען פאַראַן, גלייב איך, „אַבנאָר־מאַליטעטן" וואָס גראַד נאָרמאַלע מענטשן ווייזן זיי אַרויס — נאַטירלעך, אין אומגעווינלעכע, אַזוי צו זאָגן, אומנאָרמאַלע באַדינגונגען. אָבער נאָך וואָס פּי־לאָסאָפירן? איר קענט באַלד קריגן דעם איינדרוק, אַז עס שטייט פאַר אייך אַ חברהמאַן וואָס ס'פעלט אים אַ קלעפּקע אָדער ער האָט אַריינגעקראָגן אַן איבע־ריקע קלעפּקע אין קאָפּ, און איצט זוכט ער זיך צו פאַרעקשנען אין זיין משוגעת.

גלייך ווי זי וואָלט גאָר געווען אַ מעלה, אָדער אַ פּריווילעגיע. איך קען דעם טיפּ פון מטורפים און איך וויל אייך פאַרזיכערן, אַז איך בין נישט איינער פון זיי. אָבער בעסער וועל איך אייך דאָ דערציילן דירעקט, וואָס מיט מיר קומט איצט פאָר.

„איך האָב לעצטנס אַ גרויסע הנאה — אמת, אַ הנאה וואָס איז געמישט מיט נישט ווייניק פּיין, אַמאָל אויך מיט פּשוטן, פיזישן ווייטיק — פון פאַרוואַנדלען זיך אויף אַ שעה צייט אין אַ קליינשטעטלדיקן ייִד פון דרום־רוסלאַנד, פון וואַנען איך שטאַם, ווי אייך איז באַקאַנט. דאָס שטעטל (איך ווייס נישט ווי־אַזוי, דורך וועלכן פאַרבאָרגענעם מעכאַניזם) האָט מיטאַמאָל אויפגעוואַכט אין מיר. כ'האָב געמיינט, אַז כ'האָב עס שוין לאַנג פאַרגעסן. איז עס ווי אויפגע־שטאַנען אין מיר תחית־המתים, און נישט איך רעד, נאָר דאָס שטעטל רעדט פון מיר אַרויס. כ'האָב זיך דערמאָנט אידיאָמען און אויסדרוקן אין ייִדיש; לאָ־קאַליזמען, וואָס זענען שוין לאַנגע, לאַנגע יאָרן געשלאָפן אין מיר אין זייער הינ־הער־פּלעט. עס וואַכן אויף אין מיר סצענעס, געשטאַלטן, זשעסטן, וואָס מ'קען זיי שוין מיסתמא היינט נישט זען אין דעם שטעטל פון מיין פריִער, גאָר־פריִער יוגנט. וויאַזוי זאָל מען זיי דאָרט זען, אַז קיין ייִדן, ווי איך ווייס, זענען שוין דאָרט נישטאָ? דאָס שטעטל איז אינגאַנצן אָפּגעמעקט געוואָרן און אירע מענטשן, אירע ייִדן, זענען כמעט אַלע אויסגעשטראָכן געוואָרן פון צווישן די לעבעדיקע. דאָס שטעטל לעבט אָבער — אין מיר. עס לעבט מיט איר פיקחות און בטלנות, מיט אַלע חנען און אומחנען, אָבער אויך די אומחנען זענען מיר איצט נאָענט און ליב. אַ דיבוק, וואָלט מסתמא מיין באָבע געזאָגט. זאָל זיין אַ דיבוק. מיר אַרט עס נישט. איך וויל נישט, מ'זאָל דעם דיבוק פון מיר אַרויס־טרייבן. וואָרעם, אין תוך, וואָס איז אַ דיבוק? איינער אָדער עפּעס וואָס לעבט שוין נישט — לעבט שוין נישט לויט אונדזערע בשר־ודם־באַגריפן — און וויל לעבן. זוכט זיך דער איינער אָדער „דער עפּעס" אַפּ אַ „כלי" און לעבט אין איר, לעבט און רעדט פון איר אַרויס. עס אינטערעסירט מיך נישט, וואָס פּאַבלייט וועלן וועגן דעם זאָגן. איך האַלט עס פאַר גאַנץ נאָרמאַל און קיינער דאַרף פון דעם אין קיין פּאַניק נישט אַריינפאַלן.

„איך האָב אָנגעהויבן — איך געדענק נישט פּינקטלעך ווען דער אָנפאַנג איז געווען און וויאַזוי ער איז פּלוצים אָנגעקומען — איך האָב אָנגעהויבן רעדן צו זיך ייִדיש, ווייל דאָס שטעטל האָט גערעדט ייִדיש און עס וויל דורך מיר ווייטער רעדן ייִדיש. ווילט איר וויסן, וואָס איך רעד צו זיך? גוט, איך וועל מאַכן אַ פּרוּוו טיילווייז צו רעסטאַווּרירן פאַר אייך דעם אינהאַלט פון מיינס אַ דיבוק־שעה:

„אָט אַ שטייגער, שווימען פאַר מיר אויף משה זאַלאַטוכא און יאַנקל דעם

בלעכערס. איך זע ווי זיי באַגעגענען זיך אין גאַס און איך רעד פאַר זייביידן.

יאַנקל: וואָס מאַכט איר, ר׳ משה?

משה: דאַנקען גאָט.

יאַנקל: כ׳האָב געהערט. די קו האָט זיך ביי אייך געקעלבט...

משה: ניין, ביידע קי. כ׳האָב אָבער געליטן די וואָך אַ שאָדן. מ׳האָט מיר צוגעלקחנט מיין טשערעדיניקל (אין בעסאַראַביע און דרום־פּאָדאָליע — אַ לאָשעקל, אַ יונג פערדל).

יאַנקל: ס׳אַ היימישער גנב, ר׳ משה.

משה: וואָס רעדט איר? יידן גנבענען נישט.

יאַנקל: שייך זאָגן, יידן גנבענען נישט... ר׳ ברוכל דיין גנבעט נישט, כאַצקל דער מלמד גנבעט נישט, דער אַפּטייקער גנבעט נישט. אָבער... נו, כ׳וועל שוין בעסער שווייגן.

משה: בעסער שוויגט טאַקע. כ׳האָב געטראַכט, אפשר האָט עס צוגעגנבעט אַנדריושאַ. איר קענט דעם שייגעץ, מיין שכנס זון?

יאַנקל: האָט איר אים געפרעגט?

משה: יאָ, כ׳האָב אים אַזוי, ווי אגב־אורחא, אַ פרעג געטאָן, צי האָט ער נישט עפּעס אַ חשד, וווהין דאָס באַשעפעניש איז אַהינגעקומען. האָט ער זיך צעשמייכלט מיט די טריפהנע ציין און אַ זאָג געטאָן: איך בין זיכער אַז די ציציליסטן (סאָציאַליסטן) האָבן עס צוגעגנבעט. זיי דאַרפן געלט אויף צו דרוקן נייע פּלאַקלאַמאַציעס (פּראָקלאַמאַציעס).

די צוויי יידן פאַרשווינדן, אָבער אַ פּאָר מינוט האָבן זיי געלעבט — געלעבט און גערעדט דורך מיר: איך בין געוועזן — זיי.

„און אָט שווימט אויף זיידל דער פּראַצענטניק מיט די געדיכטע, בייזע ברעמען און קליינע פעטע אייגעלעך. ער שטעלט אָפּ סענדער דעם מלמד און טוט אים נאָכלעסיק אַ פרעג:

— ווען מאַכט דיין ברודער חתונה זיין מיידל?

— אם ירצה השם, שבת נאָך שבועות.

— זי איז שוין קיין עין־הרע?

— וואָס איז זי שוין קיין עין־הרע?

— נישט וויכטיק. כ׳האָב נאָר געטראַכט ביי זיך, אַז זי איז שוין נאָך שלושים — זי מעג שוין הערן כלי־זמר...

„און אָט איז לייזער בעל־עגלה, וועמען ס׳קומט אָפּט אויס צו פירן שררות, הויכע טשינאָווניקעס, פונעם שטעטל אין דער גובערניע. ער ווינטשט זיי, די כוליגאַנעס, אַלע עשר מכות פון מצרים, און ווי אַן הוספה נאָך די כאָלערע. ער איז אַרומגערינגלט מיט חברה פון צעך, דערציילט זיי וואָס ס׳טוט זיך אין דער

גובערניע און וואָס פאַר אַ נייע גזירות מען גרייט צו פאַר ייִדן, און פאַרענדיקט מעלאָדראַמאַטיש:

„אוי אהרעלע מיטן צונגעלע, אוי משהלע מיט דעם שטעקעלע! ווו זענט איר, די צוויי ברידערלעך? און אַז פּרעה איז שוין אויף דער וועלט נישטאָ, איז אונדז שוין גוט? ווו זענט איר, משהלע און אהרעלע?

„און אָט זיצט גיטל דאָס שניידער־מיידל אין אַ לבנה־נאַכט, אַליין אויפן גאַניק, און קוקט פאַרטראַכט אין דער ווייטקייט. פון איר מויל הייבט אָן אַרויס־שטראָמען מיט אַ שטילער, בענקענדיקער שטימע (ס׳הייסט, די שטימע איז מיינע, איך מאַך איר נאָך, און מסתמא קלינגט מיין נאָכמאַכעניש זייער משונה־דיק) אַ לידל, וואָס איך געדענק פון אים בלויז די ערשטע צוויי זאַצן, און אפשר אויך זיי נישט גאַנץ ריכטיק:

„געלט אין פאַלק אַריין וועל איך דיר שיקן,
און איך וועל זיך מוטשען ביי שניידעריי...

און אָט שטייען אויף פאַר מיר אידל שוחט און כאַצקל דער מלמד:

— ר׳ כאַצקל, ווי קומט עס, וואָס אַלע יאָרן האָט איר עס נישט געמערקט? ווען זאַנוול חזן זאָל נישט מאַכן אַ מי שברך דעם רשע־מרושע, איז אַז ער קומט צו די ווערטער „ובכל מעשיו יצליח״, טוט ער מיטאַמאָל אַ דריי מיט דער נאָז און ער זאָגט נישט „יצליח״ נאָר „יסריח״.

— און דאָך האָט עס נישט געהאָלפן. ניקאָלאַי איז נאָך אַלץ אויפן כסא המלוכה.

— ס׳וועט העלפן, ס׳וועט העלפן, רב כאַצקל.

„ביידע קוקן זיך אַרום, צי מ׳הערט נישט וואָס די צוויי קאָנספּיראַטאָרן רעדן, און ר׳ אידל דער שוחט לייגט צו צוויי פינגער צום מויל. דער מלמד פאַרענ־דיקט דעם שמועס מיט אַ דערשראָקענעם האַלבן־קול: פּתח־שין — שאַ...

„און גייט דורך דער ליטווישער מלמד (פאַר די גמרא־אינגלעך) וואָס זיצט שוין אַליין אַ צאָל יאָרן אין שטעטל אָן דער משפחה און פאָרט אַפילו אויף פּסח נישט אַהיים: אַלץ, זאָגט מען און מען חידושט זיך, כדי צו שפּאָרן געלט. אַ כאַליאַסטרע פאַרשייטע אינגלעך, פון אַנדערע חדרים, גייען אים נאָך און זינגען אויף־צו־להכעיס אַ לידל, וואָס זיי האָבן צוזאַמען „פאַרפאַסט״ (איך געדענק נאָך די „מעלאָדיע״, וואָס חברה „שאַלטעקעס״ האָבן פאַר דעם לידל גענוצט):

ליטוועק, ליטוועק, וווּ׳ז דאָן פּרו? (אַ פּרוי)
ליטוועק, ליטוועק, וווּ׳ז דאָן קינד?
ליטוועק, ווערסט שוין גראָז און גרו (גרייז און גראָ).

פון דאָן עסן פליש פון רינד.
זיצט ביי אונדז שוין יאָרן זיבן
און דעם וואָב (וויב) קאָן בריוו געשריבן.

„און אָט איז אַן אַנדער גאַס — אַן אַנדער ,טשאַטע׳ אינגלעך, וואָס זינגען אַ „ציגיינעריש״ לידל. איך ווייס נישט, פון וואַנען זיי האָבן עס גענומען, אויף וואָס פאַר אַ לשון עס איז „פאַרפאַסט״ געוואָרן, און צי איז דאָס בכלל אַ לשון. זיי זינגען עס (ס׳הייסט איך זינג עס פאַר זיי) אין אַ זנאַכערישן טאָן פון עמעצן אָפּשפּרעכן אָדער פאַרכישופן:

„אַנאַ מאַנאַ, שיטראַ בראַך
בראַקאַ לאַמטי, לאַמטי דאַך.
מונע לונע מאַסטע נעקאַ,
ווּקאַ לוסטע קאַנטע ברעקאַ.

„און פּלוצים זע איך זיך ביי עלי צעלניקער אין קראָם. רחל, דעם גבירס שנור וואָס קומט, דוכט זיך, פון „ווייט טשערניגאָוו״, קוקט אַן גאַלאַנטעריע, פאַרדרייט דאָס מיילעכל, און טוט אַ זאָג מעשה־ווילקענעדיקע און געפּיעש־טשעטע:

„די צוויי לענטעס משלן זיך נישט״.

איך זאָג דעם דאָזיקן זאַץ פאַר איר און טוט אַ טראַכט: „משלן זיך״ איז אַ גוטער אויסדרוק פאַר „האַרמאָנירן״. נאָכדעם צעלאַך איך זיך: נאַ דיר אַ נייעם פּילאָלאָג, און נאָך אויף ייִדיש.

רחל פון „ווייט טשערניגאָוו״ גייט אַרויס פון קראָם מיט לייִדיקע הענט און איך זאָג מיט אַ בייז ווייבעריש קול פאַר עלי דעם צעלניקערס פרוי:

„ס׳משלט זיך נישט ביי איר. אַ גאַנצע סוויענטשע מאַרענטשע. משלן זאָל זיך איר אין די קישקעס״.

„געגנוג? נייִן! אָשר דער בוכהאַלטער שטייט לעבן דער פּאָטשט און שפּאַרט זיך מיט ברוך שדכן וועגן דעם „פּראָגראַם״ פון דער מיידלשער שקאָלע. ברוך שדכן וויל באַווייזן, אַז אין דער שקאָלע לערנט מען העברעיִש, נישט לשון־קודש. אָשר דער בוכהאַלטער לאַכט אָפּ פון אים:

„העברעיִש און לשון־קודש איז איין זאַך״.

לאָזט זיך ברוך שדכן נישט באַזיגן:

„איין זאַך, זאָגט איר? פּונקט ווי אַ קוקוסטערקע און אַ ציג זענען איין זאַך. לשון קודש איז... איז... נו, איר ווייסט דאָך וואָס לשון־קודש איז: קידוש, הבדלה, סליחות, מודה אני, ברוך הבא, בעזרת השם יתברך, ציצית, שמע ישראל

— אַט דאָס איז לשון־קודש. אָבער וואָס לערנט מען דאָרט? ציפּור, כלב, סוס חמור, הלכתי, גנבתי, זנבתי, נשבתי, ברחתי, פּאָשאָל סאָבאַקאָ נאָ יאַרמאָראָק — אַט דאָס איז העברעיש.

„געַנוג? ניין נישט גענוג! אַ שעה איז לאַנג. אַט זע איך שבת נאָכמיטאָג אַ גרופּע דינסטמיידלעך, ווען זיי גייען שפּאַצירן אין זייערע „בעסטע" מלבו־שים אויף דער בראָקירטער גאַס. ציכטיק פאַרקעמט, כאַטש פון די האָר טראָגט זיך, דאַכט זיך, דער „אַראָמאַט" פון קעראָסין. זיי גייען מיט געלאָסענע, גע־מאָסטענע טריט, ווי „גבירישע טעכטערלעך", מיט די קעפּ העכער און שטאָל־צער ווי אין מיטן וואָך: די שבתדיקע נשמה יתירה. היינט רעדן זיי (זיי אַליין, געדענק איך, האָבן דעם אויסדרוק געשאַפן) — „ייִדיש געצערטלט": מיט אַ מער מוזיקאַלישער אינטאָנאַציע און אַ ביסל באַשמינקט מיט דייטשמעריש פון „זשאַרגאָנישע" מעשה־ביכלעך. דער שמועס איז דורך און דורך „ספּעקטאַקל", אויסלייעניש און אויסטראַכטעניש, אָבער זייט רויק: נישטאָ צווישן זיי קיין איינע וואָס וועט אַמאָל אויפוואַרפן דער אַנדערער אַז זי האָט געזאָגט אַ ליגן. טרוים און פאַרשטעלונג זענען נישט קיין שקר:

— האָסט אפשר געהאַט אַ בריוו פון דיין ברויטיגאַם?

— צוויי בריוו, צוריק מיט אַכט טאָג.

— וווּ איז ער איצטער?

— אין אַמסטערדאַם.

— ווען קומט ער צו דיר?

— ניין, ער וועט נישט קומען אַהער. ער שיקט איינגיכן אַ שליח, מיך גע־מען צו אים — אַהין. די מאַמע וועט קומען שפּעטער, ווען דאָס הויז מיטן גרויסן גאָרטן וועט פאַרטיק ווערן.

„איך האָב אייך מסתמא שוין מיד געמאַכט. איך אַליין בין אויך שטאַרק מיד. איך ווער נישט מיד אין פּאַרק ווען איך בין אַליין מיט זיך, אָדער, ריכ־טיקער, מיט זיי. דאָרט איז עס עכט, לעבן; דאָ, היינט — בלויז רעפּאָרט. און איצט — אייער אורטייל. משוגע? עובר־בטל? אַלטקייט? קרענקלעכע נאָס־טאַלגיע? זאָגט אייך וואָס איר ווילט, אָבער קיין דאָקטער רופט נישט. איך ווייס עפּעס, וואָס ער ווייסט נישט. ער איז דאָס אפשר גאָר נישט מחוייב צו וויסן. איך בין נישט קיין מיסטיקער, און אויב איר וועט זאָגן אַז איך בין עס יאָ, בין איך יעדנפאַלס נישט קיין ספּיריטואַליסט. און דאָך ווייס איך: מיין שטעטל שוועבט אַרום אין עולם־התוהו און 'עס ווילן לעבן'. עס ווייסט אַז ס'וועט שוין קיינמאָל נישט אויפגעבויט ווערן אויפסניי: עס איז פאַרגאַנגענהייט, דורך און דורך אַמאָליקייט, אויסגעלאָשנקייט, אָבער עס וויל לעבן — אין עמעצן, דורך עמעצן: און די ייִדן פון שטעטל? זיי זענען פאַרגאַזט, פאַרברענט, געשאָסן, גע־

האַנגען, דערוואָרגן, באַגראָבן געוואָרן לעבעדיקערהייט, אָבער זיי, די מתים, ווילן אויך לעבן — אין עמעצן, דורך עמעצן. זיי ווילן לעבן אין מיר, אין נאָך טויזנטער און טויזנטער אַזעלכע ווי איך. וואָס? אַנדערע הערן נישט, ווי די מתים בעטן זיך ביי זיי: לעב פאַר אונדז אַ שעה אַ טאָג, אַ שעה אַ וואָך, אַ חודש, אַ יאָר? זענען זיי טויב איך בין נישט קיין טויבער: אויך נישט קיין בלינדער. לעב איך פאַר זיי, רעד איך פאַר זיי, און אַז איך רעד פאַר זיי —רעד איך יידיש; און מערקווירדיק: וואָס איך האָב פון יידיש פאַרגעסן, געדענקען נאָך זיי. זיי געדענקען און דערמאָנען מיך".

מיין פריינט איז צו קיין דאָקטער נישט געגאַנגען. די פאַמיליע האָט זיך ביסלעכוויין צוגעוווינט און באַרויקט. ער טוט יעדן טאָג זיין אַרבעט געוויסנ־האַפט און מיט נישט־קלענערער דיסציפּלין. ער איז אַ נאָרמאַלער מענטש כמעט אַלע שעהן פון טאָג און נאַכט. „אומנאָרמאַל" איז ער בלויז איין שעה אַ טאָג — אין פּאַרק, אויפן שפּאַציר, ווען ער רעדט צו זיך אַליין, ווען ער רעדט יידיש.

וויאַזוי ער האָט זיין „דיבוק" דיסציפּלינירט, וויאַזוי ער האָט אויף אים גוזר געווען, ער זאָל „פונקציאָנירן" נאָר איין שעה אַ טאָג, און דערצו נאָר אַ באַשטימטע שעה — איז זיין סוד. איך בין שטאַרק מסופק, צי ער אַליין איז אימשטאַנד דאָס אויפצוקלערן. איך וועל אים יעדנפאַלס וועגן דעם קיינמאָל נישט פרעגן...

.1952

גלויבן — און „אהבת ישראל"

דער צדיק האָט געפּאָדערט פונעם רבונו־של־עולם ער זאָל בטל מאַכן זיין גזרה: צוליב זיין אהבת ישראל איז ער געווען גרייט אַפילו זיך צו קריגן מיטן בורא־עולם. איז אַרויסגעקומען אַ בת־קול און האָט דעם צדיק מודיע געווען אַז זיין וואָרט האָט געהאַט אַ פּעולה אין די עולמות־העליונים. די גזירה וועט בטל ווערן, אָבער ער וועט דערפאַר דאַרפן באַצאָלן מיט זיין עולם־הבא: האָט דער צדיק פון גרויס שמחה אויפגעהויבן די הענט צום הימל און אויסגעשריען: איך דאַנק דיר, גאָטעניו; פון איצטער אָן און ווייטער וועל איך איך שוין קענען דינען שלא על מנת לקבל פּרס.

אַזוי דערציילט די פאָלקס־מעשה. זאָל איך גלייבן דעם צדיק, אַז ער האָט טאַקע געמיינט וואָס ער האָט געזאָגט? האָט זיך דען דער צדיק אויף אַן אמתן געפּילט אַזוי זינדיק, אַז דער איבערשטער זאָל מעגן דערפאַר ביי אים צונעמען זיין חלק עולם־הבא? איז אהבת־ישראל אַ חטא? און פאַרוואָס דאַרף מען עס דינען אַ גאָט, וואָס באַשטראָפט פאַר ליב־האָבן? ווער ס'איז גרייט צו דינען אַ בייזן, אכזריותדיקן גאָט — מיט וואָס איז ער אַ צדיק?

איך מיין, אַז אין תוך, אין זיינע „ממעמקים", האָט דער צדיק גאָר דעם בת־קול נישט געגלייבט: מאַלע וואָס אַ קול פון אויבן זאָגט? אָט האָט אַמאָל אַזאַ קול געהייסן אברהם אָבינון ברענגען יצחקן אויף דער עקידה — האָט עס דען געמיינט אויף אַן אמתן? דאָס סטראַשען מיט צונעמען דעם חלק עולם־הבא איז גאָר אַ נסיון, די פּמליאָ של מעלה וויל אויסגעפינען, צי דער צדיק איז טאַקע אַ צדיק, צי איז ער גרייט צוליב אהבת־ישראל אַוועקצוגעבן דאָס וויכטיקסטע, און אפשר גאָר — צי קען מען אים איינרעדן, אַז דער רבונו־של־עולם איז מסוגל צו באַגיין אַזאַ עוולה. דאָס, וואָס דער צדיק האָט זיך נישט דערשראָקן, איז אַ סימן אַז ער איז אַ גרויסער מאמין: זאָל מען דראָען פון אויבן וויפל מען וויל — אַז ס'וועט קומען צום יום־הדין, וועט מען מיר געבן וואָס מיר קומט, און מען וועט מיר אפשר נאָך פאַררעכענען פאַר אַ מצוה מיין „עבירה", מיין חוצפּה כלפּי שמיאָ.

אויב ביים צדיק איז אויף אַ מינוט דורכגעלאָפן אַ ספק, אַז אפשר מיינט מען טאַקע ערנסט מיט דער דראָונג, אַז ער האָט גראָד אין יענער מינוט אויסגעשריען, אַז ער איז מוחל זיין חלק עולם־הבא, ליגט ערשט אין דעם אויסגעשריי די רעכטע „חוצפּה": וואָס פאַר אַ גאָט, אַזאַ עולם־הבא; און ביי אַ גאָט,

וואָס קען באַשטראָפן זיינס אַ באַשעפעניש פאַר רחמנות־האָבן אויף אַנדערע באַשעפענישן קען די עולם־הבא קיין טעם נישט האָבן. פון דער עולם־הבא פון אַזאַ גאָט איז גאָרנישט אַזוי שווער זיך אָפצוזאָגן.

***

פרייוויליקע מאַרטירערשאַפט איז שטענדיק אַן אַקט פון רעליגיעזער אמונה. אַן אַזאַ אמונה איז נישטאָ קיין מסירת־נפש, קען נישט זיין קיין קבלת יסורים. זינט די וועלט שטייט האָט זיך נאָך קיין איין מענטש נישט מפקיר געווען פאַר אַן ערדישן אידעאַל אָדער פאַר אַן ערד־געבונדענעם ציל. אויך די נישט־גלייביקע האָבן אַוועקגעגעבן זייער לעבן בלויז פאַרן שטראַל פון אייביקייט וואָס האָט דורכגעלויכטן דורך דער היסטאָרישער אָדער סאָציאַלער אידייע, וועלכע זיי האָבן געדינט. זייער נישט־גלייביקייט, זייער נישט־מעטאַפיזישקייט איז געווען אַן אילוזיע. אַוועקגעבנדיק זייער לעבן, האָבן זיי מקדש געווען דעמזעלבן „שם", אין וועלכן זייער שכל התחתון האָט געלייקנט. וואָס? זיי האָבן וועגן דעם נישט געוווסט? אָבער ווייסט טאַקע אַ מענטש אינגאַנצן וואָס עס „ווייסט־זיך" אין אים?... דעם אמתן, דעם איינציק־מעגלעכן וועלט־געפיל פונעם עכט־נישט־גלייביקן האָט אַמאָל אויסגעדריקט וואָלטער: "Je m'en fiche", „עס הייבט מיר נישט אָן צו אַרן", אָדער — „הכל הבל"... וויליאַם דזשעימס האָט דערפון געמאַכט אַ טערמין „זשע־מ'אַן פישיזם", מיט וועלכן ער האָט באַצייכנט דאָס לייקענען פון וועלכן נישט איז ווערט אין דעם גאַנצן וועלט־זיין. דער היפוך פון דער דאָזיקער איינשטעלונג איז יענער וועלט־געפיל, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט ביי די ניי־ענגלענדער טראַנסצענדענטאַליסטן: "I accept the universe". „איך אַקצעפּטיר דעם אוניווערז" — דאָס קען האָבן ביי טויזנט טויזנט אינהאַלטן אָדער וואַריאַנטן פון אַן אינהאַלט. אָבער וואָס דער אינהאַלט זאָל נישט זיין, איז דאָס, פאַר אַלעמען פייערלעכקייט. און וויל מען וויסן, צי איינער איז רעליגיעז אָדער נישט־רעליגיעז, דאַרף מען זיך גאָר נישט נאָכפרעגן אויף דעם וואָס ער זאָגט (אָדער ער מיינט) אַז ער גלייבט, און וואָס עס זענען זיינע „איבערצייגונגען" אָדער אינטעלעקטועלע עקשנותן, מען דאַרף זיך בלויז צוקוקן צו אים און זען, אין וועלכער מאָס ער איז מסוגל צו לעבן אָדער צו האַנדלען פייערלעך.

***

קידוש־השם איז אפשר, אין געוויסע פאַלן, אַן עקספּערימענט — דער געוואַגטסטער, סאַמע אוואַנטוריסטישער עקספּערימענט, אויף וועלכן דער מין מענטש איז מסוגל. „ווען דער לעצטער פונק פון מיין מאַרטירערישן לעבן וועט

אויסגעלאָשן ווערן, וועט מיט מיר געשען עפּעס שפּאָגל־נייעס, אָדער איך וועל איינגעשלונגען ווערן פונעם אַבסאָלוטן נישט. קומט טאַקע דאָס שפּאָגל־ניי, וועט אַלצדינג פאַרענטפערט ווערן און עס איז נישט פאַראַן יענע טרער וואָס וועט דאָרט נישט קריגן איר תּיקון; עפּנט אויף זיין שלונג דער „נישט" — איז דאָך דער גאַנצער הפסד קיין הפסד נישט און ס'איז סיי־ווי־סיי נישט געווען כּדאַי צו לעבן".

אָבער נישט יעדער בעל־חשבון איז פעיִק צו מאַכן אַזעלכע חשבונות.

***

מען דאַרף זיך לערנען פונעם בעל־שם אָדער אפשר גאָר פון יענע חסידים וואָס האָבן געזען דעם בעל־שם אין חלום. איינעם פון זיי האָט זיך געחלומט, אַז דער בעל־שם האָט געהאַט אַ וויכוח מיטן אַר"י הקדוש. יעדער פון די צוויי האָט געהאַט זיין פּירוש אויף אַ געוויסער שטעלע אין זוהר. האָבן זיי אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז זיי וועלן פרעגן דעם מחבר פון זוהר, וואָס ער האָט מיט יענעם מאמר געמיינט. ר' שמעון בן יוחאי האָט זיי אויסגעהערט און געפּסקנט, אַז דער אַר"י הקדוש איז געווען גערעכט מיט זיין אויסטייטשונג. אָבער דער בעל־שם איז ביי זיך נישט אַראָפּגעפאַלן: אויך ר' שמעון בן יוחאי איז נאָך נישט דער פּוסק אחרון, ווייל געשריבן דעם זוהר האָט ער דאָך מיטן כּוח פון רוח־הקודש, איז דאָך גאָר דער אמתער מחבר נישט ער, נאָר דער רוח־הקודש. האָט ער זיך אָוועקגעלאָזט גלייך צום רוח־הקודש און ביי אים אַליין זיך אָנגעפרעגט. האָט זיך דערנסטמאָל אַרויסגעוויזן, אַז ר' שמעון בן יוחאי האָט „פאַרגעסן" וואָס דער רוח־הקודש האָט דורך אים געשריבן, און דעם בעל־שמס פּירוש איז געווען דער אמתער.

גיין דירעקט צום רוח־הקודש; טרינקען פונעם קוואַל גופא און נישט פון די כּלים, וואָס עמעצער אַנדערש האָט געטראָגן צום קוואַל כּדי זיי אָנצופילן; נישט צו פאַרהייליקן קיין שום מענטשלעכע אויטאָריטעט; זיך נישט פאַרלאָזן, נישט אויף קיין נביא און נישט קיין שליח און נישט אויף קיין מלאך, איז די העכסטע אויטאָנאָמיע פונעם יחיד ווי אַ תּנאי פון אַקטיוו־רעליגיעזן לעבן.

אָן אַ מינימום פון אַזאַ אויטאָנאָמיע; אָן, לכל הפחות, אַ טיילווייזער פריי־הייט פון „פאַרמיטלער", האָט דאָס גאַנצע גייסטיקע לעבן קיין טעם נישט.

***

משיח וועט קיינמאָל נישט קומען — אין דעם באַשטייט זיין אייגנאַרטיקע רעאַליטעט. ווי די רעאַליטעט פון אַ געאָמעטרישן פּונקט: קיינער האָט נאָך אַזאַ זאַך נישט געזען און — דאָך...

יעדער געקומענער אָדער קומענדער משיח; יעדער משיח ווען ער קומט, קומען עס ווערט דערוואַרט אין צייט און רוים, איז אין פאַרגלייך מיטן „עכטן" משיח אומגעפּער דאָס זעלבע וואָס אַ פיזישער פּונקט אין פאַרגלייך מיט אַ געאָ־מעטרישן פּונקט. אויך משיח־בן־דוד וועט זיין נישט מער ווי אַ מפנה־דרך פאַר אַן אַנדער משיח, וועלכער וועט נאָך אויך נישט זיין דער לעצטער, דער ענד־גילטיקער, דער אַבסאָלוטער.

פונדעסטוועגן איז משיח נישט קיין פיקציע, נישט קיין אילוזיע. ווער קען עס זאָגן אויף אַ שפּאַנונג אַז זי איז אילוזאָריש?

***

מען דערציילט מיר, אַז אחד העם זאָל זיך האָבן אויסגעדריקט, אַז ווען עס וואָלט געשטאַנען פאַר אים די ברירה אויסצוקלייבן צווישן אַבסאָלוטער גערעכטיקייט („הצדק המוחלט") און דער עקזיסטענץ פונעם יידישן פאָלק, וואָלט ער אויסגעקליבן דאָס צווייטע. עס גלייבט זיך מיר נישט, אַז אחד העם זאָל דאָס טאַקע האָבן געזאָגט. עס איז פּונקט אַזאַ אַבסורד ווי, למשל, זאָגן אַז מיר איז ליבער סתם אַ פיר־עק איידער אַ קוואַדראַטער קרייז. עס קען נישט זיין ליבער ווייל (לויט אונדזער תפיסה) עקזיסטירט נישט קיין קוואַדראַטער קרייז. נישטאָ אַזאַ אַבסאָלוטע גערעכטיקייט, וואָס דער אונטערגאַנג פון אַ פאָלק (אַפילו פון אַ „מינדערוויכטיקערן" פאָלק ווי יידן) זאָל זיין אַ תנאי פאַר איר עקזיסטענץ אָדער טריומף.

אויב עמעצער זאָגט דאָס, וואָס עס ווערט צוגעשריבן אחד העמען, איז דאָס נישט קיין „אהבת ישראל", נאָר סתם נאַציאָנאַליסטישע מליצה אָן וועלכן נישט איז אינהאַלט.

***

אַז דער באַריכט וועגן ישוע איז אין די דריי סינאָפּטישע עוואַנגעליעס אַ מער אָדער ווייניקער ריכטיקער, באַזירט אויף זכרונות פון תלמידים און צייט־עדות, וואָס זענען אין משך פון עטלעכע דורות איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל — קען מען זען פון שטעלן, וואָס זענען פאַר אים מער גנאי ווי שבח. די שרייבער און רעדאַקטאָרן פונעם נייעם טעסטאַמענט האָבן, ווייזט אויס, נישט געוואָגט אַרויסצונעמען אַ פּאָר געשיכטעס, וואָס וואַרפן אַ שווערן שאָטן אויף זיין פּערזענלעכקייט: יענע געשיכטעס זענען שוין מסתמא געהייליקט גע־וואָרן דורך טראַדיציע און מ׳האָט נישט געוואָגט זיי אָנצורירן.

ווען דער נייער טעסטאַמענט איז קאַנאָניזירט געוואָרן, איז קריסטנטום שוין געווען אַן אוניווערסאַלע רעליגיע און, לויט אירע צילן, אַן אוניווערסאַלע

קירכע. נאָך אין פוילוסעס טעג איז די „פריילעכע בשורה" שוין אַרויסגעגאַנ־גען פון די ד' אמות פון אַ קליין ייִדיש סעקטעלע אין אַן „אַזיאַטיש ווינקל" פון דער רוימישער אימפעריע. און דאָך זענען אין די עוואַנגעליעס געבליבן שטאַר־קע סימנים פון ענגהאַרציקן נאַציאָנאַליזם. ווען ישו שיקט זיינע שליחים אַנ־צוזאָגן די בשורה פון גאָטס קעניגרייך, גיט ער זיי אַ כמעט־ראַסיסטישע אינס־טרוקציע: „אויף דעם וועג פון די גויִים זאָלט איר נישט גיין און אין דער שטאָט פון די שומרונים זאָלט איר נישט אריינקומען; גייט (נאָר) צו די פאַרבלאָנ־דזשעטע שאָף פון ישראלס הויזגעזינד". צו דער כנענישער פרוי וואָס בעט ביי אים אַ רפואה פאַר איר טאָכטער, גיט ער אַ טיף־שאָקירנדיקן ענטפער: „עס איז נישט גוט צו נעמען דאָס ברויט פון די קינדער און ער וואַרפן פאַר די הינטלעך", און לויט איינעם פון די עוואַנגעליעס, זאָל ער דענסטמאָל האָבן אי־בערגעחזרט די ווערטער, וואָס ער האָט ביי אַן אַנדער געלעגנהייט געזאָגט צו די שליחים: „איך בין געשיקט געוואָרן נאָר צו די פאַרבלאָנדזשעטע שאָף פונעם בית ישראל". פאַר די „קאַטוילישע" (איבערנאַציאָנאַלע) צוועקן פון דער קירכע האָבן אַזעלכע זאַצן געקענט האָבן בלויז אַ נעגאַטיוון ווערט; זיי האָר־מאָנירן נישט מיט אַזאַ צענטראַלן פונקט אין דער קריסטלעכער לערע, לויט וועלכן אין גאָטס קעניגרייך „איז נישט פאַראַן קיין גריך און נישט קיין ייִד" (אין אַ צייט, ווען דער רוב מנין פון די קריסטלעכע געמיינדעס זענען שוין געווען גריכן, רוימער, סתם „גויִים", און זייער ווייניק ייִדן). עס איז נישט לייכט צו ענטפערן, ווי אַזוי דער „נביא פון נצרת", וועמעס פּערזענלעכקייט איז געוואָרן דער יסוד פון אַן אוניווערסאַלער רעליגיע, האָט נאָך — בכל אופן, אין געוויסע מאָמענטן פון זיין לעבן — געקענט טראָגן אין זיך אַזאַ האָס אָדער פאַראַכטונג צו נישט־ייִדן. די דאָזיקע שטעלן אין נייעם טעסטאַמענט דאַרפן אָבער דינען פאַר יעדן טעאָלאָגישן אָדער קינסטלערישן אידעאַליזאַטאָר פון ישוס פיגור אַלס אַן ערנסטע וואָרנונג: ער זאָל אים נישט איבעראידעאַליזירן; ער זאָל אים זען אין דער ריכטיקער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו; ער זאָל נישט פאַרמאַכן זיינע אויגן פאַר ישוס סתירות, דוואַליזמען און פאַר דעם „מענטש־לעכן, צופיל מענטשלעכן" אין אים, וואָס ער איז נישט געווען בכוח אין זיך גובר צו זיין.

ווער עס איז אַביסל באַקאַנט מיט דער גייסטיקער טעמפּעראַטור פון ארץ־ישראל אין ישוס צייטן, וועט מוזן צוגעבן, אַז פון אַזאַ אכזריותדיקן און בלינדן נאַציאָנאַליזם זענען שוין געווען פריי אַלע יענע פרושים, וועמען די שפּעטער־דיקע קריסטלעכע טראַדיציע האָט געזוכט צו פאַרמיאוסן אין די אויגן פון דער וועלט אַלס אַנטי־אוניווערסאַליסטן. אַזעלכע ווערטער, ווי די וואָס ווערן צוגעע־שריבן ישון אין באַצוג צו גויִים, וואָלט מען נישט געקענט הערן, נישט פון

הלל און נישט פון ר׳ גמליאלן. ייִדישע תלמידי־חכמים האָבן שוין אין יענער צייט געוווסט, אַז גויִים וואָס זענען מקיים די שבע מצוות בני נח, וועלן האָבן זייער חלק אין עולם הבא.

***

ווער עס זאָגט אַז ייִדנטום איז ענג־נאַציאָנאַליסטיש אָדער אַפילו ראַסיס־טיש און אַז ערשט אין קריסטנטום האָט עס געקראָגן דעם אוניווערסאַליסטישן תיקון, ווייסט נישט וואָס ער האָט געלייענט אין זיין תנ״ך. דער העלד פונעם פרומסטן בוך אין תנ״ך איז אַ גוי: איוב. דוד המלך שטאַמט פון אַ גויע (משיח בן דוד וועט אַלזאָ זיין נישט אינגאַנצן „ראַסן־ריין״). יונה הנביא האָט געקראָגן פון גאָט אַ שווערן עונש ווייל ער האָט נישט געוואָלט גיין נבואה־זאָגן פאַר די גויִים פון נינוה און זיי ראַטעווען פון אומקום. און מיט וועמען האָט חתונה גע־האַט משה רבינו?

***

קריסטנטום, זאָגט מען, איז אַ דערלייזונגס־רעליגיע, אָבער דער קריסט? וועגן אים האָט אַמאָל ניטשע געזאָגט: “Er sieht nicht erloest aus”.

איך וועגד אָן דעם משקל פון ניטשעס ווערטער אויף אונדזערע היינטיקע ייִדישע אתה בחרתנוקעס: זיי זענען גאָרנישט אויס אתה בחרתנודיק. אויסדער־ווײלטקייט איז דאָס זעלבע וואָס האָבן אַ שליחות אין דער וועלט. אָבער שלי־חות איז טאָט, נישט בלויז דאָס האַלטן אַ שליחות־סמיכה אין קעשענע. ווו איז די טאַט? ווו איז די אָפּענסיווע אויף דער אינפעריאָרער, נישט־אויסדערוויילטער וועלט?

וועגן „אתה בחרתנו״ האָט געמעגט רעדן און דענקען ר׳ אברהם אַבולאַפיאַ. ווייל ער האָט טאַקע אין דעם געגלייבט, האָט ער געקענט זיין „אַגרעסיוו״ — האָט ער זיך אַוועקגעלאָזן קיין רוים מיטן צוועק צו איבערצייגן דעם פויפסט. אַז ער זאָל זיך מגייר זיין. „אתה בחרתנו״ איז רעליגיעזער „אימפעריאַליזם״ אָדער סתם אַ זינלאָזע שטיק רעטאָריק. רעדן וועגן אויסדערוויילטקייט און דער־ביי זיך גוט אויסגעניצן, שמועסן וועגן סופעריאָטעט צווישן זיך, אין דער אייגענער משפחה, און בלחש (אַז די שכנים זאָלן עס, חס וחלילה, נישט דער־הערן) — ווער עס פילט אין דעם אַ טעם, זאָל אים ווויל באַקומען.

***

צווישן ייִדן אין אונדזער דור איז שוין נישט געפערלעך צו זיין אַן אַטע־איסט. פאַר נישט גלייבן אין גאָט לייגט מען ביי אונדז איצט אין חרם נישט

אַריין. עס זענען שוין פֿאַראַן אַפֿילו רבנים, פֿאַר וועלכע גאָט איז בלויז אַ „סינ־טעטישער באַגריף" פֿון אמת, גוטסקייט און שיינקייט, אָבער נישט קיין מציאות פֿאַר זיך. ס'איז אָבער נאָך אַלץ אַ סכנה צו זיין אַ מאמין לויט אַן אייגענעם נוסח. נישט־דאַוונען מעג מען, אָבער דאַוונען פֿון אַ סידור, אין וועלכן עס פֿעלט אַ טראַדיציאָנעלע תּפֿילה אָדער עס איז אַריינגעשטעלט אַ נייע תּפֿילה — ווער עס טוט עס איז אַן עוכר־ישׂראל, אַ מסית ומדיח און וואָס אין דער קאָרט. אויב דו ווילסט אויף זיך נעמען אַ רעליגיעזן דרך (בעסער וואָלט געווען, ווען דו לאָזסט זיך אין אַזעלכע שטותערייען נישט אַריין), האָט דעם דרך פֿאַר דיר שוין אויסגעטראָטן מיין זיידע אין קאָלאָמיי, און קיין נייע אָדער אַנדערע וועגן טאָרסטו נישט זוכן. ביסטו אַ כּופֿר־בעיקר — מהיכי־תּיתי, האָב איך קעגן דיר גאָרנישט, אָבער טאָמער וועט זיך אַרויסווייזן אַז דו ביסט אַ כּופֿר־בזיידע, וועט מען אין שול אָנצינדן שוואַרצע ליכט און מען וועט בלאָזן שופֿר און מען וועט דיך אַריינלייגן אין דער „ח".

**
*

דעמאָקראַטיע איז אין תּוך אַ רעליגיעזע אידייע. גלייכהייט פֿון יעדן מענטשן פֿאַרן געזעץ, זיין גלייכגעווערטיקייט אין דער מלוכה און אין דער גע־זעלשאַפֿט איז געבויט אויף אמונה, נישט אויף דערפֿאַרונג. אין דער נאַטור איז קיין גלייכהייט נישט פֿאַראַן און פֿון דער ביאָלאָגישער וועלט האָבן מיר די אי־דייע פֿון גלייכהייט נישט געקענט אַרויסקריגן. די פֿאָרמולע „אַלע זענען גלייך" קען האָבן בלויז אַ מעטאַפֿיזישן יסוד. זיי זענען גלייך פֿאַר גאָט, פֿאַר דער אײי־ביקייט, פֿאַרן אַבסאָלוטן. ווי גרויס עס זאָלן נישט זיין די אונטערשיידן צווישן איינעם און דעם אַנדערן — קערפּערלעך, פּסיכיש, אינטעלעקטועל, מאָראַליש, עסטעטיש — און ווי ממשותדיק יענע אונטערשיידן זאָלן נישט זיין, זענען זיי, אין לעצטן סך־הכּל, אומבאַדייטנדיקע וואַריאַציעס אין פֿאַרגלייך מיטן „צלם אלהים" וואָס אַלע טראָגן בשותּפֿות. אויף אַ בלויז־ראַציאָנאַלן אָדער עקספּע־רימענטאַלן אופֿן וואָלטן מיר דעם באַגריף גלייכקייט קיינמאָל נישט געקענט שאַפֿן.

אין דעם פּרט איז שלום אַש גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז דער הינטער־גרונט פֿון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע איז אַ רעליגיעזער און אַז די דע־קלאַראַציע פֿון אומאָפּהענגיקייט איז אין אַ געוויסן זינען אַ רעליגיעזער דאָקו־מענט. ער איז אָבער אומגערעכט ווען ער וויל מיינען אַז בלויז די אַמעריקאַ־נער רעוואָלוציע האָט אַ רעליגיעזן מקור. דאָס זעלבע קען געזאָגט ווערן אויך וועגן דער ענגלישער און „אַפֿילו" וועגן דער פֿראַנצויזישער. די „גאָטלאָזי־קייט" פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע איז געווען נישט מער ווי אַ שילד,

נישט איר אינעווייניקסטער תוך. יעדע דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע, אַלץ איינס וואָס עס זאָל נישט זיין דער אָפיציעלער אַני־מאמין פון אירע פירער, איז גע־שפייזט פון אַ רעליגיעזן מקור; קריגט איר קראַפט און אימפעט פון אַ זיכער־קייט אַז אַלע מענטשן זענען „בנים למקום". די לאָזונג פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז געווען „נאַטירלעכע רעכט, רעכט מיט וועלכע יעדער מענטש ווערט געבוירן און וואָס קיינער טאָר דערפאַר ביי אים נישט צונעמען". מענטשן וואָס קעמפן פאַר אַזעלכע רעכט מעגן זאָגן און מיינען אַז זיי זענען אַטעיִסטן. אָבער הייליקייט פון רעכט, וואָס שטיצן זיך בלויז אויף אַזאַ פאַקט ווי געבוירן ווערן; פון רעכט וואָס אַ מענטשלעך באַשעפעניש ברענגט מיט זיך אין דער וועלט, איז נישט נאָר אַ רעליגיעזער, נאָר אַפילו אַ מיסטישער באַגריף — אַנ־געהויכט פון אַ געפיל פון פּראָווידענציעלער שליחות אין יעדער געבוירט. אין איר אור־יסוד און אירע פאַטענצן איז דערפאַר יעדע דעמאָקראַטישע געזעל־שאַפט אַ טעאָקראַטיע.

פון דעסטוועגן וואָלט איך אין יִדישן סידור נישט אַריינגעשטעלט, ווי אַש רעקאָמענדירט, די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט. ווען איך וואָלט געווען אַ קריסט, וואָלט איך זי אויך אין קריסטלעכן סידור נישט אַריינגענומען. זי איז דאָרט איבעריק, ווייל זי טראָגט מיט זיך אַריין קיין מאָטיוו וואָס איז דאָרט נישט פאַראַן. זי איז אַליין אַ פּראָדוקט פונעם „סידור", פון דער יִדיש־קריסטלעכער וועלט־אָנשויונג. רעוואָלוציעס האָבן נאָך געענוג צו לערנען פון רעליגיע, אָבער קיין רעוואָלוציאָנערער דאָקומענט פאַרמאָגט נישט אין זיך אַזעלכעס וואָס רעליגיע האָט אין תוך שוין לאַנג נישט אַנטדעקט.

איך זאָג „רעליגיע", בדרך כלל — נישט יעדע פון די קאָנקרעטע אָדער היסטאָרישע רעליגיעס. עס זענען פאַראַן רעליגיעס, וואָס זענען לויט זייער עצם וועזן אַנטי־דעמאָקראַטיש. דער הינדויִזם מיט זיין באַגריף וועגן דעם אַז יעדער מענטש ווערט געבוירן אַלס אַ מיטגליד פון אַ באַשטימטער קאַסטע איז אַנטי־דעמאָקראַטיש, אָבער אין אַ הינדויִסטישן סידור וועט מען די אַמעריקאַ־נער דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט סיי־ווי־סיי נישט אַריינגעמען: זי איז קעגן דעם גייסט פון אָרטאָדאָקסישן הינדויִזם, וואָס גלויבט נאָך אַלץ אַז מענטשן ווערן געבוירן מיט נישט־גלייכע רעכט און מיט נישט־גלייכע התחייבותן.

***

אויך די אידייע פון דער רוסישער רעוואָלוציע (די אומבאַוווסט־סטימו־לירנדיקע אידייע, נישט די וווּלגאַר־מאַרקסיסטישע אידעאָלאָגיע) איז געווען

אַ רעליגיע. אמת, אירע מיטלען זענען שאַקירנדיק אַנטי־רעליגיעז, אָבער איז עס דען דאָס ערשטע מאָל אין דער מענטשלעכער געשיכטע וואָס רעליגיעזע אינסטיטוציעס פאַרשוועכן זייערע גרעסטע הייליקטימער? דער וועג פון „לשמה" איז לייכטער ווי — פאַרקערט.

אינהאַלט:

„גלות־ייִד" — 5
I Want Speed — 13
בשכנות מיטן טויט — 17
1) אויג אויף אויג מיט פעליקס דזשערזשינסקין; 2) די אמונה פון אַן אַפּיקורס; 3) פּאַראַדאָקס; 4) שוואַרצבאַרד; 5) דיאַלאָג.
דרום און צפון — 24
דאָס רעכט אויף אַסימילאַציע — 29
וועגן וואָס מיר היטן זיך צו רעדן — 35
משומדים — 44
מנחם מענדל ווערט אַן אַפּאָסטאָל — 53
זעלבסטמאָרד — 60
פון באַכמוט ביז ווין — 68
„פרייע אַסאָציאַציעס" — 74
בעסאַראַביש — 81
נוסח טאַקסידאָ — 84
חוש פאַר הומאָר — 89
דער אונטערגאַנג פון סעקטן־קאָמוניזם — 91
מיט אַלעקסאַנדער קערענסקין — 102
מאַרק טווען — אַן אַנטיסעמיט? — 107
וועגן דער „לאָגיק" פון אַנטיסעמיטיזם — 117
אָן אַן אַרמיי — 124
שיר השירים אין מאָסקווע — 132
דער מענטש וואָס האָט נישט געוואָלט הייסן יאָסל — 139
וואַשינגטאָן סקווער — 147
„אַ רחמנות אויף ענגלאַנד" — 151
איך גיי אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן — 160
הלכות טרעמפּ — 164
אַמאָל איז געווען אַ מלך — 171
לעוו טראָצקי — 177
א. צו זיין 60סטן געבורטסטאָג; ב. טראָצקיס טויט; ג. טראָצקיאַנאַ.
טאָוואַרישטש לייזערסאָן חי וקים — 200
בעגער — 208

אַן ווידוי — 215
„נצח ישראל" — 221
„ביבל איז דינאַמיט" — 228
איוואַן און יונה — 234
דער פּאַל קריוויצקי — 243
די באַזאָרגטע מאַמע און „יענע מיידלעך" — 248
„קאַסאַ דע מאַניאַנאַ" — 257
„שאַמבאַט" — 265
„וואַט'ס יור נעים?" — 274
בראשית ברא... יאַפּאַן — 281
הונדערט מנינים — 290
דער „אינטערנאַציאָנאַל פון טפשים" — 295
סאָלדאַטן אָן ביקסן — 304
דוד זאַסלאַווסקיס נדר — 310
אַמעריקאַנער נעגער־„ציוניזם" — 320
אַמעריקאַניש — 328
1. די שריי־פּאַרטיי און די שווייג־פּאַרטיי; 2. אַ באַזוך ביי
אַן אבל; 3. סאַראָיאַנס אַמעריקע.
דער קריסטלעכער ברוך דיין אמת" — 336
אַ שמועס אין פּאַנאַמאַ — 342
קאַראַלמער — 352
„די נעץ פון גלויבן" — 358
„די זריעה אונטער שניי" — 365
אין אַ „טי־רום" פון אָהאַיאָ — 371
דער דיבוק — 381
גלויבן — און „אהבת ישראל" — 389

פארלאג קיום
פועלי ציון-התאחדות

פארלאג־אדרעס:
"KIUM"
Ayacucho 352
Buenos Aires Argentina

דערשינענע ביכער:

1. דוד בן־גוריון — נצח ישראל
2. מענדל מאַן — אין אַ פאַרוואָרלאָזטן דאָרף (אויספאַרקויפט)
3. יחיאל האַלפּערן — דער רעוואָלט פון אַ גלות־פאָלק
4. יוסף שפּרינצאַק — אין וואָרט און אין שריפט
5. ה. לייוויק — אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים.
6. אפרים דקל — געהיים־דינסט פון דער „הגנה" אין ארץ־ישראל
7. ד"ר טעאָדאָר הערצל — דערציילונגען און פעליעטאָנען
8. י. לעשטשינסקי — דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פון גלות־יידנטום
9. מ. גראָס־צימערמאַן — יידן צווישן יידן
10. יצחק בן־צבי — מיט דער צווייטער עליה
11. רחלם לידער
12. מענדל מאַן — די גאַס פון בליענדיקע מאַנדלען
13. אריה לעאָן קובאָווי — וואָרצלען און פליגלען (אויספאַרקויפט)
14. שלמה סיימאַן — אין די טעג פון די ערשטע נביאים (אויספאַרקויפט)
15. יוסף וויַיץ — זכרונות
16. אפרים אויערבאַך — גילדענע שקיעה
17. מרדכי שטריגלער — שמועסן מיט דער צייט (אויספאַרקויפט)
18. י. יאַנאַסאָוויטש — מיט ייִד' שרייבער אין רוסלאַנד (אויספאַרקויפט)
19. פּנחס שטיינוואַקס — ציוניסטן
20-21. יעקב גלאַטשטיין — אין תוך גענומען (צוויי בענד)
22. שלמה ביקל — אַ שטאָט מיט ייִדן
23. חיים גרינבערג — ייִד און וועלט.
24. חיים גרינבערג — מענטשן און ווערטן
25. מרדכי שטריגלער — שמועסן מיט דער צייט (באַנד 2)
26. שלמה ביקל — רומעניע

27. לייב שפּיזמאַן — געשטאַלטן.
28. מ. שענדעריי — דער לעבנסוועג פון ב. דאָבריאַנסקי.
29. מענדל מאַן — על נהרות פּוילן
30. לעאָן ווײַנער — געזאָנגען פון געראַנגל און אויפקום
31. חיים גרינבערג — בלעטלעך פון אַ טאָג־בוך

אין שפּאַניש:

Marie Syrkin: Al Servicio de una Causa (Agotado)
Ab. N. Polak: Así se forjó el Estado de Israel
Iehuda Burla: Las Hazañas de Acavia
Moisés Hess: Roma y Jerusalem (Versión castellana y estudio preliminar de LEON DUJOVNE).

אין גיכן דערשיינען:

לוי אשכול — אין געראַנגל פון אויפבוי
מענדל מאַן — אַ קעמל אין מדבר
יצחק יאַנאַסאָוויטש — אַ שטוב אין שטעטל (צווייטע אויפלאַגע)

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

•

Copyright by
LEA GRINBERG
New York

•

Hecho el depósito que marca la ley 11.723
Buenos Aires

Editado por
Poale Sion Hitajdut
Departamento
Ediciones "**KIUM**"

Este libro se terminó de imprimir en el mes de septiembre de 1962, en los Tall. Gráf. JULIO KAUFMAN S.R.L. - Av. Corrientes 1976 - Buenos Aires

JAIM GRINBERG

Páginas de un Diario Intimo

●

BUENOS AIRES
1962